STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03850

OYSGEVEYLTE VERK

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום־עליכם

אויסגעוויילטע ווערק

שלום עליכם

אויסגעוויילטע ווערק

ערשטער באנד

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1952

שלום עליכם

אויסגעוויילטע ווערק

ערשטער באנד

א) טביה דער מילכיקער
ב) מנחם-מענדל

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1952

SZOLEM ALEJCHEM

DZIEŁA WYBRANE

Redaktor: D. SFARD

Okładkę projektował: I REJZMAN

רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa 1952 r.

Nakład 6.000 egz. Ark. druk. 30,25 Ark. wydawn. 25 Papier dziełowy V kl. 61x86 cm. 70
Druk ukończono w lipcu 1952 r.
Druk. RSW „Prasa“ Warszawa ul Tarczyńska 8 3-B-50535



שלום-עליכם (ש. ראבינאָוויטש)
1916 — 1859

א. גורשטיין

שלום־עליכם — זיין לעבן און שאַפן

1

דער גרויסער יידישער שרייבער שלום־עליכם איז געבוירן געוואָרן אויף אוקראַינע אין דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו[1] דעם 2־טן מערץ 1859 יאָר. ער איז דורכגעגאַנגען אַ שווערן לעבנס־וועג.

וועגן זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן האָט שלום־עליכם דערציילט אין זיין וווּנדערבאַרן בוך „פונעם יאַריד", וואָס איז גלייכצייטיק אי דעם שרייבערס קינסטלערישע אויטאָביאָגראַפיע, אי אַ ברייט בילד פונעם דעמלטיקן יידישן לעבן.

שלום־עליכמס אמתער נאָמען איז שלום ראַבינאָוויטש. די פריאיקע יאָרן זיינע האָט ער פאַרבראַכט אין אַ קליין שטעטל אין פּאָלטאַווער גובערניע — וואָראָנקאָווע (אין „פונעם יאַריד" הייסט דאָס שטעטל וואָראָנקאָ). שלום־עליכמס פאָטער האָט געהערט צו די שטעטלדיקע יחסנים, מע האָט אים געהאַלטן פאַר אַ נגיד. די מוטער האָט געהאַנדלט אין קראָם. די פאַמיליע איז געווען אַ גרויסע — אַ גאַנצע כאַליאַסטרע קינדער, איינס קלענער פאַרן צווייטן.

די וואָראָנקאָווער איינוווינער האָבן געלעבט מיטן אַלטן לעבנס־שטייגער פון אַ יידיש קליין שטעטל, אָפּגעזונדערט פון דער גאָרער וועלט און נאַיוו מיינענדיק, אַז ביים עק שטעטל ענדיקט זיך אויך די גאַנצע וועלט. אַז שלום־עליכם איז געוואָרן אַ שרייבער, האָט ער פאַראייביקט דאָס אַלטע יידישע שטעטל אין זיין כתרילעווקע און האָט באַשאַפן די מערקווירדיקע געשטאַלטן פון די כתרילעווקער איינוווינער, אָט די „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות".

[1] איצט — פּערעיאַסלאַוו-כמעלניצקי.

זיין ערשטע דערציונג, וואָס דער צוקונפטיקער שרייבער האָט באַקומען, איז געווען, ווי עס פלעגט זיך געוויינטלעך פירן אין יענע צייטן, אַ רעליגיעזע. ער האָט געלערנט אין חדר, אין אָט דעם פינצטערן חדר, וואָס פלעגט מיט דער הילף פון דעם רבינס קאַנטשיק אַריינשלאָגן אין די קעפּ פון די תלמידים די מעשות פון חומש און די קאַזואיסטישע חקירות פון תלמוד. דער חדר פלעגט אַוועקציען די קינדער ווייט־ווייט פונעם רעאַלן לעבן אין עפעס נישט־עקזיסטירנדיקע משונהדיק־פאַנטאַסטישע וועלטן און האָט געשראָקן די קינדערישע פאַנטאַזיע מיט די גרוילן פון דער אויסגעטראַכטער יענער־וועלט. די קינדער האָבן פאַרבראַכט ביים „לערנען" גאַנצע טעג און פלעגן זיך אָפּרייסן פונעם „לערנען", נאָר כדי צו העלפן דער רביצן אָפּפליקן דאָס עוף, אַרויסטראָגן די פּאָמעניצע, על פי גורל זיך ניאַנטשען מיטן קינד.

מיט זיין זינלאָזן „לערנען", מיטן מעכאַנישן איינחזרן רעליגיעזע טעקסטן, מיט לייב־שטראָף, מיט דער פריידיקונג פון גאָטספאָרכטיקייט, מיט שרעקלעכע דערציילונגען וועגן די געשפּענסטער פון יענער וועלט האָט דער חדר אָפּגעטייט אַלדאָס לעבעדיקע אין דער קינדערישער נשמה. דער חדר האָט צעקאַליעטשעט דעם קינדערישן באַוווסטזיין, האָט אים פאַרמיסטיקט מיט שעדלעכע פאָרשטעלונגען, געפלאַנצט פינצטערקייט און אַמעראַצעס, אָפּגעריסן דאָס קינד פונעם אַרומיקן רעאַלן לעבן. אָבער די לעבנס־קראַפט, וואָס איז טיף פאַרבאָרגן אינעם קינד, די ציִעניש צו ליכט און פרייד האָבן געטאָן זייערס. דעם קליינינקען שלומען האָט געצויגן פונעם דושנעם, עיפושדיקן חדר צו די ברייטע רחבותן, אונטער דעם טיפן בלויען הימל, צום הויכן באַרג אויף יענער זייט בית־המדרש, וואָס זיין שפּיץ דערגרייכט כמעט ביז דער כמאַרע. דער קינדערישער באַוווסטזיין האָט זשעדנע איינגעזאַפּט אין זיך די איינדרוקן פונעם אַרומיקן לעבן. דאָס ייִנגל האָט זיך געצויגן צו חברים, צום פירפיסיקן פריינד „סירקאָ", עס האָט אים אינטערעסירט דער גאַנצער לעבנס־שטייגער פונעם פּאַטריאַרכאַלן שטעטל און דורך אַלע שטערונגען און מניעות האָט זיך דורכגעשלאָגן די קינדערישע פרייד; דער געלעכטער, דער געזונטער קינדערישער געלעכטער, האָט פאַרטויבט די פרומע רייד פון די לערערס און דערציערס. דאָס ייִנגל שלום איז געוואַקסן אַ קונדס און אַ פריילעכער חברה־מאַן. די דערוואַקסענע האָבן זיך אַרומגעקוקט אויף אים און געשטוינט: פון וואַנען נעמט זיך דאָס ביי אַ קינד אַזוי־פיל פרייד און געלעכטער? און וואָס איז דאָ, אייגנטלעך פאַראַן צו לאַכן?

פון די קינדהייט־חברים האָט שלום־עליכם באַזונדערס פאַרגעדענקט שמוליקן דעם יתום. דאָס איז געווען אַן אומדערמידלעכער מעשות־דער־



שלום-עליכם און זיין פֿאָטער, נחום ראַבינאָוויטש
(קיעוו 1885)

ציילער. ער האָט דערציילט וואונדערבאַרע געשיכטעס, נסים־ונפלאות וועגן קרישטאָלענע פּאַלאַצן און אוצרות מיט גאָלד און מיט טייערע שטיינער. זיינע רייד, וואָס זיינען זיס געווען ווי האָניק, האָבן געוועקט די קינדערישע טרוימען און באַוווינט די גאַנצע וועלט מיט פאַנטאַסטישע באַשעפענישן. שמוליק האָט דערציילט וועגן די רייכסטע אוצרות, וואָס זיינען געווען פאַרבאַהאַלטן אינעם באַרג הינטערן שטעטל, און ער האָט געוווּסט דעם סוד, וויאַזוי אַרויסצובאַקומען אָט די אוצרות און וויאַזוי צו ווערן זייער באַלעבאָס און הערשער. וויסנדיק אָבער די סוד־סודות פון די אוצרות, האָט שמוליק פונדעסטוועגן גאַנץ אָפט אונטערגעהונגערט. דאָס איז קענטיק געווען פון זיינע ברענענדיקע, פיבערהאַפטע אויגן. די באַגעגענישן מיט שמוליקן און מיט די אַנדערע קינדער פון דער שטעטלדיקער אָרעמשאַפט האָבן צום ערשטן מאָל אויפגעוועקט ביים קליינעם שלומען דאָס געפיל פון עפּעס אַ שולד פאַר דער עקזיסטירנדיקער אומגלייכקייט, פאַר הונגער און דלות.

די זאָרגלאָזע יאָרן פון שלום־עליכמס קינדהייט זיינען גיך אַריבער. דער פאָטער זיינער איז שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן. די געשעפטן האָבן זיך אַ קער געטאָן, און ער האָט געמוזט זוכן אַ ניי אָרט צום וווינען. די פאַמיליע האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל וואָראָנקאָווע און האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּערעיאַסלאַוו — שלום־עליכמס געבורט־שטאָט. שלום־עליכמס פאָטער, נחום ראַבינאָוויטש, עפנט דאָ אַן איינפאָר־הויז. די רעשטן פאַמיליען־זילבער זענען פאַרמשכונט ביים וווכערניק. די נויט איז נאָענט געקומען צו דער שוועל פון שלום־עליכמס עלטערן.

און דאָ איז געשען אַן אומגליק: די כאָלערע־עפּידעמיע האָט אַוועקגענומען ביי שלומען די מוטער, אויף וועלכער עס האָט זיך געהאַלטן די פילצאָליקע פאַמיליע און די גאַנצע שטוב. שלום איז דאַן אַלט געווען ביי דרייצן יאָר. אין שטוב האָט זיך באַוויזן אַ שטיף־מוטער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שעלטן און שיטן מיט קללות. שלום האָט געמוזט צוהעלפן דעם פאָטער אינעם איינפאָר־הויז, טשאַטשען ביים טויער אויף די דורכפאָרנדיקע געסט, דערלאַנגען אַ סאַמאָוואַר, פאָלגן אַ גאַנג.

די פראַגע וועגן שלומס דערציונג האָט זייער אינטערעסירט און באַאומרואיקט דעם פאָטער. שלומס פאָטער איז נישט פרעמד געווען צו וועלטלעכע וויסנשאַפטן. עס האָבן אויך אים אָנגערירט די נייע צייט־ווייעניש, ער איז געווען אָנגעלען אין דער העברעישער השכלה־ליטעראַטור.

שלום־עליכמס קינדהייט איז פאַרלאָפן אין די 60—70־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דער אַלטער פאַטריאַרכאַלישער לעבנס־סדר פונעם יידישן שטעטל, וואָס איז ווי פאַרגליווערט

געווען אין זיין שטייפקייט און אומבאַוועגלעכקייט, האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און אָנגעהויבן זיך צו ברעכן. דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס איז איינגעטרעטן אינעם נאָכרעפאָרם־פּעריאָד, האָט איבערגעלעבט קאָלאָסאַלע ענדערונגען סיי אויפן געביט פון ווירטשאַפט און סיי אין די אַלע אַנדערע געביטן פון לעבן. די אַלטע זיילן, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן דאָס לייב־אייגנטימערישע רוסלאַנד, זיינען געפאַלן, און אַלץ בולטער און קלאָרער האָבן זיך גענומען אַרויסווייזן די קאָנטורן פון די נייע, קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן. און ביינאַנד דערמיט איז געקומען אַ ברייטע דעמאָקראַטישע באַוועגונג פון דער „ראַזנאָטשינישער" אינטעליגענץ. אָט די אַלע נייע צייט־ווייענישן זיינען אַריינגעדרונגען אויך אין דער יידישער סביבה. די ווענט, וואָס האָבן אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט דאָס יידישע שטעטל פון דער אַרומיקער גרויסער וועלט, האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן. און אויך אין יידישן שטעטל האָבן זיך אַלץ מער און מער אָנגעהויבן צו באַווייזן נייע מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן פאַנאַטיזם און אַמעראַצעס און האָבן גערופן צו בילדונג, צו אַ ניי לעבן, צו נייע פאָרמען פון לעבנשטייגער.

שלום־עליכם גיט אין זיין קינסטלערישער אויטאָביאָגראַפיע אַ גאַנצע ריי פּאָרטרעטן פון אָט די נייע מענטשן, צווישן וועלכע סע טיילט זיך אויס די געשטאַלט פון אַרנאָלדן פון די פּידוואָרקעס, אַ פּאָרשטאָט אין פּערעיאַסלאַוו. דאָס איז געווען אַ נייער טיפּ פון אַ יידישן אינטעליגענט און אויפקלערער, אַ מין „ראַזנאָטשיניעץ" אין דער יידישער סביבה. ער איז געווען באַקאַנט מיט דער רוסישער ליטעראַטור, ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די קהלישע רעדלפירערס און „בעל־טובות", קעגן אַמעראַצים און פאַנאַטיקער, ער האָט געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין דער גובערניאַלער צייטונג, און זיך גרייטנדיק אָפּצוגעבן עקזאַמענס, האָט ער געלעבט אַן אומאָפּהענגיק לעבן פון אַן אָפּלייקענער פון רעליגיעזע אויטאָריטעטן און פון אָפּגעלעבטע מיטלאַלטערלעכע נאָרמעס אין דער מענטשלעכער אויפפירונג.

נחום ראַבינאָוויטש האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די עצות פון אַרנאָלדן פון די פּידוואָרקעס, ער האָט געפאָלגט זיינע עצות און אַוועקגעשיקט דעם זון שלומען זיך לערנען אין דער „אויעזדנע" ד. ה. אין דער מלוכהשער קרייז־שול. פאַר דער דעמאלטיקער צייט און פאַר דער דעמאלטיקער יידישער סביבה איז דאָס געווען אַ דרייסטער און נישט קיין געוויינטלעכער טראָט. שלום, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ קלאָרן קאָפּ און האָט זיך געצויגן צו וויסן, האָט מיט זשעדנעקייט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די נייע ביכער.

די צאַרישע שול, וואָס האָט איינגעפלאַנצט אין די שילער געהאָרכזאַמקייט צום קייסער און צו די, וואָס האָבן געהאַט די מאַכט, צו די אייבערשטע פון שטייסל, האָט שלומען פונדעסטוועגן געגעבן באַשטימטע ערשטע ידיעות פון וועלטלעכן וויסן, און דאָס וויכטיקסטע — זי האָט אים אויסגעלערנט לייענען און פאַרשטיין רוסיש, און אַזוי אַרום האָט זי אים געעפנט דעם וועג צו די אוצרות פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור מיט אירע אידעען פון הומאַניזם און פון קאַמף פאַר באַפרייונג. די באַקאַנטשאַפט מיט די בעסטע ווערק פון דער רוסישער ליטעראַטור האָט פאַרטיפט די ווירקונג, וואָס דער יונגער שלום ראַבינאָוויטש האָט באַקומען פונעם לייענען די השכלה־ליטעראַטור, וועלכע האָט געקעמפט קעגן דעם אַלטן פאַרגליווערטן יידישן לעבנשטייגער און פאַר נייע אייראָפּעישע לעבנס־פאָרמען. מיט דער השכלה־ליטעראַטור האָט זיך שלום־עליכם באַקענט נאָך ייִנגלווייז. זיצנדיק אויפן בענקעלע ביים טויער פונעם פאָטערס איינפאָר־הויז און טשאַטענדיק אויף די דורכפאָרנדיקע געסט, האָט שלום געשלונגען אַ בוך נאָך אַ בוך.

די שול האָט שלום ראַבינאָוויטש געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג אין יאָר 1876.

2

שלום ראַבינאָוויטשעס זעלבשטענדיק לעבן האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ פרי. דעם פאָטערס געדריקטע לאַגע האָט אים באַוויגן צו זוכן אַ פאַרדינסט, און זייענדיק נאָך אויף דער שול־באַנק, האָט שלום אָנגעהויבן צו געבן פּריוואַטע „שטונדן". געענדיקט די קרייז־שול, פאָרט שלום אַוועק אויף אַ „קאָנדיציע". ער ווערט אַ הויז־לערער ביי זיין צוקונפטיקן שווער לאָיעוו, אַ רייכן אַרענדאַטאָר פון פריצישע גיטער, וואָס האָט געלעבט אַ ברייט לעבן פון עפּעס אַ מין גוט־באַזיצער. ביי דריי יאָר האָט שלום ראַבינאָוויטש געלעבט אין לאָיעווס גוט, אין „סאָפּיעווקע", און צווישן דעם יונגן לערער און זיין יוגנטלעכע שילערין, אָלגאַ לאָיעוו, איז אויפגעקומען און אַלץ שטאַרקער געוואָרן דאָס געפיל פון פריינדשאַפט, וועלכע איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייסער קעגנזייטיקער ליבע. דער רייכער אַרענדאַטאָר האָט לכתחילה גוט אויפגענומען און גוט באַהאַנדלט דעם אויפגעקלערטן לערער, וועלכער האָט שוין אויך געפירט זיין ברייטע געשעפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ, — ער האָט אים אָבער תיכף געוויזן די טיר, וויבאַלד נאָר ער האָט זיך דערוווסט, אַז דער לערער דער אָרעמאַן, וועלכער האָט

נישט געהאַט אַפילו קיין גראָשן ביי דער נשמה, האָט חשק צו ווערן זיין איידעם.

איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן — שלום ראַבינאָוויטש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אין זיין לערעריש צימער פונעם רייכן פריצישן הויז, און אַ דערשטוינטער האָט ער זיך דערוווּסט, אַז קיינער איז נישטאָ אין דער היים. אויפן טיש איז געווען אָנגעגרייט פאַר זיינעטוועגן אַ פּאַקעט, און אינעם פּאַקעט איז געלעגן געלט — שכירות פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין אַרבעט. און מער גאָרנישט — קיין פיצל בריוועלע, קיין איין וואָרט, וואָס זאָל אים דערקלערן די מאָדנע געשעעניש. מע האָט אים אַוועקגעזעצט אין אַ שליטן און געבראַכט אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע. דער יונגער לערער איז געבליבן ווי אויפן וואַסער, איינער אַליין, נישט וויסנדיק, וואָס מע הייבט אָן צו טאָן. און דאָ הייבן זיך אָן זיינע וואָגלענישן ביים זוכן אַ שטיקל ברויט.

אין אָט די יאָרן פון וואָגל, נאָך דעם, ווי ער איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פונעם גבירישן „גן־עדן", האָט שלום ראַבינאָוויטש באַשלאָסן אַ פּרווו צו טאָן זיין מזל אין דער הויפּט־שטאָט פונעם קאַנט, אין קיעוו, וואָס האָט געצויגן צו זיך מיטן ברייטן פאַרנעם פונעם לעבן און מיט זיין גרויסשטאָטישער געבילדעטקייט. אָבער אַלס ייד האָט דאָ שלום ראַבינאָוויטש נישט געהאַט קיין ווינרעכט, און ער האָט אינגיכן דערפילט דעם גאַנצן טעם פון די פּאָליצייאישע „אָבלאַוועס". אין אייביקער שרעק פאַרן פּאָליצייאישן צירקל האָט ער געבלאָנקעט איבער די קיעווער גאַסן און געזוכט אַ שטיקל אַרבעט. פון אַלע זיינע האָפענונגען האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַ טייך. עפּעס אַ ווינקל־אַדוואָקאַט, וועלכן ער האָט צופעליק באַגעגנט אינעם קרייז־געריכט, פאַרנאַרט אים צו זיך קיין בעלאַצערקאָוו און מאַכט אים פאַר זיינעם אַ „סעקרעטאַר". שלום האָט אָבער גיך דערזען, אַז זיין באַלעבאָס איז אַן אַוואַנטוריסט און אַ קאָרטנשפּילער. וווהין זאָל מען זיך אַ לאָז טאָן? אַ יידישער אינטעליגענט פון יענער צייט האָט נישט געהאַט וווּ אָנצווענדן זיינע קענטענישן און פעיקייטן, דער קרייז פון זיינע מעגלעכקייטן איז געווען ביז גאָר שמאָל. און שלום ראַבינאָוויטש באַשליסט אָנצונעמען די שטעלע פון אַ קאַזיאָנעם ראַבינער אין לובען, פּאָלטאַווער גובערניע.

פאַר אַזאַ מענטש, ווי שלום ראַבינאָוויטש, איז דאָס געווען אַ מאָדנע און זייער אַ פריקרע שטעלע. דער קאַזיאָנער ראַבינער איז געווען אַ צאַרישער טשינאָווניק, וואָס פלעגט אויסשרייבן מעטריקעס און אַנדערע ציווילע צייגענישן פאַר יידן און דערביי אַכטונג געגעבן, אַז די הייליקע טשערעדע זיינע זאָל זיין טריי און אונטערטעניק דעם אַלהערשערישן צאַר.

שלום-עליכם און זיין פרוי צו זייער חתונה
(קיעוו, דעם 12-טן מאי, 1883)

דער יונגער ראַבינאָוויטש האָט זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז ער וועט נישט זיין אַזאַ ראַבינער, ווי אַלע, און ער האָט ווירקלעך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע ענינים, זיך באַזונדערס געזאָרגט וועגן דער דערציִונג פון אָרעמע קינדער און געזאָגט מוסר זיינע שטאָטלייט, למאי זיי פטרן גרויסע געלטער אויף אַ נייעם בית־מדרש אָנשטאָט צו בויען שולן פאַר קינדער און שפיטאָלן. מער ווי דריטהאַלבן יאָר איז שלום ראַבינאָוויטש געווען קאַזיאָנער ראַבינער און לובען, געווינענדיק פאַר דער צייט די סימפּאַטיעס פון דער אָרעמער באַפעלקערונג און די אומצופרידנקייט פון די גבירים.

אין יאָר 1883 האָט שלום ראַבינאָוויטש חתונה געהאַט מיט זיין געוועזענער שילערין אָלגאַ לאָיעוו. דאָס יונגע פאָר איז בייגעקומען דעם ווידערשטאַנד פונעם אַלטן לאָיעוו. נאָך דער חתונה האָט דאָס פאָרפאָלק זיך באַזעצט אין בעלאָצערקאָוו. און צו אָט דער צייט טאַקע געהערט דער אָנהייב פון שלום ראַבינאָוויטשעס סיסטעמאַטישער ליטעראַרישער אַרבעט. שלום ראַבינאָוויטש האָט זיך דעמלט אויסגעקליבן אַ ליטעראַרישן פסעוודאָנים, וואָס איז שפעטער באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט, — „שלום־עליכם".

דער אינטערעס צו ליטעראַטור איז אין אים דערוועקט געוואָרן גאַנץ פרי. די ערשטע קינסטלערישע איינדרוקן זיינע דאַרף מען נאָך אפשר זוכן אין די פאַרכאַפנדיקע מעשות פון זיין חבר שמוליק, אין די מעשות וועגן קרישטאָלענע פאַלאַצן און פאַרבאָרגענע אוצרות, וואָס האָבן גערעגט די קינדערישע פאַנטאַזיע. עס איז געווען נאָך אַ חבר פון שלום־עליכמס קינדער־יאָרן, וועלכער האָט אויך פאַרמאָגט אַן אַרטיסטישע נאַטור: דאָס איז געווען מאיר מעדוועדעווקער, אַ זינגער און א קונדס, וואָס פלעגט אינאיינעם מיט שלומען ווייזן טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען. פון מאירן איז שפעטער אויסגעוואַקסן דער באַקאַנטער אָפערע־זינגער מיכאַיל מעדוועדיעוו. גאַנצע טעג און אָוונטן פלעגט דאָס יינגל שלום פאַרברענגען צווישן די שטעטלדיקע משוררים און קלעזמער, דורך וועלכע ער פלעגט זיך באַהעפטן צו דער יידישער פאָלקס־קונסט. אין אָט דער סביבה פלעגן זיך זייער אָפט טרעפן אמתע און באַדייטנדיקע פאָלקס־טאַלאַנטן, וועלכע שלום־עליכם האָט שפעטער, ווערנדיק אַ שרייבער, געווידמעט פיל באַגייסטערטע זייטלעך פון זיינע ווערק און גאַנצע ביכער. די פאָלקס־קונסט האָט אויך געלעבט אינעם „פורים־שפיל", אין דער פאָלקסטימלעכער טעאַטראַלער פאָרשטעלונג, וואָס האָט זיך פאַרהיט אין דער סביבה פון בעל־מלאכות און וואָס האָט אָפגעשפיגלט די אומשטערבלעכע שטרעבונג פונעם פאָלק צו טעאַטראַלער פרייד און לוסטיקייט. יינגלוויין האָט שלומען שטענדיק געצויגן

צו די אונטערשטע פֿאָלקס־שיכטן, צו דער אויפֿריכטיקייט און נישט־געקינצלטקייט פֿון זייער לעבנשטייגער; צו זייער האַרצלעכן און מוטיקן אָפּטימיזם. דאָ האָט ער געשעפּט זיינע ערשטע קינסטלערישע איינדרוקן, וואָס זיינען שפּעטער באַרייכערט געוואָרן מיט די איינדרוקן פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

נאָך אין דער קינדהייט האָט זיך אַרויסגעוויזן שלום־עליכמס פֿעיקייט נאָכצומאַכן. ער האָט געקאָנט זייער קאָמיש קאָפּירן די גענג און די פּאַסטעמפּקעס פֿון די אַרומיקע. אָט דער שטריך, וואָס איז אגב כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די קינדער־יאָרן פֿון אַ סך קינסטלער, איז געווען אַ סימן פֿון דעם יינגלס באַאָבאַכטונגס־פֿעיקייטן און פֿון זיינע אַרטיסטישע נייגונגען. צווישן די אָביעקטן פֿון זיין קאָמישן נאָכמאַכן איז געווען זיין שטיפֿמוטער, אַ בייזע יידענע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שעלטן מיט ביטערע קללות. שלומס ערשט „ליטעראַריש" ווערק איז טאַקע געווען אַ לעקסיקאָן פֿון דער שטיפֿמוטערס קללות, אויסגעשטעלט נאָכן אַלף־בית. אָט דער לעקסיקאָן איז אַריינגעפֿאַלן צום טאַטן אין די הענט. און ער האָט אים געוויזן דער שטיפֿמוטער. די שטיפֿמוטער האָט אַפֿנים נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, און זי האָט זיך צעלאַכט. ס'איז אָנגעפֿאַלן אויף איר אַ מאָדנער געלעכטער, מע האָט געמיינט, אַז זי וועט דעם שלאַק באַקומען; ס'איז שוין אַפֿנים געווען אַ באַשערטע זאַך פֿון סאַמע אָנהייב אָן, אַז לייענענדיק שלום־עליכמס ווערק, האָט מען ווילנדיק נישט־ווילנדיק געמוזט לאַכן.

מיט יאָרן שפּעטער פֿלעגט שלום־עליכם אַלס אַ שפּאַס דערציילן, אַז דער ערשטער חשק צום שרייבן איז אים געקומען דערפֿון, וואָס ער האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק צוזען ווייס, גלאַט פּאַפּיר — ער האָט עס געמוזט פֿאַרשרייבן.

אַז שלום עליכם איז אַלט געווען פֿערצן יאָר, האָט ער, אונטערן איינדרוק פֿון אברהם מאפּוס באַרימטן ראָמאַן „אהבת ציון", אַ ליבע־געשיכטע פֿון די ביבלישע צייטן, אַליין אויך אָנגעהויבן שרייבן אַ ראָמאַן אויף העברעיש אונטערן נאָמען „בת ציון" (די טאָכטער פֿון ציון). פֿופֿצן יאָר אַלט, האָט שלום דורכגעלייענט „ראָבינזאָן קרוזע" און אונטער דעם איינדרוק פֿונעם דורכגעלייענטן בוך תיכּף־ומיד געמאַכט אַן אייגענעם „ראָבינזאָן קרוזאָ", מיטן נאָמען „דער יידישער ראָבינזאָן קרוזאָ". זיינע ערשטע לייענער און שעצער זיינען געווען דער פֿאָטער און אויפֿגעקלערטע אורחים פֿון זיין איינפֿאָר־הויז.

אונטער דער ווירקונג פֿון דער רוסישער ליטעראַטור האָט שלום אָנגעהויבן צו שרייבן אויך אויף רוסיש. באַזונדערס פֿיל האָט ער געלייענט

אַזן געשריבן אויף רוסיש, בעת ער איז געווען הויז־לערער ביי לאָיעוון, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק. לויט שלום־עליכם אַליין דערציילט, האָט ער דאָ גאַנצע נעכט געשריבן גרויסע, האַרצרייסנדיקע ראָמאַנען, שרייענדיקע דראַמעס, פאַרפּלאָנטערטע טראַגעדיעס און קאָמעדיעס. די פאַרליבטע שיל׳ערין האָט געזען אין אים יונגן לערער אַ גרויסן מייסטער. אָבער די רעדאַקציעס האָבן אָפּנים געהאַלטן אַנדערש, ווייל זיי האָבן זיך דעמלט נישט געאיילט צו דרוקן זיינע ווערק.

שלום ראַבינאָוויטשעס ערשט געדרוקט ווערק איז געווען אַ קאָרעספּאָנדענץ פון פּערעיאַסלאַוו, וואָס איז דערשינען אין דער העברעישער צייטונג „הצפירה" אין יאָר 1879 (דער אויטאָר איז דאַן אַלט געווען 20 יאָר). שלום ראַבינאָוויטש האָט אָנגעהויבן פון העברעיש, פּונקט ווי אַ סך יידישע שרייבער פון זיין צייט, ווייל די ליטעראַרישע שפּראַך פון דער דעמלטיקער יידישער אינטעליגענץ איז הויפּטזעכלעך טאַקע געווען העברעיש: די אינטעליגענץ האָט דעמלט אויסגעמיטן די לעבעדיקע יידישע שפּראַך, אויף וועלכער עס האָבן גערעדט די פאָלקס־מאַסן.

אין זיין ערשטער קאָרעספּאָנדענץ האָט שלום ראַבינאָוויטש גערעדט וועגן זיין געבורטס־שטאָט פּערעיאַסלאַוו. סוף 1881 האָט שלום ראַבינאָוויטש אָפּגעדרוקט אין אַן אַנדער צייטונג, אויך אַ העברעישער, שוין אַ גרעסערן אַרטיקל. אין יאָר 1882 האָט ער אָפּגעדרוקט נאָך צוויי אַרטיקלען. דאָס זיינען געווען פּובליציסטישע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט באַהאַנדלט די פראַגן פון דערציונג, פון „חדרי"־רעפאָרם, פון מיליטער־דינסט.

אין 1883 איז שלום ראַבינאָוויטש צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן מיט זיינע ווערק אויף יידיש — אין „יידישן פאָלקס־בלאַט". דער אויטאָר האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ צוטריט צו די ברייטע פאָלקס־מאַסן וועט ער געפינען נאָר דאַן, ווען ער וועט שרייבן אויף זייער לעבעדיקער שפּראַך, און נישט אויף העברעיש, וואָס איז צוטריטלעך בלויז פאַר זייער אַן ענגן, זייער אַ באַגרענעצטן קרייז. פון אָט דער צייט אָן האָט שלום־עליכם געפונען זיין אמתן באַרוף. זיין נאָמען ווערט אַלץ מער און מער פּאָפּולער.

די ליטעראַטור אויף יידיש איז צו יענער צייט נאָך געווען אַ ווייניק צעאַקערט פעלד. אמת, אין די 60־טער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע אויפלעבונג אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע דעמאָקראַטישע שטרעמונג. עס זענען געקומען אַזעלכע אויסגעצייכנטע שרייבער, ווי מענדעלע מוכר ספרים, לינעצקי, גאָלדפאַדען. די זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן עקספּלאָאַטאַציע און דלות, קעגן אַמעראַצעס און פאַרשטייפטקייט, קעגן דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די פאָלקס־שיכטן, קעגן די רעשטן מיטלאַלטער אין דער קולטור און אינעם

לעבנשטייגער, זיי האָבן געקעמפט פאַר בילדונג און אויפקלערונג, פאַר דעמאָקראַטיזם, פאַר אַ נייעם לעבנשטייגער, פאַר נייע פאַמיליען־באַציונגען. דאָס קומען פון אָט די שרייבער האָט באַדייט אַ נייע עפּאָכע אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור, ד. ה. פון דער ליטעראַטור אויף דער לעבעדיקער שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. אָבער עס איז נאָך פאַרגעשטאַנען אַן אומגעהויערע אַרבעט — נאָך ענגער צו באַהעפטן די יידישע ליטעראַטור צו די נייע אידעען און פאָרמען פון די סאַמע פאָרגעשריטענע ליטעראַטורן, אויסצופורעמען די נייע ליטעראַרישע שפּראַך, צו באַשאַפן קולטורעלע און באַוווּסטזיניקע לייענער. שלום־עליכם איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור, פול מיט שעפערישע כוחות, מיט אַ לעבעדיקער איניציאַטיוו און מיט געהויבענע שטרעבונגען, וואָס זיינען ביי אים אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון די אויפקלערונגס־אידעען פון דער יידישער ליטעראַטור און פונעם גאַנצן אומגעהויערן רייכן אינהאַלט פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע האָט, אָנגעהויבן פון די 20—30־ער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט, אַלץ מער און מער געווירקט אויף דער פאָרמירונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

3

שלום־עליכמס פּערזענלעך לעבן איז פאַרלאָפן גאַנץ אייגנאַרטיק. אין יאָר 1885, נאָכן טויט פון זיין שווער, איז אים אָנגעקומען אַ גרויסע ירושה. ער איז אַריבערגעפאָרן קיין קיעוו און האָט אָנגעהויבן פירן אַ ברייט לעבן, אָבער שלום־עליכם האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל, אייגנטלעך, טאָן מיטן פאַרמעגן, וואָס איז אים צופעליק אָנגעקומען. אַרום דעם פרישגעבאַקענעם גביר האָבן זיך באַוויזן שווינדלער און שפּעקוליאַנטן, וואָס האָבן דערשמעקט, אַז דאָ קאָן מען קריגן אַן אומזיסט קערבל. שלום־עליכם, וואָס האָט בטבע געטרויט מענטשן, האָט זיך געלאָזט אין פאַרשידענע קאָמערציעלע אָפּעראַציעס, און ער האָט אין זייער אַ קורצער צייט פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן. פאַר דער קורצער צייט, בעת ער איז געווען רייך, האָט שלום־עליכם באַוויזן אַרויסצוגעבן צוויי בענדער פון „דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" — גרויסע ליטעראַרישע זאַמלביכער, אין וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען די בעסטע יידישע שרייבער פון יענער צייט און וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם יידישן ליטעראַרישן לעבן. דאָ האָט שלום־עליכם אָפּגעדרוקט זיינע ראָמאַנען „סטעמפעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי".

שלום-עליכם און זיין פרוי מיט זייערע טעכטער: טיסי און ליאלי

(קיעוו, 1888)

אין יאָר 1890 האָט שלום־עליכם אָנגעווירן זיין פאַרמעגן. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, און אַ געוויסע צייט האָט ער פאַרבראַכט אין פאַרשידענע לענדער; איז געווען אין פאַריז, ווין, טשערנאָוויץ (בוקאָווינע).

אין יאָר 1891 האָט זיך שלום־עליכם אומגעקערט קיין רוסלאַנד. ער באַזעצט זיך אין אָדעס. דאָ ווערט ער נאָענט מיטן גרויסן קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט געהאַט אַן אומגעהויערע ווירקונג אויף שלום־עליכמס ליטעראַרישער אַנטוויקלונג, — מיט מענדעלע מוכר ספרים, מיט וועלכן שלום־עליכם האָט זיך איבערגעשריבן שוין זייט עטלעכע יאָר (פערזענלעך האָט זיך שלום־עליכם מיט אים באַקענט אין יאָר 1888, בעת ער האָט באַזוכט אָדעס). מיטן לעצטן ביסל געלט, וואָס איז אים געבליבן, פרווט שלום־עליכם באַנייען „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", אָבער עס געלינגט אים בלויז אַרויסצוגעבן (אין יאָר 1892) נישט קיין גרויס ביכל, ריכטיקער — אַ העפט, וו ער איז אַליין געווען דער אויטאָר פון אַלע געדרוקטע מאַטעריאַלן. דאָ האָט ער אגב אָפּגעדרוקט די ערשטע דערציילונג (אַ סעריע בריוו) פונעם שפּעטער באַרימט־געוואָרענעם ציקל „מנחם־מענדל".

אין יאָר 1893 טרעפן מיר שלום־עליכמען ווידער אין קיעוו. ווי פריער, איז ער אויך איצט אין דער סביבה פון סוחרים און בערזע־מאַכערס. זייער לעבנשטייגער האָט אים געגעבן שטאָף פאַר זיין דעמאַסקירנדיקער קאָמעדיע „יקנהיז" (1894). די פאָרשטייער פון דער קיעווער יידישער בורזשואַזיע האָבן זיך לייכט דערקענט אין שלום־עליכמס פערסאָנאַזשן און האָבן זיך דערשלאָגן ביי דער צאַרישער צענזור, זי זאָל קאָנפיסקירן די קאָמעדיע מיטן אויסרייד, אַז זי אַנטהאַלט „גאָט־לעסטערונג". אין יאָר 1894 איז אויך דערשינען די ערשטע דערציילונג פון שלום־עליכמס צווייטן באַרימטן ציקל „טביה דער מילכיקער". אין יאָר 1899, ווען עס הייבט אָן דערשיינען דאָס וואָכנבלאַט „דער יוד", נעמט זיך שלום־עליכם אינטענסיוו צו ליטעראַרישער טעטיקייט.

געוואָרן אַ שרייבער אַ פּראָפעסיאָנאַל, האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן לעבן אַ שווער לעבן, ווי עס האָט געווינטלעך געלעבט ביז דער רעוואָלוציע אַ ליטעראַט, שטענדיק אָפּהענגיק פונעם ווילקיר פון די פאַרלעגער און צייטונג־רעדאַקטאָרן, געצוווּנגען צוליב דעם שטיקל ברויט צו פאַרשווענדן די שעפערישע קרעפטן אין איילִיקער צייטונגס־אַרבעט. דערביי האָט די ערשטע צייט שלום־עליכם געמוזט זוכט אויך אַנדערע באַשעפטיקונגען און פאַרדינסטן.

אָט וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן אין יאָר 1903 צו זיין פריינד, דעם שרייבער מ. ספּעקטאָר, וועלכער האָט איינער פון די ערשטע, נאָך אין

די 80־ער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, אָפּגעשאַצט שלום־עליכמס מערקווירדיקן הומאָריסטישן טאַלאַנט.

„...איך מוז מיך מודה זיין פאַר דיר, אַז איך פיל מיך עפּעס ווי ניי־געבוירן, מיט נייע, שפּאָגל־נייע כוחות. כמעט, קאָן איך זאָגן, אַז איך הייב ערשט אָן שרייבן. ביז אַהער האָב איך מיך נאָר געמאַכט נאַריש, מעשה־קונדס. איך האָב נאָר מורא, טאָמער חלילה גייען אויס די יאָרן... איך בין איצט מעוברת מיט אַזויפיל מחשבות און בילדער, אַז איך בין שטאַרקער פון אייזן, וואָס איך ווער נישט צעשפּרונגען — און אַז אָך און ווי איז מיר, איך באַדאַרף גאָר לויפן זוכן אַ קערבל! ברענען זאָל די בערזע! ברע־נען זאָל דאָס קערבל! ברענען זאָלן די יידן אויפן פייער, אַז אַ יידישער שרייבער זאָל נישט קאָנען לעבן פון שרייבעריי אַליין און זאָל דאַרפן לויפן זוכן אַ קערבל! מע פרעגט מיך, די, וואָס קענען מיך און זען מיך אַלע טאָג, ווען שרייב איך? כילעבן, אַז איך ווייס אַליין נישט ווען! אָט אַזוי שרייב איך, גייענדיק, לויפנדיק, זיצנדיק ביי יענעם אין קאַבינעט, פאָרנדיק אויפן טראַמוויי, און פּונקט בשעת מע דולט מיר אַ קאָפּ מיט וואַלד, נישט־גע־האַקטן וואַלד, אַן אימעניע אַ טייערע, אַ זאַוואָדל, — פּונקט דעמלט וואַקסן אויס די שענסטע בילדער, און עס לייגן זיך צונויף די בעסטע מחשבות, און מע קאָן זיך נישט אָפּרייסן אויף קיין מינוט, אויף קיין רגע דאָס אַלצ־דינג אַרויפצונעמען אויף פּאַפּיר, — ברענען זאָלן די געשעפטן! ברענען זאָל די וועלט! און דאָ קומט דאָס ווייב און רעדט מכוח דירה־געלט, מכוח שכר־לימוד אין גימנאַזיע, און דער קצב איז אַ דזשענטעלמאַן — ער וואַרט, און דער קרעמער איז אַ פֿאַרד —ער וויל נישט באָרגן, און דער אַדוואָקאַט סטראַשעט מיט אָפּשרייבן די בענקלעך (טיפּש! ער ווייסט נישט, אַז זיי זענען שוין לאַנג אָפּגעשריבן...)"...

אָט אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט געלעבט שלום־עליכם. און אין דער דאָזיקער צייט (דער בריוו איז געשריבן אין יאָר 1903) איז שלום־עליכם שוין געווען אַ באַרימטער שרייבער. זיין נאָמען איז שוין געווען באַקאַנט נישט נאָר אין דער יידישער סביבה. א. מ. גאָרקי, וואָס האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס פאַר די ליטעראַטורן פון די פעלקער, וועלכע האָבן באַוווינט רוסלאַנד, האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט שלום־עליכמען וועגן אַרויסגעבן אויף רוסיש אונטער שלום־עליכמס רע־דאַקציע אַ זאַמלונג פון יידישע שרייבער. די זאַמלונג האָט געזאָלט דער־שיינען אין דער אויסגאַבע פונעם פאַרלאַג „זנאַניע". שלום־עליכם האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן ענערגיש צוצוגרייטן די זאַמלונג, אָבער פאַרשי־דענע אומשטענדן האָבן געשטערט צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן.

דער באַראַבאַריש־גרויזאַמער קישיניעווער פּאָגראָם פון 1903 האָט אויפגערודערט און אויפגערעגט די גאַנצע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט פון רוסלאַנד. די בעסטע רוסישע שרייבער פון יענער צייט זענען אַרויסגעטראָטן מיט אַן ענערגישן פּראָטעסט קעגן דער ווילדער אכזריות פון די שוואַרץ־מאהניקעס. שלום־עליכם האָט זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו לעוו טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ, טשעכאָוו און גאָרקי, זיי זאָלן אָנטייל נעמען אין אַ יידישער אויסגאַבע צו הילף די געליטענע פונעם פּאָגראָם (די זאַמלונג איז דערשינען אונטערן נאָמען „הילף"). די גרויסע רוסישע שרייבער האָבן זיך הייס אָפּגערופן אויף שלום־עליכמס ווענדונג. לעוו טאָלסטאָי האָט אין זיין ענטפער־בריוו צו שלום־עליכמען געשריבן, אַז שולדיק אין די שוידערן פונעם קישיניעווער פּאָגראָם, ווי בכלל אין דער גאַנצער קינסטלעך־געפלאַנצטער נאַציאָנאַלער העצע, איז בלויז די צאַרישע רעגירונג אַליין.

אין יאָר 1904 איז שלום־עליכם געקומען קיין פּעטערבורג זיך משתדל צו זיין וועגן אַ דערלויבעניש אויף אַ טעגלעכער יידישער צייטונג (פונעם שתדלנות איז גאָרנישט נישט אַרויסגעקומען). אין פּעטערבורג האָט זיך שלום־עליכם באַקענט מיט די אָנגעזעענסטע רוסישע שרייבער פון יענער צייט: מיט ל. אַנדרייעוו, מיט א. קופּרין, און ער האָט סוף כל סוף באַקומען די מעגלעכקייט צו פּאַרווירקלעכן זיין לאַנגיאָריקן ווונטש זיך צו באַגעגענען מיט א. מ. גאָרקי. דער איינדרוק פון דער פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט מיט גאָרקין איז געווען זייער אַ גרויסער.

שלום־עליכם האָט אויף שטענדיק פאַרהיט דאָס געפיל פון טיפער צוגעבונדנקייט צו א. מ. גאָרקי און אָפּשיי פון זיין טאַלאַנט און פּערזענלעכקייט. איינער פון טביה דעם מילכיקערס טעכטער האָט שלום־עליכם געגעבן אַזעלכע ווערטער וועגן גאָרקין: „גאָרקי — דאָס איז היינט כמעט דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט"... אין יאָר 1910, אינגיכן נאָך דעם, ווי עס איז דערשינען די רוסישע איבערזעצונג פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס", האָט גאָרקי באַגריסט שלום־עליכמען מיט זיין באַקאַנטן בריוו, אין וועלכן ער האָט געגעבן אַן אויסגעצייכנטע, טיפע און טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון שלום־עליכמס שאַפן. גאָרקי האָט זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט שלום־עליכמס ליטעראַרישער אַרבעט און מיט זיין שאַפן. „קאַק פּאָזשיוואיעט גאָספּאָדין עליכם?" („וואָס מאַכט הער עליכם?") — איז געווען גאָרקיס ערשטע פראַגע, ווען ער האָט באַגעגנט אַ מענטשן, וואָס האָט אים געקאָנט עפּעס דערציילן וועגן שלום־עליכמען (גאָרקי האָט דעמלט נישט געוווסט, אַז „שלום־עליכם" איז אַ פּסעוודאָנים, און ער האָט געמיינט, אַז „עליכם" איז דעם שרייבערס פאַמיליע־נאָמען). די דאָזיקע אַכטונג און צוגעבונדנקייט צו שלום־עליכמען האָט דער גרויסער רוסישער שרייבער

פֿאַרהיט ביז די לעצטע טעג זײַנע: ער האָט דערמאָנט שלום־עליכמס נאָמען אויפֿן ערשטן אַלפֿאַרבאַנדישן צוזאַמענפֿאָר פֿון סאָוויעטישע שרײַבער און האָט געזאָגט וועגן אים, אַז ער איז „אַן אויסערסט טאַלענטירטער סאַטיריקער און הומאָריסט".

דער גאַנצער פּעריאָד פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פֿון 1905 איז פֿאַר שלום־עליכמען געווען פֿאַרבונדן מיט אַ געהעכערטן אינטערעס פֿאַר די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן און פֿאַר די געשטאַלטן פֿון די רעוואָלוציאָנערן. די כוואַליע פֿונעם רעוואָלוציאָנערן אויפֿשטײַג אין לאַנד האָט געפֿונען איר אָפּשפּיגלונג אין שלום־עליכמס אַ גאַנצער רײ דערציילונגען און אין זײַן ראָמאַן „דער מבול", געשריבן אין יאָר 1907 (שפּעטער האָט שלום־עליכם אָנגערופֿן דעם ראָמאַן „אין שטורעם"). נישט געקוקט אויף דער פּאָליטישער רעאַקציע, וואָס איז געקומען נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָלוציע, און אויף אַ רײ נסיונות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, האָט שלום־עליכם פֿאַרהיט אַ שטענדיקן גלויבן אין דעם, אַז זײַן פֿאָטערלאַנד און אַלע פֿעלקער, וואָס באַוווינען עס, וועלן דערלעבן צו די ליכטיקע טעג פֿון באַפֿרײַונג. איך בין זיכער — האָט שלום־עליכם געשריבן אין אַ בריוו פֿון זשענעווע אין יאָר 1908, — אַז דער לעבנס־שטראָם און די צײכנס, וואָס איך זע אין אונדזער לאַנד... זײַנען גוטע סמנים פֿאַר אונדז, קלאָרע באַווײַזן, אַז באַלד וועט די זון אויפֿשײַנען איבער אונדז".

צום יאָר 1905 געהערט שלום־עליכמס אַקטיווע טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון טעאַטער. אויך דאָ האָט שלום־עליכם געשטרעבט צום קינסטלערישן אמת און צו פּשטות, וואָס זײ זײַנען געווען די גרונט־פּרינציפּן פֿון זײַן גאַנצער ליטעראַרישער אַרבעט.

אין אָקטאָבער 1905 האָט שלום־עליכם אײנײנעם מיט זײַן פֿאַמיליע איבערגעלעבט די שוידער פֿון אַ יידישן פּאָגראָם אין קיעוו. דער צאַריזם האָט געבושעוועט און זיך נוקם געווען פֿאַר דער רעוואָלוציע. שלום־עליכם האָט געהאַט אויסצושטיין פֿון דער צאַרישער צענזור, וועלכע האָט געפֿילט אין זײַנע ווערק „קראַמאָלע". די זשאַנדאַרמעריע־פֿאַרוואַלטונג האָט אַפֿילו פֿאַרפֿירט אַ גאַנצן „ענין" וועגן שלום־עליכמען אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן בריוו־אויסטויש מיט רוסישע שרײַבער וועגן אַרויסגעבן אַ זאַמלונג צו הילף די געליטענע פֿון פּאָגראָמען.

שלום־עליכם האָט באַשלאָסן זיך אַוועקצולאָזן אויף אַ צײַט קײן אַמעריקע. נאָך לאַנגע וואָגלענישן איבער פֿאַרשידענע לענדער פֿון אײראָפּע האָט זיך שלום־עליכם אין האַרבסט 1906 דערקליבן קײן ניו־יאָרק. אָבער

שלום־עליכם איז דאָ אויף לאַנג נישט פאַרבליבן. עס האָט אים געצויגן אַהיים, צו די פאָלקס־מאַסן, וועגן וועלכע און צוליב וועלכע ער האָט געשריבן זיינע פריילעכע מעשות, אין וועלכע עס איז געווען פאַרבאָרגן אַ טיפער טרויער. זומער 1908 מאַכט ער זיין גרויסע רייזע איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד. אומעטום האָט אויף אים געוואַרט אַ פריידיקע באַגעגעניש. אָבער בעת דער טריומף־רייזע איז ער פלוצלינג קראַנק געוואָרן, עס האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן אַ שאַרפער טובערקולאָז־פּראָצעס אין די לונגען. די קראַנקהייט האָט אים געטראָפן אין אַ קליין שטעטל — אין באַראַנאָוויטש, מינסקער גובערניע. ביי צוויי חדשים איז שלום־עליכם געווען צוגעשמידט צום בעט. אין פאַרלויף פון אָט דער צייט זענען די בליקן פון פילע הונדערטער טויזנטער זיינע לייענער געווען געווענדט צום קליינעם שטעטל, ווו דער באַליבטער שרייבער האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט, וואָס האָט זיך אומגעריכט באַוויזן ביי זיין צוקאָפּנס. אַז ס׳איז פאַרביי די קראַנקהייט, איז שלום־עליכם, לויט דער עצה פון דאָקטוירים, אַוועקגעפאָרן קיין נערווי, איטאַליע. אין דעם זעלבן יאָר 1908, אין האַרבסט, האָט מען געפייערט דעם 25־יעריקן יובילײ פון שלום־עליכמס ליטעראַרישער טעטיקייט.

דעם יובילײ האָט מען געפייערט אין שלום־עליכמס אָפּוועזנהייט. קראַנק און איינזאַם, אָן מיטלען צום לעבן, ווייט פון דער היים און פון זיין פאָלק, האָט שלום־עליכם געשריבן פון זיין איטאַליענישן פּענסיאָנאַט טרויעריקע, פאַרביטערטע בריוו. די דאָקטוירים האָבן געהאַלטן, אַז ער דאַרף האָבן זון, וואָס מער זון, אָבער דערפאַר האָט מען באַדאַרפט צאָלן מיט מזומן געלט, און ווו האָט מען דאָס געקאָנט קריגן?

צו אָט דער צייט איז שלום־עליכם שוין געווען אַ באַרימטער שרייבער, זיין נאָמען איז געווען דער פּאָפּולערסטער אין דער יידישער סביבה, און ער איז געווען באַקאַנט אויך ווייט אויסער די גרענעצן פון דער יידישער סביבה. אָבער שלום־עליכמס גרויסער רום האָט אים נישט אויסגעלייזט פון שטענדיקער נויט. אין פאַרבינדונג מיטן יובילײ האָט מען אין דער פּרעסע אָנגעהויבן צו זאַמלען געלט. דאָס פאָלק האָט געטראָגן זיינע פאַרהאָרעוועטע גראָשנס, כדי צו העלפן דעם באַליבטן שרייבער, קיין אַנדערער וועג איז דעמאָלט נישט געווען: די צאַרישע רעגירונג האָט נישט נאָר נישט געזאָרגט וועגן די פאָלקס־שרייבער, זי האָט זיי נאָך פאַרפאָלגט, ווייל זייער וואָרט האָט געשטורעמט די פעסטונג פון זעלבסטהערשאַפט און ווילקיר. דער יובילײ־קאָמיטעט האָט פאַר די אָנגעזאַמלטע סומעס „אויסגעקויפט" אין יאָר 1909 די ווערק פונעם גרויסן פאָלקס־שרייבער פון דעם רשות פון פּריוואַטע פאַרלעגער. שלום־עליכמען האָט מען אומגעקערט די רעכט אויף זיינע

ווערק. אין דעם זעלבן יאָר האָט דער מאָסקווער פאַרלאַג „סאָווּרעמיאָניע פּראָבלעמי״ אָנגעהויבן אַרויסגעבן שלום־עליכמס געזאַמלטע ווערק אין אַ רוסישער איבערזעצונג, און די אויסגאַבע איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער רוסישער קריטיק. מיר האָבן שוין אויבן פאַרצייכנט, אַז די איבערזעצונג האָט הייס באַגריסט א. מ. גאָרקי.

דער געזונט־צושטאַנד האָט געצוווּנגען שלום־עליכמען צו זוכן פאַר זיך אַן אָרט אונטער דער מילדער זון פון די דרום־לענדער. פרילינג 1914 האָט שלום־עליכם ווידער געמאַכט אַ רייזע איבער די שטעט פון רוסלאַנד, וווּ ער איז אַרויסגעטראָטן מיט פאָרלייענען זיינע ווערק. די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן, פּונקט ווי מיט עטלעכע יאָר פריער, מיט פרייד און מיט ענ־טוזיאַזם באַגעגנט און באַגלייט זייער באַליבטן שרייבער. בעת אָט דער רייזע איז פאָרגעקומען אין וואַרשע שלום־עליכמס באַגעגעניש מיט אַן אַנדערן גרויסן שרייבער פון דער יידישער ליטעראַטור — מיט פּרצן. און די באַגעגעניש האָט מיטגעהאָלפן, אַז די דאָזיקע צוויי שרייבער, אַבסאָלוט פאַרשידענע לויטן טעמפּעראַמענט און לויט זייערע קינסטלערישע באַשטרע־בונגען, זאָלן זיך דערנענטערן.

די אימפּעריאַליסטישע וועלט־מלחמה האָט געטראָפן שלום־עליכמען אין אַ סאַנאַטאָריע אין דייטשלאַנד. ביינאַנד מיט אַנדערע רוסלענדישע אונטערטאַנען האָט מען אים אַרויסגעשיקט קיין בערלין, פון וואַנען ער האָט זיך געראַטעוועט מיט דער פאַמיליע אינעם שכנישן נייטראַלן דענעמאַרק. קראַנק, אָן מיטלען צום לעבן, האָט ער דאָ פאַרבראַכט עטלעכע שווערע חדשים. סוף 1914 איז שלום־עליכם געקומען קיין ניו־יאָרק. די בענקשאַפט אַהיים האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ רגע, ער האָט גערעכנט תיכף נאָך דעם, ווי עס וועט זיך ענדיקן די מלחמה, טאַקע מיט דער ערשטער שיף צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד. אָבער די קראַנקהייט האָט געטאָן אירס. די שוידערן פון דער וועלט־מלחמה האָבן געדריקט אויף זיין געמיט־צו־שטאַנד און אָפּגעשוואַכט זיין געזונט. שלום־עליכם איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 13 מאַי 1916 יאָר, אינעם עלטער פון זיבן און פופציק יאָר. הונדערטער טויזנטער מענטשן האָבן אים באַגלייט אין זיין לעצטן וועג.

„ווו איך זאָל נישט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַלטן נישט צווישן אַריסטאָקראַטן, מיוחסים אָדער גבירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע יידן אַרבעטער, מיטן אמתן פאָלק, אַזוי אַז די מצבה, וואָס מע וועט דערנאָך אַוועקשטעלן אויף מיין קבר, זאָל באַשיי־נען די איינפאַכע קברים אַרום מיר, און



שלום-עליכם קראַנקערהייט אין באַראַנאָוויטש
(האַרבסט 1908)

די איינפאַכע קברים זאָלן באַפּוצן מיין מצבה, אַזוי ווי דאָס פּראָסטע, ערלעכע פאָלק האָט פאַר מיין לעבן באַשיינט זיין פאָלקס־שרייבער".

אין אָט די רירנדיקע ווערטער פון זיין צוואה האָט שלום־עליכם אַם־בעסטן אויסגעדריקט זיין נאָענטקייט צום פאָלק.

אויף דער מצבה איז אויסגעקריצט שלום־עליכמס עפּיטאַפיע. דעם פולן טעקסט ברענגען מיר דאָ:

דאָ ליגט אַ ייִד אַ פּשוטער.
געשריבן ייִדיש־דייטש פאַר ווייבער
און פאַרן פּראָסטן פאָלק האָט ער —
געווען אַ הומאָריסט אַ שרייבער.

דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגן מיט דער וועלט כּפרות.
די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט,
און ער — אוי ווי — געווען אויף צרות!

און דווקא דעמלט, ווען דער עולם האָט
געלאַכט, געקלאַטשט און פלעגט זיך פרייען,
האָט ער געקרענקט — דאָס ווייסט נאָר גאָט —
בסוד, אַז קיינער זאָל נישט זען.

שלום־עליכם

4

נישט אַלעמאָל געפינען די שרייבער זייער וועג פון סאַמע אָנהייב אָן. שלום־עליכם האָט אָן אַ באַזונדערן דערפאָלג געפרווט זיינע קרעפטן אויפן געביט פון דיכטונג, כאָטש אייניקע זיינע לידער זיינען אַריין אינעם ייִדישן פאָלקלאָר און זיינען געזונגען געוואָרן ווי פאָלקס־לידער. אין שלום־עליכמס לידער פילט זיך צומאָל נעקראַסאָווס ווירקונג, סיי אין זיין אידעישן גאַנג און סיי אין זייער ריטמישער צייכענונג. פון שלום־עליכמס פריאיקע לידער וועלן מיר פאַרצייכענען די פאָעמע „ייִדישע טשינאָווניקעס" (1884), וווּ דער אויטאָר פאַלט בייז אָן אויף די רעדלפירער און די טשינאָווניקעס פונעם קהל, וואָס פרעסן אויס די לעצטע זאַפטן ביי דער אָרעמשאַפט.

אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905 איז געווען פּאָפּולער שלום־עליכמס סאַטירישע ליד „שלאָף, אַלעקסעי", וואָס איז געווען געווענדט קעגן דעם קייסער ניקאָלאַי און זיין יורש אַלעקסיי. דער קייסער וויגט זיין זון און זינגט אים אַ וויגליד דערביי:

...זאָלסט מיר וואַקסן, זיין אַ גרויסער,
האָבן קאַסעס געלט,
שטעט און דערפער, זיין אַ קייסער
איינער אין דער וועלט.

וועסט מיר זיין אַ גרויסער חכם,
קליגער נאָך פון מיר,
און אַ מלך שבמלכים,
מיט אַ לאַנד סיביר.

וועסט אם ירצה השם פאַרמאָגן
רענטעס פולע זעק
און פיל שענקען מיט אַסטראָגן,
קלויסטערס אָן אַן עק.

און זשאַנדאַרמען מיט קאָזאַקן
שומרים ביי דער טיר,
די, וואָס קאָנען בראָקן, האַקן
שמייסן אָן אַ שיר.

— און אויב די סאָציאַליסטן וועלן אַרויסטרעטן קעגן דיר, — לערנט דער פאָטער דעם זון:

וועסט אין ספּאַלניע זיך פאַרשליסן,
פונקט ווי איך אַצינד,
לאָז דאָרט טרערן, בלוט זיך גיסן —
דו זאָלסט זיין געזונט.

לאָזן באָמבעס דאָרט זיך רייסן,
ס'איז שוין נישט קיין נייעס;
מ'עט זיי כאַפּן, מ'עט זיי שמייסן,
הענגען אייניציקווייז.

דאָס דאָזיקע ליד שלום־עליכמס איז געווען זייער פאַרשפּרייט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן.

אַ פיל גרעסערן ווערט, איידער די לידער, האָבן געהאַט שלום־עליכמס קריטישע אַרויסטרעטונגען — אין די 80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. אין יאָר 1888 האָט שלום־עליכם אַרויסגעלאָזט אַ ביכל אונטערן נאָמען „שמ״רס משפט״. שמ״ר איז געווען דער פאַרפאַסער פון אומצאָליקע בולוואַר־ראָמאַנען, וועלכע זענען דעמלט געווען זייער פאָפולער סיי אין דער אָפּגעשטאַנענער באַלעבעסלדיקער סביבה און סיי אין דער סביבה פון די אָפּגעשטאַנענע אונטערשיכטן: צווישן משרתים, דינסטמיידלעך א.א.וו., וועלכע שמ״ר פלעגט פאַרוויגן מיט זיינע אויסגעטראַכטע, נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע בבא־מעשות וועגן גליקלעכע פאַרוואַנדלונגען פון דינערס און דינסטן אין לאָרדן און פירשטן. שלום־עליכם איז אַרויסגעטראָטן קעגן אָט די בולוואַר־ראָמאַנען, וואָס האָבן דעמלט פאַרפלייצט די יידישע ליטעראַטור און וואָס האָבן געבראַכט אומגעהויערן שאָדן די פאָלקס־מאַסן, ווייל זיי האָבן איינגעפלאַנצט ביליקן געשמאַק און האָבן געשטרעבט אָפּצורייסן די מאַסן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט און פון זייערע רעאַלע נויטן. אין קעגנזאַץ צו די בולוואַר־ראָמאַנען פון שמ״רן און פון זיין גאַנצער חבריא נאָכמאַכערס האָט שלום־עליכם אַרויסגערוקט די ווערק פון ווירקלעכע און אמתע פאָלקסטימלעכע שרייבער: פון מענדעלע מוכר־ספרים, לינעצקי, גאָלדפאַדען און אַנדערע, וועלכע האָבן געשילדערט דאָס ווירקלעכע לעבן פונעם פאָלק און גערופן דאָס פאָלק צו קעמפן פאַר אַ בעסערער צוקונפט, קעגן פאַנאַטיזם און פאַרשטייפטקייט, פאַר נייע פאָרמען פון קולטור און לעבנשטייגער. שלום־עליכם האָט באַזונדער אונטערגעשטראָכן די טעמע פון דלות אין די ווערק פון די בעסטע יידישע שרייבער (ער האָט אָפּגעדרוקט אין יאָר 1888 אין דער ביילאַגע צום „יידישן פאָלקסבלאַט״ אַן אויסגעצייכנטע און טיפע קריטישע אַרבעט, וואָס האָט געהייסן „דער יידישער דלות אין די בעסטע ווערק פון אונדזערע פאָלקס־שריפטשטעלער״), — אונטערגעשטראָכן דערפאַר, ווייל ער האָט געזען אין דעם די פאַרטיידיקונג פון די ווירקלעכע אינטערעסן פונעם פאָלק. אין זיינע קריטישע אַרבעטן פון די 80־ער יאָרן האָט שלום־עליכם אַנטוויקלט אַ דורכגעטראַכטן און באַגרינדעטן פּראָגראַם פון אַן אמתער פאָלקס־ליטעראַטור, אַ פּראָגראַם, וואָס ער אַליין האָט טאַקע פאַרווירקלעכט אין זיינע קינסטלערישע ווערק, נאָכפאָלגנדיק די בעסטע טראַדיציעס פון זיינע פאָרגייער: מענדעלע מוכר־ספרים, לינעצקי און אַנדערע.

זיין אמתן באַרוף האָט שלום־עליכם געפונען אין דער קינסטלערישער פּראָזע, דערהויפּט אויפן געביט פון דערציילונג. אין שלום־עליכמס קינסט־

לעדישן שאַפן האָט געפונען אַ גלענצנדיקע פאַרקערפּערונג דאָס לעבן פון יידישן פאָלק אין אַן אומגעהויער שווערן פעריאָד פון זיין עקזיסטענץ, ווען דאָס פאָלק האָט געשמאַכט אונטערן יאָך פון צאַרישן ווילקיר, קאַפּי־טאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע און נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט. אָט דער פעריאָד, וואָס איז אָפּגעשפּיגלט אין שלום־עליכמס ווערק, ציט זיך פון די 70־80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, ווען אין לאַנד האָבן געזיגט די נייע, קאַפּיטאַליסטישע פארהעלטענישן, ביז צו דער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מלחמה. דערביי האָט זך שלום־עליכם מיט דער גרעסטער פילבאַרקייט אָפּגערופן אויף אַלע וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען און גע־שעענישן פון אָט דעם פעריאָד. מיט גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס האָט זיך שלום־עליכם אָפּגעשטעלט אויף די געשעענישן אַרום דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905.

שלום־עליכם האָט זיך אויסגעקליבן אַזאַ ליטעראַרישן פּסעוודאָנים, וואָס ער אַליין האָט שוין אַנטהאַלטן אין זיך אַ פּראָגראַמאַטישן אינהאַלט: שלום־עליכם — פרידן צו אייך, זייט געגריסט![1] שוין אין אָט דעם ליטעראַרישן נאָמען, וואָס עס האָט זיך אויסגעקליבן דער שרייבער, האָט זיך אויסגעדריקט זיין נאָענטקייט צו די פאָלקס־מאַסן, צו זייער לעבנ־שטייגער, צו זייערע ליידן און האָפענונגען. די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן טאַקע באַגעגנט שלום־עליכמען ווי אַ נאָענטן, ווי אַן אייגענעם מענטשן, וואָס מע קאָן מיט אים אי זאָגן אַ ווערטל אי גאָר פשוט זיך אויסרעדן דאָס האַרץ. אַרום שלום־עליכמס נאָמען גופא האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אַ לעגענדע.

שלום־עליכם איז געוואַקסן אַלס שרייבער אין די 80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, אין די יאָרן פון האַרבער פּאָליטישער רעאַקציע אין רוסלאַנד, אינגיכן נאָך דעם, ווי איבער אַ גאַנצער ריי שטעט מיט אַ יידישער באַפעלקערונג האָט זיך דורכגעטראָגן אַ כוואַליע פּאָגראָמען, אָרגאַניזירט פון דער צאַרישער רעגירונג. אינעם לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע זיינען געווען פאַרטריבן און צוזאַמענגעקוועטשט פון דער צאַרישער

---

[1] עס האָט מיר דערציילט איינער אַ דיכטער, אַז סולייטמאַן סטאַלסקי, דער באַרימטער פאָלקס־דיכטער פון דאַגעסטאַן, האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַ פראַגע: „צי איז עס טאַקע אמת, אַז ביי יידן איז געווען אַ שרייבער מיטן נאָמען סאַ־ליאַם („סאַליאַם“ — איז די אַראַבישע פאָרם פונעם העברעישן וואָרט „שלום“, פרידן)? וואָס פאַר אַ ווונדערבאַרן נאָמען האָט ער זיך אויסגעקליבן!“

רעגירונג אין עטלעכע גובערניעס, אינעם אַזויגערופֿענעם „תּחום", וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין רעכט אים איבערצוטרעטן, זיינען פֿאָרגעקומען ביז גאָר וויכטיקע סאָציאַלע ענדערונגען. שלום־עליכמס פֿאָרגייער, דער ערשטער קלאַסיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר־ספֿרים, האָט אין זיינע ווערק געגעבן וווּנדערלעכע שילדערונגען פֿונעם אַלטן יידישן לעבנשטייגער, וואָס האָט נאָך אין דער ערשטער העלפֿט פֿונעם 19־טן יאָרהונדערט זיך געהאַלטן אויף פֿעאָדאַל־מיטלאַלטערלעכע יסודות. אונטער דעם דראַנג פֿונעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם האָבן די דאָזיקע יסודות גע־פּלאַצט. די נייע קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן האָבן זיך דערקייקלט אויך ביז צום יידישן ישוב. דאָס אַלטע יידישע שטעטל האָט זיך אַ רודער געטאָן, זיינע איינוווינער האָבן אָנגעהויבן צו זוכן פֿאַר זיך אַ פּלאַץ אינעם נייעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן־סדר. אָט דעם שווערן און ווייטיק־דיקן פּראָצעס פֿון דער רואינירונג פֿונעם אַלטן לעבן־סדר און פֿונעם איבערגאַנג צו די קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן מיט זייערע נייע בײ־טערע צרות און ליידן פֿאַר די פֿאָלקס־מאַסן האָט טאַקע אָפּגעשפּיגלט מיט אַן אומגעוויינלעכער קראַפֿט דער גרויסער שרייבער שלום־עליכם.

צווישן שלום־עליכמס באַדייטנדיקסטע ווערק דאַרף מען פֿריער פֿאַר אַלץ אָנרופֿן די ציקלען דערציילונגען, וואָס זיינען געווידמעט זיינע גרונט־פּערסאָנאַזשן: מנחם־מענדלען און טביה דעם מילכיקן. איבער די דאָזיקע ווערק זיינע האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן צו אַרבעטן נאָך אין די 90־ער יאָרן, און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיי אין משך פֿון זיין גאַנץ לעבן.

פֿון אַ פּיצינק יידיש שטעטל, וואָס האָט געלעבט אַן אָפּגעזונדערט און געשלאָסן לעבן פֿון אַ קבצנישן געמויזעכץ, פֿאַלט מנחם־מענדל אַריין אין דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. מיט אַ פֿיבערהאַפֿטער געשווינדקייט און מיט אַ הו־האַ פּרוווט מנחם־מענדל זיך צוצופּאַסן צו די נייע פֿאַרהעל־טענישן און צו די נייע פֿאָרמען פֿון לעבנשטייגער. אָבער ער פֿאַרמאָגט נישט קיין אַרבעטס־געוווינהייטן, וואָס וואָלטן אים געקאָנט פֿאַרוואַנדלען אין אַן אַרבעטס־מאַן אַ פּראָלעטאַריער, און ער פֿאַרמאָגט נישט קיין געפֿיל פֿון אַ רעאַלן באָדן אונטער די פֿיס. איבער אַ ריי געשיכטלעכע סיבות האָט זיך ביי באַשטימטע שיכטן אין דער יידישער סביבה אין משך פֿון יאָר־הונדערטער אויסגעאַרבעט אַן אָפּגעריסנקייט פֿון דער ערד, פֿון רעאַלערווירקלעכקייט, אַ נייגונג צו פֿאַנטאַסטישע טרוימערייען, צו לופֿטלאַזע אַבסטראַקטע קאָנסטרוקציעס. שוין שלום־עליכמס פֿאָרגייער אין דער יידישער ליטעראַטור (באַזונדערס מענדעלע מוכר־ספֿרים) האָבן געשילדערט אַזעלכע טרוימער פֿאַנטאַסטן, וואָס זיינען געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פֿונעם לעבן און פֿון דער ווירקלעכקייט. יענע טרוימער האָבן אָבער געלעבט אין

דער וועלט פון פאַרשטעלונגען און השגות פון דער מיטלאַלטערלעכער קולטור, וואָס איז שוין לאַנג פאַרעלטערט און אָפּגעלעבט געוואָרן (ווי, למשל, בנימין אין מענדעלעס באַרימט ווערק „מסעות בנימין השלישי"). דער שלום־עליכמישער מנחם־מענדל פרוווט אָבער מיט די פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט געירשנטע מאָסן און געוווינהייטן צוגיין צו דער נייער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט. און ס׳איז נאַטירלעך, אַז שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אָט דער גרויזאַמער און זינלאָזער ווירקלעכקייט ליידט ער אַ מפּלה.

ער בויט אומצאָליקע פּראָיעקטן, איינער פאַנטאַסטישער פאַרן אַנדערן, ער וואַרפט זיך פון איין פּראָפעסיע צו א צווייטער. ער לאָזט זיך אַריין אין בערזע־אַוואַנטורעס און קאָמערציעלע שפּעקולאַציעס, ווערט אַ שדכן, אַ מעקלער, אַן אַגענט, פּרוווט די מלאכה פון א שרייבער. אָבער אומעטום און אין אַלץ פאַלט ער דורך, ער איז אַ שלים־שלימזל, עס פידלט נישט. ווייל „אַלץ, וואָס איז געבויט אויף לופט און אויף ווינט, מוז סוף־כל־סוף פאַלן" (פון שלום־עליכמס פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע פון „מנחם־מענדל"). אַפילו אַז מנחם־מענדל נעמט זיך פאַר שדכנות, פירט ער צונויף נישט אַ חתן מיט אַ כלה, נאָר צוויי כלות. ער וואָלט באַדאַרפט אָנהייבן האַנדלען מיט תכריכים, וואָלט מען אויפגעהערט שטאַרבן.

די ווירקלעכע מעכאַניק פון אָט דער טומלדיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וווהין מנחם־מענדל איז אַריינגעפאַלן, פאַרשטייט ער אין תוך נישט. נישט מער, וואָס ער כאַפּט בלויז די אויסערלעכע שטריכן פונעם הו־האַ און פון דער באַוועגונג (דאָס „פּערפּעטואום מאָבילע"). עס דוכט זיך אים, אַז ביינאַנד מיט אַלעמען באַוועגט ער זיך אויך צו עפּעס אַ ניי לעבן. אָבער דאָס איז נאָר זעלבסטנאַרעריי. מנחם־מענדל איז אַ טיפּישער „לופט־מענטש", וואָס אַזעלכע האָט דעמלט אָן אַ שיר אַרויסגעבראַכט די יידישע סביבה אַלס רעזולטאַט פונעם אויסטערלישן דלות און גרויזאַמער אונטערדריקונג. די אַלטע פינצטערע צייט האָט באַשאַפן נישט נאָר דעם פּאַראַזיטיזם פון עקספּלאָאַטאַציע, נאָר אויך אַ פּאַראַזיטיזם פון אַן אַנדער מין, דעם פּאַראַזיטיזם פון אַ דלות־עקזיסטענץ, וואָס קומט מחמת דעם, וואָס עס פעלט די מעגלעכקייט אָנצווענדן די אייגענע מי, וואָס עס פעלן אַרבעטס־געוווינהייטן. די „לופטמענטשן" פון מנחם־מענדלס שניט האָבן זיך געפּרוכפּערט און געמערט אין דער קליינבירגערלעכער סביבה, אין דער סביבה פונעם דריבנעם און דעם סאַמע־סאַמע דריבנעם בירגערטום. אין די באַדינגונגען פונעם קאַפּיטאַליזם איז דער מנחם־מענדל־שיכט געווען פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג.

גאָר אַנדערע שטריכן פֿאַרקערפּערט אין זיך שלום־עליכמס באַליבטער פּערסאָנאַזש — טביה דער מילכיקער. דאָס איז אַ פֿאָלקס־מענטש, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין מי און אין האָרעוואַניע. אמת, זיינע פֿאָרשטעלונגען וועגן לעבן זיינען אין אַ היפּשער מאָס פּאַטריאַרכאַל, צונויפֿגעוואַקסן מיטן אַלטן לעבנשטייגער. דאָס לעבן, וואָס שטייט נישט אויף איין אָרט, וואָס גייט שטענדיק פֿאָרויס, שטעלט פֿאַר אים אַ נסיון נאָך אַ נסיון. דאָס נייע לעבן רייסט זיך אַריין צו טביהן דורך זיינע טעכטער, וואָס נעמען אויף דאָס אַרומיקע שוין גאָר אַנדערש, וואָס קוקן שוין גאָר אַנדערש אויף זאַכן.

די עלטערע טאָכטער, צייטל, וויל נישט חתונה האָבן פֿאַר אַ מענטשן, וואָס איז איר פֿרעמד, פֿאַר אַ באַלעבאַטישן קצב, וועלכער שדכנט זיך צו איר און באַרימט זיך דערמיט, אַז וואָס זי וועט עסן ביי אים אינדערוואָכן, האָט זי ביים טאַטן נישט געגעסן אום יום־טוב. צייטל האָט חתונה מיט אַ באַלמעלאָכע אַ שניידער, וואָס איז ליב איר האַרצן. טביהס אַנדערע טאָכטער, הודל, האָט ליב געקריגן פּערטשיקן, וועלכן די צאַרישע רעגירונג פֿאַרשיקט פֿאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע קיין סיביר. די דריטע טאָכטער, חוה, האָט חתונה מיט אַ נישט־יידישן בחור, ברעכנדיק דערמיט די אַלטע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פֿאָראורטיילן, וועלכע האָבן אויפֿגעשטעלט אַ וואַנט צווישן מענטשן פֿון פֿאַרשידענע נאַציעס.

טביה דעם מילכיקערס טעכטער ווערן אַריינגעצויגן אינעם שטראָם פֿונעם נייעם לעבן, וואָס איז טביהן נישט אַלעמאָל פֿאַרשטענדלעך. די טעכטער זיינע פֿירן זיך אין לעבן נישט אַזוי, ווי עס האָבן זיך געפֿירט די טאַטעס און זיידעס. זיי רייסן איין מיט דער אַלטער פֿאַרגאַנגענהייט, און זיי גייען אַריבער צום נייעם, וואָס שרעקט טביהן מיט זיין נייקייט און אומגעוויינטלעכקייט, אָבער טביה געפֿינט אין זיך גענוג מוט און קראַפֿט, אויב נישט כדי צו פֿאַרשטיין און פֿאַרבאַוווסטזיניקן דאָס נייע, וואָס קומט פֿאָר פֿאַר זיינע אויגן, איז כאָטש דאָס אויפֿנעמען מיטן חוש, מיטן אינסטינקט. אויסגעוואַקסן אינעם אַלטן לעבנס־סדר, דורכגעדרונגען מיט יענע השגות, בלייבט פֿונדעסטוועגן טביה אויפֿן צד פֿון דער טאָכטער, וואָס גייט אַוועק אינאיינעם מיט איר מאַן דעם רעוואָלוציאָנער אין וויטן סיביר אין דער פֿאַרשיקונג. דאָ קומט אין טביהן צום אויסדרוק די געזונטע נאַטור פֿונעם אַרבעטס־מענטש, וואָס איז טיף פֿאַרבונדן מיטן פֿאָלק.

טביהן איז שווער זיך צעשיידן מיט די טעכטער, וואָס זיינען אים ליב און טייער. די פֿאַמיליע־אומגליקן ברעכן אונטער דאָס געזונט פֿון זיין טרייער און איבערגעגעבענער פֿרוי גאָלדע, און זי שטאַרבט אים אָפּ. און דאָ איז נאָך טביה געצוווּנגען איבערצולאָזן זיין איינגעזעסענע נעסט, ווייל פֿון דער גובערניע איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל אים אַרויסצושיקן, אויף דעם

סמך, וואָס יידן איז נישט דערלויבט צו וווינען אין דערפער. לאַנגע, לאַנגע יאָרן האָבן דאָ געלעבט פּאָטערס און זיידעס, געלעבט אין פרידן און אין פריינדשאַפט מיט די שכנים די פּויערים, נישט געקוקט אויף אַלע באַמיונגען פון דער צאַרישער רעגירונג צו האַדעווען און צעבלאָזן דעם נאַציאָנאַלן האַס. טביה מוז זיך אונטערוואַרפן דעם ווילקיר פון די צאַרישע סאַטראַפּן און אַוועקוואַרפן זיין איינגעזעסענע היים.

אָט די אַלע אומגליקן און פורעניותן האָבן נישט געבראָכן טביהס געמיט. די קראַפט פונעם פאָלקס־מענטש איז שטאַרק, און ס׳איז אויך שטאַרק דער גלויבן זיינער אינעם זיג פונעם פּרינציפּ פון גערעכטיקייט. אויף זיין אופן דריקט ער אויס דעם פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג. מיר פילן, אַז טביה וועט זיך דערגראָבן ביז צום אמת, ער וועט פאַרשטיין, ווער זיינען זיינע פיינט און וואָס דאַרף מען מיט זיי טאָן, כדי דאָס לעבן זאָל ווערן יושרדיק און שיין. דאָס ווערק „טביה דער מילכיקער" איז ווי אַ פילאָזאָפיש־דיכטערישע פּאָעמע וועגן באַציונג צו דער וועלט, פון פאָלק צו פאָלק, פון מענטש צו מענטש, פון פאָטער צו קינד.

מנחם־מענדל און טביה דער מילכיקער געהערן צו שלום־עליכמס גרונט־געשטאַלטן. עס לאָזט זיך גלייך באַמערקן, אַז די דאָזיקע געשטאַלטן זיינען סיי סאָציאַל און סיי פּסיכאָלאָגיש אַנטקעגנגעשטעלט איינע דער אַנדערער: פון איין זייט — אַ „לופטמענטש" און פון דער אַנדערער — אַ פאָלקסטימלעכער אַרבעטס־מענטש. אין אַ גאַנצער ריי זיינע אַרויסזאָגונגען האָט שלום־עליכם אונטערגעשטראָכן זיין באַזונדערע ליבע צו טביה דעם מילכיקן, דעם טרעגער פון זיינע, שלום־עליכמס, אידעאַלע באַשטרעבונגען.

שלום־עליכם זעט, פאַרשטייט זיך, נישט נאָר די קאָמישע מאָמענטן אין זיין מנחם־מענדלען; אין יענעמס קאָנוולסיווע זוכענישן פון אילוזאָרישע „גליקן" אין דער קאַפּיטאַליסטישערווירקלעכקייט זעט דער שרייבער אויך אַ טראַגישע פאַראורטיילטקייט. אַ גרויסער טרויער פילט זיך אין מנחם־מענדלס ווערטער, וואָס זיינען געווענדט צום ווייב: „השם יתברך זאָל עפּעס אַ נס טאָן מיט מיר: גזלנים זאָלן אויף מיר אָנפאַלן און מיך הרגענען, אָדער איך זאָל אַזוי שטאַרבן, גייענדיק אין גאַס, זוגתי היקרה, איך קאָן דאָס שוין מער נישט איבערטראָגן". אין שלום־עליכמס באַציונג צו מנחם־מענדלען איז דאָ עפּעס קרובישס צו דער באַציונג פונעם גרויסן שפּאַנישן שרייבער סערוואַנטעס צום ריטער פון דער טרויעריקער געשטאַלט, צו זיין דאָן־קיכאָטן: דאָס קאָמישע און דאָס טראַגישע פלעכטן זיך דאָ צונויף אין איין קנויל, וואָס נישט צו צעבינדן און נישט צו צעררייסן אים.

אָבער דורך די שטריכן פון באַדויער און מיטלייד, וואָס ווערן אַרויסגערופן פון מנחם־מענדלס טראַגישן גורל, זעט זיך בולט אַרויס דעם שרייבערס גרונט־באַציונג צו אים — די נעגירונג. שלום־עליכם האָט פּיינט די עצם קאַטעגאָריע פונעם „לופט־מענטש" אַלס אַ קאַטעגאָריע אַ פּאַנטאַסטישע, אַלס אַ קראַנקהאַפטיק געשפּענסט, און שטעלט אים אַנטקעגן אַלס אַ פּאַ־זיטיוון טעזיס, אַלס אַ באַשטעטיקנדיקע קאַטעגאָריע, — טביה דעם מילכיקן, וועלכער איז, נישט געקוקט אויף די געוויסע פּאַרעלטערטע השגות זיינע, פעסט און שטאַרק צונויפגעבונדן מיט דעם פאָלקישן געמיט, מיט געזונטער פאָלקסטימלעכער באַציונג צום לעבן, מיט פאָלקסטימלעכער שעפערישקייט, מיט פאָלקישער אַרבעטס־סטיכיע, מיט דער ערד, אויף וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן און אויף וועלכער ער אַרבעט.

5

דער הומאָר גיט שלום־עליכמען די מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן אַלע קאָמישע זייטן פונעם לעבן, וואָס ער שילדערט, אָבער אין שלום־עליכמס הומאָר איז פאַרבאָרגן אויך אַ גרויסער טרויער, אַ מיטלייד צו מענטשן. דער גרויסער שרייבער ווייסט, אַז די מענטשן, פון וועלכע ער לאַכט, זיינען אָפט „אָן אַ שולד שולדיקע". קאָמיש האָט זיי געמאַכט דאָס נעבעכדיקע און רעכטלאָזע לעבן.

אָט שטייט פאַר אונדזערע אויגן אַ הונגעריקער טרוימער, וואָס האָט נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה, אַ מוראדיק אָרעמער מלמד, וואָס פאַר־נעמט דעם סאַמע אונטערשטן שטאַפּל אין דער אָרעמער מלמדישער היע־ראַרכיע. ער טרוימט וועגן דעם, אַז ווען ער איז ראָטשילד, וואָלט ער גע־מאַכט אויס מלחמות און מענטשן הערן אויף צו קוילן איינס דאָס אַנדערע. ער וואָלט אויך מבטל געמאַכט דאָס געלט, פון וועלכן עס נעמט זיך אלדאָס בייז. אָבער די טרויעריקעווירקלעכקייט רייסט איבער זיינע טרוימען מיט אַ זייער פּראָזאַישער פראַגע: וווּ נעמט מען אויף שבת?

דער דלות פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין צאַרישן רוסלאַנד פלעגט אָננעמען פאַנטאַסטישע פאָרמען. דאָס האָט אָנערקענט אַפילו דער צאַרישער מיניסטער פּלעווע, וועלכן עס איז שווער חושד צו זיין אין סימפּאַטיעס צו יידן. שלום־עליכם גיט אין אַ גאַנצע ריי זיינע דערציילונגען אַ בילד פון אָט דעם דלות, וואָס ווערט נאָך שוידערלעכער איבער דער משונהדיקער קאָנקורענץ. ווי אַן אמתער גראָטעסק קלינגט שלום־עליכמס דערציילונג „קאָנקורענטן", וווּ די האַנדלענדיקע פּערזאָנען זיינען אַ מאַן מיט אַ ווייב.

אין דער יאָגעניש נאָכן קונה טרעטן זיי נישט אָפּ איינער פון דעם אַנדערן אויף אַ טראָט, און זיי שלאָגן איינער ביי דעם אַנדערן אָפּ דאָס שטיקל ברויט.

נישט געפינענדיק אין די צאַרישע ציַיטן קיין אָנווענדונג פאַר זייער מי ביי זיך אין דער היים, פלעגן די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן גע־לעבט אין רוסלאַנד, אָפּט זוכן דעם אויסוועג אין דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. אַמעריקע, וואָס האָט פונדערווייטנס געשיינט מיט אַן אָפּגאַרע־רישער שיין און צוגעזאָגט דעם אָרעמאַן גילדענע בערג, האָט אין דער נאָענט זיך באַוויזן גאָר פון אַן אַנדער זייט. שלום־עליכם שילדערט אָפּט די־פּלאָגעניש פון די יידישע עמיגראַנטן, וועלכע עס האָט געטריבן פון דער היים דער דלות און די צאַרישע אַכזריות.

שלום־עליכם איז נישט קיין סאַטיריקער אינעם אייגנטלעכן באַדייט פון וואָרט. שלום־עליכם איז אַ הומאָריסט, איינער פון די גרעסטע הומאָריסטן אין דער וועלט־ליטעראַטור. ווי אַ ווירקלעך־גרויסער, אַן אמתער פאָלקס־שרייבער, וועלכער האָט פאַרקערפּערט אין זיינע וווּנדערלעכע ווערק די אין משך פון יאָרהונדערט אויסגעפּרוּווטע פאָלקס־קלוגשאַפט, האָט שלום־עליכם בולט אויסגעשפּראָכענע געזעלשאַפטלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. ער איז אַלעמאָל אויפן צד פון פאָלק, אויפן צד פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן. דער געלעכטער ביי שלום־עליכמען מישט זיך מיט טרויער טאָקע דערפאַר, ווייל ער זעט דעם טראַגישן גורל פון די פאָלקס־מאַסן אין די באַדינגונגען פון עקספּלאָאַטאַציע און אונטערדריקונג.

אָבער שלום־עליכם האָט געוווּסט ווי צו געפינען אויך בייזע ווערטער, כדי אויפן אָרט, דירעקט אָפּצושטעמפּלען אָט יענע „אייבערשטע צען טויזנט", וועלכע ליידן פון פעטקייט, וואָס זיי האָבן באַקומען אויפן חשבון פון דעם פאָלקס אַרבעט־שווייס און פּיינען. שלום־עליכם האָט קיינמאָל נישט פאַרלוירן דאָס געפיל פון פאַראַכטונג צו דער גבירישער בורזשואַזיע, צו דער פּלוטאָקראַטיע. נאָך אין די 80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, אין אָנהייב פון זיין ליטעראַרישן וועג, איז שלום־עליכם אַרויסגעטראָטן מיט אַ סאַטירישן ראָמאַן „סענדער בלאַנק", וואָס איז געווען געווענדט קעגן דעם פאַמיליען־שטייגער פון דער יידישער בורזשואַזיע. אין די 90־ער יאָרן האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע „יקנהיז", וווּ ער מאַכט חוזק מיט אַ שאַרף הילכיקן געלעכטער פון די בערזע־שפּעקוליאַנטן. מיט פאַרניכטנדיקן ביטול רעדט וועגן די גבירים שלום־עליכמס באַליבטער העלד — טביה דער מילכיקער, ווי אויך דער דורותדיקער מיטגליד פונעם שניידערשן צעך, דער העלד פון שלום־עליכמס קאָמעדיע „דאָס גרויסע גע־

ווינס"[1] — שימעלע סאָראָקער און פיל אַנדערע פערסאָנאַזשן פון שלום־עליכמס ווערק. שלום־עליכם האָט מיט מייסטערישער דייטלעכקייט געוויזן דאָס עקלהאַפטע, העסלעכע פנים פון די פאַרשידענערליי „מענטשן" פון בוענאָס־איירעס, וואָס האַנדלען מיט לעבעדיקע סחורה, ער האָט פון זייערע כלומרשט גוטמוטיקע פנימער אַראָפּגעריסן די מאַסקע. שלום־עליכם איז אַרויסגעטראָטן מיט סאַטירישע ווערק קעגן דעם צאַרישן רעזשים. און אויך דער אויבערשטער כאַפּט אָפּט אַ פּסק פון די כלומרשט גוטמוטיקע חכמהס טביה דעם מילכיקס, וואָס פלעגט אונטערן אויסרייד, אַז ער איז נישט קיין גרויסער בקי אין די קליינע אותיותלעך, אָפּט „טייטשן" די הייליקע פּסוקים אין אַזאַ ריכטונג, וואָס איז געווען ווייט נישט אָנגענעם פאַרן אויבערשטן און זיינע געטרייע דינערס.

ביי שלום־עליכמען איז פאַראַן אַ גאַנצער ציקל דערציילונגען, וואָס זיינען געווידמעט „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות". די האַנדלונג אין די דאָזיקע דערציילונגען קומט פאָר אין דער ענגער, שטיקנדיקער לופט פון „כתרילעווקע" (אָט־אָ דעם פאַרגלעמיינערנדיקן נאָמען טראָגט ביי שלום־עליכמען דאָס אַלטע יידישע שטעטל). די השגות פון די כתרילעווקער איינוווינער און זייערע פאָרשטעלונגען וועגן דער גרויסער וועלט זיינען זייער נאַיוו און אָפטמאָל לעפיש, דערביי האַלטן די „כתרילעקעס", אַז זיי זייגען דאָס אייבערשטע פון שטייסל.

עס לעבן דאָ באַרימטע קבצנים (אין דעם פּרט איז שלום־עליכמס כתרילעווקע ענלעך צו מענדעלעס קאַבצאַנסק), גרויסע מייסטערס צו הונגערן. שלום־עליכם דערציילט וועגן איינעם אַ כתרילעווקער תושב, וואָס ס'איז אים נמאס געוואָרן צו הונגערן ביי זיך אין כתרילעווקע און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער דער וועלט זוכן גליק. אין זיינע וואָגלענישן האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אַזש קיין פאַריז און איז געקומען צום באַרימטן מיליאָנער — צו ראָטשילדן. דאָ האָט ער פאָרגעלייגט דעם מיליאָנער אַזאַ מין אַרטיקל, וואָס אַזוינס האָט יענער קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט, — ד אָ ס א ײ ב י ק ע ל ע ב ן. מע האָט זיך צונויפגעדונגען פאַר דריי הונדערטער. דעמלט זאָגט דער כתריליק ראָטשילדן: „ווילט איר לעבן אייביק, איז עצתי — איר זאָלט אַוועקוואַרפן אָט דאָס טומלדיקע פאַריז און אַריבערפעקלען זיך בעסער צו אונדז קיין כתרילעווקע, וועט איר קיינמאָל נישט שטאַרבן, וואָרום זינט כתרילעווקע איז אַ שטאָט, איז ביי אונדז נאָך קיין גביר קיינמאָל נישט געשטאָרבן"...

[1] באַקאַנט אונטערן נאָמען „200.000".

שלום־עליכם ווייזט די סיבות פון דער אַנטשטייונג און עקזיסטענץ פון כתרילעווקע. „כתרילעווקע — זאָגט ער — געפינט זיך פונקט אין דער מיט פונעם געבענטשטן „תחום", וווּ מע האָט אַוועקגעזעצט יידן קאָפּ אויף קאָפּ, ווי הערינג אין אַ פעסל, און אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך פרוכפּערן און מערן"... אין די נעבעכדיקע כתרילעווקע אי דעם טרויעריקן פאַנטאַסט מנחם־מענדלען האָט באַשאַפן די באַרבאַרישע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס איז געבויט אויף דער עקספּלאָאַטאַציע פון מענטש דורך מענטש. אין שלום־עליכמס „געלעכטער דורך טרערן" קלינגט אַ ביטערע באַשולדיקונג קעגן אָט דער אָרדענונג, וואָס פאַרקריפּלט דאָס לעבן פונעם מענטשן.

שלום־עליכם אַליין האָט נישט געוווּסט קלאָר דעם וועג, וויאַזוי צו מאַכן פונעם אַרומיקן נעבעכדיקן לעבן אַ לעבן אַ גליקלעכס. ער האָט אָבער אין זיינע ווּנדערבאַרע קינסטלערישע ווערק אויף אייביק פאַרקערפּערט דאָס קאָמישע און טרויעריקע לעבן פון די „קליינע מענטשעלעך" און האָט באַוויזן דעם פאָלק, די פאָלקס־מאַסן, אַז אַזוי לעבן ווייטער קאָן מען נישט. שלום־עליכמס סימפּאַטיעס זענען אַלעמאָל אויפן צד פון די אַרבעטנדיקע און אונטערדריקטע, ער האָט מיט ביטולדיקן האַס זיך באַצויגן צו דער בורזשואַזיע און מיט ליבע געשילדערט די אונטערשטע פאָלקס־שיכטן.

פונקט ווי אַנדערע גרויסע הומאָריסטן, האָט שלום־עליכם זיך באַצויגן מיט גרויסער אויפמערקזאַמקייט און ליבע צו קינדער. ער האָט זיך אין זיינע ווערק זייער גערן געווענדט צו זייערע ליידן און פריידן. „מאָטל פּייסי דעם חזנס" געהערט צו שלום־עליכמס בעסטע ווערק. דער שרייבער שילדערט דאָ אַן אָרעם לעבן, פול מיט נויט און מיט דחקות, זוכענישן פון גליק אין פרעמדע לענדער, — דאָס אַלץ איבערגעבראָכן אינעם באַוווּסטזיין פון אַ קינד. דאָס יינגל מאָטל זאָגט: „מיר איז גוט — איך בין אַ יתום!" דאָס זאָגט, אייגנטלעך, אויף אַ ביטער־סאַרקאַסטישן אופן דער גרויסער הומאָריסט אַליין: עס איז דאָך אים אויסגעקומען צו לאַכן פון אַ לעבן, וואָס איז פול געווען מיט ליידן און מיט אומגליק.

דער קינדערישער באַוווּסטזיין איז נאָך נישט פאַרקריפּלט, נאָך נישט צעקאַליעטשעט דורך דער פאַרניכטנדיקער ווירקונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דעם קינדס נשמה עפנט זיך ברייט אויף אַנטקעגן דער שיינקייט פונעם לעבן, אַנטקעגן דער ליכטיקער זון, אַנטקעגן דער פרילינגדיקער פרייד. שלום־עליכם האָט געגלייבט אין די מעכטיקע קרעפטן פונעם פאָלק, און אין דעם קינדס נשמה האָט דער גרויסער שרייבער געזען דאָס פאָרבילד פונעם פאָלק, דעם אָנזאָג פון אַ קומענדיקער קראַפט. אין שלום־עליכמס קינדער־דערציילונגען האָט זיך אין דער גרעסטער מאָס אַרויסגעוויזן זיין ווּנדערבאַרער האַרציקער ליריזם.

שלום־עליכמס מעשות פאַר קינדער זיינען זייער פאַרשידנאַרטיק לויט זייערע מאָטיוון. מיט גרויסער לירישער וואַרעמקייט שילדערט שלום־עליכם די אויפוואַכונג פונעם קינדערישן ליבע־געפיל („שיר השירים", באַזונדערע זייטלעך אין „מאָטל פייסי דעם חזנס"). ער דערציילט, וויאַזוי דאָס יידישע יינגל, וואָס איז געווען געפּענטעט דורכן אַלטן לעבנשטייגער, האָט זיך געריסן פונעם דושנעם חדר אויף די פרייע רחבותן, וויאזוי דער יצר־הרע האָט אים אַלץ איינגערוימט אין אויער וועגן די „זינדיקע" רייצן פונעם ערדישן לעבן, וועגן פרייהייט, וועגן שיינקייט פון דער נאַטור, וועגן שיינקייט פון דער קונסט („אויפן פידל"). מיט אַ באַזונדערער קראַפט שטרייכט שלום־עליכם אונטער די שטענדיקע ציעניש פונעם קינד צו די פאָלקס־שיכטן („ביי קעניג אחשורוש"). ביי זיי, ביי די פאָלקס־שיכטן געפינט דאָס קינד די אמתע פרייד, און ביי זיי לערנט דאָס קינד די אָנהייבן פונעם קלאַסעוון אַלף־בית, לערנט, ווי אונטערצושיידן זיינע פריינד פון פיינט.

שלום־עליכמס באַליבטע ליטעראַרישע פאָרם איז דער מאָנאָלאָג. שלום־עליכמס העלדן, די אומגליקלעכע מענטשן, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן דערלאָזן זיי נישט צו פרוכטבאַרער, צוועקפולער האַנדלונג, צו זינפולער אַרבעט, לייגן זייער ענערגיע אַריין אינעם וואָרט. מיט ניין מאָס רייד באַמיען זיי זיך ווי „פאַררעדן" דאָס שלימזלדיקע לעבן.

שלום־עליכם איז דערהויפּט דער מייסטער פון נאָוועלע, פון דערציילונג. סיי „מנחם־מענדל" און סיי „טביה דער מילכיקער" — דאָס זיינען אייגנטלעך, ציקלען דערציילונגען, וואָס זיינען פאַראייניקט דורך דער געמייזאַמקייט פון די פערסאָנאַזשן. אָבער שלום־עליכם האָט געשריבן אויך ראָמאַנען. נאָך אין די 80־ער יאָרן האָט ער אָנגעשריבן זיינע דריי באַקאַנטע ראָמאַנען „סענדער בלאַנק", „סטעמפעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי". „סענדער בלאַנק" איז געווענדט קעגן דער פלוטאָקראַטיע און איז באַפאַרבט מיט סאַטירישע טענער. „סטעמפעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי" זענען דורכגעדרונגען מיט אַ ראָמאַנטישער שטימונג. פון שלום־עליכמס פריאיקע ראָמאַנען טיילט זיך אויס מיט זיין באַזונדערער גאַנצקייט „סטעמפעניו", וו די טעמע פון דער פאַרשקלאַפטער פרוי, די טעמע, אין וועלכער עס פילט זיך די ווירקונג פון אָסטראָווסקיס דראַמע „געוויטער", פלעכט זיך איבער מיט דער טעמע פון פאָלקס־טאַלאַנטן, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון פאָלק. אויך אין ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוויי" איז אין צענטער די געשטאַלט פון אַ פאָלקס־טאַלאַנט, פונעם זינגער יאָסעלע.

צו די דאָזיקע ראָמאַנען וועגן די פאָלקס־טאַלאַנטן דאַרף מען צורעכענען אויך שלום־עליכמס שפּעטער אָנגעשריבענעם ראָמאַן „די בלאָנ־

דזשענדע שטערן" (1909—1911). די האַנדלונג איז דאָ פֿאַרבונדן מיטן טרויעריקן גורל און מיטן לעבנס־שטייגער פֿון די אַקטיאָרן פֿונעם אַלטן יידישן טעאַטער, וואָס האָבן געלעבט אַ לעבן פֿון וואַגלעניש און ליידן.

שלום־עליכם האָט נאָך אָנגעשריבן ראָמאַנען „דער מבול" (1907) און „דער בלוטיקער שפּאַס" (1912). דער ערשטער פֿון אָט די ראָמאַנען איז געווידמעט דער טעמע פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פֿון 1905, דער צווייטער איז אָנגעשריבן אונטערן איינדרוק פֿונעם משונהדיק־ווילדן געריכט־פּראָצעס פֿון מענדל בייליסן, וועלכן די צאַרישע רעגירונג האָט באַשולדיקט אין אַ ריטועלן מאָרד פֿון אַ קריסטלעך קינד, — אַזעלכע בלוט־בילבולים קעגן יידן שטאַמען נאָך פֿון די פֿינצטערסטע צייטן פֿונעם מיטלאַלטער. „דער בלוטיקער שפּאַס" שילדערט די רעכטלאָזיקייט פֿונעם יידישן פֿאָלק אונטער דעם צאַרישן יאָך. די ביידע ראָמאַנען פֿאַרמאָגן פֿיל אינטערעסאַנטע זייטלעך, טרעפֿלעכע באַאָבאַכטונגען, שטייגער־שטאָף, — אָבער ביי דעם אַלעם ליגט אויף זיי דער שטעמפּל פֿון איילעניש, וואָס איז פֿאַראורזאַכט געוואָרן דורכן כאַראַקטער פֿון צייטונג־אַרבעט. שלום־עליכם איז געווען געצוווּנגען צו שרייבן אָט די ראָמאַנען זיינע פֿאַר צייטונגען, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין איילן און צוטרייבן דעם שרייבער.

צום זשאַנער פֿון ראָמאַן באַציט זיך אויך שלום־עליכמס לעצט גרויס ווערק „פֿונעם יאַריד", אַ ווערק, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן און וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר זיין בעסט ווערק, פֿאַר זיין „בוך פֿון ביכער". דאָס איז אַ בוך וועגן זיך, וועגן דער קינדהייט און יוגנט, וועגן דעם אַריינטריט אין לעבן, — געשריבן אויפֿן ברייטן פֿאָן פֿונעם דעמלטיקן יידישן לעבנס־שטייגער. דאָס איז אַ גלענצנדיק בוך, וואָס באַצויבערט מיט דער פּלאַסטישקייט פֿון זיינע געשטאַלטן, מיט אַ האַרציקן ליריזם, מיט לאַנדשאַפֿט־מאָלעריי, אַ בוך, וווּ די מייסטערשאַפֿט פֿונעם שרייבער טרעט אַרויס אין דער פֿולער רייפֿקייט.

אַ באַזונדער אָרט אין שלום־עליכמס שאַפֿן פֿאַרנעמט זיין דראַמאַ־טורגיע. שלום־עליכם האָט געשריבן סיי איינאַקטערס, ווי „מזל־טוב", „מענטשן" און אַנד., וואָס האָבן אויף אַ געוויסן אופֿן אַנטשפּראָכן צו זיין נאָוועליסטישן זשאַנער, — און סיי גרעסערע דראַמאַטישע ווערק (צעזייט און צעשפּרייט", „דאָס גרויסע געווינס" און אַנד.). שלום־עליכמס דראַמאַ־טורגיע, וואָס האָט פֿון איין זייט, איינגעזאַפּט אין זיך די בעסטע רעאַ־ליסטישע טראַדיציעס פֿון זיינע פֿאָרגייער אין דער יידישער ליטעראַטור און, פֿון דער אַנדערער זייט, זיך געפֿונען אונטער אַ שטאַרקער אויפֿוויר־קונג פֿון טשעכאָוו און גאָרקין, — האָט געשפּילט אַ רעוואָלוציאָנערע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם יידישן טעאַטער. זי האָט אַריינגעבראַכט

אַ פּרישן שטראָם לעבן, באַשאַפן לעבעדיקע כאַראַקטערן און געשטאַלטן, אַריינגעטראָגן אַקטועלע טעמעס און מאָטיוון, געוווּנען פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט. אויך אויפן געביט פון דראַמאַטישן שאַפן איז שלום־עליכם דער זעלבער רעאַליסט, הומאָניסט, פאָלקס־שרייבער. דערביי דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז דאָס יידישע טעאַטער וועגדט זיך נישט נאָר צו שלום־עליכמס יענע ווערק, וואָס זיינען פון אים דירעקט אָנגעשריבן אין דער דראַמאַטישער פאָרם, נאָר צו דער גאַנצער ליטעראַרישער ירושה פונעם גרויסן שרייבער, ווייל פיל ווערק זיינע זיינען אָנגעזעטיקט מיט דראַמאַטישן שטאָף, וועלכער האָט אַזוי ווי געוואַרט אויף אַ סצענישער פאַרקערפּערונג. אַזוי איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע ריי באַדייטנדיקע און אינטערעסאַנטע שלום־עליכמישע פאָרשטעלונגען פונעם יידישן סאָוועטישן טעאַטער.

6

ווען מיר לייענען שלום־עליכמס הומאָריסטישע געשיכטעס, איז דאָס ערשטע — לאַכן מיר בײנאַנד מיטן שרייבער. זייער אומגעהייערער סאָציאַלער באַדייט און זין איז נישט אויף דער אויבערפלאַך, מע דאַרף אים זוכן טיפער, בפרט, אַז שלום־עליכם געהערט צו דער קאַטעגאָריע שרייבער, ביי וועלכע — ווי, למשל, ביי באַלזאַקן, ביי גאָגאָלן — דער קונסט־מעטאָד (אָדער ריכטיקער געזאָגט: דער אינהאַלט פון די קינסטלערישע געשטאַלטן) איז אָן אַן ערך טיפער פון די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אָנשויונגען, וואָס זיי זאָגן צומאָל אַרויס אין אַ דירעקטער פאָרם. אין דער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער הינזיכט פלעגט שלום־עליכם אַליין אויך צומאָל אונטערגעוואָרפן ווערן די פאָראורטיילן פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, אָבער אין זיינע קינסטלערישע פאַרקערפּערונגען ווערט ער פריי פון די דאָזיקע גרענעצן, ער איז טיף און גרויס.

אַ גרויסער פאַרדינסט פון דער יידישער סאָוועטישער קריטיק איז דאָס, וואָס אונטער דער אויבערפלאַך פון שלום־עליכמס הומאָריסטישע „מעשות" האָט זי אַנטדעקט און דערזען דעם טיפן סאָציאַלן ווערט און באַדייט פון שלום־עליכמס שאַפן. זייער פיל האָט אין דעם פּרט מיטגעהאָלפן דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער מיט זיין סאָציאַל־קינסטלערישער אינטערפּרעטאַציע פון שלום־עליכמס ווערק. צו די הייכן פון קינסטלערישער מייסטערשאַפט האָט דערגרייכט דער וווּנדערבאַרער אַקטיאָר פון אָט דעם טעאַטער, דער פאָלקס־אַרטיסט פון פססר ש. מיכאָעלס. אין דער שיין פונעם נייעם באַוווּסטזיין, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון דער

גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט ער באַוויזן דעם טיפֿן טראַגיזם פֿון פֿאַראורטיילטן לעבנס־סדר און אַנטפּלעקט די אומ־שטערבלעכקייט פֿונעם פֿאָלק, וואָס איז פֿאַרקערפּערט אין שלום־עליכמס וואָרט.

אין שלום־עליכמס גרויסן שאַפֿן איז פֿאַרבאָרגן אַ טיפֿער סאָציאַלער זין. שלום־עליכם האָט אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע געשטאַלטן און אין זײַן סטיל נישט נאָר דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין אַ באַ־שטימטער צײַט. טביה דער מילכיקער וועט פֿאַרנעמען זײַן פּלאַץ אין דער קינסטלערישער גאַלעריע פֿון פֿאָלקס־מענטשן פֿון גאָר דער וועלט — בײַ־נאַנד מיט אַזעלכע קינסטלערישע געשטאַלטן, ווי צום בײַשפּיל, ראָמאַן ראָלאַנס קאָלאַ ברוניאָן. שלום־עליכמס וווּנדערבאַרע קינדער־געשטאַלטן וועלן בלײַבן אינעם זכרון פֿון דער מענטשהייט בײַנאַנד מיט די קינדער־געשטאַלטן פֿון דיקענסן, טוועינען, טשעכאָוון. ביז גאָר אַ גרויסע קראַפֿט פֿון פֿאַראַלגעמײנערונג פֿאַרמאָגט בײַ שלום־עליכמען די געשטאַלט פֿון מנחם־מענדלען, וואָס בײַ איר גאַנצן ייִדישן אייגנאַרט וואַקסט זי איבער די נאַציאָנאַלע גרענעצן. אין מנחם־מענדלס געשטאַלט האָט שלום־עליכם פֿאַרקערפּערט דעם גאַנצן גרויזאַם־שפּאָטלעכן טראַגיזם פֿון די קאָלאָסאַלע מאַסן קלײנבירגערטום, וואָס באַמיען זיך אומזיסט צו געפֿינען אַ ווינקל אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, זיך צוצופּאַסן צום קאַפּיטאַליזם, וועל־כער צעקוועטשט זיי אָן שום רחמנות. און פּונקט אַזוי, ווי למשל, דער באַלזאַקישער האָבסעק איז געוואָרן אַ קינסטלערישער סינאָנים אויף צו באַצייכענען די פֿאַרקריפּלענדיקע מאַכט און ווירקונג פֿון געלט און אייגנ־טימערישקייט, — פּונקט אַזוי איז דער שלום־עליכמישער מנחם־מענדל אַ קינסטלערישער סינאָנים אויף צו באַצייכענען דעם שלימזלדיקן און אומגליקלעכן אַרומשמײַענדיקן קלײנבירגער אין דער אַטמאָספֿער פֿון קאַפּיטאַליזם. די געשטאַלט פֿון מנחם־מענדלען גייט אַרײַן אין אונדזער באַוווּסטזײַן אַלס אַ קינסטלערישע באַשטעטיקונג פֿונעם מאַרקסיסטישן טעזיס וועגן דער טראַגישער פֿאַראורטיילטקייט פֿונעם קלײנבירגערטום אין די באַדינגונגען פֿונעם קאַפּיטאַליזם. ווי אַ ווירקלעך־גרויסער קינסטלער, האָט שלום־עליכם אויף זײַן אופֿן געזען און קינסטלעריש פֿאַרקערפּערט די וויכטיקע סאָציאַלע פּראָצעסן פֿון זײַן צײַט.

פֿון זײַנע ערשטע ליטעראַרישע טריט אָן איז שלום־עליכם אַרויסגע־טראָטן אַלס קעמפֿער פֿאַר אַן אמתדיקער, רעאַליסטישער, עכטער פֿאָלקס־ליטעראַטור. אָט דאָס דאָזיקע פּראָגראַם האָט שלום־עליכם פֿאַרווירקלעכט אין משך פֿון זײַן גאַנצער ליטעראַרישער טעטיקייט. עס זײַנען אים אָרגאַניש פֿרעמד געווען די קונצן און שטיק, וואָס זײַנען געווען כאַראַקטעריסטיש

פאַרן דעקאַדאַנס און פאַר פאַרשידענע מינים פונעם ליטעראַרישן „מאָדער־ניזם", וואָס האָבן פאַרפּילט די ליטעראַטור, באַזונדערס אין די רעאַקציע־יאָרן. שלום־עליכם, וועלכער האָט פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט אָן געפילט אויף זיך די שטאַרקע ווירקונג פון די גרויסע רוסישע רעאַליסטן, האָט געזוכט זיך לערנען ביי לעוו טאָלסטאָיען און טשעכאָוון די קונסט פון פשטות און עכטער אמתדיקייט. אָט די שטענדיקע שטרעבונג צו פשטות און אמתדיקייט איז דאָס בעסטע געבאָט פאַר אונדזער סאָוועטי־שער ליטעראַטור.

מיר האָבן שוין געשריבן וועגן דעם, אַז שלום־עליכמס שאַפן האָט באַקומען די אָנערקענונג נישט נאָר אין דער יידישער סביבה. זיינע ווערק זיינען איבערגעזעצט אויף די אייראָפּעישע שפּראַכן און אויף אַ סך שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר. מיט ליבע און אַכטונג האָט גערעדט וועגן שלום־עליכמען דער גרויסער סאָציאַליסטישער שרייבער א. מ. גאָרקי. נאָך אין יאָר 1910, דורכלייענענדיק „מאָטל פּייסי דעם חזנס" אין דער דעמלט דערשינענער רוסישער איבערזעצונג, האָט גאָרקי געשריבן צו שלום־עליכמען:

„אויפריכטיקער געשעצטער מיטברודער!

אייער בוך האָב איך דערהאַלטן, דורכגעלייענט, געלאַכט און גע־וויינט — אַ וווּנדערלעך בוך! די איבערזעצונג, דוכט מיר, איז געמאַכט געניט און מיט ליבע צום אויטאָר, כאָטש ערטערווייז פילט זיך, אַז אין רוסיש איז שווער איבערצוגעבן דעם טרויעריקן און האַרציקן הומאָר פונעם אָריגינאַל. איך זאָג — עס פילט זיך.

דאָס בוך געפעלט מיר שטאַרק — איך וועל נאָכאַמאָל זאָגן — אַן אויסגעצייכנט בוך!

עס פינקלט אינגאַנצן מיט אַזאַ פיינער, עכטער און קלוגער ליבע צום פאָלק, אָט דאָס געפיל איז אַזוי זעלטן אין אונדזערע טעג.

איך דריק אייך שטאַרק די האַנט

מ. גאָרקי

קאַפּרי, 21 אַפּריל 1910.

גאָרקי איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געשריבן וועגן דער „קלוגער ליבע צום פאָלק", וועלכע דרינגט דורך דאָס גאַנצע שאַפן פון שלום־עליכמען, פון אָט דעם ווירקלעכן און אמתדיקן פאָלקס־שרייבער. ער האָט געשיל־דערט דאָס טרויעריקע לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער אַ צווייענדיקן דרוק, פון אָט יענע מאַסן, וועגן וועלכע איינער פון די שלום־עליכמישע פּערסאָנאַזשן, „דער גליקלעכסטער אין

קאַדניע", האָט געזאָגט, אַז פון צוויי זאַכן האָט זיי גאָט אויסגעהיט: פון לופט און פרנסה. אָבער שילדערנדיק אָט דאָס טרויעריקע לעבן, האָט שלום־עליכם אומאויפהערלעך געגלייבט אין אינעם קומענדיקן זיג פונעם פאָלק. שלום־עליכם, וועלכער האָט באַשאַפן די וווּנדערלעכע געשטאַלטן פון „אָרע־מע און פריילעכע", איז זיך קיינמאָל נישט באַגאַנגען אָן אַ שפּאַס, געמישט מיט ביטערקייט. מיט אָט דעם ביטערן שפּאַס האָט שלום־עליכם דערציילט וועגן זיינע פּערסאָנאַזשן די באַלמעלאָכעס, וואָס זיינען געצוווּנגען צו האָרעווען ביטער פון קאַיאָר ביז שפּעט און דורכשטופּן נעבעכדיק דאָס לעבן, ביז „סיוועט קומען אַמאָל די גוטע צייט, יענע גליקלעכע צייט, ווען עס וועט אַלצדינג ווערן אַנדערש, אַזוי ווי בעבעל זאָגט, און אַזוי ווי קאַרל מאַרקס זאָגט, און אַזוי ווי אַלע גוטע קלוגע לייט זאָגן". אָבער דער גלויבן אין אַ גליקלעכער צוקונפט, דער אָפּטימיזם, וואָס וואָרצלט זיך שטענדיק אין די טיפענישן פון די פאָלקס־מאַסן, דרינגט דורך און באַגייסטערט דאָס שאַפן פונעם גרויסן יידישן פאָלקס־שרייבער.

אָט דער אָפּטימיזם זיינער האָט זיך געשיכטלעך באַרעכטיקט. די שווערע פינצטערע פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט געבוירן שלום־עליכמס טראַ־גיקאָמישע פּערסאָנאַזשן, איז אויף שטענדיק און אויף אייביק צעשטערט און פאַרניכטעט געוואָרן אין אָט דעם טייל פון דער וועלט, וואָס טראָגט דעם וווּנדערלעכן נאָמען: פּסס״ר. אין דער וויסטער צייט, ווען עס האָט גע־הערשט דער צאַריזם, איז רוסלאַנד געווען אַ טורמע פאַר די פעלקער. דאָס יידישע פאָלק, ווי אַנדערע פעלקער פון רוסלאַנד, האָט געלעבט אין דלות, איז געווען פאַרפאָלגט און אונטערדריקט, די יידן זיינען געווען באַגרענעצט אינעם רעכט זיך צו באַוועגן איבערן לאַנד, זיי האָבן נישט געהאַט קיין „ווינרעכט", נישט געהאַט קיין רעכט אויף אַרבעט און אויף בילדונג. די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט באַפרייט אַלע פעל־קער פון רוסלאַנד. און בייַנאַנד מיט די אַנדערע פעלקער פונעם גרויסן פילנאַציאָנאַלן ראַטנפאַרבאַנד בויען די יידן אַ פריי סאָציאַליסטיש לעבן. דער געבירטלינג פון דער אַלטער פינצטערער צייט, דער „לופטמענטש", וועלכער איז אַזוי מייסטעריש געשילדערט ביי שלום־עליכמען, איז פאַר־שווּנדן פון אונדזער סאָציאַליסטישער ערד בייַנאַנד מיט די איבעריקע שרעקלעכע געשפּענסטער פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אין די רעאַקציע־יאָרן נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, ווען די פאַרשידענע שוואַרץ־מאַהשע שרצים זיינען ווידער אַרויס־געקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן און האָבן באַנייט דעם פּאָגראָם קעגן די רעוואָלוציאָנערן, האָט איינער פון די שלום־עליכמישע פּערסאָנאַזשן — אויף זיין, פאַרשטייט זיך, תמימותדיקן און אייגנאַרטיקן לשון, גערדיכט

איבערגעשאָטן מיט שפּאָט — אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, וואָס איז געוואָרן נביאיש. דער תוך פונעם געדאַנק איז באַשטאַנען אין דעם, אַז די שונאים וועלן קריגן זייער מפּלה, אַז עס וועט נאָך קומען די צייט און רוסלאַנד וועט האָבן אַ וווּנדערלעכע קאָנסטיטוציע.[1]

די טויזנטיאָריקע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק איז פול מיט טראַגישע נסיונות, פול מיט וואָגלענישן, בלוט און פּיין, דער טראַגיזם האָט זיך ווי־דער אַרויסגעוויזן מיט אַ נייער קראַפט אין אונדזערע טעג, ווען דער צעיו־שעטער דייטשישער פאַשיזם האָט געפּראַוועט זיינע בלוטיקע אָרגיעס איבער דער מאַכטלאָזער יידישער באַפעלקערונג.

בלויז אין ראַטנפאַרבאַנד האָט דאָס יידישע פאָלק ביינאַנד מיט די אַנדערע פעלקער פונעם ערשטן אין גאָר דער וועלט סאָציאַליסטישן לאַנד דערוואָרבן אַ היים. און ביינאַנד מיט זיין פאָלק האָט אויך דאָ געקריגן אַ היים דער גרויסער פאָלקס־שרייבער שלום־עליכם. אין ערגעץ לייענט מען נישט און מע האָט נישט אַזוי ליב שלום־עליכמען, ווי ביי אונדז אין פססר. פאַר די יאָרן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זיינען ביכער דאָ דערשינען אין אַ סך שפּראַכן אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן. די טיראַזשן פון שלום־עליכמס ביכער, די איבערזעצונגען פון שלום־עליכמען אויף די שפּראַכן פון די ברידערלעכע פעלקער, די סטאַטיסטישע ציפערן פון די ביבליאָטעקן זאָגן עדות, אַז שלום־עליכם געהערט צו די באַליבטסטע שריי־בער פונעם סאָוויעטישן לייענער.[2] די באַפרייטע פעלקער פונעם ראַטנ־פאַרבאַנד אַכטן דעם אָנדענק, שעצן און ליבן די שאַפונג פון די גרויסע מענטשן, וועלכע האָבן אין די שווערסטע באַדינגונגען פון דער פאַרגאַנגענ־הייט טריי געדינט דעם פאָלק מיט זייער שעפערישער מי און צוגעגרייט דעם וועג פאַרן איצטיקן פרייען און גליקלעכן לעבן אין אונדזער סאָציאַליסטיש לאַנד.

---

[1] פון דיין בריוו זע איך אַרויס, אַז ווען מיר האָבן דאָ די קאָנסטיטוציע, וואָס מיר מיינען, באַדאַרפן מיר שוין קיין שום אַמעריקע נישט. דעמלט האָבן מיר דאָ אַ בעסער אַמעריקע, ווי איר דאָרט... יאַנקל! האַלסט גאָר קיין יסורים נישט האָבן: אַזאַ שטיק גאָלד מיר און אַזאַ מכה קרושעוואַנען,*) וואָס פאַר אַ קאָנסטי־טוציע מיר וועלן אם ירצה השם האָבן!... (שלום־עליכם „נישטאָ קיין נייעס", געשריבן אין יאָר 1907).

*) קרושעוואַן — אַ באַוווּסטער שוואַרץ־מאַהניק און אָרגאַניזאַטאָר פון קישי־נעווער פּאָגראָם אין 1903 יאָר (באַמערקונג פון רעד.).

[2] פאַר די יאָרן 1893—1916 זיינען אין רוסלאַנד שלום־עליכמס ווערק דער־שינען אין יידיש און אין רוסיש אין אַ צאָל פון 22.000 עקזעמפּליאַרן, פאַר די יאָרן 1917—1946 האָט דער אַלגעמיינער טיראַזש פון שלום־עליכמס ווערק אין יידיש, רוסיש און אין אַנדערע שפּראַכן פון די סאָוויעטישע פעלקער שוין באַ־טראָפן 4.174.000 עקזעמפּליאַרן (באַמערקונג פון רעד.).

גאנץ טביה דער מילכיקער

טביה דער מילכיקער

צייכענונג פֿון ז. טאָלקאַטשאָוו

קטנתי

אַ בריוול פון שביה דעם מילביקן צום מחבר

געשריבן אין יאָר 1895

קטנתי

(א בריוול פון טביה דעם מילכיקן צום מחבר)

לכבוד צו מיין געליבטן טייערן פריינד ר׳ שלום־עליכם, גאָט זאָל אייך געבן געזונט און פּרנסה מיט אייער ווייב און קינדער, איר זאָלט האָבן גרויס נחת ווו איר וועט זיך קערן און ווענדן, אמן סלה!

ק ט נ ת י! — באַדאַרף איך אייך זאָגן מיטן לשון, וואָס יעקב אבינו האָט געזאָגט אין דער סדרה „וישלח", בשעת ער האָט זיך געלאָזט גיין קעגן עשו׳ן, להבדיל... נאָר טאָמער איז דאָס אפשר נישט אזוי גלייך, בעט איך אייך, פּאַניע שלום־עליכם, איר זאָלט אויף מיר קיין פאריבל נישט האָבן, איך בין א פּראָסטער חי־ורקים, איר ווייסט אוודאי מער פון מיר — וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? אין א דאָרף, מ׳שטיינס־געזאָגט, מע ווערט פאַרגרעבט, ווער האָט צייט אריינקוקן אין א ספר, צי אָפּלערנען א פּרשה חומש מיט רש״י, צי וואָס? א שטיקל גליק, עס קומט דער זומער, פאָרן זיך צונויף די יעהופּעצער נגידים קיין בויבעריק אויף די דאַטשעס, קאָן מען זיך באַגעגענען אמאָל מיטן אן איידעלן מענטשן, הערכן א גוט וואָרט. איר מעגט מיר גלויבן, אז איך דערמאָן מיך אין יענע טעג, ווען איר זענט געזעסן נעבן מיר אין וואַלד, אויסגעהערט מיינע נארישע מעשׂות, איז ביי מיר גלייך, ווי איך זאָל פאַרדינען מי יודע וויפל! איך ווייס נישט מיט וואָס איך האָב ביי אייך אזוי נושא חן געווען, איר זאָלט זיך אָפּגעבן מיט אזא קליין מענטשל, ווי איך, מיר שרייבן בריוולעך גאָר, און לאַ־כל־שכן ארויסשטעלן מיין נאָמען אין א בוך, מאַכן פון מיר א גאַנצן שלש־סעודות, גלייך איך וואָלט דאָ געווען מי יודע ווער, — מעג איך דאָך אוודאי זאָגן: ק ט נ ת י!... אמת, איך בין אייך טאַקע א גוטער פריינד, לאָז מיר גאָט העלפן א הונדערט חלק, וואָס איך ווינטש אייך! איר האָט, דאַכט זיך, גוט געזען, ווי אזוי איך האָב אייך געדינט נאָך אין די גוטע יאָרן, בשעת איר זענט נאָך געזעסן אויף דער גרויסער דאַטשע, — געדענקט איר? — האָב איך אייך געקויפט א בהמה פאַר א פּופּציקער, איז זי געווען א מציאה פון א גנב פינף־און־פופציק. איי, זי איז אויפן דריטן טאָג געפּגרט? בין איך נישט שולדיק: למאי די אנ־

דערע בהמה, וואָס איך האָב אייך געגעבן, איז אויך געפּגרט?... איר ווייסט אליין גאַנץ גוט, ווי אַזוי דאָס האָט מיך געקרענקט; איך בין דעמלט ארומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ! איך ווייס? דאכט זיך, פונעם שענסטן און פונעם בעסטן, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן און אייך אויך, אם ירצה השם, אויפן נייעם יאָר, עס זאָל זיין, ווי זאָגט איר, חדש ימינו כקדם... און מיר זאָל גאָט העלפן אין מיין פּרנסה, איך זאָל זיין געזונט מיט מיין פערדל, להבדיל, און מיינע בהמות זאָלן זיך מעלקן אַזוי פיל, אַז איך זאָל אייך קאָנען דינען אויף ווייטער מיט מיין קעז און פּוטער על צד היותר טוב, אייך און אַלע יעהופּעצער נגידים, גאָט זאָל זיי געבן הצלחה און פּרנסה און אַלדאָס גוטס מיט גרויס נחת. און אייך פאַר אייער טרחה, וואָס איר זענט זיך מטריח פון מיינעטוועגן, און פאַר דעם כבוד, וואָס איר טוט מיר אָן דורך אייער ביכל, זאָג איך אייך נאָך אַמאָל: ק ט נ ת י! פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ שטריימל, אַז אַ וועלט מיט מענטשן זאָלן פּלוצעם געוואָר־ווערן, אַז אויף יענער זייט בויבעריק, נישט ווייט פון אַנאַטעווקע, געפינט זיך אַ ייד, וואָס הייסט ט ב י ה ד ע ר מ י ל כ י ק ע ר? נאָר מסתמא ווייסט איר דאָך, וואָס איר טוט, קיין שכל באַדאַרף איך אייך נישט לערנען, און ווי אַזוי צו שרייבן ווייסט איר שוין אַליין. און ווייטער מיטן איבעריקן דאַרטן פאַרלאָז איך מיך שוין אויף אייער איידעלן כאַראַקטער, אַז איר וועט דאַרטן טאָן אין יעהופּעץ פון מיינעטוועגן אַלצדינג, עס זאָל מיר פונעם ביכל עפּעס אַרויס אַ שטיקל טובה צו מיין פּרנסה. איך באַדאַרף טאַקע, כ׳לעבן, איצטערט נייטיק האָבן: איך רעכן, אם ירצה השם, אין גיכן אָנהייבן טראַכטן מכוח חתונה מאַכן אַ טאָכטער; און אַז גאָט וועט שענקען, ווי זאָגט איר, דאָס לעבן, איז אפשר טאַקע צוויי מיט אַמאָל... דערווייל זייט מיר געזונט און האָט אַ גליקלעכן תמיד, ווי עס ווינטשט אייך פונעם גאַנצן האַרצן פון מיר אייער בעסטער פריינד

ט ב י ה.

יאָ, עיקר שכחתי! אַז דאָס ביכל וועט פאַרטיק ווערן, און איר וועט האַלטן ביי שיקן מיר עפּעס געלט, זאָלט איר מוחל זיין שיקן קיין א נ א ט ע וו ק ע, אויפן שוחטס נאָמען. איך האָב דאָרטן צוויי מאָל אין ווינטער יאָר־צייט: איין מאָל אָסיען־צייט, פאַר „פּאָקראָווע", און דאָס אַנדערע מאָל אַרום „נאָווינאָד", — בין איך, הייסט דאָס, דעמלט אַ שטאָטייד. און ווייטער, גלאַט אַזוי בריוועלעך קאָנט איר שיקן צו מיר גלייך קיין בויבעריק, אויף מיין נאָמען, בזה הלשון: פּערעדאַט גאָספּאָדינו טעוועליו מאָלאָטשנאָהאָ יעווריעי.

דאָס גרויסע געווינס

אַ וואונדערלעכע מעשה, ווי אַזוי טביה דער מילכיקער, אַ ייד אַ אָרעמאַן, אַ מטופל מיט קינדער, איז פּלוצעם מיטאַמאָל באַגליקט געוואָרן דורך אַ משונה־ווילדן פאַל, וואָס איז כדאי, מע זאָל דאָס באַשרייבן אין אַ ביכל. — דערציילט פון טביהן אַליין און איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט.

געשריבן אין יאָר 1895.

דאָס גרויסע געווינס

מקימי מעפר דל,
מאשפות ירים אביון:
ער שטעלט אויף פון דער ערד דעם אָרעמאַן,
פונעם מיסט הייבט ער אויף דעם אביון.
(תהלים קי״ג, ז).

— אז ס׳איז באַשערט דאָס גרויסע געווינס, הערט איר, פאַניע שלום־עליכם, קומט דאָס גלייך אין שטוב אריין, ווי זאָגט איר: למנצח על הגיתית — אַז סע גייט לויפט עס; ס׳איז גאָר נישטאָ דערביי קיין שכל מיט קיין בריהשאַפטן. און טאָמער חלילה פאַרקערט, מעגט איר צעזעצט ווערן רעדנדיק, וועט אייך העלפן, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, ווי זאָגט איר: אין חכמה ואין עצה נגד א שלעכט פערד. א מענטש האָרעוועט, ווערט אויסגעריסן, כאָטש נעם לייג זיך, שונאי ציון, און שטאַרב! פּלוצעם, מע ווייסט נישט פון וואָס און פון וואַנען — עס פערדלט פון אַלע זייטן, ווי אין פסוק שטייט געשריבן: רוח והצלה יעמוד ליהודים. פאַרטייטש באַדאַרף איך אייך נישט, נאָר דער פּשט דערפון איז אזוי, אז א ייד, כל זמן שהנשמה בקרבי — עס שלאָגט זיך נאָך אן אָדער, טאָר ער נישט פאַרלירן דעם בטחון. איך האָב דאָס ארויסגעזען פון זיך אליין טאַקע, ווי אזוי דער אויבערשטער האָט מיט מיר געפירט, מיט מיין איצטיקער פרנסה: וואָרום ווי קום איך גאָר פאַרקויפן קעז און פוטער אין מיטן דרינען, אַז מיין באָבעס באָבע האָט קיינמאָל נישט געהאַנדלט מיט קיין מילכיקס? ס׳איז בנאמנות כדאי, איר זאָלט אויסהאָרכן די גאַנצע מעשה פון אָנהייב ביזן סוף. איך וועל מיך צוזעצן אויף א ווייל אָט דאָ נעבן אייך אויפן גראָז, לאָז זיך דאָס פערדל דערווייל עפּעס קייען, ווי זאָגט איר: נשמת כל חי — אויך א באַשעפעניש ביי גאָט.

בקיצור, דאָס איז געווען אַרום שבועות־צייט, דאָס הייסט, איך זאָל אייך נישט זאָגן קיין ליגן, א וואָך אָדער צוויי פאַר שבועות; און אפשר,

האָ? אַ פּאָר וואָכן נאָך שבֿועות. פֿאַרגעסט נישט, ס'איז שוין, פּאָוואָלינ־קע, איך זאָל אייך זאָגן אַקוראַט, אַזוי גרויס ווי אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, דאָס הייסט, פּונקט ניין יאָר אָדער צען, און אפֿשר נאָך מיט אַ סמי־כּשיק. איך בין דעמאָלט געווען, ווי איר זעט מיך אַט־אָ, גאָר נישט דער, וואָס איצטער, דאָס הייסט, טאַקע דער אייגענער ט ב י ה, נאָר פֿאָרט נישט דער, ווי זאָגט איר: די אייגענע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. דהיינו וואָס? איך בין געווען, נישט פֿאַר אייך געדאַכט, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, כּמעט אַפֿילו, אַז מע וויל שמועסן דאָס אייגענע ווידער צוריק, בין איך נאָך איצט אויך גאַנץ ווייט פֿון אַ נגיד. וואָס מיר פֿעלט צו בראָציקן — מעגן מיר זיך דאָס ביידע ווינטשן פֿאַרדינען דעם היינטיקן זומער ביז נאָך סוכּות; נאָר וועדליק אַמאָל, בין איך היינט, הייסט דאָס, אַ ייד אַ נגיד, מיט אַ פּשט־און־וועגעלע אין איינעם, מיט, קיין עין־הרע, בהמהלעך אַ פּאָר, וואָס מעלקן זיך, מיט נאָך איינע, וואָס האַלט אַט־אַט ביי אָפּקעלבן זיך. ס'איז דאָ, נישט צו פֿאַרזינדיקן, קעז און פּוטער און סמעטענע פֿרישע אַלע טאָג, אייגענע האָרעוואַניע, וואָרום מיר אַלע אַר־בעטן, קיינער זיצט נישט ליידיק. מיין ווייב זאָל לעבן מעלקט די בהמות, די קינדער טראָגן קריגלעך, שלאָגן פּוטער, און איך אַליין, ווי איר זעט אַט־אָ, פֿאָר מיר אַרויס אַלע פֿרימאָרגן אויפֿן מאַרק, גיי דורך אַלע דאַטשעס אין בויבעריק, מע זעט זיך מיט דעם, מיט יענעם, אַלע גרעסטע באַלעבאַטים פֿון יעהופּעץ, מע רעדט זיך דורך אַביסל מיט אַ מענטשן, פֿילט מען, אַז מען איז אויך עפּעס אַ שטיקל מענטש אויף דער וועלט, ווי זאָגט איר, נישט קיין הינקעדיקער שניידער; און ווער שמועסט שבת — בין איך דאָך גאָר אַ מלך, קוק אַריין אין אַ יידישן ספֿר, אַ פּרשה חומש, אַביסל תּרגום, תּהילים, פּרק, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם — איר קוקט מיך אָן, פֿאַניע שלום־עליכם, און טראַכט זיך אוודאי בשעת־מעשה אין האַרצן: „ע, אָט דער טביה איז דאָך עפּעס טאַקע גאָר אַ ייד וואָס קאָטאָרי!”...

בקיצור, וואָס־זשע האָב איך אייך אָנגעהויבן צו דערציילן? יאָ, בין איך, הייסט דאָס, דעמאָלט געווען, מיט גאָטס הילף, אַ ביטערער אָרעמאַן, געשטאָרבן, נישט פֿאַר קיין יידן געדאַכט, מיט ווייב און קינדער דריי מאָל אַ טאָג פֿון הונגער, אַחוץ וועטשערע. געהאָרעוועט האָב איך ווי אַן אייזל, געשלעפּט קלעצער פֿונעם וואַלד צום וואָקזאַל אַ פֿולן וואָגן, עס זאָל אייך צו קיין חרפּה נישט זיין, פֿאַר צוויי גילדן אַ טאָג, און דאָס — נישט אַלע טאָג, און דערמיט גיי האַלט אויס, קיין עין־הרע, אַזאַ שטוב מיט פּיקערס, זאָלן געזונט זיין, מיט, להבֿדיל, אַ פֿערד אויף קעסט, וואָס וויל נישט וויסן וואָס רש"י מאַכט, באַדאַרף קייען אַלע טאָג, גאָר אָן אַ

שום תירוץ. וואָס טוט גאָט? ער איז דאָך, ווי זאָגט איר, א זן ומפרנס לכל — פירט דאָס וועלטל קלוג, מיט שכל; זעט ער, ווי איך מוטשע מיך דאָ אזוי פאַרן שטיקל ברויט, מאַכט ער צו מיר: „דו מיינסט דאָך, טביה, אז ס'איז שוין אחרי כּכלות הכּל — עק וועלט, דער הימל איז אויף דיר געפאַלן? פּע, ביסט א גרויסער נאַר! אָט וועסטו זען, ווי אזוי, אז גאָט וויל נאָר, טוט זיך דאָס מזל אויף א מינוט א דריי נאַליעוואָ קרוגאָם און עס ווערט ליכטיק אין אלע ווינקעלעך; עס קומט אויס, ווי מיר זאָגן אינעם „ונתנה תוקף": מי ירום ומי ישפל — ווער כע פּאַרט און ווער סע גייט צו פוס. דער עיקר איז — בטחון, א ייד באַדאַרף האָפן, נאָר האָפן. איי וואָס? מאַמער ווערט מען דערווייל פאַרשוואַרצט? דערויף זיינען מיר דאָך עפּעס שטיקלעך יידן אויף דער וועלט, ווי זאָגט איר, אתּה בחרתּנו — נישט אומזיסט איז אונדז די וועלט מקנא... אקעגן וואָס שמועס איך דאָס? איך שמועס עס אקעגן דעם, ווי אזוי גאָט האָט מיט מיר געפירט, טאַקע נאָר נסים ונפלאות, איר מעגט דאָס הערכן.

ויהי היום, איין מאָל פאַרנאַכט פאָר איך מיר אזוי זומער־לעבן אין וואַלד, שוין צוריק אהיים, אָן די קלעצער; דער קאָפּ אין דער ערד, אויפן האַרצן וויסט און פינצטער; דאָס פערדל, נעבעך, קוים וואָס עס פלאָנ־טעט מיט די פיס, כאָטש האַק, כאָטש בראָק. „קריך, זאָג איך, שלימזל, אין דער ערד גלייך מיט מיר, וויס אויך וואָס באַדייט א תענית אין א לאַנגן זומער־טאָג, אז דו שטייסט איין ביי טביהן פאַר א פערד!" שטיל ארום און ארום, יעדער קנאַק פון דער בייטש רופט זיך אָפּ אין וואַלד; די זון זעצט זיך, דער טאָג — ער גוססט; די שאָטנס פון די ביימער ציִען זיך אויס לאַנג, ווי דער יידישער גלות; עס הייבט אָן ווערן פינצטערלעך און שטאַרק סומנע אויפן האַרצן. פאַרשידענע געדאַנקען, מחשבות קריכן אין קאָפּ אריין, אלערליי געשטאַלטן פון מענטשן, שוין לאַנג געשטאָרבע־נע, קומען מיר אנטקעגן; און דאָ דערמאָן איך מיך די היים — אז אָך און ווי איז מיר! אין שטוב איז פינצטער, חושך; די קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, נאַקעט און באָרוועס, קוקן ארויס נעבעך אויפן טאַטן, דעם שלימזל, טאָמער וועט ער ברענגען א ברויטל אָ פרישס, און אפשר א בול־קע אהיים; און זי, די אלטע מיינע, געוויינטלעך א יידענע, וואָרטשעט: „קינ־דער באַדאַרף איך אים האָבן, און נאָך זיבן דערצו, כאָטש נעם, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, וואַרף זיי אריין לעבעדיקערהייט אין טייך אריין!" גוט צו הערכן אזעלכע דיבורים? מען איז דאָך נישט מער ווי א מענטש, ווי זאָגט איר, א „בשר ודם", דעם מאָגן קאָן מען מיט קיין ווערטער נישט פאַרשטופּן; מע כאַפּט א שטיקל הערינג, גלוסט זיך טיי,

און צו טיי באַדאַרף מען צוקער, און צוקער, זאָגט איר, איז ביי בראָצקין. „פאַרן שטיקל ברויט, — זאָגט מיין ווייב זאָל לעבן, — וועט די קישקע, נישקשה, מוחל זיין, נאָר אָן דעם גלעזל טיי, זאָגט זי, בין איך אינדערפרי גאָר א טויטע; דאָס קינד, זאָגט זי, א גאַנצע נאַכט ציט פון מיר די שליי!״ און דערוויל איז מען דאָך עפעס א ייד אויף דער וועלט, מנחה איז טאַקע, ווי זאָגט איר, נישט קיין ציג, זי וועט נישט אַנטלויפן, נאָר דאַווענען דאַרף מען. מאַלט אייך, דאָס שיינע דאַווענען, וואָס קאָן שוין זיין, אַז פונקט בשעת שטעלן זיך שמונה־עשרה, צעלאָזט זיך, מעשה־שטן, דאָס פערדל משוגענערווייז; באַדאַרף מען לויפן נאָכן וואָגן, איינהאַלטן די לייצעס און זינגען „אלהי אברהם, אלהי יצחק ואלהי יעקב״ — שוין געשטאַנען שמונה־עשרה! און דאָ, ווי אויף צו־להכעיס, גלוסט זיך דווקא דאַווענען געשמאַק, מיט הארץ, טאָמער וועט ווערן גרינגער אויף דער נשמה...

בקיצור, איך לויף מיר אַזוי נאָכן וואָגן און זאָג די שמונה־עשרה הויך, מיט א ניגון ווי, להבדיל, ביים עמוד: מכלכל חיים בחסד — דער דאָ טוט טאָן שפייזן אַלע זיינע באַשעפעניש, ומקיים אמונתו לישיני עפר — אפילו די וואָס ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל. אוי, טראַכט איך מיר, ליגט מען אין דער ערד! אוי ווערט מען אויסגעריסן! נישט אַזוי, ווי יענע, למשל, די יעהופּעצער נגידים מיין איך, וואָס זיצן א גאַנצן זומער אין בויבעריק אויף די דאַטשעס, עסן און טרינקען און באָדן זיך אין אַלדאָס גוטס. אוי, רבונו של עולם, פאַר וואָס קומט דאָס מיר? איך בין דאַכט זיך א ייד גלייך מיט אַלע יידן. געוואַלד, גאָטעניו, ראה נא בעניינו — זע, זאָג איך, באַטראַכט, ווי מיר האָרעווען, און נעם זיך אָן די קריוודע פון די אָרעמע לייט נעבעך, וואָרום ווער דען וועט זיך זיי אויף זיי אַרומקוקן, ווען נישט דו? רפאנו ונרפא — שיק אונדז צו די רפואה, די מכה האָבן מיר שוין אַליין... ברך עלינו — בענטש אונדז מיט א גוט יאָר, עס זאָל זיין א געראָטעניש אויף אַלע מינים תבואות, פון קאָרן און פון ווייץ און פון גערשטן; כאָטש אפילו, צוריק שמועסנדיק, וואָס וועט מיר, שלימזל, אַרויסקומען דערפון? א שטייגער, למשל, וואָס קומט אַרויס מיין פערדל, להבדיל, צי האָבער איז טייער, צי וואָלוול?... נאָר, פע, גאָט פרעגט מען קיין קשיות נישט, ובפרט א ייד באַדאַרף דאָך אוודאי אָננעמען אַלצדינג פאַר גוט און זאָגן „גם זו לטובה״, מסתמא הייסט גאָט אַזוי. ולמלשינים — זינג איך מיר ווייטער — ולמלשינים, און די „סטיקראַטן״, וואָס זאָגן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, וועלן האָבן א שיין פּנים,

אַז זיי וועלן קומען אַ ה י ן! זיי וועלן דאָס אויסקרענקען מיט פּראָצענט, וואָרום ער איז אַ ש ו ב ר א ו י ב י ם — אַ גוטער צאָלער, מיט אים שפּילט מען זיך נישט, מיט אים באַדאַרף מען גיין מיט גוטן, בעטן אים, שרייען צו אים: אַ ב ה ר ח מ ן — דערבאַרמדיקער, האַרציקער פֿאָטער! ש מ ע ק ו ל נ ו — הער צו אונדזערע קולות, ח ו ס ו ר ח ם ע ל י נ ו — האָב רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער, זיי זיינען נעבעך הונגעריק! ר צ ה — זאָלסט באַוויליקן, זאָג איך, דיין ליב פֿאָלק ישׂראל, ווי אַמאָל, אין בית המקדש, נאָך בשעת די כּהנים מיט די לויים... פּלוצעם — סטאָי! דאָס פֿערדל האָט זיך אָנידערגעשטעלט. איך כאַפּ אָפּ אויף דער גיך דאָס שטיקל שמונה־עשׂרה, איך הייב אויף די אויגן און טו אַ קוק — עס קומען מיר אַנטקעגן גלייך פֿון וואַלד אַרויס צוויי משונה־מאָדנע נפשות, פֿאַרשטעלט און אָנגעטאָן נישט ווי געוויינטלעך. „גזלנים!" — איז מיר דורכגעפֿלויגן אַ געדאַנק אין קאָפּ, און האָב מיך אָבער באַלד פֿאַרכאַפּט צוריק: „פֿע, טביה, ביסט אַ שוטה! ס'טייטש, דו פֿאָרסט אין וואַלד שוין אַזוי פֿיל יאָרן, ביי טאָג און ביי נאַכט, וואָס איז דיר עפּעס פּלוצעם היינט איינגעפֿאַלן גזלנים?" — וויאָ! מאַך איך צום פֿערדל און נעם זיך אָן מיט האַרץ און גיב דעם אַ פּאָר שמיצלעך פֿון הינטן, גלייך ווי נישט מיך מיינט מען.

— רב ייִד! הערט נאָר, רב קרוב! — מאַכט צו מיר איינע פֿון די צוויי נפשות מיט אַ קול פֿון אַ נקבה און ווינקט צו מיר מיט אַ פֿאַטשיילע. — אַנו, שטעלט זיך נאָר אָפּ אויף אַ רגעלע, וואַרט צו אַ ווײַלעטשקע, אַנטלויפֿט נישט, מע וועט אייך, חלילה, גאָר נישט טאָן!

„אַהאַ, אַ נישט גוטער!" — קלער איך מיר, און טאַקע באַלד זאָג איך צו זיך אַליין: „בהמה בצורת פֿערד! וואָס עפּעס פּלוצעם אין מיטן דרינען רוחות מיט שדים?" און שטעל אָפּ דאָס פֿערדל. איך הייב אָן גוט אַריינצוקוקן זיך אין די צוויי נפשות: נקבות; איינע אַן עלטערע מיט אַ זיידן טיכל אויפֿן קאָפּ, די אַנדערע אַ יונגערע מיט אַ פּאַריק; ביידע רויט ווי פֿייער און שטאַרק פֿאַרשוויצט.

— אַ גוטן אָוונט, סקאָציל קומט! — מאַך איך צו זיי שטאַרק אויף אַ קול, כּלומרשט אין גוטן מוט. — וואָס איז אייער באַגער? אויב איר מיינט עפּעס קויפֿן, וועט איר ביי מיר נישט געפֿינען גאָר נישט, סיידן בויכ־ווייטיק אויף מיינע שונאימס קעפּ, אָדער האַרצקלעמעניש אַ פֿולע וואָך, אָדער אַביסל קאָפּדרייעניש, טרוקענע שמערצן, נאַסע יסורים, סיפּקע צרות?...

— שאַ, שאַ! — מאַכן זיי. — זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס אַביסל צעלאָזט! אַ ייִדן, אַז מע זאַטשעפּעט מיט אַ וואָרט, איז מע נישט זיכער

מיטן לעבן! מיר דארפן, זאָגן זיי, גישט קויפן נאָר נישט, מיר האָבן נאָר געוואָלט א פרעג טאָן ביי איך, אפשר ווייסט איר, ווי איז דאָ ערגעץ דער וועג קיין בויבעריק?

— קיין בויבעריק? — מאַך איך און צעלאַך מיך כלומרשט. — עס האָט ביי מיר, זאָג איך, אזא פנים, פונקט ווי איר וואָלט מיך, אשטייגער, פרעגן, צו ווייס איך, אז מע רופט מיך טביה.

— אזוי? מע רופט אייך טביה? א גוטן אָוונט אייך, רב טביה! מיר פארשטייען נישט, וואָס איז דאָ — מאַכן זיי — דער געלעכטער? מיר זיינען פרעמדע, פון יעהופּעץ זיינען מיר, און ווינען דאָ אין בויבעריק אויף א דאַטשע, זיינען מיר, זאָגן זיי ארויסגעגאַנגען אויף א מינוטקעלע שפּאַצירן, און דרייען זיך ארום אזוי אין חעם דאָזיקן וואלד פּאַוואָליגקע פון גאַנץ פרי אָן, בלאָנדזשען און בלאָנדזשען און קאָנען נישט בשום־אופן זיך ארויפשלאָגן אויפן רעכט וועג; דערווייל, זאָגן זיי, האָבן מיר דערהערט עמעצער זינגט אין וואלד, האָבן מיר לכתחילה געמיינט, א קשיא, אפשר איז דאָס, חלילה, א גזלן? נאָר נאָכדעם, זאָגן זיי, אז מיר האָבן דערזען פון דער נאָענט, אז איר זענט, דאַנקען גאָט, א ייד, איז אונדז געוואָרן אביסל גרינגער אויף דער נשמה. היינט פארשטייט איר שוין?

— כאַ־כאַ־כאַ, א שיינער גזלן! — זאָג איך. — איר האָט געהאָרכט אמאָל, זאָג איך, א מעשה מיט א יידישן גזלן, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף א דורכגייער און געבעטן ביי אים א שמעק טאַבעק? אויב איר ווילט, זאָג איך, קאָן איך אייך דערציילן די מעשה.

— די מעשה — זאָגן זיי — לאָזט איבער אויף אן אנדערש מאָל! איר ווייזט אונדז בעסער אָן דעם וועג קיין בויבעריק.

— קיין בויבעריק? — זאָג איך. — סטייטש, אָט דאָס איז דאָך דער אמתער וועג קיין בויבעריק! איר זאָלט אפילו, זאָג איך, נישט וועלן, מוזט איר מיט דעם שליאַך אָנקומען גלייך קיין בויבעריק.

— וואָס־זשע שווייגט איר? — מאַכן זיי צו מיר.

— וואָס־זשע זאָל איך, זאָג איך, שרייען?

— ווי באַלד אזוי, מאַכן זיי צו מיר, קערט איך שוין וויסן, איז עפּעס נאָך ווייט קיין בויבעריק?

— קיין בויבעריק, זאָג איך, איז נישט ווייט, עטלעכע וויאָרסט; דאָס הייסט, זאָג איך, א וויאָרסט פינף־זעקס אָדער זיבן, און אפשר טאַקע אלע אכט.

— אכט וויאָרסט?! — האָבן אויסגעשריגן ביידע ווייבער מיטאַמאָל, געבראָכן די הענט און שיער נישט צעוויינט זיך אוש. — סטייטש, וואָס הערט איר? איר ווייסט וואָס איר רעדט? א ווערטעלע אויסצורעדן! — אכט וויאָרסט?!

— נו, וואָס־זשע, זאָג איך, זאָל איך טאָן? עס זאָל זיין אין מיר געווענדט, וואָלט איך דאָס געמאַכט אביסל קורצער; א מענטש באַדאַרף, זאָג איך, אַלצדינג אויספּרוּוון אויף דער וועלט. אונטערוועגנס טרעפט זיך, אַז מע באַדאַרף, זאָג איך, שלעפּן זיך אין א בלאָטע אַרויף א באַרג, און נאָך ערבֿ־שבת דערצו, דער רעגן שמייסט אין פּנים, די הענט קליאַנקען, דאָס האַרץ חלשט, און דאָ — טראַך! עס לאָפּנעט אן אקס...

— איר רעדט עפּעס גאָר ווי א דולער, — זאָגן זיי צו מיר, — איר זענט גאָר נישט ביי די געדאַנקען, כ׳לעבן. וואָס דערציילט איר פּזמונות, בבא־מעשׂות פון טויזנט־איין־נאַכט? מיר האָבן שוין נישט קיין כּוח צו פּלאָנטען מיט די פיס; א גאַנצן טאָג האָבן מיר, אחוץ א גלעזל קאַווע מיט א פּוטער־בולקע, נאָך אין מויל נישט געהאַט, קומט איר צו גיין מיט אייערע מעשׂות!

— אויב אזוי, — זאָג איך — איז עפּעס אַנדערש; ווי זאָגט מען, קיין טאַנץ גייט נישט פאַרן עסן. דעם טעם פון הונגער פאַרשטיי איך גאַנץ גוט, איר באַדאַרפט מיר נישט דערציילן. עס קאָן זייער שוין זיין, זאָג איך, אַז איך האָב קיין קאַווע מיט קיין פּוטער־בולקע נישט אָנגעקוקט שוין פון א יאָר... און אזוי ווי איך רעד, שטעלט זיך מיר פאָר א גלעזל הייסע קאַווע מיט מילך און מיט א פּוטער־בולקע א פרישע, מיט נאָך גוטע זאַכן... „שלימזל אייגער, טראַכט איך מיר, ביסט טאַקע אַנדערש נישט דערצויגן געוואָרן, נאָר אויף קאַווע מיט פּוטער־בולקעלעך? און א שטיקל ברויט מיט הערינג ביסט דו קראַנק?” און ער, דער יצר־הרע, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, אויף צו־להכעיס קאַווע, אויף צו־להכעיס פּוטער־בולקע! איך הער דעם ריח פון קאַווע, איך פיל דעם טעם פון פּוטער־בולקע — פרישע, געשמאַקע, מחיה־נפשות!

— ווייסט איר גאָר וואָס, רב טביה? — מאַכן צו מיר ביידע ווייבער. — טאָמער וואָלט געווען א סבֿרה, אזוי ווי מיר שטייען אַט־אָ־דאָ, זאָלן מיר זיך אַרויפכאַפּן צו אייך אויפן וואָגן, און איר טאַקע אַליין זאָלט זיך מטריח זיין אונדז אָפּפירן מחילה אהיים, קיין בויבעריק? וואָס וועט איר זאָגן דערויף?

— סאַ משל, זאָג איך, כּחרס הנשבר; איך פאָר פ ו ן בויבעריק, און איר דאַרפט ק י י ן בויבעריק! ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

— נו, איז וואָס? — מאַכן זיי. — ווייסט איר נישט וואָס מע טוט? א ייד א למדן גיט זיך אַן עצה: ער פאַרקערעוועט דאָס וועגעלע און פאָרט צוריק. האָט קיין מורא נישט, רב טביה, זאָגן זיי, זייט זיכער, אם ירצה השם, אז גאָט וועט אונדז ברענגען א היים בשלום, ווינטשן מיר זיך דאָס אויסקרענקען, וואָס איר וועט צו אונדז הערלייגן.

„עפּעס רעדן זיי מיט מיר תרגום־לשון! — טראַכט איך מיר. — פאַרשטעלט, גאָר נישט ווי געוויינטלעך!" — און עס קומען מיר אַרויף אויפן זינען: מתים, מכשפות, לצים, פאַרשלעפּטע קרענק. — „שוטה בן פּיקהאָליע! — טראַכט איך מיר. — וואָס שטייסט דו, ווי א פלאָקן? כאַפּ זיך אַרויף אויפן וואָגן, ווייז דעם פערדל א בייטש און מאַך א ויברח!" נאָר מעשה שטן כאַפּט זיך אַרויס ביי מיר נישט ווילנדיק פונעם מויל:

— קריכט אין וואָגן!

מיינע האָבן דערהערט, זיך דווקא נישט געלאָזט לאַנג בעטן און מאַרש אין וואָגן אַריין; איך נאָך זיי אויף דער קעלניע, פאַרקערעוועט דעם דישל, שמיים דאָס פערדל: איינס, צוויי, דריי, פּאַשאָל! — ווער, וואָס ווען? א נעכטיקער טאָג! פונעם אָרט וויל דאָס נישט רירן, כאָטש נעם צעשנייד דאָס אויף צווייען. „נו, טראַכט איך מיר, היינט פאַרשטיי איך שוין, וואָס דאָס איז פאַר ווייבער... דער גוטער יאָר האָט מיך געטראָגן זיך אָפּשטעלן אין מיטן דרינען, מאַכן א שמועס מיט ווייבער!"... איר פאַרשטייט — פון איין זייט דער וואַלד, דאָס שטילקייט מיטן סומנע־קייט, אקעגן נאַכט, און דאָ — די צוויי נפשות, כלומרשט נקבות... דער סח־הדם אַרבעט גאַנץ געשמאַק אויף אַלע סטרונעס. איך דערמאָן מיך א מעשה פון א באַלעגאָלע, וואָס איז אַמאָל געפאָרן אין וואַלד איינער אַליין און דערזען אויפן שליאַך ליגט א זעקל האָבער. מיין באַלעגאָלע האָט דערזען א זעקל האָבער, האָט ער זיך נישט געפוילט, אַראָפּ פונעם וואָגן, געכאַפּט דאָס זעקל האָבער אויף די פּלייצעס, זיך איינגעריסן דאָס גע־זונט, קוים אַרויפגעלייגט דאָס זעקל האָבער אויפן וואָגן און — הלך לעולמו, פּאַשאָל ווייטער. ער פאָרט אַפּ א קעגן א וויאָרסט, ער טוט זיך א כאַפּ צום זעקל האָבער — נישטאָ קיין זעקל, נישט קיין האָבער; ס'איז גאָר א ציג ליגט ביי אים אין וואָגן, א ציג מיט א בערדל; ער וויל זי אָנרירן מיט דער האַנט, שטעלט זי אים אַרויס א צונג אויף אַן אַרשין, לאָזט אַרויס א משונה־ווילדן געלעכטער און ווערט פאַרשוווּנדן...

— פאַר וואָס פאָרט איר שוין נישט? — מאַכן צו מיר די ווייבער.

— פאַר וואָס איך פאַר שוין נישט? איר זעט דאָך, זאָג איך, פאַר וואָס: דאָס פערדל וויל נישט דאַוונען, ס'איז נישט אויפגעלייגט.

— גיט דעם מיט דער בייטש, מאַכן זיי, איר האָט דאָך אַ בייטש.

— אַ דאַנק אייך, זאָג איך, פאַר דער עצה, גוט וואָס איר האָט מיך דערמאָנט. דער חסרון זאָג איך, וואָס מיין בחור שרעקט זיך נישט אַ־בער פאַר אַזעלכע זאַכן; ער איז שוין אַזוי געוווינט מיט דער בייטש, ווי איך מיטן דלות, — זאָג איך צו זיי בלומרשט מיט אַ ווערטל, און עס וואַרפט מיט מיר דאָס נייגיאַריקע קדחת.

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין — איך האָב אויסגעלאָזט מיין גאַנץ ביטער האַרץ צום פערדל נעבעך; אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז גאָט האָט געהאָלפן, עס האָט גערירט פונעם אָרט, ויסעו מרפידים — און מיר זיינען אַוועק מיטן וואַלד גלייך אונדזער וועג. פאַרנדיק אַזוי, פליט מיר דורך אין קאָפּ גאָר אַ נייע מחשבה: „אוי, טביה, ביסט דו אַ פערדאַטש! ההילות לנפול — ביסט געווען אַ קבצן, און וועסט בלייבן אַ קבצן. סטייטש, גאָט האָט דיר צוגעשיקט אַזאַ באַגעגעניש, וואָס טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָר, ווי אַזוי באַדינגסטו זיך נישט לכתּ־חילה, דו זאָלסט וויסן מהדיקר — וואָס וועסט דו האָבן דערפאַר? ווען מיר זאָל: שמועסן הן על־פּי יושר והן על־פּי סאַוועסט, הן על־פּי מענטשלעכקייט והן על־פּי דין און על־פּי זאַקאָן, און אפילו על־פּי ווייס איך וואָס, איז קיין עוולה נישט, מע זאָל דערביי עפּעס פאַרדינען, און פאַר וואָס טאַקע נישט אָפּלעקן אַ ביינדל, אַז עס האָט זיך שוין יאָ אַזוי געמאַכט? שטעל אָפּ דאָס פערדל, די בהמה, זאָג זיי אַזוי און אַזוי, ברחל בתך האַנאַקעטע: „האָב איך ביי אייך אַזוי פיל און אַזוי פיל, איז גוט, אלא נישט, בעטן מיר אייך, מחילה, אַראָפּ פונעם וואָגן!" נאָר צוריק קלער איך מיר: „ביסט טאַקע אַ בהמה, טביה! דו ווייסט נישט, אַז די פּעול פונעם בער טאָר מען אין וואַלד נישט פאַרקויפן, ווי זאָגט דער גוי: שטשע נע פּאָימאַוו אַ ווזשע סקובע"...

— למאי פאָרט איר נישט אביסל גיכער? — זאָגן די ווייבער און טאָרן מיך פון הינטן.

— וואָס האָט איר, זאָג איך, אַזוי קיין צייט נישט? פון איילעניש, זאָג איך, קומט קיין גוטס נישט אַרויס, — זאָג איך און כאַפּ אַ קוק מן הצד אויף מיינע פאַרשווינדלעך; דאַכט זיך, ווייבער, ווי געוויינטלעך, ווייבער: איינע מיט אַ זיידן טיכל, די אַנדערע מיט אַ פאַריק; זיי זיצן און קוקן איינס אויפּס אַנדערע און שושקען זיך.

— נאָך ווייט? — פרעגן זיי מיך.

— נעענטער, זאָג איך, ווי פון דאַנען אוודאי נישט; אַט באַלד, זאָג איך, האָבן מיר אַ באַרגאַראָפּ מיט אַ באַרגאַרויף; נאָך דעם, זאָג איך, גייט ווידער אַ באַרגאַראָפּ מיט אַ באַרגאַרויף, און ערשט נאָכדעם, זאָג איך, האָבן מיר דעם גרויסן באַרגאַרויף, — און פון דאָרט גייט שוין דער וועג גלייך ביז בוריבעריק...

— עפּעס אַ שלימזל! — רופט זיך אָן איינע צו דער אַנדערער.

— אַ פאַרשלעפּטע קרענק! — זאָגט די אַנדערע.

— אַ רעשטל צו די צרות! — זאָגט ווידער יענע.

— מיר שיינט, אַ משוגענער! — זאָגט די אַנדערע.

„אוודאי — טראַכט איך מיר — בין איך אַ משוגענער, אַז איך לאָז מיך פירן ביי דער נאָז!"...

— ווו וועט איר זיך, אַשטייגער, כדומה למשל, מיינע ליבע ווייבער, הייסן אָפּוואַרפן? — רוף איך מיך אָן צו זיי.

— וואָס הייסט, זאָגן זיי, אָפּוואַרפן? וואָס איז פאַר אַן אָפּוואַרפעכטס?

— עס רעדט זיך אַזוי, זאָג איך, באַלעגאַלע־שפּראַך! אויף אונדזער לשון הייסט דאָס: וווהין וועט איר זיך הייסן פאַרפירן, אַז מיר וועלן קומען, זאָג איך, קיין בוריבעריק, אם ירצה השם, מיטן אויבערשטנס הילף, געזונט און שטאַרק, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן? ווי זאָגט מען; בעסער צוויי מאָל פרעגן איידער איין מאָל בלאָנדזשען.

— אַ? דאָס מיינט איר? איר וועט אונדז, זאָגן זיי, מוחל זיין צופירן צו דער גרינער דאַטשע, וואָס ביים טייך, פון יענער זייט וואַלד. ווייסט איר ווו דאָס איז?

— פאַר וואָס זאָל איך נישט וויסן? — זאָג איך — איך בין אין בוריבעריק ווי ביי זיך אין דערהיים. לאָס איך פאַרמאָגן די אַלפים, זאָג איך, וויפל קלעצער איך האָב אהינצו אַריינגעפירט. אָט ערשט פאַראיאָרן זומער, זאָג איך, האָב איך געשטעלט אויף דער גרינער דאַטשע צוויי קלאַפטער האָלץ מיט אַמאָל; דאָרט איז געזעסן איינער אַ גביר אַ גרויסער, פון יעהופּעץ, אַ מיליאָנשטשיק פון אוודאי אַ מאה אלף קאַרבן, און אפשר פון ריש אַלפים!

— ער זיצט היינט אויך דאָרטן. — רופן זיך אָן צו מיר ביידע ווייבער און קוקן איינס אויפס אַנדערע און שושקען זיך און לאַכן.

— שאַ, זאָג איך, אַז דער צער פון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס, קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז איר האָט מיט אים עפּעס אַ שטיקל שייכות, — וואָלט אפשר געווען, זאָג איך, אַ סברא, איר זאָלט זיך דאָרט מטריח זיין, עפּעס אַ רעד טאָן פון מיינעטוועגן, אַ שטיקל טובה מיר, אַ פּרנסה, אַ

שטעלט, צי ווייס איך וואָס? איך קען, זאָג איך, איינעם אַ יונגן־מאַן, ישׂראל היסט ער, נישט ווייט פון אונדזער שטעטל, געווען אַ גאָרנישט מיט נישט; האָט ער זיך דערשלאָגן אַהינצו, מע ווייסט נישט פון וואַנען און ווי אַזוי — בקיצור, ער איז היינט אַ גאַנצער יאַ־טעבי־דאַם, פאַרדינט אפשר צוואַנציק קאַרבן אַ וואָך, צי אפשר גאָר פערציק, איך ווייס? — לייט האָבן גליק! צי אַ שטיינער, וואָס גייט אָפּ, זאָג איך, אונדזער שוחטס איידעם? וואָס וואָלט פון אים געווען, ווען ער לאָזט זיך נישט אַוועק קיין יעהופּעץ? אמת, די ערשטע עטלעכע יאָר איז ער גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן, שיער נישט געשטאָרבן פון הונגער. דערפאַר אָבער אַצינד, חוץ זיין שאָדן, הלוואַי אויף מיר געזאָגט געוואָרן; ער שיקט שוין געלט אַהיים. ער האָט שוין חשק אַרויסנעמען אַהין זיין ווייב און קינדער, לאָזט מען אים דאָרט נישט זיצן. איי איז דאָך די קשיא: ווי אַזוי זיצט ער? מוטשעט ער זיך מאַקע... שאַט, זאָג איך, אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיך; אָט האָט איר, זאָג איך, דעם טייך, און אָט איז די גרויסע דאַטשע, — זאָג איך און פאָר מיר אַריין ברייטלעך, מיט אַ ירגזון, גלייך מיטן דישל אין גאַניק אַריין. מע האָט אונדז נאָר דערזען, איז געוואָרן ששון ושמחה, אַ געשריי, אַ געפּילדער: „אוי, די באָבע! די מאַמע! די מומע!... זיך געפונען דער שאָדן! מזל־טוב!... געוואַלד, וווּ זענט איר געווען?... אַ גאַנצן טאָג אָן קעפּ... צעשיקט פּאָסט אויף אַלע וועגן... געמיינט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר וועלף, גזלנים, חס־ושלום! וואָס איז די מעשה?"...

— „די מעשה איז אַ שיינע מעשה: געבלאָנדזשעט אין וואַלד, פאַרבלאָנדזשעט העט־ווייט, אפשר צען ווערסט. פּלוצעם אַ ייִד... וואָס פאַר אַ ייִד?... אַ ייִד אַ שלימזל מיט אַ פערד און וועגעלע... קוים מיט צרות איינגעבעטן זיך"... „אַלע בייזע, וויסטע חלומות... אַליין גאָר אָן אַ שומר?... אַ מעשה, אַ מעשה, באַדאַרפט בענטשן גומל"...

בקיצור, מע האָט אַרויסגעטראָגן לאָמפּן אויפן גאַניק, געגרייט צום טיש און אָנגעהויבן טראָגן סאַמאָווארן הייסע, מיט בעקנס טיי, מיט צוקער, מיט איינגעמאַכטס, מיט פיינקוכנס גוטע, מיט פּוטערגעבעקס פרישע, שמעקנדיקע, און נאָכדעם עסנס אַלערליי, די טייערסטע מאכלים, יאַיכלעך פעטע, מיט געבראָטנס, מיט געגענדזנס אַ סך, מיט די בעסטע וויינען און נאַסטאַיקעס. איך בין נאָר געשטאַנען פונדערווייטנס און באַטראַכט, ווי אַזוי, קיין עין־הרע, מען עסט דאָס און מע טרינקט ביי די יעהופּעצער גבירים, קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאָדן: „אַ משכון פאַרזעצן, טראַכט איך מיר, און אַ גביר זאָל מען זיין!" מיר דאַכט, איך ווייס? וואָס דאָ פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד וואָלט פאַר מיינע קינדער

גענוג געווען אויף א גאנצע וואך, ביז שבת. געוואלד, גאטעניו, הארציקער געטרייער, דו ביסט דאך עפעס אן אל ארך אפים, א גרויסער גאט און א גוטער גאט, מיט חסד און מיט יושר, ווי קומט דאס, דו זאלסט אוועקגעבן איינעם גאר, דעם אנדערן גאר נישט? איינעם פוטער־בולקעס, דעם אנדערן מכות־בכורות? און צוריק אבער באטראכט איך מיך: עט, ביסט א גרויסער נאר, טביה, כ'לעבן, וואס איז שייך, דו ווילסט אים זאגן א דעה, ווי אזוי צו פירן די וועלט? מסתמא, אז ער הייסט אזוי, באדארף זיין אזוי; א סימן האט איר, אז ווען עס זאל באדארפן זיין אנדערש, וואלט דאך געווען אנדערש. איי, וואס? פארוואס זאל טאקע נישט זיין אנדערש? איז דער תירוץ: עבדים היינו — דערויף זיינען מיר דאך עפעס שטיקלעך יידן אויף דער וועלט. א ייד באדארף לעבן מיט אמונה און מיט בטחון; ער באדארף גלויבן, ערשטנס, אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט, און האפן אויף דעם, וואס לעבט אייביק, אז עס וועט זיך, מסתמא, אם ירצה השם, פארבעסערן...

— שא, ווו־זשע איז ערגעץ דער ייד? — הער איך עמיצער זאגט.

— שוין אוועקגעפארן דער שלימזל?

— חס־ושלום — רוף איך מיך אן פונהערוויטנס. — וואס הייסט, איך וועל אוועקפארן גלאט אזוי, אן א זייט־געזונט? שלום־עליכם, זאג איך, א גוטן אוונט אייך, ברוכים היושבים, עסט געזונטערהייט, און לאז אייך וויל באקומען!

— קומט־זשע אהער, מאכן זיי צו מיר, וואס שטייט איר דארט אין דער פינצטער? לאמיר אייך אנקוקן באטש, ווען וואס פאר א פנים איר האט. אפשר וועט איר נעמען אביסל בראנפן?

— אביסל בראנפן? אך, זאג איך, ווער זאגט זיך דאס אפ פון א ביסל בראנפן? ווי שטייט דארט אין פסוק: „איזה לחיים ואיזה למות" — מאכט רש"י: גאט איז גאט און בראנפן איז בראנפן. לחיים! — זאג איך און האק אריין א כוסה. — לאז גאט געבן, זאג איך, איר זאלט תמיד זיין רייך און האבן גרויס נחת; יידן, זאג איך, זאלן תמיד זיין יידן; גאט זאל זיי געבן, זאג איך, געזונט און כוח, זיי זאלן קאנען אריבערטראגן די צרות.

— מה שמכם? — רופט זיך אן צו מיר דער גביר אליין, א שיינער ייד מיט א יארמלקע. — פון וואנעט איז א ייד, וווּ זיצט איר, וואס איז אייער פרנסה? זענט איר א באווייבטער? האט איר עפעס קינדער, און וויפל קינדער?

— קינדער? — זאג איך, — נישט צו פארזינדיקן. אויב איטלעכס

קינד, זאָג איך, איז ווערט, ווי מיין באָלדע וויל מיר איינרעדן, א מיליאָן, בין איך רייכער פונעם גרעסטן גביר אין יעהופּעץ. דער חסרון, זאָג איך, וואָס אַרעם איז נישט רייך, קרום איז נישט גלייך, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: המבדיל בין קודש לחול — ווער עס האָט די קליי־נערס דעם איז ווויל. געלט האָבן מאַקע די בראָצקיס, און איך האָב טעכטער. און אַז מע האָט, זאָגט איר, טעכטער, פאַרגייט דער געלעכטער. נאָר גאָר נישט, גאָט איז א פאָטער. ער פירט אויס, דאָס הייסט, ער זיצט אויבן און מיר מוטשען זיך אונטן. מע האָרעוועט, מע שלעפּט קלעצער, א ברירה האָט מען? ווי די גמרא זאָגט: במקום שאין איש — איז א הערינג פיש. דער גאַנצער אומגליק איז — דאָס עסן. ווי מיין באָבע, עליו השלום, פלעגט זאָגן: „ווען דער פּיסק זאָל ליגן אין דער ערד, וואָלט דער קאָפּ געגאַנגען אין גאָלד"... האָט קיין פאַריבל נישט, זאָג איך, עס איז נישטאָ קיין גלייכערס פון א קרומען לייטער און קיין קרומערס פון א גלייך וואָרט, ובפרט, זאָג איך, אַז מע מאַכט שהכל נהיה בדברו אויפן ניכטערן הארצן.

—לאָז מען געבן דעם ייִדן עפּעס עסן! — רופט זיך אָן דער גביר, און עס ווערט באַשאַפן אויפן טיש פון בל־מאמינים שהוא: פיש און פליש, און געבראָטנס, און פערטלען עוף, און פּופּקעס מיט לע־בערלעך אָן א שיעור.

— איר ווערט עפּעס עסן? — מאַכן זיי צו מיר. — גייט וואַשט זיך.

— א קראַנקן פרעגט מען, א געזונטן גיט מען; נאָר וואָס דען, זאָג איך, א דאַנק אייך. א ביסל בראָנפן, זאָג איך, מהיכא־תיתי, נאָר גיין זעצן זיך אָט דאָ מאַכן א גאַנצע סעודה, בשעת דאָרטן, אינדערהיים, מיין ווייב און קינדער, זאָלן געזונט זיין... אויב אייער גוטער ווילן וועט זיין...

בקיצור, מע האָט זיך, אפנים, געשמועסן וואָס איך מיין, און מע האָט מיר געגומען פּאַקן אין וואָגן אַריין איטלעכער באַזונדער: דער א בולקע, דער פיש, דער געבראָטנס, דער א פערטל עוף, דער טיי און צו־קער, דער׳ א טעפּל שמאַלץ, דער א סלאָי איינגעמאַכטס.

— דאָס וועט איר, מאַכן זיי, ברענגען אַהיים א מתנה פאַר אייער ווייב און קינדער. און אַצינד זאָגט, וויפל וועט איר זיך הייסן באַצאָלן פאַר אייער טרחה, וואָס איר האָט זיך מטריח געווען פאַר אונדזערטוועגן?

— סאַ משל, זאָג איך, וואָס איז שייך, איך וועל מיר הייסן אָנ־מעסטן? וויפל אייער גוטער ווילן וועט זיין, זאָג איך, אַזוי וועט איר מיר

באצאָלן. מיר װעלן דורכקומען, װי זאָגט ער, א רענדל אראָפּ א רענדל ארויף. „שקראַב װעט שױן שקראַבעדיקער נישט װערן"...

— ניין, זאָגן זיי, מיר װילן האָרכן פון אייך אליין, רב טביה! האָט קיין מורא נישט, מע װעט אייך, חלילה, נישט קעפּן.

„װאָס טוט מען דאָ? — טראַכט איך מיר, — ס'איז שלעכט: זאָל איך זאָגן א קערבל, איז אן עבירה, טאָמער קאָן איך נעמען צװיי. זאָל איך זאָגן צװיי, האָב איך מורא, טאָמער קוקן זיי מיך אָן װי א משוגע־נעם: פאר װאָס קומט דאָ צװיי קארבן?".

— א דרייערל!!!... — האָט זיך ארױסגעכאַפּט ביי מיר פונעם מױל, און צװישן עולם איז געװאָרן אזא געלעכטער, אז איך האָב מיך שיער אין דער ערד באַגראָבן.

— האָט קיין פאריבל נישט, זאָג איך, טאָמער האָב איך מיך ארױסגעכאַפּט מיט א װאָרט; א פערד, זאָג איך, אױף פיר פיס, ס'פאַר־טיקעט זיך, ובפרט א מענטש מיט איין צונג... עס איז געװאָרן נאָך א גרעסער געלעכטער; מע האָט זיך פּשוט געהאַלטן ביי די זייטן לאכנדיק.

— לאָז שױן זיין גענוג צו לאכן! — רופט זיך אָן דער גביר און נעמט ארױס פון בוזעם־קעשענע א גרױסן טײַסטער און גייט און שלעפּט ארױס פונעם טײַסטער — װיפל מיינט איר, א שטיינער? אנו, טרעפט! — א צענערל, א רױטס, אזױ װי פײַער, איך זאָל אזױ זײַן געזונט מיט אייך אינײַנעם! — און מאכט אזױ: „אָט דאָס האָט איר פון מיר, און איר, קינדער, גיט אייך פון אייער קעשענע װיפל איר פארשטייט".

בקיצור, װאָס טויג אייך — עס האָבן אָנגעהױבן צו פליען אױפן טיש פינפערלעך און דרייערלעך און איינערלעך — הענט און פיס האָבן מיר געציטערט; איך האָב געמיינט, אָט פאַל איך חלשות.

— נו, װאָס שטייט איר? — מאכט צו מיר דער גביר. — נעמט צונױף די עטלעכע קערבלעך פונעם טיש און פאָרט געזונטערהייט צו אייער װייב און קינדער.

— גאָט זאָל אייך געבן, זאָג איך, כפל־כפלים, איר זאָלט פארמאָגן צען מאָל, הונדערט מאָל אזױ פיל, איר זאָלט האָבן אלדאָס גוטס, מיט גרױס נחת! — און זשעבריע צונױף מיט ביידע הענט דאָס געלט — װער געציילט? װאָס געציילט? — און שטופּ אין אלע קעשענעס. — א גוטע נאכט, זאָג איך, א גוטן תמיד און זייט געזונט, און זאָלט האָבן, זאָג איך, גרױס נחת, איר און אייערע קינדער און קינדס־קינדער און אייער גאַנצער משפחה, — זאָג איך און לאָז מיך גיין צום װאָגן. רופט זיך אָן צו מיר די גבירטע, יענע, װאָס מיטן זײַדענעם טיכל:

— שטייט נאָר א ווײַלע, רב טביה, פון מיר באַקומט איר נאָר א באַזונדערע מתנה; אם ירצה־השם, מאָרגן קומט צו פאָרן; איך האָב, זאָגט זי, א מאָורע בהמה, געווען אמאָל א טײַערע בהמה, פלעגט געבן פיר און צוואַנציק גלעזער מילך; היינט האָט זי פון א גוט אויג אויפגעהערט צו מעלקן זיך; דאָס הייסט, מעלקן מעלקט זי זיך, נאָר קיין מילך גיט זי נישט...

— לאַנג לעבן זאָלט איר, זאָג איך, איר זאָלט גאָר קיין יסורים נישט האָבן, בײַ מיר וועט זיך אײַער בהמה אי מעלקן, אי מילך געבן; מײַן אַלטע איז, קיין עין־הרע, אַזאַ באַלעבאָסטע, אַז פון גאָרנישט בראָקט זי לאָקשן, פון פינגער קאָכט זי זאַטירקעס, מיט נסים מאַכט זי שבת און מיט בוכענעצעס לייגט זי די קינדער שלאָפן... . האָט קיין פאַריבל נישט, זאָג איך, טאָמער האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט, א גוטע נאַכט און א גוטן תמיד און זײַט געזונט. — זאָג איך און לאָז מיך גיין. איך קום אַרויס אין הויף צום וואָגן, איך טו מיך א כאַפּ צום פערדל — אוי־וויי, אַן אומגליק, א צרה, א שלאַק! איך קוק אויף אַלע זײַטן, והילד איננו — נישטאָ קיין פערדל!

„נו, טביה, טראַכט איך מיר, דו ביסט אין דער אַרבעט!”... און עס קומט מיר אַרויף אויפן זינען א שיינע מעשה, וואָס איך האָב אמאָל געלייענט ערגעץ אין א ביכל, ווי אַזוי „חברה” האָבן דערטאַפּט אין דער פּרעמד אַן ערלעכן יידן, א חסיד, פאַרנאַרט צו זיך הינטער דער שטאָט אין פּאַלאַץ אַריין, געגעבן אים עסן און טרינקען, און נאָכדעם פּלוצעם מיט אמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן, אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין מיט א נקבה; פון דער נקבה איז באַלד געוואָרן א חיה־רעה, פון דער חיה־רעה האָט זיך אויסגעלאָזט א קאַץ, און פון דער קאַץ — א פּיפּערנאָטער... „זע נאָר, טביה, זאָג איך צו מיר אַליין, צי מע פירט דיך נישט אין באָד אַריין?!”.

— וואָס באַברעט איר זיך דאָרטן און וואָס וואָרטשעט איר? — פרעגט מען מיך.

— וואָס איך באַברע מיך? — ענטפער איך, — אַז אָך און וויי איז מיר, זאָג איך, וואָס איך לעב אויף דער וועלט; איך האָב א שאָדן: דאָס פערדל מײַנס...

— אײַער פערדל, מאַכן זיי צו מיר, איז אין שטאַל. זײַט זיך מטריח אַהינצו, אין שטאַל אַרײַן.

איך קום אַרײַן אין שטאַל און טו א קוק: יאָ, ווי איך בין א ייד! מײַן בחור שטייט זיך גאַנץ פײַן צווישן די נגידישע פערד, שטאַרק

פארטיפט אינעם קיען, רייבט דעם האָבער געשמאַק, אויף וואָס די וועלט שטייט.

— הער נאָר, זאָג איך צו אים, חכם מיינער, שוין צייט אהיים; מיט אמאָל צוכאַפּן זיך, זאָג איך, טאָר מען נישט; אן איבעריקער ביסן, זאָגט מען, קאָן פאַרשאַרטן...

בקיצור, איך האָב אים קוים איינגעבעטן, מחילה איינגעשפּאַנט אים אין וואָגן און האָב מיך געלאָזט אהיים לעבעדיק־פריילעך, געזונגען א „מלך־עליון" גאָר בגילופין. אויך מיין פערדל איז געוואָרן גאָר נישט דאָס, וואָס פריער; א נייע פעל אויף אים אויסגעוואַקסן; שוין נישט געוואַרט אויף קיין בייטש, געלאָפן ווי א מזמור. געקומען אהיים שוין שפּעטלעך אין דער נאַכט, אויפגעוועקט מיין ווייב מיט א שמחה, א פרייד.

— א גוט־יום־טוב, מאַך איך צו איר, מזל־טוב דיר, גאָלדע!

— א וויסטער מזל־טוב דיר א פינצטערער, מאַכט זי, וואָס ביסטו אזוי יום־טובדיק, מיין טייערער ברויט־געבער? דו פאָרסט דאָס פון א חתונה, צי פון א ברית, גאָלדשפּינער מיינער?

— עס איז א חתונה, זאָג איך, מיט א ברית! וואַרט אויס, מיין ווייב, אָט וועסטו באַלד זען אן אוצר, זאָג איך; נאָר קודם־כּל וועק אויף די קינדער, לאָזן זיי נעבעך אויך געניסן, זאָג איך, פון די יעהופּעצער מאכלים...

— צי דו ביסט דול, צי דו ביסט חסר־דעה, צי דו ביסט געווירט, צי הו ביסט פונעם זינען? עפּעס רעדסט דו, ווי א משוגענער, שונאי־ציון! — זאָגט צו מיר מיין ווייב און שעלט, לייענט די תוכחה, ווי גע־וויינטלעך א יידענע.

— א יידענע, זאָג איך, בלייבט א יידענע; נישט אומזיסט זאָגט שלמה המלך, אז צווישן טויזנט ווייבער האָט ער נישט געפונען איינע א רעכטע. א גליק, כ'לעבן, וואָס ס'איז היינט געוואָרן אוים מאָדע צו האָבן א סך ווייבער, — זאָג איך און גיי מיר ארויס צו מיין וואָגן און טראָג מיר אריין פון דאָרטן אלע גוטע זאכן, וואָס מע האָט מיר איינ־געפּאַקט, און שטעל דאָס אלצדינג אויס אויפן טיש. ומיינע חברה־ליט האָבן דערזען בולקעס, דערשמעקט פלייש, זיינען זיי באַפאַלן דעם טיש, ווי די הונגעריקע וועלף נעבעך; עס איז געוואָרן צווישן זיי א כאַפּע־ריי, די הענט האָבן געציטערט, די ציין האָבן געאַרבעט; עס איז געווען, ווי אין פסוק שטייט: ו י א כ ל ו — מאַכט רש"י: מע האָט געקנאַקט ווי די היישעריקן. טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן...

— נו, זאָג שוין, — מאַכט צו מיר מײַן פּלוניתטע, — בײַ װעמען איז דאָס געװען אַן אָרעם מאַלציַיט, צי אַזױ אַ סעודה, און װאָס ביסטו אַזױ האָפּערדיק?

— האָב צײַט, זאָג איך, גאָלדע, דו װעסט אַלץ װיסן. דו צעבלאָז נאָך, זאָג איך, דעם סאַמאָװאַר, און נאָכהער װעלן מיר זיך אַרומזעצן אַלע אַרום טיש, זאָג איך, טרינקען צו גלעזלעך טײ, װי עס געהער צו זײַן. אַ מענטש, זאָג איך, לעבט אײן מאָל אױף דער װעלט, נישט קײן צװײ מאָל, ובפרט, זאָג איך, אַז מיר האָבן שױן איצט אונדזער אײגנס אַ בהמה פֿון פֿיר און צװאַנציק גלעזער אַ טאָג; מאָרגן, אם־ירצה־השם, ברענג איך זי צו פֿירן. אַנו, גאָלדע, — מאַך איך צו איר נאָכדעם, און כאַפּ אַרױס דעם גאַנצן פּאַק סיגנאַציעס. — אַנו, זײַ אַ בריה און טרעף װיפֿל געלט האָבן מיר דאָ?

איך טו אַ קוק אױף מײַן װײַב — זי איז אױס מענטש, טױט װי די װאַנט, קאָן קײן װאָרט נישט אױסרעדן.

— גאָט איז מיט דיר, גאָלדע סערדצע, זאָג איך, װאָס האָסטו זיך אַזױ דערשראָקן? אפֿשר האָסטו מורא, זאָג איך, טאָמער האָב איך דאָס געגנבֿעט אָדער געגזלט? פֿע, זאָג איך, מעגסט זיך שעמען! ביסט טביהס װײַב שױן אַזאַ צײַט און קאָנסט אױף מיר איבערטראַכטן אַזאַ מעשׂה? נאַרעלע, זאָג איך, דאָס איז כּשר געלט, פֿאַרדינט ערלעך מיט מײַן אײגענעם שׂכל און מיט מײַן האָרעװאַניע; איך האָב, זאָג איך, מציל געװען צװײ נפֿשות פֿון אַ גרױסער סכּנה, זאָג איך, װען נישט איך, גאָט װײסט, װאָס עס װאָלט מיט זײ געװען!...

בקיצור, איך האָב איר דערצײלט די גאַנצע מעשׂה, פֿון אלף ביז תּיו, װי אַזױ גאָט האָט דאָ מיט מיר געפֿירט אַרום און אַרום; און מיר האָבן זיך גענומען בײדע איבערציילן דאָס געלט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל — דאָרט איז געװען פּונקט צװײ מאָל ח״י און אײנס אַן איבעריקס, האָט איר אַ קימאַ־לן, הײסט דאָס, פֿון זיבן און דרײַסיק קאָרבן!... מײַנע האָט זיך אַזש צעװײנט.

— װאָס װײנסטו, זאָג איך, נאַרישע ייִדענע?

— װי אַזױ זאָל איך נישט װײנען, זאָגט זי, אַז עס װײנט זיך? אַז דאָס האַרץ איז פֿול, זאָגט זי, גײען די אױגן איבער. גאָט זאָל מיר טאָקע, זאָגט זי, אַזױ העלפֿן, װי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו װעסט קומען מיט אַ גוטער בשׂורה. איך געדענק שױן נישט, זאָגט זי, די צײַט, װען די באָבע צײטל, זאָל זײַן װײַט אָפּגעשײדט, זאָל מיר קומען צו חלום. איך ליג און שלאָף, פּלוצעם חלומט זיך מיר אַ מעלקשעפֿל,

א פולס, ווי אַן אויג; די באָבע צעטל, עליו השלום, טראָגט דאָס טעלער־שעפל אונטערן פאַרטעך, מע זאָל חלילה נישט געבן קיין גוט אויג, און די קינדער שרייען: מאַמע, מאַני!...

— כאַפּ נאָר נישט די לאָקשן פאַר שבת, זאָג איך, נשמה מיינע; לאָז די באָבע צעטל האָבן א ליכטיקן גן־עדן, זאָג איך, ווייס איך נאָך נישט, צי מיר װעלן פון איר עפּעס האָבן; נאָר אז גאָט, זאָג איך, האָט געקאָנט טאָן אזא נס, אז מיר זאָלן האָבן א בהמה, וועט ער מסתמא זען, אז די בהמה זאָל זיין א בהמה... גיב מיר בעסער אַן עצה, גאָלדע־סערדצע, וואָס טוט מען מיטן געלט?

— אדרבה, מאַכט זי צו מיר, וואָס רעכנסטו צו טאָן, טביה, מיט אזוי פיל געלט, קיין עין־הרע?

— אדרבה ואדרבה, זאָג איך, וואָס, רעכנסט דו, קאָנען מיר מאַכן, קיין עין־הרע, מיט אזא קאַפּיטאַל? — און מיר האָבן ביידע גענומען טראַכטן אהין, אהער, דאָס, יענץ, געבראָכן זיך דעם קאָפּ, אויסגערעכנט וווּ ערגעץ א געשעפט אויף דער וועלט. יענע נאַכט האָבן מיר איבער־געהאַנדלט מיט וואָס איר ווילט: געקויפט פערדלעך א פּאָר און באַלד טאַקע זיי פאַרקויפט מיט רווחים; געעפנט א באַקאַלעינע קלייט אין בויבעריק, אויסגעפאַרקויפט די סחורה און באַלד געעפנט א שניטקראָם; געהאַנדלט א שטיקל וואַלד, געכאַפּט אָפּטרעט־געלט עטלעכע קערבלעך און אנטלאָפן; געפרוווט אויסדינגען די אַנאַטעווקער מאַקסע, גענומען דעם „פּראָיעקט”, געמאַכט אביסל הלוואה, אָפּגעגעבן דאָס געלט אויף פּראָצענט...

— משוגע מיינע שונאים! — רופט זיך אָן מיין ווייב — דו ווילסט צעפּלעכטן די עטלעכע גראָשנס, בלייבן מיטן בייטשל?

— וואָס דען, זאָג איך, האַנדלען מיט ברויט און נאָכדעם בלייבן אָן אַנזעצער איז שענער? קאָרג, זאָג איך, ווערט היינט די וועלט בדיל־הדל פון ווייץ? ניי, זאָג איך, האָרך, וואָס אין אַדעס טוט זיך!

— וואָס טויג מיר, זאָגט זי, אַדעס? מיינע אבות־אבותינו זיינען דאָרט נישט געווען און מיינע קינדער וועלן דאָרט נישט זיין, כּל־זמן איך לעב און די פיס טראָגן מיך.

— וואָס־זשע ווילסטו? — זאָג איך.

— וואָס איך וויל? — זאָגט זי — איך וויל, זאָלסט נישט זיין קיין לעקיש און נישט רעדן קיין נאַרישקייטן.

— אוודאי, זאָג איך, ביסטו איצטער א חכמה, ווי זאָגט מען: אז

עס קומען די מאות, קומען די דעות, און אז מען איז אפשר ריך, איז מען נ ע ו ו י ס קלוג... ס'איז תמיד אזוי!

בקיצור, מיר האבן זיך עטלעכע מאל צעקריגט און טאקע באלד איבערגעבעטן, און עס איז ביי אונדז געבליבן דער פלאן, מיר זאלן צו דער מאורע בהמה צוקויפן נאך א בהמה א מעלקעדיקע, וואס גיט מילך...

וועט איר דאך מסתמא פרעגן א קשיא: וואס עפעס א בהמה, פאר וואס נישט קיין פערד? וועל איך אייך ענטפערן: וואס עפעס א פערד, פאר וואס נישט קיין בהמה? בויבעריק איז דאך אן ערטל, וואס עס קומען זיך צונויף אהינצו אויף זומער אלע יעהופעצער נגידים אויף די דאטשעס, און אזוי ווי די יעהופעצער לייט זיינען אלע זייער איידעלע מענטשן, וואס זיינען געצויגן, מע זאל זיי אלצדינג ברענגען גרייטס, גלייך אין מויל אריין: פון האלץ און פון פלייש און פון אייער, הינער, ציבעלעס, פעפער, פעטרישקע, — פאר וואס־זשע זאל זיך נישט געפינען איינער אזעלכער, וואס זאל זיך אונטערנעמען ברענגען זיי אלע מאל אין שטוב אריין קעז און פוטער און סמעטענע וכדומה? וועדליק די יעהופעצער האלטן פון דער אכילה און דאס קערבל איז ביי זיי, ווי זאגט איר, א ממזר, קאן מען דאך לייזן שיין געלט און פארדינען הער־ביי טאקע גראב. דער עיקר, אבי די סחורה זאל זיין סחורה; און אזא סחורה, ווי ביי מיר, קריגט איר דאך נישט אין יעהופעץ אפילו. איך זאל האבן די ברכות מיט אייך איינינעם, וויפל מאל גרויסע לייט, קריסטן, בעטן זיך ביי מיר, איך זאל זיי ברענגען פרישע סחורה: „מיר האבן גע־הערכט, זאגן זיי, טעוול, אז דו ביסט אן ערנטלעכער מאן, כאטש דו ביסט א ייד, א פארך״... מיינט איר, פון ידן וועט איר הערכן אזא קאמפלימענט? ווי לאנג קרענקען מיינע שונאים! קיין גוט ווארט הערט מען נישט פון אונדזערע יידעלעך. זיי ווייסן נאר אריינקוקן יענעם אין טעפל אריין. מע האט דערזען ביי טביהן א בהמהלע אן איבעריקס, א ברימשקע א נייע, — האט מען אנגעהויבן ברעכן זיך די קעפ: פון וואנען און פון וואס? צי האנדלט נישט דער דאזיקער טביה מיט פאלשע סיגנאציעס? אדער צי קאכט ער נישט קיין ספירט שטילערהייט, בשתיקה?... „כא־כא־כא! ברעכט אייך. ברידערלעך, טראכט איך מיר, די קעפ געזונטערהייט!״... איך ווייס נישט, צי איר וועט מיר גלייבן — איר זענט כמעט דער ערשטער, וואס איך האב דערציילט די גאנ־צע געשיכטע, ווי אזוי און וואס און ווען... נאר, מיר דאכט, איך האב מיך אביסל פארעדט. האט קיין פאריבל נישט, מע באדארף אין זינען האבן, ווי זאגט איר, עסק, אדער ווי אין פסוק שטייט: כ ל ע ו ר ב

ל מ י נ ה ו — איטלעכער צו זיינעם. איר צו אייערע ביכלעך, איך צו מיינע טעפּלעך און צו מיינע קריגלעך... איין זאך וועל איך אייך בעטן, פאניע: איר זאָלט מיך כאָטש נישט אַריינשרייבן אין א ביכל; און אז איר וועט מיך אַריינשרייבן, זאָלט איר כאָטש נישט אַרויסשטעלן דעם נאָמען מיינעם... זייט מיר געזונט און האָט אייך א גוטן תמיד.

א בוידעם

געשריבן אין יאָר 1899.

א בוידעם

— רבות מחשבות בלב איש — אזוי, דאכט זיך, שטייט ביי אונדז געשריבן אין דער הייליקער תורה? פארטייטשן דעם פסוק באַדאַרף איך אייך נישט, רב שלום־עליכם; נאָר בלשון אשכנז גערעדט, דאָס הייסט אויף פּראָסט יידיש איז דאָ א ווערטל: „דאָס בעסטע פּערד באַדאַרף האָבן א בייטש, דער קלוגסטער מענטש — אן עצה". אקעגן וואָס זאָג איך עס, הייסט דאָס? אקעגן זיך אליין מאַקע, וואָרום אז איך האָב שכל און קום אריין צו א גוטן פריינד און דערצייל אים דאָס און דאָס, אזוי און אזוי, וואָלט איך געוויס נישט געהאַט אזא מיאוסן פּסק. נאָר וואָס דען? החיים והמות ביד הלשון — אז גאָט וויל שטראָפן א מענטשן, נעמט דאָס אָפּ ביי אים דעם שכל. איך טראַכט מיר צו זיך אליין וויפל מאָל: „באַרעכן נאָר, טביה, דו פערד איינער, ביסט דאָך עפּעס, זאָגט מען, יאָ נישט קיין נאַר, ווי קומסטו זיך לאָזן פירן אין באָד אריין, און נאָך אזוי נאַריש? וואָס וואָלט דיר אָפּגעגאַנגען אַצינדערטאָ, למשל, ביי דיין שטיקעלע פּרנסה, קיין עין־הרע, מיט דיין ביסל מילכיקס, וואָס האָט אזא שם אויף דער וועלט, כ׳לעבן, אומעטום, אין בויבעריק, אין יעהופּעץ, און ווי נישט? ווי פיין און ווי זיס וואָלט דאָס געווען איצטערטאָ, ווען די קלינגערס, א שטייגער, ליגן זיך שטילערהייט אין קאַסטן, ווייט באַגראָבן, קיין בן־אדם ווייסט דערפון, וואָרום ווער דען גייט עס אָן, איך בעט אייך, צי טביה האָט געלט, צי ניין? איך מיין מאַקע באמת. א סך האָט זיך די וועלט אינטערעסירט מיט אים, אז ער איז געלעגן, נישט היינט געדאַכט, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, ניין איילן אין דער ערד, געשטאָרבן דריי מאָל א טאָג פון הונגער מיט ווייב און קינדער? ערשט נאָכדעם, אז גאָט האָט זיך ארומגעקוקט אויף טביהן, אים באַגליקט מיט אמאָל, און ער האָט זיך קוים־קוים דערשלאָגן צו א שטיקל תכלית, אָנגעהויבן אָפּלייגן א קערבל, איז מיט אים געוואָרן פול די וועלט, און טביה איז שוין געוואָרן רב טביה גאָר — א קאַטאָוועס אביסל! עס האָבן זיך שוין ארויסבאַוויזן גוטע פריינד א סך, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: כולם אהובים כולם

ב ר ו ר י ם — אז נאָט ניט מיטן לעפֿל, גיבן לייט מיטן שעפֿל. איט־לעכער באַזונדער קומט צו גיין מיט זיינעם: דער זאָגט אַ שניט־קראָם, דער אַ באַקאַליי, דער זאָגט אַ שטוב, אַ נחלה, און אייביק געווער, דער קומט צוגיין — ווייץ, דער — וואַלד, דער — טאָרגעס... „ברידערלעך! — זאָג איך. — משפּעט זיך אָפּ! איר האָט, זאָג איך, אַ ווילדן טעות; איר מיינט, אפֿנים, איך בין בראָצקי? לאָמיר דאָס אַלע, זאָג איך, פֿאַר־מאָגן, וואָס איך האָב ווינציקער פֿון שי״ן קאָרבן, און אַפֿילו פֿון רי״ש, און אַפֿילו פֿון ק״ן! יענעמס גוטס, זאָג איך, איז גרינג צו שאַצן; יעדן דאַכט זיך, אַז יענעמס ליגט זיך, קומסט צו נאָענט, איז דאָס אַ מעשׂן קנעפּל״.

בקיצור, נישט געדאַכט. זאָלן זיי ווערן, טאַקע אונדזערע יידעלעך מיין איך, מע האָט מיר אַ גוט אויג געגעבן! אַ קרוב האָט מיר גאָט צו־געשיקט, עפּעס אַ שמעלקע, ווייס איך: מיין פֿערדס ביימש־שטעקעלע, ווי מע זאָגט. מנחם־מענדל הייסט ער, אַ פֿליער, אַ ברעכער, אַ לויפֿער, אַ דרייער, אַ געבמיקער טאָג, אויף קיין גוט אָרט זאָל ער נישט שטיין! ער האָט מיך דערטאַפּט און פֿאַרדרייט מיר מיין קאָפּ מיט חלומות. נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן. וועט איר דאָך פֿרעגן: מ ה נ ש ת נ ה — ווי קום איך, טביה, צו מנחם־מענדלען? וועל איך אייך דערויף ענט־פֿערן אַ תּירוץ: ע ב ד י ם ה י י נ ו — ס׳איז אַזוי באַשערט. הערט אַ מעשׂה:

איך קום צו פֿאָרן קיין יעהופּעץ, תּחילת ווינטער, מיט מיין ביסל מילכיקס — אַ פֿונט עטלעכע און צוואַנציק פּוטער פֿרישע פֿון פּוטער־לאַנד, מיט אַ פּאָר שיינע וואָרעטשקעס קעז, גאָלד און זילבער, לאָמיר זיך ביידע ווינטשן אַזאַ יאָר! דאָס פֿאַרשטייט איר דאָך שוין אַליין, אַז איך האָב מיין סחורה פֿאַרצוקערט, נישט געלאָזט זיך אַ לעק, איר זאָלט זאָגן אויף אַ רפֿואה, קיין צייט געהאַט אַפֿילו צו זיין ביי אַלע מיינע זומערדיקע קונים, די בויבעריקער דאַטשניקעס, וואָס קוקן אַרויס אויף מיר, ווי אויף משיחן, וואָרום אַזוי לאַנג שמייסט מען זיי, אייערע יעה־הופּעצער סוחרים מיין איך, ווי זיי קאָנען גאָר געבן אַזאַ שטיקל סחורה, ווי טביה גיט; אייך באַדאַרף איך גישט דערציילן, ווי זאָגט דער נביא: י ה ל ל ך ז ר — גוטע סחורה לויבט זיך אַליין...

בקיצור, אויסגעפּאַרקויפֿט אינגאַנצן עד לפּ״ק און אונטערגעוואָרפֿן מיין פֿערדל אַביסל היי, גיי איך מיר אַרוים אַזוי איין שטאָט. אָ ד ם י ס ו ד ו מ ע פ ר — מע איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, גלוסט זיך אָנקוקן אַ וועלט, כאַפּן לופֿט, זעען די אַנטיקלעך, וואָס יעהופּעץ שטעלט אַרויס אין די פֿענצטער, ווי איינער רעדט: מיט די אויגן נאַ, זע, קוק,

וויפל דו ווילסט, נאָר מיט די הענט — אזאס!... שטייענדיק אזוי ביי א גרויסן פענצטער מיט האלבע פריאלן און קערבלעך זילבערנע א סך מיט באנקאווע בילעטן און מיט גלאט סיגנאציעס אָן א שיעור, טראכט איך מיר בשעת מעשה: רבונו של עולם! ווען איך פארמאָג כאָטש א צענט־חלק, וואָס אָט־דאָס־אָ באטרעפט, וואָס וואָלט איך דעמלט געהאט צו גאָט און ווער וואָלט געווען צו מיר גלייך? ראשית־חכמה וואָלט איך א שידוך געטאָן מיט מיין עלטערער טאָכטער, געגעבן איר ת״ק קאָר־ביצן נדן, אחוץ כלה־מתנות, אחוץ הלבשה מיט חתונה־הוצאות; דאָס פערד און וועגעלע מיט מיינע בהמהלעך וואָלט איך פארקויפט, באלד ארויסגעפאָרן אין שטאָט אריין, געקויפט אַן אָרט אין מזרח־וואַנט, מיין ווייב זאָל לעבן אביסל פערל, און צדקה צעטיילט, ווי דער שענסטער בעל־הבית: געזען, דאָס בית־המדרש זאָל זיין געדעקט מיט אייזן; נישט עס זאָל שטיין, ווי איצט, אָן א דאך, גרייט אלע שעה אויף איינצופאלן; איינגעפירט א שטיקל תלמוד־תורה אין שטאָט מיט א ביקור־חולים, ווי אין אלע לייטישע שטעט, נישט אָרעמע־לייט זאָלן וואלגערן זיך אויף דער הוילער ערד אין בית־המדרש; יאַנקל שייגעץ וואָלט ביי מיר באלד געוואָרן אויס גבאי אין חברה קדישא, געגוג שוין טרינקען בראָנפן און עסן פופקעס מיט לעבערלעך אויף קהלס חשבון!...

— שלום־עליכם, רב טביה! — הער איך עמעצער זאָגט מיר פון הינטן — וואָס מאכט א ייד? — איך דריי מיך אויס און טו א קוק, איך וואָלט געמעגט שווערן, א באקאנטער! „עליכם שלום, זאָג איך, פון וואַנעט איז א ייד?״ — פון וואַנען? פון כתרילעווקע, מאכט ער צו מיר, טאַקע אייערס א פריינדל, דאָס הייסט, איך קער מיך אָן, זאָגט ער, מיט איך א שני בשלישי, אייער ווייב גאָלדע, זאָגט ער, איז מיר אַן אייגן גליד־גליד־שוועסטערקינד. „שאַטזשע נאָר, זאָג איך, זענט איר אפשר נישט ברוך־הערש לאה־דוואָסים אַן איידעם?״ — כמעט ווי געטראָפן, מאכט ער צו מיר: איך בין ברוך־הערש לאה־דוואָסים אַן איידעם, און מיין ווייב הייסט שיינע־שיינדל ברוך־הערש לאה־דוואָסים, היינט ווייסט איר שוין? „שאַט־זשע נאָר, זאָג איך, אייער שוויגערס באָבע, שרה־יענטע, מיט מיין ווייבס מומע, פרומע־זלאַטע, זיינען, דאכט זיך, געווען אויב נישט קיין אייגענע געשוויסטערקינדער, און אויב איך האָב קיין טעות נישט, זענט איר דער מיטלסטער איידעם ביי ברוך־הערש לאה־דוואָסים, נאָר וואָס דען, איך האָב פארגעסן ווי מע רופט אייך, אייער נאָמען, זאָג איך, איז ביי מיר ארויסגעפלויגן פונעם קאָפּ, מה ושמכם? ווי אזוי איז אייער אמתער נאָמען?״ מיך, זאָגט ער, רופט מען מנחם־מענדל ברוך־הערש לאה־דוואָסים, אזוי רופט מען מיך אין דער היים, אין כתרילעווקע.

„אויב אזוי, מיין ליבער מנחם־מענדל, מאך איך צו אים, קומט דאך דיר טאקע שלום־עליכם נאר אויף אן אנדער אופן! זאג־זשע מיר, מיין טייערער מנחם־מענדל, וואס טוסטו דא, וואס מאכט די שוויגער דיינע און דער שווער זאל לעבן? ווי גייט עס דיר, זאג איך, אין געזונט, און וואס מאכן עפעס דיינע געשעפטן?" — עס, מאכט ער, אין געזונט גאט צו דאנקען, מע לעבט; נאר די געשעפטן, זאגט ער, זיינען עפעס היינט נישט אזוי פויגלדיק. „גאט וועט העלפן", מאך איך און כאפ א קוק אויף זיינע מלבושים נעבעך: אויסגעטריפעט אין א סך ערטער, און די שטיוול מחילה צעטרענט סכנות־נפשות... „נישקשה, גאט, זאג איך, וועט העלפן. עס וועט זיך מסתמא פארבעסערן, ווי אין פסוק שטייט: הכל הבל — געלט, זאג איך, איז קיילעכיק: היינט אזוי, מארגן אזוי, אבי מע לעבט; דער עיקר, זאג איך, איז בטחון, א ייד באדארף האפן; און, מע ווערט, זאג איך, פארשווארצט? דערויף זיינען מיר דאך עפעס יידן אויף דער וועלט, ווי זאגט מען: ביסטו א זעלנער, שמעק פולווער. משל כחרס הנשבר — די גאנצע וועלט, זאג איך, איז א חלום... דו זאג מיר בעסער, מנחם־מענדל סערדצע, ווי קומסטו אהער, פלוצעם אין מיטן דער־רינען אין יעהופעץ גאר?" — וואס הייסט, מאכט ער, ווי איך קום אהער? איך בין שוין הי, זאגט ער, פאוואלינקע, אזוי גרוים, ווי א יאר אנדערהאלבן. „אזוי גאר? ביסטו, הייסט דאס, א היגער, זאג איך, טאקע א יעהופעצער תושב?" — ששש! — מאכט ער צו מיר און קוקט זיך ארום און אויף אלע זייטן — שרייט נישט אזוי הויך, רב טביה; א היגער, זאגט ער, בין איך טאקע, נאר צווישן אונדז, זאגט ער, באדארף עס בלייבן... איך שטיי און קוק אים אן טאקע נאר ווי א משוגענעם. „ביסט א בורח, זאג איך, באהאלטסט זיך אין יעהופעץ אין מיטן מארק?" — פרעגט נישט, זאגט ער, רב טביה, ס'איז איר רעכט; איר זענט, אפנים, גאר נישט באקאנט מיט די יעהופעצער דינים און מנהגים... קומט, זאגט ער, וועל איך אייך דערציילן, וועט איר פארשטיין, וואס הייסט מען איז יא א היגער און נישט קיין היגער... און ער האט מיר אנגעהויבן לייענען א צעטל, א גאנצע מגילה, ווי אזוי מע ווערט חא אביסל אויסגעריסן...

„אט פאלג מיך, מנחם־מענדל, פאר זיך דורך צו מיר אין דארף אויף א טאג, וועסט זיך אביסל אויסרוען די ביינער כאטש; וועסט זיין, זאג איך, א גאסט, און אן אנגעלייגטער דערצו, מיין אלטע וועט זיך מיט דיר מחיה זיין".

בקיצור, איך האב ביי אים געפועלט: מיר פארן אהיים — א גדולה! א גאסט! אן אייגן קינד. בעקומען... איינעם. גליק־געשווסטערקינד! [illegible]

א קלייניקייט, ווי זאָגט איר: איינגס איז נישט פרעמדס. עס האָט זיך אָנגעהויבן: אַ חתונה: וואָס הערט זיך אין כתרילעווקע? וואָס מאכט דער פעטער ברוך־הערש? וואָס טוט די מומע לאה־דוואָסי? דער פעטער יאָסל־מנשה? די מומע דאָבריש? און די קינדער זייערע וואָס מאכן? ווער איז געשטאָרבן? ווער האָט חתונה געהאט? ווער האָט זיך געגט? ווער איז טעלעגן געוואָרן און ווער איז אויף דער צייט? „וואָס טויג דיר, מיין ווייב, פרעמדע חתונות, זאָג איך, מיט פרעמדע בריתן? דו זע בעסער, זאָג איך, סע זאָל זיין וואָס צו נעמען אין מויל אריין. כ ל ד כ פ י ן י י ת י ו י צ ר ך — פאַרן עסן, זאָג איך, נייט קיין טאנץ נישט. אויב, זאָג איך, א באָרשטש, איז מה טוב, אלא נישט — מאכט נישט אויס, זאָג איך, קנישעס, אָדער קרעפּלעך, מאנשקעס, צרות־קניידלעך, צי אפשר גאָר, זאָג איך, בלינצעס, ווערטליקעס, ווערהטומן. עס מעג זיין, זאָג איך, מער מיט א געריכט, אבי גיך”.

בקיצור, מע האָט זיך געוואַשן און גאַנץ פיין פאַרביסן, ווי זאָגט איר: ו י א כ ל ו — מאכט רש״י: ווי גאָט האָט געבאָטן. „פאַרביים, מנחם־מענדל, מאך איך צו אים, ס'איז במילא, ווי זאָגט דוד המלך, ה ב ל ה ב ל י ם, א נארישע וועלט און א פאַלשע, און געזונט, אזוי פלעגט זאָגן מיין באָבע נחמה זכר לברכה — געווען א קלוגע יידענע, א חכמה נפלאה — געזונט און פאַרגעניגן זאָל מען זוכן אין שיסל”... מיין גאַסט נעבעך, די הענט האָבן אים אַזש געציטערט, האָט זיך גאָר נישט געקאָנט אָפּלויבן פון מיין ווייבס מלאכה, געשווירן ביי אַלדאָס גוטס, אז ער געדענקט שוין גאָר נישט די צייט, ווען ער זאָל עסן אַזא מילכיקס, אַזעלכע געראָטענע קנישעס מיט אַזוינע באַטעמטע ווערטוטן. „גאַרישקייטן, זאָג איך, דו זאָלסט פאַרזוכן, מנחם־מענדל, איר טייגעכץ, זאָג איך, אָדער א מאַהיגע, וואָס זי מאכט, וואָלסטו דעמלט ערשט געוווּסט וואָס הייסט מעם גן־עדן אויף דער וועלט!”.

בקיצור, אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, האָט מען זיך אביסל צערעדט איטלעכער פון זיינעם, ווי געווינטלעך: איך — פון מיינע געשעפטן, ער — פון זיינע; איך — פון דעם, פון יענעם, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, ער — פון זיינע געשעפטן, דערציילט מעשות פון אָדעס און פון יעהופּעץ, ווי אזוי ער איז שוין געווען אמאָל צען, ווי זאָגט מען, „נא קאָני און פּאָד קאָניעם”, היינט א נגיד, מאָרגן א קבצן, און ווייטער אמאָל א נגיד און ווידער אמאָל אן אביון; געהאנדלט מסחרים עפּעס אַלץ אַזעלכע, וואָס איך האָב אין מיין לעבן נישט געהערט, משונה־אומגעלומפּערטע: „האָס” און „בעס”, און „אַקציעס־שמאַקציעס”, „פּאַטיווילעוו”, „מאַל־

צעוו"־שמאלצעוו", דער גוטער יאָר ווייסט זיי דאַרטן, און חשבונות משוגענערווייז, צען טויזנט, צוואַנציק טויזנט — געלט ווי האָלץ! „איך זאָג דיר דעם אמת, מנחם־מענדל, זאָג איך צו אים, מילא דאָס, וואָס דו דערציילסט פון דיינע משא־ומתנס, איז דאָס אוודאי א בריהשאפט, מע באַדאַרף עס קאָנען; נאָר איין זאַך פאַרשטיי איך נישט: ווערדליס איך סען, זאָג איך, דיין בחורטע, איז מיר, זאָג איך, א גרויס חידוש, וואָס זי לאָזט דיך אזוי פליען און קומט נישט צו דיר, זאָג איך, רייטנדיק אויף א בעזעם". — ע! — מאַכט ער צו מיר מיט א זיפץ. — דאָס זאָלט איר מיר, רב טביה, גאָר נישט דערמאָנען, איך האָב פון איר אזוי אויך, זאָגט ער, קאַלט און ווארעם; איר זאָלט האָרכן, זאָגט ער, וואָס זי שרייבט מיר, וואָלט איר אליין געזאָגט, אז איך בין א צדיק. נאָר דאָס, זאָגט ער, איז פון די קליינע זאַכן, דערויף איז זי א ווייב, זי זאָל מיך באַגראָבן. ס'איז פאַראַן, מאַכט ער, א סך אַן ערגערע זאַך: איך האָב, פאַרשטייט איר מיך, מיין אייגנס א שווינגער! איך באַדאַרף אייך נישט דערציילן, זאָגט ער, איר קענט זי!... „עס קומט אוים ביי דיר, זאָג איך, ווי עס שטייט: ע ק ו ד י ם, נ ק ו ד י ם ו ב ר ו ד י ם — האָס הייסט, א מכה אויף א מכה און אויף דער מכה א בלאָטער?" — יאָ, מאַכט ער, רב טביה, איר זאָגט דאָס גאַנץ גלייך; די מכה איז טאַקע א מכה, נאָר דער בלאָטער, זאָגט ער, אוי, דער בלאָטער איז ערגער פון דער מכה!...

בקיצור, מיר האָבן אזוי פאַוואָלינקע געפלאפלט ביז העט שפּעט אין דער נאַכט אריין; דער קאָפּ האָט זיך מיר אזש געדרייט פון זיינע מעשות מיט די ווילדע געשעפטן, מיט די טויזנטער, וואָס פליען ארויף און אראָפּ, און מיטן פאַרמעגן, וואָס בראָצקי פאַרמאָגט... עס האָבן זיך מיר נאָכדעם א גאַנצע נאַכט געפלאָנטערט: יעהופּעץ... האַלבע פריאַלן... בראָצקי... מנחם־מענדל מיט דער שוויגער... ערשט אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ער אויסגעקוועטשט זיך: וואָס איז? באשר אזוי ווי עס גייט, זאָגט ער, ביי אונדז אין יעהופּעץ א שטיקל צייט, וואָס געלט איז בחשיבות גדול, און סחורה ליגט אין דער ערד, בכן, זאָגט ער צו מיר, אצינדערט האָט איר גיך, רב טביה, כאַפּן היפּשע עטלעכע גראָשנס, און מיך, זאָגט ער, וועט איר ממש דערהאַלטן ביים לעבן, פּשוט מחיה־מתים זיין, פון טויט לע־בעדיק. „רעדסט ווי א יונגל, מאַך איך צו אים, מיינסט, אפּנים, ביי מיר איז יעהופּעצער געלטער, האַלבע פריאַלן? נאַרעלע, זאָג איך, וואָס מיר פעלט צו בראָצקין, מעגן מיר זיך ווינטשן, מיר זאָלן דאָס ביידע פאַרדינען ביז פּסח". — יאָ, מאַכט ער, דאָס וויים איך אליין; נאָר איר מיינט, זאָגט ער, מע באַדאַרף דערצו האָבן גרויסע געלטער? איין הונדערטער,

זאָגט ער, ווען איר גיט מיר אצינד, מאַך איך אייך פון אים אין דריי־פיר טעג צוויי הונדערט, דריי הונדערט, זעקס הונדערט, זיבן הונדערט, און פאַר וואָס נישט מאַקע אַלע טויזנט? „עס קאָן זייער שיין געמאָלט זיין, זאָג איך, עס זאָל זיין, ווי אין פסוק שטייט: ק ר ו ב ל ש כ ר ו ר ח ו ק מ ק ע ש ע נ ע. נאָר ווען, זאָג איך, איז דאָס געווען געוואָרן? אַז ס'איז דאָ וואָס איינצושטעלן; אָבער אַז ס'איז נישטאָ דער הונדערטער, קומט דאָך אויס, זאָג איך, ב ג פ ו י ב ו א ב ג פ ו י צ א — מאַכט רש"י: אַז מע ליגט אַריין אַ קרענק, נעמט מען אַרויס קדחת". — עט נו, מאַכט ער צו מיר, אַ הונדערטער וועט זיך נאָך ביי אייך, רב טביה, געפינען; ביי אייער פרנסה, זאָגט ער, מיט אייער נאָמען, קיין עין־הרע... „וואָס קומט, זאָג איך, אַרויס פונעם נאָמען? אַ נאָמען איז אוודאי זייער אַ גוטע זאַך; נאָר וואָס דען? איך בלייב ביים נאָמען, און געלט האָט טאַקע אַלץ בראָצקי... אויב דו ווילסט, זאָג איך, וויסן אַקוראַט, פאַרמאָג איך מיין איינגס אַרום און אַרום קוים־קוים אַ הונדערטער, האָב איך אויף אים אַכצן לעבער: ערשטנס, חתונה מאַכן אַ טאָכטער..." — הערסטו, מאַכט ער, אָט דאָס מיינט דאָך טאַקע דער פסוק! וואָרום ווען, זאָגט ער, קאָנט איר, רב טביה, האָבן אַזאַ געלעגנהייט אַריינצולייגן איין הונדערטער און אַרויסנעמען, אם ירצה השם, אַזוי פיל, אַז עס זאָל אייך, זאָגט ער, קאַפּן אי אויף חתונה מאַכן קינדער, אי אויף עפּעס נאָך? און ס'איז אוועקגעגאַנגען אַ נייער מזמור אויף דריי זייגער שעה, מיר געבן צו פאַר־שטיין, ווי אַזוי ער מאַכט פון אַ קערבל דריי און פון דריי צען. מע נעמט, זאָגט ער, ראשית־חכמה, און מע טראָגט אַריין אַ הונדערטער און מע הייסט זיך, זאָגט ער, קויפן אַ צען שטיקלעך — איך האָב שוין פאַרגעסן, ווי אַזוי מע רופט דאָס — און מע וואַרט צו עטלעכע טעג ביז עס הייבט זיך אויף. שלאָגט מען אַ דעפּעש ערגעץ אַהין, מע זאָל דאָס פאַר־קויפן און פאַרן געלט קויפן צוויי מאָל אַזוי פיל; נאָכדעם הייבט זיך עס ווידער אַמאָל, קלאַפּט מען ווידער אַ דעפּעש; אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז עס ווערט, זאָגט ער, פונעם הונדערטער — צוויי, פון די צוויי — פיר, פון די פיר — אַכט, פון די אַכט — זעכצן, טאַקע ממש נסים ונפלאות! פאַראַן, זאָגט ער, אין יעהופּעץ אַזעלכע, וואָס זיינען ערשט אָט דאָ נישט לאַנג אַרומגעגאַנגען אָן שטיוול, געווען מעקלער, באַהעלפערס, משרתים; היינט האָבן זיי אייגענע הייזער, מויערן, זייערע ווייבער האָבן צו טאָן מיט די מאָגנס — פאַרן קיין אויסלאַנד זיך היילן... און אַליין פליען זיי אַרום איבער יעהופּעץ אויף גומעלאַסטיקענע רעדלעך, פּו־פּו — דערקענען שוין נישט קיין מענטשן!...

בקיצור, וואָס זאָל איך אײַך דאָ לאַנג מאַריך זײַן? עס האָט מיך אָנגע־נומען אַ חשק נישט אויף קאַטאָוועס. אַ קשיא אויף אַ מעשה, טראַכט איך מיר, אפשר איז ער דער גוטער שליח מײַנער? אָט האָרך איך דאָך פּאַרט, מענטשן ווערן גליקלעך אין יעהופּעץ מיט פינף פינגער, — וואָס בין איך ערגער פון זיי? קיין ליגנער איז ער, דאַכט זיך, נישט, ער זאָל אויסטראַכטן פונעם קאָפּ אַזעלכע פּזמונות. טאָמער טאַקע, קלער איך מיר, טוט זיך עס טאַקע אַ דריי, ווי זאָגט איר, אויף דער רעכטער זײַט, און טביה ווערט כאָטש אויף דער עלטער אַ שטיקל מענטש? ביז וואַנעט איז טאַקע דער שיעור צו האָרעווען, אויסגעריסן ווערן, כ׳לעבן? טאָג ווי נאַכט ווידער אַמאָל דאָס פערד־און־וועגעלע און אָבער אַמאָל קעז און פּוטער. צײַט, זאָג איך, טביה, זאָלסט שוין אָפּרוען זיך, ווערן אַ באַלע־באָס צווישן באַלעבאַטים, קומען אין אַ בית־המדרש, אַרײַנקוקן אין אַ יידישן ספר. אי וואָס? טאָמער חלילה, לא יעלה ולא יבוא, עס מאַכט מיר לעמל, דאָס הייסט, מיט דער פּוטער אַראָפּ? למאי זאָל איך בעסער נישט קלערן דאָס אײַטענטע צוריק? — „האָ? ווי אַזוי זאָגסטו? — רוף איך מיך אָן צו מײַן אַלטער. — ווי געפעלט דיר, אַ ושטייגער, גאָלדען דער פּלאַן זײַנער?" — וואָס זאָל איך, מאַכט זי, דערויף זאָגן? איך ווייס, זאָגט זי, מנחם־מענדל איז חלילה נישט קיין אַביוואָער, וואָס זאָל בײַ דיר ווערן אויסנאַרן; ער איז, חס־ושלום, נישט פון קיין שנײַדערס און פון קיין שוסטערס! ער האָט, זאָגט זי, זייער אַ לײַטישן טאַטן, און אַ זיידן, זאָגט זי, האָט ער געהאַט גאָר אַ צאַצקע, געזעסן יומם ולילה און בלינ־דערהייט געלערנט תורה. און די באָבע ציטל, זאָל זײַן ווייט אָפּגעשיידט, איז עפּעס אויך געווען, זאָגט זי, נישט קיין פּראָסטע יידענע... „ס׳איז אַ משל צו חנוכה־ליכטלעך, זאָג איך, מע רעדט עסק, קומט זי צו גיין מיט דער באָבע ציטל, וואָס האָט געבאַקן האָניק־לעקעך, און מיט איר זיידן, וואָס יצאה נשמתו בגלעזל... אַ יידענע בלײַבט אַ יידענע. נישט אומזיסט, זאָג איך, איז שלמה המלך אויסגעפאָרן די גאַנצע וועלט און נישט געפונען איין יידענע מיט אַ קלעפּקע אין קאָפּ"...

בקיצור, עס איז געבליבן, אַז מיר שליסן שותפות; איך לייג אַרײַן געלט, און מנחם־מענדל — שכל, און וואָס גאָט וועט געבן איז דאָס אויף דער האלב. — גלויבט מיר, זאָגט ער, איך וועל מיט אײַך, רב טביה, אם ירצה השם, אויסהאַנדלען פײַן, וואָס פײַן הייסט, און וועל אײַך מיט גאָטס הילף געבן געלט און געלט! „אָמן, גם אתם, זאָג איך, פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן. נאָר וואָס רעדן, זאָג איך, איין זאַך פאַרשטיי איך דאָ נישט: ווי אַזוי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

איך בין דאָ, דו ביסט דאָרט; געלט, זאָג איך, איז אַן אידעלע מאַטעריע, פאַרשטייסטו מיך. האָב קיין פאַריבל נישט, זאָג איך, איך מיין דאָ חלילה קיין אויבערקעפּלעך. גלאַט, ווי שטייט דאָרט ביי אברהם אבינו: הזורעים בדמעה ברנה יקצרו — בעסער פריער באַוואָרנט איידער נאָכדעם באַוויינט"... —אַך! — מאַכט ער צו מיר — אפשר מיינט איר צו שרייבן זיך אויף פּאַפּיר? מיטן גרעסטן כבוד! — „שאַ, זאָג איך, אַז מע וויל שמועסן צוריק, איז אויך די אייגענע מעשה: ממה נפשך, ווערסטו מיך וועלן קוילען, וואָס וועט מיר העלפן דאָס פּאַפּיר? לאו עכברא גנבא — נישט דאָס וועקסל צאָלט, דער מענטש צאָלט, און אַז איך הענג שוין אויף איין פוס, זאָג איך, לאָם איך הענגען אויף ביידע". — איר מעגט מיר גלויבן, זאָגט ער, רב טביה, איך שווער אייך ביי מיין היילינקע נאמנות, נאָט זאָל מיר אַזוי העלפן, ווי איך מיין דאָ נישט קיין חכמות, חלילה אויסנאַרן ביי אייך, נאָר פיין און אָרנטלעך, אם ירצה השם, זיך טיילן אויף דערהאַלב, גלייך אויף גלייך, חלק כחלק, חצי שלי וחצי שלך, מיר הונדערט, אייך הונדערט, מיר צוויי הונדערט, אייך צוויי הונדערט, מיר דריי הונדערט, אייך דריי הונדערט, מיר פיר הונדערט, אייך פיר הונדערט, מיר טויזנט, אייך טויזנט...

בקיצור, איך האָב אַרויסגענומען די עטלעכע קערבלעך, דריי מאָל איבערגעציילט, די הענט האָבן מיר בשעת־מעשה גוט געטרייסלט זיך, צו־געגרופן די אַלטע מיינע פאַר אַן עדות, אים נאָך אַמאָל קלאָר געמאַכט, וואָס פאַר אַ בלוטיק געלט דאָס איז, און אָוועקגעגעבן מנחם־מענדלען, איינגענייט אים אין בוזעם אַריין, מע זאָל דאָס ביי אים חלילה אונטער־וועגנס נישט אָוועקלקחנען, און אָפּגערעדט מיט אים, אַז אם ירצה השם, לאַ־יאוחר פון נאָך שבת־דיקער וואָך באַדאַרף ער מיר למעןדהשם אַריינ־שרייבן אַ בריוול פון אַלצדינג באַריכות, זיך אָפּגעזעגנט מיט אים פיין, שיין, צעקושט זיך גאָר פריינדלעך, ווי געוויינטלעך מיט אַן אייגענעם. געבליבן אַליין נאָך זיין אָוועקפאָרן, האָבן זיך מיר אָנגעהויבן פאָרשטעלן אַלערליי מחשבות און חלומות אויף דער וואָר, און אַזעלכע זיסע חלומות, אַז עס האָט זיך מיר געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך ציען אייביק, קיינמאָל נישט אויסלאָזן זיך. עס האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט אין מיטן שטאָט אַ שטוב אַ גרויסע, מיט בלעך געדעקט, מיט שטאַלן, מיט קאַמערן, קעמער־לעך און שפּיזאַרנעס מיט אַלדאָס גוטס, און אַ באַלעבאָסטע מיט שליסל דרייט זיך אַרום, דאָס איז מיין ווייב גאָלדע — נאָר נישט צו דערקענען זי, כ'לעבן: זי האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים, אַ פּנים פון אַ נגידית, מיט אַ גוידער און מיט אַ האַלדז פּערל; זי בלאָזט פון זיך און שעלט די

דינסטן מיט טויטע קללות. די קינדער מיינע דרייען זיך ארום אלע מיט שבתדיקע קליידער, טוען נישט קיין האנט אין קאלט וואסער. דער הויף איז פארפלייצט מיט עופות, געגדז און קאטשקעס. אינעווייניק אין שטוב לייכט זיך, אין אויוון פלאקערט א פייער, עס קאכט זיך וועטשערע, און דער סאמאוואר זידט ווי א גזלן! ביים טיש אויבן־אן זיצט דער באלע־באס אליין, טביה הייסט דאס, אין א כאלאט מיט א יארמלקע, ארום אים זיצן די פאחנעמסטע באלעבאטים פון שטאט און חנפענען אים: זייט־זשע מוחל, רב טביה... האט קיין פאריבל נישט, רב טביה... „איי, קלער איך מיר בשעת־מעשה, א רוח אין געלטס טאטנס טאטן אריין!...״ — וועמען שעלטסטו דאס אין טאטן אריין? — פרעגט מיך מיין גאלדע. „קיינעב נישט, זאג איך, איך האב מיך אביסל פארטראכט, מחשבות, חלומות, א געכטיקער טאג... זאג מיר, גאלדע סערדצע, מאך איך צו איר, דו ווייסט נישט מיט וואס האנדלט ער, דער קרוב דיינער, מנחם־מענדל מיין איך?״ — וואס עס האט זיך מיר, זאגט זי, געחלומט יענע נאכט און היינטיקע נאכט און א גאנץ יאר זאל אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפ! ס׳טייטש, זאגט זי, מע זיצט אפ מיט א מענטשן א גאנצן מעת־לעת און מע רעדט און מע רעדט און מע רעדט, לסוף קומסטו צו גיין און פרעגסט ביי מיר מיט וואס ער האנדלט? עפעס האט איר דאך, זאגט זי, גע־מאכט אינייגעם א געשעפט, צו וועלכע גוטע יאר? — „יא, זאג איך, גע־מאכט, זאג איך, האבן מיר, נאר וואס געמאכט — דאס ווייס איך נישט, כאטש נעם מיר אראפ דעם קאפ! ס׳איז פארשטייסטו מיך, נישטא ביי וואס אנצונעמען; נאר פונדעסטוועגן, זאג איך, איינס צום אנדערן גע־הער זיך נישט אן, זאלסט זיך גאר נישט זארגן, מיין ווייב, דאס הארץ זאגט מיר צו גוטן, מיר וועלן, אם ירצה השם, אזוי דאכט זיך מיר, פארדינען געלט, און א סך — זאג־זשע אמן און קאך וועטשערע!״.

בקיצור, עס גייט אוועק א וואך און צוויי און דריי — נישטא קיין בריוו פון מיין שותף! איך בין אוים מענטש, גיי ארום אן א קאפ און ווייס נישט וואס צו טראכטן. עס קאן נישט זיין, קלער איך מיר, ער זאל גלאט אזוי פארגעסן שרייבן א בריוול; ער ווייסט גאנץ גוט, ווי אזוי מיר קוקן דא ארוים. נאר ווייטער פליט מיר דורך א געדאנק אין קאפ: וואס וועל איך אים טאן, למשל, אז ער נעמט זיך דארט אראפ פון אויבן די גאנצע סמעטענע און מיר זאגט ער, אז מע האט נאך גאר נישט פאר־דינט? גיי רוף אים קנאקניסל! עס קאן נישט זיין, מאך איך צו זיך אליין, ס׳טייטש, היתכן?... איך באגיי מיך מיט א מענטשן טאקע נאר ווי מיט אן אייגענעם, לאז דאס מיר אסעגן קומען וואס איך ווינטש אים,

זאָל ער מיר אָפּטאָן אזא שפּיצל?! און ווידער פליט מיר דורך נאָר אַן אַנדערע מחשבה: מילא, ריווח יאָ ריווח, איך בין שוין אים מוחל דאָס פאַרדינסט ריווח והצלה יעמוד ליהודים — גאָט זאָל העלפן דאָס קערן זאָל כאָטש זיין גאַנץ! און עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע אברים. „אַלטער נאַר! — זאָג איך צו זיך אַליין. — זיך געגייט אַ ביזל, דו טיפּש איינער, בהמה בצורת פערד! פאַר דעם הונדערטער בעסער געווען קויפן זיך פערדלעך אַ פּאָר, אשר לא פערדלו אבותינו, און דאָס וועגעלע איבערגעביטן אויף אַ נאַטאַטשאַנקע מיט רעסאָרן”... — טביה, למאי טראַכסטו עפּעס גאָר נישט? — מאַכט צו מיר מיינע. — „וואָס הייסט, זאָג איך, איך טראַכט נישט? דער קאָפּ ווערט מיר אָקאָרשט צעפאַלן אויף שטיקלעך טראַכטנדיק, זאָגט זי צו מיר, למאי איך טראַכט טיישט!” — נישט אַנדערש, מאַכט זי, עס האָט זיך אין וועג מיט אים עפּעס געטראָפן: אָדער גזלנים, זאָגט זי, זיינען אים באַפאַלן און באַגומען פון קאָפּ ביז פיס, אָדער ער איז חלילה פאַרשלאָפט געוואָרן, אָדער גאָר, אל תפתח פה, געשטאָרבן. — „וואָס נאָך, זאָג איך, וועסטו אויסטראַכטן, נשמה־מיינע? גאָ דיר גאָר גזלנים, זאָג איך, פּלוצעם אין מיטן דרינען!” און אַליין טראַכט איך מיר: אַ קשיא וואָס מיט אַ מענטשן קאָן זיך טרעפן אונטערוועגנס? „דו באַדאַרפסט, זאָג איך צו איר, מיין ווייב, תמיד אויסלייגן צום ערגסטן!” — ער איז, מאַכט זי, פון אזא משפּחה; די מאַמע זיינע, זאָגט זי, זאָל זיין אַ מליץ־יושרטע, איז נישט לאַנג געשטאָרבן נאָך גאָר אַ יונגע, און דריי שוועסטער, זאָגט זי, האָט ער געהאַט, זאָלן זיין ווייט אָפּגעשיידט פון מיר, איז איינע נאָך מיידלוויז געשטאָרבן, די אַנדערע האָט דווקא, זאָגט זי, חתונה געהאַט, געכאַפּט אַ פאַרקילונג אין באָד און איז געשטאָרבן, און די דריטע, זאָגט זי, איז תיכף נאָכן ערשטן קימפּעט אַראָפּ פונעם זינען, זיך געמוטשעט־געמוטשעט און געשטאָרבן... „געשטאָרבן זאָל לעבן, זאָג איך, גאָלדע, מיר וועלן אַלע, זאָג איך, שטאַרבן; אַ מענטש, זאָג איך, איז געגליכן צו אַ סטאָליער: אַ סטאָליער לעבט און שטאַרבט, און אַ מענטש לעבט און שטאַרבט”.

בקיצור, עס איז ביי אונדז געבליבן, אַז איך פאָר זיך דורך קיין יעהופעץ. סחורה אביסל האָט זיך דערווייל אין דער צייט צונויפגעקליבן, ס'איז געוואָרן אַ היפּש קרעמל פון קעז און פון פּוטער און פון סמעטענע, פּרימאַ סחורה; מיינער האָט איינגעשפּאַנט דאָס פערד־און־וועגעלע און — ויסעו מסוכות — מאַכט רש”י: מאַרש קיין יעהופעץ. פאָרנדיק אזוי, מרה־שחורהדיק געוויינטלעך, מיט אַ ביטער האַרץ,

ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, איינער אליין אין וואלד, גייט מיר דורך דער כוח הדם און עס שטעלן זיך מיר פאַר אלערליי מחשבות און געדאנקען. „עס וועט זיין שיין, טראכט איך מיר, אז איך קום צו פאָרן און הייב אָן נאָכפרעגן אויף מיין פארשוין, זאָגט מען מיר: מנחם־מענדל? טע־טע־טע! שטארק אין די פעדערן, סמאלעט א וועלט, אן אייגענעם מויער, פאָרט אין קארעטעס, גאָר נישט צו דערקענען! איך נעם מיך אָן, טראכט איך מיר, מיט הארץ און לאָז מיך צו אים גלייך אין שטוב אריין. מפררו! — מאכט מען צו מיר ביי דער טיר נאָך און מע גיט מיר מיטן עלנבויגן אין הארצן אריין. — שטופט זיך נישט אזוי, פעטער, דאָ שטופט מען זיך נישט. — „איך בין, זאָג איך, אן אייגענער, מאקע מיין ווייבס א גליד־גליד־געשוויסטערקינד". מזל־טוב אייך, זאָגט מען מיר, שטארק אָנגעלעגט; פונדעסטוועגן, זאָגן זיי, מעגט איר, נישקשה, צוווארטן אביסל אט־אָ־דאָ ביי דער טיר, עס וועט אייך חלילה גאָר נישט שאַדטן... איך שטויס מיך אָן, אז מע באדארף עפעס געבן, ווי זאָגט איר: עולים ויורדים — אז מע שמירט, פאָרט מען, און לאָז מיך גלייך ארויף צו אים אליין. — „גוט מאָרגן אייך, זאָג איך צו אים, רב מנחם־מענדל!" ווער? וואָס? אין אומר ואין דברים — ער דערקענט מיך גאָרנישט! — וואָס דארפט איר? — מאכט ער צו מיר. איך פאַל שיעור חלשות. — „וואָס הייסט, זאָג איך, פאניע, איר דערקענט שוין נישט, זאָג איך, קיין קרוב? טביה היים איך". — אַ? — מאכט ער. — טביה? עפעס קענטלעך דער נאָמען... „קענטלעך? — מאך איך צו אים. — אפשר איז אייך קענטלעך, זאָג איך, מיין ווייבס בלינצעס, דערמאָנט זיך נאָר אָקאָרשט, מיט אירע קנישעס, צרות־קניידלעך, ווערטוטן?"... און צוריק פליט מיר דורך א געדאנק פונקט קאפויער: איך קום אריין צו מנחם־מענדלען, טראָגט ער מיר אקעגן חעם ברייטן שלום־עליכם. — א גאסט! א גאסט! זיצט רב טביה, וואָס מאכט איר עפעס, וואָס מאכט אייער ווייב? איך קוק שוין ארוים אויף אייך, איך וויל מיך מיט אייך צערעכענען. — און ער נעמט און שיט מיר אָן א פול היטל מיט האלבע פריאלן. — דאָס, זאָגט ער, איז דאָס פארדינסט, און דאָס קרן, זאָגט ער, בלייבט שטיין; וויפל מיר וועלן פארדינען, וועלן מיר זיך טיילן אויף דער האלב, גלייך אויף גלייך, חלק כחלק, חצי שלי וחצי שלך, מיר הונדערט, אייך הונדערט, מיר צוויי הונדערט, אייך צוויי הונדערט, מיר דריי הונדערט, אייך דריי הונדערט, מיר פיר הונדערט, אייך פיר הונדערט... אין געדאנקען כאפ איך א דרימל און זע נישט, ווי מיין בחור שלאָגט זיך דערוויל אראָפ פונעם שליאך

אין א זייט, פארמשעפעט דאָס וועגעלע אין א בוים, און עס דערלאנגט מיר א זעץ פון הינטן, עס פליען אזש פונקען פון די אויגן. „גם זו לטובה, זאָג איך צו מיר אליין, דאנקען גאָט, וואָס כאָטש נישט צעבראָכן קיין אקס"...

בקיצור, געקומען קיין יעהופעץ און קודם־כל אָפגעזעצט דאָס ביסל מילכיקס גיך און געשווינד, ווי געוויינטלעך, לאָז איך מיך זוכן דעם נפש מיינעם. איך דריי מיך ארום א שעה און צוויי און דריי, והילד איננו — איך זע אים נישט! איך הייב אָן אָפשטעלן מענטשן, נאָכפרעגן: „צי האָט איר נישט געהערט, צי האָט איר נישט געזען איינעם א יידן, וואָס הייסט מיט זיין ליבן נאָמען מנחם־מענדל?" — אויב, זאָגן זיי, ער הייסט מנחם־מענדל, מעג מען עסן פון זיין פענדל, נאָר דאָס אליין איז קארג, זאָגן זיי, מנחם־מענדלס איז דאָ א סך אויף דער וועלט. — „איר מיינט מסתמא, זאָג איך, זיין פארמעלי? לאָז מיך אזוי וויסן בייז, זאָג איך, מיט אייך אינאיינעם, אז בסך־הכל, זאָג איך, אויב איר ווילט וויסן, רופט מען אים אין דער היים, אין כתרילעווקע הייסט דאָס, גאָר אויף זיין שוויגערס נאָמען, מנחם־מענדל לאה־דוואָסים; נאָר וואָס דארפט איר מער, זאָג איך, זיין שווער איז שוין גאָר א באַטאָגטער ייד, הייסט ער אויך אויף איר נאָמען, ברוך־הערש־לאה דוואָסים, און אפילו זי אליין, לאה דוואָסי מיין איך, הייסט אויך לאה דוואָסי ברוך הערש לאה דוואָסים. היינט פארשטייט איר שוין?" — פארשטייען פארשטייען מיר, זאָגן זיי, נאָר דאָס איז נאָך אלץ נישט גענוג; וואָס איז זיין געשעפט, זאָגן זיי, מיט וואָס פארנעמט ער זיך, אייער מנחם־מענדל? „מיט וואָס ער פארנעמט זיך? — זאָג איך, — ער האנדלט דאָ מיט האלבע פריאלן, זאָג איך, עפעס בעס־מת, פאָטיווילאָוו. קלאפט, זאָג איך, דעפעשן ערגעץ אהין, קיין פעטערבורג, קייןווארשע"... א?! — מאכן זיי צו מיר און קאטשן זיך פאר געלעכטער. — מיינט איר נישט אָט יענעם מנחם־מענדל, וואָס האנדלט מיט „יקנה"ז? גייט זייט מוחל אריבער, זאָגן זיי, אהינצו, אויף יענער זייט; דאָרט לויפן ארום האָזן א סך, און אייערער אויך בתוכם... „מער מע לעבט, מער עסט מען, — טראכט איך מיר, — נאדיר גאָר האָזן? „יקנה"ז?" איך גיי אריבער אהין, אויף יענעם טראָטואר — יידן, קיין עין־הרע, ווי אויף א יריד, ס'איז אן ענגשאפט, קוים וואָס איך שטופ מיך דורך: מע לויפט, ווי די משוגעים, דער אהין, דער אהער, איינער איבערן אנדערן, ס'איז אן עולם־התוהו, מע רעדט, מע שרייט, מע מאכט מיט די הענט: פאָטיווילאָוו... פעסט, פעסט!... געכאפט ביים וואָרט... אריינגערוקט אן אדערויף... וועט זיך קראצן... מיר קומט קארטאזש...

ביסט אַ גרויסער פּאַרך... אַט צעשפּאַלט מען דיר דעם קאָפּ... שפּײַ אים אָן אין פּנים... זע נאָר, געקוילעט די קאַפּאָטע... אַ שײנער שפּעגעלאַנס... אַנזעצער!... משרת... אין טאַטנס טאַטן!... עס האַלט כמעט ביי פּעטש. „ויברח יעקב, מאַך איך צו מיר אַליין, אַנטלויף, טביה, אַט כאַפּסטו אַ פּאַטש! נו, נו, קלער איך מיר, גאָט איז אַ פאָטער, שמואל־שמעלקע איז זיין דינער, יעהופּעץ איז אַ שטאָט און מנחם־מענדל איז אַ פּאַרדינער! אַט־אַ־דאָ־אַ, טראַכט איך, כאַפּט מען גליקן, האַלבע בריאָלן? אַט־אַדאָס־אַ הייסט ביי זיי מע מאַכט געשעפטן? אַז אַך און וויי איז דיר, טביה, מיט דיינע מסחרים!”.

בקיצור, איך שטעל מיך אָפּ נעבן אַ גרויס פענצטער מיט אַרויס־געשטעלטע הויזן אַ סך און דערזע דורך דעם אָפּשיין פונעם גלאָז מיין שמעיה בעל־פּרנסה. עס האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין האַרצן, אַז איך האָב אים דערזען, ס׳איז מיר פּרחה־נשמתו געוואָרן! ווו איך האָב ערגעץ אַ שונא און וו איר האָט אַ שונא — זאָלן מיר אים דערלעבן זען אין אַזאַ הולך, ווי מנחם־מענדל: וואָס מיר קאַפּאָטע? וווּ מיר שטיוול? און אַ פּנים — טאַטעניו, אַ שענער ליגט מען אין דער ערד אַריין. — „נו, טביה, כאשר אָבדתי אָבדתי — ביסט אין דער ערד, טראַכט איך מיר, מען געסט זיך שוין געזעגענען מיט די עטלעכע גראָשנס, עס איז שוין, ווי זאָגט איר: לא דובים ולא יער — נישט קיין סחורה, נישט קיין געלט, נאָר גלאַט אַזוי צרות”...

ער פון זיין זייט איז, אַפּנים, אויך שטאַרק מבולבל געוואָרן, מחמת מיר זיינען ביידע געבליבן שטיין ווי צוגעקאָוועט, נישט אויסצורעדן קיין וואָרט אַפילו, און נאָר געקוקט און געקוקט, ווי די האָנען, זיך גלייך אין די אויגן אַריין, ווי איינער רעדט: פאַרוויסט און פאַרפינצטערט זייער נען מיר ביידן געוואָרן, מיר מעגן ביידע נעמען טאָרבעס און גיין איבער די הייזער!... — רב טביה, — מאַכט ער צו מיר שטיל, קוים וואָס ער רעדט, און די טרערן ווערגן אים, — רב טביה! אָן מזל, הערט איר, זאָל מען נאָר, זאָגט ער, נישט געבוירן ווערן אויף דער וועלט! איידער, זאָגט ער, אַזאַ לעבן... הענגען, זאָגט ער, גנאַטעווען!... און מער קאָן ער קיין וואָרט נישט רעדן. — „אַוודאי, מאַך איך צו אים, ביסטו ווערט, מנחם־מענדל, פאַר אַזאַ מעשה, מע זאָל דיך אַנידערלייגן אַט־אַ־דאָ, זאָג איך, אין מיטן יעהופּעץ, און ברכוש גדול דיר אַריינציטבלען אַזוי פיל, אַז דו זאָלסט דיך דערזען מיט דער באָבע צעטל פון יענער וועלט. באַרעכן, זאָג איך, דו אַליין, וואָס האָסטו געטאָן? האָסט גענומען, זאָג איך, אַ גאַנצע שטוב מיט לעבעדיקע נפשות, צער־בעלי־חיים נעבעך, נאָט די נשמה שולדיס, און האָסט זיי איבערגעקוילעט דעם האַלדז אָן אַ מעסער!

געוואלד, זאָג איך, מיט וואָס וועל איך קומען אַצינדערט אַהיים צו מײַן ווײַב און קינדער? אדרבה, זאָג שוין דו אַליין, קוילער איינער, גזלן, רוצח!״ — אמת, — מאַכט ער צו מיר, אָנגעשפּאַרט זיך צו דער וואַנט, — אמת, רב טביה. גאָט זאָל מיר אַזוי העלפֿן... „דער גיהנום, זאָג איך, נאָר איינער, דער גיהנום איז דאָך קאַרג פֿון דײַנעטוועגן!״ — אמת, זאָגט ער, רב טביה, אמת, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפֿן; איידער אַזאַ לעבן, זאָגט ער, איידער אַזאַ לעבן, רב טביה... און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. איך שטיי און באַטראַכט אים, דעם שלימזל, ווי ער שטייט אַזוי דעם קאָפּ אַראָפּ, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, דאָס היטל אויף אַ זייט, יעדער זיפֿץ און יעדער קרעכץ — עס רײַסט אויס אַ שטיק האַרץ. „טאָ, זאָג איך, אַז מע וויל שמועסן דאָס אייגענע ווידער צוריק, פֿאַרשטייט מען גאַנץ גוט, דו ביסט אפֿשר אין דעם אויך גאָט די נשמה שולדיק; וואָרום לאָמיר באַרעכענען די זאַך אַרום און אַרום מיט אַ ממה־נפֿשך: איך זאָל קלערן, זאָג איך, אַז דײַן שלעכטיקייט האָט דאָס געטאָן, איז עס דאָך נאַריש, ביסט דאָך געווען, זאָג איך, אַ שותּף גלײַך מיט מיר, אַ מחצה־שבֿרניק. איך האָב אַרײַנגעלייגט געלט, דו האָסט געגעבן שׂכל, אַז אָך און וויי איז מיר! דײַן מיין איז אוודאי געווען, ווי זאָגט ער, לחיים ולא למות. איי, עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם? מסתמא איז נישט באַשערט; ווי זאָגט איר: אל תּתהלל ביום מחר — אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. למאַי, זאָג איך, נאַרעלע, אָט האָסטו מײַן מסחר, איז, דאַכט זיך, גאָר אַ קאַראַנט געשעפֿט, פֿונדעסטוועגן, אַז ס'איז באַשערט געווען, זאָג איך, נישט הײַנט געדאַכט, פֿאַראַיאָרן אָסיען, עס זאָל זיך בײַ מיר, נישט פֿאַר דיר געדאַכט, אַנידערלייגן אַ בהמה, אַ מציאה געווען אויף טרפֿהס אַ פּופּציקער, און טאַקע באַלד נאָך איר אַ טעלעצע אַ רויטע, קיין צוואַנציק קערבלעך וואָלט איך פֿאַר איר נישט גענומען, — נו, האָט דען עפּעס געהאָלפֿן דערבײַ חכמות? אַז סע גייט נישט, זאָג איך, מאַכט קמידבית — מע! איך וויל דיך נאָר נישט פֿרעגן, זאָג איך, וווּ איז מײַן געלט; איך פֿאַרשטיי שוין אַליין, וווּ מײַן געלט שטעקט, מײַן בלוטיק געלט, ווײַ און ווינד איז מיר! ס'איז אַרײַן אין אַ מקום קדושה, זאָג איך, ערגעץ אין אַ יקנה״ז, אין אַ נעכטיקן טאָג; און ווער איז שולדיק, ווען נישט איך אַליין, וואָס האָב מיך געלאָזט אײַנרעדן גרינגע פֿייגעלעך, שמענדריקעס, שמאָכטעליאַקעס? געלט, ברודער, באַדאַרף מען, זאָג איך, פֿאַרהאָרעווען, פֿאַרשוואַרצט און אויסגעריסן ווערן! פּעטש, זאָג איך, ביסטו, טביה, ווערט, פּעטש ווי האָלץ! נאָר וואָס העלפֿט איצט מײַן געשרײַ? ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: צעקה הנערה — שרײַ צײַזעצטערהייט! שׂכל און חרטה — די ביידע זאַכן

קומען תמיד צו שפּעט. נישט באַשערט, זאָג איך, טביה זאָל זיין אַ נגיד, ווי זאָגט איוואַן: נע בולאָ אי מעקיטע הראַשאַ אי נע בודע.*) מסתמא, זאָג איך, הייסט גאָט אַזוי. ה׳ נתן וה׳ לקח, מאַכט רש״י — קום, ברו־דער, וועלן מיר נעמען, זאָג איך, צו ביסלעך בראָנפן!״...

* * *

אָט אַזוי, פּאַניע שלום־עליכם, האָט זיך אויסגעלאָזט פון אַלע מיינע חלומות אַ בוידעם! און איר מיינט אפשר, אַז איך האָב מיך אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס איך האָב פאַרלוירן מיין געלט? לאָם איך אַזוי ריין זיין פון שלעבטס! מיר ווייסן דאָך יאָ וואָס אין פּסוק שטייט: לי הכסף ולי הזהב — געלט איז בלאָטע! דער עיקר איז דער מענטש, דאָס הייסט, אַז דער מענטש איז אַ מענטש. נאָר וואָס־זשע דען האָט מיך געקרענקט? דער חלום וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען. עס האָט זיך מיר געוואָלט, אוי האָט זיך געוואָלט, זיין אַ נגיד, כאָטש אויף אַ ווײַלע! נאָר עס העלפט דען דערביי חכמות? ווי זאָגט דער פּרק: בעל כרחך אתה חי — מיט געוואַלד לעבסטו און מיט געוואַלט צערייסטו אַ פּאָר שטיוול. דו, טביה, זאָגט גאָט, באַדאַרפסט אין זינען האָבן קעז און פּוטער, נישט קיין חלומות. אי וואָס? בטחון? האָפענונג? אדרבה, וואָס מער צרות מער בטחון, וואָס מער קבצן מער האָפענונג. והראיה?... נאָר מיר דאַכט, איך האָב מיך היינט אַביסל פאַרעדט; צייט פאָרן, קלערן מכוח געשעפט, ווי זאָגט איר, כל האדם כוזב — איטלעכער האָט זיך זיינע מכות. זייט מיר געזונט און האָט אַ גוטן תמיד!

* נישט געווען בײַ מעקישען קיין געלט און עס ווער נישט זיין.

היינטיקע קינדער

געשריבן אין יאָר 1899.

היינטיקע קינדער

— אקעגן דעם, וואס איר זאגט: היינטיקע קינדער. ב נ י ם ג ד ל ת י ו ר ו מ מ ת י — גיי האָב זיי, ווער פארשוואַרצט, זיי זיך מפקיר פון זייערטוועגן, האָרעווע טאג ווי נאכט, וואס איז? מע מיינט, טאָמער אזוי און אפשר אזוי, איטלעכער נאָך זיין השגה און נאָך זיין פארמעגן. צו בראָצקין, געוויינטלעך, וועל איך נישט אָנשלאָגן, נאָר איך זאָל מיך שוין איינגאנצן אראָפּלאָזן — בין איך אויך נישט מחויב, וואָרום אליין בין איך אויך נישט קיין אביעזוער, כ'לעבן, און ארויסקומען קומען מיר ארויס, ווי מיין ווייב זאָל לעבן זאָגט, אויך נישט פון קיין שניידערס און נישט פון קיין שוסטערס, האָב איך גערעכנט, אז איך וועל מיט מיינע טעכטער געווים אויסשפּילן. פאר וואָס? ערשטנס, האָט מיך גאָט געבענטשט מיט שיינע טעכטער, און א שיין פּנים, זאָגט איר דאָך אליין איז א האַלבער נדן. והשנית, בין איך דאָך עפּעס היינט, מיט גאָטס הילף, נישט דער טביה, וואָס אמאָל, קאָן איך דאָך שוין קריגן צום שענסטן שידוך אפילו אין יעהופּעץ, — הא, ווי זאָגט איר? איז דאָך אָבער פאראַן א גאָט אויף דער וועלט, אן אל רחום וחנון, וואָס באווייזט זיינע גרויסע וווּנדער און מאכט מיט מיר זומער און ווינטער, ארויף און אראָפּ, מאכט ער צו מיר: „טביה, רעד זיך נישט איין קיין נארישקייטן און לאָז זיך די וועלט פירן ווי זי פירט זיך!"... הערט, וואָס עס קאָן זיך פארלויפן אויף דער גרויסער וועלט, און ביי וועמען טרעפן זיך אלע גליקן? ביי טביה שלימזל.

בקיצור, צו וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין? איר געדענקט דאָך מן־הסתם, וואָס מיך האָט געטראָפן, נישט היינט געדאכט, די מעשה מיטן קרוב מיינעם, מנחם־מענדל ימח שמו וזכרו, ווי שיין מיר האָבן זיך אויסגעהאנדלט אין יעהופּעץ, מיט די האַלבע פּריאַלן און מיט די פּאָטאָווילווער אקציעס, אזא יאָר אויף מיינע שונאים! איך האָב דאָס דעמסטמאָל איינגעלייגט די וועלט; ווי איז מיר! געמיינט, ס'איז אן עק, אויס טביה און אויס מילכיקס! „נאָר איינער! — זאָגט צו מיר איינמאָל די אַלטע מיינע. — גענוג צו זיין פארזאָרגט, דו וועסט דערמיט נאָר־

נישט מאכן! דו ווערסט זיך נאָר אָפּעסן דאָס האַרץ, און געגוג. עליהיי גזלנים זיינען אויף אונדז אָנגעפאַלן און צוגענומען... דו גיי זיך בעסער דורך, זאָגט זי, קיין אנאטעווקע, צו לייזער־וואָלף דעם קצב, ער באַ־דאַרף דיך, זאָגט ער, נייטיק האָבן". — וואָס איז דאָרטן? וואָס באַ־דאַרף ער מיך אַזוי נייטיק? אויב ער מיינט, זאָג איך, די מאורע בהמה אונדזערע, מעג ער נעמען א שטעקן און אַרויסשלאָגן זיך פונעם קאָפּ. — „וואָס איז אַזוינס? — מאכט זי צו מיר — די מילך, וואָס מע האָט זיך אָן פון איר, מיטן קעז און פוטער?" — נישט צוליב דעם, זאָג איך, נאָר גלאַט אַזוי; ערשטנס, איז פּשוט אַן עבירה אַזעלכעם אוועק־געבן אויף דער שחיטה, א צער־בעלי־חיים. ביי אונדז שטייט געשריבן אין דער הייליקער תורה... — „אָבער גענוג דיר שוין, טביה! די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, ווייסט, אַז דו ביסט א ייד פון תורה. פאָלג מיך, א ווייב, גיי זיך דורך צו לייזער־וואָלפן. אַלע דאָנערשטיק, זאָגט זי, ווען אונדזער צייטל קומט אין יאַטקע אַריין נאָך פלייש, לאָזט ער איר נישט לעבן; זאָלסט זאָגן, זאָגט ער, דעם טאַטן, ער זאָל קומען צו גיין, איך באַדאַרף אים נייטיק האָבן"...

בקיצור, מע באַדאַרף פאָלגן אַמאָל, ווי זאָגט איר, א ווייב אויך. בין איך מיך מיישב און לאָז מיך איינרעדן און קום צו גיין צו לייזער־וואָלפן קיין אנאטעווקע, א וויאָרסט דריי פון אונדז, און טרעף אים נישט מסתמא אין דער היים. — ווו איז ער ערגעץ? — טו איך א פרעג א קאַרנאָסע יידענע, וואָס דרייט זיך אַרום אין שטוב. — „אין פּראָיעקט, מאכט די קאַרנאָסע, מע קוילעט אַן אָקס פון גאַנץ פרי אָן, ער באַדאַרף באַלד אָנקומען"... איך דריי מיך אַרום איינער אַליין אין שטוב און הייב אָן צו באַטראַכטן לייזער וואָלפס באַלעבאַטישקייט — קיין עין־הרע, א גוטס אויף אַלע מיינע ליבע: א שאַפע מיט קופּער, מע וועט זי נישט אויסקויפן מיט קיין ק"ן קערבלעך, א סאַמאָוואַר און נאָך א סאַמאָוואַר, און א טאַץ א מעשענע, און נאָך איינע א וואַרשעווער, און לייכטער א פּאָר זילבערנע, און כוסות מיט כוסהלעך בעגילדטע, און א חנוכה־לעמפּל א געגאָסנס, און נאָך זאַכן, שמאַכטעליאַקעס אָן אַן עק. רבונו של עולם! — טראַכט איך מיר — ווי דערלעב איך אַזאַ גוטס ביי מיינע קינדער זאָלן געזונט זיין!... אַזאַ בר־מזל ווי דער קצב איז! גענוג, וואָס ער איז אַזוי רייך, באַדאַרף ער האָבן זיין אייגנס אין־גאַנצן צוויי קינדער, שוין אויסגעגעבענע, און נאָך בלייבן אַן אַלמן אויך דערצו!...

בקיצור, גאָט האָט געהאָלפן, עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין לייזער־וואָלף אין כעס, מלא רציחה אויפן שוחט. ער האָט אים

נאָר אומגליקלעך געמאַכט, פֿאַרשניטן אַן אָקס, א דעמב די גרויס, פֿאַרכאַפּט זאָל ער ווערן, איבער א קלייניקייט אים טריפֿה געמאַכט, געפֿונען א סרכהלע אויף דער לונג, ווי א שפּילקע־קעפּל די גרויס, איינ־געזונקען זאָל ער ווערן! — „גאָט העלף, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, וואָס איז די מעשה, וואָס מע קאָן איך גאָר נישט דערהרופֿן זיך! וואָס מאַכט א ייד?” — וואָס זאָלן מיר מאַכן, זאָג איך; מע מאַכט און מע מאַכט און מע האַלט, זאָג איך, נאָך אַלץ פֿון פֿאָרנט, ווי אין פּסוק שטייט: לא מעוקצך ולא מדובשך — נישט קיין געלט, נישט קיין געזונט, נישט קיין ליב און לעבן. — „איר זינדיקט, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, ווערליק איך איז געווען אמאָל, נישט היינט גע־דאַכט, זענט איר דאָך איצט, קיין עין־הרע, א גביר”. — וואָס מיר פֿעלט, זאָג איך, צו דעם, וואָס איר מיינט, מעגן מיר דאָס בײדע פֿאַר־מאָגן... נאָר גאָר נישט, דאַנקן גאָט דערפֿאַר. ס'איז פֿאַראַן, זאָג איך, א גמרא: „אסכקורדא דמסקנתא דקרנוסא דפרסמכתא”... און אין האַרצן טראַכט איך מיר: זאָלסט אַזוי זיין מיט דער נאָז, קצבניאַק, ווי ס'איז גאָר פֿאַראַן אַזאַ גמרא אויף דער וועלט... „איר זענט, מאַכט ער צו מיר, תמיד דאָ מיט דער גמרא; גוט איז איך, רב טביה, אַז איר קענט אין די קליינע אותיות. נאָר צו וואָס נוצט עס, זאָגט ער, חכמות, לומדעריען, לאָמיר בעסער שמועסן מכוח אונדזער געשעפֿט. זיצט, רב טביה”, — מאַכט ער צו מיר און טוט א גע־שריי: „לאָז זיין טיי!” — און עס וואַקסט אוים ווי פֿון אונטער דער ערד די קאַרנאַסע יידענע, כאַפּט דעם סאַמאָוואַר, ווי דער רוח דעם מלמד, און אַוועק אין קיך אַריין. — „אַצינד, מאַכט ער צו מיר, אַז מיר זיינען דאָ אַליין, אונטער פֿיר אויגן, קאָנען מיר שמועסן עסק. די מעשה, זאָגט ער, דערפֿון איז אַזוי: איך האָב שוין מיט איך, רב טביה, לאַנג געוואָלט רעדן, איך האָב צו איך באַפֿוילן דורך אייער טאָכטער, וויפֿל מאָל גע־בעטן, איר זאָלט זיך מטריח זיין; פֿאַרשטייט איר מיך, איך האָב גע־וואָרפֿן אַן אויג...” — איך ווייס, זאָג איך, אַז איר האָט געוואָרפֿן אַן אויג, נאָר ס'איז אומזיסט, זאָג איך, אייער טרחה, עס וועט נישט גיין, רב לייזער־וואָלף, עס וועט נישט גיין. — „פֿאַר וואָס עפּעס?” — מאַכט ער צו מיר און קוקט אויף מיר ווי דערשראָקן. — פֿאַר שבת, זאָג איך, איך קאָן באַשטיין, עס זאָל נאָך געדויערן אַביסל, דער טייך ברענט נישט.

— „למאי, זאָגט ער, זאָלט איר וואַרטן, אַז איר קאָנט אויספֿירן באַלד?”

— דאָס, זאָג איך, איז איינמאָל אַוועק און והשנית, זאָג איך, איז גלאַט א רחמנות, א צער בעל חיים. — „קוק אים אָן, ווי ער מאַכט אָנשטעלן, זאָגט לייזער וואָלף מיט א געלעכטערל, עמעצער זאָל זיין דערביי, וואָלט

ער געמענט שוועךן, אז זי איז ביי אייך איין־און־איינציקע! מיר דאכט, איר האָט זיי אַן עין־הרע גענוג, רב טביה!"... — לאָזן זיי זיך שוין האַלטן, זאָג איך, ווער ס'איז מיך מקנא, דער לאָז אַליין נישט האָבן... — „מקנא? ווער, זאָגט ער, רעדט פון מקנא? אדרבה, זאָגט ער, ווייל זיי זיינען ביי אייך אָן עין־הרע געראָטענע, דערפאַר וויל איך טאַקע, איר פאַרשטייט, צי ניין? פאַרגעסט נאָר נישט, רב טביה, די טובה, וואָס איך קאָן דורך חעם ארויסקומען!" — אוודאי, אוודאי, זאָג איך, פון אייערע טובות, רב ליזער־וואָלף, קאָן מאַקע הארט ווערן דער קאָפּ; ווינטער א שטיקל אייז, דאָס ווייסן מיר שוין לאַנג, זאָג איך, נאָך פון אַמאָל... — „ע! —מאכט ער צו מיר זיס־צוקערדיק. — וואָס גלייכט איר, רב טביה, פון אמאָל ביז היינט? א מ אָ ל איז געווען עפּעס אַנדערש, און ה י י נ ט איז ווידער אנדערש; עפּעס ווערן מיר דאָך שטיקלעך מחותנים, האַ? — וואָס פאַר א מחותנישאַפט? — זאָג איך. — „געוויינטלעך, זאָגט ער, מחותנים!" — וואָס מיינט איר, זאָג איך צו אים, רב ליזער־וואָלף, פון וואָס רעדן מיר? — „אדרבה, זאָגט ער, זאָגט שוין איר, רב טביה, פון וואָס רעדן מיר?" — וואָס הייסט, זאָג איך, מיר רעדן דאָך פון דער מאורע בהמה מיינע, וואָס איר ווילט ביי מיר קויפן! — „כאַ־כאַ־כאַ! — מאכט ער און ווערט צעגאָסן פאַר געלעכטער. — ס'איז נישקשה פון א בהמה, און נאָך א מאורע דערצו, כאַ־כאַ־כאַ!" — וואָס־זשע דען האָט א י ר געמיינט, רב ליזער־וואָלף? אדרבה, זאָגט, וועל איך אויך לאַכן. — „פון אייער טאָכטער, מאכט ער צו מיר, פון אייער ציימלען רעדן מיר דאָך די גאנצע צייט! איר ווייסט דאָך, רב טביה, אז איך בין, נישט פאַר אייך גערעדט, געבליבן אַן אַלמן, האָב איך מיך מיישב געווען, וואָס באַדאַרף איך זוכן אין דער פרעמד דאָס גליק, נאָך האָבן צו טאָן מיט שדכנים, רוחות און שדים, אמער, אַט זיינען מיר ביידע דאָ אויפן אָרט, איך קען א י י ך, איר קענט מ י ך, דאָס קרן אַליין איז מיר אויך געפעלן, איך זע זי אַלע דאָנערשטיק ביי מיר אין יאַטקע, א פּאָר מאָל א רעד געטאָן מיט איר, ווייזט אוים, נישקשה, א שטילע, און איך אַליין בין, קיין עין־הרע, ווי איר זעט, א שטיקל באַלעבאָס. ס'איז דאָ א שטוב אָן איינענע, און קליטלעך א פּאָר, און באַלעבאַטישקייט, ווי איר זעט, נישט צו פאַרזינדיקן, און אביסל פעל אויפן בוידעם אויך, און אביסל געלט אין קאַסטן אויך; וואָס באַדאַרפן מיר, רב טביה, די ציגיינערישע שטיק, כריהן זיך, חכמען זיך? אמער, נעמט מען און מע שלאָגט צו א האַנט, איינס־צוויי־דריי, איר פאַרשטייט, צי ניין?"...

בקיצור, אַז ער האָט מיר אויסגערעדט אַטראַ־דאַס־אַ, בין איך געבליבן זיצן אָן לשון, ווי איינער בשעת מע קומט און מע זאָגט אים אָן פּלוצעם אַ בשורה. לכתחילה איז מיר אפילו דורכגעפלויגן אַ מחשבה: לייזער־וואָלף... ציימל... ער האָט שוין אַזוינע קינדער ווי זי... נאָר באַלד האָב איך זיך אַליין אָפּגעשלאָגן: ס׳טײַטש, אַזאַ גליק, אַזאַ גליק! עס וועט דאָך איר זיין גוט, ווי די גאַנצע וועלט! איי טאָמער איז ער נישט אַזאַ צעוואָרפענער פאַרשווין? איז דאָס היינטיקע יאָרן, פאַרקערט, די גרעסטע מעלה, ווי זאָגט מען: אדם קרוב לעצמו — אַז מען איז גוט פאַר יענעם, איז מען שלעכט פאַר זיך. איין חסרון נאָר, וואָס ער איז אַביסל צו פּראָסטלעך... נו, מילא, קאָן דען איטלעכער זיין אַ יודע־ספר? קאַרג פאַראַן נגידים, פיינע מענטשן אין אַנאַטעווקע, אין מאַזעפּעווקע און אפילו אין יעהופּעץ, וואָס ווייסן נישט קיין צלם פאַר קיין אלף; פונדעסטוועגן, אַז ס׳איז באַשערט, לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ כבוד זיי האָבן אויף דער וועלט, ווי אין פּרק שטייט: אם אין קמח אין תורה — דאָס הייסט, די תורה ליגט אין קאַסטן און חכמה — אין קעשענע... „נו, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, וואָס שווייגט איר?״ — וואָס זאָל איך שרייען, זאָג איך צו אים כלומרשט, ווי איך קווענקל מיך; דאָס איז, רב לייזער־וואָלף, פאַרשטייט איר מיך, אַזאַ ענין, וואָס מע באַדאַרף אים גוט באַקלערן אַרום און אַרום; ס׳איז עפּעס נישט קיין קאַטאָוועסל, זאָג איך, דאָס ערשטע קינד ביי מיר! — „אדרבה, מאַכט ער, ווייל ס׳איז דאָס ערשטע קינד ביי אייך; איר וועט שוין, זאָגט ער, נאָכדעם, אם ירצה השם, קאָנען חתונה מאַכן די אַנדערע טאָכטער אויך, און שפּעטער, מיט דער צייט, די דריטע, איר פאַרשטייט, צי ניין?״ — אָמן, גם אתם! — זאָג איך. — חתונה מאַכן איז קיין קונץ נישט, דער אויבערשטער זאָל נאָר צושיקן, זאָג איך, איטלעכן באַזונדער זיין זיווג... — „ניין, מאַכט ער, נישט דאָס מיין איך, רב טביה, איך מיין עפּעס אַנדערש גאָר, וואָרום קיין נדן, ברוך השם, פאַר אייער ציימלען באַדאַרפט איר שוין נישט, און אויסקליידן זי צו דער חתונה, אַלץ וואָס אַ מיידל באַדאַרף — דאָס נעם איך אויף זיך, און אייך, זאָגט ער, וועט מסתמא דערפון אויך עפּעס אַריינפאַלן אין בייטל אַריין...״ — פּע, מאַך איך צו אים, איר רעדט דאָך עפּעס גאָר, איר זאָלט מיר מוחל זיין, טאַקע ווי אין יאַטקע! וואָס הייסט אין בייטל אַריין? פּע! מיין ציימל איז חלילה נישט אַזעלכע, איך זאָל זי פאַרקויפן פאַר געלט, פּע־פּע! — „אַז פּע איז פּע, מאַכט ער צו מיר, איך האָב געמיינט אדרבה ואדרבה; נאָר אַז איר זאָגט פּע, לאָז זיין פּע! אַז אייך איז ליב איז מיר ניחא! דער עיקר, זאָגט ער, עס זאָל זיין וואָס

גיכער, איך מיין טאַקע באַלד, ווי זאָגט ער, אַ באַלעבאָסטע אין שטוב אַריין, איר פאַרשטייט, צי ניין?"... — מהיכא־תיתי, זאָג איך, אין מיר איז קיין מניעה; מע באַדאַרף דאָך אָבער איבעררעדן מיט מיין פלוניתטע, זאָג איך, אין אַזעלכע זאַכן, האָט זי די דעה, נישט קיין קליי־ניקייט, ווי רש"י מאַכט: ר ח ל מ ב כ ה ע ל ב נ י ה — אַ מאַמע איז אַ פּאַקרישקע. היינט זי אַליין, זאָג איך, צייטל מיין איך, באַדאַרף מען אויך אַ פרעג טאָן, ווי זאָגט מען דאָס: אַלע מחותנים האָט מען מיט־גענומען אויף דער חתונה, און דעם חתן האָט מען געלאָזט אין דער היים... — „בלאָטע, זאָגט ער, פרעגן באַדאַרף מען גאָר? דערציילן, רב טביה, קומען אַהיים און דערציילן אַזוי און אַזוי, און שטעלן אַ חופּה, אַ וואָרט און צוויי און אַ מאַריטש!" — זאָגט דאָס נישט, זאָג איך, זאָגט דאָס נישט, רב לייזער־וואָלף, אַ מיידל איז נישט קיין אַלמנה חלילה. — „געוויינטלעך, זאָגט ער, אַ מיידל איז אַ מיידל, נישט קיין אַלמנה, אָט דערפאַר טאַקע באַדאַרף מען, זאָגט ער, באַצייטנס דערפון רעדן, מחמת הלבשה, פאַרשטייט איר, האָס־יענץ־לאָקש־בוידעם־ציבעלע. און דערווײַלע, זאָגט ער, לאָמיר, רב טביה, נעמען צו קאָפּלעך לחיים, הא, צי ניין?"... — מהיכא־תיתי, זאָג איך, פאַר וואָס נישט? וואָס געהער זיך אָן שלום וצו מחלוקת? ווי זאָגט ער: אָדם איז אַ מענטש און בראָנפן איז בראָנפן. ס'איז פאַראַן, זאָג איך, ביי אונדז אַ גמרא... און האָק אים אַריין אַ גמרא, איינע און די אַנדערע, אַ נעכטיקן טאָג, פון שיר־השירים און פון חד־גדיא...

בקיצור, מיר האָבן איינגענומען דעם ביטערן טראָפּן, ככתוב — ווי גאָט האָט געבאָטן! די קאַרנאָסע האָט דערווייַלע געבראַכט צו טראָגן דעם סאַמאָוואַר, און מיר האָבן געמאַכט צו גלעזלעך פונש, פאַרבראַכט גאָר פריינדלעך, געווינטשעוועט, געשמועסט, געפּלאַפּלט אַלץ פונעם שי־דוך, פון דעם און פון יענעם און ווידער אַמאָל פונעם שידוך. — איר ווייסט דען, רב לייזער־וואָלף, וואָס פאַר אַ באַרליאַנט דאָס איז? — „איך וויים, זאָגט ער, גלייבט מיר, אַז איך ווייס; איך זאָל נישט וויסן, זאָגט ער, וואָלט איך גאָר נישט גערעדט!" און מיר רעדן אַזוי ביידע אינאיינעם. איך שריי: אַ באַרליאַנט, אַ דימענט! איר זאָלט נאָר וויסן, ווי אַזוי זי צו שאַנעווען, נישט אַרויסבאַווייזן דעם קצב... און ער: „האָט קיין מורא נישט, רב טביה, וואָס זי וועט עסן ביי מיר אין דער וואָכן האָט זי ביי אייך נישט געגעסן אום יום־טוב"... — עט, זאָג איך, עסן איז אויך אַן עסק? דער נגיד, זאָג איך, עסט נישט קיין רענדלעך, דער אָרעמאַן עסט נישט קיין שטיינער; איר זענט אַ פּראָסטער מענטש, זאָג איך, פאַרשטייט

איר נישט ווי צו שאַצן איר בריהשאַפט, איר חלה־באַקן, אירע פיש, רב לייזער־וואָלף, אירע פיש! מע באַדאַרף, זאָג איך, האָבן אַ זכיה... און ער ווידער: „רב טביה, איר זענט, איר זאָלט מיר מוחל זיין, שוין אויסגעוועבט, רב טביה, איר קענט נישט קיין מענטשן, רב טביה, איר קענט מיך נישט!”... און איך ווידער: אויף איין וואָג גאָלד און אויף דער אַנדערע צייטלען. הערט איר, רב לייזער־וואָלף, איר זאָלט אַפילו פאַרמאָגן אייערע, זאָג איך, רי״ש אלפים, זענט איר, אויך נישט ווערט איר פּיאַטע!... און ער ווידער: „גלויבט־זשע מיר, רב טביה, איר זענט אַ גרויסער נאַר, כאָטש איר זענט עלטער פון מיר!”...

בקיצור, מיר האָבן, אַפּנים, אַוועקגעשריגן אַט־אַזוי־אָ אַ היפּשע ווײַלע און זיינען געוואָרן רעכט מבוסמדיק, וואָרום, אַז איך בין געקומען אַהיים, איז שוין געווען שפּעטלעך אין דער נאַכט און די פיס זיינען מיר געווען ווי געפּענטעט... מיין ווייב זאָל געזונט זיין האָט אָבער באַלד דערקענט אין מיר, אַז איך בין פאַרקנאַקט, און האָט מיר געגעבן אַ ווײַסטן פּעטשאַטעק, ווי איך בין ווערט. — שאַ, בייזער זיך נישט, גאָלדע! — זאָג איך צו איר גאַנץ פריילעך, און עס גלוסט זיך מיר אַזש גיין טאַנצן. — שריי נישט, נשמה מיינע, עס קומט אונדז מזל־טוב! — „מזל־טוב? אַ ווײַסטער מזל־טוב, זאָגט זי, האָסט שוין פאַרזינדיקט די מאָרע בהמה, לייזער־וואָלפן זי פאַרקויפט?” — נאָך ערגער! — זאָג איך. — „אויסגעביטן, זאָגט זי, אויף אַן אַנדערער? אָפּגענאַרט לייזער־וואָלפן, אַ רחמנות געבעך?” — נאָך ערגער! — זאָג איך. — „נו, רעד שוין, זאָגט זי, ווערטער, קוק אָן, ווי מע באַדאַרף ביי אים קויפן אַ וואָרט!” — מזל־טוב דיר, גאָלדע, זאָג איך נאָכאַמאָל, מזל־טוב אונדז ביידן, אונדזער צייטל איז אַ כלה געוואָרן! — „אויב אַזוי, זאָגט זי, ביסטו דאָך טאַקע גוט פאַרקלאַפּט, גאָר נישט אויף קאַטאָוועס, רעדסט פונעם וועג! האָסט, אַפּנים, געמאַכט, זאָגט זי, אַ רעכטע כוסה?” — אַ כוסה, זאָג איך, האָבן מיר מיט לייזער־וואָלפן געמאַכט, און צו גלעזלעך פּונש האָבן מיר מיט לייזער־וואָלפן גענומען, נאָר ביי די געדאַנקען, זאָג איך, בין איך נאָך. הנה זיי וויסן, גאָלדע ברודער, אַז אונדזער צייטל איז אין אַ גוטער, אַ מזלדיקער שעה אַ כלה געוואָרן פאַר אים אליין, פאַר לייזער־וואָלפן! און איך האָב איר איבערגעגעבן די גאַנצע מעשה פון אָנהייב ביזן סוף, ווי אַזוי און וואָס און ווען און פון אַלץ, וואָס מיר האָבן גערעדט, נישט דורכגעלאָזט קיין האָר אַפילו. — „הערסטו, טביה, זאָגט צו מיר מיין ווייב, גאָט זאָל מיר טאַקע אַזוי העלפן, ווו איך וועל מיך קערן און ווענדן, זאָגט זי, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס, וואָס

לייזער־וואָלף האָט דיך גערופן, איז נישט אומזיסט. נאָר וואָס־זשע חען? איך האָב מורא געהאַט דערפון צו טראַכטן, טאָמער חלילה לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. איך דאַנק דיר, גאָטעניו, זאָגט זי, איך דאַנק דיר, האָר־צעדיקער פאָטער געטרייער, סע זאָל טאַקע נאָר זיין אין אַ גוטער שעה, אַ מזל־דיקער, זי זאָל זיך עלטערן מיט אים אין עושר און אין כבוד, וואָרום פרומע־שרה, זאָל זיין אָפּגעשיידט פון מיר, האָט געהאַט ביי אים עפּעס נישט אַזאַ גוטע וועלט; זי איז, זאָל מיר מוחל זיין, נישט אַקעגן נאַכט דערמאָנענדיק, געווען אַ ייִדענע אַן איינגעגעסענע, נישט געקאָנט אויס־קומען מיט קיינעם, נאָר נישט דאָס, וואָס אונדזער ציימל, איר צו לענ־גערע יאָר. אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר, גאָטעניו! נו, טביה, זאָגט זי,, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דו לעקיש איינער? באַדאַרף זיך אַ מענטש זאָרגן? אַז ס'איז באַשערט, זאָגט זי, קומט דאָס אַליין אין שטוב אַריין"... — דאָס אַוודאי, זאָג איך, ס'איז דאָך אַ בפירושער פּסוק... —

„וואָס טויג מיר דיין פּסוק, זאָגט זי, מע באַדאַרף זען גרייטן זיך צו דער חתונה; קודם־כל אויסרעכענען, זאָגט זי, לייזער־וואָלפן אַ צעטל, וואָס צייטל באַדאַרף האָבן צו דער חתונה; מילא פון פּאָווילע, זאָגט זי, איז נישטאָ וואָס צו רעדן. זי האָט נאָך נישט קיין פּאָרעם גרעט, זאָלסט זאָגן, אַ פּאָר זאָקן אפילו. היינט, זאָגט זי, מלבושים — איינס אַ זייַדנס צו דער חופּה און איינס אַ וואָלנס אויף זומער, דאָס אַנדערע אויף ווינטער, און פּלאַטיעס אַ פּאָר, און קליידלעך אונטערשטע, און מאַנטלען, זאָגט זי, וויל איך, זי זאָל האָבן צוויי: איינעם אַ באַרנוס מיט קעץ אויף אינדערוואָכן, און איינעם אַ גוטן מיט שליאַמעס אויף שבת; היינט עפּעס שטיוועלעך, מיט קולקעס, שטאַליקעלע, אַ גאָרסעט, הענטשקעלעך, נאָזטיכלעך, אַ זאָנטיקל און די איבעריקע זאַכן דאַרטן, וואָס אַ מיידל באַדאַרף האָבן היינטיקע צייטן..." — ווי קומט דאָס צו דיר, זאָג איך, גאָלדע סערדצע, דו זאָלסט גאָר וויסן פון אַזעלכע שמאַכטעליאַקעס? — „וואָס איז? — זאָגט זי. — איך בין נישט געווען צווישן מענטשן? צי איך האָב אפשר נישט געזען ביי אונדז אין כתריליעווקע, ווי אַזוי מע גייט אָנגעטאָן ביי לייטן? דו, זאָגט זי, לאָז מ י ך, איך וועל שוין אַליין מיט אים אַלצדינג רעדן; לייזער־וואָלף, זאָגט זי, איז, נישקשה, אַ ייד אַ נגיד, ער וועט מסתמא אַליין אויך נישט וועלן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל האָבן מיט אים צו טאָן; אַז מען עסט חזיר, לאָז כאָטש רינען איבער דער באָרד"...

בקיצור, מיר האָבן אַזוי אָוועקגערעדט ביזן ווייסן טאָג אַריין. — נעם צונויף, זאָג איך, מיין ווייב, דאָס ביסל קעז און פּוטער און לאָמיך פאָרן דערווייל קיין בויבעריק; עס איז טאַקע אַלצדינג שיין און פיין אָרום

און ארום, נאָר האָס געשעפּט, זאָג איך, קאָן מען נישט פאַרבייגן אויף א זייט, ווי שטייט דאָרטן: הנשמה לך — די וועלט איז אויך א וועלט. און גאַנץ פרי, כלחוך השור, עס איז נאָך געווען טונקל, האָב איך איינגעשפּאַנט דאָס פערד־און־וועגעלע און בין אוועק קיין בויבעריק. געקומען קיין בויבעריק אויפן מארק — אהא! (ס'איז דען פאַראַן א סוד ביי יידן?) מע ווייסט שוין אלצדינג און מע שטעקט אָפּ מזל־טוב פון אַלע זייטן — „מזל־טוב אייך, רב טביה, ווען האָבן מיר, אם ירצה השם, א התנאה?" — מיט מזל זאָלט איר, זאָג איך, לעבן, עס קומט אויס, ווי מע זאָגט: דער טאַטע איז נאָך גאָר נישט געבוירן געוואָרן, איז שוין דער זון אויסגעוואַקסן אויפן דאַך... — „בלאָטע זאָגן זיי, עס וועט אייך גאָר נישט העלפן, רב טביה, משקה מוזט איר שטעלן; קיין עין־הרע אזא גליק, א שמאַלץ־גרוב!" — די שמאַלץ רינט אויס, זאָג איך, די גרוב בלייבט איבער. נאָר פונדעסטוועגן, זאָג איך, קאָן מען קיין חזיר נישט זיין און פון חברה נישט אָפּשטיין. אָט פאַרטיק איך מיך אָפּ מיט אַלע מיינע יעהופּעצער באַלעבאַטים, זאָג איך, וועט זיין א גלעזל משקה און פאַרבייסן, חי־געלעבט און אן עק, האָט הייסט: צהלה ושמחה — הוליע קבצן!...

בקיצור, אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט מיין מסחר, גיך און געשווינד, ווי געוויינטלעך, האָב איך גענומען מיט גוטע ברידער צו ביסלעך לחיים, צוגעווינטשעוועט זיך איינס דעם אנדערן, ווי עס געהער צו זיין, און איך האָב מיך אויפגעזעצט און בין אוועק אהיים לעבעדיק־פריילעך, גאָר בגילופין. פאָרנדיק אזוי אין וואלד, זומער־לעבן, די זון באַקט, נאָר פון ביידע זייטן וואלד דער שאָטן פון ביימער, דער ריח פון סאָסנעס, מחיה־נפשות. צי איך מיך אויס ווי א גראף אין וועגעלע, לאָז נאָך מיין חברה־מאַן די לייצעס: גיי שוין, זאָג איך צו אים, זיי מוחל, אליין, דער וועג דאַרף דיר שוין זיין באַקאַנט — און אליין צעלאָז איך מיך אויף א קול און זינג מיר א ניגונדל. אויפן האַרצן איז עפּעס יום־טובדיק: עס זינגט זיך שטיקלעך פון ימים נוראים: „ויאתיו", „וכל מאמינים שהוא" און פון „הלל". איך קוק מיר אהין ארויף, אין הימל אריין, און די געדאַנקען־מחשבות פּלאָנטען זיך דאָ, אויף דער ערד. השמים שמים — די הימלען זיינען פאַר גאָט, והארץ — און די ערד, אזוי טראַכט איך מיר, האָט ער אוועקגעגעבן לבני אדם — צו די קינדער פון מענטשן, זיי זאָלן זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, זיך רייסן ווי די קעץ פאַר גרויס „ראַסקאַש", שלאָגן זיך פאַר גבאות, פאַר „ששי" און פאַר „מפטיר"... לא המתים יהללו יה, מכות פאַרשטייען

זיי, ווי מע באדארף גאָט לויבן פאַר די טובות, וואָס ער טוט מיט זיי, ואנחנו, אָבער מיר, אָרעמע לייט, איין טאָג א גוטן, אַז מיר האָבן, דאנקען מיר און לויבן גאָט און זאָגן: אָהבתי — איך האָב אים ליב גאָט, וואָרום ער הערט צו מיין קול און מיין געבעט, ער נייגט צו מיר זיין אויער, בשעת אפפוני — עס רינגלט מיך אַרום פון אַלע זייטן דלות, צרות, שלעק־פּורעניות: דאָ פאלט א בהמה אין מיטן העלן טאָג, דאָ טראָגט אָן דער גוטער יאָר א קרוב א שלימזל, א מין מנחם מענדל פון יעהופּעץ, נעמט צו דאָס לעצטע חיות, און איך מיין שוין בחפזי: אָן עק, די וועלט איז שוין געפאלן, כל האדם כוזב — נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט. וואָס טוט גאָט? שיקט ער אריין ליי־זער־וואָלפן א מחשבה, ער זאָל נעמען מיין צייטלען ווי זי שטייט און גייט, דערום זאָג איך צוויי מאָל אודך — איך וועל דיך לויבן, גאָ־טעניו, וואָס דו האָסט זיך אַרומגעקוקט אויף טביהן און געקומען מיר צו הילף, איך זאָל האָבן כאָטש א שטיקל נחת פון מיין קינד, אַז איך וועל קומען צו איר צו גאסט, אם ירצה השם, זי טרעפן א באַלעבאָסטע אויף אַלעם גרייטן, פולע שאפעס מיט גרעט, פולע שפּיזארנעס מיט פסחדיק שמאַלץ און מיט איינגעמאכטס, פולע שטייגן מיט עופות, געענדז און קאטשקעס... פּלוצעם צעלאָזט זיך דאָס פערדל מיינס אַראָפּ־אַבאַרג, און איידער איך הייב אויף דעם קאָפּ א קוק טאָן, זוו איך בין אין דער וועלט, ליג איך שוין אויף דער ערד מיט אַלע לייד־יקע טעפּלעך און קרי־געלעך, און דאָס װעגעלע אויף מיר! קוים מיט צרות, מיט ליידן אַרויס־געקראַטשקעט זיך, און אויפגעשטאנען א צעבראָכענער, א צעהרגעטער, לאָז איך אויס מיין ביטער הארץ צום פערדל. איינגעזונקען זאָלסטו ווערן! ווער האָט דיך געבעטן, שלימזל, באווייזן א בריהשאפט, אַז דו קאָנסט לויפן בארג אראָפּ? האָסט דאָך מיך שיעור, זאָג איך, אומגליקר־לעך געמאַכט, הו אשמדאי! און איך האָב אים איינגעטיילט וויפל ס'איז אין אים אריין. מיין בחור האָט, אפנים, אליין פארשטאנען, אַז ער האָט דאָ פארשטיפט א מיאוסע מעשה, געשטאנען אַראָפּגעלאָזט די מאָרדע, כאָטש מעלק אים אויס. — כאַפּט דיך דער וואטנמאכער, — זאָג איך צו אים און מאך צורעכט דאָס װעגעלע, נעם צונויף די כלים און הלך לעולמו — פאָר ווייטער. נישט קיין גוטער סימן, זאָג איך צו זיך אליין; איך האָב מורא, צי עס האָט זיך נישט געטראָפן אינדערהיים עפּעס א נייער אומגליק?...

כך־הוה. איך פאָר אָפּ נאָך א וויאָרסט צוויי, שוין נישט ווייט פון דער היים, דערזע איך אין מיטן שליאך גייט גלייך אקעגן מיר א מענטש

אינעם געשטאַלט פון אַ נקבה. איך פאָר צו נעענטער, קוק מיך איין: צייטל!... איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר עס האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין הארצן, אַז איך האָב זי דערזען. איך שפּרונג אַראָפּ פונעם וואָגן: צייטל, ס'איז דו? וואָס טוסטו דאָ? פאַלט זי מיר נישט אויפן האַלדז מיט אַ געוויין? גאָט איז מיט דיר, זאָג איך, טאָכטער מיינע, וואָס וויינסטו? — „אוי, זאָגט זי, טאַטע, טאַטע!"... און באַוואַשט זיך מיט טרערן. עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן און פאַרקלעמט ביים הארצן.

— וואָס איז דיר, טאָכטער, זאָג מיר, וואָס איז דיר געשען? — זאָג איך צו איר און נעם זי אַרום, גלעט זי, האַלדז זי, קוש זי, און זי אין איין קול: — „טאַטע, טאַטע, האַרציקער, געטרייער, זאָגט זי, דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט, האָב רחמנות, זאָגט זי, אויף מיינע יונגע יאָר!"... און פאַרגייט זיך פאַר געוויין, קאָן מער קיין וואָרט נישט אויסרעדן. אַז אָך און ווי איז מיר, טראַכט איך, איך שטוים מיך שוין אָן, וואָס דאָ איז! דער רוח האָט מיך אָוועקגעטראָגן קיין בויבעריק! — וואָס באַדאַרף מען וויינען, זאָג איך צו איר און גלעט זי ביים קאָפּ, נאַרעלע, וואָס באַדאַרף מען וויינען? ממה־נפשך, זאָג איך, ניין איז ניין, מע וועט דיר מיט געוואַלד חלילה קיינער נישט אָנהענגען אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז. מיר האָבן, זאָג איך, געמיינט דיין טובה טאַקע, געוואָלט ווי צום בעסטן. אַלאַ ס'איז דיר נישט צום הארצן, וואָס זאָל מען טאָן? מסתמא, זאָג איך, איז נישט באַשערט... — „אַ דאַנק דיר, זאָגט זי, טאַטע, לאַנג לעבן זאָלסטו", — און פאַלט מיר ווידער אויפן האַלדז און הייבט ווידער אָן צו קושן מיך און וויינען, גיסן מיט טרערן.

— אָבער לאָז שוין זיין גענוג געוויינט, זאָג איך, ה כ ל ה ב ל — קרעפּלעך עסן קאָן אויך נמאס ווערן! קריך, זאָג איך, אין וואָגן אַריין און לאָמיר פאָרן אַהיים, די מאַמע, זאָג איך, וועט דאָרטן איבערטראַכטן מי יודע וואָס!

בקיצור, מיר האָבן זיך ביידע אַריינגעזעצט אין וואָגן אַריין, און איך האָב אָנגעהויבן איינצושטילן זי מיט רייד, אַהין, אַהער. די מעשה דערפון, זאָג איך, איז דאָך אַזוי; מיר האָבן, זאָג איך, דערביי חלילה קיין שום שלעכטע מחשבה נישט געהאַט; גאָט איז יודע דעם אמת, מיר האָבן געוואָלט, ווי זאָגט ער, לעת־צרה באַוואָרענען אַ קינד; איי, עס לאָזט זיך נישט, מסתמא, זאָג איך, הייסט גאָט אַזוי; נישט באַשערט, זאָג איך, דיר, טאָכטער מיינע, קומען אויפן גרייטן, ווערן אַ באַלעבאָסטע אויף אַלדאָס גוטס, און אונדז אַ שטיקל נחת דערלעבן, זאָג איך, אויף די עלטערע יאָרן, פאַר אונדזער האָרעוואַניע, זאָג איך, טאָג ווי נאַכט

אין דער טאטשקע איינגעשפּאַנט, קיין גוטע מינוט, נאָר דלות, נאָר דחקות, נאָר שלים־שלימזל אָרום און אָרום!... „אוי, טאַטע, זאָגט זי צו מיר ווידער מיט א געוויין, איך וועל מיך שטעלן, זאָגט זי, פאַר א דינסט, ליים וועל איך טראָגן, ערד וועל איך גראָבן!"... — וואָס וויינסטו, נאַריש מיידל, זאָג איך צו איר, איך זאָג רעדן דיר עפּעס, נאַרעלע? צ איך האָב טענות וצו דיר? גלאט, זאָג איך, ס'איז ביטער און פינצטער, רעד איך מיר אויס דאָס האַרץ, שמועס איך מיך אויס מיט אים, מיטן רבונו של עולם, ווי אזוי ער פירט מיט מיר; ער איז, זאָג איך, אַן אב־הרחמן, האָט רחמנות אויף מיר, פיינט זיך אויס קעגן מיר, זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, זאָג איך, רעכנט זיך, ווי מיט א טאַטן, און גיי שריי חי־וקים! נאָר מסתמא, זאָג איך, באַדאַרף אזוי צו זיין; ער איז אויבן, אין דער הייך, זאָג איך, און מיר זיינען דאָ, אין דער ערד, טיף, טיף אין דער ערד, מוזן מיר זאָגן, אז ער איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט. וואָרום אז מיר זאָלן וועלן שמועסן טאַקע דאָס איינגענע ווידער צוריק, בין איך דען נישט קיין גרויסער נאַר? וואָס שריי איך? וואָס פּילדער איך? וואָס הייסט, זאָג איך, איך, קליין ווערעמל, וואָס פויזשע אָרום דאָ אויף דער ערד, וואָס א מינדסט ווינטעלע, אז גאָט וויל נאָר, מאַכט פון מיר א תל־עולם אין איינו כהרף־עין, שטעל איך מיך אַרויס מיט מיין נאַרישן שכל און וויל אים זאָגן דעות, ווי אזוי צו פירן דאָס וועלטל זיינס? מסתמא, אז ער הייסט אזוי, באַדאַרף זיין אזוי, וואָס העלפט דאָ טענות? פערציק טעג, זאָג איך, אזוי שטייט געשריבן ביי אונדז אין די הייליקע ספרים, פערציק טעג פאַר דעם, איידער דאָס קינד ווערט באַשאַפן ביי דער מוטער אין בויך, קומט א מלאך און שרייט אויס: בת פלוני לפלוני, לאָז טביהס טאָכטער נעמען געצל בן זרחן, און לייזער־וואָלף חער קצב לאָז מוחל זיין פאָרן ערגעץ אנדערש זוכן זיך זיין גליכן, זיינס וועט אים נישט אנטלויפן, און דיר, זאָג איך, לאָז גאָט צושיקן דיין זיווג, נאָר עפּעס א רעכטס, און וואָס צום גיכסטן. אָמן, כן יהי רצון — זאָג איך, די מאַמע זאָל כאָטש אזוי נישט שרייען, איך וועל שוין פון איר כאַפּן א גוטן פסק!...

בקיצור, מיר זיינען געקומען אהיים, אויסגעשפּאַנט דאָס פערדל און אוועקגעזעצט זיך ביי דער שטוב אויפן גראָז עפּעס צוטראַכטן אן עצה, אויסקלערן פאַר מיין ווייב א מעשה פון טויזנט־איין־נאַכט, אבי אַרויס פון א צרה. פאַרנאַכטלעך, די זון זעצט זיך; זומער־לעבן, די זשאַבעס פונדערווייטן קוואַקן; דאָס פערדל, געפּענטעט אויף צוויי פיס, שטשיפּעט גראָז; די בהמהלעך, נאָר וואָס געקומען פון דער טשערעדע, שטייען

איבער די צעבערס און ווארצן, מע זאָל זיי אויסמעלקן; אַרום און אַרום דאָס גראָז שמעקט — נאָר א גן־עדן! איך זיץ מיר אזוי און באטראכט דאָס אלצדינג און קלער מיר בשעת־מעשה, ווי קלוג דער רבונו של עולם האָט דאָס באשאפן דאָס וועלטל זיינס, אזוי אַז איט־לעכס באשעפעניש, פונעם מענטשן ביז להבדיל א בהמה, זאָל זיך פאַר־דינען זיין ברויט — אומזיסט איז נישטאָ! דו, בהמה, ווילסט זיך פרעסן — גיי מעלק זיך, גיב מילך, זיי מפרנס א ייד מיט ווייב און קינדער־לעך! דו, פערדל, ווילסט קייען — לויף אלע מאָל הין און צוריק מיט די טעפּלעך קיין בויבעריק! און דעסגלייכן דו, מענטש, להבדיל, ווילסט א שטיקל ברויט — גיי האָרעווע, מעלק די בהמות, טראָג זיך מיט קריגלעך, שלאָג פוטער, מאַך קעז, שפּאַן דאָס פערדל און שלעפּ זיך אלע פרי־מאָרגן קיין בויבעריק אויף די דאטשעס, נייג זיך און בוק זיך צו די יע־הופּעצער גבירים, שמייכל צו זיי, חנפה זיי, קריך זיי איטלעכן באזונדער אין דער נשמה אריין, גיב אכטונג, זיי זאָלן זיין צופרידן, וחלילה נישט אָנרירן זיי אין כבוד!... איי, בלייבט דאָך א קשיא: מ ה נ ש ת נ ה? — וווּ שטייט דאָס געשריבן, אַז טביה באדאַרף האָרעווען פאַר זייערטוועגן, אויפשטיין גאַנץ פרי, ווען גאָט אליין שלאָפט נאָך, וואָס איז? בכדי זיי זאָלן האָבן פונקט צו דער קאַווע א פריש שטיקל קעז און פוטער? וווּ שטייט דאָס געשריבן, אַז איך בין מחויב אויסגעריסן ווערן צוליב א שיטערן קרופּניק, א קאָליש מיט גרויפּן, און זיי, די יעהופּעצער נגידים, באדאַרפן אויסרוען די בייגער אויף די דאטשעס, נישט טאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער און עסן דווקא געבראָטענע קאַטשקעלעך, און דווקא גוטע קנישעס, בלינצעס מיט ווערעניקעס? בין איך דען נישט אזא ייד, ווי זיי? וואָלט דען נישט געווען קיין יושר, כ׳לעבן, אַז טביה זאָל זיך אָוועקזעצן כאָטש איין זומער אויף א דאַטשע? איי, וווּ וועט מען נעמען קעז און פוטער? ווער וועט מעלקן די בהמות? טאַקע זיי, די יעהופּעצער סטיקראַטן מיין איך... און איך צעלאַך מיך אליין פון אזא משוגענעם געדאַנק, ווי זאָגט די וועלט א ווערטל: אַז גאָט זאָל האָרכן די נאַראָ־נים, וואָלט די וועלט געהאַט אן אַנדער פּנים... — „א גוטן אָוונט, רב טביה!“ — הער איך עמעצער רופט מיך אָן ביים נאָמען. איך דריי מיך אַרום, איך טו א קוק — א באַקאַנטער: מ אָ ט ל ק אַ מ ז ו י ל, א שניידער־יונג פון אַנאַטעווקע. — ברוך הבא, זאָג איך, ס׳קאָצל קומט, מע זאָל דערמאָנען משיחן. זיץ, מאָטל, אויף גאָטס ערד, זאָג איך, ווי קומסטו פּלוצעם אַהער? — „ווי איך קום? מיט די פיס“. — מאַכט ער צו מיר און זעצט זיך אַוועק לעבן מיר אויפן גראָז און קוקט אַהין, וווּ

מײנע מײדלעך דרײען זיך ארום מיט די טעפּלעך און מיט די קריגלעך. — „איך קלויב מיך שוין לאַנג צו אײך, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, נאָר איך האָב אַלץ קײן צײט נישט; אײן שטיקל אַרבעט אַרױסגעלאָזט, דאָס אַנדערע גענומען. איך בין מיר הײנט אַלײן פאַר זיך אַ שנײדער. אַרבעט איז פאַראַן, ברוך השם, גענוג, אַלע שנײדערס זײנען פאַרװאָרפן מיט אַרבעט. ס'איז בײ אונדז משך אַ זומער פון חתונות: בערל פאַנפאַטש מאַכט חתונה; יאָסל שײגעץ מאַכט חתונה; מענדל זאַאיקע מאַכט חתונה; יאַנקל פּיסקאַטש מאַכט חתונה; משה גאָרגל מאַכט חתונה; מאיר קראַפּעװע מאַכט חתונה; חיים לאָשעק מאַכט חתונה; און אַפילו טריוביעכע די אַלמנה מאַכט אױך חתונה!" — די גאַנצע װעלט, זאָג איך, מאַכט חתונה, נאָר איך אײנער האַלט נאָך נישט דערבײ; מסתמא בין איך נישט װערט בײ גאָט... — „נײן, מאַכט ער צו מיר און קוקט אַהין, װוּ די מײדלעך זײנען, איר האָט אַ טעות, רב טביה; איר זאָלט װעלן, װאָלט איר אױך געהאַלטן איצט בײ חתונה מאַכן, עס װענדט זיך נאָר אין אײך"... — דהײנו, זאָג איך, װוּ אַרום? אפשר מײנסטו אַ שידוך פאַר מײן צײטלען? — „װי געמאָסטן!" — מאַכט ער צו מיר. — כאָטש עפּעס אַ רעכטן שידוך? — זאָג איך און טראַכט מיר בשעת מעשה: עס װעט זײן שײן, טאָמער מײנט ער ליזערװאָלף דעם קצב!... „טשאַקענדיק און קנאַקענדיק!" — ענטפערט ער מיר אױף שנײדער־לשון און קוקט אַלץ אַהין, װוּ די מײדלעך זײנען. — פון װאַנען, למשל, איז דער שידוך דײנער, פרעג איך אים, פון װאָסערע קאַנטן? אױב ער שמעקט מיט יאַטקע, זאָג איך, װײל איך גאָר נישט הערן, נישט זען! — „הס וחלילה, זאָגט ער, ער היבט נישט אָן שמעקן מיט יאַטקע; איר קענט אים, רב טביה, זײער גוט!"... איז דאָס כאָטש, זאָג איך, עפּעס אַ גלײכע זאַך? — „נאָך אַ מין גלײך, זאָגט ער, גלײך צו גלײך איז נישט גלײך; ס'איז, װי מע זאָגט, גיל ושמחה — צוגעשניטן און אױפגענײט!"... װערזשע איז דער שידוך, זאָג איך, לאָמיר הערן! — „װער דער שידוך איז? — מאַכט ער און קוקט אַלץ אַהין. — דער שידוך איז, פאַרשטײט איר מיך, רב טביה, טאַקע איך אַלײן"... װי ער האָט דאָס מיר נאָר אַרױסגערעדט, אַזױ בין איך אונטערגעשפּרונגען, װי אַן אָפּגעבריטער, פון דער ערד, און ער נאָך מיר און אַזױ זײנען מיר געבליבן שטײן אײנער אַקעגן אַנדערן, אָנגעזאַרט, װי די האָנען. צי דו ביסט משוגע געװאָרן, זאָג איך צו אים, צי דו ביסט גלאַט אַזױ אַראָפּ פון זינען? ביסט אַלײן דער שדכן, אַלײן דער מחותן און אַלײן דער חתן, דאָס הײסט,

אן אייגענע חתונה מיט אייגענע קלעזמער! איך האב נאך, זאג איך אזעלכעס נישט געהערט אין ערגעץ, אז א בחור זאל זיך אליין רעדן א שידוך! — „דאס, וואס איר זאגט, רב טביה, מאכט ער צו מיר, אז איך בין משוגע, לאזן אונדזערע שונאים משוגע ווערן; איך בין נאך, מעגט איר מיר גלויבן, ביי אלע געדאנקען; מע באדארף גאר נישט זיין, זאגט ער, משוגע, אז מע זאל וועלן אייער ציטעלען; א סימן האט איר, אז לייזער־וואלף, וואס איז דער גרעסטער נגיד ביי אונדז אין שטאט, האט זי געוואלט נעמען ווי זי שטייט און גייט... איר מיינט, ס'איז א סוד? דאס גאנצע שטעטל ווייסט שוין!... און דאס, וואס איר זאגט, אליין אן א שדכן, איז מיר א חידוש, זאגט ער, אויף אייך; איר זענט דאך, רב טביה, עפעס יא א ייד וואס קאטארי קיין פינגער אין מויל באדארף מען אייך נישט אריינלייגן... נאך וואס טויג לאנגע שמועסן? די מעשה פון דער געשיכטע, זאגט ער, איז אזוי: איך און אייער טאכטער ציטל האבן זיך געגעבן דאס ווארט שוין לאנג, שוין העכער א יאר, אז מיר זאלן זיך נעמען"... א מעסער אין הארצן, ווען עמעצער זעצט מיר אריין, וואלט מיר געווען א סך מער ניחא, ווי די דאזיקע ווערטער: ערשטנס, ווי קומט ער, מאטל שניידער, צו טביהן פאר אן איידעם? והשנית, וואס איז דאס פארא דיבורים: זיי האבן זיך געגעבן דאס ווארט, אז זיי זאלן זיך נעמען? — און ווו בין איך? — רוף איך מיך אן צו אים. — עפעס האב איך אויך א שטיקל דעה צו זאגן אויף מיין קינד, צי מיך פרעגט מען שוין גאר נישט? — „חס וחלילה, מאכט ער, דערויף בין איך דאך טאקע געקומען צו אייך איבעררעדן, אזוי ווי איך האב דערהערט, אז לייזער־וואלף שדכנט זיך צו אייער טאכטער, וואס קאטארי שוין העכער א יאר, אז איך האב זי ליב..." — ס'א משל, זאג איך, אז טביה האט א טאכטער ציטל, און דו הייסט מאטל קאמזויל און ביסט א שניידער, היינט וואס האסטו צו איר, דו זאלסט זי פיינט האבן?... — „ניין, מאכט ער, נישט דאס מיין איך, איך מיין גאר עפעס אנדערש, איך האב אייך געוואלט דערציילן, אז איך האב ליב אייער טאכטער, און אייער טאכטער האט מיך ליב, שוין העכער א יאר, זיך געגעבן דאס ווארט מיר זאלן זיך נעמען, האב איך, זאגט ער, עטלעכע מאל געוואלט זיין ביי אייך איבעררעדן, נאר אלץ אפגעלייגט אויף שפעטער, ביז איך וועל מיר צונויפשלאגן עטלעכע קערבלעך אויף א מאשין, און נאכדעם ערשט אויסקליידן זיך, ווי עס געהער צו זיין, ווארום א לאדע בחור היינטיקע צייטן האט צוויי קאסטיומען מיט עטלעכע קאמזוילן"... — טפו זאלט

איר ווערן, מאך איך צו אים, מיט אייער קינדערשן שכל! און וואס וועט איר טאן נאך דער חתונה — פארווארפן די ציין אויף די בענטשאנעס, צי דו וועסט האדעווען דיין ווייב מיט קאמזוילן?... — „ע, מאכט ער צו מיר, אויף אייך איז מיר, רב טביה, א חידוש, איר זאלט אזעלכעס זאגן! איך מיין, אז איר האט חתונה געהאט, האט איר, דאכט מיר, קיין אייגענע מויער נאך נישט געהאט, פונדעסטוועגן זעט איר דאך... ממה־נפשך, וואס עס וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין מיט רב ישראל... היינט בין איך דאך א שטיקל באלמעלאכע אויך"...

בקיצור, וואס זאל איך אייך דא לאנג מאריך זיין? ער האט מיך איבערגעריערט, ווארום — למאי זאלן מיך זיך נארן, ווי אזוי האבן אלע יידישע קינדער חתונה? אז מע זאל וועלן קוקן אויף די זאכן, וואלט אונדזער גראד קיינמאל נישט באדארפט חתונה האבן... איין זאך האט מיך נאר פארדראסן און האב דאס נישט געקאנט פארשטיין בשום־אופן: וואס הייסט, זיי אליין האבן זיך געגעבן דאס ווארט? וואס איז דאס פארא וועלט געווארן? א בחור באגעגנט זיך מיט א מיידל און זאגט צו איר: לאמיר זיך געבן דאס ווארט, אז מיר זאלן זיך נעמען... עפעס גלאט הפקר ציר־בעלעס!... נאר אז איך האב א קוק געטאן אויף מיין מאטלען, ווי ער שטייט זיך אזוי, דעם קאפ אראפגעלאזט, ווי א זינדיקער מענטש, מיינט דאס גאנץ ערנסט, און שום חכמות דערביי צו האבן, האב איך מיך מיישב געווען: לאמיר זיך נאר גוט באחרעכענען טאקע דאס אייגענע ווידער צוריק, וואס ברעקל איך מיך אזוי און וואס מאך איך דא אנ־שטעלן? דער גרויסער מיוחס וואס איך בין, רב צאציעלעס אן אייניקל, צי די גוזמות נדן, וואס איך גיב מיין טאכטער, צי די הלבשה אירע, משטיינס געזאגט?... מאטל קאמזויל איז טאקע א שניידער, ער איז אבער א גאנץ פיין בחורל, אן ארבעטס־יונג, קאן געבן א ווייב ברויט, און דערצו נאך אן ערלעך יינגל אויך, היינט וואס האב איך צו אים?

— טביה, זאג איך צו מיר אליין, מאך נישט קיין פוילע תנועות און זאג באם, ווי אין פסוק שטייט: סלחתי כדברך — לאז זיין מיט גליק!... יא, וואס טוט מען אבער מיט מיין אלטער? איך וועל דאך פון איר האבן, ווי זאגט ער, בסוסים ובגמלים — אויף שיסל און אויף טעלער! ווי אזוי פירט מען זי ארויף, אז עס זאל ביי איר ווערן ריעכט?... ווייסטו גאר וואס, מאטל? — רוף איך מיך אן צו מיין חתן.

— דו גיי דיר אהיים, איך וועל מיר דא דערווייל צורעכט מאכן אלץ, וואס מע באדארף, איבערשמועסן מיט דעם, מיט יענעם, ווי אין דער

מגילה שטייט: והשתיה כדת — אַלצדינג דאַרף זיין באַטראַכט, און אם ירצה השם מאָרגן, אויב דו וועסט ביז דעמאָלט קיין חרטה נישט האָבן, וועלן מיר זיך מסתמא זען... — „חרטה? — מאַכט ער צו מיר. — איך וועל האָבן חרטה? איך זאָל נישט דערלעבן אַוועקגיין פון דעם אָרט, עס זאָל פון מיר ווערן, זאָגט ער, אַ שטיין, אַ ביין!"... — צו וואָס טויג דיר נאָך דאָס שווערן זיך, וואָס דו שווערסט זיך, זאָג איך אים, אַז איך גלויב דיר אָן אַ שבועה? גיי געזונט, זאָג איך, און אַ גוטע נאַכט, און לאָז זיך דיר חלומען גוטע חלומות... און אַליין לייג איך מיך אויך שלאָפן, נאָר עס נעמט מיך נישט קיין שלאָף; דער קאָפּ ווערט מיר שיעור נישט צעפּלאַצן אויף שטיקלעך, טראַכטנדיק אַזאַ פּלאַן און אַזאַ פּלאַן, ביז איך בין געפאַלן אויף דעם רעכטן פּלאַן. וואָס־זשע איז דער פּלאַן? אָט וועט איר הערן, ווי אַזוי טביה פאַלט אויף אַ גליקס!

בקיצור, אַרום האַלבע נאַכט, די גאַנצע שטוב שלאָפט געשמאַק, דער כראָפּעט, דער פּייפט, בין איך מיך מיישב און הייב אָן צו שרייען נישט מיט מיין קול: געוואַלד! געוואַלד! געוואַלד!... סע פאַרשטייט זיך, אַז אויף מיין געוואַלד האָט זיך די גאַנצע שטוב אויפגעכאַפּט, און פריער פון אַלעמען גאָלדע. „גאָט איז מיט דיר, טביה, מאַכט זי צו מיר און טרייסלט מיך, שטיי אויף, וואָס איז דיר אַזעלכעס, וואָס געוואַלדעוועסט דו?"... איך עפן אויף די אויגן, קוק מיך אַרום כלומרשט אויף אַלע זייטן און רוף זיך אָן מיט אַ ציטערניש: — וו איז זי ערגעץ? — „ווער איז? וועמען זוכסטו?" — פרומע שׂרהן, זאָג איך, פרומע־שׂרה לייזער־וואָלפס איז דאָ נאָר וואָס געשטאַנען... — „דו רעדסט פון היץ, מאַכט צו מיר מיין ווייב, גאָט איז מיט דיר, טביה! פרומע־שׂרה לייזער־וואָלפס, זאָל זיין אָפּגעשיידט, איז שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט". — איך ווייס, זאָג איך, אַז זי איז געשטאָרבן, טאָר זי איז אָבער פאָרט געווען נאָר וואָס, אָט דאָ ביי מיין בעט גערעדט מיט מיר, זי האָט מיך אָנגענומען, זאָג איך, ביים גאָרגל, מיך געוואָלט וואָרגן!... — „גאָט איז מיט דיר, טביה, וואָס פּלאַפּלסטו? — מאַכט צו מיר מיין ווייב. — עס האָט זיך דיר געקערט חלומען אַ חלום; שפּיי אויס דריי מאָל און דערצייל מיר, וואָס האָט זיך דיר געחלומט, וועל איך דיר אויסלייגן צו גוטן". — לאַנג לעבן זאָלסטו, גאָלדע, מאַך איך צו איר, וואָס דו האָסט מיך אויפגעמונטערט, ווען נישט, וואָלט איך פאַר שרעק געקלאַפּירט אויפן אָרט. גיב מיר, זאָג איך, אַ טרונק וואַסער, וועל איך דיר דערציילן דעם חלום, וואָס האָט זיך מיר געחלומט. נאָר בעטן וועל איך דיך, גאָלדע, זאָלסט זיך נישט שרעקן און נישט איבערקלערן חלילה גאָט

ווייסט וואָס, ווּאָרום אין די הייליקע ספרים ביי אונדז שטייט געשריבן, אַז נאָר דריי חלקים פון אַ חלום קאָן אַמאָל מקוים ווערן, און דאָס איבעריקע איז בלאָטע, שקרים וכזבים, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן... קודם־כל, זאָג איך, האָט זיך מיר געחלומט, אַז ס'איז ביי אונדז אַ שמחה: איך ווייס נישט, צי אַ קנס־מאָל, צי אַ חתונה. מענטשן אַ סך, יידן און ווייבער, דער רב און דער שוחט, היינט קלעזמער... דערוויילן עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין דיין באָבע צייטל עליו השלום... מיין ווייב האָט דערהערט די באָבע צייטל, איז זי שוין געוואָרן טויט ווי די וואַנט און רופט זיך אָן צו מיר: „ווי אַזוי איז זי אויפן פנים און אין וואָס איז זי געגאַנגען אָנגעטאָן?" — אַ פנים האָט זי, זאָג איך אויף אַלע אונדזערע שונאים, געל אַזוי ווי וואַקס, און אָנגעטאָן, געוויינטלעך, אין ווייסן, אין תכריכים... „מזל־טוב! — מאַכט צו מיר די באָבע צייטל. — איך האָב נחת, וואָס איר האָט אויסגעקליבן פאַר אייער צייטלען, וואָס זי טראָגט מיין נאָמען, אַזאַ פיינעם חתן, אַ לייטישן; ער הייסט מאָטל קאַמזויל, נאָך מיין פעטער מרדכי, און כאָטש ער איז אַ שניידער, פונדעסטוועגן איז ער זייער אַן ערלעך קינד..." — „פון וואַנען, רופט זיך אָן גאָלדע, האָט זיך צו אונדז גענומען אַ שניידער? אין אונדזער משפחה, זאָגט זי, זיינען פאַראַן מלמדים, חזנים, שמשים, קברות־יידן, און גלאַט אַזוי אָרעמע לייט, נאָר נישט, חלילה, קיין שניידערס און נישט קיין שוסטערס"... — שלאָגזשע מיך נישט איבער, גאָלדע, זאָג איך צו איר, מסתמא ווייסט דיין באָבע צייטל בעסער פון דיר... אַז איך האָב דערהערט פון דיין באָבע צייטל אַזאַ מין מזל־טוב, רוף איך מיר אָן צו איר: וואָס זאָגט איר עפּעס, באָבעניו, אַז צייטלס חתן הייסט מאָטל און ער איז אַ שניידער, אַז בסך־הכל הייסט ער לייזער־וואָלף און ער איז גאָר אַ קצב?... — „ניין, רופט זיך אָן די באָבע צייטל נאָך אַמאָל, ניין, טביה, דיין צייטלס חתן הייסט טאַקע נאָר מאָטל, ער איז אַ שניידער, און מיט אים וועט זי זיך עלטערן, אם ירצה השם, אין עושר און אין כבוד"... רעכט, באָבעניו, זאָג איך צו איר נאָך אַמאָל, וואָס־זשע טוט מען מיט לייזער־וואָלפן? ס'טייטש, איך האָב דאָך אים ערשט נעכטן געגעבן דאָס וואָרט!... — איך האָב נאָר אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, איך טו אַ קוק — נישטאָ קיין באָבע צייטל! אויף איר אָרט איז אויסגעוואַקסן פרומע־שרה לייזער־וואָלפס און מאַכט צו מיר בהאי לישנא: „רב טביה! איך האָב אייך געהאַלטן תמיד פאַר אַן ערלעכן, פאַר אַ יידן מיט תורה, סטייטש, ווי קומט דאָס, איר זאָלט טאָן אַזאַ זאַך, איר זאָלט וועלן, אַז אייער טאָכטער זאָל מיך ירשענען, זיצן

אין מיין שטוב, האלטן מײַנע שליסל, אַנטאָן מײַן מאַנטל, טראָגן מײַנע צירונג, מײַנע פּערל?"... וואָס בין איך שולדיק, מאַך איך צו איר, אײַער לײַזער־וואָלף האָט אַזוי געוואָלט... „לײַזער־וואָלף? — מאַכט זי צו מיר. — לײַזער־וואָלף וועט האָבן אַ וויסטן סוף, און אײַער צײַטל... אַ רחמנות נעבעך, רב טביה, אויף אײַער טאָכטער; מער ווי דרײַ וואָכן וועט זי מיט אים נישט לעבן; און אַז עס וועט אויסגיין די דרײַ וואָכן, וועל איך קומען צו איר בײַנאַכט און וועל זי אָננעמען בײַם האַלדז אָט־אַזוי־אָ..."

און מיט די ווערטער, זאָג איך, האָט מיך פרומע־שׂרה אָנגענומען בײַם גאָרגל און האָט מיך אָנגעהויבן צו וואָרגן אַזוי, אַז ווען נישט דו וואָלסט מיך געוועז אויפוועקן, וואָלט איך שוין איצטער אָנגעשפּאַרט ווײַט־ווײַט!... — „טפו־טפו־טפו! — מאַכט צו מיר מײַן ווײַב און שפּײַט אויס דרײַ מאָל דרײַ. — אין טײַך זאָל דאָס פאַלן, אין דער ערד זאָל דאָס זינקען, אויף בוידעמס זאָל דאָס קלעטערן, אין וואַלד זאָל דאָס רוען, נאָר אונדז און אונדזערע קינדער זאָל דאָס נישט שאַטן! אַ בייזער, אַ וויסטער, אַ פינצטערער חלום אויף דעם קצבֿס קאָפּ און אויף זײַנע הענט און פיס! לאָז ער זײַן די כּפּרה פאַר מאָטל קאַמזױלס מינדסטן נאָגל, כאָטש ער איז אַ שנײַדער, וואָרום אַז ער הייסט נאָך מײַן פעטער מרדכי, איז ער געוויס נישט קיין געבוירענער שנײַדער, און מסתּמא אַז די באָבע עליו השלום איז זיך מטריח פון יענער וועלט קומען אַהער צו אָפּגעבן מזל־טובֿ, באַדאַרפן מיר זאָגן, סע זאָל זײַן אין אַ גוטער שעה אַ מזלדיקער, אָמן סלה!"...

— — — — — — — — — — — — —

בקיצור, וואָס זאָל איך אײַך לאַנג מאריך זײַן? איך בין געווען שטאַרקער פון אײַזן, אַז איך האָב יענע נאַכט אויסגעהאַלטן און בין נישט צעזעצט און צעשפּרונגען געוואָרן, ליגנדיק אונטער דער קאָלדרע, פאַר געלעכטער... ב ר ו ך ש ל א ע ש נ י א ש ה — אַ ייִדענע בלײַבט אַ ייִדענע... סע פאַרשטייט זיך, אַז אויף מאָרגן איז געווען בײַ אונדז דאָס קנס־מאָל, און טאַקע באַלד נאָכדעם די חתונה, אויף גמרא־לשון: הא גברא והא טרסקא, און דאָס פּאָר־פּאָלק, ברוך־השם, לעבט זיך גאַנץ צופרידן: ער איז זיך אַ שנײַדער, גייט אַרום אין בויבעריק פון איין דאַטשע אין דער אַנדערער אָננעמען אַרבעט, און זי טאָג ווי נאַכט אין דער יאָד, קאָכט און באַקט און וואַשט און שמירט און טראָגט וואַסער, קוים־קוים דאָס שטיקל ברויט אין שטוב; איך זאָל איר נישט

ברענגען אמאל אביסל מילכיקס, אמאל עטלעכע גראשנס, וואלט גע־
וען גאר נישט גוט — און רעד מיט איר, זאגט זי, אז ס'איז איר, קיין
עין־הרע, גוט ווי די וועלט, אבי, זאגט זי, איר מאטל זאל איר זיין געד
זונט. — נו, גייט טענהט מיט היינטיקע קינדער! עס קומט אויס, ווי
איך האב אייך געזאגט פונעם אנהייב: בנים גדלתי ורוממתי
— הארעווע פון קינדערס וועגן, שלאג זיך קאפ אין וואנט, והם פשעו
בי — זאגן זיי, אז זיי פארשטייען בעסער. ניין, זאגט אייך וואס איר
ווילט, היינטיקע קינדער זיינען צו קלוג! נאר מיר דאכט, אז איך האב
אייך היינט אנגערולט א קאפ מער ווי אלע מאל. האט מיר קיין פאר־
ריבל נישט, זייט מיר געזונט און האט אייך א גוטן תמיד!

האדל

געשריבן אין יאָר 1904

האָדל

— איר חידושט זיך, פאַניע שלום־עליכם, אויף טביהן, וואָס מע זעט אים נישט? ער האָט זיך, זאָגט איר, שטאַרק א רוק געטאָן, מיט אַמאָל, זאָגט איר, גרוי געוואָרן? ערד־ערד־ערד! ווען איר זאָלט ווייסן מיט וואָס פאַרא צרות, מיט וואָס פאַרא ווייטיקן אָט דער טביה טראָגט זיך אַרום! ווי אַזוי שטייט דאָרט ביי אונדז געשריבן: אדם יסודו מעפר וסופו לעפר — א מענטש איז שוואַכער פון א פליג און שטאַרקער פון אייזן... טאַקע נאָר א באַשרייבונג מיט מיר! ווו ערגעץ א שלאַק, א צרה, אן אַנשיקעניש — מיך אויסמיידן טאָר עס נישט. פון וואַנען נעמט זיך עס, ווייסט איר נישט? אפשר דערפון, וואָס בטבע בין איך א פתי יאמין, וואָס גלייבט איטלעכן אויף נאמנות? טביה פאַרגעסט, וואָס אונדזערע חכמים האָבן אונדז אָנגעזאָגט טויזנט מאָל: כבדהו וחשדהו; בלשון אשכנז הייסט עס „נע וויר סאָבאַקי"... נאָר וואָס זאָל איך טאָן, פרעג איך אייך, אז ס'איז ביי מיר פאָרט אַזא טבע? איך בין, ווי איר ווייסט, א גרויסער בעל בטחון און האָב צו דעם וואָס לעבט איבעיק קיינמאָל קיין טענות נישט, ווי אַזוי ער פירט, אַזוי איז גוט. וואָרום פרוווט זיך, אדרבה, פאַרקערט, האָט יאָ טענות, וועט איך עפּעס העלפן? אז ווי באַלד מיר זאָגן אין די סליחות: הנשמה לך והגוף שלך, — הייסט וואָס ווייסט א מענטש און וואָס האָט ער פאַר א ווערדע? שטענדיק טענה איך אָבער מיט איר, מיט מיינער הייסט חאָם: „גאָלדע, זאָג איך, דו זינדיקסט! פאַראַן, זאָג איך, ביי אונדז א מדרש...", „וואָס מיר מדרש, זאָגט זי, מיר האָבן, זאָגט זי, א טאָכטער אויף חתונה צו מאַכן; און נאָך דער טאָכטער, קיין עין־הרע, גייען נאָך צוויי טעכטער; און נאָך די צוויי — נאָך דריי, קיין ביז אויג זאָל נישט שאַדן!" — „עט, זאָג איך, ס'איז בלאָטע, גאָלדע! אונדזערע חכמים, זאָג איך, האָבן דאָס אויך באַוואָרנט; ס'איז פאַראַן, זאָג איך, דערויף אויך א מדרש..." לאָזט זי זיך נישט רעדן: „טעכטער, זאָגט זי, דערוואַקסענע, זיינען אַליין א גוטער מדרש"... און גייט טענהט מיט א יידענע!

הקיצור, פון דעם זעט איר ארויס, אז ס'איז פאראן, ס'איז דאָ. קיין עין־הרע, ביי מיר סחורה אויף אויסצוקלייבן, און דווקא פיינע סחורה, נישט צו פארזינדיקן, איינע שענער פון דער אנדערער. ס'איז נישט שייך, אז איך אליין זאָל לויבן מיינע קינדער, נאָר איך הער וואָס די וועלט זאָגט: „קראסאוויצעס!" און ועל כולם די עלטערע, האָדל רופט מען זי, די אנדערע פון צייטלען, די וואָס האָט זיך פארקאָכט, אויב איר געדענקט, אינעם חיט; איז זי שיין, זאָג איך אייך, די אנדערע טאָכטער מיינע, האָדל מיין איך, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? טאקע ווי אין דער היילקער מגילה שטייט געשריבן: כי טובת מראה היא — שיינט ווי א שטיק גאָלד! און צו די צרות באדארף זי נאָך האָבן א קאָפּ אויך, שרייבט און לייענט יידיש און רוסיש, און ביכלעך — ביכלעך שלינגט זי, ווי האלעשקעס. ווערט איר דאָך פרעגן א קשיא: וואָס פאר א מחותן איז טביהס טאָכטער מיט ביכלעך, אז דער טאטע אירער האנדלט גאָר מיט קעז און מיט פוטער? הערסטו, אָט דאָס פרעג איך דאָך ביי זיי, ביי די פיינע בחורים הייסט עס, וואָס קיין הויזן, איך בעט איבער אייער כבוד, איז נישטאָ, און שטודירן גלוסט זיך זיי, ווי מיר זאָגן אין דער הגדה: כולנו חכמים — אלע ווילן לערנען, כולנו נבונים — אלע ווילן שטודירן. פרעגט זיי: וואָס שטודירן? ווער שטודירן? זאָלן אזוי ציגן וויסן אין פרעמדע גערטנער שפּרינגען! אז בסך־הכל לאָזט מען זיי דאָך גאָר נישט צו, ווי זאָגט ער: אל תשלח ידך — א קאָמע פון דער פוטער!... זאָלט איר זען פונדעסט־וועגן, ווי מע לערנט! און ווער? באלמעלאָכישע קינדער. פון שניידערס, פון שוסטערס, גאָט זאָל מיר אזוי העלפן בכל אשר אפנה! מע לאָזט זיך אוועק קיין יעהופּעץ, אָדער קיין אָדעס, מע וואַלגערט זיך אויס אויף אלע בוידעמס, עסן עסט מען מכות מיט בכורות, און פארבייסן פארבייסט מען מיט קדחת, גאנצע חדשים דורכאנאנד קוקט מען נישט אָן קיין שטיקל פליש אין די אויגן, מע לייגט זיך צונויף זעקס פאַרשווינדלעך אויף איין בולקע מיט א הערינג און ושמחת בחגך — הוליע קבצן!...

בקיצור, האָט זיך איינער פון דער „חברה" פארהאקט אין אונדזער ווינקל, עפּעס א שלימזל, נישט ווייט פון דאנען, איך האָב געקענט דעם טאטן זיינעם, ער איז געווען א פּאַפּיראָסניק און א קבצן, לאָז ער מיר מוחל זיין, אין זיבן פּאָלעס. מילא, בין איך אייך דערויף נישט אויסן, וויבאלד, אז דעם תנא רב יוחנן הסנדלר איז אָנגעשטאנען צו נייען שטיוול, מעג אים שוין, דאכט זיך, אָנשטיין צו האָבן א טאטן, וואָס

דרייט פּאַפּוראָסן. פּאַרדריסט מיך נאָר איין זאַך: למאי זאָל זיך אַ קבצן גלוסטן לערנען, שטודירן? פּראַוודא, דער גוטער ייִד האָט אים נישט געגומען, ער האָט אַ גוט קעפּל, נאָר אַ גוט קעפּל. פּערטשיק הייסט ער, דער שלימזל, האָבן מיר איבערגעזעצט אויף ייִדיש: פּעפּערל. ער זעט טאַקע אויס ווי אַ פּעפּערל. איר זאָלט אָנקוקן — אַ וועוועריקל, אַ קליינס, אַ שוואַרץ, אַ פּאַרזשעניש, נאָר ס'איז פול, מלא וגדוש, און אַ מויל — אש להבה, שוועבל און פּעך.

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, איך פאָר איינמאָל אַהיים פון בויבעריק, אָפּגעזעצט דאָס ביסל סחורה, אַ גאַנצן טראַנספּאָרט, קעז און פּוטער און סמעטענע און שאר ירקות. זיץ איך פאַרטראַכט, ווי דער שטייגער איז, אין הימל־זאַכן, פון דעם, פון יענעם, און פון די יעהופּעצער נגידים, וואָס עס גייט זיי, קיין עין־הרע, אַזוי גוט, אַזוי גוט, און פון טביהן דעם שלימזל מיט זיין פערדל, וואָס ווערן כל ימיו פאַרשוואַרצט, וכדומה נאָך אַזעלכע ענינים. זומער, די זון באַקט, די פליגן בייסן, און די וועלט אַרום און אַרום איז מחיה, גרויס, אָפן, כאַטש הייב זיך אויף און פלי, כאַטש ציי זיך אויס און שווים!...

דערווייל, איך טו אַ קוק — אַ בחורל שפּאַנט זיך מיט די רגלים איבערן זאַמד, האַלט אַ פּעקל אונטערן אָרעם און שוויצט, פּאַכט מיט דער נשמה. „יעמוד החתן רב יאָקל בן פלעקל! — זאָג איך צו אים. — זעץ דיך אויף, הער נאָר, וועל איך דיך אַביסל אונטערפירן, איך פאָר במילא ליידיק. ווי שטייט דאָרטן, זאָג איך, ביי אונדז געשריבן: „דיין חברס אייזל אז דו באַגעגנסט, איז עזוב תעזוב — דאַרפסט אים נישט פאַרלאָזן, הייסט לא כל־שכן אַ מענטש“... לאַכט ער, דער שלימזל, און לאָזט זיך דווקא לאַנג נישט בעטן און קריכט אין וועגעלע אַריין. „פון וואַנען, זאָג איך, שפּאַנט דאָס, למשל, אַ בחורל?“ „פון יעהופּעץ“. „וואָס האָט, זאָג איך, אַזאַ בחורל, ווי דו, צו טאָן אין יעהופּעץ?“ „אַזאַ בחורל, ווי איך, זאָגט ער, גיט אָפּ אַקזאַמענט“. „אויף וואָס, זאָג איך, שטודירט אַזאַ בחורל, ווי דו?“ „אַזאַ בחורל, ווי איך, זאָגט ער, ווייסט נאָך אַליין נישט אויף וואָס ער שטודירט“. „אם כן, זאָג איך, וואָסזשע דולט זיך אַזאַ בחורל, ווי דו, אומזיסט דעם קאָפּ?“ „זאָרגט זיך נישט, רב טביה, אַזאַ בחורל, ווי איך, זאָגט ער, ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טאָן“. „זאָג מיר נאָר, זאָג איך, ווי באַלד, אַז איך בין דיר שוין יאָ באַקאַנט, טאָ ווער ביסטו, למשל?“ „ווער איך בין? איך בין, זאָגט ער, אַ מענטש“. „איך זע, זאָג איך, אַז נישט קיין פערד; איך מיין וועמענס ביסטו?“ „וועמענס, זאָגט ער, זאָל איך זיין? איך

בין נאַטס". „איך ווייס, זאָג איך, אַז נאַטס; עס שטייט, זאָג איך, בײַ אונדז געשריבן: כל החיה וכל הבהמה. איך מיין, זאָג איך, פון וואַנען שטאַמסטו, צי ביסטו אַן אונדזעריקער, צי אפשר פון דער ליטע?" „שטאַמען, זאָגט ער, שטאַם איך פון אָדם הראשונען און אַליין בין איך, זאָגט ער, אַ היגער, איר קענט מיך". „ווער זשע, זאָג איך, איז דער טאַטע דײַנער? לאָמיר שוין הערן!" „מײַן טאַטע, זאָגט ער, האָט געהייסן פערטשיק". „טפו זאָלסטו ווערן! האָסטו, זאָג איך, באַדאַרפט אַזוי לאַנג מוטשען? ביסטו, הייסט דאָס, פערטשיק דעם פאַפּיראָסניקס אַ זונדל?" „בין איך, זאָגט ער, פערטשיק דעם פּאַפּיראָסניקס אַ זונדל". „און שטודירסט, זאָג איך, אין די קלאַסן?" „און שטודיר, זאָגט ער, אין די קלאַסן". „נו-נו, מהיכא-תיתי, זאָג איך, אָדם אַ מענטש, צפור אַ פייגל, קאַטשקע רוק זיך. זאָג זשע מיר, זאָג איך, תכשיט מײַנער, פון וואָס, למשל, לעבסטו, אַשטייגער?". „פון דעם, זאָגט ער, וואָס איך עס". „אַהאַ, זאָג איך, גאַנץ גוט; וואָס זשע, זאָג איך, עסט דו?" „אַלצדינג, זאָגט ער, וואָס מע גיט מיר". „איך פאַרשטיי, זאָג איך, ביסט נישט קיין איבער-קלײַבער: אַז ס'איז דאָ וואָס צו עסן, עסט דו, און אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו עסן, פאַרבײַסטו מיט אַ ליפּ און לייגסט זיך שלאָפן אַ ניכטערער. נאָר וואָס רעדן, זאָג איך, ס'איז אַלצדינג כדאי, אַבי שטודירן אין די קלאַסן, נאָג איך; גלײַכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּיצער נגידים, ווי אין פּסוק שטייט כולם אהובים כולם ברורים"... אַזוי זאָג איך צו אים מיט אַ פּסוק און מיט אַ מדרש, ווי טביה קאָן. מיינט איר דאָך, אַז ער שווײַגט מיר אָפּ, פערטשיק הייסט עס? „נישט דערלעבן, זאָגט ער, וועלן די נגידים, אַז איך זאָל זיך צו זיי גלײַכן! איך האָב זיי, זאָגט ער, אין דער ערד!" „ביסט מיר עפּעס שטאַרק, זאָג איך, אויפֿ-געטראָגן, זאָג איך, אויף די נגידים? איך האָב מורא, זאָג איך, אויב זיי האָבן זיך נישט צעטיילט מיט דײַן טאַטנס ירושה". „זאָלט איר טאָקע וויסן, זאָגט ער, אַז איך און איר און מיר אַלע, קאָן זײַן, האָבן אַ גרויסן חלק בײַ זיי אין דער ירושה"... „ווייסטו וואָס, זאָג איך, לאָזן שוין דײַנע שונאים רעדן פאַר דיר. איך זע אַרויס, זאָג איך, נאָר איין זאַך, אַז דו ביסט אַ יינגל נישט קיין פאַרפאַלענער און די צונג באַ-דאַרף מען דיר נישט פּיקן; אויב דו ווילסט, זאָג איך, האָבן צײַט קאָנסטו זיך אַרײַנכאַפּן צו מיר הײַנט אויף דער נאַכט, וועלן מיר אַביסל שמו-עסן, און טאָקע, בדרך הליכה, כאַפּן מיט אונדז אַ וועטשערע"...

אוודאי האָט זיך מײַנער נישט געלאָזט איבערחזרן די ווערטער און איז געקומען צו גאַסט, געטראָפן אַקוראַט צום סמיטשיק, בשעת דער

באַרשטש איז געשטאַנען אויפֿן טיש און די מילכיקע קנישעס אין אויוון האָבן זיך נאָך געפּרעגלט. „דו האָסט, זאָג איך צו אים, אַ לעבעדיקע שוויגער; קאָנסט זיך, זאָג איך, גיין וואַשן, און אַז נישט קאָנסטו, זאָג איך, עסן אומגעוואַשן, איך בין נישט גאָטס סטראַפּטשע, זאָג איך, מיך וועט מען אויף יענער וועלט פֿאַר דיר נישט שמייסן". אַזוי שמועס איך מיך אויס מיט אים, און פֿיל, אַז עס ציט מיך עפּעס צו דעם דאָזיקן מענטשל, וואָס — ווייס איך אַליין נישט, נאָר עס ציט; איך האָב ליב, פֿאַרשטייט איר, אַ מענטשן, וואָס מע קאָן מיט אים רעדן אַ וואָרט; אַ מאָל אַ פּסוק, אַ מאָל אַ מדרש, אַ מאָל אַ שטיקל חקירה אין הימל־זאַכן, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע. אָט אַזאַ מענטש איז טביה. פֿון יענער צייט אָן האָט מיין בחור אָנגעהויבן אַריינקומען צו מיר כמעט אַלע טאָג. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די „שטונדן", פֿלעגט ער קומען צו מיר זיך אָפּרוען און אַביסל פֿאַרברענגען. מאַלט אייך, אַז אַך און ווי איז געווען צו אים מיט זיינע שטונדן איגיינעם, אַז בסך־הכּל, דאַרפֿט איר וויסן, ביי אונדז דער גרעסטער נגיד איז געוווינט צו צאָלן גאַנצע ח״י גילדונים, אי דאָס, זאָל דער לערער אים העלפֿן לייענען דעפּעשן, שרייבן אַדריסים און טאַקע פֿאָלגן אַ גאַנג אויך, פֿאַר וואָס נישט? אַ בפֿירושער פּסוק: ב ב ל ל ב ב ך ו ב כ ל נ פ ש ך — עסט דו ברויט, דאַרפֿסטו וויסן פֿאַר וואָס. אַ שטיקל גליק באַטש, וואָס געגעסן האָט ער, איינגעמלעך, ביי מיר, און דערפֿאַר האָט ער אונטערגעקנעלט מיט מיינע טעכטער, ווי זאָגט ער: ע י ן ת ח ת ע י ן — אַ פּאַטש פֿאַר אַ פּאַטש; און אָט אַזוי איז ער געוואָרן ביי אונדז אין שטוב אַ גאַנצער בן־בית, די קינדער האָבן אים אונטערגעטראָגן אַ גלעזל מילך און מיין אַלטע האָט אַכטונג געגעבן, ער זאָל האָבן אַ העמד אויפֿן לייב מיט אַ פּאָר זאָקן גאַנצע — און טאַקע דעמלט האָבן מיר דאָס אים געקרוינט מיטן נאָמען „פֿעפֿערל", איבערגעמאַכט, הייסט דאָס, אויף יידיש פֿון פֿעפֿערמשיק, און מע קאָן זאָגן, אַז מיר האָבן אים אַלע ליב געקריגן עפּעס גאָר ווי אַן אייגענעם, מחמת בטבע איז ער, דאַרפֿט איר וויסן, דווקא נישקשה. פֿון אַ מענטשל, אַ פּשוטער, אַ פּראָסטער חירוקים הייסט דאָס, שלי שלך, שלך שלי, מיינס דיינס — הפֿקר ציבעלעס...

פֿאַר איין זאַך נאָר האָב איך אים פֿיינט געהאַט: פֿאַר זיין פֿאַרפֿאַלן ווערן. פּלוצעם פֿלעגט ער זיך אויפֿהייבן, אַוועקגיין, און ו ה י ל ד א י נ נ ו — נישטאָ פֿעפֿערל! „וווּ ביסטו געווען, מיין טייערער שפּיל־פֿויגל?" שווייגט ווי אַ פֿיש... איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר — איך האָב פֿיינט אַ מענטשן מיט סודות; איך האָב ליב, ווי זאָגט ער: ו י ד ב ר — זאָג

רעדט און ויאמר — געזאָגט. דערפאַר האָט ער אָבער א מעלה: ציט רעדט ער זיך שוין, איז מי באש ומי במים — פאַר פייער און פאַר וואַסער. א פּסק — נישט געדאַכט זאָל ער ווערן! רעדט על ה׳ ועל משיחו, און אויף „נגתקה"... און דער עיקר טאַקע — אויף „נגתקה"... מיט פּלאַנען אַלץ אַזעלכע ווילדע, קרומע, משוגענע געגג, עפּעס אַלצדינג לאַקירדע, פּאַפּעריק, מיט די פּיס אַרויף. למשל, א נגיד, קומט אויס, נאָך זיין משוגענעם, פאַרקערטן שכל, איז אָפּגעפּרעגט, און א קבצן איז, פאַרקערט, א גאַנצער צימעס, און ווער שמועסט א באַלמעלאָכע — חער איז גאָר חאָס איבערשטע פונעם שטויסל, טייערער פון חרוסת, מחמת יגיע כפּיך, זאָגט ער, דאָס איז חער עיקר. „פונדעסטוועגן, זאָג איך, צו געלט, זאָג איך, קומט דאָס נישט?" ווערט ער מלא כעס און וויל מיר אַרייַנדרינגען, אַז געלט איז א שחיטה פאַר דער וועלט; פון געלט, זאָגט ער, נעמען זיך אַלע באַלשקייטן אויף דער וועלט, און אַלצדינג, זאָגט ער, וואָס סע טוט זיך אויף דער וועלט, טוט זיך עס נישט על פּי יושר. און ער ברענגט מיר צען טויזנט ראיות און משלים, וואָס קלעבן זיך ביי מיר, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט... „קומט אויס, נאָך דיין משוגענעם שכל, זאָג איך, אַז דאָס, וואָס מיין בהמה מעלקט זיך, און דאָס, וואָס מיין פערדל פאָרט, איז אויך נישט על פּי יושר?"... וכדומה נאָך אַזעלכע קלאָץ־קשיות פרעג איך אים און שטעל אים אָפּ, ווי זאָגט ער, על כל דברי שירות ותשבחות — אויף יעדן טריט, ווי טביה קען! מיין פּעפּערל אָבער קען אויך. נאָך א מין קענען. הלוואַי וואָלט ער אַזוי נישט קענען ווי ער קען! און האָט ער עפּעס אויפן האַרצן, אַזוי זאָגט ער דאָס אַרויס! איינמאָל זיצן מיר אַזוי פאַרנאַכט ביי מיר אויף דער פּריזבע און חקירהן אַלץ מכוח די האַזיקע ענינים, פילאָזאָפיע הייסט עס. רופט ער זיך אָן צו מיר, פּעפּערל הייסט עס: „איר ווייסט, רב טביה? איר האָט טעכטער, רב טביה, זייער געראָטענע". „טאַקע באַרמת? — זאָג איך, — א דאַנק דיר פאַר דער בשורה; זיי האָבן, זאָג איך, אין וועמען געראָטן צו זיין". „איינע, זאָגט ער צו מיר ווייטער, די עלטערע, די איז גאָר, זאָגט ער, א ברדעת, א פולנע מענטש". „איך ווייס עס אָן דיר, זאָג איך, דאָס עפּעלע, זאָג איך, פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע". אַזוי זאָג איך צו אים, און דאָס האַרץ, געוויינטלעך, וואַקסט פאַר תענוג. וואָרום וואָסער פאָטער, איך בעט אייך, האָט נישט ליב, אַז מע לויבט אים זיינע קינדער? גיי זיי א נביא, אַז פון אַזא לויבעניש וועט גאָר אַרויסשפּרינגען א פאַרקאָכעניש, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! איר מעגט דאָס האָרכן.

בקיצור, ויהי ערב ויהי בוקר — געווען איז דאָס צווישן טאָג און נאַכט, אין בויבעריק טאַקע, פֿאָר איך מיר אַזוי מיט מײַן ווענעלע איבער די דאַטשעס, שטעלט מיך עמעצער אָפּ, איך טו אַ קוק — ס'איז אפֿרים דער שדכן. אפֿרים דער שדכן, דאַרפֿט איר וויסן, איז זיך אַ ייִד אַ שדכן, ווי אַלע שדכנים, פֿאַרנעמט זיך, הייסט דאָס, מיט שידוכים. דערזעט ער מיך, אפֿרים הייסט עס, אין בויבעריק און שטעלט מיך אָפּ: „זײַט זשע מוחל, רב טביה, איך דאַרף אײַך עפּעס, זאָגט ער, זאָגן". „מהיכא־תיתי אבי גוטס", זאָג איך און שטעל אָפּ דאָס פֿערדל. „איר האָט, זאָגט ער, רב טביה אַ טאָכטער!" „איך האָב, זאָג איך, זיבן, זאָלן געזונט זײַן". „איך ווייס, זאָגט ער, אַז איר האָט זיבן, איך האָב אויך זיבן". „האָבן מיר, זאָג איך, אײנײנעם אַזוי גרויס ווי פֿערצן". „בקיצור, ווערטלעך אויף אַ זײַט, זאָגט ער; די מעשה, רב טביה, דערפֿון, זאָגט ער, איז אַזוי: איך בין דאָך, ווי אײַך איז ידוע, אַ ייִד אַ שדכן, האָב איך, זאָגט ער, פֿאַר אײַך אַ חתן. נאָר אַ חתן — פֿון חתנלאַנד אַ חתן, טאַקע פֿערוועס שבפֿערוועס!". „דהיינו, זאָג איך, וואָס ווערט אָנגערופֿן בײַ אײַך אַ חתן פֿון חתנלאַנד, פֿערוועס שבפֿערוועס? אויב, זאָג איך, אַ חייט, אָדער אַ סנדלר, אָדער אַ מלמד, מעג ער, זאָג איך זיצן דאָרט, און איך, זאָג איך, ריוח והצלה יעמוד — מײַן גליקן ווועל איך מיר געפֿינען, ממקום אחר, ווי דער מדרש, זאָג איך, זאָגט..." „ע, זאָגט ער, רב טביה, איר הייבט שוין אָן מיט אײַערע מדרשים? מיט אײַך, זאָגט ער, רעדן, באַדאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען! איר פֿאַרשיט, זאָגט ער, די וועלט מיט מדרשים. איר הערט בעסער אויס, זאָגט ער, וואָס פֿאַר אַ מין שידוך אפֿרים דער שדכן איז אַ בעלן אײַך פֿאָרצוליגן; איר זאָלט, זאָגט ער, נאָר האָרכן און שווײַגן". אַזוי מאַכט ער צו מיר, אפֿרים הייסט דאָס, און נעמט און לייענט מיר אויס אַ צעטל — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? טאַקע עפּעס קבריסין. ראשית, איז דאָס אָרט זייער אַ שיין אָרט, אַ טאַטנס אַ קינד, זאָגט ער, נישט קיין „חאַד־דגאַ". און דאָס, דאַרפֿט איר וויסן, איז בײַ מיר דער עיקר. וואָרום איך בין אַליין אויך נישט אבי ווער; בײַ מיר אין דער משפּחה זײַנען פֿאַראַן אַלערליי, ווי זאָגט ער: עקודים, נקודים וברודים — פֿאַראַן פּראָסטע מענטשן, פֿאַראַן באַלמעלאָכעס און פֿאַראַן באַלעבאַטים. הײַנט איז ער אַ יודע־נגן, וואָס פֿאַרשטייט אין די קליינע אותיות. און דאָס איז בײַ מיר אוודאי נישט פֿון די קליינע זאַכן, וואָרום אַ גראָבן יונג האָב איך דאָך פֿײַנט, ווי חזיר! בײַ מיר אַן עם־הארץ איז ערגער מויזנט מאָל פֿון אַ הולטיי; איר מעגט אײַך גיין אָן אַ היטל, און

אפילו מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס ארויף, אבי איר ווייסט וואָס רש״י מאכט, זענט איר שוין פון מיינע לייט. אַט אזא ייד איז טביה... היינט איז ער, זאָגט ער, רייך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, פאָרט ארום, זאָגט ער, מיט א קארעטע, מיט א פּאָר ברענענדיקע סוסים, עס גייט אזש א רויך!... נו, מהיכא־תיתי טראכט איך מיר, דאָס איז אויך נישט פון די גרויסע חסרונות. איידער א קבצן, איז שוין גלייבער א נגיד, ווי זאָגט ער: יאה עניותא לישראל — גאָט אליין האָט אויך פיינט א קבצן. א סימן האָט איר, אז גאָט זאָל ליב האָבן א קבצן, וואָלט א קבצן קיין קבצן נישט געווען. „נו, לאָמיר הערן ווייטער", זאָג איך, „ווייטער, זאָגט ער, וויל ער מיט אייך א שידוך טאָן, ער גייט אוים, ער חלשט, זאָגט ער, דאָס הייסט נישט נאָך אייך — נאָך אייער טאָכטער חלשט ער, ער וויל א שיינע וויל ער"... „אזוי? — זאָג איך. — לאָז ער זיין פאר איר די כפרה. ווער, זאָג איך, איז ער, דער אנטיק אייערער: א בחור? אן אלמן? א גרוש? א שווארץ־יאָר?" „ער איז א בחור, זאָגט ער, א בחור, אפילו אין די יאָרן שוין, נאָר א בחור". „ווי אזוי זשע, זאָג איך, איז דער הייליקער נאָמען זיינער?". וויל ער מיר נישט זאָגן, כאָטש בראָט אים. „ברענגט זי, זאָגט ער, צו פירן קיין בויבעריק, וועל איך אייך נאָכדעם, זאָגט ער, זאָגן". „וואָס הייסט, זאָג איך, איך זאָל זי ברענגען צו פירן? ברענגען, זאָג איך, ברענגט מען צו פירן א פערד, זאָג איך, אויפן יאריד, אָדער א בהמה צו פארקויפן"...

בקיצור, די שדכנים, ווייסט איר דאָך, קאָנען איבערריידן א וואַנט. ס'איז געבליבן, אז אם ירצה השם נאָך שבת ברענג איך זי צו פירן קיין בויבעריק. און אלערליי גוטע, זיסע מחשבות קומען מיר אויף די געדאַנקען, און איך שטעל מיר שוין פאָר מיין האָרלען, ווי זי פאָרט אין א קארעטע מיט א פּאָר ברענענדיקע סוסים, און די וועלט איז מיר מקנא, נישט אזוי אויף דער קארעטע מיט די סוסים, ווי אויף די טובות, וואָס איך טו דער וועלט דורך מיין טאָכטער די נגידית, העלף־אוים די גער פאַלענע מיט א גמילת־חסד, וועמען א כ״ה־האָער, וועמען א פופציקער און וועמען א הונדערטער, ווי זאָגט איר, יענער האָט אויך א נשמה... אזוי טראכט איך מיר, פאָרנדיק פארנאכטלעך, צוריקוועגס אהיים, און שמיים דאָס פערדל און שמועס מיך דורך מיט דעם אויף פערדיש לשון: „לסוסתי, זאָג איך צו דעם, וויאָ, אנו, מאך נאָר, זאָג איך, מיט די רגלים אביסל גיכער, באַקומסטו דיין פּאָרציע האָבער, וואָרום אין קמח אין תורה — שטייט ביי אונדז געשריבן — אז מע שמירט נישט, פאָרט מען נישט"...

און ווי איך רעד מיר דאָ אזוי מיט מיין פערדל, זע איך, פון וואַלד ארויס שניידט זיך אַ פּאָרל, צוויי מענטשן, ניכר, אַ זכר מיט אַ נקבה. גיין גייען זיי נאָענט, הארט איינער צום אנדערן, און מע רעדט עפּעס זייער געשמאַק. ווער קאָן דאָס זיין פּלוצעם אין מיטן דרינען? — קלער איך מיר און קוק מיך איין דורך די פייערדיקע ריטער פון דער זון. — איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס'איז פעפערל! מיט וועמען־זשע גייט ער דאָס, דער שלימזל, אזוי שפּעט? איך פאַרשטעל מיך מיט דער האנט פון דער זון און קוק מיך איין נאָך שטארקער: ווער איז די נקבה'קע? אוי! דאכט זיך, האָדל? יאָ, ס'איז זי, ווי איך בין אַ ייד, ס'איז זי!... אזוי? אָט דאָס האָט מען אזוי געשמאַק געלערנט גראַמאַטיקעס, געליענט ביכ־לעך?! אוי, טביה, ביסטו אַ בהמה! — אזוי טראַכט איך מיר, און שטעל אָפּ דאָס פערדל און רוף זיך אָן צו מיינע לייט: „אַ גוטן אָוונט אייך, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּעס מכּוח מלחמה? ווי קומט איר, זאָג איך, פּלוצעם גאָר אַהער? אויף וועמען קוקט איר דאָ ארויס? אויפן נאָכטיקן טאָג?"... דערהערט אזאַ מין ברוך־הבא, איז מיין פּאָרל געבליבן שטיין, ווי זאָגט ער, לאַ בשמים ולאַ באָרץ, דאָס הייסט, נישט אַהין, נישט אַהער, מחילה צעדרייט און רויטלעך אויפן פּנים... געשטאַ־נען אזוי אַ פּאָר מינוט אָן ווערטער, לאָזט מען אראָפּ די אויגן, נאָכ־דעם הייבט מען אָן קוקן אויף מיר, איך אויף זיי, זיי ביידע איינס אויף דאָס אנדערע.

„נו? — זאָג איך. — עפּעס באַטראַכט איר מיך, זאָג איך, גלייך אזוי ווי איר האָט מיך שוין לאַנג נישט געזען. איך בין, דאכט מיר, דער־איינענער טביה, זאָג איך, וואָס געווען, נישט געמינערט אַ האָר". אזוי מאַך איך צו זיי האַלב פאַרדראָסיק און האַלב אויף קאַטאָוועס. רופט זיך אָן צו מיר די טאָכטער מיינע, האָדל הייסט דאָס, און ווערט נאָך רויטער ווי פריער: „טאַטע, אונדז קומט מזל־טוב"... „מזל־טוב אייך, זאָג איך, מיט מזל זאָלט איר לעבן. וואָס איז די מעשה? איר האָט געפונען, זאָג איך, אַן אוצר אין וואַלד? צי איר זענט נאָר־וואָס ניצול געוואָרן, זאָג איך, פון אַ גרויסער סכּנה?" „אונדז קומט, זאָגט ער, מזל־טוב, מיר זיינען חתן־כּלה". „וואָס הייסט, זאָג איך, איר זענט חתן־כּלה?" „חתן־כּלה, זאָגט ער, ווייסט איר נישט וואָס הייסט? חתן־כּלה הייסט, זאָגט ער, איך בין איר חתן, זי איז מיין כּלה". אזוי מאַכט ער צו מיר, פּעפּערל הייסט דאָס, און קוקט מיר דווקא גלייך אין די אויגן אריין. איך קוק אים אָבער אויך גלייך אין די אויגן אריין און מאַך צו אים: „ווען איז געווען ביי אייך, זאָג איך, דאָס קנס־מאָל? און פאַרוואָס האָט איר

נישט גערופן מיך אויך אויף דער שמחה? איך קער מיך, דאכט זיך, אָן דאָ א שטיקל מחותן, צי ניין?"... איר פארשטייט, איך לאך און ווערעם עסן מיך, טאַטשן מיין ליב. נאָר גאָר נישט, טביה איז נישט קיין יידענע, טביה האָט ליב אויסהאָרכן ביזן סוף... רוף איך מיך אָן צו זיי: „איך פארשטיי נישט — א שידוך אָן א שדכן, אָן תנאים?" „וואָס דאַרפן מיר, מאכט ער, פעפערל הייסט דאָס, שדכנים? מיר זיינען שוין לאנג, זאָגט ער, חתן־כלה". „אזוי? טאָטס נסים! וואָס־זשע האָט איר, זאָג איך, געשוויגן ביז אהער?" „וואָס זאָלן מיר, זאָגט ער, שרייען? מיר וואָלטן אייך היינט אויך נישט דערציילט, נאָר אזוי ווי מיר האלטן אין גיכן ביי צעשיידן זיך, איז ביי אונדז געבליבן, מיר זאָלן שטעלן פריערט א חופה"... דאָס האָט מיך שוין פארדראָסן, ווי זאָגט איר: ב א ו מ י ם ע ד נ פ ש — דערלאַנגט אין ביין אריין! מילא, וואָס ער זאָגט: חתן־כלה — איז נאָך צו דערליידן, ווי שטייט דאָרט געשריבן: אָ ה ב ת י — ער וויל זי, זי וויל אים. אָבער חופה? וואָס איז דאָס פאר א ווערטער: שטעלן א חופה? עפּעס תרגום־לשון!... ווייזן ווייזט אוים, אז מיין חתן האָט פארשטאַנען, אז איך בין פון דער מעשה אביסל מטושטש; רופט ער זיך אָן צו מיר: „פארשטייט איר, רב טביה, די מעשה דערפון איז אזוי: איך האלט ביי אָפּפאָרן פון דאנען". „ווען פאָרסטו?" „אין גיכן". „וווהין, א שטייגער?" „דאָס קאָן איך אייך, מאכט ער, נישט זאָגן, ס'איז, זאָגט ער, א סוד"... איר הערט? ס'איז א סוד! ווי געפעלט דאָס אייך, א שטייגער? קומט צו גיין א פעפערל, א קליינס, א שווארצס, א פארזעעניש, פארשטעלט זיך פאר א חתן, וויל שטעלן א חופה, האלט ביי אוועקפאָרן און זאָגט נישט וווהין! קאָן נישט צעזעצט ווערן די גאַל? „מילא, זאָג איך צו אים, א סוד איז א סוד; ביי דיר איז גאָלע סודות... גיב מיר אָבער צו פארשטיין, ברודערל, אָט דאָס: דו ביסט דאָך א מענטש, זאָג איך, פון סאמע יושר, און ביסט איינגעטונקען אין מענטשלעכקייט פון אויבן ביז אראָפּ, — ווי קומט דאָס, זאָג איך, צו דיר, אז דו זאָלסט פלוצעם אין מיטן דרינען צונעמען ביי טביהן א טאָכטער און מאכן זי פאר אן עגונה? אָט דאָס הייסט ביי דיר יושר? מענטשלעכקייט? א שטיקל גליק, זאָג איך, וואָס דו האָסט מיך נישט באַגנבעט, אָדער אונטערגעצונדן"... „טאַטע! — זאָגט זי צו מיר, האָדל הייסט דאָס. — דו ווייסט גאָר נישט, ווי גליקלעך מיר זיינען, איך און ער, וואָס מיר האָבן דיר אויסגעזאָגט פונעם סוד. ס'איז ביי אונדז, זאָגט זי, אראָפּ א שטיין פונעם הארצן. קום אהער, לאָמיר זיך צעקושן". און נישט לאנג געטראכט, כאַפּן זיי מיך ארום ביידע, זי פון איין זייט, ער

פון דער אנדערער זייט, און מע הייבט מיך אָן קושן און האַלדזן, זיי מיך און איך זיי, און פון גרויס אימפּעט, אַפּנים, זיי ביידע צווישן זיך דאַווי קושן זיך! א באשרייבונג, זאָג איך אייך, א טעאַטער מיט זיי! „מאַמער וואָלט שוין געווען, זאָג איך, גענוג קושן זיך? צייט עפּעס רעדן מכוח תכלית". „מכוח וואָסער תכלית?" זאָגן זיי. „מכוח נדן, זאָג איך, מלבושים, הוצאות־החתונה, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע"... „מיר דאַרפן גישט, זאָגן זיי, גאָר נישט נישט, נישט קיין לאָקשן, נישט קיין בוידעם, נישט קיין ציבעלעס". „וואָס־זשע דען, זאָג איך, דאַרפט איר יאָ?" „מיר דאַרפן, זאָגן זיי, נאָר חופּה וקדושין"... איר הערט ווער־טער?...

בקיצור, איך וועל אייך נישט מאריך זיין, עס האָט מיר געהאָלפן, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי — מע האָט געשטעלט א חופּה, אַלץ הייסט א חופּה! אוודאי, וואָס זאָלט איר קלערן, נישט אזא חופּה, ווי טביהן שטייט אָן. אויך מיר א חופּה!.... א שטילע חתונה... אָך און וויי!... און דערצו איז נאָך פאַראַן א ווייב, ווי זאָגט איר: אויף א מכה א בלאָטער. מוטשעט זי, איך זאָל איר נאָר זאָגן, וואָס איז דאָס עפּעס אזוי כאַפּ־לאַפּ, בהפזונדיק? נו, גייט גיט צו פאַרשטיין א ייִדענע, אז סע ברענט! וואָס טויג אייך, איך האָב איר געמוזט אָפּמאַכן פון הדר־שלום וועגן א ליגן הגדול הגבור והנורא, א מעשה מיט א ירושה, א רייכע מומע פון יער־הופּעץ, נעכטיקע טעג — אבי זי זאָל מיך לאָזן צורו. און טאקע באותו היום, דאָס הייסט א פּאָר שעה נאָך דער שיינער חופּה, שפּאַן איך איין דאָס פערד־און וועגעלע, און מיר זעצן זיך אויף זאַלבעדריט, דאָס הייסט: איך און זי און ער, דער גענייִדעטער מיינער, און הלך משה מרדכי — מאַרש צום באַן קיין בוויבעריק. זיצנדיק אזוי מיט מיין פאַר־פּאָלק אין וועגעלע, כאַפּ איך מיר א קוק מן הצד אויפן דאָזיקן פּאָרל און טראַכט מיר: וואָס פאַר א גרויסן גאָט מיר האָבן און ווי מאָדנע שיין ער פירט זיין וועלטל! און וואָס פאַר מיני משונה נפשות, ווילדע ברואים, עס געפינען זיך ביי אים! אָט האָט איר אייך א פּאַר־פּאָלק נאָר וואָס פון דער נאָדל ארויס: פּאָרט ער אוועק, דער גוטער יאָר ווייסט אים וווהין, און זי בלייבט איבער דאָ — און מע זאָל דאָס לאָזן אפילו א טרער, כאָטש פון יוצא וועגן! נאָר גאָר נישט, טביה איז נישט קיין יידע־ניע. טביה האָט צייט, קוקט און שווייגט, וואָס וועט דאָ זיין... זע איך עפּעס א פּאָר יונגע לייטלעך, גוטע כתריליקעס, מיט אויסגעטראָטענע שטיוול, זיינען ארויסגעקומען אויפן באַן זיך געזעגענען מיט מיין שפּיל־פויגל. איינער פון זיי איז געגאַנגען עפּעס ווי א שייגעץ, איך בעט איבער

אייער כבוד, מיטן העמדל איבער די הויזן, און האָט עפּעס געשושקעט זיך מיט מיינעם שטילערהייט. „זע נאָר, טביה, טראַכט איר מיר, צי האָסטו זיך נישט אריינגעכאַפּט דאָ צווישן חברה פערד־גנבים, ביימל־שניידערס, שלעסער־ברעכער, אָדער פאַלשע מאָנעטשיקעס?”...

פאָרנדיק צוריק מיט מיין האָרלען פון בויבעריק אַהיים, קאָן איך מיך נישט איינהאַלטן און זאָג איר אַרויס דעם דאָזיקן געדאַנק גאַנץ אָפּנטלעך. צעלאַכט זי זיך און וויל מיר איינרעדן, אַז ס'איז לויטער פיינע מענטשלעך, ערלעכע, לעצט־ערלעכע לייט, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז גאָר פון יענעמס־וועגן, זיך האָבן זיי נישט אין זינען, אפילו אין דער לינקער פּיאַטע... „אָט אַ יענער, זאָגט זי, וואָס מיטן העמדל, דער איז גאָר אַ טאַטנס אַ קינד; ער האָט, זאָגט זי, אָוועקגעוואָרפן רייכע טאַטע־מאַמע אין יעהופּעץ, וויל נישט נעמען ביי זיי קיין צעבראָכענעם גראָשן”. „אַזוי? גאָטס וואונדער! — זאָג איך. — טאַקע זייער אַ פיין בחורל, כ'לעבן! צום העמדל, וואָס ער גייט איבער די הויזן, מיט די לאַנגע האָר, ווען גאָט העלפט אים נאָך אַ האַרמאָניע, אָדער אַ הונט זאָל אים נאָכלויפן פון הינטן, העמלט האָט דאָס שוין גאָר דעם זיבעטן חן!”... אָט אַזוי רעכן איך זיך אָפּ מיט איר שוין פאַר אים אויך, און לאָז אויס מיין גאַנץ ביטער האַרץ, הייסט דאָס, צו איר נעבעך... און זי? גאָר נישט! א י ן א ס ת ר מ ג ד ת — מאַכט זיך תמעוואַטע. איך איר: „פּעפּערל”, און זי מיר: „טובת הכלל, אַרבעטער, נעכטיקע טעג”... „וואָס טויג מיר, זאָג איך, אייער טובת הכלל מיט אייער אַרבעטן, אַז עס גייט צו ביי אייך בסוד? פאַראַן, זאָג איך, אַ שפּריכוואָרט: וווּ אַ סוד, דאָרט איז אַ גנבה... אָמער זאָג מיר גלייך, וואָס איז ער געפאָרן, פּעפּערל, און וווהין?”... „אַלצדינג יאָ, זאָגט זי, נאָר דאָס נישט, פרעג זיך, זאָגט זי, בעסער נישט נאָך; גלייב מיר, זאָגט זי, וועסט מיט דער צייט אַליין אַלצ־דינג וויסן. וועסט, אם ירצה השם, הערן, און אפשר אין גיכן, פיל נייעס, פיל גוטס!”... „אָמן, הלוואי, זאָג איך, פון דיין מויל אין גאָטס אויערן. נאָר אונדזערע שונאים, זאָג איך, זאָלן אַזוי וויסן פון זייער געזונט, ווי איך הייב אָן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך ביי אייך און וואָס באַדייט די שפּיל!”... „אָט דאָס איז טאַקע, זאָגט זי, דער אומגליק, וואָס דו וועסט דאָס נישט פאַרשטיין”. „וואָס זשע, ס'איז אַזוי טיף? מיר דאַכט, זאָג איך, אַז איך פאַרשטיי, מיט גאָטס הילף, גרעסערע זאַכן”... „דאָס לאָזט זיך נישט, זאָגט זי, פאַרשטיין מיטן שכל אַליין, דאָס דאַרף מען, זאָגט זי, פילן, פילן מיטן האַרצן”... אַזוי זאָגט זי צו מיר, האָדל הייסט עס, און דאָס פּנים ביי איר בשעת־מעשה פלאַמט און

די אויגן ברענען. נישט געדאכט זאָלן זיי ווערן, די טעכטער מיינע! פאַר־קאָבן זיי זיך אין עפּעס, איז מיטן הארצן און מיט ליב און לעבן און מיטן גוף און מיט חער נשמה!

בקיצור וועל איך אייך דערציילן, עס גייט אוועק א וואָך און צוויי און דריי און פיר און פינף און זעקס און זיבן — אין קול ואין כסף — נישטאָ נישט קיין בריוו, נישט קיין ידיעה. „פאַרפאַלן, זאָג איך, פּעפּערל!" — און כאַפּ א קוק אויף מיין האָדלען. נעבעך קיין טראָפּן בלוט נישטאָ אין פּנים, זוכט אויף אַלע מאָל אַן אַנדער שטיקל אַרבעט אין שטוב, וויל, ווייזט אויס, פאַרגעסן דורך דעם די גרויסע צרות אירע, נאָר, איר זאָלט זאָגן, זי זאָל דאָס אים אפילו דערמאָנען! שאַ, שטיל, גלייך ווי ס'איז גאָר קיין מאָל נישט געווען קיין פּעפּערל אויף דער וועלט! נאָר איינמאָל טרעפט זיך א מעשה, איך קום צו פאָרן אַהיים, איך זע — מיין האָדל איז פאַרוויינט, גייט אַרום מיט אָנגעשוואָלענע אויגן. הייב איך מיך אָן צו דערפרעגן, ווער איך געוווּר, אַז דאָ איז נישט לאַנג געווען עפּעס איינער א שלימזל מיט לאַנגע האָר און געסודעט זיך עפּעס מיט איר, מיט האָדלען הייסט עס. „אהא! — טראַכט איך מיר, — דאָס איז יענער חברה־מאַן, וואָס האָט אוועקגעוואָרפן רייכע טאַטע־מאַמע און האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס העמדל איבער די הויזן"... און נישט לאַנג געטראַכט, רוף איך אַרויס מיין האָדלען פון שטוב אין הויף אַרויס און טו זי א כאַפּ גלייך אויף דער ווענטקע: „זאָג מיר נאָר, טאָכטער, האָסט שוין פון אים א גרוס?" „יאָ". „וווּ איז ער ערגעץ, דיין באַשער־טער?" „ער איז, זאָגט זי, ווייט", „וואָס טוט ער?" „ער זיצט!" „ער זיצט?" „ער זיצט"... „וווּ זיצט ער? פאַרוואָס זיצט ער?" — שווייגט זי. קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין און שווייגט. „זאָג מיר נאָר, זאָג איך, טאָכטער מיינע, ווערליק איך פאַרשטיי, זיצט ער נישט פאַר קיין גנבה; פאַרשטיי איך נישט דעם שכל, אַז וויבאַלד קיין גנב נישט און קיין שווינדלער נישט, הײנט פאַרוואָס־זשע זיצט ער, פאַר וואָסערע מעשים־טובים?"... שווייגט זי — אין אסתר מגדת... האָב איך מיך מיישב געווען: זאָגסט נישט, דאַרף מען נישט; ער איז דאָך דיין שלימזל, נישט מיינער. א שיינע ריינע כפּרה! נאָר אינעווייניק אין האַרצן טראָג איך א ווייטיק, איך בין פאָרט א פאָטער, ווי מיר זאָגן אינעם דאַווענען: כרחם אב על בנים — א פאָטער בלייבט א פאָטער.

בקיצור, געווען איז דאָס הושענא־רבה אויף דער נאַכט. יום־טוב איז ביי מיר א מנהג, איך רו מיך אָפּ, און אויך דאָס פערדל רוט זיך ביי מיר אויס, ווי אין דער תורה שטייט געשריבן: אתה — דו, ושורך

— און דיין ווייב, ו ח מ ו ר ך — און דיין פערדל... און אגב איז שוין אין בויבעריק כמעט נישטא וואס צו טאן: טוט מען א בלאז מיטן שופר, אזוי צעלויפן זיך אלע דאטשניקעס, ווי די מייז אין א הונגער, אין בויבעריק ווערט א פוסטקע. דעמאלט האב איך ליב צו זיצן אין דער היים, ביי זיך אויף דער פריזבע. פאר מיר איז עס דאס בעסטע שטיקל צייט. די טעג זיינען געשענקטע. די זון באקט שוין נישט, ווי א קאלך־אויוון, נאר זי גלעט מיט א מין ווייכקייט, מחיה נפשות. דער וואלד איז נאך אלץ גרין, די סאסנעס הערן נישט אויף צו שמעקן מיט סמאלע, און עס דאכט זיך מיר, אז דער וואלד קוקט יום־טובדיק, ווי גאטס א סוכה, א סוכה פון גאט. אט דא, טראכט איך מיר, האלט גאט סוכות; דא, נישט אין שטאט, ווו כע מאראמט, און מענטשן לויפן הין און הער, פינען מיט דער נשמה, יאגן זיך נאכן שטיקל ברויט, און מע הערט נאר געלט און געלט!... און ווער שמועסט אויף דער נאכט, הושענא־רבה, למשל, — איז דאך גאר א גן־עדן: דעמאלט איז דער הימל בלוי, די שטערן פינקלען, שטעמרירן, בייטן זיך, פינטלען, ווי, להבדיל, א מענטש מיט די אויגן; און אמאל, מאכט זיך, פליט דורך א שטערן פייל אויסן בויגן, לאזט איבער נאך זיך אויף א רגע א גרינעם פאס — דאס האט זיך אראפגעלאזט א שטערנדל, געפאלן עמעצנס מזל. ווארום וויפל שטערן, אזוי פיל מזלות... יידישע מזלות... „עס זאל כאטש נישט זיין מיין פינצ־טער מזל“, — טראכט איך מיר, און עס קומט מיר אויפן געדאנק האדל.

שוין פון עטלעכע טעג, אז זי איז עפעס ווי אויפגעמונטערט, לעבעדי־קער געווארן, גאר אן אנדער פנים באקומען. עמעצער האט איר געבראכט א בריוול, אפנים, פון אים טאקע, פון איר שלימזל. ווילן ווילט זיך מיר זייער וויסן, וואס ער שרייבט איר, נאר פרעגן וויל איך נישט; זי שווייגט, שווייג איך אויך, פתח שין שא! טביה איז נישט קיין יידענע; טביה האט צייט...

דערווייל, אזוי ווי איך טראכט פון האדלען, קומט זי אן, האדל הייסט עס, זעצט זיך צו נעבן מיר אויף דער פריזבע, קוקט זיך ארום אויף אלע זייטן און רופט זיך אן צו מיר שטילערהייט: „הערסט דו, טאטע? איך דארף דיר עפעס זאגן: היינט געזעגענען מיר זיך אפ מיט דיר... אויף שטענדיק“...

אזוי זאגט זי צו מיר שטיל, קוים וואס מע הערט, און קוקט אויף מיר מיט א מאדנעם מין קוק, מיט אזא קוק, וואס איך וועל אים אייביק נישט פארגעסן. און בשעת־מעשה פליט מיר דורך א מחשבה אין קאפ: „זי וויל זיך טרינקען“... וואס איז מיר איינגעפאלן טרינקען? ווייל עס

האָט זיך געטראָפן, נישט דאָ געדאַכט, אַ מעשה: אַ מיידל, נישט ווייט פון אונדז, האָט זיך פאַרקאָכט אין אַ דאָרף־שייגעץ און האָט זיך צוליב דעם דאָרף־שייגעץ... איר ווייסט דאָך שוין וואָס. איז די מאַמע פאַר צרות קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן, און דער טאַטע האָט זיך אויסגעבראָכט, געוואָרן אַ קבצן. און דער דאָרף־שייגעץ האָט זיך מיישב געווען און האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערע. איז זי אַוועקגעגאַנגען צום טייך, דאָס מיידל הייסט דאָס, און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין און האָט זיך דערטרונקען...

„וואָס הייסט, זאָג איך, דו געזעגנסט זיך אָפּ מיט מיר אויף שטענדיק?" — אַזוי מאַך איך צו איר און קוק אַראָפּ, זי זאָל נישט זען, ווי איך בין טויט. „דאָס הייסט, זאָגט זי, איך פאָר, זאָגט זי, אַוועק, מאָרגן, זאָגט זי, גאַנץ פרי, מיר וועלן זיך שוין מער קיינמאָל נישט זען... קיינמאָל נישט"...

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז מיר געוואָרן אַביסל גרינגער אויף דער נשמה. דאַנקען גאָט כאָטש דערפאַר, טראַכט איך מיר, ווי זאָגט ער: ג ם ז ו ל ט ו ב ה — עס קאָן זיין ערגער, בעסער האָט קיין שיעור נישט... „וווהין, למשל, פאָרסטו, אויב איך האָב, זאָג איך, די זכיה צו וויסן?" „איך פאָר, זאָגט זי, צו אים". „צו אים? — זאָג איך. — ווו איז ער דען איצינדערט?" „לעת עתה, זאָגט זי, זיצט ער נאָך; נאָר אין גיכן שיקט מען אים אַוועק". „פאָרסטו, הייסט דאָס, זיך געזעגענען מיט אים?" — אַזוי זאָג איך צו איר און מאַך זיך תמעוואַטע. „ניין, זאָגט זי, איך גיי אים נאָך גליך אַהין". „אַהין? — זאָג איך, — וועד איז גער וועו דער אַהין? ווי אַזוי הייסט דאָס אָרט?" „מע ווייסט נאָך נישט אַקוראַט, זאָגט זי, ווי אַזוי דאָס אָרט הייסט, נאָר ווייט איז דאָס זייער, זאָגט זי, ווייט מיט סכנות נפשות"...

אַזוי זאָגט זי צו מיר, האָדל, הייסט עס, און עס מאָלט זיך מיר אויסעט, אַז זי רעדט דאָס מיט גדלות, מיט גרויסקייט, גלייך ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעטאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס סע קומט אים דערפאַר אַ מעדאַל פון אַ פּוד אייזן!... וואָס ענטפערט מען איר, למשל, אויף אַזאַ זאַך? פאַר אַזאַ זאַך נעמט אַ פאָטער און בייזערט זיך אויס אויף אַ קינד, שענקט אַ פּאָר פּעטש, אָדער ער בייטלט אויס אַלע בייזע חלומות. טביה איז אָבער נישט קיין יידענע, איך גיי מיט דעם גאַנג, אַז כעס איז עבודה־זרה. רוף איך מיך אָן צו איר מיט אַ פּסוק, ווי געוויינטלעך: „איך זע אַרויס, זאָג איך, טאָכטער מיינע, אַז דו ביסט מקיים, ווי אין דער הייליקער תורה שטייט געשריבן: ע ל כ ן י ע ז ו ב — וואַרפסט אַוועק, זאָג איך,

צוליב א פעפערל, טאטע־מאמע, זאָג איך, און לאָזט זיך אוועק אין אַן אָרט, וואָס מע ווייסט נישט ווו, ערגעץ אין די מחבריות, אפֿנים, אויפֿן פֿאַרגליווערטן ים, דאָרט, ווו אַלעקסאַנדער מוקדון, זאָג איך, איז געפֿאָרן אויפֿן אָקרעטנס און פֿאַרבלאָנדזשעט אויף א ווייטער וויסטע, זאָג איך, צווישן ווילדע מענטשן, ווי איך האָב געלייענט, זאָג איך, אַמאָל אין א מעשה־ביכל"...

אזוי זאָג איך צו איר האַלב אויף קאַטאָוועס און האַלב מיט כעס, און דאָס האַרץ בשעת מעשה וויינט. נאָר טביה איז נישט קיין יידענע, טביה האַלט זיך איין. און זי, האָדל, הייסט עס, פֿאַלט נישט אראָפּ ביי זיך; ענטפֿערט מיר אָפּ על ראשון ראשון, און שטיל, נישט געכאַפּט, און באַטראַכט. טביהס טעכטער קאָנען רעדן...

און כאַטש איך האַלט דעם קאָפּ אראָפּ און די אויגן צו, פֿונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר, אז איך זע זי, האָדלען הייסט דאָס, איך זע — איר פּנים איז פּונקט אזוי ווי די לבנה, בלאַס און מאַט, און דאָס קול אירס, מאַלט זיך מיר אויס, איז עפּעס ווי פֿאַרדומפּן, ציטערט... זאָל איך איר, א שטייגער, פֿאַלן אויפֿן האַלדז, בעטן, וחלשן פֿאַר איר, זי זאָל נישט פֿאָרן? ווייס איך, אז ס'איז אַרויסגעוואָרפֿן. ימח שמם זאָלן זיי ווערן, טאַקע די טעכטער מיינע, — פֿאַרקאָכן זיי זיך אין עמעצן, איז מיטן גוף און מיט דער נשמה און מיטן האַרצן און מיט לייב און לעבן!

בקיצור, מיר זיינען אָפּגעזעסן אזוי אויף דער פּריזבע א היפּשע שטיק צייט, לאַז זיך אייך דאַכטן, כמעט די גאַנצע נאַכט. מער געשוויגן ווי גערעדט, און דאָס, וואָס מיר האָבן גערעדט, איז אויך געווען כמעט ווי נישט גערעדט, האַלבע ווערטער... זי האָט גערעדט, און איך האָב גערעדט. איך פֿרעג זי נאָר איין זאַך: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, א מיידל זאָל נעמען און חתונה האָבן פֿאַר א בחור צוליב דעם, זי זאָל אים קאָנען נאָכגיין ערגעץ אין אַלדי שווארצע יאָר? ענטפֿערט זי מיר: „מיט אים איז אַלציינס, אפילו אין אַלדי שוואַרצע יאָר"... גיב איך איר, געוויינטלעך, צו פֿאַרשטיין מיטן שכל, ווי נאַריש דאָס איז. גיט זי מיר צו פֿאַרשטיין מיט איר שכל, אז איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פֿאַרשטיין. ברענג איך איר א משל מיט א הון, א קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסן קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך האָבן זיך נאָר אויפֿגעכאַפּט אויף די פֿיסלעך, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפֿן וואַסער, און די קוואָקע נעבעך קוואָקעט. „וואָס, זאָג איך, וועסט דו זאָגן, זאָג איך, הערויף, טאָכטער לעבן?" „וואָס, זאָגט זי, זאָל איך דערויף זאָגן? ס'איז אוודאי א רחמנות, זאָגט זי, אויף דער קוואָקע; נאָר צוליב דעם, זאָגט זי, וואָס די קוואָקע קוואָ־

קעט, זאָלן די קאַטשקעלעך נישט שווימען?"... איר פאַרשטייט דיבורים? טביהם טאָכטער רעדט נישט גלאַט...

און חערווייל די צייט שטייט נישט. עס הייבט שוין אָן שאַריען אויף טאָג. די אַלטע אין שטוב וואַרטשעט. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געשיקט זאָגן, אַז ס'איז שוין צייט מאַכן נאַכט, און געזעגן, אַז ס'העלפט זיך נישט, האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער און מאַכט צו מיר, מיט אַ שיינעם יברכך, געווײנטלעך: „טביה! וואָס טראַכסטו דו זיך?" „לאָז זיין שטיל, זאָג איך, גאָלדע, ווי אין פּסוק שטייט: למה רגשו! האָסט פאַרגעסן, אפּנים, אַז ס'איז היינט הושענאַ־רבה? הושענאַ־רבה, זאָג איך, ווערט אונדז אָנגעחתמעט דאָס גוטע קוויטל, הושענאַ־רבה דאַרף מען זיין אויף. פאָלג מיך, גאָלדע, זאָג איך, דו נעם, זיי מוחל, צעבלאָז דעם סאַמאָוואַר, זאָג איך, און לאָז זיין טיי, און איך וועל ניין דער־ווײַלע שפּאַנען דאָס װעגעלע. מיר פאָרן מיט האָדלען צום באַן". און ווי דער שטייגער איז, טאָק איך איר אָפּ אַ שפּאָגל־נייעם ליגן, אַז האָדל פאָרט אוועק קיין יעהופּעץ, און פון דאָרטן נאָך ווייטער, אַלץ מכוח יענעם עסק, מכוח דער ירושה הייסט דאָס, און עס קאָן געמאָלט זיין, זאָג איך, אַז זי זאָל שוין דאָרטן בלייבן איבערן גאַנצן ווינטער, און אפשר איבערן ווינטער מיטן זומער מיט נאָך אַ ווינטער; לכן דאַרף מען איר, זאָג איך, מיטגעבן צדה לדרך, אַביסל גרעט, אַ קליידל, אַ פּאָר קישנס, ציכלעך, דאָס, יענץ און שאר־ירקות.

אַזוי קאָמאַנדעווע איך און זאָג אָן, ס'זאָל נישט זיין קיין געוויינען, ס'איז הושענאַ־רבה אויף דער וועלט. „הושענאַ־רבה, זאָג איך, טאָר מען נישט וויינען, ס'איז אַ בפירושער דין!" הערט מען דאָך מיך מיטן דין מסתמא, ווי די קאַץ, און מע וויינט דווקא יאָ, און אַז סע קומט צום געזעגענען זיך, ווערט אַ יללה, אַלע וויינען — די מאַמע, די קינדער, און טאַקע זי אַליין, האָדל הייסט דאָס, און ועל כולם, אַז ס'איז געקומען צו דער עלטערער טאָכטער מיינער, צייטל מיין איך (אויף יום־טוב קומט זי צו מיר מיט איר באַשערטן, מיט מאָטל קאַמזויל), האָבן זיך בײדע שוועס־טער אַ וואָרף געטאָן איינע דער אַנדערער אויפן האַלדז — מע האָט זיי קוים אָפּגעריסן...

נאָר איך איינער האָב מיך געהאַלטן שטאָל און אײַזן; דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי — שטאָל און אייזן; אינעווייניק קאָכט, ווי אַ סאַ־מאָוואַר, נאָר יענעם אַרויסבאַווייזן — פע! טביה איז דאָך נישט קיין ייִדענע... דעם גאַנצן וועג קיין בויבעריק שווייגט מען, און אַז מיר האַלטן שוין נישט ווייט פון דער באַן, רוף איך מיך אָן צו איר, זי זאָל מיר זאָגן דאָס

לעצטע מאָל, וואָס פאַרט האָט ער געטאָן אַזעלכעס, פּעפּערל הייסט דאָס?... „איטלעכע זאַך, זאָג איך, באַדאַרף דאָך האָבן עפּעס אַ טעם"... ווערט זי אָנגעצונדן און שווערט מיר מיט כל השבועות שבעולם, אַז ער איז ריין, ווי גין־גאָלד. „ער איז, — זאָגט זי, אַ מענטש, וואָס קאָטאָרי פאַר זיך אַרט אים נישט, דאָס גאַנצע טועכץ זיינס איז נאָר, זאָגט זי, יענעמס טובה, דער וועלטס טובה — און דער עיקר פאַר יגיע־כפּימניקעס, די באַלמעלאָכעס" — און גייט זייט אַ חכם און טרעפט, וואָס דאָס הייסט! „זאָרגט ער זיך, זאָג איך צו איר, הייסט דאָס, פאַר דער וועלט? למאַי־זשע, זאָג איך, זאָרגט זיך נישט די וועלט פאַר אים, אַז ער איז יאָ אַזאַ וווילער בחור? זאָלסט אים כאָטש לאָזן גרוסן, זאָג איך, דעם אַלעקסאַנדער מוקדון דיינעם, זאָלסט אים זאָגן, זאָג איך, אַז איך, פאַרלאָז מיך אויף זיין יושר, ער איז דאָך אַ מענטש פון סאַמע יושר, זאָג איך, אַז ער וועט מיין טאָכטער מסתמא נישט פאַרפירן און שרייבן אַמאָל, זאָג איך, אַ בריוול דעם אַלטן טאַטן"...

און אַזוי ווי איך רעד, פאַלט זי מיר נישט פלוצעם אויפן האַלדז און הייבט נישט אָן צו וויינען? „לאָמיר זיך, זאָגט זי, געזעגענען. זיי געזונט, טאַטע, גאָט ווייסט, זאָגט זי, ווען מיר וועלן זיך זען!?"... אָן עק! אָט דאָ האָב איך מיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן... עס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, פאַרשטייט איר, טאַקע די אייגענע האָדל, בשעת זי איז נאָך געווען אַ ברעקל... אַ קינד הייסט דאָס... זי געהאַלטן אויף די הענט... אויף די הענט געהאַלטן... האָט קיין פאַריבל נישט, פאַניע, וואָס איך האָב מיך... מעשה ידענע... איר זאָלט וויסן, הערט איר, וואָס דאָס איז פאַר אַ האָדל, דאָס איז!... איר זאָלט זען די בריוולעך, וואָס זי שרייבט... ס'איז אַ האָדל פון גאָט!... זי איז ביי מיר אַטראַדראַ, איז זי ביי מיר... טיף, טיף... איך קאָן עס אייך אַזוי פיל נישט אַרויסגעבן...

. . . .

ווייסט איר וואָס, פאַניע שלום־עליכם? לאָמיר בעסער רעדן פון עפּעס פריילעכערס: וואָס הערט זיך עפּעס מכּוח דער חלירע אין אָדעס?...

ח ו ה

געשריבן אין יאָר 1906

ח ו ה

— הודו לה׳ כי טוב — ווי אזוי גאָט פירט, אזוי איז גוט. דאָס הייסט, עס באדאַרף זיין גוט, וואָרום פּרובט זייט א חכם און מאכט בעסער! אָט האָב איך געוואָלט זיין א קלוגער, געדרייט העם פּסוק אהער, געדרייט דעם פּסוק אהין, געזעען, עס העלפט נישט, האָב איך צוגענומען די האַנט פונעם הארצן און האָב געזאָגט צו זיך אליין: טביה, ביסט א נאַר! דו וועסט די וועלט נישט איבערמאכן. דער אויבערשטער האָט אונדז געגעבן צער־גידול־בנים, איז די טייטש: פון קינדער האָט מען צרות און מע מוז דאָס אָננעמען פאר ליב. אָט, למשל, האָט זיך מיין עלטערע טאָכטער, צייטל הייסט עס, פארקאָכט אינעם חיים מאָטל קאַמזויל, האָב איך עפּעס צו אים? אמת, ער איז טאַקע א פּראָסטער נפש, פאַרשטייט נישט אזוי שטאַרק דריבנימשקע, די קליינע אותיות, הייסט עס, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? די גאנצע וועלט, ווי זאָגט איר, קאָן דאָך נישט זיין געבילדעט! דערפאר איז ער אן ערלעך מענטשל און האָרעוועט געבעך מיטן בלוטיקן שוויס. זי האָט שוין מיט אים, איר זאָלט אָנקוקן, קיין עין־הרע, א פולע שטוב מיט פּיפּקעס, און בידע ווערן זיי פארשוואַרצט אין עושר און אין כבוד — און רעדט מיט איר, זאָגט זי, אַז ס׳איז איר, קיין עין־הרע, גוט ווי די וועלט, עס קאָן גאָר, זאָגט זי, נישט זיין בעסער. איין שטיקל חסרון נאָר, וואָס ס׳איז קיין ברויט נישטאָ... עד כאן הקפה א׳ — דאָס האָט איר אייך גומער איינס. נו, און פון דער צווייטער טאָכטער, פון האָדלען הייסט דאָס, באדאַרף איך אייך נישט דערציילן, איר ווייסט שוין. זי האָב איך פארשפּילט, פארלוירן אויף אייביק! גאָט ווייסט, אויב מיינע אויגן וועלן זי אמאָל זעען, סיידן אויף יענער וועלט שוין, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר... רעד איך פון איר, פון האָדלען, הייסט עס, קאָן איך נאָך עד־היום נישט קומען צו זיך, ס׳איז אן עק פון מיין לעבן! פארגעסן, זאָגט איר? ווי קאָן מען פארגעסן א לעבעדיקן מענטשן? ובפרט אזא קינד, ווי האָדל? איר זאָלט זעען די בריוולעך, וואָס זי שרייבט צו מיר, קאָן מען צעגיין. עס גייט זיי, שרייבט

זי מיר, האָרטן זייער גוט. ער זיצט, און זי פּאַרדינט. זי וואַשט, ברעט און לייענט ביכלעך און זעט זיך מיט אים אַלע וואָך, און האָט, זאָגט זי, אַ האָפענונג, אַז עס וועט זיך דאָ, ביי אונדז איבערקאָכן, עס וועט אויפגיין די זון און עס וועט ווערן ליכטיק, וועט מען אים אומקערן צוריק מיט נאָך אַ סך אַזעלכע, ווי ער, און דעמלט וועלן זיי זיך ערשט, זאָגט זי, נעמען צו דער ריכטיקער אַרבעט און איבערקערן די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף. נו? ווי געפעלט דאָס אייך? גוט? האָ?... וואָס־זשע טוט אָבער דער רבונו־של־עולם? ער איז דאָך, ווי זאָגט איר, אַן אל רחום וחנון, זאָגט ער צו מיר: „וואַרט אויס, טביה, אָט מאַך איך אַזוי, אַז דו וועסט פאַרגעסן אין אַלע דיינע צרות!”... און כך הווה, איר מעגט דאָס האָרכן. קיין אַנדערן וואָלט איך עס נישט דערציילט, וואָרום דער ווייטיק איז גרויס און דער בזיון איז נאָך גרעסער! נאָר, ווי שטייט דאָרט ביי אונדז געשריבן המכסה אני מאברהם — פאַר אייך איז דען פאַראַן ביי מיר אַ סוד? וואָס איך האָב — דערצייל איך אייך... נאָר וואָס דען? איין זאַך וועל איך אייך בעטן: צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן. איך זאָג אייך נאָך אַמאָל: דער ווייטיק איז גרויס, נאָר דער בזיון, דער בזיון איז נאָך גרעסער!

בקיצור, ווי אַזוי שטייט דאָרט אין פּרק: רצה הקדוש ברוך הוא לזכות — גאָט האָט געוואָלט אַ טובה טאָן טביהן, גייט ער און בענטשט אים מיט זיבן קינדער נקבות, טעכטער הייסט עס, אַלע אויסגעשפּילטע, געראָטענע, קלוגע און שיינע, פרישע, געזונטע, איך זאָג אייך — סאָסנעס! אוי, הלוואי וואָלטן זיי בעסער געווען מיאוסע פּאַסקודניצעס, וואָלט אפשר בעסער געווען פאַר זיי און געזונטער פאַר מיר. וואָרום וואָס קומט אַרויס, איך בעט אייך, פון אַ גוט פערדל, אַז סע שטייט אין שטאַל? וואָס קומט אַרויס פון שיינע טעכטער, אַז מע ליגט פאַרשטעקט מיט זיי אין אַ העק און מע קוקט נישט אָן קיין לעבעדיקן מענטשן, אַ חוץ אַנטאָן פּאָפּעריליע, דעם גויישן ראש־הקהל פון דאָרף, און דעם שרייבער כוועדקע גאַלאַגאַן, אַ הויכער גויעץ מיט אַ פּאַטלע און מיט לאַנגע שטיוול, און דעם גלח, ימח שמו וזכרו. איך קאָן נישט הערן דעם נאָמען זיינעם, נישט מחמת דעם, וואָס איך בין אַ ייד און ער איז אַ גלח; אדרבה, מיר זיינען זייער גוט באַקאַנט צווישן זיך שוין אַ שאָק מיט יאָרן, דאָס הייסט, אויף קיין שמחות איינס צום אַנדערן גייט מען נישט, און גוט יום־טוב בעטן אַוודאי נישט; גאָרנישט, מהיכא־תיתי, מע באַגעגנט זיך, גוט־מאָרגן, גוט־יאָר, וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער וועלט? אַריינלאָזן זיך מיט אים אין ווייטע דרכים האָב איך פיינט,

וואָרום באַלד עפּעס, הייבט זיך אָן א סדרה: אייער גאָט, אונדזער גאָט. לאָז איך מיך נישט און שלאָג אים איבער מיט א גלייכווערטל און זאָג אים, אז ס'איז פאַראַן ביי אונדז א פּסוק; שלאָגט ער מיך איבער מסתמא און זאָגט, אז א פּסוק ווייסט ער גלייך מיט מיר, און אפשר נאָך בעסער, און הייבט אָן צו זעצן אויף אויסנווייניק אונדזער חומש, ווי געווינטלעך, א גוי: „בערעשיט באַראַ אלאָקים" — אלע מאָל, אלע מאָל דאָס אייגענע. שלאָג איך אים איבער מסתמא און זאָג אים, אז ס'איז פאַראַן ביי אונדז א מדרש. „א מדרש, זאָגט ער, ווערט שוין אָנגערופן תּלמוּד, און תּלמוּד האָט ער פיינט, ווייל תּל־מוד איז, זאָגט ער, לויטער שווינדל"... ווער איך דאָך מסתמא רעכט אין כעס און הייב אים אָן אויסצולאָמרן וואָס עס קומט מיר אויף דער צונג. מיינט איר, אז עס אַרט אים עפּעס? גאָרנישט; קוקט אויף מיר און לאַכט, און קעמט זיך בשעת מעשה די באָרד. נישטאָ, הערט איר, קיין ערגערס אויף דער וועלט, ווי אז איר זידלט א מענטשן, מאַכט אים מיט דער בלאָטע גלייך, און ער שווייגט. און אייך ווערט די גאַל צעפּיקעט, און יענער זיצט און שמייכלט! דעמלט האָב איך דאָס נישט פאַרשטאַנען, נאָר אצינד ווייס איך, וואָס דאָס שמייכל האָט באַדייט...

בקיצור, איך קום צו פאָרן איינמאָל אהיים, אַרום פאַרנאַכטלעך שוין, באַגעגן איך דעם שרייבער כוועדקע שטייט אין דרויסן מיט מיין חוה, די דריטע טאָכטער מיינע, די צווייטע פון האָדלען הייסט עס. מיך דערזעענדיק, האָט זיך מיין בחור געגעבן א דריי אויס, אַראָפּגענומען פאַר מיר דאָס היטל און אוועק. רוף איך מיך אָן צו מיין חוהן: „וואָס האָט דאָ געטאָן כוועדקע?" זאָגט זי: „גאָרנישט"... זאָג איך: „וואָס הייסט גאָרנישט?"... זאָגט זי: „מיר האָבן געשמועסט"... זאָג איך: „וואָס פאַרא מחותן ביסטו מיט כוועדקען?"... זאָגט זי: „מיר זיינען באַקאַנט שוין פּון לאַנג"... זאָג איך: „מזל טוב דיר מיט דיין באַקאַנטשאַפט! א שיינער חבר כוועדקע!"... זאָגט זי צו מיר: „דו קענסט אים דען? דו ווייסט דען ווער ער איז?"... זאָג איך צו איר: „ווער ער איז, ווייס איך נישט, כ'האָב זיין יחוס־בריוו נישט געזען; נאָר פאַרשטיין פאַרשטיי איך, אז ער דאַרף שטאַמען פון גאָר גדולים; דער טאַטע זיינער, זאָג איך, האָט געמוזט זיין אָדער א פּאַסטעך, אָדער א סטרוזש, אָדער אַזוי א שיכור"... רופט זי זיך אָן צו מיר, חוה הייסט עס: „וואָס זיין טאַטע איז געווען, ווייס איך נישט און וויל נישט וויסן, ביי מיר זיינען אלע מענטשן גלייך; נאָר אז ער אליין איז א מענטש נישט קיין געוויינטלעכער — דאָס ווייס איך פאַר געוויס"... „דהיינו, זאָג איך, וואָס פאַר א מין סאָרט מענטש איז

ער? לאָם איך הערן"... „איך וואָלט דיר, זאָגט זי, געזאָגט, וועסטו נישט פאַרשטיין. כוועדקע, זאָגט זי, דאָס איז דער צווייטער גאַרקי"... „דער צווייטער גאַרקי? — זאָג איך. — ווער־זשע איז געווען, זאָג איך, דער ערשטער גאַרקי?"... „גאַרקי, זאָגט זי, דאָס איז היינט כמעט דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט"... „ווו זיצט ער, זאָג איך, דער תנא דיינער, וואָס איז זיין געשעפט און וואָס פאַר א דרשה האָט ער געדרשנט?"... מאַכט ז' צו מיר: „דער גאַרקי — דאָס איז א באַרימטער שרייבער, א שריפטשטעלער, א מענטש, הייסט דאָס, וואָס מאַכט ביכער, און א טייערער, א זעלטענער, און ערלעכער מענטש, שטאַמט אויך פון פּראָסטן שטאַנד, נישט געלערנט אין ערגעץ, נאָר פון זיך אליין... אָט דאָס איז זיין בילד"... אזוי מאַכט זי צו מיר, חוה הייסט עס, און נעמט ארויס פון קעשענע א פאָרטרעטל און ווייזט דאָס מיר. „אָט דאָס איז ער, זאָג איך, דער צדיק דיינער, רב גאַרקי? איך וואָלט געמעגט שווערן, אז איך האָב אים ערגעץ געזען, זאָג איך, אָדער ביי דער באַן טראָגן זעק, אָדער אין וואַלד שלעפּן קלעצער"... „איז דאָס ביי דיר, זאָגט זי, א חסרון, זאָגט זי, אז א מענטש האָרעוועט מיט זיינע אייגענע הענט? דו אליין האָרעוועסט דען נישט? און מיר האָרעווען נישט?". „יאָ, יאָ, זאָג איך, ביסט גערעכט, זאָג איך, ס'איז א בפירושער פּסוק ביי אונדז: יגיע כפיך כי תאכל — אז דו וועסט נישט האָרעווען, וועסטו נישט עסן... נאָר פונדעסטוועגן, זאָג איך, פאַרשטיי איך נישט, וואָס האָט דאָ צו טאָן כוועדקע? איך וואָלט בעסער, זאָג איך, געווען צופרידן, ווען דו זאָלסט זיין באַקאַנט מיט אים פון דערווייטן; דו באַדאַרפסט נישט פאַרגעסן, זאָג איך, מאין באת ולאן אתה הולך — ווער ביסטו און ווער איז ער"... מאַכט זי צו מיר: „גאָט האָט באַשאַפן אלע מענטשן גלייך"... „יאָ, יאָ, זאָג איך, גאָט האָט באַשאַפן אָדם הראשונען נאָך זיין געשטאַלט; מע טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אז איטלעכער דאַרף זוכן זיין גלייכן, ווי אין פּסוק שטייט ביי אונדז געשריבן: איש כמתנת ידו"... „אן אנטיק! — זאָגט זי צו מיר. — אויף אלצדינג האָסטו א פּסוק! אפשר געפינט זיך, זאָגט זי, ביי דיר א פּסוק וועגן דעם, וואָס מענטשן, זאָגט זי, האָבן גענומען און האָבן זיך אליין, זאָגט זי, איינגעטיילט אויף יידן און גויים, אויף באַלעבאַטים און קנעכט, אויף פּריצים און בעטלערס?"... „טע־טע־טע! — זאָג איך. — ביסט מיר שוין, דאַכט מיר, פאַרפאָרן, טאָכטער אין אלף השישי אריין!". און איך גיב איר צו פאַרשטיין, אז אזוי פירט זיך שוין אויף דער וועלט משׁשת ימי בראשית. פרעגט זי מיך: „לכאי זאָל זיך אזוי פירן אויף דער וועלט?"...

זאָג איך: „דערפאַר, וואָס אזוי האָט גאָט באַשאַפֿן זיין וועלט"... זאָגט זי, „למאי האָט גאָט אזוי באַשאַפֿן זיין וועלט?"... זאָג איך: „ע! אז מיר וועלן אָנהייבן פרעגן קשיות — למאי אזוי און למאי אזוי, איז אין לדבר סוף — א מעשה אָן אן עק!"... זאָגט זי מיר: „חערויף האָט דאָך אונדז גאָט געגעבן א פאַרשטאַנד, אז מיר זאָלן פרעגן קשיות"... זאָג איך: „ביי אונדז איז פאַראַן א מנהג א זעלבער, אז א הון, זאָג איך, הייבט אָן צו קריִען ווי א האָן, זאָל מען זי באַלד אוועקטראָגן צום שוחט, ווי מיר זאָגן אין די ברכות: הנותן לשכוי בינה". — „טאָמער וואָלט אפשר גאָר געווען גענוג זיך צו גאָרגלען דאָרט? — רופט זיך אָן מיין גאָלדע פון שטוב ארויס. — דער באָרשטש, זאָגט זי, שטייט אויפן טיש שוין פון א שעה, און ער זינגט גאָר זמירות!"... „אָט האָסטו דיר, זאָג איך, די אַנדערע מעג יום־טוב! נישט אומזיסט, זאָג איך, האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט: שבעה דברים בגולם — א ייִדענע האָט אין זיך ניין מאָס רייד. מע רעדט תוך־זאכן, איז זי דאָ מיט איר מילכיקן באָרשטש!"... רופט זיך אָן צו מיר גאָלדע: „חער מילכיקער באָרשטש, זאָגט זי, איז אפשר אזא תוך־זאך, ווי אלע דייַנע תוך־זאכן"... „מזל־טוב, האָט איר איך, זאָג איך, א נייעם פילאָזאָף גליַיך פון אונטערן אויוון ארויס! קאַרג, זאָג איך, וואָס די טעכטער זייַנען געוואָרן אויפגעקלערטע קעפּ, האָט שוין טביהס ווייב אויך אָנגעהויבן פליען דורכן קוימען אין הימל אריין!"... „אז ס'איז יאָ, זאָגט זי, געקומען צו רייד הימל, מאָ ליג שוין אין דער ערד!"... ווי געפעלט איך, א שטייגער, אזא מין ברוך־הבא אויפן ניכטערן האַרצן?...

בקיצור, לאָמיר, ווי זאָגט איר, איבערלאָזן דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה, איך מיין דעם גלח, ימח שמו וזכרו! איינמאָל פאַרנאַכט פאָר איך מיר אַהיים מיט די ליידיקע קריגלעך און האַלט שוין ביים אריינפאָרן אין דאָרף אריין, באַגעגן איך אים פאָרן מיט זיין אייזערנער געקאָוועטער ברישקע, טרייבט אָן אליין מיט זיין כבוד די פערדלעך, און די צעקעמטע באָרד זייַנע איז צעשמיסן פונעם ווינט. „צו דיין קאָפּ, טראַכט איך מיר, א שיין באַגעגעניש!"... „א גוטן אָוונט! — מאַכט ער צו מיר. — האָסט מיך נישט דערקענט, זאָגט ער, צי וואָס?" „וועסט גיך רייך ווערן", זאָג איך צו אים און נעם אראָפּ דאָס היטל און וויל פאָרן ווייטער. מאַכט ער צו מיר: „שטיי א ווײַלע, טעוועל, וואָס האָסטו קיין צייט נישט? איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן, א צוויי ווערטער". „אָך, זאָג איך, אבי נאָר עפּעס גוטס, איז מהיכא־תיתי און אויב נישט, מעג דאָס, זאָג איך, בלייבן אויף אן אַנדערש מאָל"...

„וואָס הייסט, זאָגט ער, ביי דיר אַן אַנדערש מאָל?”... „אַן אַנדערש מאָל, זאָג איך, הייסט ביי מיר, ביז משיח וועט קומען”... „משיח, מאַכט ער צו מיר, איז דאָך שוין געקומען”... „דאָס האָב איך שוין געהערט, זאָג איך, פון דיר נישט איינמאָל; דו זאָג מיר נאָר, פּאַטערל, עפּעס נייעס”... „אָט דאָס, זאָגט ער, מיין איך טאַקע דיר זאָגן; איך וויל מיט דיר שמועסן, זאָגט ער, טאַקע פון דיר אַליין, דאָס הייסט, פון דיין טאָכטער”... דאָ האָט מיר באַלד אַ טיאָכקע געטאָן דאָס האַרץ: וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט מיין טאָכטער? און איך רוף מיך אָן צו אים: „מיינע טעכטער, זאָג איך, זיינען חלילה נישט אַזעלכע, וואָס מע זאָל דאַרפן פאַר זיי רעדן; זיי קאָנען שוין, זאָג איך, אַליין באַשטיין זייער שטעטל”... „דאָס איז אָבער, מאַכט ער, אַזאַ מין ענין, וואָס זי אַליין קאָן נישט רעדן, עס מוז רעדן אַן אַנדערער, מחמת דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ תוך־זאַך, זאָגט ער, טאַקע וועגן איר תכלית”... „וועמען גייט עס אָן, זאָג איך, דער תכלית פון מיין קינד? מיר דאַכט, זאָג איך, אַז ווי באַלד מע שמועסט פון תכלית, בין איך מיין קינד אַ פּאָטער ביז הונדערט צוואַנציק יאָר, צי ניין?”... „אמת, זאָגט ער, דו ביסט דיין קינד אַ פּאָטער; דו ביסט אָבער, זאָגט ער, אויף דיין קינד אַ בלינדער, דיין קינד, זאָגט ער, רייסט זיך אין אַן אַנדערער וועלט אַריין, און דו פאַרשטייסט זי נישט, אָדער דו ווילסט זי נישט פאַרשטיין”... „אויב איך פאַרשטיי זי נישט, זאָג איך, אָדער איך וויל זי נישט פאַרשטיין — דאָס איז אַן אַנדערע זאַך; וועגן דעם, זאָג איך, קאָנען מיר אַביסל שמועסן; נאָר וואָס קער זיך דאָס אָן, פּאַטערל, מיט דיר?”... „עס קער זיך, זאָגט ער, מיט מיר אָן זייער שטאַרק, זאָגט ער, ווייל זי איז איצטער אין מיין רשות”... „וואָס הייסט, זאָג איך, זי איז אין דיין רשות?”... „דאָס הייסט, זי איז איצטער אונטער מיין השגחה”, מאַכט ער און קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין און צעקעמט זיך די שיינע צעלאָזטע זקנה. טו איך מסתמא אַ שפּרונג אונטער: „ווער? מיין קינד איז אונטער דיין השגחה? מיט וואָס פאַר אַ חעכט?” — זאָג איך און פיל, אַז איך הייב אָן אַריין אין כעס. מאַכט ער צו מיר גאַנץ קאַלט־בלוטיק מיט אַ שמייכעלע: „נאָר נישט געהיצט זיך, טעוועל! פּאַוואָלי וועלן מיר, זאָגט ער, די זאַך זיך איבערלייגן. דו ווייסט, איך בין דיר, זאָגט ער, חלילה קיין שונא נישט, כאָטש דו ביסט אַ ייד; דו ווייסט, זאָגט ער, אַז איך האַלט פון יידן, און עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ אויף זיי, פאַר זייער עקשנות, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשפּאַרט און ווילן נישט פאַרשטיין, אַז מע מיינט דאָס פון זייער טובה וועגן”... „פון

טובות, זאָג איך, זאָלסטו מיט מיר, פֿאָטערל, איצטער נישט רעדן, מחמת איטלעכס וואָרט, וואָס איך הער פֿון דיר איצינד, איז פֿאַר מיר אַ טראָפּן סם־המוות, זאָג איך, אַ פּיסטויל אין האַרצן אַריין. אויב דו ביסט מיר אַזאַ גוטער פֿריינד, ווי דו זאָגסט, וועל איך פֿון דיר בעטן נאָר איין טובה: מיין טאָכטער זאָלסטו לאָזן צורו"... „ביסט אַ נאַרישער מענטש, מאַכט ער צו מיר, עס וועט דיין טאָכטער חלילה קיין שלעכטס נישט געשען; עס שטייט איר איצטער פֿאַר אַ גליק, זאָגט ער; זי נעמט, זאָגט ער, אַ חתן — אויף מיר אַזאַ יאָר"... „אָמן! — זאָג איך כלומרשט מיט אַ געלעכטערל, און אין האַרצן ברענט אַ גיהנום!

— ווער איז ער, למשל, דער חתן, זאָג איך, אויב איך בין זוכה, זאָג איך, צו וויסן?"... „דו דאַרפֿסט אים קענען, זאָגט ער, ער איז זייער אַ בראַווער, אַן אָרנטלעך מענטשל, און גאַנץ פֿיין געבילדעט, אַפֿילו פֿון זיך אַליין, און איז פֿאַרקאָכט אין דיין טאָכטער, און וויל מיט איר חתונה האָבן און קאָן נישט, ווייל ער איז נישט קיין ייד"... „כוועדקע!"... — טראַכט איך מיר, און עס טוט מיר אַ זעץ אין קאָפּ אַריין אַ מאָדנע היץ, און עס באַשלאָגט מיך אַ קאַלטער שוויס, קוים וואָס איך זיץ אויפֿן וועגעלע. נאָר אַרויסבאַוויזן דאָס פֿאַר אים. — נישט דערלעבן וועט ער דאָס! און איך נעם דאָס פֿערדל פֿאַר די לייצעס, טו דאָס אַ שמיצל פֿון אונטן אַרויף, און הלך משה מרדכי

— פֿאַשאַל אָן אַ זייגעזעגנט אַהיים... איך קום צופֿאָרן אַהיים, אייַ־אייַ־איי, אַן איבערקערעניש! די קינדער ליגן מיט די פּנימער אין די קישנס און וויינען, מיין גאָלדע איז מער אויף יענער וועלט איידער אויף דער וועלט... איך זוך חוהן, ווו איז חוה? — נישטאָ חוה!... פֿרעגן ווו איז חוה, ווייל איך נישט. איך פֿאַרשפּאָר שוין פֿרעגן, אַז אַך און וויי איז מיר! און איך פֿיל דעם טעם פֿון חבוט־הקבר, און עס ברענט אין מיר אַ פֿייער, איך ווייס נישט אויף וועמען... איך וואָלט עפּעס נאָר גענומען און זיך אַליין אויסגעפּאַמשט... און איך צעשריי מיך אויף די קינדער און לאָז אויס מיין ביטער האַרץ צום ווייב. איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפֿינען. גיי איך אַרויס אין שטאַל צום פֿערד, דעם געבן עסן, און טרעף דאָס שטיין אַריבערגעפֿוצעוועט מיט איין פֿוס אויף יענער זייט קלאָץ. כאַפּ איך אַ שטעקן און הייב דעם אָן אײנטײלן, שײלן די פּעל, ברעכן די ביינער: „פֿאַרברענט זאָלסטו ווערן, שלימזל מיינער! זאָלסטו אַזוי לעבן, ווי איך האָב פֿונדיינעטוועגן אַ האָבערל אַפֿילו! צרות, אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר געבן, שלעק, מיט אַנגסטן, מיט מכּות, מיט בכורות!"...

אזוי רעד איך צום פערדל און באטראכט מיר אָבער באלד, אז ס'איז א צער־בעלי־חיים, גאט די נשמה שולדיק, וואס האָב איך צו דעם? און איך שיט דעם אונטער אביסל געהאקטע שטרוי און זאָג דעם צו, אם ירצה השם, שבת ווייזן א הא אין סידור, און קום אריין צוריק אין שטוב אריין, באגראָב זיך און ליג אין געהאקטע וווּנדן, און דער קאָפּ — דער קאָפּ ווערט מיר שיעור צעשפּרונגען, טראכטנדיק און קלערנדיק און לערנענדיק דעם פשט, וואס זאָל דאָס באדייטן? „מ ה פ ש ע י ו מ ה ח ט א ת י — מיט וואס האָב איך, טביה, פארזינדיקט מער פון דער גאנצער וועלט, וואס מע באשטראָפט מיך מער פון אלע יידן? אוי, רבונו של עולם, רבונו של עולם! מ ה א נ ו ו מ ה ח י י נ ו — ווער בין איך אזוינס, וואס דו טראָגסט מיך אויפן קאָפּ כסדר, האָסט מיך אין זינען און לאָזט נישט אויס ווו ערגעץ א שלאק, א צרה, אן אָבשיקע־נייש?!"...

און אזוי ווי איך טראכט מיר אזוי, ליגנדיק אויף הייסע קוילן, הער איך, ווי מיין ווייב נעבעך קרעכצט, רייסט אויס א שטיק הארץ. „גאָלדע, זאָג איך, דו שלאָפסט?"... „ניין, זאָגט זי, וואס איז דען?"... „גאָר־נישט, זאָג איך, מיר זיינען גוט אין דער ערד; אפשר ווייסטו, זאָג איך, אן עצה, וואס טוט מען?"... „פרעגסט ביי מיר, זאָגט זי, עצות, אז אַך און וויי איז מיר? א קינד שטייט אויף, זאָגט זי, איינדערפרי, א געזונ־טע, א שטאַרקע, טוט זיך אָן, זאָגט זי, פאלט מיך ארום קושן און האלדזן און וויינען און זאָגט נישט וואס; איך האָב געמיינט, זי איז חלילה פונעם זינען! פרעג איך זי: „וואס איז דיר, טאָכטער?" זאָגט זי גאָר־נישט און כאַפּט זיך ארויס אויף א ווייַלע צו די בהמות און ווערט פאר־שוווּנדן. איך וואַרט א שעה, איך וואַרט צוויי, איך וואַרט דריי — ווו איז חוה? נישטאָ חוה! רוף איך מיך אָן צו די קינדער: „אגו, טוט נאָר א שפרונג אויף א מינוטקעלע צום גלח"... „פון וואנען, זאָג איך, האָסטו געוווּסט, גאָלדע, אז זי איז בײַם גלח?"... „פון וואנען האָב איך געוווּסט? — זאָגט זי. — אז אַך און וויי איז מיר! וואס איז, זאָגט זי, איך האָב קיין אויגן נישט? צי בין איך קיין מאמע נישט?"... „אז דו האָסט אויגן, זאָג איך, און דו ביסט איר א מאמע, וואס־זשע האָסטו געשוויגן און האָסט נישט געזאָגט מיר?"... „דיר זאָל איך זאָגן? ווען ביסטו אין דער היים? — זאָגט זי. — און אז איך זאָג דיר, הערסטו מיך דען? דיר אז מע זאָגט, זאָגט זי, ענטפערסטו באלד מיט א פסוק; פאר־האקסט דעם קאָפּ מיט פסוקים און דערמיט קומסטו אָפּ"...

אזוי מאכט זי צו מיר, גאָלדע הייסט עס, און איך הער, ווי זי וויינט אין דער פינצטער... אביסל איז זי געווען, טראַכט איך מיר, וואָרום וואָס פאַרשטייט אַ יידענע? און עס טוט מיר ווי אויף איר דאָס האַרץ, איך קען נישט הערן, ווי זי קרעכצט און ווי זי וויינט. רוף איך מיך אָן צו איר: „זעסטו, גאָלדע, ביסט ברוגז, זאָג איך, למאי איך האָב אויף אַלצדינג אַ פּסוק; איך מוז דיר דערויף אויך ענטפערן מיט אַ פּסוק: עס שטייט ביי אונדז געשריבן, זאָג איך: כ ר ח ם אָ ב ע ל ב נ י ם — אַ טאַטע האָט ליב אַ קינד. פאַרוואָס שטייט נישט, זאָג איך, כ ר ח ם א ם ע ל ב נ י ם — אַז אַ מאַמע, האָט ליב איר קינד? ווייל אַ מאַמע איז נישט קיין טאַטע; אַ טאַטע, זאָג איך, קען אַנדערש רעדן מיט אַ קינד. אַט וועסטו זעען, זאָג איך, אם ירצה השם, מאָרגן זע איך מיך מיט איר"... „הלוואי, זאָגט זי, זאָלסטו זיך קאָנען זעען מיט איר, און מיט אים אויך. ער איז אַ מענטש, זאָגט זי, נישט קיין שלעכטער, כאָטש אַ גלח, נאָר אויף אַ מענטשן האָט ער, זאָגט זי, רחמנות. דו וועסט אים בעטן, פאַלן צו די פיס, אפשר וועט ער רחמנות האָבן"... „ווער, זאָג איך, דער כומר, ימח שמו?... איך זאָל מיך בוקן, זאָג איך, צום גלח? ביסט משוגע, זאָג איך, צי חסר־דעה? א ל ת פ ת ח פ ה ל ש ט ן, זאָג איך, — נישט דערהערן וועלן דאָס מיינע שונאים!"... „אַ! זעסטו? עס הייבט זיך אָן, זאָגט זי, מיט דיר!"... „וואָס דען, זאָג איך, האָסטו געמיינט? איך וועל מיך לאָזן פירן פון אַ יידענע? איך וועל, זאָג איך, לעבן מיט דיין ווייבערישן שכל?"... אָט אין אַזעלכע שמועסן גייט אַוועק ביי אונדז די נאַכט. קוים דערלעבט דעם ערשטן קריי פונעם האָן, הייב איך מיך אויף, דאַוון אָפּ, נעם מיט זיך די בייטש און לאָז מיך אַוועק מסתמא גלייך צום גלח אין הויף אַריין. ווי זאָגט איר, אַ יידענע איז טאַקע אַ יידענע, נאָר וווהין דען האָב איך געזאָלט גיין? אין דער ערד אַריין?...

בקיצור, געקומען צו אים אין הויף אַריין, באַגעגענען מיך די כלבים זיינע מיט אַ שיינעם גוטמאָרגן און ווילן מיר צערעכט מאַכן די קאַפּאָטע און פאַרזוכן די ליטקע פון מיינע יידישע פיס, צי זיי זיינען עפּעס גוט פאַר זייערע הינטישע ציין?... אַ גליק, וואָס כ'האָב מיטגע־נומען די בייטש, האָב איך זיי געגעבן צו פאַרשטיין דעם פּסוק ל א י ח ר ץ כ ל ב ל ש ו נ ו — נעכיי סאָבאַקאַ דאַראָם נע ברעשע, דאָס הייסט: לאָז אַ הונט נישט בילן אומזיסט... אויף זייער געשריי מיט מיין געפילדער איז אַרויסגעלאָפן דער גלח מיט דער גלחטע, קוים צעטריבן די פרייליכע כאַליאַסטרע און אַריינגערופן מיך אין שטוב אַריין, מיך

אויפגענומען פאר זייער א שיינעם גאסט, געוואָלט שטעלן פון מיינעט־וועגן דעם סאַמאָוואַר. זאָג איך, אז דער סאַמאָוואַר איז לאו דווקא, איך האָב מיט אים עפּעס צו רעדן, זאָג איך, אונטער פיר אויגן. האָט זיך דער כומר אָנגעשטויסן, וואָס איך מיין, האָט א ווונק געטאָן צו זיין פּלוניתטע, זי זאָל מוחל זיין צומאַכן די טיר פון יענער זייט — און איך בין צוגעטרעטן צום ענין גלייך, אָן שום הקדמות, ער זאָל מיר זאָגן קודם, צי גלייבט ער אין גאָט?... און נאָכדעם זאָל ער מיר זאָגן, אויב ער פילט דעם טעם, וואָס הייסט צעשיידן א מאַמן מיט א קינד, וואָס מע האָט האָס ליב?... און ווידער זאָל ער מיר זאָגן, וועלכעס הייסט נאָך זיין שכל א מצווה און וועלכעס הייסט אן עבירה?... און נאָך א זאַך וואָלט איך וועלן, ער זאָל מיר קלאָר מאַכן: וואָס פאַר א פּנים האָט ביי אים א מענטש, וואָס כאַפּט זיך אריין צו יענעם אין שטוב אריין און וויל מאַכן אן איבערקערעניש, איבערשטעלן די בענקלעך, מיט די טישלעך, מיט די בעטן?...

אוודאי בלייבט ער זיצן געפּלעפט און מאַכט צו מיר: „טעוויעל, זאָגט ער, ביסט א קלוגער מענטש, זאָגט ער, און נעמסט און שטעלסט אוועק, זאָגט ער, מיט א מאָל אזוי פיל שאלות, און ווילסט, זאָגט ער, איך זאָל דיר ענטפערן אין איין קלאַפּ? האָב צייט, זאָגט ער, איך וועל דיר ענטפערן על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון"... „ניין, זאָג איך צו אים, דו וועסט מיר, פאָטערל געטרייער, נישט ענטפערן דערויף קיינמאָל נישט. ווייסטו, פאַרוואָס? ווייל אלע דיינע מחשבות ווייס איך פון פריער. דו ענטפער מיר, זאָג איך, בעסער דערויף: איך האָב נאָך א האָפענונג צו זען מיין קינד צוריק, אָדער ניין?"... כאַפּט ער זיך אויף: „וואָס הייסט — צוריק? דיין טאָכטער וועט חלילה גאָרנישט געשען, אדרבה!"... „איך ווייס, זאָג איך, איך ווייס, איר ווילט זי מאַכן גליקלעך! איך רעד נישט פון דעם, זאָג איך; איך וויל וויסן, ווו איז ערגעץ מיין קינד, און צי קאָן איך זיך מיט איר זעען?"... „אלצדינג יאָ, מאַכט ער צו מיר, נאָר דאָס נישט"... „אָט אזוי זשע רעד, זאָג איך, דברים ברורים, קורצע דיבורים! זייט געזונט, זאָג איך, און לאָז דיר גאָט באַצאָלן, זאָג איך, בכפל־כפלים!"...

און איך קום צו גיין אהיים און טרעף מיין גאָלדע ליגט צענויפגעקוטשעבורעט, ווי א שווארצער קנויל אין בעט און האָט שוין מער קיין טרערן נישט אין די אויגן. רוף איך מיך אָן צו איר: „שטיי אויף, מיין ווייב, טו אויס, זאָג איך, די שיך, און לאָמיר זיך אוועקזעצן שבעה, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטן, ה' נ ת ן ו ה' ל ק ח — מיר זיינען נישט

די ערשטע, מיר זיינען נישט די לעצטע. עלעהיי, לאָז זיך אונדז אויס־דאַכטן, זאָג איך, אַז מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין חוה, אָדער לאָז זיך אונדז דאַכטן, זאָג איך, עלעהיי האָדל, וואָס איז אַוועק פֿון אונדז הינטער די הרי־חושך, גאָט ווייסט, אויב מיר וועלן זי אַמאָל זען... גאָט, זאָג איך, איז אַן אל רחום וחנון, ער ווייסט וואָס ער טוט!"...

אַזוי רעד איך מיר אויס דאָס האַרץ און פֿיל, אַז די טרערן שטיקן מיך, שטייען מיר, ווי אַ ביין אין האַלדז. נאָר טביה איז נישט קיין ייִדענע, טביה האַלט זיך איין! מאָלט אייך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי, וואָרום, ערשטנס, דער בזיון!... והשנית, ווי קאָן איך זיך איינהאַלטן, אַז מע פֿאַרלירט לעבעדיקערהייט אַזאַ קינד, אַזאַ בריליאַנט, וואָס איז אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן, אי ביי מיר, אי ביי דער מוטער, כמעט מער ווי אַלע קינדער, איך ווייס נישט פֿאַר וואָס? אפֿשר דערפֿאַר, וואָס זי האָט קינדווייז זייער אַ סך געקרענקט, איבערגעטראָגן אויף זיך כּל הצרות שבעולם; מיר זיינען אַמאָל אויסגעזעסן איבער איר גאַנצע נעכט, עטלעכע מאָל אָפּגעשריגן, פּשוט אָפּגעשריגן פֿון טויט, אָפּגע־חיהטשעט, ווי מע חיהטשעט אָפּ אַ קליין צעטראָטן הינדעלע, וואָרום אַז גאָט וויל, מאַכט ער פֿון טויט לעבעדיק, ווי מיר זאָגן אין הלל: לא אָמות כי אחיה — אַז ס'איז נישט באַשערט שטאַרבן, שטאַרבט מען נישט... און אפֿשר איז דאָס דערפֿאַר, וואָס זי איז אַ גוט קינד, אַ געטרייעס, האָט אונדז פֿון תּמיד אָן ליב געהאַט בײַדן דאָס חיות מיט דער נשמה. איי די קשיא: ווי קומט דאָס, זי זאָל אונדז אַזעלכעס טאָן? איז, ערשטנס, אונדזער מזל אַזוי. איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר — איך גלייב אין השגחה. והשנית, איז דאָס אַ קליפּה, אַן אָפּגעטועניע זאַך, הערט איר, אַ מין כּישוף! איר מעגט אייך לאַכן פֿון מיר, און איך זאָג אייך, אַז איך בין גאָר נישט אַזאַ גראָבער נאַר, איך זאָל גלייבן אין שרעטעלעך, לצים, דאָמעוויקעס וכדומה אַזעלכע שטותעריייען; נאָר אין כּישוף, זעט איר, גלייב איך, וואָרום וואָס דען איז דאָס, אַז נישט קיין כּישוף? אָט וועט איר הערכן ווייטער, וועט איר אַליין אויך זאָגן דאָס אייגענע...

בקיצור, אַז די הייליקע ספֿרים זאָגן: בעל כרחך אתה חי — אַ מענטש נעמט זיך נישט אַליין דאָס לעבן, איז דאָס נישט אומזיסט. ס'איז גאָר נישטאָ די מכּה אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיך נישט פֿאַר־היילן, און אַזאַ צרה, וואָס מע זאָל זי נישט פֿאַרגעסן. דאָס הייסט, פֿאַרגעסן פֿאַרגעסט זיך נישט, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אדם

כ ב ה מ ה נ ד מ ה — אַ מענטש באַדאַרף אַרבעטן, האָרעווען, פאַר־שוואַרצט און אויסגעדריסן ווערן צוליב דעם שטיקל ברויט. מיר האָבן זיך גענומען, וואָס טויג אייך, אַלע צו דער אַרבעט, מיין ווייב און קינ־דער צו די קרינגלעך, איך צום פערד־און־וועגעלע, און ע ו ל ם כ מ נ ה ג ו — די וועלט בלייבט נישט שטיין. אָנגעזאָגט האָב איך אין שטוב, אַז חוה לא יזכר ולא יפקד — נישטאָ חוה! אויסגעמעקט — און שוין! און כ'האָב מיר צונויפגעשלאָגן אַביסל מילכיקס, פּרישע סחורה, און האָב מיך געלאָזט קיין בויבעריק צו מיינע קונים.

געקומען קיין בויבעריק — אַ שמחה, אַ גדולה: וואָס מאַכט אַ ייד רב טביה? פאַר וואָס זעט מען אייך נישט? „וואָס זאָל איך מאַכן? — זאָג איך. — ס'איז ח ד ש י מ י נ ו כ ק ד ם — דער אייגענער שלימזל, וואָס פריער; אַ בהמהלע, זאָג איך, איז ביי מיר געפאַלן"... „וואָס איז די מעשה, זאָגן זיי, וואָס מיט אייך טרעפן זיך אַלע נסים?" און דער עולם פרעגט מיך אויס, איטלעכער באַזונדער, וואָס פאַר אַ בהמהלע איז ביי מיר געפאַלן? וויפל האָט דאָס מיך געקאָסט? און וויפל בהמה־לעך איז מיר נאָך געבליבן? און מע לאַכט, מען איז פריילעך, ווי, גע־ווינטלעך, נגידים מאַכן זיך לוסטיק איבער אַן אָרעמאַן, אַ שלימזל, נאָכן עסן, אַז ס'איז גוט אויפן האַרצן און אין דרויסן איז שיין און היים און גרין, און עס גלוסט זיך דרימלען... טביה איז אָבער אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך טרייבן קאַטאָוועס. אַ קרענק וועט ביי מיר יענער ווייסן, וואָס ביי מיר אויפן האַרצן טוט זיך! און אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט אַלע קונים, לאָז איך מיך צוריק מיט די ליידיקע קרינגלעך אַהיים, איבערן וואַלד, לאָז אָפּ דאָס פערדל, ס'זאָל זיך גיין פּאַוואָלי און כאַפּן בגנבה אַ שטשיפּל גראָז, און אַליין פאַרטיף איך מיך אין מיינע מחשבות און געדאַנקען, טראַכט איבער פון וואָס איר ווילט: פונעם לעבן און פונעם טויט, פון דער וועלט און פון יענער וועלט, און וואָס איז אַזעלכעס וועלט, און וואָס לעבט אַ מענטש, וכדומה אַזעלכע זאַכן, בכדי איך זאָל מיר צעשלאָגן די רעיונות, דאָס הייסט, איך זאָל נישט קלערן פון איר, פון חוהן הייסט עס. און ווי אויף צו להכעיס, קריכט מיר אין קאָפּ אַריין דווקא זי, חוה הייסט עס. זי קומט מיר אַקעגן מיט איר געשטאַלט, הויך און שיין און פריש, ווי אַ סאָסנע, אָדער גאָר ווי זי איז נאָך גע־ווען אַ קליינטשיקע, אַ קראַנקעטשקע, אַ פּגירהלע, ווי אַן עופהלע ביי מיר אויף די הענט, דאָס קעפל אַרויפגעוואָרפן אויף מיינע פּלייצעס: „וואָס ווילסטו, חוהלע? געבן דיר אַ שטיקעלע פּאַפּע? אַביסעלע מאַני?"...
און איך פאַרגעס אויף אַ ווײַלע, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, און עס ציט

מיר צו איר דאָס האַרץ, און די נשמה נאָגט, בענקט נאָך איר... נאָר דערמאָן איך מיך, און עס גייט מיר איבער דער כּוח־הדמיון, און אַ פייער צינדט זיך אָן ביי מיר אין האַרצן אויף איר און אויף אים און אויף דער גאַנצער וועלט און אויף זיך אַליין, פאַרוואָס איך קאָן זי נישט פאַרגעסן אויף קיין מינוט; פאַרוואָס זאָל איך זי נישט קאָנען אויס־מעקן, אַרויסרייסן פונעם האַרצן? זי האָט דאָס דען ביי מיר נישט פאַר־דינט? דערויף טאַקע דאַרף טביה זיין אַ ייד שבייד, כּל ימיו פאַר־שוואַרצט ווערן, אַקערן מיט דער נאָז די ערד, מגדל זיין קינדער, בכדי זיי זאָלן דערנאָך נעמען מיט איין מאָל און אָפּרייסן זיך מיט געוואַלד, אָפּפאַלן, ווי אַ שישקע פונעם בוים, און פאַרטראָגן ווערן מיטן ווינט און מיטן רויך?... אָט, למשל, — אַזוי קלער איך מיר, — וואַקסט אַ בוים, אַ דעמב אין וואַלד, קומט צו גיין אַ נפש מיט אַ האַק, נעמט אָפּ אַ צווייג און נאָך אַ צווייג און נאָך אַ צווייג — וואָס איז דער בוים אָן די צווייגן, מ'שטיינס געזאָגט? נעם שוין בעסער, דו בן־אָדם, און האַק אונטער דעם בוים אינגאַנצן — און אַן עק! לאָז דאָס האָבן. צו וואָס זאָל סטאַרטשען אַ נאַקעטער דעמב אין וואַלד?!...

און אַזוי ווי איך טראַכט מיר אַזוי די דאָזיקע מחשבות, דערפיל איך פּלוצעם, אַז מיין פערדל האָט זיך אָפּגעשטעלט — סטאָפּ! וואָס איז דאָס? איך הייב אויף די אויגן, איך טו אַ קוק — חוה!... די אייר־גענע חוה, וואָס פריער, נישט געמינערט אַ האָר, אפילו די מלבושים נישט איבערגעביטן!... דאָס ערשטע, וואָס קומט מיר אויף די געדאַנ־קען — איז אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן און אַרומכאַפּן זי קושן... נאָר באַלד טוט מיך צוריק אַ צי אַ געדאַנק: „טביה? וואָס ביסטו, אַ ייִדע־נע?" און איך טו אַ צי דאָס פערדל: „וויאָ, שלימזל!" — און נעם מיך רעכטס. איך טו אַ קוק — מיינע אויך רעכטס, מאַכט עפּעס צו מיר מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „שטיי אַ ווײַלע, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן"... און עס טוט זיך מיר אַ ריס אָפּ אינעווייניק און אַ ציפּ ביים האַרצן, און איך לאָז אָפּ הענט און פיס; אָט־אָט טו איך אַ שפּרונג אַראָפּ פונעם וואָגן! נאָר איך האַלט מיך איין, טו אַ צי דאָס פערדל און נעם מיך לינקס — מיינע אויך לינקס, קוקט אויף מיר משונה־ווילד, דאָס פּנים טויט... וואָס טוט מען? — טראַכט איך מיר. — זאָל איך בלייבן שטיין, צי איך זאָל פאָרן ווייטער? און איידער איך קוק מיך כאַפּ ארום — אַהאַ, זי האַלט שוין דאָס פערדל ביים צוים און מאַכט צו מיר: „טאַטע! זאָל איך שטאַרבן, אויב דו וועסט זיך רירן פונעם אָרט! איך בעט דיך, הער מיך אויס פריער, טאַטע־פאָטער!"...

„ע! — טראכט איך מיר. — ווילסט מיך נעמען מיט געוואַלד? ניין, נשמה מיינע! ווי באַלד אַזוי, איז אַ סימן, אַז דו קענסט נישט דעם טאַטן דיינעם"... — און דאַוויי שמייסן דאָס פערדל אויף וואָס די וועלט שטייט. און מיין פערדל פאַלגט, שפּרינגט, נאָר עס דרייט צוריק דעם קאָפּ, מאַכט בשעת מעשה מיט די אויערן. „וויאָ, זאָג איך צו דעם, אל תסתכל בקנקן — קוק נישט, חכם מיינער, אַהין, וווּ מע דאַרף נישט"... און אַליין, מיינט איר, ווילט זיך מיר נישט אויסדרייען דעם קאָפּ צוריק און אַ קוק טאָן, כאָטש איין קוק טאָן אַהין, אויף יענעם אָרט, וווּ זי איז שטיין געבליבן?... נאָר ניין, טביה, איז נישט קיין ייִדענע. טביה ווייסט, ווי אַזוי מען איז זיך נוהג מיטן שטן מקטרג...

בקיצור, איך וויל אייך נישט מער, ווי זאָגט ער, מאריך ימים זיין, און עבֿירה אייער צייט. אויב ס'איז מיר באַשערט געווען חיבוט הקבֿר, בין איך שוין דערמיט אָפּגעקומען, און דעם טעם פון גיהנום מיט כּף־הקלע, מיט די אַלע איבעריקע געברענטע לײַדן, וואָס ווערן באַשריבן ביי אונדז אין די הייליקע ספרים, פרעגט מיך, וועל איך אייך זאָגן! דעם גאַנצן וועג, וואָס איך פאָר, ווייזט מיר אויס, אַז זי לויפט מיר נאָכן וואָגן און שרייט: „הער מיך אויס, טאַטע־פאָטער!"... און עס פליט מיר דורך אַ געדאַנק: „טביה! דו שטעלסט אויף זיך צופיל! וואָס וועט דיר אַרן, אַז דו וועסט זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע, אויסהערן וואָס וויל זי? אפשר האָט זי דיר צו זאָגן אַזעלכעס, וואָס דו דאַרפסט דאָס וויסן? אפשר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, האָט זי חרטה און וויל זיך אומקערן צוריק? אפשר ליגט זי ביי אים אין דער ערד און בעט ביי דיר, דו זאָלסט איר העלפן אַרויס פון גיהנום?... אפשר און אפשר און נאָך אַ סך אַזעלכע אפשרס פליען מיר דורך אין קאָפּ, און זי שטעלט זיך מיר פאָר אַלס אַ קינד, און איך דערמאָן זיך אין יענעם פסוק „כּרחם אָב אל בנים" — נישטאָ קיין שלעכט קינד ביי אַ טאַטן, און איך פּייניק מיך, און איך זאָג אויף זיך אַליין, אַז איך בין אָסור לרחם — נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט מיך! וואָס? וואָס קאָכסטו, דו משוגענער עקשן? וואָס טאַראַבאַנעסטו? נעם, דו אכזר אײנער, פאַרקער־עווע דאָס וועגעלע צוריק און בעט זיך מיט איר איבער, זי איז דיין קינד, נישט קיינעמס!... און עס קריכן מיר אין קאָפּ אַריין משונה־מאָדנע מחשבות און געדאַנקען: וואָס איז דאָס אַזעלכעס ייִד און וואָס איז נישט ייִד?... און פאַר וואָס האָט גאָט באַשאַפן ייִדן און נישט ייִדן?... און אַז גאָט האָט שוין יאָ באַשאַפן ייִדן און נישט ייִדן, פאַר וואָס זשע זאָלן זיי זיין אַזוי אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אַנדערע, נישט קאָנען אָנקוקן איינס דאָס

אנדערע, גליך ווי דער איז פון גאָט און יענער איז נישט פון גאָט?...
און עס פאַרדריסט מיך, למאי איך בין נישט אַזוי קלאָר, ווי אַנדערע,
אין ספרים און אין ביכער, איך זאָל קאָנען געפינען דערויף עפּעס אַ
רעכטן תירוץ... און בכדי זיך צעשלאָגן די רעיונות הייב איך אָן אויף
אַ ניגון: אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה! איך דאַוון, הייסט דאָס,
מנחה אויף אַ קול און מיט אַ ניגון, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. נאָר
וואָס קומט אַרויס פונעם דאַווענען און פונעם זאָגן, אַז אינעווייניק אין
האַרצן זינגט זיך אַן אַנדער ניגון: „חדו ה! חדו ה! חדו ה!”... און וואָס
איך זינג העכער דעם „אשרי”, זינגט זיך מיר „חוה” נאָך העכער, און
וואָס מער איך וויל זי פאַרגעסן, אַזוי מער און אַזוי שאַרפער שטייט זי
מיר פאַר די אויגן, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער איר קול, ווי זי
רופט צו מיר: „הער מיך אויס, טאַטע־פאַטער!”... און איך פאַרשטעל
מיר די אויערן, איך זאָל זי נישט הערן, און איך מאַך צו די אויגן, איך
זאָל זי נישט זעען, און איך זאָג די שמונה־עשרה און הער נישט, וואָס
איך זאָג, און שלאָג זיך אשמנו און ווייס נישט, פאַרוואָס, און מיין
לעבן איז צעררודערט, און אַליין בין איך צערודערט, און זאָגן זאָג איך
נישט קיינעם פון מיין באַגעגעניש, און רעד נישט מיט קיינעם פון איר,
און פרעג זיך נישט נאָך אויף איר ביי קיינעם, כאָטש איך ווייס, איך
ווייס גאַנץ גוט, וווּ זי איז און וווּ ער איז און וואָס זיי טוען, נאָר אַ
מכה וועט ביי מיר עמעצער וויסן. נישט דערלעבן וועלן דאָס מיינע שונ־
אים, אַז איך זאָל מיך פאַר עמעצן באַקלאָגן, אָט אַזאַ מענטש איז טביה!...

איך וואָלט אַ בעלן געווען וויסן. צי אַלע מאַנצבילן זיינען אַזוי,
צי נאָר איך בין אַזאַ משוגענער? אַשטייגער, כדומה למשל, אַמאָל טרעפט
זיך... איר וועט נישט לאַכן פון מיר? איך האָב מורא, איר וועט לאַכן
פון מיר... אַמאָל טרעפט זיך, איך טו מיך אָן אין דער שבתדיקער קאַ־
פּאָטע, און לאָז מיך צו דער באַן, און בין שוין גרייט זיך אויפצוזעצן פאָרן
אַהין, צו זיי, איך ווייס, וווּ זיי זיצן... איך גיי־צו צום קאַסיר און הייס
מיר געבן אַ בילעט. פרעגט ער מיך: וווּהין? זאָג איך: קיין יעהופּעץ...
זאָגט ער: אַזאַ שטאָט איז ביי מיר נישטאָ פאַראַן... זאָג איך: בין איך
נישט שולדיק... און איך קער מיך אום צוריק אַהיים, טו אויס די שבת־
דיקע קאַפּאָטע און נעם מיך צוריק צו דער אַרבעט, צום ביסל מילכיקס
און צום פערד־און־וועגעלע, ווי שטייט דאָרטן: איש לפעלו ואדם
לעבודתו — דער שניידער צו דער שער און דער שוסטער צום
וואַרשטאַט... איאָ, איר לאַכט פון מיר? וואָס האָב איך איך געזאָגט?
איך ווייס אַפילו, וואָס איר טראַכט; איר טראַכט זיך: „אָט דער טביה

איז מאקע עפעס נאָר אַ חושים!"... דערפאַר רעכן איך, אַז עד כאן אומרים בשבת הגדול — ס'זאָל זיין היינטיקס מאָל נעגוג, הייסט עס... זייט מיר געזונט און שטאַרק און שרייבט ברייוולעך. נאָר למען השם, נישט פאַרגעסן, וואָס כ'האָב אייך געבעטן: אַז ס'זאָל זיין פתח שין שאַ, איך מיין איר זאָלט נישט מאַכן דערפון קיין ביכל. און אויב עס וועט אייך אויסקומען שרייבן, זאָלט איר שוין שרייבן פון אַן אַנדערן, נישט פון מיר; אָן מיר פאַרגעסט, ווי אין פסוק שטייט: וישכחהו — אויס טביה דער מילכיקער!...

שפּרינצע

געשריבן אין יאָר 1907

שפּרינצע

— איך קומט אַ גרויסן, אַ ברייטן שלום־עליכם, פּאַניע ושלום־עליכם, — עליכם ועל בניכם! אַ שאָק מיט יאָרן, אַז מיר האָבן זיך נישט געזען! ווייזוויי, וויפל וואַסערן עס זיינען אָפּגעלאָפן! וויפל אַנגסטן מיר ביידע און כל ישראל זיינען אויסגעשטאַנען אין די עטלעכע יאָר: אַ קעשעניוו, אַ קאָסנעטוציע, מיט פּאָגראָמען, מיט צרות, מיט שלעק — אך טי רבונו של עולם, גאָטעניו נאַש!... מיר איז נאָר אַ חידוש אויף אייך, האָט קיין פּאַריבל נישט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, איר זענט דאָך נישט געררוקט אויף אַ האָר, קיין עין־הרע, קיין עין־הרע! טוט אָבער אַקוק אויף מיר: ה ר י א נ י כ ב ן ש ב ע י ם — איך בין נאָך נישט אַלט קיין זעכציק, און זעט, ווי ווייס טביה איז געוואָרן! ס'אַ ווערטעלע צער גידול בנים, וואָס מע האָט פון קינדער! און ווער האָט נאָך אַזויפיל צער־גידול־בנים פון קינדער וויפל איך? מיך האָט געטראָפן אַ נייער שלאַק מיט מיינער אַ טאָכטער שפּרינצע, וואָס גייט איבער אַלע צרות, וואָס איך האָב ווען איבערגעהאַט ביז אַהער, און זעט, פונדעסטוועגן, גאָרנישט, מע לעבט, ווי שטייט דאָרטן: ב ע ל כ ר ח ך א ת ה ח י — כאָטש ווער צעזעצט, שונאיציון, זינגענדיק דאָס לידל:

וואָס טויג מיר מיין לעבן, וואָס טויג מיר מיין וועלט,
אַז כ'האָב נישט קיין מזל, אַז כ'האָב נישט קיין געלט?...

בקיצור, ווי שטייט דאָרט אין פּרק: ר צ ה ה ק ד ו ש ב ר ו ך ה ו א ל ז כ ו ת — גאָט האָט געוואָלט אַ טובה טאָן זיינע יידן, האָט מען אָנגעשיקט אויף אונדז אַן אומגליק, אַ צרה, אַ קאָסנעטוציע! איי, אַ קאָסנעטוציע! עס איז געקומען מיט אַ מאָל אַ מהומה אויף אונדזערע נגידים, אַ לויפעניש פון יעהופּעץ קיין אויסלאַנד, כלומרשט אין די וואַרעמע בעדער, נערוון, זאַלץ־ביטלעך, נעכטיקע טעג... און ווי באַלד מע צעפּאָרט זיך פון יעהופּעץ, איז בויבעריק מיט איר לופט און מיט איר וואַלד און מיט אירע דאַטשעס טיף־טיף אין דער ערד, ווי מיר זאָגן אין ברוך־שאמר: ב ר ו ך מ ר ח ם ע ל ה א ר ץ... נאָר וואָס דען? ס'איז

דאָך אָבער דאָ א גרויסער גאָט אויף דער וועלט, וואָס גיט אכטונג אויף זיינע אָרעמע־לייט נעבעך, זיי זאָלן זיך נאָך אביסל מוטשן אויף דער וועלט, האָבן מיר געהאט א זומער — איי־איי־איי! איז מען זיך צו־נויפגעלאָפן צו אונדז קיין בויבעריק פון אָדעס, און פון ראָסטאָוו, און פון קאטערינעסלאוו, און פון מאָהילעוו, און פון קעשעניוו אלפי אל־פים נגידים, גבירים אדירים! אפנים, אז דאָרט איז די „קאָסנעטוציע" נאָך שטארקער ווי ביי אונדז אין יעהופּעץ, וואָרום מע לויפט, מע הערט נישט אויף צו לויפן. איי די קשיא: וואָס לויפן זיי עפּעס צו אונדז? איז דער תירוץ: למאי אונדזערע לויפן צו זיי? ס'איז שוין ביי אונדז געוואָרן, ברוך־השם, אזא מנהג, אז עס קומט די צייט, וואָס מע הייבט אָן רעדן פון פּאָגראָמען, הייבן יידן אָן צו לויפן פון איין שטאָט אין דער אנדערער, ווי אין פּסוק שטייט: ויסעו ויחנו, ויחנו ויסעו — איז דער טייטש: פאָר דו צו מיר, וועל איך פאָרן צו דיר... דערווייל איז בויבעריק, וואָס ארט אייך, געוואָרן א כרך, אָנגעפּאקט מיט מענטשן, ווייבער און קינדער, און קינדער האָבן ליב פּיקן, און מילכיקס דאַרף מען, און ווו קריגט מען מילכיקס, אז נישט ביי טביהן? וואָס טויג אייך, טביה איז אריין אין דער מאָדע. פון אלע זייטן: טביה און טביה! רב טביה, אהער! רב טביה, צו מיר! אז גאָט וויל, וואָס פרעגט איר?

ויהי היום, טרעפט זיך א מעשה, ערב־שבועות איז דאָס געווען, קום איך צו פאָרן מיט אביסל מילכיקס צו איינער פון מיינע קונהטעס, א יונגע אלמנה און א רייכע פון קאטערינעסלאוו, וואָס איז געקומען צו פאָרן מיט איר זונדל, אראָנטשיק הייסט ער, קיין בויבעריק אויפן זומער; און דאָס פארשטייט איר דאָך אליין, אז דאָס ערשטע באַקאַנט־שאַפט אירס אין בויבעריק איז געווען מסתמא מיט מיר. „מע האָט מיר גערעקאָמאנדירט, זאָגט זי, די אלמנה הייסט דאָס, אז ביי אייך איז דאָס בעסטע מילכיקס". „ווי קאָן דאָס זיין אנדערש? — זאָג איך צו איר, צו דער אלמנה הייסט דאָס. — נישט אומזיסט, זאָג איך, זאָגט שלמה המלך, אז א גוטער נאָמען לאָזט זיך הערן, ווי א שופר, איבער דער גאנצער וועלט, און אויב איר ווילט, זאָג איך, וועל איך אייך דערציילן, וואָס עס זאָגט דערויף דער מדרש". שלאָגט זי מיך איבער, די אלמנה הייסט דאָס, און זאָגט צו מיר, אז זי איז אן אלמנה, און איז אין די זאכן, זאָגט זי, נישט געניט. זי ווייסט נישט, מיט וואָס מען עסט דאָס... דער עיקר, זאָגט זי, אז די פּוטער זאָל זיין פריש, און דער קעז זאָל זיין געשמאַק... נו, גייט רעדט מיט א נקבה!...

בקיצור, איך האָב אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו דער קאַטערינעסלאַווער אַלמנה, וואָס אַרט אײַך, צוויי מאָל אין דער וואָך; אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, פּינקטלעך, ווי אַ לוח, אַראָפּגעטראָגן דאָס ביסל מילכיקס, גאָרנישט אָנגעפֿרעגט זיך, צי מע דאַרף, צי מע דאַרף נישט, געוואָרן בײַ איר אַ היימישער מענטש, ווי געוויינטלעך, אָנגעהויבן זיך צוקוקן, ווי אַזוי עס פֿירט זיך בײַ איר, אַרײַנגעשמעקט אין קיך אַרײַן, געזאָגט אַ פּאָר מאָל, וואָס איך האָב געפֿונען פֿאַר נייטיק צו זאָגן, דאָס ערשטע מאָל, געוויינטלעך, געכאַפּט אַ פּסק פֿון דער דינסט, איך זאָל זיך נישט מישן, נישט אַרײַנקוקן אין פֿרעמדע טעפּ, דאָס אַנדערע מאָל האָט מען זיך צו מײַנע ווערטער צוגעהערט, און דאָס דריטע מאָל מאַקע געהאַלטן זיך מיט מיר אַן עצה, וואָרום זי האָט אַרויסגעזען, די אַלמנה הייסט דאָס, ווער טביה איז. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זי האָט מיר אַנטפּלעקט איר צרה, איר קרענק, איר אומגליק — אַראָנטשיק! ס'טײַטש, ער איז שוין אַ בחור פֿון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, זאָגט זי, און ווייסט נאָר פֿערדלעך, נאָר לאָסיפּעדן, נאָר כאַפּן פֿישלעך, און ווײַטער, זאָגט זי, ווייסט ער גאָרנישט! ער וויל נישט הערן, זאָגט זי, פֿון געשעפֿט, פֿון געלט; ס'איז אים געבליבן פֿון זײַן טאַטן, זאָגט זי, אַ שיינע ירושה, כמעט אַ מיליאָן, ער זאָל דאָס אַפֿילו, זאָגט זי, אַרײַנשמעקן! עס ווייסט נאָר אויסברענגען, זאָגט זי, אַן אָפֿענע האַנט בײַ אים! „ווו איז ער, זאָג איך, דער בחור? איר גיט אים נאָר, זאָג איך, אַהער צו מיר, איך וועל מיך מיט אים אַביסל, זאָג איך, דורכשמועסן, אים זאָגן אַביסל מוסר, אַ פּאָר פּסוקים, ברענגען אַ מדרש“... לאַכט זי: „ווייס איך וואָס, זאָגט זי, איר ברענגט אים בעסער אַ פֿערדל, נישט קיין מדרש!“...

בתוך כך, אַזוי ווי מיר רעדן אַזוי, ו י ב ו א ה י ל ד — קומט אַן דער בחור, אַראָנטשיק הייסט דאָס, אַ בחורעץ אַ סאָסנע, אַ געזונטער יונגאַטש, בלוט און מילך, און אַ ברייטן פּאַס טראָגט ער, איך בעט איבער אײַער כבוד, אויף די הויזן, מיט אַ זייגערל אַרײַנגעשטעקט אָט דאָ אין גאַרטל, מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל אַריבער די עלנבויגנס. „ווו ביסטו געווען?“ פֿרעגט אים די מוטער. „זיך געשיפֿט מיט אַ שיפֿל, זאָגט ער, געכאַפּט פֿיש“... „אַ שיינע עבודה, זאָג איך, פֿאַר אַזאַ בחורל, ווי איר; דאָרט אין דערהיים וועט מען אײַך צעטראָגן, זאָג איך, די ביינער, און איר דאָ וועט כאַפּן פֿישלעך!“. איך טו אַ קוק אויף מײַן אַלמנה — רויט ווי אַ מישוויק, אַלערליי פֿאַרבן. זי האָט געוויס גערעכנט, אַז איר בן וועט מן הסתם אָנגעמען מיך פֿאַרן קאָלנער ביד חזקה אחת, און וועט מיר געבן באותות ובמופתים שתים — צוויי פּעטש הייסט עס, און וועט

מיך ארויסוואַרפן כחרס הנשבר. בלאָטע! טביה האָט פאַר אַזעלכע זאַכן קיין מורא נישט! איך, אַז איך האָב עפּעס, זאָג איך!

כך הוה, מיין בחור, אַז ער האָט דערהערט פון מיר אַזעלכע דיבור־רים, איז ער גאָר אָפּגעטראָטן אַביסל, פאַרלייגט די הענט אַרונטער, מיך באַטראַכט פון סאַמע קאָפּ ביז צו די שפּיץ פיס, אַרויסגעלאָזט עפּעס אַ מאָדנעם פייף און האָט זיך פּלוצעם אַזוי צעלאַכט, אַז מיר האָבן ביידע מורא געהאַט, צי איז דער בחור חלילה נישט משוגע געוואָרן אויף אַ מינוט? און וואָס זאָל איך אייך זאָגן — מיר זיינען פון דעמלט אָן גע־וואָרן מיט אים חבר, די בעסטע גוטע פריינד! איך מוז אייך זאָגן: מיר איז דער בחור געפעלן וואָס ווייטער אַלץ מערער; אַפילו אַ שאַרלאַט און אַן אויסבריענגער, און אַ האַנט שווין צו אַן אָפּענע, און אַשטיקל חושים דערצו. למשל, באַגעגענען אַן אָרעמאַן, אַריינלייגן די האַנט אין קעשענע, אַרויסנעמען און אַוועקגעבן, נישט געציילט, ווער טוט עס?... אָדער אַראָפּ־נעמען פון זיך אַ גוטן פּאַליטאָ, אַ גאַנצן, אַ נייעם, און אַוועקגעבן יע־נעם — אַז מע שמועסט אַ חושימדיקער!... אַ גאַנס רחמנות געווען אויף דער מוטער! זי פלעגט זיך מיר קלאָגן: וואָס טוט מען? און בעטן מיך, איך זאָל מיט אים אַביסל שמועסן. איך האָב איר צוליב געטאָן! וואָס וועל איך איר זשאַליעווען? עס קאָסט מיך געלט? און איך האָב מיך אַוועקגעזעצט און איך האָב אים דערציילט מעשות, געבראַכט משלים, געריבן פסוקים, געהאַקט מדרשים, אַזוי ווי טביה קאָן. און ער האָט דווקא ליב געהאַט מיך אויסהערן, אויספרעגן, ווי אַזוי איך לעב, ווי אַזוי איך פיר מיך אין דערהיים? „איך וואָלט אַ בעלן געווען, זאָגט ער, זיין ביי אייך אַמאָל, רב טביה!“... זאָג איך צו אים: „אַז מען איז אַ בעלן זיין ביי טביהן, נעמט מען, זאָג איך, און מע פאָרט זיך דורך אַמאָל צו מיר אין בוטאָר אַריין; איר האָט דאָך, זאָג איך, גענוג פערדלעך, מיט לאָסיפּעדן. פאַר נויט, זאָג איך, קענט איר נישט קליין זיך דורכגיין מיט די רגלים, ס'איז נישט ווייט, זאָג איך, מע דאַרף נאָר דורכשניידן, זאָג איך, דעם וואַלד“... „ווען, זאָגט ער, זייט איר אין דערהיים?“. „מיך קאָן מען טרעפן, זאָג איך, אין דער היים נאָר שבת, אָדער יום־טוב. שאַט, זאָג איך, ווייסט איר וואָס? אָט האָבן מיר, אם ירצה השם, איבעראַכטאָג פרייטיק שבועות; אויב איר ווילט, זאָג איך, מאַכן אַ שפּאַציר צו אונדז אין בוטאָר אַריין, וועט איך מיין ווייב, זאָג איך, מכבד זיין מיט מילכיקע בלינצעס אַזעלכע, אשר לא בליטצו אבותינו במצרים!“. פרעגט ער מיך: „וואָס הייסט דאָס? איר ווייסט דאָך, זאָגט ער, אַז איך בין אויף פסוקים שוואַך“... „איך ווייס, זאָג איך, אַז איר זענט שוואַך; איר זאָלט געווען, זאָג

איך, לערנען אין חדר, אזוי ווי איך, וואלט איר, זאג איך, אויך געוווסט מה דקאמרי רביצין"... לאכט ער און מאכט צו מיר: „גוט, איר האט מיך, זאגט ער פאר א גאסט; איך קום, זאגט ער, צו אייך, רב טביה, דעם ערשטן טאג שבועות, מיט א פאר באקאנטע, אויף בלינצעס, נאר איר זאלט זעען, זיי זאלן זיין, זאגט ער, היים!". „אש להבה, זאג איך, מן השפה ולחוץ — פון דער סקאווערדע גלייך אין מויל אריין!"... און איך קום צו פארן אהיים און רוף מיך אן צו מיינער: „גאלדע, זאג איך, מיר האבן געסט אויף שבועות!". זאגט זי: „מזל טוב דיר, וועמען איז?". זאג איך: „דאס וועסטו וויסן שפעטער; דו גרייט נאר צו אייער, זאג איך, קעז און פוטער איז דא, ברוך השם, גענוג; וועסט מאכן בלינצעס, זאג איך, פאר דריי פארשוין, נאר אזעלכע פארשוינען, זאג איך, וואס האלטן פון דער אכילה און הייבן נישט אן צו וויסן, זאג איך, וואס רש"י מאכט"... „אוודאי, זאגט זי, שוין צוגעטשעפעט זיך א שלימזל פון הונגעריקן לאנד?". „ביסט א בהמה, זאג איך, גאלדע! ערשטנס, וואלט נישט געווען, זאג איך, אזא אומגליק, ווען מיר זאלן חלילה אנהאדערווען, זאג איך, אן ארעמאן מיט שבועותדיקע בלינצעס; והשנית, זאג איך, זיי וויסן, זוגתי היקרה, הצנועה והחסידה מרת גאלדע שתחיה, אז איינער פון אונדזערע שבועותדיקע געסט וועט זיין דער אלמנהס זונדל, זאג איך, אט דער, וואס מע רופט אים ארצאנטשיק, איך האב דיר דערציילט פון אים". „אויב אזוי, זאגט זי, איז עפעס אנדערש"... דער כוח פון מיליאנען! אפילו מיין גאלדע, אז זי דערשמעקט געלט, ווערט זי גאר אן אנדער מענטש. ס'איז אזא וועלט, וואס זאלט איר קלערן? ווי שטייט דארט אין הלל: כסף וזהב מעשי ידי אדם — געלט באגראבט א מענטשן...

בקיצור, ס'איז געקומען דער ליכטיקער גרינער יום־טוב שבועות. ווי שיין, ווי גרין, ווי ליכטיק, און ווארעם בײַ מיר אין כוטאר איז, אז עס קומט שבועות, באדארף איך אייך נישט דערציילן. דער גרעסטער גביר בײַ אייך וואלט זיך ווינטשן האבן אזא בלויען הימל, מיט אזא גרינעם וואלד, מיט אזעלכע שמעקנדיקע סאסנעס, מיט אזא מחיהדיקן גראז, פאשע פאר די בהמהלעך, וואס שטייען און קייען און קוקן אייך אין די אויגן אריין, ווי איינער רעדט: „גיט אונדז נאר אלע מאל אזא גראז, קיין מילך ווען מיר אייך נישט זשאלעווען!"... ניין, זאגט איך, וואס איר ווילט, גיט מיר די בעסטע פרנסה, איך זאל ארויספארן פון דארף אין שטאט אריין, וועל איך מיך מיט אייך נישט בייטן. ווו האט איר אין שטאט אזא הימל? ווי זאגן מיר אין הלל: השמים שמים

לה׳ — ס׳איז א הימל פון גאָט!... אין שטאָט, אז איר פאַרדרייסט דעם קאָפּ, וואָס זעט איר? א מויער, א דאך, א קוימען, אָבער ווו האָט איר דאָרט אזא בוים? און טאָמער האָט זיך פאַרוואַלגערט ערגעץ ביי אייך א ביימעלע, האָט איר דעם אָנגעטאָן פון אויבן א קאַפּאָטע!... הכלל, זיי האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּוווּנדערן, מײַנע געסט, אז זיי זײַנען געקומען צו מיר שבועות אין כוטאָר אַרײַן. אָנגעקומען זײַנען זיי, אַלע פיר בחורים, רייטנדיק אויף פערדלעך, סוסים איינס און איינס! און ווער שמועסט אַראָנטשיק — איז געזעסן אויף א פערדל, זאָג איך אייך, א סוס, אַן אמתער מעדין! איר קויפט אים נישט פאַר קיין דריי הונדערט קאַרבן! „ברוך־הבא, געסט! — זאָג איך צו זיי. — לכבוד שבועות, זאָג איך, זענט איר דאָס געקומען רייטנדיק? נישקשה, זאָג איך, טביה איז נישט פון די גרויסע צדיקים, און אז מע וועט אייך, זאָג איך, אם ירצה השם, שמייסן אויף יענער וועלט, וועט מיר נישט ווי טאָן... עי גאָלדע! זע נאָר, עס זאָלן זיין פאַרטיק די בלינצעס, און לאָז מען, זאָג איך, אַרויסטראָגן דעם טיש אהערצו אין דרויסן אַרויס, איך האָב, זאָג איך, אין שטוב גאָרנישט וואָס צו ווייזן פאַר די געסט... עי, שפּרינצע! טייבל! ביילקע! ווו זענט איר דאָרט? רירט זיך!”... אָט אזוי קאָמאַנדעווע איך מיט די קינדער, און עס ווערט אַרויסגעטראָגן א טיש, מיט בענקלעך, מיט א טישטוך, מיט טעלער, לעפל, גאָפּל, זאַלץ, — און טאַקע באַלד נאָך דעם קומט אָן גאָלדע מיט די בלינצעס, הייסע, זודיקע, פון דער סקאָווראָדע, מחיהדיקע, פעטע, כצפּיחית בדבש! און מײַנע אורחים קאָנען זיך גאָר נישט אָפּלויבן פון די בלינצעס...

„וואָס שטייסטו, זאָג איך צו גאָלדען, נעם, זאָג איך, חזר איבער דעם פּסוק נאָך אַמאָל, ס׳איז היינט, זאָג איך, שבועות, דאַרף מען, זאָג איך, זאָגן צוויי מאָל „אודך!”. און מײַן גאָלדע פוילט זיך נישט, פּילט אָן דעם פּולמעסיק נאָך אַמאָל, און שפּרינצע דערלאַנגט די בלינצעס צום טיש. פּלוצעם, איך טו א קוק אויף מײַן אַראָנטשיקן, איך זע, ער האָט זיך פאַרקוקט אויף מײַן שפּרינצען — ער לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון איר! וואָס האָט ער אויף איר אזעלכעס דערזען?... „עסט, זאָג איך צו אים, פאַרוואָס עסט איר נישט?”... מאַכט ער צו מיר: „וואָס דען טו איך?” „איר קוקט, זאָג איך, אויף מײַן שפּרינצען”... ווערט א געלעכטער, אַלע לאַכן, און מײַן שפּרינצע לאַכט אויך. און ס׳איז אַלעמען פריילעך, אַלעמען גוט — א גוטער, א פריילעכער שבועות אויף אַלעמען!... גיי טרעף, אז פון דער פריילעכקייט וועט זיך אויסלאָזן א צרה, א שלאַק, א יללה, א גאַנס שטראָף אויף מײַן קאָפּ, פאַרווּסט

און פארפיַנצטערט בין איך געוואָרן!... נאַר יעט! אַ מענטש איז אַ נאַר! אַ מענטש אַ בר־דעת טאָר זיך נישט צולאָזן צום הארצן און דאַרף פאַר־שטיין, אַז אַזוי ווי עס איז, אַזוי באַדאַרף צו זיין, וואָרום ווען עס זאָל באַדאַרפן זיין אַנדערש, וואָלט דאָך עס נישט געווען אַזוי ווי עס איז! זאָגן מיר דען נישט אין תהלים: השלך על ה׳ — פאַרלאָז דיך נאָר אויף גאָט, ער וועט שוין מאַכן אַזוי, אַז דו זאָלסט ליגן טיף, ביין איילן אין דער ערד, און באַקן בייגל, און נאָך זאָגן: גם זו לטובה! הערט, וואָס עס קאָן זיך פאַרלויפן אויף אַ וועלט, נאָר מיט אַ קאָפּ, וואָרום האָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעשה.

ויהי ערב ויהי בוקר — איינמאָל פאַרנאַכט קום איך צו פאָרן אַהיים אַ צעבראָכענער פונעם טאָג און אין אויסגעמוטשעטער פונעם אַרומלויפן איבער די דאַטשעס אין בויבעריק, טרעף איך ביי מיר אין דרויסן ביי דער שטוב צוגעצוימט צו דער טיר אַ באַקאַנט פערד, איך וואָלט גע־מעגט שווערן, אַז ס׳איז אַראָנטשיקס סוס, דער מערין, וואָס איך האָב אים דעמלט אָפּגעשאַצט אין דריי הונדערט קאַרבן. גיי איך צו צום סוס און דערלאַנג אים מיט איין האַנט אַ פּליאַסק פון הינטן און מיט דער אַנדערער האַנט אַ קראַץ פון פאָרנט אין האַלדז און אַ טרייסל איבער דער גריוואַ. „ידידי, זאָג איך צו אים, שיינער בחור מיינער! וואָס טוסטו דאָ?" דרייט ער אויס צו מיר די חנעוודיקע מאָרדע און טוט אַ קוק אויף מיר מיט די קלוגע אויגן, ווי איינער רעדט: „וואָס פרעגט איר מיך? פרעגט מיין באַלעבאָס"... און איך קום אריין אין שטוב און טו אַ נעם מיין ווייב: „זאָג מיר נאָר, גאָלדע קרוין, וואָס טוט דאָ אַראָנטשיק?" ענטפערט זי מיר: „פון וואַנען זאָל איך וויסן? ער איז דאָך פון דיינע ליים!" „וווּ איז ער ערגעץ?" „ער איז, זאָגט זי, געגאַנגען מיט די קינ־דער אין וועלדל אויפן שפּאַציר"... „וואָס איז פּלוצעם גאָר פאַר אַ שפּאַ־ציר?" — זאָג איך צו מיין ווייב און הייס מיר געבן עסן. אָפּגעגעסן, באַטראַכט איך מיך: „וואָס ביסטו, טביה, אַזוי אויפגעטראָגן? אַז אַ מענטש קומט צו דיר צו גאַסט, באַדאַרף מען זיין אַזוי אָנגעדרודלט? אַדרבה"... און ווי איך טראַכט מיר אַזוי, איך טו אַ קוק — מיינע מיידלעך גייען מיטן חברה־מאַן, האַלטן אָנגעריסענע קווייטן, פריער גייען די צוויי יונגערע, טייבל אוןביילקע, און הינטן — מיין שפּרינצע מיט אַראָנטשיקן... „גוט־אָוונט!" „גוט יאָר!" מיין אַראָנטשיק שטייט מיר אַזוי עפּעס מאָדנע, גלעט דאָס פערד, האַלט אַ גרעזל אין מויל און רופט זיך אָן צו מיר: „רב טביה! איך וויל מיט אייך מאַכן אַ געשעפט, לאָמיר זיך בייטן מיט די פערדלעך". „איר האָט נישט געפונען, זאָג איך, פון

וועמען צו לאכן?" מאכט ער צו מיר: „ניין, איך מיין דאָס ערנסט". „אַזוי, זאָג איך, איר מיינט דאָס ערנסט? וויפל, למשל, קאָסט אייער סוס?" „און וויפל זאָגט ער, שאַצט איר אים?" „איך שאַץ אים, זאָג איך, איך האָב מורא, אויב נישט דריי הונדערט קאַרבוינעס, און אפשר מיט א סמיטשיק". צעלאַכט ער זיך און זאָגט, אז ער קאָסט מער פון דריי מאָל אזוי פיל, און רופט זיך אָן צו מיר: „נו, מאַכן מיר א בייט?" מיר איז דער שמועס נישט געפעלן: וואָס הייסט ער וועט אויסבייטן זיין סוס אויף מיין שלימזל!... זאָג איך צו אים, אז ער זאָל אָפּלייגן דאָס געשעפט אויף אן אנדערש מאָל, און איך פרעג אים אין שפּאַס: צי איז ער טאַקע צוליב דעם געקומען? אויב אזוי, איז אן עבירה, זאָג איך, די הוצאות... ענטפערט ער מיר גאַנץ ערנסט: „געקומען בין איך צו אייך, אייגנטלעך, מכוח אן אנדערע זאַך; זייט זיך מטריח, אויב איר ווילט, וועלן מיר אביסל שפּאַצירן". וואָס פאר א שפּאַציר איז דאָס אויף אים אָנגעקומען? — טראַכט איך מיר, און לאָז מיך גיין מיט אים צום וועלדל צו. די זון האָט זיך לאַנג געזעצט, דאָס גרינע וועלדל זעט שוין אויס טונקל, די זשאַבעס פון דער גרעבלי קראָקען, און דאָס גראָז שמעקט מחיה נפשות! אַראַנטשיק גייט און איך גיי, ער שווייגט און איך שווייג. נאָכדעם שטעלט ער זיך אָפּ, טוט א הוסט און מאַכט צו מיר: „רב טביה! ווי וואָלט איר, א שטייגער, געזאָגט, ווען איך זאָל אייך זאָגן, אז איך האָב ליב אייער שפּרינצע און אז איך וויל זי נעמען פאר א כלה?" „וואָס איך וואָלט געזאָגט? — זאָג איך — איך וואָלט געזאָגט, אז מע זאָל א משוגענעם אויסמעקן און אייך אריינשטעלן"... קוקט ער מיך אָן און מאַכט צו מיר: „וואָס הייסט?" זאָג איך: „אָט דאָס הייסט!"... זאָגט ער: „איך פאַרשטיי אייך נישט". זאָג איך: „איז א סימן, אז איר זענט נישט איבעריק קלוג, ווי אין פּסוק, זאָג איך, שטייט: ח כ ם ע י נ י ו ב ר א ש ו, דאָס מיינט: א קלוגן זאָגט מען אויפן וונק, א נאַר גיט מען מיטן שטעקן"... מאַכט ער צו מיר ווי ברוגזלעך: „איך רעד צו אייך פּראָסט, און איר ענטפערט מיר מיט חכמות און מיט פּסוקים!", זאָג איך: „איטלעכער חזן זינגט אזוי, ווי ער קאָן, און יעדער בעל־דרשן דרשנט פון זיינעטוועגן; אויב איך ווילט וויסן, וואָס פאר א בעל־דרשן איר זענט, רעדט איבער פריער מיט אייער מוטער, זי וועט אייך שוין, זאָג איך, קלאָר מאַכן אקוראַט"... „האַלט איר מיך, זאָגט ער, אפּנים, פאר א יינגעלע, וואָס דאַרף זיך אָנפרעגן ביי דער מאַמען?"... „געוויס, זאָג איך, דאַרפט איר זיך אָנפרעגן ביי דער מאַמע, און די מאַמע וועט אייך געוויס זאָגן, אז איר זענט

א חושים, און וועט זיין געריבכט"... „און וועט זיין געריבכט?" — מאכט ער. „געוויס, זאָג איך, וועט זי זיין געריבכט, וואָרום וואָס פאַר א חתן זענט איר, זאָג איך, פאַר מיין שפּרינצען? וואָס פאַר א גליכן איז מיין שפּרינצע צו אייך? און דער עיקר, זאָג איך, וואָס פאַר א מחותן בין איך מיט אייער מוטער?"... „אויב אזוי, מאכט ער צו מיר, האָט איר שוין, רב טביה א גרויסן טעות! איך בין נישט קיין יינגעלע פון אכצן יאָר, און זוך נישט קיין מחותנים פאַר מיין מוטער, און וויים ווער איר זענט, און ווער אייער טאָכטער איז, און זי געפעלט מיר, און אזוי וויל איך, און אזוי וועט דאָס זיין!"... „האָט קיין פאַריבל נישט, זאָג איך, וואָס איך שלאָג אייך איבער; איך זע, זאָג איך, אז מיט איין צד זענט איר שוין פאַרטיק; זענט איר, זאָג איך, באַוואָרנט אויך מיטן אַנ־דערן צד?"... זאָגט ער צו מיר: „איך וויים נישט, וואָס איר מיינט"... זאָג איך: „איך מיין דאָס די טאָכטער מיינע, שפּרינצען מיין איך, ציי האָט איר שוין, זאָג איך, מיט איר עפּעס גערעדט, און וואָס, זאָג איך, זאָגט זי?"... ווערט ער אזוי ווי באַליידיקט און מאכט צו מיר מיט א שמייכל: „וואָס פאַר א פראַגע איז דאָס? געוויס האָב איך, זאָגט ער, מיט איר גערעדט, און נישט איינמאָל — עטלעכע מאָל, איך קום, זאָגט ער, אהער אלע טאָג"... איר הערט? ער קומט אהער אלע טאָג, און איך וויים נישט!... „בהמה בצורת מענטש! באַדאַרף מען דאָך דיר געבן קייען שטרוי, טביה! אז דו וועסט זיך לאָזן אזוי פירן אין באָד אריין, וועט מען דאָך דיך קויפן און פאַרקויפן, דו פּעדראַטש איינער!"... אזוי טראַכט איך מיר און גיי מיט אראָנטשיקן צוריק, און ער געזעגנט זיך אָפּ מיט מיין חברה, כאַפּט זיך ארויף אויפן סוס, און הלך משה מרדכי, — מאַרש קיין בויבעריק...

אצינד וועלן מיר, ווי זאָגט איר דאָס אין אייערע ביכלעך, איבער־לאָזן דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה, צו שפּרינצען הייסט עס... „זאָג מיר, טאָכטער, וואָס איך וועל דיך פרעגן, זאָג איך: דערצייל מיר נאָר, זאָג איך, וואָס דער אראָנטשיק האָט מיט דיר אָפּגעשמועסט מכוח אזא זאַך, זאָג איך, און מיין ווײסן?"... ענטפערט עפּעס אָט דער בוים? אזוי ענטפערט זי! געוואָרן רויטלעך, אראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי א כלה, אנגענומען א פולן מויל מיט וואַסער — און שאַ!... נאַ! — טראַכט איך מיר. — ווילסט נישט רעדן איצט, וועסטו רעדן שפּעטער אביסל... טביה איז נישט קיין יידענע; ער האָט צייט! און איך וואַרט איבער א ווײַלע, ווי זאָגט מען, יבוא יומה, און טשאַטעווע אוים די

מינוט, וואָס איך בלייב מיט איר אַליין, און דרײ מיך אָן צו איר: „שפּרינצע. זאָג מיר, וואָס איך וועל דיך פרעגן: קענסטו אים כאָטש, אָט דעם אַראַנטשיקן?"... זאָגט זי, „געוויס קען איך אים"... „ווייסטו, זאָג איך, אַז ער איז אַ סוויסטשון?"... פרעגט זי מיך: „וואָס הייסט דאָס אַ סוויסטשון?" זאָג איך איר: „אַ פּוסט ניסל, וואָס סע פייפט"... זאָגט זי: „האָסט אַ טעות, אַרנאָלד איז אַ גוטער מענטש"... „ער הייסט שוין, זאָג איך, ביי דיר אַרנאָלד, נישט אַראַנטשיק דער שאַרלאַטאַן?" זאָגט זי: „אַרנאָלד איז נישט קיין שאַרלאַטאַן, אַרנאָלד האָט אַ גוט האַרץ; אַרנאָלד, זאָגט זי, געפינט זיך אין אַ שטוב פון פאַרהאַרבענע מענטשן, זאָגט זי, וואָס ווייסן נאָר געלט און געלט"... „אַזוי, זאָג איך, ביסטו שוין, שפּרינצע, אויך געוואָרן אַן אויפגעקלערטע פילאָזאָפקע און האָסט אויך שוין פיינט געקריגן געלט?"...

בקיצור, איך זע אַרויס פון דעם שמועס, אַז עס האַלט שוין ביי זיי ווייטלעך, און כאַפּן צוריק איז שוין אַביסל צו שפּעט, וואָרום איך קען מיינע לייט. טביהס טעכטער, האָב איך אייך געזאָגט שוין אַמאָל, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, אַז זיי קלעפּן זיך איין אין אַ מענטשן, איז מיטן גאַנצן לעבן, מיטן חיות, מיט דער נשמה! און איך טראַכט מיר: „שוטה! למאי זאָלסטו וועלן זיין, טביה, מער חכם פון דער גאַנצער וועלט? אפשר איז דאָס אַ גאָטס זאַך? אפשר איז דאָס באַשערט, אַז דווקא דורך אָט דער שטילינקער שפּרינצע זאָלסטו געהאָלפן ווערן, באַלוינט ווערן פאַר אַלע דיינע קלעפּ און ווייטיקן, וואָס דו האָסט ביז אַהער איבערגעטראָגן, האָבן אַ גוטן עלטער, און אויך וויסן אַמאָל פון אַ לעבן אויף דער וועלט? אפשר איז דיר באַשערט האָבן אַ טאָכטער אַ מיליאָנשטשיצע? וואָס איז? סע שטייט דיר נישט אָן?.... ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז טביה דאַרף זיין אייביק אַ קבצן, אייביק אַרומשלעפּן זיך מיטן פערדל און מיט קעז און פּוטער צוליב די יעהופּעצער נגידים, זיי זאָלן האָבן וואָס צו פרעסן?... ווער ווייסט, אפשר איז מיר אָנגעצייכנט געוואָרן פון אויבן, אַז איך זאָל אויף דער עלטער עפּעס מתקן זיין אויף דער וועלט, ווערן אַ בעל־צדקה און אַ בעל־מכניס־אורח, און אפשר גאָר אוועקזעצן זיך מיט יידן לומדים און לערנען תורה?"... וכדומה אַזעלכע רייכע, גאָלדענע מחשבות קריכן אין קאָפּ אַריין, ווי אין „יהי כבוד" שטייט געשריבן: ר ב ו ת מ ח ש ב ו ת ב ל ב א י ש — זאָגט אַ גוי, להבדיל: „דאָוריען דאָומקאַיאָו באָגאַטיעט!"... און איך קום אַריין אין שטוב אַריין און איך נעם אַוועק מיין אַלטע און מאַך מיט איר אַ שמועס: „וואָס וואָלט זיין, כדומה למשל, זאָג איך, ווען אונדזער

שפּרינצע זאָל זיין א מיליאָנשטשיצע?" פרעגט זי מיך: „וואָס הייסט דאָס א מיליאָנשטשיצע?"... זאָג איך: „א מיליאָנשטשיצע הייסט א מיליאָנשטשיקס א ווייב"... פרעגט זי מיך: „וואָס הייסט א מיליאָנשטשיק?" זאָג איך איר: „א מיליאָנשטשיק הייסט א מענטש, וואָס פאַרמאָגט א מיליאָן"... פרעגט זי מיך: „וויפל איז דאָס א מיליאָן?" זאָג איך: „אז דו ביסט אזא בהמה און ווייסט נישט, וויפל איז א מיליאָן, היינט וואָס האָב איך מיט דיר וואָס צו רעדן?"... זאָגט זי: „ווער בעט דיך דו זאָלסט רעדן?" — איז זי אויך גערעכט.

בקיצור, עס גייט אוועק א טאָג, איך קום צו פאָרן אהיים: „געוועזן אראָנטשיק?" — ניין, נישט געוועזן... עס גייט אוועק נאָך א טאָג: „געוועזן דער בחור?" — ניין, נישט געוועזן... איך זאָל ארייכגיין צו דער אלמנה מיט אן אויסרייד, פּאַסט מיר נישט; איך וויל נישט, אז זי זאָל מיינען, אז טביה שלאָגט זיך נאָכן שידוך... און אגב האָב איך געפילט, אז איך באַדאַרף עס זיין כשושנה בין החוחים — ווי א פינפמער ראָד צום וואָגן, הגם איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס? באשר איך האָב נישט קיין מיליאָן? האָב איך דאָך איצטער א מחותנתטע א מיליאָנשטשיצע! און זי וועמען האָט פאַר א מחותן? — א יידן אן אָרעמאַן, א קבצן, א טביה דעם מילכיקן; היינט ווער איז מער יחוס, איך צו זי?... איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת, איך האָב אָנגעהויבן וועלן דעם שידוך, נישט אזוי צוליב דעם שידוך, ווי צוליב נצחון אליין. „א רוח אין זייער פאָטער און מוטער אריין, די יעהופּעצער גבירים, לאָזן זיי וויסן, ווער טביה איז!... ביז אהער האָט מען מער נישט געהערט נאָר בראָצקי און בראָצקי, גלייך ווי די איבעריקע זיינען גאָר קיין מענטשן נישט!"...

אזוי טראַכט איך מיר, פאָרנדיק אהיים פון בויבעריק, און קום אהיים, גייט מיר מיינע אקעגן מיט א גדולה: „א שליח, אן ערל איז נאָר וואָס געוועזן פון בויבעריק, פון דער אלמנה, זאָלסט למען־השם באַלד קומען צו פאָרן אהין, עס מעג זיין אויף דער נאַכט, זאָלסטו שפּאַנען דאָס פערדל און קומען צו פאָרן, מע דאַרף דיך דאָרט זייער נייטיק האָבן!"... „וואָס האָט זיי, זאָג איך, אזוי אָנגעשפּאַרט? וואָס האָבן זיי, זאָג איך, אזוי קיין צייט נישט?" און איך כאַפּ א קוק אויף מיין שפּרינצען — זי שווייגט. נאָר די אויגן אירע רעדן, אוי, רעדן זיי! קיינער פאַרשטייט נישט איר הארץ, אזוי ווי איך... איך האָב די גאַנצע צייט מורא געהאַט, א קשיא אויף א מעשה, טאָמער לאָזט זיך אויס דערפון א בוידעם, האָב איך אויף אים, אויף דעם אראָנטשיקן, אויסגערעדט

וואָס איך האָב געקאָנט, אַז ער איז אַזוי, און ער איז אַזוי — איך האָב אָבער געזען, אַז ס'איז אַן אַרבעס אין וואַנט, מיין שפּרינצע גייט אויס ווי אַ ליכט. האָב איך איינגעשפּאַנט צוריק מיין פערד־און־וועגעלע און האָב מיך געלאָזט שוין פאַרנאַכטלעך קיין בויבעריק. פאָרנדיק אַזוי, טראַכט איך מיר: „וואָס קאָנען זיי מיך רופן מיט אַזאַ מין אימפּעט? וועגן אַ וואָרט? וועגן אַ קנס־מאָל? וואָלט ער דאָך געקאָנט קומען צו מיר, דאַכט זיך, דערווייל בין איך דאָך דער אבי־הכלה!" און איך אַליין צעלאַך זיך פון דעם געדאַנק: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אין דער וועלט, אַז דער נגיד זאָל גיין צום קבצן? סיידן ס'זאָל שוין ווערן יענע וועלט, משיחס צייטן, אַזוי ווי די יונגעלייטלעך, די ווייסע חברה־ניקעס, ווילן מיר איינרעדן, אַז באַלד וועט קומען אַ צייט, וואָס דער נגיד מיטן קבצן וועלן זיין גלייך, שלי שלך, שלך שלי, מיינס דיינס, דיינס מיינס, הפקר ציבעלעס! דאַכט זיך, אַ קלוגע וועלט — און אַזעלכע בהמות! עך־עך־עך!...

מיט די דאָזיקע געדאַנקען בין איך אָנגעקומען קיין בויבעריק און פאַרפאָרן גלייך אויף דער דאַטשע צו דער אלמנה, אָוועקגעשטעלט דאָס פערדל, — ווו איז די אלמנה? נישטאָ קיין אלמנה! ווו איז דער בחור? — נישטאָ קיין בחור! ווער־זשע האָט מיך גערופן? „איך האָב אייך גערופן!" — אַזוי מאַכט צו מיר אַ קיילעכיק געפּאַקט יידל מיט אַן אויסגעפליקט בערדל און מיט אַ גראָבער גאָלדענער קייט אויפן בייכל. „ווער־זשע, זאָג איך, זענט איר?" זאָגט ער: „איך בין דער אלמנהס אַ ברודער און אַרענטשיקס אַ פעטער... מע האָט מיך, זאָגט ער, אַרויסגערופן מיט אַ דעפּעש פון קאַטערינעסלאַוו, און איך בין נאָר וואָס געקומען צו פאָרן"... „ווי באַלד אַזוי, נאַט־זשע אייך אַפּ שלום", — זאָג איך און זעץ מיך אַוועק. דערזעען, אַז איך האָב מיך אַוועקגעזעצט, מאַכט ער צו מיר: „זיצט". זאָג איך: „אַ דאַנק, איך זיץ שוין, וואָס־זשע מאַכט איר, זאָג איך, ווי אַזוי איז ביי אייך, זאָג איך, די קאָנסטיטוציע?" ענטפערט ער מיר דערויף גאָרנישט נישט, צעלייגט זיך אויף אַ וויגשטול, די הענט אין די קעשענעס, שטעלט אַרויס די גאָלדענע קייט מיטן בייכל און מאַכט צו מיר בזה הלשון: „אייך רופט מען, דאַכט זיך, טביה?"... „יאָ, זאָג איך, צו דער תורה, אַז מע רופט מיך אויף, רופט מען מיך אויף: „יעמוד רב טביה ברבֿ שניאור זלמן"... „הערט אויס, מאַכט ער צו מיר, רב טוביה, וואָס איך וועל אייך זאָגן. וואָס טויג אונדז לאַנגע דיבורים? לאָמיר, זאָגט ער, גיין גלייך צום ענין, געשעפט הייסט עס"... מהיכא־תיתי זאָג איך, שלמה המלך האָט שוין לאַנג געזאָגט: לכל זמן — ווען מע

דאַרף רעדן געשעפֿט, איז געשעפֿט... איך בין, זאָג איך, אַ געשעפֿטס־מאַן"... „דאָס זעט מען, זאָגט ער, אַז איר זענט אַ געשעפֿטס־מאַן, דערפֿאַר וויל איך מאַקע מיט אײַך רעדן סוחריש; איך וויל, איר זאָלט מיר זאָגן, אָבער אָפֿן געשמועסט, וויפֿל וועט דאָס אונדז קאָסטן אַרום און אַרום?... אָבער אָפֿן געשמועסט!"... „אויב, זאָג איך, אָפֿן געשמועסט, ווייס איך נישט, וואָס איר רעדט"... „רב טביה! — מאַכט ער צו מיר נאָכאַמאָל און וויל נישט אַרויסנעמען די הענט פֿון די קעשענעס. — איך פֿרעג אײַך, זאָגט ער, וויפֿל וועט אונדז קאָסטן אַרום און אַרום די חתונה?" „עס ווענדט זיך, זאָג איך, וואָס פֿאַר אַ חתונה איר מיינט? אויב איר מיינט אַ גרויסאַרטיקע חתונה, ווי אײַך שטייט אָן, בין איך, זאָג איך, נישט אימשטאַנד"... שטעלט ער אָן אויף מיר אַ פּאָר עיניים און מאַכט צו מיר אַזוי: „אָדער איר מאַכט זיך תּמעוואַטע, אָדער איר זענט טאַקע אַ תּם... כּמעט אַפֿילו, זאָגט ער, איר זעט נישט אויס פֿון קיין תּם, וואָרום איר זאָלט זײַן, זאָגט ער, אַ תּם, וואָלט איר נישט אַרײַנגעשלעפּט, זאָגט ער, מײַן פֿלימעניק אין אַ בלאָטע, אים פֿאַרבעטן צו זיך כּלומרשט אויף שבֿועותדיקע בלינצעס, אים אונטערגעשטעלט דאָרט אַ שיין מיידל, צי יאָ אַ טאָכטער, צי נישט קיין טאָכטער, איך גיי נישט אַרײַן, זאָגט ער, אַזוי ווייט, און זי האָט זיך אים פֿאַרליבעט, זאָגט ער, דאָס הייסט, זי איז אים געפֿעלן, נו, און ער איר אוודאי, פֿון דעם, זאָגט ער, רעדט מען נישט, איך וועל אײַך נישט זאָגן, זאָגט ער, עס קאָן זײַן, זי איז אַן אָרנטלעך קינד און מיינט דאָס געבעך ערנסט, איך גיי נישט אַזוי ווייט... איר מוזט אָבער נישט פֿאַרגעסן, זאָגט ער, ווער א י ר זענט און ווער מ י ר זײַנען? איר זענט דאָך, זאָגט ער, אַ ייִד אַ בר־דעת, ווי קאָנט איר, זאָגט ער, גאָר דערלאָזן אַזעלכעס, אַז טביה דער מילכיקער, וואָס פֿירט אונדז קעז און פּוטער, זאָל ער זײַן אונדזער מחותּן?... אײַ, זיי האָבן זיך, זאָגט ער, געגעבן איינס דאָס אַנדערע דאָס וואָרט? וועלן זיי דאָס נעמען צוריק! קיין גרויס אומגליק, זאָגט ער, שטייט נישט דערבײַ. טאָמער דאַרף עפּעס קאָסטן, זאָגט ער, זי זאָל אים אַרויסלאָזן פֿון וואָרט, מהיכא־תּיתי, מיר האָבן, זאָגט ער, גאָר נישט קעגן דעם. אַ מיידל איז נישט קיין בחור, זאָגט ער. צי אַ טאָכטער, צי נישט קיין טאָכטער, זאָגט ער, איך וויל גאָר אַזוי ווייט נישט אַרײַנגיין", זאָגט ער... „רבונו של עולם! — טראַכט איך מיר — וואָס וויל דער ייִד?"... און ער הערט נישט אויף צו רעדן איבער מײַן קאָפּ: איך זאָל גאָר נישט דענקען, זאָגט ער, טאָמער וועט מיר געראָטן מאַכן אַ סקאַנדאַל, אויספּויקן אומעטום, אַז זײַן פֿלימעניק, זאָגט ער, האָט זיך געשדכנט צו טביה דעם מילכי־

קערם טאַכטער... און איך זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, זאָגט ער, אַז זיין שוועסטער איז אַ מענטש, וואָס קאַטאָרע מע קאָן פון איר פּאַמפּען געלט... מיט גוטן, זאָגט ער, מהיכא־תּיתי, קאָן מען זאָגט ער, נעמען ביי איר עטלעכע קערבלעך, עלעהיי, זאָגט ער, אַ נדבה... מען איז דאָך, זאָגט ער, מענטשן, וואָס קאַטאָרע, מע דאַרף אַמאָל אַרויסהעלפן אַ מענטשן...

בקיצור, איר ווילט וויסן, וואָס איך האָב אים געענטפערט? איך האָב אים, אַז אָך און ווי איז מיר, גאָר נישט געענטפערט. ס'איז מיר געווען, ווי זאָגט איר, ת ד ב ק ל ש ו נ י — עס האָט מיר ווי אָפּגענומען דאָס לשון! איך האָב זיך אויפגעהויבן, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער טיר — און נישטאָ מיך!... ווי פון אַ שׂרפה האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט, ווי פון אַ טורמע!... עס האָט מיר געזשומעט אין קאָפּ, געשעמערירט אין די אויגן און געטורקעט אין די אויערן די ווערטער פון דעם יידן: „אָפּן געשמועסט"... „אַ טאַכטער, נישט קיין טאַכטער"... „אַן אַל־מנה אויף צו פּאַמפּען"... „עלעהיי אַ נדבה"... און בין צוגעגאַנגען צו מיין פערד־און־וועגעלע, אַריינגעלייגט דאָס פּנים אין בריטשקע אַריין און — איר וועט נישט לאַכן פון מיר? — אַז איך האָב מיך צעוויינט, האָב איך געוויינט און געוויינט! און אַז איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט און געזעסן אויף דער בריטשקע און איינגעטיילט מיין פערדל געבעך וויפל ס'איז אין אים אַריין, האָב איך ערשט דעמלט געפרעגט ביי גאָט אַ קשיא, אַזוי ווי איוב האָט אַמאָל געפרעגט: וואָס האָסטו, גאָטעניו, אַזעלכעס דערזען אין דעם אַלטן איובן, וואָס דו לאָזט אים נישט אָפּ אויף קיין מינוט? ס'איז שוין מער נישטאָ קיין יידן אויף דער וועלט?

און איך קום צו פאָרן אַהיים, טרעף איך מיין כאַליאַסטרע, קיין עין־הרע, פריילעך. מען עסט וועטשערע, נאָר איין שפּרינצע איז נישטאָ. „וווּ איז שפּרינצע?" — פרעג איך. „וואָס הערט זיך, זאָגן זיי מיר, וואָס האָט מען דיך גערופן?" זאָג איך נאָכאַמאָל: „וווּ איז שפּרינצע?"... ענטפערן זיי מיר נאָך אַמאָל: „וואָס הערט זיך?"... זאָג איך: „גאָרנישט, וואָס זאָל זיך הערן? ס'איז, דאַנקען גאָט, שטיל, פון פּאָגראָמען הערט מען נישט"... ביי די ווערטער קומט אָן שפּרינצע, טוט מיר אַ קוק אין די אויגן אַריין, זעצט זיך אַוועק צום טיש, גלייך ווי נישט זי מיינט מען, נישט פון איר רעדט מען... אויפן פּנים ביי איר קאָן מען נישט דערקענען גאָרנישט, נאָר דאָס שטילקייט אירס איז שוין צו פיל, חוץ לדרך הטבע... היינט געפעלט מיר נישט דאָס זיצן אירס פאַרטראַכט און דאָס פאָלגן אירס, וואָס מע הייסט איר: זאָגט מען איר: זיץ — זיצט זי; זאָגט מען איר: עס — עסט זי; הייסט מען איר גיין — גייט זי; און אַז

מע טוט זי א רוף, טוט זי זיך א ווארף... איך קוק אויף איר, און עס פארקלעמט מיר דאס הארץ, און עס ברענט אין מיר א פייער — אויף וועמען ווייס איך נישט... אך טי רבונו של עולם, אלהינו נאש! פארוואס שטראפסטו מיך אזוי, פאר וועמענס זינד?!

בקיצור, איר ווילט וויסן דעם סוף? אזא סוף וויל איך נישט וויַנטשן דעם ערגסטן שונא, און מע טאר עס גאר נישט וויַנטשן, ווארום די קללה פון קינדער איז די ערגסטע קללה פון דער תוכחה! פון וואנען ווייס איך, אז מיך האט עמעצער נישט פארשאלטן מיט קינדער? איר גלויבט נישט אין די זאכן? וואס־זשע רעדן איז דאס? אדרבה, לאמיר הארכן פון אייך... נאר צו וואס נוצן אונדזערע חקירות? אמער, הערט דעם סוף, וואס איך וועל אייך דערציילן. איינמאל פארנאכט פאר איך אהיים פון בויבעריק מיט א גוט הארץ: בארעכנט נאר דעם פארדראס, דעם בזיון; היינט דעם רחמנות פון קינד!... און די אלמנה, וועט איר פרעגן? און דער זון? — ווער מיר אלמנה? וואס מיר זון? אוועקגעפארן און אפילו זיך נישט געזעגנט! ס'איז א בושה אויסצוזאגן: ס'איז געבליבן שטיין ביי מיר אויף זיי א שטיקל חוב פאר קעז און פוטער... נאר איך רעד נישט פון דעם, מסתמא האבן זיי פארגעסן... איך רעד פונעם געזעגענען זיך: אוועקגעפארן און אפילו זיך נישט געזעגנט!... וואס דאס קינד נעבעך האט איבערגעטראגן — דאס האט נישט געוווסט קיין בן־אדם, אחוץ מיר, ווארום איך בין א טאטע, א טאטנס הארץ פילט... טאמער מיינט איר, אז זי האט מיר געזאגט אפילו א חצי דיבור? באקלאגט זיך? אדער געוויינט אמאל? יע! קענט איר דאך נישט טביהם טעכטער! שטיל, אין זיך, איינגעגאנגען, געצאנקט ווי א ליכט! ווען נישט ווען ארויסגעכאפט זיך מיט א זיפץ, נאר אזא מין זיפץ, וואס רייסט ארויס אט אזא שטיק הארץ! הכלל, פאר איך מיר אזוי מיט מיין פערדל אהיים, פארטיפט אין טרויעריקע מחשבות און געדאנקען, פרעג קשיות ביים רבונו של עולם און ענטפער מיר אליין. און עס ארט מיך שוין נישט אזוי אויף גאט — מיט גאט האב איך מיך שוין ווי עס איז איבערגעבעטן; מיך ארט אויף מענטשן: למאי זאלן מענטשן זיין אזוי שלעכט, אז זיי קאנען זיין גוט? פארוואס זאלן מענטשן פארביטערן דאס לעבן אי יענעם, אי זיך, אז זיי האבן ביד לעבן זיס און גליקלעך? געשיקט זיך עס, אז גאט האט באשאפן דעם מענטשן צוליב דעם, ער זאל אפקומען אויף דער וועלט?... וואס האט דאס אים גענוצט?... מיט אזעלכע געדאנקען פאר איך ארײן צו מיר אין כוטאר אריין, און דערזע פונדערווייטן, ביי דער גרעבלי, איז אן אנגעלויף פון מענטשן, גויים, גויעס, שיקסעס, שקצים און קליינע

שקצימלעך און א שיעור. וואָס קאָן דאָס זיין? קיין שרפה נישט; מסתמא א דערטרונקענער, עמעצער האָט זיך געבאָדן ביי דער גרעבלי און געפונען דעם טויט. קיינער ווייסט נישט, ווו דער מלאך המות וואַרט אויף אים, ווי מיר זאָגן אין „ונתנה תוקף"... פּלוצעם זע איך מיין גאָלדע לויפט, די שאַל צעלאָזט, די הענט אַרויסגעשטעלט אויף צופריער, און פאַר איר מיינע קינדער, טייבל און ביילקע, און אַלע דריי מיט א געשריי, מיט א יללה, מיט א יאָמער: „טאַכטער! שוועסטער! שפּרינצע!"... אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם וואָגן, ווייס איך נישט, ווי אַזוי איך בין נישט צעשפּרונגען געוואָרן, און אַז איך בין צוגעלאָפן צום טייך, איז שוין געווען נאָך אַלע היומס...

— — — — — — — — — — — —

וואָס האָב איך געוואָלט פרעגן?... יאָ! האָט איר געזען ווען א דערטרונקענעם? קיין מאָל נישט?... א מענטש, אַז ער שטאַרבט, שטאַרבט ער מיינסטנטיילס מיט צוגעמאַכטע אויגן... ביי א געטרונקענעם זיינען די אויגן אָפן — ווייסט איר נישט דעם שכל, פאַר וואָס דאָס איז?... האָט קיין פאַריבל נישט, איך האָב ביי אייך צוגענומען צייט, און אַליין איז מען אויך געבונדן: מע דאַרף גיין צום פערדל און מע מוז צעפירן דאָס ביסל סחורה. די וועלט איז אויך א וועלט. מע מוז אין זינען האָבן א קערבל אויך — און פאַרגעסן, וואָס ס'איז געווען. וואָרום דאָס, וואָס די ערד דעקט צו, מוז, זאָגט מען, פאַרגעסן ווערן, און אַז מען איז א לעבעדיקער מענטש, קאָן מען די נשמה נישט אויסשפּייען. עס העלפט נישט קיין חכמות, און מיר מוזן זיך אומקערן צוריק צום אַלטן פסוק: אַז כל זמן שהנשמה בקרבי, איז פאַר ווייטער, טביה!... זייט מיר געזונט, און אַז איר וועט מיך דערמאָנען, זאָלט איר מיך נישט דערמאָנען צום בייזן.

טביה פאָרט קיין ארץ־ישראל

דערציילט פֿון טביה דעם מילכיקן, פֿאַרנדיק אין באַן.

געשריבן אין יאָר 1909

טביה פאָרט קיין ארץ־ישראל

— סקאַצל קומט! וואָס מאַכט א ייִד, רב שלום־עליכם? אָט א נאַסט! אפילו נישט געחלומט זיך! נאַט־זשע אייך אָפּ שלום־עליכם. איך האָב מיר אָבער אַלץ געטראַכט און געטראַכט: וואָס איז די מעשה, וואָס מע זעט אים נישט אַזאַ צייט, נישט אין בויבעריק, נישט אין יעהופּעץ? א קשיא, וואָס סע מאַכט זיך: אפשר האָט ער אָפּגעזאָגט די עטלעכע גילדן און אריבערגעפּעקלט זיך אהין, ווי מען עסט נישט קיין רעטעך מיט שמאַלץ? און צודיק טראַכט איך מיר: געשיקט זיך עס, זיי זאָלן מאַן אַזאַ נאַרישקייט? זיי זיינען דאָך עפּעס א מענטש א בר־דעת, כ׳לעבן! נו, דאַנקען השם יתברך, וואָס מע זעט זיך געזונט, ווי שטייט דאָרט אין פּסוק: טורא בטורא — א מענטש מיט א מענטשן... איר קוקט מיך אָן, פּאַניע, גלייך, ווי איר וואָלט מיך נישט דערקענט? דאָס בין איך, אייער אַלטער גוטער פריינד טביה. אל תסתכל בקנקן — קוקט נישט, וואָס א ייִד גייט אין א נייער קאַפּאָטע. דאָס איז דער אייגענער שלימזל טביה, וואָס אַמאָל, נישט געמינערט א האָר: נישמער, מע טוט זיך אָן שבתדיק, זעט מען אויס אַביסל האָסיקער, מעשה נגיד, וואָרום, אז מע פּאָרט אַרויס צווישן מענטשן, קאָן מען אַנדערש נישט, ובפרט, אז מע פּאָרט אַזאַ ווייטע נסיעה, קיין ארץ־ישראל, א קלייניקייט? איר קוקט מיך אָן און טראַכט זיך, ווי קומט דאָס אַזאַ קליין מענטשעלע, ווי טביה, וואָס האָט כל־ימיו געהאַנדלט מיט מילכיקס, זאָל גאָר האָבן אַזאַ השגה, וואָס קאָן זיך פאַרגינען אויף דער עלטער סיידן א מין בראָצקי? גלויבט מיר, פּאַניע שלום־עליכם, ס׳איז כולו מוקשה — דער פּסוק איז רעכט אַרום און אַרום. רוקט נאָר אַוועק, זייט מוחל, אייער טשעמאָדאַנטשיקל אַביסל אהין, וועל איך מיך אַוועקזעצן אַקעגן אייך און וועל אייך דערציילן א מעשה, וועט איר האָרכן, וואָס גאָט קאָן.

בקיצור, איך מוז אייך זאָגן קודם כל הקודמים, אז איך בין געבליבן, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַן אַלמן, געשטאָרבן גאָלדע מיינע, עליו השלום. געווען א ייִדענע א פּראָסטע, אָן חכמות, אָן אויבערקעפּלעך, נאָר א גרויסע צדיקת. לאָז זי זיך מיען דאָרט פאַר אירע קינדער,

זי איז געגוג אויסגעשטאנען צוליב זיי, און טאקע אפשר איבער זיי געגאנגען פון דער וועלט, נישט געקאָנט אריבערטראָגן, וואָס זיי זייגען זיך צעקראָכן איינע קיין ליסי, די אנדערע קיין סטריסי. „מ׳שטיינס געזאָגט, זאָגט זי, וואָס איז מיין וועלט, זאָגט זי, אז ווי באלד, זאָגט זי, נישט קיין קינד און נישט קיין רינד? להבדיל, א בהמה, זאָגט זי, בענקט אויך, זאָגט זי, אז מען אנטווייגט, זאָגט זי, פון איר דאָס קעלבל״... אזוי זאָגט זי צו מיר, גאָלדע היסט עס, און וויינט בשעת מעשה מיט ביטערע טרערן. און איך זע, אז די יידענע גייט איין פון טאָג צו טאָג, ווי א ליכט, רעד איך איר אויס מסתמא דאָס האַרץ פאר רחמנות און איך זאָג צו איר אזוי, זאָג איך: „עט, זאָג איך צו איר, גאָלדע סערדצע, פאראַן א פסוק, זאָג איך, אם כבנים אם כעבדים — ווי מיט קינדער, אזוי איז אָן קינדער, זאָג איך. מיר האָבן, זאָג איך, א גרויסן גאָט, זאָג איך, און א גוטן גאָט, און א שטארקן גאָט, זאָג איך, נאָר פונדעסטוועגן, זאָג איך, לאָם איך האָבן די ברכות, וויפל מאָל דער רבונו של עולם, זאָג איך, טוט־אָפּ א שטיקל ארבעט, מעגן שוין, זאָג איך, די שונאים האָבן אזא יאָר״... איז זי דאָך אָבער, זאָל מיר מוחל זיין, א נקבה, מאכט זי צו מיר: „דו זינדיקסט, טביה, מע טאָר נישט, זאָגט זי, זינדיקן״. „אָט האָסטו דיר, זאָג איך, איך זאָג דען עפּעס, זאָג איך, שלעכטס? איך גיי חלילה, זאָג איך, קעגן דעם אויבערשטנס געגנג, זאָג איך? ווארים ווי באלד, זאָג איך, אז ער האָט, זאָג איך, באשאפן אזוי שיין זיין וועלטל, זאָג איך, אז קינדער זיינען נישט קיין קינדער, זאָג איך, און טאטע־מאמע זיינען בלאָטע, זאָג איך, ווייסט ער דאָך מסתמא, וואָס ער האָט צו טאָן״... פארשטייט זי נישט, וואָס איך רעד און ענטפערט מיר בווידעם: „איך שטארב, זאָגט זי, אוועק, טביה, ווער וועט דיר קאָכן וועטשערע?״... אזוי מאכט זי צו מיר שטיל און קוקט אויף מיר מיט אזעלכע אויגן, אז אפילו א שטיין קאָן עס רירן. טביה איז דאָך אָבער נישט קיין יידענע, ענטפער איך איר אָפּ מיט א ווערטל, און מיט א פסוק, און מיט א מדרש, און מיט נאָך א מדרש: „גאָלדע, זאָג איך, ביסט מיר געווען, זאָג איך, געטריי אזוי פיל יאָרן, וועסטו מיך אויף דער עלטער, זאָג איך, נישט מאכן צום נאר״, זאָג איך, און טו א קוק אויף מיין גאָלדען — פּיזעם! „וואָס איז דיר, זאָג איך, גאָלדע?״ „גאָר נישט״, מאכט זי צו מיר, קוים־קוים, וואָס זי רעדט. ע! איך זע, די שפּיל איז פארן טיוול, נעם איך און שפּאַן איין דאָס פערדל און פאָר אוועק אין שטאָט אריין און ברענג אראָפּ א דאָקטער, דעם בעסטן דאָקטער. איך קום צו פאָרן אהיים — טע־טע־טע! מיין גאָלדע ליגט שוין אויף דער ערד מיט א ליכטל צוקאָפּנס און זעט אויס,

ווי א בערגל ערד האָט מען צונויפגעשאַרט און איבערגעדעקט מיט שוואַרצן, און איך שטיי און טראַכט מיר: „כי זה כל האדם — אָט דאָס איז דער סוף פונעם מענטשן? אך טי, רבונו של עולם, וואָס דו טוסט אָפּ מיט דיין טביהן! וואָס וועל איך איצטער טאָן אויף דער על־מער, פאַרפינצטערט בין איך געוואָרן?״ און אַזוי האָב איך געגעבן א פאַל־צו צו דער ערד... נאָר גיי שריי חי וקים! הערט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? אַז מע זעט פאַר זיך דעם טויט, מוז מען ווערן אַן אפּי־קורס און מע הייבט אָן נאָכצוקלערן, מה אנו מה חיינו — וואָס איז איינגאַנצן אָט די וועלט מיט די גזלנים, וואָס זיי הרגענען זיך, מיט די באַנען, וואָס לויפן משוגענערווייז, מיט דעם גאַנצן טאַראַראַם אַרום און אַרום, און אפילו בראָצקי מיט זיינע מיליאָנען — הכל הבל, גאָרנישט שבגאָרנישט!

בקיצור, איך האָב געדונגען א קדיש, גאָלדען עליו השלום, באַצאָלט פאַר א גאַנץ יאָר פריער. א ברירה האָב איך געהאַט, אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט, נישט געגעבן) מיר קיין זכרים, נאָר נקבות, נאָר טעכטער און טעכטער, קיין גוטער ייד זאָל זיי נישט קענען! איך ווייס נישט, צי אַלע יידן ווערן אַזוי פאַרשוואַרצט מיט זייערע טעכטער, צי נאָר איך בין אַזא פינצטערער שלימזל, וואָס איך האָב צו זיי קיין גליק נישט? דאָס הייסט, צו די טעכטער אַליין האָב איך גאָרנישט, און גליק איז ביי גאָט. וואָס זיי ווינטשעווען מיר — מעג עס מיר אָנקומען כאָטש האַלב. אדרבה, זיי זיינען שוין צו געטריי, און וואָס „צו״ איז איבעריק. אָט נעמט, למשל, די מיזינקע מיינע, ביילקע רופט מען זי. וואָס ווייסט איר, וואָס דאָס איז פאַר א קינד? איר קענט דאָך מיך, ברוך השם, ווי זאָגט איר, פון א יאָר מיט א מיטוואָך און ווייסט, אַז איך בין נישט דער טאַטע, וואָס קאַטאָרי זאָל זיך אַוועקזעצן אָפּלויבן זיינע קינדער, גלאַט אַזוי אין טאָג אַריין. נאָר אַז ס׳איז געקומען צו רייד פון מיין ביילקען, מוז איך אייך זאָגן נישט מער, ווי שלשה דברים — צוויי ווערטער: זינט גאָט האַנדלט מיט ביילקעס האָט ער נאָך אַזא ביילקע נישט באַשאַפן. מילא פון שיינקייט שמועסט מען נישט, טביהם טעכטער, ווייסט איר אַליין, האָבן א שם אויף דער וועלט פאַר די שענסטע קראַסאַוויצעס. נאָר זי, ביילקע הייסט עס, ווערט זיי אַלע פאַרשטעקן אין גאַרטל. אַז מע שמועסט יפיפית — איז דאָך נישט שייך! אקעגן מיין ביילקען מוז מען טאַקע זאָגן מיט די ווערטער פון אשת חיל: שקר החן — איך רעד נישט פון שיינקייט, איך רעד פון כאַראַקטער רעד איך. גאָלד, גין־גאָלד, זאָג איך אייך! פון תמיד אָן בין איך ביי איר געווען דאָס אייבער־שטע פון דער מילך, נאָר

פון זינט מיין גאָלדע עליו השלום איז, איר צו לענגערע יאָר, נפטר גע־וואָרן, איז דער טאטע געוואָרן ביי איר — דאָס שווארצאפּל פונעם אויג! קיין שטויב נישט דערלאָזן זאָל אויף מיר פאלן. איך האָב שוין געזאָגט צו זיך אליין: דער רבונו של עולם איז, ווי מיר זאָגן איטעם וכל מאמינים שהוא: ומקדים רחמים לרוגז — ער שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. נישמער, ס'איז שווער צו וויסן, וועלכס איז ערגער, די רפואה, אָדער די מכה? גיי זיי אַ נביא און טרעף, אַז ביילקע וועט צוליב מיר נעמען און פאַרקויפן זיך פאַר געלט און אַפּשיקן דעם טאַטן אויף די עלטערע יאָרן קיין ארץ־ישראל! מאַלט אייך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי. זי איז אין דעם אַזוי שולדיק, פּונקט אַזוי ווי איר. איינגאַנצן איז דאָ שולדיק ער, איר אויסדערוויילטער, איך וויל אים נישט שעלטן, אַ קאַזאַרמע זאָל אויף אים איינפאַלן! און אפשר, אַז מיר זאָלן וועלן גוט באַטראַכטן, גריבלען זיך אַביסל טיפער, קאָן זיין, אַז איך אַליין בין דאָ מער חייב פון אַלעמען, וואָרום ס'איז דאָך אַ בפירושע גמרא: חייב אדם... נאָר ס'איז שוין, כ'לעבן, אַז איך דאַרף אייך דערציילן, וואָס די גמרא זאָגט!

בקיצור, איך וויל אייך לאַנג נישט האַלטן. ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר און אַ יאָר, מיין ביילקע איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן, קיין עין־הרע, אַ מיידל צו לייטן, און טביה טוט זיך זיין געשעפט, ווי תמיד, מיטן פערד און וועגעלע פירט ער אָפּ דאָס ביסל מילכיקס זומער קיין בויבער־ריק, ווינטער קיין יעהופּעץ, אַ מבול זאָל אויף דעם קומען, ווי אויף סדום! אַנקוקן קאָן איך נישט אָט די דאָזיקע שטאָט, און נישט אַזוי די שטאָט אַליין, ווי די מענטשן, און נישט אַלע מענטשן, נאָר איין מענטש — אפרים דעם שדכן, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין! אָט וועט איר אויסמיטנע הערן וואָס אַ ייִד אַ שדכן טוט אָפּ.

ויהי היום, קום איך צו פאָרן איינמאָל אַרום חצי אלול קיין יעהופּעץ מיט מיין ביסל סחורה. איך טו אַ קוק — ויבוא המן — אפרים דער שדכן גייט! איך האָב אייך אַמאָל דערציילט פון אים. אפרים איז אַפילו אַ ייִד אַן איינגעגעסענער, נאָר אַז מע דערזעט אים, מוז מען זיך אָפּשטעלן — אָט אַזאַ מין כוח האָט אין זיך אָט דער ייִד... „הער נאָר, חכם מיינער, זאָג איך צו מיין פערדל, שטיי אַ ווייַלע, וועל איך דיר געבן עפּעס קייַען". און איך שטעל־אָפּ אפרים דעם שדכן און גיב אים אָפּ שלום און מאַך מיט אים אַ שמועס מן הצד: „וואָס הערט זיך עפּעס מכוח פּרנסה?" טוט ער אַ געשמאַקן זיפץ און מאַכט צו מיר: „ס'איז ביטער"!... זאָג איך: „דהיינו?" זאָגט ער: „נישטאָ וואָס צו טאָן"... זאָג איך: „לחלוטין?" זאָגט ער: „לחלוטין!"... זאָג איך: „וואָס איז די מעשה?"... זאָגט ער: „די מעשה איז, וואָס שידוכים ווערן שוין

היינט נישט געשלאָסן מער אינדערהיים"... זאָג איך: „ווו דען ווערן זיי היינט געשלאָסן?" זאָגט ער: „דאָרטן ערגעץ, אין אויסענלאַנד"... זאָג איך: „וואָס־זשע זאָל טאָן אַזאַ ייד, ווי איך, למשל, וואָס מיין זיידנס באָבע איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען?"... זאָגט ער צו מיר און דער־לאַנגט מיר אַ שמעק טאַבעק: „פאַר אייך האָב איך, רב טביה, אַ שטיקל סחורה דאָ אויפן אָרט"... זאָג איך: „דהיינו?"... זאָגט ער: „אַ יידענע אַן אלמנה אָן קינדער מיט ק"ן קערבלעך, געווען אַ קעכין אין אַלע גרעסטע הייזער"... קוק איך אים אָן און זאָג צו אים: „רב אפרים, פאַר וועמען מיינט איר דאָס אַ שידוך?" זאָגט ער: „פאַר וועמען זאָל איך מיינען? פאַר אייך"... זאָג איך: „אַלע בייזע ווייסטע חלומות זאָלן אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפּ!" און נעם און דערלאַנג מיין פערד אַ שמיצל און וויל פאָרן ווייטער. מאַכט צו מיר אפרים: „האָט קיין פאַריבל נישט, רב טביה, אפשר האָב איך אייך פונע בכבוד געווען. זאָגט־זשע מיר, וועמען דען האָט איר געמיינט?" זאָג איך: „וועמען דען זאָל איך מיינען, אַז נישט מיין מיזינקע?"... טוט ער אַ שפּרונג אָפּ, דערלאַנגט זיך אַ פּאַטש אין שטערן: „שאַ! גוט, וואָס איר האָט מיך דערמאָנט, לאַנג לעבן זאָלט איר, רב טביה!" זאָג איך: „אָמן, גם אתם, דערלעבט איר אויך ביז משיח וועט קומען. נאָר וואָס איז מיט אייך, זאָג איך, אַזוי די גדולה?"... זאָגט ער: „ס'איז גוט, רב טביה, ס'איז אויסגעצייכנט גוט, עס קאָן שוין גאָר בעסער נישט זיין אין דער גאַנצער וועלט!"... זאָג איך: „דהיינו, וואָס איז די גוטסקייט?"... זאָגט ער: „איך האָב פאַר אייער מיזינקע אַ גלייכס, אַ גליק, אַ הויפּט־טרעפער, אַ גביר, אַן אדיר, אַ מיליאָנשטשיק, אַ בראָצקי, אַ פּאָדראַטשיק איז ער און היסן הייסט ער פּדהצור!"... זאָג איך: „פּדהצור? אַ קענטלעכער נאָמען פון חומש"... זאָגט ער: „וואָס מיר חומש? וועד מיר חומש? ער איז אַ פּאָדראַטשיק, אָט דער פּדהצור, ער בויט הייזער, מויערן, בריקן, געווען אין יאַפּאָניע ביי דער מלחמה, געבראַכט אַ ממון מיט גאָלד, פאָרט אַרום מיט בריענדיקע סוסים, מיט קאַרעטעס, מיט לאַקייען ביי דער טיר, מיט אַ בעדל ביי זיך אינעווייניק אין שטוב, מיט מעבל פון פּאַריזש, מיט אַ בריליאַנטענעם רינג אויף דער האַנט, נאָך גאָר נישט קיין אַלטער מאַן, אַ בחור, אַן אמתער, אַ „כאָלאָסטאָי", פּרימאַ! און זוכן זוכט ער אַ שיין מיידל, מעג זיין ווער זי איז, אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, אַבי אַ יפהפיה!"... „טפּרדו! — זאָג איך צו אים. — אַז איר וועט אַזוי פליען, זאָג איך, יאָן אַ פּאַפּאַס, וועלן מיר פאַרפאָרן מיט אייך, רב אפרים, קיין האָצעקלאָץ. אויב איך האָב קיין טעות נישט, זאָג איך, האָט איר מיר אַמאָל געהאַט גערעדט דעם איינענעם שידוך, זאָג איך, פאַר מיין עלטערע טאָכטער, פאַר האָדלען",

זאָג איך... דערהערט פון מיר די האַזיקע ווערטער, אַז ער כאַפּט זיך ניט, אפרים הייסט עס, ביי די זייטן און הייבט אָן צו לאַכן, האָב איך געמיינט, דער ייִד וועט באַקומען די אַפּאָפּלעקציע. „אַהאַ, זאָגט ער, איר האָט זיך דערמאָנט, זאָגט ער, אַ מעשה, אַז מיין באָבע איז געלעגן געוואָרן מיטן ערשטן קינד! יענער האָט אָנגעזעצט נאָך פאַר דער מלחמה און אַנטלאָפן קיין אַמעריקע!"... „זכר צדיק לברכה, זאָג איך, אפשר וועט ער אויך, זאָג איך, אַוועק אַהין?" ווערט ער אויסער זיך, דער שדכן הייסט עס: „וואָס רעדט איר דאָס, רב טביה? יענער איז געווען, זאָגט ער, אַ פּייפער, אַ שאַרלאַטאַן, אַן אויסברענגער, און דער איז אַ פּאָדראַטשיק, זאָגט ער, פון דער מלחמה, מיט געשעפטן, מיט אַ קאָנטאָר, מיט מענטשן, מיט... מיט... מיט"... וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דער שדכן האָט זיך אַזוי צעהיצט, אַז ער האָט מיך אַראָפּגענומען פונעם וואָגן און ער האָט מיך אָנגענומען ביי די לאַצן און האָט מיך אַזוי לאַנג געטרייסלט, ביז ס'איז צוגעגאַנגען אַ גאָראָדאָוואָי און האָט אונדז ביידן געוואָלט אָפּפירן אין קאַטשומענט אַריין. אַ שטיקל גליק, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט אינעם פּסוק: ל נ כ ר י ת ש י ך — מיט פּאָליציי דאַרף מען וויסן, ווי אַזוי צו האַנדלען...

בקיצור, למאי זאָל איך אייך לאַנג האַלטן? אָט דער פּדהצור איז געוואָרן אַ חתן פאַר מיין מיזינקע, ביילקע הייסט עס, און ל א א ר כ ו ה י מ י ם — ס'האָט אַביסל געדויערט ביז מיר האָבן געשטעלט אַ חופּה. פאַרוואָס זאָג איך, ס'האָט אַביסל געדויערט? ווייל זי, ביילקע הייסט עס, האָט ניט געוואָלט דעם שידוך, אַזוי ווי מע וויל ניט שטאַרבן. וואָס מער אָט דער פּדהצור איז צו איר צוגעשטאַנען מיט מתנות און מיט גילדענע זייגערלעך און מיט בריליאַנטענע פינגערלעך, איז ער איר אַלץ מער נמאס געוואָרן. מיר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלייגן. איך האָב עס גאַנץ גוט אַרויסגעזען נאָך איר פּנים און נאָך אירע אויגן און נאָך איר וויינען, וואָס זי האָט געוויינט שטילערהייט. בין איך מיך מיישב איינמאָל און רוף מיך אָן צו איר אַזוי, פאַרבייגייענדיק: „הערסטו, ביילקע, זאָג איך, איך האָב מורא, זאָג איך, אַז דיין פּדהצור איז דיר אַזוי ליב, זאָג איך, און אַזוי זיס, אַזוי ווי מיר?"... ווערט זי רויט ווי פייער און מאַכט צו מיר: „ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?" זאָג איך: „וואָסזשע רעדן איז דער געוויין גאַנצע נעכט?" זאָגט זי: „איך וויין דען?" זאָג איך: „ניין, דו וויינסט ניט, נאָר דו כליפּעסט, דו מיינסט, זאָג איך, אַז דו באַהאַלטסט דיין קאָפּ אין קישן, וועסטו פון מיר פאַרדעקן, זאָג איך, דיינע טרערן? דו מיינסט, זאָג איך, אַז דיין טאַטע איז אַ ייִנגעלע, זאָג איך, אָדער דער מוח איז אים אויסגעטריקנט געוואָרן און ער פאַרשטייט

נישט, זאָג איך, אַז דאָס טוסטו צוליב דיין אַלטן טאַטן? דו ווילסט אים, זאָג איך, פאַרזאָרגן מיט אַ גוטן עלטער, ער זאָל האָבן ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, ער זאָל חלילה נישט דאַרפן גיין, זאָג איך, איבער די הייזער? אויב דו מיינסט אַזוי, ביסטו, זאָג איך, אַ גרויסער נאַר, זאָג איך. מיר האָבן אַ גרויסן גאָט, זאָג איך, און טביה איז נישט פון די עשרה בטלנים, זאָג איך, וואָס וועט זיך אַוועקזעצן, זאָג איך, אויף לאַסקאַווע ברויט, און געלט, זאָג איך, איז בלאָטע, זאָג איך, ווי אין פּסוק שטייט, אַ סימן האָסטו, זאָג איך, אָט איז דיין שוועסטער האָדל אַ גוטע אביונטע, פונדעסטוועגן, זאָג איך, זע, וואָס זי שרייבט פון אַלדי שוואַרצע יאָר, זאָג איך, פון יענער וועלט, און ווי זי שעצט זיך גליקלעך, זאָג איך, מיט איר שלימזל פּעפּערל!"... אַנו, זייט אַ חכם און טרעפט, וואָס ענטפערט זי מיר דערויף, ביילקע הייסט עס? „צו האָדלען, זאָגט זי, זאָלסטו מיך, זאָגט זי, נישט גליכן, האָדל איז געווען, זאָגט זי, אין אַזאַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, האָט זיך געוויגט, זאָגט זי, געהאַלטן אָט־אָט ביי איבערקערן זיך, האָט מען זיך געזאָרגט, זאָגט זי, פאַר דער וועלט, און זיך האָט מען פאַרגעסן; און איצט, זאָגט זי, אַז די וועלט איז אַ וועלט, זאָגט זי, זאָרגט זיך יעדער פאַר זיך און די וועלט האָט מען פאַרגעסן"... אָט אַזוי ענטפערט זי מיר דערויף, ביילקע הייסט עס, און גייט פאַרשטייט, וואָס זי מיינט!

נו? איר זענט עפּעס אַ מבין אויף טביהס טעכטער? איר האָט זי באַדאַרפט זען צו דער חופּה — אַ פּרינצעסין! איך בין נאָר געשטאַנען און געשפּיגלט זיך אין איר און געטראַכט צו זיך אַליין: „אָט דאָס איז ביילקע, טביהס טאָכטער? ווו האָט זי זיך אויסגעלערנט אַזוי שטיין, און אַזוי גיין, און אַזוי האַלטן דעם קאָפּ, און אַזוי אָנטאָן זיך, ס'זאָל אויף איר זיין, ווי אויסגעגאָסן"... נאָר לאַנג שפּיגלען זיך אין איר האָט מע מיך נישט געלאָזט, וואָרום דעם זעלבן טאָג פון דער חופּה, אַרום האַלב זעקס פאַר־נאַכט, האָט זיך דאָס פּאָרל אויפגעהויבן, און ה ל ך מ ש ה מ ר ד כ י — מען איז אַוועק מיטן קוריער צו אַלדי גוטע יאָר, קיין „נאַטאַליע", ווי די מאָדע איז ביי די גרויסע, און צוריק איז מען געקומען ערשט העט אַרום חנוכה, און מע האָט געשיקט נאָך מיר, איך זאָל למען־השם תיכף־ומיד קומען צו פאָרן קיין יעהופּעץ. איז דאָס מיר באַלד אַריין אין קאָפּ אַריין: ממה־נפשך, זיי זאָלן וועלן, איך זאָל אַזוי גלאַט קומען, וואָלטן זיי אָנגעזאָגט, איך זאָל קומען — און אַ סוף. צו וואָס מוז נאָך דער „למען־השם" מיטן „תיכף־ומיד"? מסתמא מוז דאָך דאָ זיין עפּעס אַ זאַך! פרעגט זיך אַ קשיא: וואָס פאַר אַ זאַך? און אַלערליי מחשבות און געדאַנקען, גוטע און שלעכטע, קריכן מיר אין קאָפּ

ארײַן: אפשר האָט זיך שוין דאָס פּאָרפּאָלק האָרטן צעאַמפּערט, ווי די קעץ, און עס האַלט בײַ גטן זיך? און באַלד מאַקע שלאָג איך מיר אָפּ: ביסט אַ נאַר, טביה, למאַי זאָלסטו וועלן אויסלייגן אויף שלעכטן? פֿון װאַנען ווייסטו, וואָס מע רופֿט דיך? אפשר האָבן זיי זיך פֿאַרבענקט נאָך דיר און ווילן דיך זען? אָדער אפשר וויל בײַלקע, אַז איר מאַמע זאָל זײַן נאָענט נעבן איר? אָדער אפשר וויל גאָר פֿדהצור דיר געבן אַ שטעלע, דיך צונעמען צו זײַנע געשעפֿטן און מאַכן דיך פֿאַר אַ משגיח אויף זײַנע פֿאַדראַדן? סיי־ווי־סיי, פֿאָרן דאַרף מען. און איך זעץ מיך אויף און וילך תרנה — איך פֿאָר קיין יעהופּעץ. פֿאָרנדיק אַזוי, גייט מיר איבער דער כוח־הדמיון, און עס שטעלט זיך מיר פֿאָר, אַז איך האָב אַוועקגעוואָרפֿן דאָס דאָרף, פֿאַרקויפֿט די בהמהלעך, מיטן פֿערד־און־וועגעלע, מיט הכּל בכּל, און בין אַריבערגעפֿאָרן אין שטאָט און בין געוואָרן בײַ מײַן פֿדהצורן פֿריִער משגיח, דערנאָך קאַסיר, דערנאָך כּל־וּלך איבער אַלע זײַנע פֿאַדראַדן, און דערנאָך אַ שותּף צו אַלע זײַנע געשעפֿטן גלײַך מיט אים, האַלב אויף האַלב, און פֿאָר אַרויס גלײַך מיט אים אויף אַ פּאָר ברענענדיקע סוסים, איינער אַ בולאַנער, דער אַנדערער אַ קאַשטאַנעוואַטער, און איך וואונדער מיך אויף זיך אַליין: מה זה ועל מה זה — ווי קום איך, אַזאַ שטיל מענטשל, ווי טביה, צו אַזעלכע גרויסע געשעפֿטן? וואָס טויג מיר דער טאַראַראַם מיטן יאַריד, מיטן הו־האַ טאָג ווי נאַכט, ווי זאָגט איר: להושיבי עם נדיבים — זיך טור־טשען מיט די מיליאָנשטשיקעס? לאָזט מיך אָפּ, איך וויל האָבן אַ רויִקע עלטער, אַרײַנקוקן אַמאָל אין אַ משניות, זאָגן אַ קאַפּיטל תּהלים, מע דאַרף דאָך אַמאָל אין זינען האָבן יענע וועלט אויך, צי ניין? ווי זאָגט שלמה המלך: אַ מענטש איז אַ טיפּשעטע בהמה, ער פֿאַרגעסט, אַז וויפֿל ער זאָל נישט לעבן, מוז ער אַמאָל שטאַרבן... אָט מיט אַזעלכע געדאַנקען און מחשבות בין איך געקומען צו פֿאָרן למזל קיין יעהופּעץ גלײַך צו מײַן פֿדהצורן. מילא, איך זאָל מיך גיין באַרימען, דערציילן אײַך רוב גדלו ורוב עשרו — זײַן דירה מיט זײַן זיצעכץ, איז נישט שייך צו זאָגן. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה צו זײַן בײַ ברױצקין אין שטוב, נאָר איך בין מיך משער על פּי שׂכל, אַז שענער ווי בײַ דעם פֿדהצור קאָן שוין גאָרנישט זײַן! איר קאָנט פֿאַרשטיין שוין פֿון דעם אַליין, וואָס פֿאַר אַ דירה־מלוכה דאָס איז, אַז דער שומר, וואָס בײַ דער טיר, אַ ווערגעלעץ מיט זילבערנע קנעפּ, האָט מיך בשום־אופֿן נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן אינעווייניק, כאָטש גיב אים אַ קרענק. וואָס טוט זיך דאָ? די טיר איז אַ גלעזערנע טיר, זע איך, ווי ער שטייט, אָט דער ווערגעלעץ, ימח שמו

וזכרו זאָל ער ווערן, און דייגיקט מלבושים. ווינק איך צו אים, רעד מיט אים אויף שטום־לשון און באווייז אים מיט די הענט, אז ער זאָל מיך אריינלאָזן אינעווייניק, מחמת דעם באַלעבאָס ווייב קער מיך אָן א לייבלעכע טאָכטער... פאַרשטייט ער אָבער נישט אויפן ווונק, א גוישער קאָפּ, ווייזט ער מיר אויך מיט די הענט, אויך אויף שטום־לשון, אז איך זאָל גיין לעזאזיל — נעמען דעם וועג הייסט עס, נאָט אייך אזא שלימזל! צו אן אייגענער טאָכטער זאָל מען דארפן האָבן זכות־אבות! „אז אָך און וויי איז צו דיין גרויען קאָפּ, טביה, צו וואָס דו האָסט זיך דערלעבט!" — אזוי טראַכט איך מיר און קוק דורך דער גלעזערנער טיר און דערזע עפּעס א מיידל דרייט זיך ארום. „אפּנים, א פּאָקאָיאָווע זייערע", טראַכט איך מיר, מחמת די אויגן אירע זיינען ווי ביי א גנבטע. אלע פּאָקאָיאָוועס האָבן גנבהשע אויגן. איך בין אן אייננייער אין אלע נגידישע הייזער און בין באַקאַנט מיט אלע פּאָקאָיאָוועס... טו איך צו איר א ווונק: „עפן אויף, קעצעלע!" פאָלגט זי מיך און עפנט די טיר און מאַכט צו מיר דווקא אויף יידיש: „וועמען דארפט איר?" זאָג איך: „דאָ וויצט פדהצור?" זאָגט זי צו מיר העבער: „וועמען דארפט איר?" זאָג איך צו איר נאָך העבער: „אז מע פרעגט דיך זאָלסטו ענטפערן על ראשון ראשון; דאָ וויצט פדהצור?" זאָגט זי: „דאָ"... „ווי באַלד אזוי, זאָג איך, ביסטו פון מיינע מענטשן, זאָג איך; גיי, זאָג איך, זאָג דיין מאַדאַם פדהצור, זאָג איך, אז זי האָט א גאַסט, זאָג איך, דער טאַטע אירער, טביה, איז געקומען, זאָג איך, צו גאַסט און שטייט שוין, זאָג איך, א היפּשע ווײַלע איינדרויסן, זאָג איך, כעני בפּתח, וואָרום ער האָט נישט זוכה געווען, זאָג איך, צו געפינען חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון אָט דעם דאָזיקן עשו מיט די זילבערנע קנעפּ, די כפּרה, זאָג איך, זאָל ער זיין פאַר דיין מינדסטן נאָגל!" אויסגעהערט מיינע דיבורים, האָט דאָס מיידל מיט א געלעכטער פון א משומדת פאַרהאַקט די טיר גלייך מיר אונטער דער נאָז, אוועקגעלאָפן ארויף, אראָפּגעלאָפן אראָפּ, אריינגעלאָזט און אריינגעפירט מיך אינעווייניק אין א מין פּאַלאַץ, וואָס מיינע אָבות אבותינו האָבן עס נישט געזען אין חלום אפילו. זייד און סאַמעט און גאָלד און קרישטאָל, און אז איר גייט, פילט איר נישט די טריט, מחמת איר שפּאַנט מיט די זינדיקע פיס אויף די טייערסטע דיוואַנעס, ווייך ווי שניי. היינט זייגערס, זייגערס! אויף די ווענט זייגערס, אויף די טישן זייגערס, אָן א שיעור זייגערס! „רבונו יונה! האָסט א סך אזוינע? צי וואָס דאַרף עס א מענטש אזוי פיל זייגערס?" אזוי טראַכט איך מיר און גיי מיר, די הענט פאַרלייגט ארונטער, אביסל ווייטער; איך טו א קוק — עטלעכע טביהס מיט אמאָל שניידן זיך אקעגן מיר פון אלע זייטן,

אײַן טביה גייט אהער, דער אנדערער טביה אהין, איינער צו מיר, דער אנדערער פון מיר — טפו זאָלסטו ווערן! פון אַלע פיר זייטן שפיגלען!... נאָר אזא מין פויגל, ווי אָט דער פּאָדראַטשיק, קאָן זיך פאַרגינען אזוי פיל זייגערס מיט אזוי פיל שפיגלען!... און עס קומט מיר אויף די געדאַנקען פרהצור, א גראָבס און א קיילעכיקס, מיט א ליסינע איבערן גאַנצן קאָפּ, און סע רעדט הויך און סע לאַכט דרייבניטשקע, און איך דערמאָן מיך, ווי אזוי ער איז געקומען צו מיר דאָס ערשטע מאָל אין דאָרף אריין מיט די ברענענדיקע סוסים, זיך צעלייגט ביי מיר, ווי ביי זיין טאַטן אין ווייַנגאָרטן, זיך באַקאַנט מיט מיין ביילקען, מיך אוועקגערופן אויף א זייט און איינגערוימט א סוד אויפן אויער, נאָר אזוי הויך, אז מע האָט געקאָנט הערן אויף יענער זייט יעהופעץ. וואָס איז געווען דער סוד? דער סוד איז געווען, אז מיין טאָכטער איז אים געפעלן און ער וויל, אז ס'זאָל זיין איינס־צוויי־דריי און א חופּה. מילא, אז מיין טאָכטער איז אים געפעלן — דאָס פאַרשטייט מען מיטן שכל, נאָר וואָס דער איינס־צוויי־דריי איז מיר אריין כּ ח ר ב פּ י פ י ו ת — ווי א טומפּער מעסער אין האַרצן אריין. וואָס הייסט דאָס איינס־צוויי־דריי און א חופּה? און וווּ בין איך? און וווּ איז ביילקע? איי, האָט זיך מיר געוואָלט אים אריינהאַקן א פּאָר פּסוקים מיט א מדרש, ער זאָל מיך האָבן צו געדענקען! נאָר צוריק האָב איך מיך מיישב געווען: „ל מ ה ז ה א נ כ י — וואָס דאַרפסטו זיך מישן, טביה, צווישן קינדער? א סך האָסטו געפּועלט ביי דיינע עלטערע טעכטער, אז דו האָסט געוואָלט זאָגן דעות אויף זייערע שידוכים? האָסט זיך אָנגערעדט ווי א פּויק, אויסגעשאָטן די גאַנצע תורה דיינע, און ווער איז געבליבן א נאַר? — טביה!”.

הקיצור, לאָמיר אוועקוואַרפן, ווי זאָגט איר דאָרטן אין אייערע ביכלעך, דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכּה. האָב איך זיי, הייסט דאָס, צוליב געטאָן און בין צו זיי געקומען קיין יעהופעץ, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א חתונה: שלום־עליכם! עליכם־שלום! ווי גייט עס? וואָס מאַכט איר גוטס? זיצט! א דאַנק, מע קאָן באַשטיין! — מיט די אַלע איבעריקע צערעמאָניעס, ווי געוויינטלעך. איך זאָל זיין דער ערשטער אויפן אַרויספאַר, זיי א פרעג טאָן מ ה י ו ם מ י ו מ י ם — וואָס איז דאָס רופן, וואָס איר האָט מיך גערופן? — פּאַסט נישט. טביה איז נישט קיין יידענע, ער האָט צייט. דערווייל קומט־צו א פּאַרשוין מיט גרויסע ווייסע הענטשקעס און זאָגט, אז דער אָנבייסן שטייט שוין אויפן טיש, און מיר הייבן זיך אויף אַלע דריי, און מיר קומען אַריין אין א חדר אריין פון גאָלע דעמב: דער טיש א דעמבענער, די בענקלעך דעמבענע, די ווענט פון דעמב, די סטעליע דעמב, און אַלץ איז געשניצט און געפאַרבט

און געמאָלט און געצאַצקעט, און אויפן טיש — בגדי מלכות: טיי מיט קאָווע און מיט טשאָקאָלאַדע, און מיט פּוטער־געבעקס, און מיט גוטן קאָניאַק, און די בעסטע געזאַלצענס, און אַזעלכע מינים מאכלים, פּירות און אויבסטן, ס'איז מיר אַ חרפּה אויסצוזאָגן, נאָר איך האָב מורא, אַז מיין ביילקע האָט זיי ביי איך מאַמנס טיש קיינמאָל נישט געזען אפילו. און מע גיסט מיר אָן אַ כוסה און נאָך אַ כוסה, און איך טרינק לחיים, און איך קוק אויף איר, אויף ביילקען הייסט עס, און איך טראַכט מיר: „האָסט זיך עס דערלעבט, טביהם טאַכטער, ווי מיר זאָגן אין הלל: מקימי מעפר דל — אַז גאָט העלפט דעם אָרעמאַן, מאשפּות ירים אביון — איז אים גאָרנישט צו דערקענען. דאַכט זיך, ביילקע — און פאָרט נישט ביילקע". און איך דערמאָן מיך אָן יענער ביילקע פון אַמאָל און איך פאַרגלייך זי מיט דער ביילקע, וואָס איצינד, און עס טוט מיר האַרציעדיק באַנג — גלייך ווי איך וואָלט עפּעס געמאַכט אַ שלעכט געשעפט, אָפּגעטאָן אַ זאַך, וואָס איז פאַרפאַלן, אשטייגער, כדומה למשל, ווי איך וואָלט אויסבייטן מיין האָרעפּאַשנעם פערדל אויף אַ לאָשעקל, וואָס מע ווייסט נאָך נישט, וואָס פון דעם וועט אַמאָל זיין, אָדער אַ פערד, אָדער אַ דראָנג. „עך, ביילקע, ביילקע, טראַכט איך מיר, וואָס פון דיר איז געוואָרן! אַמאָל, געדענקסטו, ווי דו פלעגסט זיצן ביינאַכט ביי אַ רויכערדיק לעמפל און נייען און זינגען אַ לידל, אָדער נעמען אין איין כהרף־עין אויס־מעלקן צוויי בהמהלעך, אָדער נאָר פאַרקאַטשן די אַרבל און אָפּקאָכן מיר אַ פּראָסטן מילכיקן באָרשטש, אָדער טייגלעך מיט פּאַסאָליעס, אָדער פּאָמ־פּעשקעס מיט קעז, אָדער שקציס מיט מאָן, און אַ זאָג טאָן צו מיר: „טאַטע, גיי וואַש זיך!" — איז דאָך עס געווען, ווי דער בעסטער ניגון! איצטער זיצט זי מיט איר פדהצורן ווי אַ בת־מלכה, צוויי מענטשן דער־לאַנגען צום טיש, קלאַפּן מיט די טעלער, און ביילקע? זי זאָל עס אַרויס־רעדן אפילו אַ וואָרט! זעט איר, ער, פדהצור הייסט עס, רעדט שוין פאַר זיי ביידן, דאָס מויל מאַכט זיך אים נישט צו! זינט איך לעב האָב איך נישט געזען, אַ מענטש זאָל אַזוי ליב האָבן פּלאַפּלען און פּלוידערן, דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואָס, און בשעת־מעשה לאַכן דריבנינקעשקע מיט אַ קליין געלעכטערל. דאָס ווערט אָנגערופן ביי אונדז: אַליין געזאָגט אַ חכמה, אַליין געלאַכט... אחוץ אונדז דריי זיצט נאָך אין פאַרשווין ביים טיש, אַ נפש מיט רויטע באַקן, איך ווייס נישט, ווער ער איז און וואָס ער איז, נאָר אַן אכלער, ווייזט אויס, דאַרף ער זיין נישט קיין קליינער, וואָרום די גאַנצע צייט, וואָס דער פדהצור האָט גערעדט און געלאַכט, האָט ער געפּאַקט אין די באַקן, ווי אין פּרק שטייט געשריבן: שלשה

ש א כ ל ו — ער האָט געגעסן פאר דריי... דער האָט געגעסן, און יענער האָט גערעדט, און אַלץ עפּעס אַזעלכע פּוסטע זאכן, וואָס קריכן מיר נישט אין דער לינקער פּאה: פּאַדראַד, גובערנסקע פּראַוולעניע, אודעלני וועדאָמאָסט, קאַזנאַמשייסטווע, יאַפּאָניע... פון אַלצדינג האָט מיך אינטערעסירט נאָר איין יאַפּאָניע, ווייל מיט יאַפּאָניע האָב איך מיך אָנגעקערט א שטיקל מחותן. בשעת מלחמה, ווייסט איר דאָך, זיינען פערד געוואָרן בחשיבות גדול, מע האָט זיי געזוכט מיט ליכט, האָט מען געטראָפן מסתמא צו מיר אויך און מע האָט גענומען מיין פערדל צום סמיק, אויסגעמאָסטן מיט אַן ארשין, א טרייב געטאָן אהין־אהער און מע האָט דעם געגעבן א ווייסן בילעט. האָב איך זיי געזאָגט, זאָג איך: „איך האָב געוווּסט פריער, זאָג איך, אז ס'איז אומזיסט אייער טרחה, ווי אין פסוק שטייט: י ו ד ע צ ד י ק נ פ ש ב ה מ ת ו — נישט טביהס פערד נייט אויף מלחמה”... נאָר האָט קיין פאריבל נישט, פּאַניע שלום־עליכם, איך מיש אייך איינס מיטן אַנדערן און קאָן אַזוי חלילה אראָפּשלאָגן זיך פונעם שליאַך. ווי זאָגט איר, נ ח ז ו ר ל ע נ י נ נ ו — לאָמיר בעסער גיין צום עיקר המעשה.

בקיצור, האָבן מיר, הייסט עס, גאַנץ פיין אויסגעטרונקען און פאַרביסן, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן, און אַז מען איז אויפגעשטאַנען פונעם טיש, נעמט ער מיך, פדהצור הייסט עס, אונטער דער האַנט און פירט מיך אריין אין א באַזונדער קאַבינעט אריין, אויפגעפּוצט כיד המלך — מיט ביקסן און מיט שפּיזן אויף די ווענט און מיט הארמאַטן אויפן טיש, און זעצט מיך אוועק אין א מין דיוואַן, ווייך ווי פּוטער, און נעמט ארויס פון א גאָלדענער פּושקע צוויי גרויסע גראָבע שמעקעדיקע ציגארן און פאַרדרייכערט, איינע זיך, די אַנדערע מיר, און זעצט זיך אוועק אַקעגן מיר, ציט אויס די פיס און מאַכט צו מיר אַזוי: „ווייסט איר, וואָס איך האָב געשיקט נאָך אייך?” „אהא!” — קלער איך מיר. — אָט דאָס וויל ער מסתמא א שמועס טאָן מכוח אַכצן און דרייצן”. נאָר איך מאַך מיך תמעוואַטע און רוף מיך אָן צו אים אַזוי: „ה ש ו מ ר א ח י א נ כ י — פון וואַנען זאָל איך וויסן?” מאַכט ער צו מיר: „איך האָב געוואָלט רעדן מיט אייך טאַקע וועגן אייך אַליין”. „א סלוזשבע”, טראַכט איך מיר און טו א מאַך צו אים: „אבי נאָר עפּעס גוטס, מהיכא־תיתי, לאָמיר האָרכן”. נעמט ער ארויס דעם ציגייער פון די ציין, פדהצור הייסט עס, און הייבט מיר אָן מיט א גאַנצער דרשה: „איר זענט, זאָגט ער, א ייד נישט קיין נאר און וועט קיין פאריבל נישט האָבן, וואָס איך וועל מיט אייך רעדן אָפנטלעך. איר דאַרפט וויסן, זאָגט ער, אז איך פיר גרויסע

געשעפטן, און אז מע פירט אזעלכע גרויסע געשעפטן, ווי איך..." „יאָ, טראַכט איך מיר, דאָס מיינט ער מיך", — און איך האָב איבער אין מיטן אונטערגעכאַפּט און רוף מיך אָן צו אים: „ווי די גמרא זאָגט, זאָג איך, שבת אין פּרק: מ ר ב ה נ כ ס י ם מ ר ב ה ד א ג ה. ווייסט איר, זאָג איך, דעם פּשט פון דער גמרא?" ענטפערט ער מיר אָפּ גאַנץ אָפּנטלעך: „איך וועל אייך זאָגן, זאָגט ער, דעם ריינעם אמת, זאָגט ער, איך האָב, זאָגט ער, קיין גמרא קיינמאָל נישט געלערנט, זאָגט ער, און איך ווייס אפילו נישט, זאָגט ער, וואָסער פּנים זי האָט". אזוי זאָגט ער צו מיר, פֿרהצור הייסט עס, און צעלאַכט זיך דריבניטשקע מיט זיין קליין געלעכטערל. איר פאַרשטייט אָן עסק? דאַכט מיר, אז גאָט האָט דיך געשטראָפט, ביזט אַן עם־הארץ, טאָ לאָז כאָטש זיין כאַטאַ פּאָקרישקע, וואָס דאַרפסטו זיך נאָך באַרימען דערמיט? אזוי טראַכט איך מיר און מאַך צו אים: „איך האָב אייך טאַקע אזוי געשאַצט, זאָג איך, אז צו די זאַכן זענט איר נישט שייך, נאָר לאָמיר, זאָג איך, הערן, וואָס ווייטער?" מאַכט ער צו מיר: „ווייטער האָב איך אייך געוואָלט, זאָגט ער, זאָגן, אז צו מיינע געשעפטן מיט מיין נאָמען, זאָגט ער, מיט מיין פּאָלאָזשעניע, פּאַסט מיר נישט, זאָגט ער, אָט דאָס, וואָס מע רופט אייך, זאָגט ער, טביה דער מילכיקער. איר דאַרפט וויסן, זאָגט ער, אז איך בין באַקאַנט ליטשנע מיטן גובערנאַטאָר, זאָגט ער, און צו מיר אין שטוב אריין, זאָגט ער, קאָן אַמאָל קומען א בראָצקי, א פּאָליאַקאָוו, און אפשר א ראָטשילד אויך, טשעם טשאָרט ניע שוטיט?"... אזוי מאַכט ער צו מיר, פֿרהצור הייסט עס, און איך זיץ און קוק אויף זיין גלאַנצנדיקע ליסינע און טראַכט מיר: „עס קאָן זייער זיין, אז דו קענסט זיך ליטשנע מיטן גובערנאַטאָר און אז ראָטשילד זאָל אַמאָל קומען צו דיר, אין שטוב אריין, נאָר רעדן רעדסטו, ווי א כלב שבכלבים"... און איך רוף מיך אָן צו אים שוין אביסל מיט פאַרדראָס: „וואָס־זשע, זאָג איך, טוט מען דערצו, טאַטע, זאָג איך, קומט טאַקע צו אייך אַמאָל ראָטשילד?" מיינט איר דאָך, אז ער פאַרשטייט דעם שמאָך? ל א ד ו ב י ם ו ל א י ע ר — עס הייבט זיך גאָרנישט אָן!

„איך האָב געוואָלט, זאָגט ער, אז איר זאָלט אויסקוואַרפן, זאָגט ער, אָט דאָס מילכיקס, און זאָלט זיך פאַרנעמען, זאָגט ער, מיט עפּעס אַנדערש". „דהיינו, זאָג איך, מיט וואָס?" „מיט וואָס איר ווילט, זאָגט ער, ווינציק געשעפטן, זאָגט ער, פאַראַן אויף דער וועלט? איך וועל אייך, זאָגט ער, אונטערהעלפן מיט געלט, וויפל מע וועט באַדאַרפן, אבי, זאָגט ער, איר זאָלט ווערן אוים טביה דער מילכיקער. אָדער שאַט, זאָגט ער, ווייסט איר וואָס? טאָמער וואָלט איר, זאָגט ער, גאָר אײנס־צוויי־דריי

אוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע? האַ?" אַזוי מאַכט ער צו מיר, רוקט אַריין
דעם ציגייער אין די ציין אַריין און קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין,
און די ליסינקע גלאַנצט... נו? וואָס ענטפֿערט מען אַזאַ גראָבן יונג?
תּחילת האָב איך מיר געטראַכט: „וואָס זיצסטו, טביה, ווי אַ ליימענער
גולם? הייב דיך אויף, טו אַ קוש די מזוזה, גיב אַ קלאַפּ מיט דער טיר
און הלך לעולמו — פּאַשאָל אָן אַ זייַ־געזונט!"... אַזוי שטאַרק
האָט דאָס מיך אַ נעם געטאָן ביי דער לעבער!... „אָן עזות פֿון אַ פֿאַר־
ראַטשיק! וואָס הייסט, דו הייסט מיך אוועקוואַרפֿן אָן ערלעכע בכבודע
פּרנסה און פֿאָרן קיין אַמעריקע? באַשר טאָמער וועט צו דיר אַמאָל קור־
מען ראָטשילד, בכן דאַרף טביה דער מילכיקער לויפֿן אין דער וועלט
אַריין?!"... און דאָס האַרץ קאָכט אין מיר ווי אַ קעסל, און אַביסל
אויפֿגעטראָגן בין איך נאָך פֿון פֿריער; מיך האָט געברענט אויף איר,
טאַקע אויף מיין ביילקען: „וואָס זיצסט דו דאָרטן, ווי אַ בת־מלכה, צווישן
די הונדערט זייגערס מיט די טויזנט שפּיגלען, בשעת מע טרייבט דאָ
דיין טאַטן, טביהן, קאַליסטראַי, אויף הייסע קוילן? לאָם איך האָבן די
ברכות, טראַכט איך מיר, וואָס דיין שוועסטער הודל האָט בעסער גע־
מאַכט פֿון דיר! וואָס אמת איז אמת, זי האָט נישט אַזאַ שטוב מיט אַזוי
פֿיל שמאָכטעליאַקעס, ווי דו, דערפֿאַר האָט זי אָבער אַ מאַן, אַפּעפּערל,
איז ער דאָך אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי ער אַליין איז ביי זיך הפקר, און
דער גאַנצער עיקר איז די וועלט... און דערצו האָט ער אַ קאָפּ אויף
די פּלייצעס, נישט קיין לאָקשנטעפּל מיט אַ גלאַנצנדיקער ליסינע, און
אַ פּיסק האָט פּעפּערל — איז דאָך עס גאָלד מיט גאָלד! אים, אַז איר
זאָגט אַ פּסוק, גיט ער אייך דריי פּסוקים כּדאַטשע! וואַרט אויס, פֿאַר־
ראַטשיק מיינער, אָט וועל איך דיר באַלד אַריינהאַקן אַ פּסוק, וועט
דיר ווערן פֿינצטער אין די אויגן!"... אַזוי טראַכט איך מיר און רוף מיך
אָן צו אים בזה הלשון: „מילא, זאָג איך, וואָס די גמרא איז פֿאַר אייך
אַ סוד, בין איך, זאָג איך, אייך מוחל; אַז אַ ייד זיצט אין יעהופּעץ
און הייסט פּדהצור און איז אַ פּאָדראַטשיק, מעג, זאָג איך, די גמרא
ליגן אויפֿן בוידעם. אָבער אַ פּראָסטן פּסוק, זאָג איך, דאָס וועט דאָך
שוין פֿאַרשטיין, זאָג איך, אַ גוי אין פּאָסטעלעס אויך. איר ווייסט דאָך,
זאָג איך, וואָס דער תרגום אונקלוס זאָגט אויף לבן הארמי: מ ז נ ב ת א
ד ח ז י ר ת א ל א מ א כ א נ ת ש ט ר י י מ י ל ת א ?"... קוקט ער אויף
מיר, ווי אַ האָן אין בני אָדם, און מאַכט צו מיר: „וואָס־זשע הייסט עס?"
„דאָס הייסט, זאָג איך, אַז פֿון אַ חזירישן עק קאָן מען קיין שטריימל
נישט מאַכן". „אַקעגן וואָס, זאָגט ער, זאָגט איר דאָס?" „אַקעגן דעם, זאָג
איך, וואָס איר הייסט מיך פֿאָרן קיין אַמעריקע". צעלאַכט ער זיך דריב־

ניטשקע און מאכט צו מיר: „אמעריקע נישט, איז אפשר קיין ארץ־ישראל? אלע אלטע יידן פארן קיין ארץ־ישראל"... אזוי ווי ער האט דאס מיר אויס־גערעדט, אזוי איז דאס מיר אריין, ווי אן אייזערנער טשוואק אין מוח אריין: „שא! אפשר איז דאס גארנישט אזוי קרום, טביה, ווי דו מיינסט? אפשר איז דאס טאקע א פלאן? ווארום איידער האבן אזא נחת פון קינדער, ווי דו האסט, איז אפשר שוין גלייכער ארץ־ישראל? בהמה! וואס שטעלסטו דא איין און וועמען האסטו דא? דיין גאלדע עליו השלום ליגט דאך שוין במילא אין דער ערד, און דו אליין, נישט אויס־גערעדט זאל זיין, ליגסט דען נישט ניין איילן אין דער ערד? ביז וואר־נען איז דער שיעור צו טאפטשען זיך אויף דער וועלט?"... און אגב דארפט איר וויסן, פאניע שלום־עליכם, אז מיך ציט שוין לאנג אהין, קיין ארץ־ישראל; איך וואלט א בעלן געווען זיין ביי דער כותל־מערבי, מערת־המכפלה, דער מוטער רחלס קבר, אנקוקן מיט מיינע אויגן דעם ירדן, דעם בארג סיני, דעם ים־סוף, פיתום מיט רעמסס, ווי זיי זעען אויס, וכדומה אזעלכע זאכן. און מיינע מחשבות טראגן מיך אוועק אהין, אינעם געבענטשטן לאנד כנען, ווי זאגט איר, ארץ זבת חלב ודבש. שלאגט ער מיר איבער, פדהצור הייסט עס, מיינע רעיונות סאמע אין מיטן און רופט זיך אן צו מיר: „נו? וואס דארף מען דא, זאגט ער, אזוי לאנג טראכטן? איינס־צוויי־דריי"... „ביי אייך, זאג איך, איז, ברוך־השם, אלצדינג איינס־צוויי־דריי, ווי די גמרא זאגט, זאג איך: הא גברא והא טרסקא... און ביי מיר, זאג איך, איז דאס א הארב שטיקל משניות, ווארום אויפהייבן זיך, זאג איך, און פארן קיין ארץ־ישראל, דארף מען, זאג איך, האבן מיט וואס"... צעלאכט ער זיך ידריבניטשקע מיט זיין קליין געלעכטערל, שטייט אויף, גייט צו צום טיש, עפנט אויף א טיש־קעסטל און נעמט ארויס פון דארטן א טייסטער און ציילט מיר אפ אחת ואחת, לאז זיך אייך דאכטן, א שיינע מטבע. און איך בין דווקא נישט פויל אויף דער פען און נעם צונויף דאס ביסל פאפיר — ידער כוח פון געלט — און לאז עס אראפ העט ווייט אין קעשענע, און וויל אים זאגן כאטש א פאר פסוקים מיט א מדרש, וואס זאל פאר־ענטפערן ארום און ארום, הערט ער מיך ווי דעם קאטער און מאכט צו מיר: „אט דאס וועט אייך זיין, זאגט ער, גענוג ביז אהין איבערן קאפ, און אז איר וועט קומען, זאגט ער, אויפן ארט און וועט דארפן געלט, זאלט איר שרייבן, זאגט ער, א בריוו, וועט מען אייך איינס־צוויי־דריי באלד ארויסשיקן געלט. און הערמאנען אייך נאך אמאל וועגן פארן, זאגט ער, פארשפארט מען דאך, ווארום איר זענט דאך, זאגט ער, עפעס א ייד מיט יושר און מיט סאוועסט"... אט אזוי מאכט ער צו מיר, פדה־

צוּר הייסט עס, און צעלאכט זיך דריבניטשקע מיט זיין קליין געלעכטערל, וואָס קריכט גלייך אין די קישקעס אריין. און עס פליט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ: „טאָמער וואָלסטו אים אַ שמיץ געטאָן חאָם געלט צוריק אין פּנים אריין און אים דערציילט דעם פּסוק, אַז טביהן קויפט מען נישט פאַר געלט און מיט טביהן שמועסט מען נישט פון יושר און פון סאָוועסט?“... נאָר אוידער איך עפן אַ מויל אויף צו רעדן, טוט ער אַ קלונג און רופט אריין בייִלקען און מאַכט צו איר: „דושענקע, דו ווייסט? דיין פאָטער וואַרפט דאָך אונדז אַוועק, ער פאַרקויפט אונדז אַלץ, וואָס ער האָט, און פאָרט אַרויס אײנס־צוויי־דריי קיין ארץ־ישראל“... „ח ל ו ם ח ל מ ת י ו א י נ י י ו ד ע — וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הייִנטיקע נאַכט!“... אַזוי טראַכט איך מיר און קוק אויף מיין בייִלקען — איר זאָלט זאָגן, זי זאָל זיך עס אַפּילו פאַרקרימען. שטייט ווי אַ בוים, קיין טראָפּן בלוט אין פּנים, קוקט פון אים אויף מיר, פון מיר אויף אים, און קיין איינציק וואָרט! איך, אויף איר קוקנדיק, שווייג אויך, שווייגן מיר, הייסט עס, אַלע בײדע, ווי אין תהלים שטייט: ת ד ב ק ל ש ו נ י — עס האָט אונדז אָפּגענומען דאָס לשון. דער קאָפּ דרייט זיך מיר, די שליפן קלאַפּן מיר, ווי פון אַ טשאַד. פון וואָס זאָל עס זיין? — טראַכט איך מיר. — אַפּנים, דאָס איז פונעם שיינעם ציגאַר, וואָס ער האָט מיר געגעבן רויכערן? אָט רויכערט דאָך אָבער ער אויך, פֿרהצור הייסט עס! ער רויכערט און רעדט, דאָס מויל מאַכט זיך אים טאַרנישט צו, כאָטש די אייגעלעך קלעפּן זיך אים, עס גלוסט זיך אים, ווייזט אויס, כאַפּן אַ דרימל. „פאָרן דאַרפט איר, זאָגט ער צו מיר, פון דאַנען קיין אָדעס, זאָגט ער, מיטן קורייער, און פון אָדעס מיטן ים אויש ביז יפו, און פאָרן מיטן ים, זאָגט ער, איז די בעסטע צייט נאָר איצט, וואָרום, זאָגט ער, שפּעטער הייבן זיך אָן די ווינטן מיט די שנייען, מיט די בערעס, מיט, מיט, מיט...“ אַזוי זאָגט ער און די צונג פּלאָנטעט זיך אים שוין, אַזוי ווי איינער, וואָס וויל שלאָפן, נאָר ער הערט נישט אויף צו קלאַפּן ווייטער: „און אַז איר ווערט זיין, זאָגט ער, פאַרטיק צו דער נסיעה, זאָלט איר אונדז, זאָגט ער, געבן צו וויסן, ווועלן מיר אַרויס־פאָרן, זאָגט ער, ביידע צום וואָקזאַל מיט אייך זיך אָפּגעזעגענען, וואָרום ווען קאָנען מיר זיך שוין זען?“ אַזוי לאָזט ער אויס, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט אַ גרויסן גענעץ, שטייט אויף און רופט זיך אָן צו איר, צו בייִלקען הייסט עס: „דושענקע, ווייסט, זאָגט ער, זיצן דאָ אַביסל, און איך וועל, זאָגט ער, גיין זיך צולייגן אַ ווײַלע“. „האָסטו נאָך קיינמאָל אַזאַ גלייכס נישט געזאָגט, ווי איך בין אַ ייד! אַצינד וועל איך כאָטש

האָבן צו וועמען מיין בימער הארץ אויסצולאָזן". אזוי טראכט איך מיר און וויל מיך געבן א נעם צו מיין ביילקען, איך אויסלאמערן אלצדינג, וואָס האָט זיך צונויפגעזאמלט ביי מיר פאר חעם גאנצן פרימאָרגן, — ערשט אַז זי טוט א פאל צו מיר אויפן האלדז, ביילקע הייסט עס, און הייבט אָן צו וויינען, אָבער ווי אזוי, מיינט איר, וויינען? מיינע טעכ־טער, נישט געדאכט זאָלן זיי ווערן, האָבן אלע אזא טבע: פריער מענטשלען זיי זיך און בריהן זיך, און קומט צו עפּעס — וויינט מען, ווי א בערעזענע. אַט נעמט, למשל, מיין עלטערע טאָכטער, האָדל הייסט עס: קארג האָט זי איינגעלייגט די וועלט אין דער לעצטער מינוט, בשעת זי האָט באדארפט אוועקפאָרן אַפּריכטן גלות מיט איר פעפערל אין די קאלטע מדינות? נאָר וויס איך, ס'א דמיון! יענע דאָרף ביי איר הייצן די הרובע!

איך וועל אייך זאָגן דעם רעכטן אמת: איך אליין, ווי איר קענט מיך שוין אביסל, בין נישט קיין מענטש פון טרערן. גוט וויינען האָב איך געוויינט נאָר איין מאָל, בשעת מיין גאָלדע עליו השלום איז געלעגן אויף דער ערד, און נאָך איינמאָל האָב איך מיך גאנץ געשמאַק אויס־געוויינט, בשעת האָדל איז אוועקגעפאָרן צו איר פעפערל, און איך בין געבליבן אויפן וואָקזאל, ווי א גרויסער נאָר, איינער אליין מיט מיין פערדל, און נאָך עפּעס א פאָר מאָל האָט זיך געטראָפן, וואָס איך האָב מיך אביסל, ווי זאָגט איר, צעיאָכמערט, און ווייטער געדענק איך עפּעס נישט, איך זאָל האָבן א טבע פון וויינען. נאָר ביילקע מיט אירע טרערן האָבן מיך אזוי פארקלעמט ביי דער נשמה, אז איך האָב מיך נישט גע־קאָנט איינהאלטן, און איך האָב שוין נישט געהאט דאָס הארץ אפילו, איך זאָל איר זאָגן א קרום וואָרט. מיט מיר באדאַרף מען קיין סך נישט רעדן: איך הייס טביה. איך האָב באלד פארשטאַנען אירע טרערן. דאָס איז נישט געווען גלאט אזוי זיך טרערן. דאָס זיינען געווען, פארשטייט איר מיך, טרערן פון על חטא שחטאתי לפניך בנישט פאָלגן א טאָטן... און אַנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל זי מכבד זיין, ווי זי איז ווערט, און אויסגיסן כל חמתי אויף איר פּדהצורן, האָב איך גאָר גע־נומען אויסרעדן איר דאָס הארץ מיט אזא משל און מיט אזא משל, ווי טביה קאָן. הערט זי מיך אויס, ביילקע הייסט עס, און מאכט צו מיר: „ניין, טאַטע, נישט דאָס,זאָגט זי, ווײַן איך. איך האָב צו קיינעם, זאָגט זי, קיין טענות נישט, נאָר אַט דאָס, זאָגט זי, וואָס דו פאָרסט אוועק, זאָגט זי, איבער מיר און איך קאָן, זאָגט זי, דערצו גאָרנישט העלפן, אַט דאָס, זאָגט זי, בראָט מיך". „גיי שוין, גיי, זאָג איך, דו רעדסט, זאָג איך, ווי א קינד, האָסט פארגעסן, זאָג איך, אז מיר האָבן גאָך

אַ גרויסן גאָט און אַז דיין טאַטע איז נאָך, זאָג איך, ביי אַלע חושים. ביי דיין טאַטן, זאָג איך, שפּילט אַ ראָל זיך דורכפאָרן קיין ארץ־ישׂראל און קומען צוריק, ווי אין פּסוק, זאָג איך, שטייט געשריבן: "ויסעו ויחנו" — טודא אי נאַזאַד"... אַזוי רעד איך איר אויס דאָס האַרץ, און אינעווייניק ביי זיך טראַכט איך מיר: "טביה, דו ליגסט! פאַרסטו אַוועק קיין ארץ־ישׂראל, איז עליו השלום — אויס טביה!"... און פּונקט ווי זי וואָלט טרעפן מיינע געדאַנקען, מאַכט זי צו מיר אַזוי: "ניין, זאָגט זי, טאַטע, אָט אַזוי טרייסט מען אַ קליין קינד; מע גיט דעם, זאָגט זי, אַ ליאַלקע, אַ שפּילעכל אין די הענט אַריין און מע דערציילט דעם, זאָגט זי, אַ שיינע מעשׂה פון אַ ציגעלע אַ ווייסע... אויב, זאָגט זי, שוין יאָ דערציילן אַ מעשׂה, וועל איך, זאָגט זי, דיר דערציילן, נישט דו מיר. נאָר די מעשׂה, וואָס איך וועל דיר דערציילן, טאַטע, איז מער טרויעריק, ווי שיין".

אָט אַזוי מאַכט זי צו מיר,ביילקע הייסט עס; טביהס טעכטער רעדן נישט גלאַט. און זי נעמט און זי ליגט מיר אַוועק אַ מעגילה־לשון, אַ גאַנצע מגילה, אָדער אַ מעשׂה פון טויזנט־און־איין־נאַכט, ווי אַזוי אָט דער פּדהצור איר ער איז פון קליין גרויס געוואָרן, אויסגעוואַקסן פון סאַמע נידעריקסטן גראַד, זיך אַליין מיט זיין אייגענעם שׂכל אַרויפגעשלאָגן אויף דער העכסטער מדרגה, און איצט וויל ער דערהגרייכן דערצו, אַז צו אים אין שטוב אַריין זאָל קומען בראָצקי, שיט ער מיט נדבות, וואַרפט מיט טויזנטער. נאָר אַזוי ווי געלט אַליין איז נאָך ווינציק, מע דאַרף נאָך האָבן יחוס אויך, לייגט ער איין די וועלט, פּדהצור הייסט עס, צו באַווייזן, אַז ער איז נישט קיין אבי ווער, באַרימט זיך, אַז ער שטאַמט פון די גרויסע פּדהצורס, אַז זיין טאַטע איז אויך געווען אַ באַרימטער פּאַדראַטשיק. — "כאָטש, זאָגט זי, ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך ווייס, אַז ער איז געווען אַ קלעזמער. הייַנט, זאָגט זי, דערציילט ער אַלעמען, אַז זיין ווייבס טאַטע איז געווען אַ מיליאָנשטשיק"... "וועמען, זאָג איך, מיינט ער דאָס? מיך? אפשר איז מיר, זאָג איך, באַשערט געווען אַמאָל צו האָבן מיליאָנען, זאָג איך, זאָל איך דערמיט אָפּקומען". "וואָס ווייסטו, טאַטע, זאָגט זי צו מיר, ווי עס פלאַמט מיר מיין פּנים, אַז ער שטעלט מיך פאָר, זאָגט זי, פאַר זיינע באַקאַנטע און הייבט זיי אָן דערציילן גרויסקייט פון מיין טאַטן און פון מיינע פעטערס און פון מיין גאַנצער משפּחה, אַזעלכע זאַכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, און מע מוז דאָס, זאָגט זי, אַלצדינג אויסהערן און מאַכן אַ שווייג, וואָרום ער איז, זאָגט זי, אויף די זאַכן אַ גרויסער קאַפּריזניק". "ביי דיר, זאָג איך,

הייסט דאָס אַ קאַפּריזניק, און ביי אונדז, זאָג איך, ווערט דאָס אָנגערופן פּשוט אַ נכפּהניק, זאָג איך, אָדער אַ מה־יעשהניק". „ניין, זאָגט זי, מאַמע, דו קענסט אים נישט, ער איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער, ווי דו מיינסט; ער איז נאָר אַ מענטש, וואָס אַ מינוט איז ער אַזוי און אַ מינוט איז ער אַנדערש. ער האָט, זאָגט זי, אַ גוט האַרץ און אַ ברייטע האַנט. אים אַז מע מאַכט, זאָגט זי, אַ קרום פּנים, און אַבי מע טרעפט די גוטע מינוט, וועט ער אַוועקגעבן די נשמה, און ווער שמועסט, זאָגט זי, פון מיינעטוועגן — איז דאָס טעלערל פון הימל! דו מיינסט, זאָגט זי, איך האָב אויף אים שוין גאָר קיין שום שליטה נישט? אָט האָב איך ביי אים נישט לאַנג געפּועלט אַרויסראַטעווען האָדלען מיט איר מאַן פון די ווייטע גוביערניעס. ער האָט מיר, זאָגט זי, געשוואוירן, אַז ער וועט זיך לאָזן קאָסטן אַ סך טויזנטער, נאָר מיט איין תנאי, אַז זיי זאָלן פון דאָרטן אַוועק גלייך קיין יאַפּאַניע". „וואָס עפּעס קיין יאַפּאַניע, זאָג איך, פאַר וואָס נישט קיין אינדיע, אָדער, למשל, קיין פּדן־אַרם צו דער מלכה־שבאָ?" „ווייל אין יאַפּאַניע, זאָגט זי, האָט ער געשעפטן, אויף דער גאַנצער וועלט, זאָגט זי, האָט ער געשעפטן; וואָס אים קאָסט אָפּ, זאָגט זי, אַ טאָג נאָר דעפּעשן אַליין, וואָלטן מיר אַלע, זאָגט זי, געהאַט אויף אַ האַלב יאָר צו לעבן. נאָר וואָס קומט מיר אַרויס, זאָגט זי, אַז איך בין נישט איך?"... „עס קומט אויס, ווי מיר זאָגן, זאָג איך, אין פּרק: אם אין אני לי מי לי — איך בין נישט איך, דו ביסט נישט דו"... אָט אַזוי זאָג איך צו איר מיט אַ ווערטל און מיט אַ פּסוק, כאָטש דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן אויף שטיקער, זעענדיק, ווי מיין קינד ווערט נעבעך פאַרשוואַרצט, ווי זאָגט איר, אין עושר און אין כבוד... „דיין שוועסטער האָדל, זאָג איך, וואָלט נישט אַזוי געטאָן"... שלאָגט זי מיר איבער, ביילקע הייסט עס, און מאַכט צו מיר אַזוי: „איך האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָגט זי, אַז צו האָדלען זאָלסטו מיך, טאַטע, נישט גליכן. האָדל האָט געלעבט, זאָגט זי, אין האָדלס צייטן, און ביילקע, זאָגט זי, לעבט אין ביילקעס צייטן... פון האָדלס צייטן, זאָגט זי, ביז ביילקעס צייטן, איז אַזוי ווייט, זאָגט זי, ווי פון דאַנען קיין יאַפּאַניע"... איר פאַרשטייט דעם פּירוש־המלות פון אַזאַ מין תרגום־לשון?

בקיצור, איך זע, איר כאַפּט זיך, פּאַניע; נאָך צוויי מינוט, און אַ סוף צו אַלע מעשות. אָנגעגעסן זיך זאַט מיט צרות און יסורים פון מיין גליקלעכער מיזינקע, בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט אָבֿל וחפוי ראש — אַ צעבראָטענער, אַ צעבראָכענער, און האָב געגעבן אַ שליידער אין דער ערד אַריין דעם ציגייער, וואָס האָט מיר פאַרמשאַ־

רעט מײַן קאָפּ, און רוף מיך אָן צו אים, צום ציגײַער, הייסט עס: „גיין זאָלסטו כּפּרהקלע, אַ רוח אין דײַן טאַטנס טאַטנס ערד אַרײַן!" „וועמען איז, רב טביה?" הער איך אַ קול הינטער מײַנע פּלייצעס. איך הייב אויף דעם קאָפּ, איך טו אַ קוק — ס'איז ער, אפרים דער שדכן, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן! „ברוך־הבא, אַ ייִד, זאָג איך, וואָס טוט איר דאָ?" „וואָס, זאָגט ער, טוט איר דאָ?" „געווען, זאָג איך, צוגאַסט בײַ מײַנע קינדער". „וואָס, זאָגט ער, מאַכן זיי?" „וואָס, זאָג איך, זאָלן זיי מאַכן? חוץ זייער שאָדן אויף אונדז בײַדן געזאָגט געוואָרן!" „ווי איך זע, זאָגט ער, זענט איר רעכט צופֿרידן מיט מײַן סחורה?" „נאָך אַ מין צופֿרידן, זאָג איך, גאָט זאָל אײַך ממלא זײַן, זאָג איך, בכפל כּפלים". „אַ דאַנק אײַך, זאָגט ער, פֿאַר דער ברכה, אפֿשר וואָלט איר מיר נאָך, זאָגט ער, צו דער דאָזיקער ברכה צו קויפֿן אַ מתּנה?" „איר האָט הען נישט גענומען, זאָג איך, קיין שדכנות?" „נישט מער, זאָגט ער, זאָל ער פֿאַרמאָגן, טאַקע אײַער פּדהצור אַליין". „וואָס איז דען, זאָג איך, ווינציקלעך רח"ש?" „נישט אַזוי ווינציק, זאָגט ער, ווי מיט אַ גוט האַרץ געגעבן". „דהיינו?" „דהיינו, ס'איז שוין נישטאָ, זאָגט ער, אַ גראָשן". „וווּ איז דאָס, זאָג איך, אַהינגעקומען?" „חתונה געמאַכט, זאָגט ער, אַ טאָכטער". „מזל־טובֿ אײַך, זאָג איך, לאָז גאָט געבן, ס'זאָל זײַן מיט מזל, איר זאָלט אָן זיי דערלעבן, זאָג איך, גרויס נחת"... „אַ שיינעם נחת, זאָגט ער, האָב איך אָן זיי דערלעבט. איך האָב, זאָגט ער, דערטאַפּט אין אײדעם אַ שאַרלאַטאַן, געהרגעט, זאָגט ער, געשלאָגן די טאָכטער, צוגענומען די עטלעכע גילדן און אַוועק, זאָגט ער, קיין אַמעריקע". „למאַי האָט איר אים, זאָג איך, געלאָזט פֿאָרן אַזוי ווײַט?" „וואָס האָב איך אים, זאָגט ער, געזאָלט טאָן?" „איר האָט געזאָלט, זאָג איך, אים אָנזאָלצן אויפֿן עק"... „ס'איז אײַך, אפֿנים, זאָגט ער, גוט אויפֿן האַרצן, רב טביה?" „הלוואַי, זאָג איך, אויף אײַך געזאָגט געוואָרן, רבונו של עולם, כאָטש האַלב!" „אַזוי גאָר? און איך האָב אײַך, זאָגט ער, געשאָצט, אַז איר זענט אַ ייִד אַ נגיד; ווי באַלד אַזוי, זאָגט ער, נאָטזשע אײַך אַ שמעק טאַבעק"... אָפּגעפּטרט דעם שדכן מיט אַ שמעק מאַבעס, בין איך געקומען צו פֿאָרן אַהיים און האָב מיך גענומען אויספֿאַרקויפֿן מײַן באַלעבאַטישקייט פֿון אַזוי פֿיל יאָרן. מאַלט אײַך, נישט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. איטלעכס טעפּל מיט איטלעכס נאַרישקייט האָט בײַ מיר צוגענומען אַ שטיק געזונט. די זאַך האָט מיך דערמאָנט גאָלדען עליו השלום, יענע זאַך האָט מיך דערמאָנט די קינדער, זיי צו לענגערע יאָר. נאָר קיין זאַך האָט מיר נישט דערלאַנגט אַזוי טיף, ווי דאָס פֿערדל מײַנס. אַקעגן מײַן פֿערדל האָב איך מיך געפֿילט

עפּעס חיוב... סטייטש, אָפּגעהאָרעוועט מיט העם אזוי פיל יאָרן, איינ־נעם געבידעוועט, איינעם פאַרשוואַרצט געוואָרן, און פּלוצעם גענומען און פאַרקויפט! פאַרקויפן האָב איך דאָס פאַרקויפט צו א וואַסער־פירער, וואָרום פון די באַלעגאָלעס קאָן מען נאָר מבוזה ווערן. איך קום צו זיי פאַרקויפן מיין פערדל, מאכן זיי צו מיר: „גאָט איז מיט אייך, רב טביה, ס'איז דען ביי אייך א פערד?" „וואָס דען, זאָג איך, איז דאָס, א הענג־לייכטער?" „ס'איז ביי אייך, זאָגן זיי, נישט קיין הענגלייכטער, נאָר א ל"ווניק". „וואָס הייסט דאָס, זאָג איך, א ל"ווניק?" „דאָס הייסט, זאָגן זיי, א זקן פון זעקס און דרייסיק יאָר, אָן א סימן פון ציין, מיט א גרויע ליפּ, און טרייסלט מיט די זייטן, ווי אן אַלטע ייִדענע ערב שבת אויפן פּריפּעטשיק"... געפעלט אייך אזא מין באַלעגאָלע־שפּראַך? איך וועל אייך גיין שווערן, אז דאָס פערדל נעבעך האָט פאַרשטאַנען איטלעכס וואָרט, ווי אין פּסוק שטייט: ידע שור קונהו — א סקאָטינע פילט, אז מע האַלט דאָס ביי פאַרקויפן. א סימן האָב איך, אז בשעת איך האָב צוגעקלאַפּט העם וואַסער־פירער און געזאָגט צו אים: „מיט מזל־וברכה", האָט מיין סוס פּלוצעם אויסגעדרייט צו מיר די חנעוודיקע מאָרדע און קוקט אויף מיר מיט שטומע אויגן, ווי אייגער רעדט: „זה חלקי מכל עמלי — אָט אזוי דאַנקסטו מיר אָפּ פאַר מיין סלוזשבע?"... איך כאַפּ א קוק אויף מיין פערדל דאָס לעצטע מאָל, ווי דער וואַסער־פירער האָט דאָס גענומען אין די הענט אריין לערנען מיט דעם בלק, און איך בלייב נאָכדעם שטיין אייגער אליין און טראַכט מיר: „רבונו של עולם! ווי שכלדיק דו פירסט דיין וועלטל! אָט האָסטו באַשאַפן א טביהן און האָסט באַשאַפן, להבדיל, א פערד, און בײדע האָבן זיי איין מזל אויף דער וועלט... נישט מער, א מענטש האָט א מויל און קאָן זיך באַטש אויס־מענהן, אויסרעדן דאָס האַרץ, און א פערד, להבדיל, וואָס? משטיינס גע־זאָגט, א שטומע צונג, ווי זאָגט איר: ומותר האדם מן הבהמה"..

. . . .

איך קוקט אויף מיר, פּאַניע שלום־עליכם, וואָס סע האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן, און איר טראַכט זיך אוודאי: „אָט חער טביה האָט זיך פאַרבענקט, אפנים, נאָך זיין פערדל?" וואָס עפּעס נאָכן פערדל, מענטש אייגער? אלצדינג טוט מיר באַנג, און נאָך אַלעמען וועל איך בענקען. איך וועל בענקען נאָכן פערדל, איך וועל בענקען נאָכן דאָרף, איך וועל בענקען נאָכן סטאַראָסטע מיטן אוראַטניק, נאָך די בויי־בעריקער דאַטשניקעס, נאָך די יעהופּיצער נגידים, און אפילו נאָך אפרים דעם שדכן, ס'זאָל אויף אים קומען א מגפה, וואָרום סוף־כל־סוף, אז

מע זאָל װעלן אַרײַנטאָן זיך אַביסל אין חקירה, איז ער דאָך נישט מער, װי אַ ייִד אַן אביון, װאָס זוכט נעבעך פּרנסה. אם ירצה השם, אַז גאָט װעט מיר ברענגען בשלום אַהין, װוּ איך פֿאָר, װײס איך נאָך אַלײן נישט, װאָס איך װעל דאָרט טאָן, נאָר דאָס איז קלאָר, װי דער טאָג, אַז ראשית חכמה װעל איך זײַן בײַ דער מוטער רחל אויפֿן קבֿר. איך װעל דאָרטן בעטן פֿאַר מײַנע קינדער, װאָס איך װעל זײ מן הסתּם שױן קײנמאָל נישט זען, װעל איך אים אױך אײַן זיכען האָבן, אפֿרים דעם שרכן מײַן איך, אים און אױך און כּל ישׂראל. נאָט איך דערװײַל מײַן האַנט תּקיעת־כּף און זײַט מיר געזונט און פֿאַרט געזונט און לאָזט גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

לך-לך

געשריבן אין יאָר 1914

לך-לך

— א שיינעם, א גוטען, א ברייטען שלום־עליכם אויף אייך, פאניע שלום־עליכם! עליכם ועל בניכם! איך קוק שוין אויף אייך לאנג ארויס, ס׳האט זיך אנגעקליבן ביי מיר א היפש ביסל סחורה פאר אייך. איך פרעג מיך אלץ נאך: אי כ ה — פאר וואס זעט מען אייך נישט? זאגט מען מיר, אז איר פארט ארום דארט איבער דער וועלט, אין די ווייטע לענדער ערגעץ, ווי מיר זאגן אין דער מגילה: ש ב ע ו ע ש ר י ם ו מ א ה מ ד י נ ה... נאר מיר דאכט, אז איר קוקט אויף מיר עפעס מאדנע? אפנים, איר קווענקלט זיך און טראכט זיך בשעת־מעשה: „ס׳איז ער, צי נישט ער? ס׳איז ער, פאניע שלום־עליכם, ס׳איז ער! אייער אלטער פריינד טביה, בכבודו ובעצמו, טביה דער מילכיקער, דער אייגענער טביה, נאר אוים מילכיקער, גלאט א ייד, א ייד פון א גאנץ יאר, א ייד א זקן, ווי איר זעט, כאטש אפילו אין יארן גאר נישט אזוי אלט, ווי מיר זאגן אין דער הגדה: ה ר י א נ י כ ב ן ש ב ע י ם — נאך גאנץ ווייט צו זיבעציק! איי, וואס עפעס אזוי ווייס די האר? גלויבט מיר, נישט פאר תענוג, ליבער פריינד. אביסל אייגענע צרות, נישט צו פארזינדיקן, און אביסל פונעם כלל־ישראל — א שלעכטע צייט! א ביטער שטיקל צייט אויף יידן!... נאר איך ווייס, וואס איך קוועטשט. איר קוועטשט אן אנדערע זאך: איר האט זיך דערמאנט מסתמא, אז מיר האבן זיך אמאל געזעגנט, איידער איך האב באדארפט אוועקפארן קיין ארץ־ישראל. על־כן רעכנט איר אוודאי, אז דאס זעט איר שוין טביהן צוריקוועגס, פון ארץ־ישראל הייסט עס, און איר גארט שוין מסתמא הערן עפעס נייעס, אפנעמען א גרוס פון דער מוטער רחלס קבר און פון דער מערת המכפלה און נאך אזעלכע זאכן? באדארף מען אייך בארואיקן, אויב איר האט צייט און ווילט הערן חידושים, אבער טאקע הערן מיט קאפ, ווי אין פסוק שטייט: ש מ ע נ י, וועט איר שוין דערמלט אליין זאגן, אז א מענטש איז א בהמה און אז מיר האבן א שטארקן גאט און ער פירט די וועלט.

בקיצור, וואָס פֿאַר אַ סדרה גייט בײַ אײַך איצט? ויקרא? בײַ מיר גייט אַן אַנדערע סדרה: די סדרה לך־לך. לך־לך — האָט מען מיר פֿערזאָגט — דו זאָלסט אַרויסגיין, טביה, מארצך — פֿון דײַן לאַנד, וממולדתך — און פֿון דײַן דאָרף, וווּ דו ביסט געבוירן און אָפּגעלעבט אַלע דײַנע יאָרן, אל הארץ אשר אראך — וווּהין די אויגן וועלן דיך טראָגן!... און ווען דערמאָנט מען זיך צו זאָגן טביהן דעם דאָזיקן פּסוק? אַקוראַט דעמאָלט, ווען ער איז שוין אַלט און שוואַך און עלנט, ווי מיר זאָגן ראָש־השנה אין די תּפֿילות: אל תשליכנו לעת זקנה!... נאָר איך כאַפּ אײַך איינס פֿאַרן אַנדערן, שיִער פֿאַרגעסן, אַז מיר האַלטן נאָך גאָר פֿון פֿאָרנט און אַז איך האָב אײַך נאָך נישט דערציילט, וואָס אין ארץ־ישׂראל הערט זיך. וואָס זאָל זיך דאָרטן הערן, ליבער פֿרײַנד? אַ לאַנד — אויף אונדז בײדן אַזאַ יאָר! ארץ זבת חלב ודבש — שטייט נאָך אין דער תּורה געשריבן! איין חסרון נאָר, וואָס ארץ־ישׂראל איז אין ארץ־ישׂראל, און איך בין, ווי איר זעט אָטאַ, נאָך דערווײַל אין חוץ־לאָרץ... אויף טביהן, הערט איר, איז, אַפּנים, געזאָגט געוואָרן דער פּסוק פֿון דער מגילה: כאשר אבדתי אבדתי — געווען אַ שלימזל און וועל איך שוין שטאַרבן, דאַכט זיך, אָט־אָט שוין געשטאַנען כּמעט מיט איין פֿוס אויף יענער זײַט, אינעם הייליקן לאַנד הייסט עס, געבליבן נאָר נעמען אַ בילעט, זיך אַרויפֿזעצן אויפֿן שיף און — פּאַשאָל. וואָס־זשע טוט גאָט? איז זיך מיישב, וועט איר הערן אַ שײנס, מײַן עלטערער איידעם, מאָטל קאַמזויל, דער חייט פֿון אַנאַטעווקע, נישט דאָ געדאַכט, נישט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט, און לייגט זיך אַוועקעט אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, און מאַכט אַ שטאַרב! דאָס הייסט, קיין גרויסער גבֿר איז ער נישט געווען קיינמאָל. משטײנס געזאָגט, אַ באַלמעלאָכע, געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה — אויף דער נאָדל מיטן פֿאָדעם און געשטשאָבעט, מחילה, תחתונים. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ער האָט באַקומען דאָס טרוקענע, אָנגעהויבן קאַכיקען, געקאַכיקעט און געקאַכיקעט, ביז ער האָט אויסגעשפּיגן דאָס לעצטע ביסל לונג — עס האָט נישט געהאָלפֿן שוין נישט קיין דאָקטער, נישט קיין טאָקטער, נישט קיין ציגנמילך, נישט קיין טשעקאָלאַדע מיט האָניק. אַ וווילער יונגאַטש געווען, אַפֿילו אַ פּראָסטער, נישט קיין בן־תּורה, נאָר אַן ערלעכער, אָן חכמות, ליב געהאַט מײַן טאָכטער — דאָס חיות! און מפֿקיר געווען זיך פֿאַר די קינדער, און פֿאַר מיר, — געווען גאָר די כּפּרה!

בקיצור, אָפּגעזאָגט דעם פּסוק: וימת משה — געשטאָרבן מאָטל, האָט ער איבערגעלאָזט מיר אַ רעבטע באָמבע: ווי האָב איך שוין

געקאנט אפילו אין זינען האבן העמלט ארץ־ישראל? איך האב שוין געהאט א גוטן ארץ־ישראל ביי זיך אין דער היים! ווי אזוי לאזט מען איבער, איך פרעג אייך אליין, א טאכטער אן אלמנה מיט פיצלעך קינדער יתומים און א שטיקל ברויט? כאטש אפילו אין פלוג, אז מע וויל צוריק, וואס קאן איך איר העלפן — א לעבעדיקן זאק? — איך וועל דאך אים, דעם מאן אירן צוריק נישט לעבעדיק מאכן, און אירע קינדער דעם טאטן פון יענער וועלט נישט אומקערן, און אליין איז מען דאך אויך נישט מער ווי א זינדיקער מענטש, אויף דער עלטער ווילט זיך אביסל אויסרוען די ביינער, פילן, אז מען איז א מענטש, נישט קיין סקאט. גענוג געטאראראמט! גענוג געעולם־הזהוועט! מע באדארף שוין אביסל א טראכט געבן פון יענער וועלט אויך, שוין צייט! ובפרט, אז איך האב שוין געמאכט א תל פון מיין ביסל כאדאבע: דעם סוס, ווי איר ווייסט, לאנג געגעבן דעם זוג, די בהמהלעך אויסגעפארקויפט עד לפ״ק, געבליבן נאר א פאר ביקלעך, וואס סע קאן אמאל ווערן פון זיי א לייט, אז מע זאל זיי גוט האדעווען, — און פלוצעם גיי ווער אויף די עלטערע יארן און אבי יתומים, א טאטע פון קליינע קינדער! זענט איר שוין פארטיק? האט צייט! די רעכטע געדיכטע גייט ערשט ווייטער, ווארום ביי טביהן, אז עס טרעפט זיך א צרה, ווייסט איר דאך שוין, אז סע שלעפט זיך נאך פון הינטן נאך א צרה. אשטייגער, אז ס׳האט זיך אמאל געמאכט אן אומגליק — ס׳איז געפאלן ביי מיר א בהמהלע, האט זיך באלד פאווטירנע, נישט פאר אייך געדאכט, אוועקגעלייגט נאך א בהמה... אזוי האט שוין גאט באשאפן זיין וועלטל, און אזוי וועט דאס שוין בלייבן — א פארפאלענע זאך!

בקיצור המעשה, מיט מיין מיזינקע, מיט מיין ביילקען הייסט עס, געדענקט איר דאך די געשיכטע מיטן גרויסן געווינס, וואס זי האט געמאכט, געפאקט א העכט, א פרהצור, א קנאקער, א פאדראטשיק פון דער מלחמה, וואס האט געבראכט צו פירן קיין יעהופעץ פולע זעק און האט זיך פארקאכט אין מיין טאכטער, געוואלט א שיינע, געשיקט צו מיר אפרים דעם שדכן ימח שמו, אויסגעשלאגן א קניע ערד, שיר דעם שלאק באקומען, גענומען זי, ווי זי שטייט און גייט, אפגעשיט פון אויבן ביז אראפ מיט מתנות, דימענטן און בארליאנטן — דאכט זיך, אזא גליק, איא? נו, האט זיך פון דעם גאנצן גליק אויסגעלאזט ומסתמא א טייך, און נאך וואס פאר א טייך! א טייך מיט בלאטע, דער אויבערשטער זאל שומר ומציל זיין! ווארום אז גאט הייסט, דאס רעדל זאל זיך געבן א דרייראיבער צוריק, איז מיט דער פומער אראפ, ווי מיר זאגן אין הלל:

אַט, דאַכט זיך, נאָר־וואָס איז געווען מ ס י מ י מ ע פּ ר ד ל, און איי־דער מען קוקט זיך אַרום, איז שוין טראַך: ה מ ש פ י ל י ל ר א ו ת ב ש מ י ם ו ב א ר ץ, — אין דער ערד מיט די פּאָסטאַראַנקעס... נאַט האָט ליב שפּילן זיך מיט אַ מענטשן. אוי, האָט ער ליב שפּילן זיך! אַזוי האָט ער זיך געשפּילט מיט טביהן וויפל מאָל: ע ו ל י ם ו י ו ר ד י ם — אַרויף און אַראָפּ! און אַזוי איז געווען אויך מיט מיין פּאַדראַטשיק, מיט פרהצורן. איר געדענקט דאָך מסתמא דאָס גרויסקייט זיינס מיטן הייזל, מיט די דרייצן דינסטן, מיט די שפּיגלען, און מיט די זייגערס, און מיט די צאַצקעס אין יעהופּעץ? פּי־פּו־פּאַ! געדענקט איר, איך האָב אייך דער־ציילט, דאַכט זיך, ווי אַזוי איך האָב צוגערעדט דעמלט מיין ביילקען, געבעטן זיך ביי איר, זי זאָל זען, אַז ער זאָל איר אָוועקקויפן דאָס הייזל, און למענהשם — אויף איר נאָמען? נו, האָט מען דאָך מיך מסתמא געהערט, ווי והמן העם גרעבער — וואָס פאַרשטייט אַ טאַטע? אַ טאַטע פאַרשטייט גאָרנישט! וואָס־זשע, מיינט איר, איז געווען דער סוף? דער סוף איז געווען — ווו איר האָט ערגעץ אַ שונא: אחוץ וואָס ער האָט זיך פונעם גאַנצן טראַסק געשטעלט, געבליבן דערונטער, אויסגעפּאַרקויפט אַלע שפּיגלען מיט אַלע זייגערס, מיטן ווייבס דימענטן און בארליאַנטן, האָט ער זיך נאָך פאַרשמירט מיט סכנת־נפשות, געמוזט ווערן אַ בורח, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, און מאַכן און אַפּטריט און אַוועקפאָרן אַהין, ווו דער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק — קיין אַמעריקע הייסט עס. אַהינ־צרהצו פאָרן דאָך אַלע שווערע הערצער, זיינען זיי אויך געפאָרן אַהינצר צו, די ערשטע צייט גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן, דאָס ביסל מזומנים, וויפל ס'איז געווען האָט מען אויפגעגעסן, און אַז ס'איז נישט געווען מער וואָס צו קייען, האָט מען נעבעך געמוזט נעמען זיך צו דער אַרבעט, געטאָן כל עבודת־פּרך, ווי די יידן אין מצרים, ביידע, אי ער, אי זי! איצט שרייבט זי, אַז ס'איז זיי שוין, ברוך־השם, נישקשהדיק: זיי אַרבעטן זאָקן אויף אַ מאַשינע און מאַכן אַ לעבאַכטס... אַזוי רעדט זיך עס דאָרטן, אין אַמערי־קע, אויף אונדזער לשון וועט עס הייסן: דאָס שטיקל ברויט שלעפּט זיך... דאָס גאַנצע שטיקל גליק, וואָס זיי זענען מער נישט ווי צוויי מענטשן, שרייבט זי, אָן אַ קינד, אָן אַ רינד — גם זו לטובה! נו, פרעג איך אייך, זאָל נישט אַ רוח אין זיין פעטערס מומע אריין געפלויגן געוואָרן?... איך מיין טאַקע אפרים דעם שדכן מיין איך, פאַרן שיינעם שידוך, וואָס ער האָט מיר נאָראַיעט, און פאַר חער בלאָטע, וואָס ער האָט מיך אַריינגע־פירט! וואָס וואָלט איר געווען אַזוי ביטער, למשל, זי זאָל געווען חתונה האָבן פאַר אַ באַלמעלאָכע, ווי צייטל, אָדער פאַר אַ לערער, ווי האָדל?

איי, די האָבן אויך נישט געמאַכט אַזאַ גליק? איינע איז א יונגע אַלמנה, און די אַנדערע איז אין אַלדי גוטע יאָר ערגעץ פאַרשיקט אויף פּאָר־סעליעניע? איז דאָך עס אַ גאָט־זאַך — וואָס קאָן אַ מענטש פאַרזאָרגן?... הערט איר, א חכמה אַ ייִדענע איז געווען טאַקע מיינע, גאָלדע עליו השלום, הערמיט אַליין שוין, וואָס זי האָט זיך באַוצייטנס אָרומגעקוקט, אָפּגעזעגנט זיך מיט דער נארישער וועלט און הלך לעולמו. ווּאָרום, זאָגט שוין איר אַליין, אײדער האָבן אַזאַ צער־גידול־בנים פון טעכטער, ווי טביה האָט, איז נישט גלייכער טויזנט מאָל ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל?... נאָר ווי שטייט דאָרטן אין פּרק: בעל כרחך אתה חי — אַ מענטש נעמט זיך נישט אַליין, און אַז מע נעמט, גיט מען איבער די הענט, זאָגט איר... דערווייל האָבן מיר זיך אָראָפּגעשלאָגן פונעם שליאַך, איז דעריבער נחזור לענינינו הראשון — לאָמיר איר בערלאָזן, ווי איר זאָגט אין אייערע ביכלעך, דעם בן מלך און זיך אומ־קערן צו דער בת־מלכה. וורזשע, הייסט עס. האַלטן מיר? ביי דער סדרה לך־לך. נאָר אײדער מיר וועלן צוקומען צו דער סדרה לך־לך, וועל איך אייך בעטן זיך ממריח זיין מיט מיר אָפּשטעלן זיך אויף אַ ווײַלע ביי דער סדרה בלק. דער מנהג העולם איז אפילו פון זינט די וועלט שטייט, אַז פריער לערנט מען לך־לך, דערנאָך בלק. מיט מיר האָט מען אָבער, פאַרקערט, פריער געלערנט בלק, דערנאָך לך־לך. און געלערנט האָט מען מיט מיר בלק אַזוי שיין, אַז איר מעגט עס האָרכן. עס קאָן אייך אַמאָל צונויץ קומען.

בקיצור, האָס איז געווען שוין לאַנג, באַלד נאָך דער מלחמה איז דאָס געווען, אין דער סאַמע היץ פון קאָנסטיטוציעס, בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ישועות ונחמות אויף ייִדן, פריער אין די גרויסע שטעט, דערנאָך אין די קליינע שטעטלעך, נאָר צו מיר איז דאָס נישט דערגאַנ־גען, און עס האָט נישט געקאָנט דערגיין בשום־אופן. פאַר וואָס? פּשוט! מע זיצט אָפּ אַזאַ צייט צווישן גויים, מיט סאַמע עשון, — איז מען אויס־געבונדן מיט אַלע באַלעבאַטים פון דאָרף. ידיד נפש אב הרחמן — „באַטיושקאַ טעוועל" איז ביי זיי דאָס אייבערשטע פונעם שטויסל! וואָס איז שייך? אַן עצה — איז „יאַק טעוועל סקאַזשע". אַ רפואה צו קדחת — איז „דאַ טעוועליאַ". אַ גמילות־חסד — אויך ביי טביהן. נו, האָב איך עפּעס באַדאַרפט אין זינען האָבן אַזעלכע זאַכן, פּאָגראָמען, נארישקייטן, אַז די גויים אַליין האָבן מיר געזאָגט וויפל מאָל, אַז איך זאָל כלל וכלל קיין מורא נישט האָבן — זיי וועלן נישט דערלאָזן!... און כך הווה — ועט איר הערן אַ שיינס.

בקיצור, איך קום צופֿאָרן איינמאָל אהיים פֿון בויבעריק — איך בין נאָך דערמלט געווען בגדלותי — אין די פֿעדערן, ווי זאָגט איר, נאָך געהאַנדלט מיט מילכיקס, קעז און פּוטער און שאַר־ירקות; אויסגעשפּאַנט דאָס פֿערדל, אונטערגעוואָרפֿן דעם היי און האָבער, נישט צייט געהאַט אפֿילו זיך וואַשן צום עסן, איך טו אַ קוק — אַ פֿולער הויף מיט גוֹיִים, די גאַנצע הראָמאַדע, אַלע פֿיינסטע באַלעבאַטים, פֿוניעם סטאַראָסטע איוואַן פּאָפּערילע ביז דעם לעצטן גוי, טראָכים דעם טשערעדניק, און אַלע זענען זיי מיר אויס עפּעס מאָרנע, יום־טובדיק!... האָט מיר אפֿילו תּחילת געגעבן אַ טיאָכקע אין האַרצן: וואָס פֿאַר אַ יום־טוב אין מיטן דרינען? צי איז מען נישט געקומען מיט מיר לערנען בלק?... נאָר צוריק טראַכט איך מיר: פֿע, טביה! מעגסט זיך שעמען פֿאַר זיך אַליין: כל ימיו זיצסטו אין ייִד, להבדיל, צווישן אַזוי פֿיל גויים בשלום ובשלווה, און מע האָט דיך נישט אָנגערירט, איר זאָלט זאָגן, אויף אַ האָר!... און איך נעם און גיי אַרויס צו זיי מיט אַ ברייטן שלום־עליכם: „ברוכים הבאים, זאָג איך צו זיי, וואָס טוט איר דאָ, מיינע ליבע באַלעבאַטים? און וואָס ווערט איר עפּעס זאָגן גוטס? און וואָס ווערט איר דערציילן ניי־עס?“... טרעט אַרויס דער סטאַראָסטע, איוואַן פּאָפּערילע הייסט עס, און רופֿט זיך אָן צו מיר גאַנץ אָפֿנטלעך און גאָר אָן שום הקדמות: „מיר זיינען געקומען, זאָגט ער, צו דיר, טעוועל, מיר ווילן דיך שלאָגן“. וואָס זאָגט איר אויף דער שפּראַך? דאָס ווערט אָנגערופֿן ביי אונדז „לשון סגי־נהור“ — געהערט פֿאַרשטעלט הייסט עס... מילא, ווי אַזוי מיר איז געוואָרן אויפֿן האַרצן — קאָנט איר אייך משער זיין. נאָר אַרויסבאַווייזן — פֿע! אדרבה ואדרבה! טביה איז נישט קיין ייִנגעלע... רוף איך מיך אָן צו זיי גאַנץ לעבעדיק: „מזל־טוב אייך, זאָג איך, נאָך וואָס האָט איר זיך, קינדער, אַזוי שפּעט דערמאָנט? אין אַנדערע ערטער, זאָג איך, האָט מען שוין פֿון דעם במעט פֿאַרגעסן!“... רופֿט זיך אָן צו מיר איוואַן פּאָפּערילע, דער סטאַראָסטע הייסט עס, שוין דווקא גאַנץ ערנסט: „פֿאַרשטייסט דו מיך, טעוועל, זאָגט ער, מיר האָבן זיך, זאָגט ער, אַלץ געיישובט, צי מיר זאָלן דיך שלאָגן, צי נישט שלאָגן? אומעטום, אין אַלע ערטער, שלאָגט מען אייך, פֿאַרוואָס, זאָגט ער, זאָלן מיר דיך דורכלאָזן?... איז געבליבן ביי דער הראָמאַדע, זאָגט ער, אַז מיר זאָלן דיך שלאָגן... נאָר וואָס דען, מיר ווייסן נאָך אַליין נישט, וואָס מיר זאָלן מיט דיר טאָן, טעוועל: צי מיר זאָלן דיר נאָר אויסהאַקן די שויבן, זאָגט ער, און צעטרענען די פּערינעס מיט די קישעלעך און אַרויסלאָזן די פֿעדערן, צי מיר זאָלן דיר פֿאַרברענען, זאָגט ער, די כאַטע מיט דער שטאַל, מיט דער גאַנצער כאַדאָבע דיינער?“.

דאָ איז מיר שוין געוואָרן גוט קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן, און איך באַטראַכט מײַנע לײַט, ווי מע שטייט אָנגעלענט אויף די לאַנגע שטעקנס און מע שושקעט זיך מיר עפּעס שטילערהייט. משמעות הייסט עס, אַז ס׳איז בײַ זיי גאָר קיין קאַטאַוועס נישט? ווײַזאַלד אַזוי, טראַכט איר מיר, איז דאָך, ווי מיר זאָגן אין תהלים: באו מים עד נפש — ביסט דאָך טאַקע, טביה, גוט אין דער אַרבעט! וואָרום טאָמער אל תפתח פה לשטן — אַ קשיא אויף כּרוקעלע? „ע, טביה, קלער איך מיר, מיטן מלאך המות טאָר מען זיך נישט שפּילן — מע באַדאַרף זיי עפּעס זאָגן!“... און וואָס זאָל איך אײַך לאַנג מאריך בדרוש זײַן, ליבער פרײַנד, ס׳איז באַשערט געווען, אפֿנים, אַ נס, האָט מיר דער אויבערשטער אַרײַנגעגעבן אַ זין, איך זאָל בײַ זיך נישט אַראָפּפֿאַלן, און איך נעם מיך אָן מיט האַרץ און רוף מיך אָן צו זיי, צו די גויים הייסט עס, דווקא אין גוטן מוט: „שמעורנאַ, חבֿותים, זאָג איך, הערט־זשע אויס, זאָג איך, מײַנע ליבע באַלעבאַטים, ווײַזאַלד, זאָג איך, אַז הראָמאַדע האָט אַזוי געפּסקנט, איז דאָך נישט שייך, זאָג איך, מסתּמא ווייסט איר, זאָג איך, בעסער, אַז טביה האָט בײַ אײַך פֿאַרדינט, איר זאָלט מאַכן אַ תּל, זאָג איך, פֿון זײַן כאַטקעלע און פֿון זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן... נאַרוואָס רעדן, זאָג איך, דאָס ווייסט איר, זאָג איך, אַז ס׳איז פֿאַראַן נאָך העכערס פֿאַר אײַער הראָמאַדע? איר ווייסט, זאָג איך, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט? איך זאָג נישט, זאָג איך, מײַן גאָט, אײַער גאָט — איך שמועס פֿון יענעם גאָט, זאָג איך, פֿון אונדזער אַלעמענס גאָט, וואָס זיצט, זאָג איך, אָט דאָרטן אויבן און זעט צו אַלע פֿאַרלאָסטן, זאָג איך, וואָס טוען זיך אָפּ אָט דאָ אונטן... עס קאָן זײַן, זאָג איך, אַז ער אַליין האָט מיר אָנגעצייכנט, אַז איך זאָל געשטראָפֿט ווערן אומזיסט־אומנישט דורך אײַך, דורך מײַנע בעסטע גוטע פֿרײַנד, און עס קאָן זײַן ווידער, זאָג איך, אַקוראַט פֿאַרקערט, אַז ער וויל, אַדרבה, בשום אופֿן ואופֿן נישט, אַז מע זאָל טביהן טאָן שלעכטס... ווער־זשע, זאָג איך, קאָן דאָס וויסן, וואָס גאָט וויל? אַדרבה, זאָג איך, אפֿשר געפֿינט זיך דאָ צווישן אײַך איינער, וואָס וועט זיך אונטערנעמען, זאָג איך, דערגיין דאָ אַ טאָלק?“...

בקיצור, זיי האָבן, אפֿנים, געזען, אַז מיט טביהן וועלן זיי זיך נישט אויסטענהן, רופֿט זיך אָן צו מיר דער סטאַראָסטע, איוואַן פּאָפּערילע הייסט עס, בזה הלשון: „די מעשה, זאָגט ער, דערפֿון איז אַזוי. מיר האָבן צו דיר, טעוועל, איינגנטלעך, גאָרנישט נישט. דו ביסט, זאָגט ער, טאַקע אַ זשיד, נאָר נישט קיין שלעכטער מענטש. נאָר איינס צום אַנדערן, זאָגט ער, געהער זיך נישט אָן — שלאָגן דאַרף מען דיך; הראָ־

מאדנע האט אזוי געפסקנט — פארפאלן! מיר וועלן דיר, זאגט ער, כאַטש אויסהאַקן די פענצטער. דאָס, זאָגט ער, מוזן מיר, ווייל טאָמער, זאָגט ער, פאָרט עמעצער דורך, טאָ לאָז מען, זאָגט ער, זעען, אז מע האָט דיך געשלאָגן, אַ נישט, זאָגט ער, וועט מען אונדז נאָך שטראָפירן"... אָט מיט די ווערטער און מיט דעם לשון, ווי איך דערציילֿ אייך, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן בכל אשר אפנה! נו, איצט פרעג איך אייך, פאַניע שלום־עליכם, איר זענט דאָך עפּעס אַ ייד וואָס קאַטאַוועט איר פאָרט אויס די וועלט — איז שוין טביה גערעכט, וואָס ער זאָגט, אז מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט?...

האָב איך אייך, הייסט עס, שוין געפטרט די סדרה בלק. אַצינד וועלן מיר זיך אומקערן צוריק צו דער סדרה לך־לך. די דאָזיקע סדרה האָט מען מיט מיר געלערנט אָט דאָ ערשט נישט לאַנג, און טאַקע אויף דעם רעכטן אמת. דאָ האָט שוין נישט געהאָלפן, פאַרשטייט איר מיך, קיין שום דרשות מיט קיין שום מוסר זאָגן. ומעשה שהיה כך היה — מע דאַרף עס אייך איבערגעבן אקוראַט, מיט אַלע פּיטשעווקעס, כ א ש ר א ה ב ת י — אַזוי ווי איר האָט ליב.

ויהי בימי מענדל ביילים — דאָס איז געווען אקוראַט אין יענער צייט, ווען מענדל ביילים, אונחזער כפרה־הינדל, איז אָפּגעקומען חבוט־הקבר, געליטערט די נשמה פאַר פרעמדע זינד, און די וועלט איז געגאַנגען כאָדאָראָם, — זיץ איך מיר אַזוי איינמאָל אויף דער פריזבע ביי מיין שטוב פאַרטיפט אין מחשבות. זומער־לעבן. די זון באַקט, און דער קאָפּ טראַגט: „סטייטש, סטייטש, היתכן! היינטיקע צייטן! אַזאַ קלוגע וועלט! אַזעלכע גרויסע מענטשן! און ווו איז גאָט? דער אַלטער יידישער גאָט? וואָס שווייגט ער? ווי דערלאָזט ער אַזאַ זאַך? סטייטש און סטייטש און ווידער אַמאָל סטייטש!" און טראַכטנדיק אַזוי פון גאָט, פאַרטיפט מען זיך שוין אַגב אין הימל־זאַכן און מע פאַלט אַריין אין חקירה: וואָס איז ד י וועלט? און וואָס איז י ע נ ע וועלט? און פאַר וואָס זאָל נישט קומען משיח? „אַי, טראַכט איך מיר, וואָלט ער געטאָן, ווי אַ חכם, טאַקע משיח מיין איך, ווען ער כאַפּט זיך אַראָפּ צו אונדז אַצינדערט רייטנדיק אויף זיין ווייס פערדל! דאָס וואָלט געווען אַ שיינע זאַך! ער איז נאָך קיינמאָל, דאַכט מיר, אַזוי נייטיק נישט געווען פאַר אונדזערע אחינו בני ישראל, ווי היינט! איך ווייס נישט, ווי אַזוי די נגידים, די בראָצקים, למשל, אין יעהופּעץ, אָדער די ראָטשילדס אין פּאַריז? סע קאָן זיין, אַז זיי האָבן אים אין זינען אקוראַט אין דער לינקער פּאה; נאָר מיר, יידן אָרעמע לייט, פון כתרילעווקע און פון מאַזעפּעווקע און פון זלאָדייעווקע, און אפילו פון יעהופּעץ, און אפילו פון אָדעס, קוקן

אַרויס, אוי, קוקן מיר אַרויסעט אויף אים! ממש די אויגן קריכן אַזש פֿון קאָפּ! אונדזער גאַנצע האָפֿענונג אצינד איז דאָך נאָר, טאָמער וועט גאָט טאָן אַ נס, עס וועט קומען משיח!"...

דערווייל, אַזוי ווי איך זיץ מיר פֿאַרטיפֿט אין די דאָזיקע רעיונות, איך טו אַ קוק — אַ ווייס פֿערדל, און עמעצער זיצט אויף דעם רייטנדיק, און גלייך צום טויער פֿון מיין שטוב! טפּרררו — אָפּגעשטעלט זיך, אַראָפּגעקראָכן, צוגעבונדן דאָס פֿערדל צום טויער, און אַליין גלייך צו מיר: „זדראַסטאַי, טעוויעל!" „זדראַסטאַיטי, זדראַסטאַיטי, וואַשע בלאַהאָראָדיע!" — ענטפֿער איך אָפּעט גאַנץ ברייטלעך, און אין האַרצן טראַכט איך מיר: ויבוא המן — מאַכט רש״י: אַז מע קוקט אַרויס אויף משיחן, קומט דער אוראַדניק... און איך שטיי אויף אַ קעגן אים, אַקעגן דעם אוראַדניק הייסט עס: „ברוך־הבא אַ גאַסט, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער גרויסער וועלט און וואָס וועסטו, זאָג איך, עפּעס זאָגן גוטס, אַדוני פּריץ?" און דאָס האַרץ פּאַלט מיר שיעור נישט אַרויס — איך וויל שוין וויסן, וואָס און ווען? און ער, דער אוראַדניק הייסט עס, האָט זיך אָבער צייט. ער פֿאַררויכערט זיך גאַנץ פֿיין אַ פּאַפּיראָסל, בלאָזט אַרויס דעם רויך, שפּייעט אויס און רופֿט זיך אָן צו מיר: „וויפֿל צייט, אַ שטייגער, דאַרפֿסטו האָבן, טעוויעל, זאָלסט קאָנען פֿאַרקויפֿן, זאָגט ער, דיין כאַטע מיט דיינע אַלע בעבעכעס?" קוק איך אים אָן: „צו וואָס, זאָג איך, זאָל איך פֿאַרקויפֿן, זאָג איך, מיין כאַטע? וועמען, למשל, מאַכט זי, זאָג איך, ענג?" „ענג, זאָגט ער, מאַכט זי קיינעם נישט. נאָר איך בין געקומען, זאָגט ער, דיך אַרויסשיקן, זאָגט ער, פֿון דאָרף". „סך־הכל, זאָג איך, מער נישט? פֿאַר וואָסערע מעשׂים טובֿים? מיט וואָס, זאָג איך, האָב איך פֿאַרדינט ביי דיר אַזאַ כּבֿוד?"... „דאָס איז נישט איך שיק דיך אַרויס, זאָגט ער, די גובערניע שיקט דיך אַרויס". „די גובערניע? — זאָג איך — וואָס האָט זי אַזעלכעס דערזען אויף מיר?" „נישט נאָר דיך אַליין, זאָגט ער, און נישט נאָר פֿון דאַנען, נאָר פֿון אַלע דערפֿער אַרום און אַרום, פֿון זלאַדילעווקע זאָגט ער, און פֿון ראַבילעווקע, און פֿון קאָסטאָלאָמעווקע, און אַפֿילו, זאָגט ער, אַנאַטעווקע, וואָס איז ביז אַהער געווען אַ שטעטל, ווערט דאָס שוין איצטער אויך, זאָגט ער, אַ דאָרף, און מע וועט אַרויסטרייבן פֿון דאָרט, זאָגט ער, אַלע — אַלע אייערע"... „אַפֿילו לייזער־וואָלף דעם קצבֿ, זאָג איך, אויך? און נפֿתלי־גרשון דעם לאָמען אויך? און דעם דאָרטיקן שוחט? און דעם רבֿ?" „אַלע! אַלע!" — זאָגט ער און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי אַ שנייד אָפּ מיט אַ מעסער... איז מיר אַפֿילו געוואָרן עפּעס ווי אַביסל גרינגער, ווי זאָגט איר: צרות רבים חצי נחמה. נאָר פֿאַרדריסן פֿאַרדריסט

דאָס מיך, און אַ פֿייער ברענט אין מיר, און איך בין מיך מיישב און רוף מיך אָן צו אים, צום אוראַטניק הייסט עס: „זאָג מיר, זאָג איך, דו ווייסט כאָטש, זאָג איך, וואַשע בלאָהאָראָדיע, אַז איך זיץ דאָ אין דעם דאָרף אַ סך פֿריער פֿון דיר! דו ווייסט, זאָג איך, אַז אָט דאָ, אין דעם ווינקל, איז נאָך מיין טאַטע עליו השלום, זאָג איך, געזעסן, און מיין זיידע עליו השלום, און מיין באָבע עליו השלום?" און איך פֿויל זיך נישט און רעכן אים אויס די גאַנצע משפּחה ביי די נעמען, ווו ווער ס'איז געזעסן און ווו ווער ס'איז געשטאָרבן... הערט ער מיך דווקא אויס, דער אוראַטניק הייסט עס, און אַז איך האָב געקאָנטשעט, מאַכט ער צו מיר: „דו ביסט אַ טשעקאַווע ייד, זאָגט ער, טעוועל, און דו האָסט אין זיך גיין מאָס רייד. צו וואָס טויגן מיר דיינע מעשׂות, זאָגט ער, פֿון דיין באָבען מיט דיין זיידן? לאָזן זיי, זאָגט ער, דיר האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן! און דו, טעוועל, נעם, זאָגט ער, צונויף דיינע בעבעכעס און פֿאָר־פֿאָר נאַ באַרדיטשעוו!"... פֿאַרדריסט עס מיך שוין נאָך מער: גענוג דאָ זאָגסט מיר אָן, עשו, אַזאַ גוטע בשׂורה טובֿה, מאַכסטו נאָך חוזק: פֿאָר־פֿאָר נאַ באַרדיטשעוו!... לאָם איך אים כאָטש אביסל אויסלאַמרן... און איך רוף מיך אָן צו אים: „וואַשע, זאָג איך, בלאָהאָראָדיע! וויפֿל צייט, זאָג איך, ביסטו שוין דאָ פּריץ, האָסטו עפּעס געהערט, זאָג איך, אַ סך מאָל, עמעצער פֿון די שכנים זאָל זיך אויף מיר באַקלאָגן, אַז טבֿיה האָט אים באַגנבֿעט, אָדער באַגזלט, אָדער אויסגענאַרט, אָדער אַזוי צוגענומען? אַנו, צעפּרעג זיך אַקאָרישט ביי די באַלעבאַטים, זאָג איך, צי האָב איך נישט געלעבט מיט זיי אַ סך בעסער, זאָג איך, ווי דער בעסטער באַלעבאָס? צי בין איך נישט געווען, זאָג איך, אַדוני פּריץ, ביי דיר אליין, זאָג איך, וויפֿל מאָל בעטן דיך פֿאַר די גויים, האָלסט זיי אַזוי נישט אַביזשאַיען?"... האָט דאָס אים שוין, אַפּנים, נישט געשמעקט! שטייט ער אויף, דער אוראַטניק, צעקוועטשט דעם פּאַפּיראָס מיט די פֿינגער, טוט אים אַ וואָרף אָפּ און מאַכט צו מיר: „איך האָב, זאָגט ער, קיין צייט נישט מיט דיר צו באַלאַקן פּוסטע רייד. ס'איז מיר אָנגעקומען, זאָגט ער, אַ פּאַפּיר — און ווייטער גייט מיך נישט אָן! קום, זאָגט ער, וועסטו מיר, זאָגט ער, חתמענען דאָס פּאַפּיר, און צייט אויף אַרויסצופֿאָרן גיט מען דיר, זאָגט ער, דריי טעג, זאָלסט קאָנען, זאָגט ער, אויספֿאַרקויפֿן אַלצדינג און צוגרייטן זיך אין וועג אַריין". הערזשע, ס'איז ביטער, רוף איך מיך אָן צו אים: „דו גיסט מיר, זאָג איך, דריי טעג גיסטו מיר? דריי יאָר זאָלסטו לעבן, זאָג איך, דערפֿאַר אין עושר און אין כּבֿוד. גאָט

זאָל דיר, זאָג איך, צאָלן בכפל כפלים, זאָג איך, פאַר דער גוטער בשורה, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט אין שטוב אַריין"... גוט־גוט אַריינגעזאָגט אים, ווי טביה קאָן! איך האָב מיך מיישב געווען: ממה־נפשך, סיי ווי סיי מאָטי פאַרך — וואָס האָב איך דאָ אָנצוּוערן? וואָלט איך געווען יונגער כאָטש מיט אַ יאָר צוואַנציק, און וואָלט מיר געלעבט מיין גאָלדע עליו השלום, און וואָלט איך געווען דער אייגענער טביה דער מילכיקער, וואָס אַמאָל, אין די שנים קדמוניות, —עהע־העהע! וואָלט איך זיך אַזוי גיך נישט אונטערגעגעבן! איך וואָלט זיך געבאַדעט, געשלאָגן זיך ביזן בלוט אַריין! נאָר אַזוי — וואָס? מה אָנו מה חיינו — וואָס בין איך היינט און ווער בין איך? אַ פּלגישות, אַ שבר־כּלי, אַ צעבראָכענער שאַרבן! „אַך טי, חבונו של עולם, גאָטע־ניו! — טראַכט איך מיר. — וואָס האָסטו זיך עפּעס צוגעטשעפּעט צו טביהן גראָד? פאַר וואָס זאָלסטו בעסער נישט אַ שפּיל טאָן זיך אַמאָל אויף אַ מטיקאָוועס, למשל, מיט אַ בראָציקין, אָדער מיט אַ ראָטשילדן? פאַר וואָס לערנט מען מיט זיי נישט די סדרה לך־לך? זיי וואָלט, דאַכט מיר, בעסער אָנגעשטאַנען! ערשטנס, וואָלטן זיי דערפילט דעם אמתן טעם, וואָס הייסט אַ ייִד. והשנית, לאָזן זיי אויך זעען, אַז מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט"...

בקיצור, דאָס איז אָבער אַלץ פּוסטע דיבורים. מיט גאָט טענהט מען זיך נישט אויס, און אים קיין עצות, ווי אַזוי צו פירן די וועלט, גיט מען נישט, אַז ער זאָגט: לי השמים ולי הארץ — קומט אויס, אַז ער איז באַלעבאָס, און מיר דאַרפן אים פאָלגן, וואָס ער זאָגט, איז געזאָגט!... גיי איך אַריין אין שטוב אַריין און טו מיר אַ זאָג צו מיין טאָכטער דער אַלמנה: „ציימל זאָג איך, מיר קלויבן זיך אַרויס, זאָג איך, פון דאַנען ערגעץ אין אַ שטאָט אַריין. גענוג שוין געזעסן אין דאָרף, זאָג איך, משנה מקום, משנה מזל... דו נעם אָפּקאָרשט, זאָג איך, און הייב אָן באַצייטנס זיך צו גרייטן מיטן בעטגעוואַנט, מיטן סאַמאָוואַר און מיט די שאַר־ירקות, און איך וועל, זאָג איך, גיין פאַרקויפן די כאַטע. ס'איז אָנגעקומען, זאָג איך, אַ פּאַפּיר, אַז מיר זאָלן אָפּרייניקן, זאָג איך, דאָס אָרט און אין דריי טעג אַרום זאָל דאָ אונדזער רעך נישט בלייבן!"... דערהערט פון מיר אַזאַ בשורה, אַז זי מאַכט נישט קיין געוויין, די אַלמנה מיינע, און די קינדערלעך אויך, אויף איר קוקנדיק, האָבן זיך גלאַט צעוויינט, און ס'איז געוואָרן, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, תשעה־באָב אין שטוב! ווער איך שוין אין כעס און לאָז אויס מיין גאַנצן ביטער האַרץ אויף מיין טאָכטער נעבעך: „וואָס האָט איר זיך גענומען, זאָג איך, אויף מיין לעבן? וואָס האָט איר זיך, זאָג

איך, געיאַכמערט פּלוצעם אין מיטן דרינען, ווי אַן אַלטער חזן צו די ערשטע סליחות?... וואָס בין איך עפּעס — אַ בן־יחיד, זאָג איך, ביי גאָט? אַ ציטעריקער? קאַרג יידן, זאָג איך, ווערן איצטער אַרויסגעטריבן פון די דערפער? גיי האָרך, זאָג איך, וואָס דער אוראַטניק דערציילט זיך אָן! אַ סברא, זאָג איך, אַז דיין אַנאַטעווקע, וואָס איז ביז אַהער געווען אַ שטעטל, ווערט דאָס שוין אויך, זאָג איך, מיט גאָטס הילף, אַ דאָרף, צוליב די אַנאַטעווקער יידן, זאָג איך, מע זאָל זיי קאָנען אַרויסטרייבן אַלעמען. ווײַבאַלד אַזוי, זאָג איך, מיט וואָס־זשע, זאָג איך, בין איך ערגער פון אַלע יידן?"... אָט אַזוי רעד איך איר אויס דאָס האַרץ, דער מאַכמער מײַנער. איז דאָך עס אָבער אַ יידענע. זאָגט זי צו מיר: „וווהין ווען מיר זיך, זאָגט זי, קלויבן פּלוצעם אין מיטן דרינען? וווּ וועלן מיר, זאָגט זי, גיין זוכן שטעט?"... „שטיא! — זאָג איך — אַז טאָמער איז געקומען, זאָג איך, צו אונדזער עלטער־עלטער־זיידן, צו אברהם אָבינו, און האָט אים געזאָגט, זאָג איך, ל ך ־ ל ך מ א ר צ ך — זאָלסט אַרויסגיין פון דיין לאַנד, האָט אים דען אברהם, זאָג איך, איבערגעפרעגט דאָס אַנדערע וואָרט אפילו: וווהין?... גאָט האָט אים געזאָגט, זאָג איך, א ל ה אָ ר ץ א ש ר א ר א ך — איז דער פּשט: נאַ וואָסיע טשעטירע סטאָרעני... מיר וועלן גיין, זאָג איך, וווהין די אויגן טראָגן, וווהין אַלע יידן גייען! וואָ סע וועט זיין, זאָג איך, מיט כל ישראל, דאָס וועט זיין מיט רב ישראל. און מיט וואָס, זאָג איך, ביסטו מער מיוחסת פון דיין שוועסטער ביילקע, די נגידיתטע? איר שטייט אָן צו זיין מיט איר פּרהצורן איצינד אין אַמעריקע און מאַכן אַ לעבאַכטס, מעג דיר אויך, זאָג איך, אָנשטיין... דאַנקען השם־יתברך, זאָג איך, וואָס מיר האָבן כאָטש מיט וואָס צו רירן זיך. אַביסל, זאָג איך, איז נאָך דאָ פון פריער, און אַביסל פון דער באַדאָבע, וואָס מיר האָבן פאַרקויפט, און אַביסל וועט אַריינפאַלן פון דער כאַטע. פון אַביסל און אַביסל, זאָג איך, ווערט אַ פולע שיסל — און גם זו לטובה! און אפילו מיר זאָלן, זאָג איך, חלילה גאָרנישט האָבן, איז אונדז, זאָג איך, נאָך אַלץ בעסער פון מענדל ביילים!"...

בקיצור, איך האָב ביי איר יאַקאַש געפועלט, זי זאָל זיך נישט שטאַרק פאַרעקשענען. איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ שכל, אַז דער אוראַטניק קומט און ברענגט אַ פּאַפּיר, אַז מע הייסט גיין, קאָן מען קיין חזיר נישט זיין און מע דאַרף גיין. און אַליין בין איך אַוועק אין דאָרף מאַכן אַ טאָלק מיט דער כאַטע, און גלייך צו איוואַן פּאָפּערילע, צום סמאַראַסמע הייסט עס. ער איז אַ גוי אַ בעל־הגוף און פּגרט נאָך מיין דירה! געקומען צו איוואַנען, דערציייל איך אים נישט פון

קיין פּותר און פון קיין חלום — אַ ייד איז קליגער פון אַ גוי — און איך זאָג אים, זאָג איך, „הנה זיי וויסן, איוואַנו סערהעיע, אַז איך וואַרף אייך אַוועקוועט"... זאָגט ער: „וואָס עפּעס?" זאָג איך: „איך פאָר אַריבער, זאָג איך, אין שטאָט אַריין. איך וויל זיין, זאָג איך, צווישן יידן. איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַן, זאָג איך, טאָמער חלילה טוט מען אַ שטאַרב"... מאַכט צו מיר איוואַן: „פאַרוואָס זשע זאָלסטו נישט שטאַרבן דאָ? ווער לאָזט דיך נישט?" דאַנק איך אים זייער און זאָג אים: „שטאַרבן דאָ שטאַרב שוין דו בעסער, זאָג איך, דו ביסט בילכער און איך וועל בעסער גיין שטאַרבן, זאָג איך, צווישן מייניקע... קויף אָפּ, איוואַנו, ביי מיר, זאָג איך צו אים, מיין כאַטע מיטן גאָרטן. אַן אַנדערן וועל איך, זאָג איך, נישט פאַרקויפן, דיר — יאָ". „וויפל, זאָגט ער, ווילסטו פאַר דיין כאַטע?" „וויפל, זאָג איך, גיסטו?" אהין־אַהער, ער מיר: „וויפל ווילסטו?" איך אים: „וויפל גיסטו?" — מע האָט זיך גענומען דינגען זיך, פּאַטשן אין די הענט אַריין, אַזוי לאַנג געדונגען זיך און געפּאַטשט זיך, אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ, ביז מע האָט זיך אויסגעדונגען פאַרן מקח, און טאַקע פאַראויסנע גענומען ביי אים אויף דער יד אַ פיינעם אַדערויף, ער זאָל זיך חלילה נישט אויפטרעטן — אַ ייד איז קלוגער פון אַ גוי, — און אָט אַזוי האָב איך אויסגעפאַרקויפט אין איין טאָג, בחצי־חנם געוויינטלעך, דאָס גאַנצע דאָרפע מזל, געמאַכט פון אַלצדינג געלד, און בין אַוועק דינגען אַ פור, פאַרנעמען דאָס איבערגעבליבענע ביסל פאַרעמקייט — וועט איר הערן נאָך אַ שיינס, וואָס ביי טביהן קאָן זיך פאַרלויפן! איר ליינט נאָר צו קאָפּ, איך וועל אייך שוין לאַנג נישט האַלטן, איבערגעבן עס אייך, ווי זאָגט איר, בשלשה דברים — אין צוויי ווערטער.

בקיצור, פאָרן אַוועקפאָרן קום איך אַהיים, טרעף איך שוין נישט קיין שטוב, נאָר אַ חורבה. די ווענט נאַקעט, זיי וויינען ממש מיט טרערן! אויף דער ערד — פּעקלעך מיט פּעקלעך מיט פּעקלעך! אויפן פּריפּעטשיק זיצט די קאַץ, ווי אַ יתומה נעבעך, טרויערדיק — עס האָט מיך אַזש אַ נעם געגעבן ביים האַרצן און טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן... איך זאָל מיך נישט שעמען פאַר מיין טאָכטער, וואָלט איך מיך גוט־גוט אויסגעוויינט, ווי זאָגט איר, פאַרט באַטקאָוושטשינע!... דאָ אויסגעוואַקסן, דאָ פאַרשוואַרצט געוואָרן כל ימיו, און פּלוצעם אין מיטן דרינען — לך־לך! זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, ס'אַ פאַרדראָסיקע זאַך!... טביה איז דאָך אָבער נישט קיין ידענע, האַלט איך מיך איין און מאַך מיך פריילעך און רוף מיך אָן צו מיין טאָכטער דער אַלמנה: „קום נאָר אַהער, זאָג איך, צייטל, וווּ ביסטו ערגעץ?" גייט זי אַרויס פון

צווייטן אַלקיר, צייטל הייסט עס, מיט רויטע אויגן און מיט אַ געשוואָלענער נאָז. אהא, טראַכט איך מיר, מיין טאָכטער האָט זיך דאָ שוין ווידער צעיעלהט, ווי אַ יידענע צו ונתנה תוקף! אָט די ווייבער, הערט איר, זיינען איך קיין קאַטאָוועס נישט — באַלד עפּעס, איז געוויינט! וואָלוועלע טרערן ביי זיי! „שטיאַ! — זאָג איך איר. — וואָס וויינסטו שוין ווידער? ביסטו נישט קיין נאַר? — זאָג איך — באַרעכן זיך נאָר, זאָג איך, דעם חילוק פון דיר ביז מענדל בייליס”... וויל זי נישט הערן און מאַכט צו מיר: „טאַטע, זאָגט זי, דו ווייסט נישט וואָס איך וויין”... זאָג איך: „איך ווייס גאַנץ גוט, פאַר וואָס זאָל איך נישט וויסן? דו וויינסט, זאָג איך, ס'טוט דיר באַנג די היים... ביסט אָט דאָ, זאָג איך, געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן — פאַרדריסט עס דיך!... גלויב מיר, זאָג איך, איך זאָל נישט זיין טביה, איך זאָל זיין אַן אַנדערער, וואָלט איך אַליין אויך, זאָג איך, געקושט אָט די נאַקעטע ווענט מיט אָט די ליידיקע פּאָליצעס... איך וואָלט אַליין אויך, זאָג איך, צוגעפאַלן צו אָט דער דאָזיקער ערד!... עס טוט מיר באַנג, זאָג איך, איטלעכס ברעקל גלייך מיט דיר. נאַרעלע! אפילו אָט די קאַץ, זאָג איך, זעסטו, אָט זיצט זי האָרט אַ פאַריתומטע אויפן פּריפּעטשיק? אַ שטומע צונג, אַ חיה, זאָג איך, פונדעסטוועגן איז אַ רחמנות, זי בלייבט אַליין אָן אַ באַלעבאָס — צער־בעלי־חיים”... „ס'איז דאָ, מאָל דיר, זאָגט זי, אַ גרעסערער רחמנות... „דהיינו?” „דהיינו, אָט פאָרן מיר אוועק, זאָגט זי, און לאָזן איבער דאָ איין מענטשן אַליין עלנט ווי אַ שטיין”. פאַרשטיי איך נישט, וואָס זי מיינט, און רוף מיך אָן צו איר: „וואָס בעלעבעטשעסטו, זאָג איך? וואָסערע פּלוימען, וואָס מענטש? וואָסער שטיין?” מאַכט זי צו מיר: „טאַטע, איך רעד נישט פונעם וועג, איך רעד, זאָגט זי, פון אַנדערע חוהן”... און ווי זי האָט מיר אויסגערעדט דעם דאָזיקן נאָמען, איז שווער איך, ווי מיט אַ הייסן אָקרעפּ, אָדער מיט אַ שייט האָלץ איבערן קאָפּ! און איך פאַל אָן אויף מיין טאָכטער און גיב איר אוועק אַ וויסטן סוף: „וואָס עפּעס פּלוצעם אין מיטן דרינען יחוה, זאָג איך? איך האָב דאָך אָנגעזאָגט, זאָג איך, וויפל מאָל, אַז הוה לא יזכר ולא יפקד!”... מיינט איר, אַז זי שרעקט זיך איבער? אָבער גאָר לא! טביהס טעכטער האָבן אין זיך אַ כוח! „טאַטע, מאַכט זי צו מיר, דו בייזער זיך נאָר נישט אַזוי שטאַרק און דערמאָן זיך בעסער, וואָס דו אַליין, זאָגט זי, האָסט געזאָגט וויפל מאָל, אַז סע שטייט געשריבן, אַז אַ מענטש דאַרף האָבן רחמנות אויף אַ מענטשן, ווי אַ טאַטע אויף אַ קינד”... איר הערט ווערטער? ווער איך מסתמא נאָך מער אויפגעקאָכט און גיב איר אוועק אַ זאָג, ווי איר קומט: „פון רחמנות, זאָג

איך, רעדסטו מיט מיר? ווו איז געווען, זאָג איך, איר רחמנות, אז איך בין געלעגן ווי א הונט פאַרן גלח, ימח שמו, אים געקושט די פיס, און זי איז אפשר געווען, זאָג איך, אין צווייטן חדר און אפשר געהערט איטלעכס וואָרט?... אַהער ווו איז געווען, זאָג איך, איר רחמנות, אז די מאמע עליו השלום איז געלעגן, זאָג איך, נישט פאַר דיר געדאַכט, אָט דאָ אויף דער ערד מיט שוואַרצן איבערגעדעקט? ווו איז זי דעמלט געווען?... און די נעכט, וואָס איך בין, זאָג איך, נישט געשלאָפן? און דאָס קרענקען, וואָס האָט מיך, זאָג איך, געקרענקט די גאַנצע צייט ביזן היינטיקן טאָג נאָך, אז איך דערמאָן מיך, זאָג איך, וואָס זי האָט מיר אָפּגעטאָן, אויף וועמען זי האָט אונדז אויסגעביטן — ווו איז, זאָג איך, דער רחמנות אויף מיר?"... און עס פאַרבאַקט מיך ביים האַרצן און איך קאָן נישט רעדן מער... מיינט איר דאָך אוודאי, אז טביהס טאָכטער האָט נישט געפונען, וואָס מיר דערויף אָפּצוענטפערן? „דו אליין, זאָגט זי, זאָגסט דאָך, טאַטע, אז דער מענטש, וואָס האָט חרטה, איז אים אפילו גאָט אליין אויך מוחל"... „חרטה? — זאָג איך — צו שפּעט! דאָס צווייגעלע, זאָג איך, וואָס האָט זיך איינמאָל אָפּגעריסן פון בוים, מוז, זאָג איך, פאַרטריקנט ווערן! דאָס בלעטל, זאָג איך, וואָס איז אָפּגעפאַלן, מוז פאַרפוילט ווערן, און מער, זאָג איך, זאָלסטו מיט מיר נישט רעדן דערפון — ע ד כ א ן א ו מ ר י ם ב ש ב ת ה ג ד ו ל!"...

בקיצור, דערזען, אז מיט ווערטער קאָן זי מיט מיר גאָרנישט מאַכן, טביה איז נישט דער מענטש, וואָס מע רעדט אים איבער, פאַלט זי צו מיר שוין גאָר צו און הייבט מיך גאָר אָן צו קושן אין די הענט אַריין און מאַכט צו מיר: „טאַטע, זאָג זי, זאָל איך שלעכטס האָבן, זאָל איך שטאַרבן אָט־האָ־דאָ אויפן אָרט, אויב דו וועסט זי איצטיקס מאָל, זאָגט זי, אָפּשטויסן, ווי דו האָסט זי אָפּגעשטויסן דעמלט אין וואַלד, אז זי איז, זאָגט זי, צוגעפאַלן צו דיר, און דו האָסט פאַרקערעוועט, זאָגט זי, דאָס פערדל און ביסט אַנטלאָפן!"... „וואָס פאַר א פּריטשעפּע, זאָג איך, אויף מיין קאָפּ? וואָס פאַר אן צאַנשיקעניש?! וואָס האָסטו זיך געגומען, זאָג איך, אויף מיין לעבן?!"... לאָזט זי מיך נישט אָפּעט, האַלט מיך צו ביי די הענט און טענהט זיך אירס: „זאָל איך שלעכטס האָבן, זאָגט זי, זאָל איך שטאַרבן, אויב דו וועסט איר נישט מוחל זיין, זאָגט זי, וואָרום זי איז דיר א טאָכטער, זאָגט זי, גלייך ווי איך!"... „וואָס ווילסטו, זאָג איך, פון מיין לעבן? זי איז נישט מיין טאָכטער מער! זי איז שוין, זאָג איך, לאַנג געשטאָרבן!"... „ניין, זאָגט זי, זי איז נישט געשטאָרבן און זי איז שוין צוריק דיין טאָכטער, זאָגט זי, ווי געווען, וואָרום פון דער ערשטער מינוט, זאָגט זי, אז זי איז געוווּר

געוואָרן, אַז מע שיקט אונדז אַרויס, האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין, אַז דאָס שיקט מען אַרויס אונדז אַלעמען, זי אויך, הייסט עס. דאָרט וווּ מיר — אַזוי האָט מיר חוה אַליין געזאָגט — דאָרט איז זי. אונדזער גלות — דאָס איז איר גלות... אַ סימן, זאָגט זי, האָסטו, טאַטע, אַז עס איז אַפֿילו דאָס פּעקל אירס"... אַזוי מאַכט צו מיר מײַן טאָכטער, ציטל הייסט עס, אין איין אָטעם, ווי די עשׂרת בני המן אין דער מגילה, און לאָזט מיך אַפֿילו נישט אַ וואָרט אַרויסרעדן און טוט מיר אַ ווײַז אָן אויף עפּעס אַ פּעקל אין אַ ברויטער פּאַטשיילע אײַנגעוויקלט, און טאַקע פּאָווטירנע טוט זי אָן עפּן־אויף די טיר פֿון צווייטן אַלקיר און אַ רוף־אויס: „חוה!" — זוי איר זעט מיך אַ יידן... און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, ליבער פֿרײַנד? טאַקע פּונקט אַזוי ווי בײַ אײַך אין די ביכלעך ווערט באַשריבן, באַווײַזט זי זיך, חוה הייסט עס, פֿון אַלקיר אַרויס — אַ געזונטע, אַ גלאַטע, אַ שיינע, ווי געווען, נישט געמינערט אַ האָר, נאָר דאָס פּנים אַ ביסל פֿאַרזאָרגט, די אויגן אַ ביסל פֿאַרצויגן, און דעם קאָפּ האַלט זי הויך, מיט גדלות, בלײַבט שטיין אַ ווײַלע, קוקט אויף מיר, איך — אויף איר. דערנאָך ציט זי אויס צו מיר בײדע הענט, און נאָר איין וואָרט קאָן זי אַרויסרעדן, איין־און־איינציק וואָרט, און שטיל:

— טאַטע...

. . . .

. . . .

. . . .

האָט קיין פֿאַריבל נישט, אַז איך דערמאָן מיך, שטעלן זיך מיר טאָך איצט אויך טרערן אין די אויגן. נאָר מיינט נישט פֿונדעסטוועגן, אַז טביה האָט חלילה געלאָזט אַ טרער, אָדער אַרויסבאַווײַזן, ווי זאָגט איר, מיאַכקי לבבות — בלאָטע!... דאָס הייסט, וואָס איך האָב געפֿילט בשעת מעשׂה אינעווייניק אין האַרצן — דאָס איז עפּעס אַנדערש. איר זענט דאָך אַליין אויך אַ טאַטע פֿון קינדער און איר ווייסט גלײַך מיט מיר דעם פּשט פֿונעם פּסוק „כרחם אָב על בנים" און דעם טעם פֿון דעם, בעת אַ קינד, עס מעג זיך ווי פֿאַרזינדיקן, נאָר אַז סע קוקט אײַך גלײַך אין דער נשמה אַרײַן און זאָגט אײַך: „טאַטע!" — אַנו, זײַט דעמלט אַ בריה, אַדרבה, און טרײַבט עס אָפּ!.. און צוריק אָבער, דער כּוח־הדם אַרבעט, און עס קומען מיר אַקעגן באַלד דאָס שיינע שפּיצל, וואָס זי האָט מיר אָפּגעטאָן... כוועדקע גאַלאַגאַן, אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן... און דער גלח, ימח שמו... און מײַנע טרערן... און גאָלדע עליו השלום טויט... ניין! זאָגט שוין איר אַליין, ווי קאָן מען דאָס פֿאַרגעסן,

ווי קאָן מען דאָס פאַרגעסן?... און ווידער צוריק — ס'טייטש! פאָרט א קינד... כרחם אָב על בנים... ווי טאָר א מענטש זיין אַן אכזר, אז גאָט אליין זאָגט אויף זיך, אז ער איז אַן אל ארך אפים!... ובפרט, זי האָט חרטה און וויל זיך אומקערן צוריק צו איר טאַטן און צו איר גאָט!... וואָס זאָגט איר, פאַניע שלום־עליכם? איר זענט דאָך עפּעס א ייד, וואָס קאָטאָרי איר מאכט ביכלעך און איר גיט דער וועלט עצות — זאָגט שוין איר אליין, וואָס האָט טביה באדאַרפט טאָן? ארומנעמען זי, ווי אַן אייגענע, קושן זי און האַלדזן זי און זאָגן איר, ווי מיר זאָגן יום־כיפּור צו כל־נדרי: סלחתי כדבריך — קום צו מיר, דו ביסט מיין קינד? צי אפשר פאַרקערעווען דעם דישעל, אזוי ווי דעמלט, און זאָגן איר: לך־לך — גיי דיר געזונטערהייט פון וואַנען דו ביסט געקומען?... ניין, לאָז זיך אייך דאכטן, למשל, על־צד־היותר איר זענט אויף טביהס אָרט, און זאָגט מיר בהן ישלי, נאָר אָפנטלעך, ווי פאַר אַן אמתן גוטן פריינד: ווי אזוי וואָלט איר זיך נוהג געווען?... און אויב איר קאָנט עס מיר נישט זאָגן באַלד, גיב איך אייך צייט אויף צו באַטראַכטן זיך... און דערווייל דאַרף מען גיין — די אייניקלעך וואַרטן שוין אויף מיר, קוקן ארויס אויפן זיידן. איר דאַרפט וויסן, אז אייניקלעך זיינען נאָך טויזנט מאָל טייערער און איינגעבאַקענער ווי קינדער. בנים ובני בנים — א קלייניקייט! זייט מיר געזונט און האָט קיין פאַריבל נישט, איך האָב אייך אָנגעקלאַפּט א קאָפּ — איר וועט שוין דערפאַר האָבן וואָס צו שרייבן... אז גאָט וועט העלפן, וועלן מיר זיך נאָך זען מסתמא, א גוטן!

וחלקלקות

א פאַרשפּעטיקטע מעשה פון טביה דעם מילכיקן, דערציילט נאָך פאַר דער מלחמה, נאָר איבער דעם גלות און איבער דער מהומה האָט זי ביז אַהער נישט געקאָנט זעען די ליכטיקע וועלט.

געשריבן אין יאָרן 1916—1914

והלקלקות

— איר געדענקט דאך מסתמא, פאניע שלום־עליכם, ווי איך האב איך אנומלטן איינגעטייטשט די פרשה „לך־לך" מיט אלע ל"ב פירושים, דערציילט, ווי אזוי עשו האט זיך פיין צערעכנט מיט זיין ברודער יעקב, גוט באצאלט אים פאר דער בכורה, ארויסגעמשלחט מיך פונעם הארף מיט האק און פאק, מיט קינדער און קינדס־קינדער און מיט די בעבעך בעס, ווי עס באדארף צו זיין, געמאכט א תל־עולם פון דער גאנצער באדאבע מיטן ביסל ארעמקייט, מיטן פערדל, להבדיל, פון וועלכן איך קאן נאך עד־היום נישט רעדן אן טרערן אין די אויגן, ווי מיר זאגן תשעה־באב אין די קינות: על אלה אני בוכיה — עס האט פארדינט, מע זאל נאך דעם לאזן א טרער... מילא, בין איך אייך דאס מוחל. ווארום, צוריק שמועסנדיק, איז חאך ווידער אמאל די אייגענע מעשה: מיט וואס בין איך דאס מער בן־יחיד ביי דעם רבונו של עולם פון אלע אנדערע אחינו בני ישראל, וואס פאני טרייבט האלדז־און־נאקן פון די הייליקע הערפער, קערט און רוימט און רייניקט און קארעניעט אוים מיטן ווארצל ווו נאר ס'איז פאראן א סימן פון א ייד, ווי מיר זאגן אין „יעלה ויבא": ויפקד ויזכר — עס זאל גאר קיין סליאד נישט בלייבן? מיט וואס האב איך ידא, מ'שטיינס געזאגט, זיך איבערצונעמען פאר גאט מער פון אלע ארויסגעטריבענע דארפישע יידן, וואס בלאנקען זיך איצט־ארום אויף אלע וועגן מיט ווייב און קינדער, ווי די בלינדע שאף, ווייסן נישט ווו א נאכט איבערצונעכטיקן, האבן נישט ווו א קאפ אנצושפארן, ציטערן יעדע מינוט, טאמער באווייזט זיך פון דער ווייטן א קנעפל פון אן אורעטניק, אדער גלאט אזוי א שווארץ יאר, ווי מיר זאגן אין מעביר סדרה זיין: ישא ה' עליך גוי?... איי, וואס? טביה איז נישט קיין עם־הארץ, ווי אנדערע דארפישע יידן, פארשטייט א קאפיטל תהלים, איז נישט פרעמד אין מדרש און קאן אפדאווענען, מיט גאטס הילף, א פרשה חומש מיט רש"י אויך? — מילא בכן? ווילט איר, אז עשו זאל דאס אפשאצן, ווי עס געהער צו זיין, און זאל האבן דרך־ארץ פאר אזא יידן? אדער אפשר קומט מיר גאר א דאנק דער־

פאַר? כאָטש אין תוך גערעדט, איז דאָ נישטאָ מיט וואָס צו שעמען זיך, און קיין חסרון איז דאָס אוודאי נישט — איך מיין טאַקע דאָס, וואָס מען איז, גאָט צו האַנקען, אַ ייד מיט לייטן גליך, מען איז נישט בלינד אין די שוואַרצע פינטעלעך, מען איז באַהאַוונט אין אַ פּסוק און מע ווייסט, ווו אַיין און ווו אויס, ווי אין פּרק שטייט געשריבן: ו ד ע מ ה ש ת ש י ב — אַז ווייל איז דעם וואָס ווייסט... איר מיינט אפשר, פּאַניע שלום־עליכם, איך זאָג דאָס אייך גלאַט אַזוי, פּונעם אַרבל? אָדער איך וויל זיך דאָ אויספּייניגען פאַר אייך, באַרימען זיך אין מיטן דרינען מיט מיין גרויס קענטשאַפט און מיט מיין לומדות? האָט קיין פאַריבל נישט, דאָס קאָן זאָגן נאָר אַזעלכער, וואָס קען נישט טביהן. טביה רעדט נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, און קיין פּוסטער באַרי־מער, ווייסט איר דאָך, איז ער קיינמאָל נישט געווען. טביה האָט ליב צו דערציילן אַ זאַך, וואָס טאַקע ב ע י נ י ר א י ת י — ער אַליין האָט דאָס דורכגעמאַכט, מיט אים אַליין האָט זיך דאָס געטראָפן. זעצט אייך צו אַמהאָרדאָ אויף אַ ווייל־עטושקע, וועט איר האָרכן אַ שיינס, ווי אַזוי עס קומט אַמאָל צונויף אַ מענטשן, אַז מען איז נישט קיין פּראָסטער בשר ודגים און מע האָט אַ שטיקל באַגריפיע אויך אין די עולמות העליונים און מע ווייסט, ווען און ווו און ווי אַזוי אַריינצושרויפן אַ פּסוק, כאָטשבי פון אונדזער אַלטן תהלים.

בקיצור, דאָס איז געווען, אויב איך האָב קיין טעות נישט, שוין לאַנג, גאָר לאַנג, איך האָב מורא, אויב נישט אין דער סאַמע היץ פון ב י מ י ם ה ה ם — פון פּאַניס רעוואָלוציעס מיט קאָנסטיטוציעס, בעת כרוקעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער יידישע שטעט און שטעטלעך מיט אַ פּריי געמיט און מיט אויפגעבונדענע הענט און גענומען מאַכן אַ תכלית פון יידישן האָב און גוטס. ככתוב, ווי אין סידור שטייט גע־שריבן: ש ו ב ר א ו י ב י ם ו מ כ נ י ע ז ד י ם — געבראָכן פענצטער און געריסן בעטגעוואַנט... איך האָב אייך שוין, דאַכט זיך, אַמאָל געהאַט געזאָגט, אַז איך אַליין וועל נישט נתפּעל פון אַזעלכע זאַכן, און שרעקן שרעק איך מיך אויך נישט איבער, וואָרום ס'איז דאָך אַ ממה־נפשך: איז דאָס אַ באַשערטע זאַך, אַ גזירה מן השמים, דאַרף איך דאָך נישט זיין קיין אויסנאַם פונעם כלל ישראל, ווי מיר זאָגן אין פּרק: כ ל י ש ר א ל י ש ל ה ם ח ל ק? אלא וואָס דען? ס'איז גלאַט אַן עפּי־דעמיע, אַ מין אונטערגאַנג, רחמנא לצלן, אַ שטורעמווינט, וואָס גייט פאַרביי, — איז דאָך אוודאי נישטאָ וואָס אַראָפּצופאַלן ביי זיך! דער שטורעמווינט וועט זיך איינשטילן, דער הימל וועט זיך אויסלייטערן און

עס וועט זיין חדש ימינו כקדם. ווי זאָגט דער גוי, להבדיל: „נע בולאָ או מיקיטע הראָשע אי נע בודע"...

און בך־הווה — אַזוי איז געווען איצט אויך, אַז ס'איז געקומען צו מיר די הראָמאדע פון דאָרף, ווי איך האָב אייך, דאַכט זיך, שוין געהאַט דערציילט אַמאָל, און מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה טובה, אַז מען איז דאָס געקומען צו מיר טאָן, וואָס מע טוט מיט כל ישראל. דאָס הייסט, מקיים זיין די מצוה פון „בעי זשידאָוו", האָב איך דאָך מסתמא, ראשית חכמה, אויסגעביטלט צו זייער קאָפּ אַלע בייזע ווייסטע חלומות, גענומען טענהן און פרעגן קשיות, ווי טביה קאָן: ס'טייטש, ווי אַזוי, און פאַר וואָס, און פאַר ווען, און וואָס איז דאָס גלאַט פאַר א שטייגער אָנפאַלן אויף א מענטשן, זאָג איך, אין מיטן העלן טאָג און אַרויסלאָזן אים די פעדערן פון די קישנס?...

מילא, טענות אהין, טענות אהער — איך זע, ס'איז אַרויסגעוואָרפן אַלע מיינע רייד. ברוקעלע האָט זיך איינגעשפּאַרט. זיי מוזן, זאָגן זיי, יוצא זיין פאַר נאַטשאַלסטווע. זיי האָבן מורא, זאָגן זיי, טאָמער טראָגט אָן דער רוח א קנעפּל, א שוואַרציאַר — לאָז ער זען, זאָגן זיי, אַז זיי זיינען לייטן־גלייך, נישט דורכגעלאָזט א יידן גלאַט אַזוי, אָן א שום סימן פון א פּאָגראָם. וואָס פאַר א פּנים, זאָגן זיי, וועלן זיי האָבן ביי נאַטשאַלסטווע?... על־כן, זאָגן זיי, איז געבליבן ביי הראָמאַדע, אַז עפּעס טאָן מיט מיר — דאָס מוזן זיי!...

האָב איך מיך מיישב געווען סאַמע אין דער לעצטער מינוט: „ווייסט איר וואָס, זאָג איך זיי, וויבאַלד אַז הראָמאַדע האָט אַזוי געפסקנט, זאָג איך, איז דאָך נישט שייך. וואָס קאָן זיין העכער פון הראָמאַדע? נאָר וואָס דען, זאָג איך, דאָס ווייסט איר, זאָג איך, אַז ס'איז פאַראַן א זאַך, וואָס ס'איז נאָך העכער פון הראָמאַדע?"... זאָגן זיי: „דהיינו, וואָס קאָן נאָך זיין העכער?" זאָג איך: „גאָט. איך מיין נישט, זאָג איך, אלהינו — נאַש באָג, אָדער אלהיכם — וואַש באָג. איך מיין, זאָג איך, אלהינו ואלהי אבותינו — אונדזער אַלעמענס גאָט... אָט יענער, זאָג איך, וואָס האָט באַשאַפן מיך און אייך, להבדיל, און אייער גאַנצע הראָמאַדע — אָט, זאָג איך, וועמען איך מיין. און ביי אים, זאָג איך, דאַרף מען א מאָפּ טאָן, אויב ער וויל, אויב ער הייסט, איר זאָלט מיר שלעכטס טאָן. וואָרום עס קאָן זיין, זאָג איך, אַז ער הייסט טאַקע אַזוי, און עס קאָן ווידער צוריק זיין, אַז ער וויל עס בשום אופן ואופן נישט. איי, ווי אַזוי קאָנען מיר עס וויסן? וועלן מיר וואַרפן, זאָג איך, גורל. אָט, זאָג איך, ליגט א תהלים פון גאָט. איר ווייסט דאָך, זאָג איך, וואָס

תהלים באַדייט? ביי אונדז הייסט עס תהלים, ביי אייך הייסט עס פּסאַלטיר. אַט דער הייליקער פּסאַלטיר, זאָג איך, וועט זיין צווישן אונדז דער שופט, דער מיראָוואָי סודיאַ הייסט עס. ער, זאָג איך, וועט פּסקענען, צי איר דאַרפט מיך שלאָגן, צי נישט"...

קוקן זיי זיך איבער טשעקאָווע, און איוואַן פּאַפּעריליע דער כּמאַראַסטע גייט אַרום פון אינמיטן און רופט זיך אָן צו מיר: „אַשטייגער, זאָגט ער, ווי אַזוי וועט דאָס דער הייליקער פּסאַלטיר פּסקענען?"... זאָג איך: „אַז דו וועסט מיר געבן, איוואַנו, דיין הן שלי און טאַקע דיין האַנט תקיעת־כּף, אַז האָמאַדע וועט פאָלגן אַלץ, וואָס דער תהלים וועט פּסקענען, וועל איך דיר, זאָג איך, דערמאָנט באַווייזן"... נעמט איוואַן און ציט מיר אויס אַ יד און מאַכט צו מיר: „גערעדט איז גערעדט". „אויב אַזוי, זאָג איך, איז גוט. איצט, זאָג איך, וועל איך אויפמישן אין תהלים אַ בלעטל, און דאָס ערשטע וואָרט, זאָג איך, וואָס ס'וועט זיך מיר וואַרפן אין די אויגן, וועל איך אייך זאָגן, און איר, זאָג איך, וועט אַזוי גוט און פרום זיין דאָס מיר נאָכזאָגן. איז אויב, זאָג איך, עמעצער פון אייך אָמדראָ וועט עס קענען מיר נאָכזאָגן, איז אַ סימן, זאָג איך, אַז גאָט הייסט, איר זאָלט טאָן מיט טביהן, וואָס איר ווילט, און אויב, זאָג איך, נישט, איז אַ סימן, אַז גאָט הייסט נישט... זענט איר מסכּים?" קוקט זיך איבער איוואַן דער סמאַראַסטע מיט האָמאַדע און מאַכט צו מיר: „לאַדנאָ". „אויב אַזוי, זאָג איך, און גיב אַן עפן־אויף דאָס תהלימל פאַר זיי, איז רעכט. אַט, זאָג איך, האָט איר עס: „ו ח ל ק ל ק ו ת"... קאָנט איר, זאָג איך, אונטערנעמען מיר נאָכזאָגן דאָס וואָרט „וחלקלקות?"... קוקן זיי איינס אויף דאָס אַנדערע און אַלע אויף מיר און הייסן זיך איבערחזרן דאָס וואָרט נאָך אַמאָל. זאָג איך: „ביי מיר האָט איר געפּועלט באַטש דריי מאָל, אויב איר ווילט: וחלקלקות! וחלקלקות! וחלקלקות!"... זאָגן זיי: „ניין, טשאָרט, דו זאָג נישט באַל־באַל־באַל! דו זאָג, זאָגן זיי, זאָג אונדז מיט אַ מויל און מיט אַ טאָלק און פּאָוואָלינקע!" זאָג איך: „אויך געפּועלט! איך וועל אייך, זאָג איך, זאָגן מיט אַ מויל, און מיט אַ טאָלק, און פּאָוואָלינקע: ו־ח־ל־ק־ל־ק־ו־ת! צופרידן?"...

האָט זיך היטשקע פאַרטראַכט אַ ווײַלע און האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, איטלעכער אויף זיין שטייגער: איינער האָט אַ זאָג געגעבן: „היידאָמאַקי". דער אַנדערער: „לאָמאַקי". ביים דריטן איז שוין גאָר אויסגעקומען: „חייקאַליאַ". וואָס איז אים עפּעס געפעלן „חייקאַליאַ"? טאָך חיה־לאה נפתלי־גרשון דעם לאָמערס! וואָס אין אַנאַטעווקע. איך

זע, ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, רוף איך מיך אָן צו זיי: „איר ווייסט, זאָג איך, קינדער? איך זע, אַז די אַרבעט, זאָג איך, גייט ביי אייך צו שווערלעך. אפשר, זאָג איך, אַז „וחלקלקות" איז נישט פאַר אייער קאָפּ; וועל איך אייך געבן, זאָג איך, אַן אַנדער וואָרט, אויך פון אונדזער תהלים: „ממעמקים"... „ממעמקים קראתיך"...

האָט זיך דאָך מסתמא ווידער אַמאָל אָנגעהויבן די אייגענע חתונה: ביי איינעם איז דאָס אויסגעקומען „לאָכאַנקע קעראַסינאַ". ביים צווייטן — „קריווליאַקאַ בוזינאַ". דער דריטער האָט גאָר אַ שפּיי געטאָן: „טפו! נעכיי טובי ליכאַ האָדינאַ!"...

בקיצור, זיי האָבן, אפשר, געזען, אַז מיט טביהן וועלן זיי זיך נישט אויסטענהן, רופט זיך אָן צו מיר דער סמאַראָסטע, איוואַן פּאַפּערילע הייסט עס, בזה הלשון: „די מעשה, זאָגט ער, דערפון איז אַזוי. מיר האָבן צו דיר, טעוועל, אייגנטלעך, גאָרנישט נישט. דו ביסט טאַקע אַ זשיד, נאָר נישט קיין שלעכטער מענטש. איינס צום אַנדערן אָבער געהער זיך נישט אָן — שלאָגן דאַרף מען דיך. הראָמאַדע האָט אַזוי געפּסקנט — פאַרפאַלן. מיר וועלן דיר, זאָגט ער, כאָטש אויסהאַקן אַ פּאָר פענצטער. און פאַר נויט, זאָגט ער, קאָנסטו אַליין זיך אויסהאַקן אַ פּאָר שויבן — אַבי פאַרשטאָפּן זיי דאָס מויל, כאַפּט זיי דער שוואַרציאַר! טאָמער זאָגט ער, פאָרט דורך נאַטשאַלסטווע, לאָזן זיי, זאָגט ער, זען, אַז מען האָט דיך נישט דורכגעלאָזט. אַנישט, זאָגט ער, וועט מען איבער דיר אונדז נאָך שטראָפירן... און אַצינדערט, זאָגט ער, טעוועל, שטעל דעם סאַמאָוואַר אָן זיי אונדז מכבד מיט טיי, און, פאַרשטייט זיך, אַ האַלבן עמער בראָנפן פאַר הראָמאַדע, וועלן מיר נעמען צו גלעזלעך און טרינקען פאַר דיין געזונט, וואָרום דו ביסט, זאָגט ער, אַ קלוגער ייד, פון גאָטס מענטשן"... אָט מיט די ווערטער און מיט דעם לשון, ווי איך דערציילן אייך, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן מיט אייך איינעם בכל אשר אפנה!

נו, איצט פרעג איך אייך, פּאַניע שלום־עליכם, איר זענט דאָך עפּעס אַ ייד, וואָס קאָמאַרי איר שרייבט — איז שוין טביה גערעכט, וואָס ער זאָגט, אַז מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט און אַז אַ מענטש, כל־זמן ער לעבט, טאָר ביי זיך קיינמאָל נישט אַראָפּפאַלן, ובפרט אַ ייד, ובפרט אַזעלכער, וואָס איז נישט פרעמד פון אנשי שלומנו — פון די שוואַרצע פינטעלעך! וואָרום נאָך אַלעמען, הערט איר, קומט טאַקע פאָרט אויס, ווי מיר זאָגן אַלע טאָג אין דאַווענען: אשרי יושבי — אַז וויל און אַז גוט איז זיי, וואָס זיי קען. און ווי מיר זאָלן זיך נישט קלינגען און ווי מיר זאָלן גיין מיט אויבער־השגחות, מוזן

מיר מודה זיין, אז מיר יידן זיינען פּאָרט דאָס בעסטע און דאָס קלוגסטע פֿאָלק פֿון אַלע פֿעלקער, ווי דער נביא זאָגט: מי כעמך ישראל גוי אחד — ווי קאָן זיך גלייכן אַ גוי צו אַ יידן? אַ גוי איז אַ גוי, און אַ ייד איז פּאָרט אַ ייד, ווי איר אַליין זאָגט אין אייערע מעשה־ביכלעך, אַז אַ ייד באַדאַרף מען זיין געבוירן... אשריך ישראל — אַז וואויל איז צו מיר, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אַ ייד, ווייס איך דעם טעם פֿון גלות־יון און פֿון אַרומשלעפּן זיך צווישן די פֿעלקער און פֿון ויסעו ויחנו — ווו געטאָגט, דאָרט נישט גענעכטיקט, וואָרום פֿון זינט מע האָט מיט מיר געלערנט די סדרה „לך־לך", — געדענקט איר, איך האָב אייך אַמאָל געהאַט דערציילט וועגן חעם באריכות? — האַלט איך נאָך אַלץ אין איין גיין, און איך ווייס נישט פֿון קיין מקום מנוחה, איך זאָל קאָנען זאָגן: „אַטאַ־דאַ, טביה, בלייבסטו זיצן". טביה פֿרעגט נישט קיין קשיות. מע האָט אים געזאָגט, ער זאָל גיין — גייט ער... אָט האָבן מיר זיך היינט באַגעגנט מיט אייך, פּאַניע שלום־עליכם, אַט־דאָ, אויף דער באַן. מאָרגן קאָן עס אונדז פֿאַרטראָגן קיין יעהופּעץ. איבער איאָר קאָן עס אונדז פֿאַרשלייערן קיין אָדעס, קיין וואַרשע, אָדער גאָר קיין אַמעריקע — סיידן דער אויבערשטער זאָל זיך אַרומקוקן און זאָגן: „ווייסט איר וואָס, קינדערלעך? איך וועל אייך גאָר אַראָפּברענגען משיחן!"... הלוואי טוט ער אונדז דעם צו־להכעיס, דער אַלטער רבונו של עולם! דערוויייל זייט מיר געזונט, פֿאָרט געזונטערהייט און לאָזט גריסן אונדזערע יידעלעך און זאָגט זיי האַרטן, זיי זאָלן זיך נישט זאָרגן: אונדזער אַלטער גאָט לעבט!...

מנחם=מענדל

צו דער צווייטער אויפלאַגע

מנחם־מענדל איז נישט קיין העלד פון אַ ראָמאַן, און איבערהויפּט נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז געבעך אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט וועלכן דער פּאַרפאַסער איז פּערזענלעך און נאָענט באַקאַנט. ער איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַ שטיק לעבן פון כמעט צוואַנציק יאָר. באַגעגנט זיך איינעם יאָר 1892 אויף דער אָדעסער „קליינער בערזע", האָבן מיר נאָכדעם דורכגעמאַכט האַנט ביי האַנט אַלע שבעה מדורי גיהנום, אין יע־הופּעץ אויף דער בערזע, „געגאַנגען" מיט אים קיין פּעטערבורג און קיין וואַרשע, אויסגעשטאַנען אַ סך קריזיסן, זיך געוואָרפן מיט אים פון איין פּרנסה אויף דער אַנדערער, און — אוי וויי! — נישט געפונען קיין גליק אין ערגעץ, געמוזט סוף־כל־סוף טאָן דאָס, וואָס אַלע יידן טוען — עמי־גרירן קיין אַמעריקע. דאָרט, זאָגט מען, מאַכן יידן נישט שלעכט... דאָס וועלן מיר זען פון זיינע שפּעטערדיקע בריוו פון אַמעריקע.

דערווייל, ביז עפּעס וואָס, האָב איך צונויפגעזאַמלט אַלע זיינע בריוו, וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון די אַכצן יאָר געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן, און געדרוקט אין פאַרשיידענע ערטער, צו זיין ווייב שיינע־שיינדל, ווי אויך די בריוו פון זיין ווייב צו אים, און געמאַכט פון זיי אַ בוך, מע קאָן זאָגן, כמעט אַ בריוונשטעלער.

טאַקע אַ בריוונשטעלער, איינגעטיילט אין זעקס באַזונדערע אָפּטיי־לונגען, און דערביי געהאַט אַ מיין: אַ ייד אַ סוחר, אַז ער וועט וועלן שרייבן אַ בריוו צו זיין ווייב, למשל, פון אָדעס — זאָל ער זוכן איינעם ערשטן בוך „לאָנדאָן". אַ שפּעקולאַנט אויף דער בערזע פון יקנה״ז, פון אַקציעס וכדומה אַזעלכע סחורות — וועט געפינען אַ מוסטער אינעם צווייטן בוך „פּאַפּירלעך", אָדער אינעם דריטן בוך „מיליאָנען". אַ ייד אַ מעקלער, אַ שדכן, אָדער אַן אַגענט — לאָז זוכן ווייטער. מיט איין וואָרט — יעדער וועט זיך געפינען זיינס. און אַזוי ווי יידישע געשעפטן זיינען ברוך־השם, אומעטום אַלציינס, דאָס הייסט, הייבן זיי זיך אָן, דאַכט זיך גאַנץ נישקשהדיק, מיט אַזוי פיל בטחון און גלענצנדיקע האָפענונגען, און אויס־לאָזן לאָזן זיי זיך אויס, צומיינסטן, מיט שלים־שלימזל, ווי ביי מיין

מנחם־מענדלען, לכן באַדאַרף מען לאַנג נישט האָרעווען ביים צונויפ־שטעלן אַ בריוו. מע קאָן אים נעמען גלייך, ווי ער שטייט און גייט. און טאָמער וועט זיך געפינען איינער פון טויזנט, וואָס די געשעפטן זיינע גייען אים דערווייל גוט, קאָן ער זיכער זיין, אַז ס׳איז נישט אויף לאַנג. אַלץ, וואָס איז געבויט אויף לופט און אויף ווינט, מוז סוף־כל־סוף פאַלן. שטאַרק אָנגעלייגט איז דאָס נישט. דערפאַר איז דאָס אָבער אמת, און דעם אמת האָבן דאָך אַלע מענטשן ליב...

ביים צונויפשטעלן די בריוו צו דער צווייטער אויפלאַגע, האָב איך אַ סך בריוולעך שטאַרק פאַרקירצט און אַ סך בריוולעך גאָר אַרויסגעוואָרפן. אָנגעווירן דערביי האָבן נאָר די זעצערס, ווייטער קיינער נישט. דער מחבר פון דעם בוך גייט מיט דעם גאַנג, אַז אַ ווערק, וואָס ס׳איז קירצער, איז דאָס אַלץ בעסער. די וואָס ווילן געפינען, אַז ס׳איז נאָך אַביסל צו לאַנג, קאָנען זיכער זיין, אַז אם ירצה השם, ביי די ווייטערדיקע אויפלאַגן זאָל דאָס ווערן אַלע מאָל קירצער און קירצער, ביז עס וועט קומען צום רעכטן אידעאַל: „צו נישט זאָגן קומט דאָס נישט"...

שלום־עליכם

נערווי (איטאַליע), ערב-חנוכה תר"ע.

אָדעסער בערזע

געשריבן אין יאָר 1892

לאָנדאָן

(אָדעסער בערזע)

א

מנחם-מענדל פֿון אָדעס צו זײַן װײַב שײנע-שײנדל אין כּתרילעװקע

לזוגתי היקרה הצנועה והחכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי'.

ר א ש י ת באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תמיד הערן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אַז איך בין נישט אימשטאַנד דיר צו באַשרייבן די שטאָט אָדעס, ווי גרויס און שיין זי איז, און די מענטשן די היגע מיט זייערע גוטע כאַראַקטערן, און די גאָלדענע געשעפֿטן, וואָס מע קאָן דאָ מאַכן. שטעל דיר פֿאָר, איך גיי מיר אַרויס מיטן שטעקל אין ג ר ע צ ע ק אַריין, אַזוי הייסט דאָ אין אָדעס די גאַס, וווּ יידן האַנדלען, האָב איך צוואַנציק טויזנט געשעפֿטלעך: וויל איך ווייץ — איז ווייץ, קלייען — איז קלייען, וואָל — איז וואָל, מעל, זאַלץ, פֿעדערן, ראָזשינקעס, זעק, הערינג — הכלל, וואָס אַ מויל קאָן אויסרעדן געפֿינסטו דאָ אין דעם אָדעס. איך האָב לכתחילה אַפֿילו אָנגעשמעקט אַ צוויי־דריי גוטע געשעפֿטלעך, נאָר עס איז מיר אַלץ נישט געווען צום האַרצן. האָב איך מיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט אין ג ר ע צ ע ק, ביז איך האָב מיך פֿאַרט צוגעשלאָגן צו עפּעס רעכטס, היינו: איך האַנדל מיט „לאָנדאָן" און פֿאַרדין דערביי גאָר נישקשהדיק! מע כאַפּט אַמאָל אַ כּפֿתּהאָ'ער, אַ מאָל אַ פֿופֿציקער, און אַמאָל, אַז עס גערעט, אַ הונדערטער אויך. הכלל, דאָס „לאָנדאָן" איז אַזאַ מסחר, וואָס מע קאָן דערביי גליקלעך ווערן אין איין טאָג. אָט איז נישט לאַנג אַרויסגעקומען אַהער איינער, עפּעס אַ שמש, און האָט געכאַפּט אין איין שמע־ישראל דרייסיק טויזנט, און האָרכט זיך היינט אַלעמען מיטן קאַמער. איך זאָג דיר, זוגתי היקרה, ממש עס וואַלגערט זיך דאָ געלד אין די גאַסן: איך האָב, ברוך השם, קיין חרטה נישט, וואָס איך בין אַראָפּגעפֿאָרן אַהער קיין

אָדעס. וועסטו דאָך פרעגן: ווי קום איך קיין אָדעס, אַז געפאָרן בין איך גאָר קיין קישעניעוו? אַפּנים, אַז ס'איז מיר באַשערט געווען פון גאָט, איך זאָל פאַרדינען גראָבע עטלעכע קערבלעך! אָט וועסטו הערן, ווי אַזוי דער אויבערשטער פירט מיט אַ מענטשן.

אַז איך בין געקומען קיין קישעניעוו צום פעטער מנשה אָפּגעזומען דעם גדן, פרעגט ער מיך: וואָס באַדאַרף איך דעם גדן? זאָג איך: מסתמא דאַרף איך; איך זאָל נישט דאַרפן, וואָלט איך נישט געקומען. זאָגט ער, אַז קיין מזומן געלט האָט ער איצט נישט, ער קאָן מיר, זאָגט ער, געבן אַן אָנווייזונג צו בראָצקין קיין יעהופּעץ. זאָג איך: לאָז זיין קיין יעהופּעץ, אַבי געלט. זאָגט ער: ער ווייסט נישט, צי אין יעהופּעץ איז איצטער דאָ געלט. ער קאָן מיר געבן, זאָגט ער, אַן אָנווייזונג צו באַכראַכן קיין וואַרשע. זאָג איך, לאָז זיין קיין וואַרשע, אַבי געלט. זאָגט ער: וואָס טויג דיר וואַרשע? וואַרשע איז ווייט. אויב איך וויל, קאָן ער מיר געבן, זאָגט ער, אַן אָנווייזונג צו באַרבאַשען קיין אָדעס. זאָג איך: לאָז זיין אָדעס, אַבי געלט. זאָגט ער מיר נאָך אַמאָל: אויף וואָס דאַרפסטו אַזוי געלט? זאָג איך אים: מסתמא דאַרף איך; איך זאָל נישט דאַרפן, וואָלט איך נישט געקומען. בקיצור, ער דרייט זיך אַהין־אַהער, עס האָט אים אָבער געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס; איך, אַז איך זאָג געלט איז געלט! גייט ער און נעמט אַרויס צוויי וועקסעלעך צו ת"ק קערבלעך אויף סך־הכּל פינף הונדערט, און אויף ש"ן קערבלעך גיט ער מיר אַן אָנווייזונג צו באַרבאַשען, קיין אָדעס, און דאָס איבעריקע גיט ער מיר מזומן, — וועט מיר זיין, זאָגט ער, צושטייער אויף דער הוצאה. און מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באַריכות. זײַ געזונט און לאָז גריסן שווער און שוויגער און די קינדערלעך זאָלן לעבן, איטלעכן באַזונדער גאָר פרייִנדלעך.

ממני בועלך מנחם־מענדל.

עיקר שכחתי: אַז איך בין געקומען מיט דער אָנווייזונג צו באַרבאַשען, זאָגט מען מיר, אַז די אָנווייזונג איז גאָר נישט קיין אָנווייזונג. וואָס דען איז דאָס? ס'איז אַ סוכהרשער! לאָז פריער אָנקומען, זאָגן זיי, פון אײַער פעטער מנשה דער וואַגאָן זוייץ, און לאָז מען אָקאָרשט דעם ווייץ פאַרקויפן, וועט מען אייך דעמאָלט געבן געלט. אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע. האָב איך באַלד אָוועקגעשריבן קיין קישעניעוו אַן אָטקריטקע, און האָב אים געשריבן, אַז מאַמער שיקט ער נישט אַרויס תיכף ומיד דעם ווייץ, וועל איך אים קלאַפּן אַ דעפּעש. בקיצור, אַ שרייב אַהער, אַ שרייב אַהין —

איך בין ארומגעגאנגען אין איינע יסורים. און ערשט נעכטן איז מיר אָנ־געקומען פון קישעניעוו א מזומנער הונדערטער און אויף רי"ש קערב־לעך א וועקסעלע. אצינד פארשטייסטו שוין, פארוואס איך האָב דיר די גאנצע צייט נישט געשריבן? איך האָב גערעכנט, אז די שי"ן קערבלעך זיינען לעזאזל. דערפון זעט מען ארויס, אז א מענטש טאָר נישט איבער־טראכטן אויפן ערגסטן. ס'איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, וואָס פירט אויס. איך האָב דאָס גאנצע ביסל מזומנים אריינגעבראַכט אין „לאָנדאָן" אריין, איינגעהאנדלט א רעמל סחורה, „האָסלעך" און „בעסלעך", און דאנקען השם יתברך — מע זאָגט, אז ס'איז שוין דאָ ריווח!

הנ"ל.

ב

שיינע-שיינדל פון כתריליווקע צו איר מאן מנחם-מענדל אין אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאט דאס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, אז עס האט זיך מיר ווידער אנגערופן די אמאליקע ספאזמע, אויף דיין פעטער מנשה געזאגט געווארן, וואס האט דיר געמאכט אזא שיינעם מחק פון די פופצן הונדערט קערבלעך נדן, אזא יאר, אזא מזל! ווי זאגט די מאמע מיינע זאל לעבן: „געשיקט דורך הער קאץ שלח-מנות"... ווערקסעלעך וואלט איך ביי אים גענומען! קרענק וואלט איך ביי אים גענומען! קדחת אויף פינף חדשים! הערסטו, הלוואי, איך זאל ליגן זאגן, נאר כ'האב מורא, דו וועסט די איבעריקע קערבלעך נישט אנקוקן, ווי דו קוקסט נישט אן די אויערן דיינע, וואס דו האסט זיי פארטראגן אזש אהין קיין אדעס. דיין גליק, וואס די מאמע ווייסט נישט פון קיין ווערקסעלעך; עס וואלט זיך געמאן חושך! און דאס, מענדל, וואס דו שרייבסט, אז דו פארדינסט, דאנקען גאט, געלט, איז ביי אונדז אלעמען אוודאי זייער אנגעליגט. נאר וואס דען? האב דיר אכציק שווארצע יאר, מיינע שונאים, אז דו שרייבסט שוין יא, שרייב-זשע ווי א מענטש! פאר וואס זאלסטו נישט ארויסשרייבן אקוראט, וואס איז דאס פאר א מין סחורה אט דאס, וואס דו האנדלסט מיט דעם? ווי טייער ליזט מען דאס אן ארשין? צי אפשר פארקויפט זיך עס אויף דער וואג? פרעג מיך בחרם וואס דאס איז, און מיט וואס מען עסט דאס! היינט פארשטיי איך נישט, דו זאגסט, אז אט האסטו איינגעקויפט סחורה, און אט איז שוין דא ריווח. וואס איז דאס פאר א מין סחורה, וואס וואקסט ביי דיר אזוי געשמעיה-דיק? „פעטשעריצעס, זאגט די מאמע, באדארפן אויך א רעגן!"... און אז ס'איז דא ריווח, פארוואס פארקויפסטו נישט? אויף וואס ווארטסטו? אויף

אַ יקרות? און פאַרוואָס שרייבסטו נישט, ווו דו שטייסט איין און וואָס עסטו דו? עפּעס גלייך, ווי איך וואָלט דיר זיין אַ פרעמדע, נישט קיין ווייב ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, נאָר עפּעס אַ פּאַליובאָווניצע, להבדיל, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „אַז אַ קו גייט אַוועק אין טשערעדע, פאַרגעסט זי דעם זייגעזונט". מיר דאַכט, דו זאָלסט מיך פאָלגן, וואָלסטו געזען אויסהאַנדלען זיך וואָס גיכער און קומען בעסער אהיים מיטן ביסל מזומנים, וועסטו דיר געפינען שענערע געשעפטן, ווי אָט די דאָזיקע... איך זאָל אַזוי וויסן פון קחות, ווי איך וויים ווי מע רופט עס! און זייַ געזונט, ווי עס ווינטשט דיר פון טיפן הארצן

דיין באמת געטרייע פרוי ש יי נ ע־ש יי נ ד ל.

ג.

מנחם-מענדל פון אדעס צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה והצנועה והחכמה מרת שיינע-שיינדל שתחי'.

ר א ש י ת באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אז עס איז מיר קיין חידוש נישט, וואס דו פארשטייסט נישט דעם שכל פון „לאנדאן", ווארום אז ווי באלד יידן סוחרים, יידן מיט בערד, ווייסן נישט וועך עס האט זיי געשלייערט, היינט לא כל שכן א יידענע! על כן וועל איך דיר קלאר מאכן, זאלסט פארשטיין דאס געשעפט אקוראט. והנה זיי וויסן, אז דאס „לאנדאן" גופא איז אן איידעלע מאטעריע. פארקויפן פארקויפט זיך עס אויפן ווארט, און זעען זעט מען דאס נישט. אלע מינוט בייט זיך עס: אט איז דאס טייער, אט איז דאס וואלוול. אט איז „האס", אט איז „בעס", דאס הייסט, דאס קערבל דארט אין בערלין אדער עס הייבט זיך, אדער עס פאלט. עס ווענדט זיך אין בערלין; ווי אזוי בערלין זאגט, אזוי איז דאס. עס לויפן די קורסן אויף און אפ משוגענערהייט, עס פליען דעפעשן אהין און צוריק, און יידן לויפן ארום ווי אויף א יאריד, מאכן געשעפטן און ווערן גליקלעך, און איך אויך בתוכם. עס איז א טומל, א בהלה, מע קאן דא פארדולט ווערן. אט, למשל, האב איך נעכטן געמאכט א „סטעלאזש", מיך געקאסט א פופציקער, איז ער היינט אין דער פרי, פונקט זייגער צוועלף, אויסגערונען געווארן. נאר דו ווייסט דאך נישט מסתמא, וואס הייסט „מאכן א סטעלאזש", — באדארף מען דיר געבן צו פארשטיין. למשל, מע גיט אוועק א פופציקער פאר א טאג, און יענער „שטעלט א קורס", קאנסטו דיר מאכן פונעם „סטעלאזש" „צוויי זייטן", הייבו: צוויי „בעסן", אדער צוויי „האסן", אדער גאר בלייבן שטיין און פארקויפן יענעם א „בלינדערעכט" ביז נאך „שלום" („שלום" הייסט ביי אונדז אין אדעס פארנאכט, ווי ביי איך בין מנחה-למעריב). איז ווי באלד דער קורס „שטייט אפ", איז כפרה דער גאנצער

פּאָפּיציקער — הייסט דאָס געמאַכט אַ „סמאַלאַוש". וואָלסט אָבער גאָר קיין יסורים נישט געהאַט; זוגתי היקרה! דערלייגן אַ פּאָפּיציקער איז דאָ פֿון די קלייניקייטן. השם יתברך וועט העלפֿן, עס וועט „אויסקניין די רעכטע זייט", וועל איך, אם ירצה השם, פֿאַרדינען געלט, און אַ סך! און וואָס דו זאָגסט מכוח דעם פֿעטערס מנשהס וועקסעלעך, האָסטו אַ גרויסן טעות. דער גוטער יאָר האָט אים נישט גענומען, ער איז נאָך אַ שיינער בטוח! לאָם איך נאָר וועלן אַראָפּגעבן אַ „סקידקעלע", קאָן איך זיי פֿאַרצוקערן. נאָר איך וויל נישט. איך זאָל דאַרפֿן געלט, האָב איך געטאָן: איך קאָן פֿאַרהאַנדלען אַ פּאָר „האָסלעך" אָדער אַ פּאָר „בעסלעך". נאָר איך בין קיין בעלן נישט דערויף. איך קאָן באַשטיין בעסער צו קויפֿן נאָך אַ „סמאַלאַוש". וואָס מער „סמאַלאַזשן" איז אַלץ בעסער. אַז מע ליגט זיך שלאָפֿן מיט אַ „סמאַלאַוש", שלאָפֿט זיך גאָר אַנדעריש! און מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. וואָס דו פֿרעגסט מיך, ווי איך שטיי און וואָס איך עס, שרייב איך דיר, זוגתי היקרה, איך וויים אַליין נישט אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט איך בין. די שטאָט אָדעס איז אומגעהויער גרויס, און אַלצדינג קאָסט דאָ טייער, און די הייזער זענען דאָ הויך ביזן הימל, מע דאַרף קלעטערן אויף אייזערנע טרעפּ אַ האַלבע שעה, ביז מע קומט אַהיים, אַזש אונטערן הימל, און אַ פֿענצטערל איז אַ קליינס, ווי אין אַ טורמע. איך בין זיך מחיה, אַז ס'ווערט טאָג און איך קאָן מיך אַרויסכאַפּן פֿון דער טורמע אַהין אין גרעצק אַריין, און דאָרטן טאַקע עס איך שטייענדיק, דאָס הייסט, מע כאַפּט איבער וואָס גאָט גיט, וואָרום ווער האָט צייט זיך אַוועקזעצן עסן, אַז מע דאַרף אַלע מינוט געוויר ווערן די קורסן פֿון בערלין? דערפֿאַר איז דאָ פֿרוכטן בזיל הזול. ווייַנטרויבן עסט מען דאָ נישט ווי בײַ אײַך אין כתרילעווקע ראש־השנה אויף שהחיינו, — דאָ עסט מען ווייַנטרויבן אַלע טאָג, און אין מיטן נאַס, מע שעמט זיך גאָרנישט.

הנ"ל.

ד

שיינע-שיינדל פֿון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין אָדעס.

לכבוד בעלי היקר והנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, אַז איך האָב דיך אָנגעקוקט טאַקע גאָר ווי אַ משוגענעם! לאָז איך אַזוי וויסן, אויף אַ פֿולער וואָך נישט אויסגערעדט זאָל זיין, פֿון דער שטאָט אָדעס, ווי איך הייב אָפּילו אָן צו וויסן, וואָס דו פּלאַפּלסט מיר אין דעם בריוו „העס" און „באָס" און „רעלעזשאַנס", דער שוואַרצער יאָר ווייסט אייך דאָרטן! עס פֿליען ביי דיר פּופּצי־קערס, ווי האָלעשוקעס, עפּעס איז ביי דיר דאָרטן געלט — שמעלט, הפקר ציבעלעס! אוודאי קאָן מען גיין אין גאָלד ביי אַזעלכע פּרנסות! איך פֿאַרשטיי נישט, באַטש נעם מיר אַראָפּ דעם קאָפּ, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין סחורה, וואָס מע זעט זי נישט? אַ קאַץ אין אַ זאַק!?... הערסטו, מענדל? מיר געפֿעלט דאָס נישט. איך בין ביי מיין טאַטן נישט געפּרוווט געוואָרן צו אַזעלכע לופֿטיקע פּרנסות, לאָז מיך גאָט היטן אויף ווייטער אויך. ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „פֿון לופֿט כאַפּט מען אַ פֿאַרקילונג"... דו שרייבסט: „אַז מע ליגט זיך שלאָפֿן מיט אַ רעלעזשאַנס, שלאָפֿט זיך גאָר בעסער"... ווער ליגט זיך עס שלאָפֿן מיט אַ רעלעזשאַנס? עפּעס מאָדנע דיבורים, טערקיש לשון! און וואָס דו שרייבסט מיר, אַז דו קאָנסט פֿאַרצוקערן דעם פֿעטער מנשהס וועקסעלעך, איז טאָמער וועל איך אין דעם נישט גלייבן, וועל איך אויך נישט זיין קיין אפּיקורסטע, ווי די מאַמע זאָגט: „גלייב נישט ביז דו ציילסט נישט איבער"... ווייסטו וואָס, מענדל? פֿאָלג מיך, אַ ווייב, טו אַ שפּיי אויף דעם אָדעס, און קום בעסער צו פֿאָרן אַהיים, קיין כתרילעווקע. פֿופֿצן הונדערט קערבלעך האָסטו, אַ דירה גיט אונדז דער טאַטע זאָל לעבן, קלייטן פֿאַרדינגען זיך, הייַנט וואָס פֿעלט דיר

נאָך? צו וואָס באַדאַרף איך ליגן ביי יענעם אין מויל, און שונאים זאָלן מורמלען, אַז דו האָסט זיך אָוועקגעלאָזט קיין אַדעס און מיך האָסטו אַוועקגעוואָרפן, נישט דערלעבן זאָלסטו דאָס! דערווייל מעג נאָך דיין אַדעס זיין די כפרה פאַר אַגדזער כתרילעווקע מיט אַלע דיינע הויכע מויערן מיט די אייזערנע טרעפּ, וואָס מע דאַרף זיך דראַפּען אויף זיי משוגענער-ווייז! מאַקע בדאַי צוליב דעם זיך קאַליע מאַכן דעם מאָגן, — וואָס איז? ס'איז אַ זול אויף ווייַנטרויבן! ווייַנטרויבן דאַרף מען פרעסן, פלוימען איז ביטער? ס'איז ביי אונדז הייַנט אַ געוועט אויף פלוימען, אַ גילדן אַן עמער! נאָר עס גייט דיר שטאַרק אָן וואָס ביי אונדז אין דער היים טוט זיך. דו פרעגסט אפילו נישט אויף די קינדער, וואָס זיי מאַכן. האָסט שוין גאָר פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ טאַטע פון דריי קינדערלעך זאָלן געזונט זיין, ווי זאָגט די מאַמע: „דאַלי אַמשע, דאַלי סערחצע"... אזא מכה זאָל זיך דיר זעצן, ווי זי איז געוואַקסן! דערווויילע בלייב געזונט און פיל גליקלעך, ווי עס ווינטשט דיר

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע-שיינדל.

ה

מנחם-מענדל פון אָדעס צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתריליעווקע.

לזוגתי היקרה והצנועה והחכמה מרת שיינע-שיינדל שתחי'.

ר א ש י ת באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אז עס גייט אצינד א מוראדיקער „בעס", האָב איך מיך אנגעקויפט מיט „לאָנדאָן" ווי א פויק, און איך האָב מיך באוואָרנט מיט זיבעצן „בעסן" און מיט אכט „סטאלאזשן". היינט באדארף איך אפנעמען „דיפערענצן" עטלעכע הונדערט קערבלעך, וועל, איך, אם ירצה השם, ווייטער מאכן „בעסן". וואָלסט אנקוקן, זוגתי היקרה, ווי אזוי עס ווערן דאָ געמאכט געשעפטן אויפן וואָרט, וואָלסטו פארשטאנען, וואָס הייסט אָדעס; א שאָקל מיטן קאָפּ איז דאָ פונקט ווי געמאכט א קאָנטראקט. איך גיי מיר ארויס אין גרעציק, קום אריין אין א „קאפע", זעץ מיר אנידער ביי א טישל און שאף מיר א גלעזל טיי, צי קאווע, צי עפעס אנדערש; קומט צו גיין איין מעקלער, דער אנדערער, דער דריטער; מע דארף נישט האָבן קיין קאָנטראקט, נישט קיין קוויטל, קיין איינגעטונקענע פען אפילו! יעדער מעקלער האָט ביי זיך א ביכעלע מיט א שטיפטל, נעמט ער ארויס דאָס ביכעלע און פארשרייבט, אז איך האָב ביי אים צוויי „בעסן", און איך נעם ארויס און צאָל אים אָפּ די עטלעכע קערבלעך — מחיה! און שפּעטער מיט א פּאָר שעה, אז גאָט הייסט, מע ווערט געוואָויר דאָס „טאקסירעכץ" פון בערלין, קומט צו לויפן טאקע דער אייגענער מעקלער און גיט שוין א פונפ־אונצוואנציקער פון אויבן, און נאָך שפּעטער, אז מע ווייסט שוין „אָנפאנג" אויך, שטופּט ער א פופציקער, און אז גאָט וויל צו „שלום", וואקסט אָן א גאַנצער הונדערטער, און אמאָל קאָן געמאָלט זיין, אז טאָקע צוויי הונדערט, און אמאָל דריי הונדערט אויך, פאר וואָס נישט? דערויף איז עס דאָך א בערזע! א בערזע איז א שפּיל, א גליק־זאך. און וואָס דו שרייבסט מיר, אז דו גלייבסט נישט אין פעטער מנשהס ווערטלעך, קאָן איך דיר אָנזאָגן א בשו-

רה, אַז איך האָב זיי שוין פאַרצוקערט. אַ סימן האָסטו: ווו האָב איך גענומען געלט אויף אַזויפיל „בעסן" מיט אַזוי פיל „סטאַלאַזשן"? „סטאַלאַזשן" איז נישט, ווי דו רופסט עס אָן, „דעלעזשאַנסן". דעלעזשאַנסן איז דאָס, וואָס מע פאָרט אויף דעם קיין ראַדאָמישל און קיין זשיטאָמיר, און „סטאַלאַזש" איז אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס יענער שרייבט אָן און חתמעט זיך אונטער, אַז ס'וועט קומען „אולטימאָ", דאָס הייסט סוף חודש, איז ער מחויב אַזוי פיל און אַזוי פיל פונטן צו דעם און דעם קורס דיר געבן און ביי דיר נעמען. די בריחה, הייסט עס, איז ביי דיר, וואָס דו ווילסט — דאָס מוסטו: ווילסטו, גיסטו, ווילסטו, נעמסטו, היינט פאַרשטייסטו שוין דעם שכל פון „סטאַלאַזש"? ווען גאָט העלפט ריעכטע „וואַריאַציעס" אויף „לאָנדאָן", און מע טוט, למשל, אַ שמועס אויף די בלעטער מכוח מלחמה, פאַלט דאָס רוסישע קערבל אַראָפּ אין דער ערד אַריין, און דאָס „לאָנדאָן" טוט זיך מיטאַמאָל אַ רוק, אַז מע דערקענט נישט דעם פּלאַץ. אָט האָט מען געשמועסט יענע וואָך פון דער ענגלישער מלכה, אַז זי איז עפּעס נישט אין בעסטן געזונט, איז באַלד געפאַלן דאָס רוסישע קערבל, און „סטאַלאַזשן" האָבן זיך געגעבן אַ הייב־אויף העכער הייזער! איצט שרייבן די גאַזעטן, אַז ס'איז איר בעסער, האָט זיך דאָס רוסישע קערבל אויפגעהויבן און מע קאָן שוין קויפן „סטאַלאַזשן" וויפל מע וויל. הכלל, זאָלסט גאָר נישט זאָרגן, וזוגתי היקרה, עס וועט, אם ירצה השם, זיין אַלצדינג, ווי מע זאָגט ביי אונדז אין אָדעס, אין בעסטן אָרדענונג! און מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אין די שפּעטערדיקע בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. און לאָז גריסן די קינדערלעך זאָלן לעבן און אַלעמען גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. ביי אונדז אין אָדעס זיינען די היצן אַזוי גרויס, אַז מע ווערט פאַרברענט, און ביינאַכט ווערט מען צעגאַנגען, אַזוי ווי וואַקס. דעריבער אַז סע קומט פאַרנאַכט, ווערט די שטאָט פוסט. דער עולם צעפאָרט זיך אויף פאָנטאַנען, אויפן גרויסן פאָנטאַן, אָדער אויפן קליינעם פאָנטאַן, אָדער גאָר אויפן „לאַנזשעראָן". דאָרטן קריגסטו וואָס דו ווילסט, וואָס דיין האַרץ גלוסט, און קאָנסט זיך באָדן אין ים, און קאָנסט הערן מוזיק, און חוקא אומזיסט, אָן אַ גראָשן געלט!

הנ"ל.

ו

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאן מנחם-מענדל אין אדעס.

לכבוד בעלי והיקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאט דאס געמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, אז איך האב שוין ווידער צו טאן מיט די ציין, אויף דיינע אדעסער „חראנזשיקעס" געזאגט געוואָרן. איך דארף זיך רייסן דא אויף די ציין און מוטשען מיט די קינדער זיינע, און ער — גארנישט, לעבט זיך אפ, ווי גאט אין אדעס, פארט ארום רייטנדיק אויף „חראנזשיקעס", באדט זיך אין „קאראטקי וויק" און קלעזמער שפילן אים צו. וואס פעלט אים, אשטייגער! ווי זאגט די מאמע: „רייטנדיק וואלט ער געפארן ביי מיר אויף א בעזעם, נישט אויף קיין חראנזשיקעס"!... ממה-נפשך, ביסטו א סוחר און האנדלסטו מיט דער שיינער סחורה קארטן, וואס מע רופט זי „לאנדאן", טא האב איך זינען מסחר, נישט די ענגלישע מלכה. האב בעסער אין זינען דיין ווייב, האסט א ווייב ביז הונדערט צוואנציק יאר מיט קינדערלעך דריי, זאלן געזונט זיין, ווי זאגט די מאמע: „האב אין זינען זיך, וועסטו פארגעסן אין יענעם"... און וואס דו שרייבסט מיר פון דיינע גליקן, זאג איך דיר דעם אמת, עס דרייט זיך מיר אזש דער קאפ! עס גלייבט זיך מיר עפעס נישט, באטש קוילע מיך, אז אט אזוי פליען ראס הונדערטערס גלייך אין די הענט אריין! וואס איז דאס פאר א מין כישוף דארטן, א פארבלענדעניש, צי וואס? זע נאר, אז פון די אלע גדולות זאלסטו חלילה דאס בדרגעלט נישט אנדירן, ווארום טאמער ווערט געמיינערט א גראשן פונעם גרן, וועט דיר דערמלט מער נישט אפגיין פון דער מאמע זאל לעבן!... ער זאל זיך עס אפילו דערמאנען, מיר דאכט, דו ווייסט גאנץ גוט, אז איך באדארף האבן א זיידן מענטעלע ווי אין לעבן

אריין, און וואַלגט אויף אַ קלייד, און אַ צוויי שטיקלעך מאַראַזעווע וואַטע. אַ מינדסטע נאַרישקייט באַדאַרף איך אים אָנזאָגן, אַליין ווייסט ער נעבעך נישט, דער מוח איז אים אויסגעדאַרט געוואָרן, ווי די מאַמע זאָגט: „ווער סע שטויסט זיך נישט אַליין, דעם גיט מען אין זייט אַריין"... ווי עס ווינטשט דיר פון טיפן האַרצן

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

ז

מנחם-מענדל פון אָדעס צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה והצנועה והחכמה מרת שיינע-שיינדל שתחי'.

ראשית באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסן, אַז איך האַלט שוין נישט ווייט, היינו, איך האָב מיך גוט אַריינגעכאַפּט אין „בעס" אַריין און גיי שוין אַצינד מיט „פּעסטער לאָנדאָן", דאָס הייסט, איך טו שוין אַ גיב אָדער אַ נעם מיטאָמאָל צען טויזנט פונט, צוואַנציק טויזנט פונט, נאַטירלעך, מיט אַ „דעפּאָ". איך האָב שוין גרויס קענטשאַפט אין די קאַנטאָרן, און עס קאָמפּעניר מיר שוין זיצן ביי פּאַנקאָנין אין דער קאַפע גלייך מיט אַלע גרויסע שפּעקולאַנטן ביי ווייסע טישלעך מיט מירמלשטיין, און הייס זיך געבן אַ פּאָרציע מאָראָזשענע, מחמת ביי אונדז אין אָדעס איז אַ מנהג, ווי באַלד מע זעצט זיך נאָר אַנידער, אַזוי קומט צו אַ מענטש מיט אַ פראַק און הייסט, מע זאָל הייסן געבן מאָראָזשענע. קאָן מען נישט זיין קיין דבר־אחר און מע מוז הייסן געבן; און אַז מע עסט אויף די פּאָרציע מאָראָזשענע, הייסט ער, מע זאָל הייסן געבן נאָך אַ פּאָרציע, און אַז נישט, טאָר מען נישט זיצן און מע באַדאַרף זיך אַרומדרייען אויף דער גאַס, איז עפּעס נישט שיין פאַר אַ שפּעקולאַנט, און אַגב שטייט דאָרט אַ גאָראָדאָוואָי און לאָקערט, מע זאָל זיך נישט אַרומדרייען אויף דער גאַס... יידן באַדאַרפן דאָך אָבער יאָ זיך אַרומדרייען, קליגן זיי זיך מיט אים, לאָזן אים אָפּ, אַנטלויפן, באַהאַלטן זיך אויס ווי ווייט מעגלעך, און אַז ער כאַפּט איינעם, טראָגט ער אים אָפּ, ווי אַן אַבן־טוב, גלייך אין אוטשאַסטאָק אַריין, ווי איינער רעדט: „אָט האָב איך געבראַכט אַ יקדן"... און וואָס דו שרייבסט מיר, אַז דו גלייבסט נישט אין גרויסע „וואַריאַציעס" מיט „דיפערענצן", איז אַ סימן, אַז דו ביסט שוואַך אין פּאָליטיקע. אָט, למשל, זיצט איינער ביי אונדז אין קאַפע, ביי פּאַנקאָנין, רופט מען אים „גאַמבעטע", טאָג ווי נאַכט רעדט ער פון פּאָליטיקע און נאָר פון פּאָליטיקע! ער באַווייזט אויס מיט טויזנט

ראיות, אז מע שמועסט מיט מלחמה. ער הערט, זאָגט ער, אַלע נאַכט האָר־מאַטן שיסן — נישט דאָ, דאָרטן, ביי די פּראָנטזיין. די פּראָנטזיין, זאָגט ער, ווילן נישט פאַרגעסן אַז דעם ביסמאַרקן ווייל זיי ווילן לעבן! עס מוז, יעס מוז, זאָגט ער, אַרויסשפּרינגען אין גיכן אַ מלחמה, עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין! האָרכן גאַמבעטן דרשענען, באַדאַרף מען פאַרקויפן וואָס מע האָט, די קאַפּאָטע אויסמאַן און קויפן „סטאַלאַזשן" און „בעסן", „בעסן" — אָן אַ שיעור „בעסן"! און וואָס דו שרייבסט מיר מכוח אַ מענמעליע, אַז איך זאָל דיר קויפן, האָב איך פון דיינעטוועגן, זוגתי היקרה, בעסער אויסגעקוקט אַ שענערע זאַך, דהיינו: אַ זייגערל אַ גילדענס מיט אַ מענדעליאָן און מיט אַ גילדן קייטל מיט אַ בראָש, און בהאַנזעליעטן האָב איך געזען אין פענצטער, מאַקע נישט ווייט פון פאַנקאָנין — זאָג איך דיר: פּרימאַ שבפּרימאַ! און מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה.

ממני בעלך מנחם־מענדל.

עיקר שכחתי: די שפּע איז דאָ, קיין עין־הרע גרויס, און יידן, זייענען דאָ אַזוי פאַרמאָן אין פּרנסה, אַז מע פאַרגעסט פון שבת און פון יום־טוב. פאַרשטייט זיך, אַז ביי מיר איז שבת — שבת. עס מעגן פאַלן שטיינער פונעם הימל, מוז איך מיך שבת דורכגיין אין שול אַריין. די אָדעסער שול מעג מען גיין אָנקוקן. ערשטנס, רופט מען דאָס „כאָר־שול", מחמת אויבן גייט זי מיט אַ קאָפּעק, און קיין מזרח איז נישטאָ. אַלע זיצן מיטן פּנים אַהין. און דער חזן (פּיני הייסט ער, שוין איין מאָל אַ חזן!) גייט חוטקא געגאָלט די באָרד, נאָר עברי קען ער אַביסל בעסער פון אייער אַלטן דראָנג משה־דוד! זאָלסט זען, אַז סע קומט צו „בריך־שמיה דמרא עלמא", נעמט ער איין אַ מיתה־משונה! זיין „מזמור־שיר־ליום־השבת" מעג מען האָרכן אויף בילעטן. אַלע זינגערלעך שטייען אויסגעשטעלט אַרום אים, אָנגעטאָן אין קליינע טליתימלעך — מחיה! ס'זאָל זיין צוויי מאָל אין וואָך שבת, וואָלט איך צוויי מאָל אין וואָך געגאַנגען הערן פּיני דאַווענען. איך פאַרשטיי נישט די היגע יידן, פאַר וואָס זיי גייען נישט דאַווענען. און אַפילו די, וואָס גייען דאַווענען, דאַווענען אויך נישט: זיי זיצן ווי די טאָקן אין די צילינדערס, מיט די פעטע אויסגעפּאַשעטע פּנימער, מיט די קליינע טליתימלעך, און — שאַ! מאָמער וויל אַ ייד אַ דאַוון טאָן אַביסל העכער, קומט צו צו אים דער שמש מיט די קנעפּ, און זאָגט, ס'זאָל זיין שטיל. — מאָדנע יידן אין דעם אָדעס!

הנ"ל.

ח

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין אָדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך פאַרשטיי נישט, וואָס איז די גדולה, וואָס מע האָרעפּ זיצן ביי פראַנקאָניין, ברענגען זאָל זי, ביי מירמלשטיינערנע טישלעך און פרעסן פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט דער רוח ווייסט וואָס? אבי אויסברענגען געלט? און וואָס איז דאָס פאַר א משוגענער דאָרטן ביי אייך אין אָדעס, וואָס סע חלומט זיך אים, אַז מע שיסט, געשאָסן זאָל ער ווערן פון גאָט? מלחמות גלוסט זיך אים! ווי זאָגט די מאַמע: „יענעמס בלוט איז ביי אים וואַסער"... גילדענע זייגערלעך מיט בריליאַנטן האָסטו דערזען אין די פענצטער אין אָדעס? א גדולה אויף דער באָבע! וואָס טויגן מיר דיינע מתנות, מענדל, וואָס דו זעסט ביי דורכן פענצטער? ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „קרעפּלעך אין חלום איז נישט קיין קרעפּלעך, נאָר א חלום"... דו כאַפּ זיך אַריין בעסער אין א קלייט אַריין און קויף מיר א שטיקל וועבעל אויף וועש, און מאַדעפּאַ-לאַן אויף ציכלעך, און א פּאָר ביינע קאָלדרעס, און א ביסל זילבער אין שטוב אַריין, און עפּעס נאָך. מאָל דיר, אַז בליומע-זלאַטע באַדאַרף זיך שוין אַקעגן מיר בלאָזן (אויפבלאָזן זאָל זי ווערן, ווי א פּאַכיר!). וואָס איז? זי טראָגט א האַלדז פּערל, זאָל עס איר טאַקע נאָר פאַרשטערט ווערן! זי האָט האָס א דאָלי ביי איר מאַן! לייט האָבן גליק צו אַלצדינג; נאָר איך איינע בין עפּעס אין אַזאַ פינצטערער, ווייסטער שעה געבוירן געוואָרן, אַז א מינדסטע זאַך באַדאַרף איך אים דערמאָנען! לאָז זיך דיר דאַכטן, עליהיי דו האָסט געקויפט נאָך א „הער" מיט נאָך א „באָם" מיט נאָך

אז דער שווארץ יאר ווייסט איך דארט, ווי דו רופסט עס אן. איך זאג אים: פארקויף דאס, וואס דו האסט, און צייל געלט, גייט ער און קויפט נאך! וואס האסטו מורא? וועסט נישט קריגן די סחורה נאכדעם? איך זע שוין ארויס, וואס דאס איז פאר א מסחרים און וואס דאס איז פאר א שטאט אדעס, אז שבת איז קיין שבת נישט און יום־טוב איז קיין יום־טוב נישט, און דער חזן איז מיט א געגאלטער מארדע, מיינע ווייטיקן אויף זיין קאפ! מיר דאכט, אז פון אזא שטאט און פון אזעלכע מענטשן דארף מען לויפן, ווי פון אן עיפוש, צום סוף ליגט ער דארט און וויל נישט ארויסקריכן, ווי זאגט די מאמע: „דער ווארעם ליגט אין כריין און מיינט, אז ס'איז גאר קיין זיסערס נישטא"... לכן שרייב איך דיר, בעלי היקר, זאלסט זיך גוט באַרעכענען וואס דו טוסט און אויפהערן הוליען אין דעם זיסן אדעס, ס'זאל אויף דעם קומען א שרפה, ווי עס ווינטשט דיר

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

יא! זאג נאר, מענדל, ווער איז אט דער „פראנקאני", וואס דו שרייבסט מיר אלץ, אז איר זיצט דארטן טאג ווי נאכט? ס'איז אן „ער", צי א „זי"?...

ט

מנחם-מענדל פון אַדעס צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע

לזוגתי היקרה והצנועה והחכמה מרת שיינע-שיינדל שתחי'.

ר א ש י ת באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אַז עס שמעקט שוין מיט גראָבע טויזנטער! אַז גאָט וועט העלפֿן און דאָס „אולטימאָ" וועט אָפּלויפֿן גלאַט, וועל איך מאַכן אַ הויפּט-טרעפֿער. איך וועל אייקאַסירן מיינע אַלע „דיפֿערענצן" און וועל זיך דורכפֿאָרן אַהיים און וועל דיך, אם ירצה השם, אַרויסנעמען אַהער, קיין אָדעס. אַ דירה וועלן מיר דינגען אויף דער „רישעלייו", איינ־קויפֿן שיין מעבל און וועלן לעבן, ווי מע לעבט דאָ ביי אונדז אין אָדעס. דערוויל האָב איך צו טאָן, נישט פֿאַר דיר געדאַכט, מיטן מאָגן; אפֿנים, דאָס מאַראָזשענע האָט מיר פֿאַרשאַדט... אַז איך קום צו פֿראַנקאָני, עס איך שוין נישט קיין מאַראָזשענע. וואָס דען? איך הייס מיר געבן אַזאַ געטראַנק, וואָס מע ציט דאָס דורך אַ שטרוי; ס'איז אי זיס, אי ביטער־לעך, אַזוי ווי אַ מין זאַלץ מיט לאַקריץ, אַז מע קאָן דאָס מער נישט פֿאַרדייען ווי צוויי, העכסטנס — דריי גלעזער. מוז מען זיך די איבע־ריקע צייט אַרומדרייען אויף דער גאַס און האָבן צו טאָן מיטן גאַראָדאָוואָי, און דאָס איז זייער נישט אַנגענעם! ער קוקט שוין אויף מיר פֿון אַ צייט, נאָר מיט חסד, גאָט האָט מיך ביז אַהער אויסגעפֿירט, איך אַנטלויף פֿון אים אַלע מאָל און באַהאַלט זיך אויס. וואָס טוט דען נישט אַ ייד צוליב פּרנסה? דער אויבערשטער זאָל העלפֿן, אַז די „ראַליזאַציע" זאָל אָפּלויפֿן בשלום, וועל איך דיר, אם ירצה השם, אַלצדינג קויפֿן בכפל כפּלים, אַ סך מער ווי דו קאָנסט זיך גאָר פֿאָרשטעלן. און וואָס דו זאָגסט, אַז דער גאַמבאַטע איז אַ משוגענער, האָסטו אַ טעות; ער איז נאָר אַביסל אַ „ספּילשלעווער". גאָט זאָל היטן, עמעצער זאָל אים אַ זאָג טאָן אין פּאָ־ליטיקע נישט אַזוי, ווי ער וויל! ער איז דעמלט קאַפּאַבל יענעם צערייסן;

אויף שטיקלעך! ער דרינגט, אַז היינט־מאָרגן מוז עפּעס אַרויסשפּרינגען, און דאָס, זאָגט ער, וואָס ס'איז איצטער מיט אַמאָל שטיל געוואָרן, איז ערשט אַ באַווייז, זאָגט ער, אויף מלחמה. „פּאַר אַ בורע איז תּמיד, זאָגט ער, שטיל"... איך האָב נעכטן געקאָנט פּאַרקויפן עטלעכע „בעסלעך" מיט אַ צווייי־דריי „סטאַלאַזשן" און פאַרדינען שיין געלט, האָט מיך גאַמבאַטע נישט דערלאָזט. „איך וועל, איך, זאָגט ער, דעם קאָפּ צעשלאָגן, טאָמער לאָזט איר אַרויס אין אַזאַ צייט אַ שטיקל סחורה פון דער האַנט!" עס גייט, זאָגט ער, אַ צייט, וואָס אַ „סטאַלאַזש" פון אַ פּופּציקער וועט ווערט זיין רי"ש קאַרבן, און שי"ן, און ת"ק, און טויזנט, און פאַרוואָס נישט צוויי טויזנט?... עס זאָל זיין ווי גאַמבאַטע זאָגט, כאָטש האַלב ווי ער זאָגט, — ווער איך נתעשר! איך האָף, אַז איך וועל, אם ירצה השם, תּיכּף נאָך דער „ראַליזאַציע" זיך געבן אַ קער איבער צוריק אויפן „האָם" און וועל אָנהייבן קויפן קערבלעך און געבן „לאָנדאָן" אויף וואָס די וועלט שטייט! איך וועל זיי באַווייזן, וואָס הייסט „לאָנדאָן" און וואָס הייסט קערבלעך! און מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתּה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י: וואָס דו פרעגסט זיך נאָך אויף פּאַנקאָנין (נישט ווי דו רופסט דאָס אָן „פראַנקאָני"), איז דאָס נישט קיין „ער" און נישט קיין „זי". ס'איז אַזאַ קאַפע, וואָס מע טרינקט דאָרט קאַווע און מען עסט מאָראָזשענע און מע מאַכט געשעפטן אויף „לאָנדאָן". לאָם איך דאָס פאַרמאָגן כאָטש האַלב, וואָס דאָרט ווערט געמאַכט אין איין טאָג!

הנ"ל.

ו

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין אָדעס

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדל נ"י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרייב איך דיר, אַז די קינדער מאָזלען אַלע דריי, און איך שלאָף נישט קיין נעכט, און ער טרינקט דאָרטן קובעבע מיט לאַקריץ! וואָס גייט אים אָפּ, איך בעט אייך, קאַפּוויטיק? ער האָט זיך אַביסל צעהעצקעט! קיין אָדעס וויל ער מיך אַרויסנעמען! ער מיינט, אַז ער וועט מיר זאָגן אַ ד ע ס פלי איך באַלד! הערסט, מענדל, זאָלסט דיר אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, מענדל, וועסט מיך אַהינצו נישט פאַרנאַרן. זיי רואיק! מיין באָבע באָבע איז דאָרטן קיינמאָל נישט געווען און האָט זיך באַגאַנגען אָן דעם, וועל איך זיך מסתמא אויך אָן דעם באַגיין. דו וועסט מיר נישט איינרעדן, מענדל, אַז איך זאָל דיר אָוועקוואַרפן מיין טאַטע־מאַמע מיט אַלע ליבע פריינד און זיך אָוועקלאָזן אין דעם ווילדן אָדעס, ברענען זאָל עס דיר אויפן פייער! מעגסט זיך זאָגן, מענדל, וואָס דו ווילסט, דיין אַ ד ע ס הייבט מיר נישט אָן צו געפעלן. איך האָב עס פיינט, איך ווייס נישט פאַרוואָס. נאָך מיין שכל נאָך קומט אויס, אַז דו באַדאַרפסט די סחורה דיינע ביסלעכווייז אויספאַרקויפן און מאַכן דערפון געלט, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „פון אַלע מילכיקע מאכלים איז דאָס בעסטע — אַ שטיקל פלייש"... אייוואָס? טאָמער האָסטו זיך גענאַרט? פאַר יענעם דאָס גליק! און וואָס דיין משוגענער גאַמבעטע (איך זאָג דיר פאָרט, אַז ער איז אַ משוגענער) לאָזט דיך נישט פאַרקויפן פאַרשטיי איך נישט. וואָס גייט עס אים אָן? וואָס איז זיין באָבעס דאגה? שפּיי אים אָן אַ פולן פּנים, וואָס ער וועט דיר דערציילן מלחמות! פאָלג מיך, מענדל, שנייד אָפּ, פאַרקויף אויס, ווי גאָט איז דיר ליב! האָסט פאַרדינט עטלעכע קערבלעך? גענוג! ביז וואַנעט איז דער שיעור צו כאַליען

האַרטן? נאָר גאַרנישט, משטיינס געזאָגט, איך האָב דען עפּעס אויך א ווערט? איך בין דאָך ש י י נ ע־ש י י נ ד ל, נישט ב ל י ו מ ע־ז ל א ט ע; ב ל י ו מ ע־ז ל א ט ע, אַז זי טוט נאָר א פּיפּס דעם מאַן אירן, וואַרפט דאָס מיט אים דאָס גייניעריקע קדחת! למען השם, מענדל סערדצע, פאַר־קויף און פּאַק זיך אין וועג אריין. פאַרגעס נאָר נישט א טוץ געשטיקטע העמדער פון מייניעטורענ, סאַמעט אויף א מלבוש פון דער מאַמעס וועגן — לאָז זי אויך געדענקען, ווען דער איידעם אירער איז געווען אין אָדעס און געהאַנדלט מיט משוגעים, — ציץ א שטיקל פון הייגטיקע מוסטערן, און, אַז עס וועט קריכן אין טשעמאָדאַן אריין, א ביסל גלאַזוואַרג, און דאָס איבעריקע האַרטן, ווי דו פאַרשטייכסט, און קום צו פאָרן אהיים, לאָז אויפהערן די וועלט מיר שטעכן די אויגן און שוואַרצן דאָס פּנים, און לאָם איך זען, אַז דו זאָלסט מיך נישט פּאָלגן, אזא מכה מייגע שונאים, ווי דו וועסט מיך פּאָלגן, ווי עס ווינטשט דיר פון טיפן הארצן

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ע־ש י י נ ד ל.

א״י

מנחם-מענדל פון אָדעס צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע-שיינדל שתחי'!

ראשית באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום, השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד הערן איינס פונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית זיי וויסן, אַז דאָס „אולטימאָ" איז אָנגעקומען, און ס'איז געוואָרן אַן איבערקערעניש, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! פון דער גרויסער „וואַריאַציע", וואָס איך האָב אויף איר אַרויסגעקוקט ווי אויף משיחן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ביסמאַרק, שמועסט מען, האָט זיך צו-געקילט, באַקומען דעם קאַטאַר, — איז אין דער פּאָליטיקע געוואָרן אַ מהומה, מע ווייסט נישט וואָס סע טוט זיך. „לאָנדאָן" איז טאַקע געוואָרן מיט גאָלד גלייך, און דאָס קערבל איז טאַקע געפאַלן אין שאול תחתיה אַריין, און ס'איז אַוועק אַ מוראַדיקער „בעס"! וועסטו דאָך פרעגן: ווו זיינען מיינע „בעסן" מיט מיינע „סטאַלאַזשן"? איז דער תירוץ: די „בעסן" זיינען נישט קיין „בעסן", די „סטאַלאַזשן" זיינען נישט קיין „סטאַלאַזשן", קיינער וויל נישט נעמען, קיינער וויל נישט געבן — און רוף מיך קנאַקניסל! און ווי אויף צו-להכעיס, האָב איך געשטעקט מיט מיין סחורה אַלץ ביי אַזעלכע מענטשעלעך, וואָס מיט איין קוועטש זיינען זיי דערשטיקט געוואָרן. הכלל, עס איז אַ שרפה, אַ מגפה, גאָר נישט צו דערקענען דעם פּלאַץ! אוי, ווען איך קער זיך איבער מיט איין טאָג פריער! נו גיי, זיי אַ נביא! אַלע לויפן אַרום, ווי די פאַרסמטע מייז; עפּעס אַ מהומה אויף איטלעכן באַזונדער! אַלע שרייען „לאָנדאָן"! ווו איז מיין „לאָנדאָן"? גיב מיר דאָס „לאָנדאָן"! „לאָנדאָן", „לאָנדאָן"! נאָר ווער מיר „לאָנדאָן"? וואָס מיר „לאָנדאָן"? עס פליען פּעטש, פייגן, אין מאַטנס-טאַטן, און איך אויך בתוכם... דער שפּיץ — ס'איז, אפנים, גאָר נישטאָ קיין „לאָנ-דאָן" אין ערגעץ נישט! — הכלל, זוגתי היקרה, ס'איז ביטער און פינצטער, איך האָב אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע פאַרדינסט, מיטן קרן, מיטן צירונג,

וואָס איך האָב דיר איינגעקויפט, אפילו די קאַפּאָטע די שבתדיקע אויסגעטאָן און פּאַרזעצט — און דאָס איז אַלצדינג אַריין אַהין... און איך געפינען זיך איצט אין אַזאַ טרויעריקע לאַגע, וואָס איז אין לשער, און אַהיים בענג איך אַזוי, אַז ממש עס גייט מיר אויס דאָס חיות! איך פאַרשעלט מיר דאָס געביין הונדערט מאָל אַ טאָג. בעסער וואָלט איך זיך אויסגעבראָכן אַ פוס, איידער איך בין געקומען אַהער אין אָדעס, וווּ אַ מענטש האָט קיין שום ווערט נישט; אַ מענטש קאָן דאָ גייענדיק שטאַרבן אין מיטן גאַס, און קיינער וועט זיך אַפילו נישט אָפּשטעלן אַ קוק טאָן. וויפל מעקלערס האָבן געלעבט אַרום מיר, אָפּגעלעקט אַ ביינדל, און היינט דערקענען זיי מיך שוין גאָר נישט! פריער האָב איך דאָ געהאַט אַ נאָמען: „דער כתרי־לעוועקער בליכרעדער", און היינט מאַכן זיי פון מיר חוזק, טאַקע די מעקלערס אַליין. זיי זאָגן, באשר איך פאַרשטיי נישט דאָס געשעפט. „לאָנדאָן, זאָגן זיי, באַדאַרף מען פאַרשטיין". ווּ זיינען זיי געווען פריער, די חכמים? — מע רעדט שוין גאָר נישט קיינער פון מיר, גלייך ווי איך וואָלט גאָר געווען אַ געשטאָרבענער! הלוואַי וואָלט איך טאַקע געשטאָרבן, איידער אַזעלכעס דערלעבן! און ווי אויף צו־להכעיס, זיצט אָט דער גאַמבעטע, ימח שמו זאָל ער ווערן, און הערט נישט אויף צו גרעגערן אין די אויערן מיט זיין פּאָליטיקע: „האַ, זאָגט ער, האָב איך אייך געזאָגט אַ „בעס"? — „וואָס קומט מיר אַרויס, זאָג איך, פון אייער בעס, אַז מע גיט מיר נישט, זאָג איך, קיין לאָנדאָן?" לאַכט ער און זאָגט מיר: „ווער איז אייך שולדיק? די בערזע, זאָגט ער, דאַרף מען פאַרשטיין, און אַז מע קאָן נישט האַנדלען מיט „לאָנדאָן", דאַרף מען, זאָגט ער, האַנדלען מיט אתרוגים"....

איך זאָג דיר, זוגתי היקרה, ס'איז מיר אַזוי נמאס אָט דאָס אָדעס, מיט דער היגער בערזע, מיט דעם פּאַנקאָני, מיט די אַלע מענטשלעך! איך וואָלט געלאָפן אין דער וועלט אַריין! און מחמת איך האָב קיין צייט נישט מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אין די ווייטערע בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. און גריס די קינדערלעך אַלע און שווער און שוויגער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל.

עיקר שכחתי. דאָ אין דעם אָדעס איז אַ מנהג, אַז עמעצער דאַרף אַ גמילות חסד, גייט ער נישט צו אַ שכן, צו אַ קרוב אָדער צו אַ באַקאַנטן, ווי למשל, ביי אונדז אין כתרי־לעווקע; נישט מחמת מע פוילט זיך גיין, נאָר פשוט, מע ווייסט פריער, אַז יענער וועט נישט שטעקן; מע כתנט נישט — און שוין! וואָס־זשע טוט מען פאַרט, אַז מע דאַרף? איז

נעמאַכט געוואָרן אַ „לאָמבאַרד“, וואָס גיט אַרויס געלט וויפל דו ווילסט, אַבי נאָר דו ברענגסט אַ רעכטן משכון: גאָלד איז גאָלד, זילבער איז זילבער, מעש איז מעש, און אַ מלבוש, און אַ סאַמאָוואַר, און אַ בענקל, און אפילו די בהמה, אַז דו ברענגסט צו פיר'ן, גיט מען דיר אויך אַרויס אויף איר געלט. דער חסרון איז נאָר, וואָס זיי שאַצן אַלצדינג זייער וואָלוול, בחצי חנם! דערפאַר האָבן זיי אַ מעלה: פּריצענט נעמען זיי געשמאַקע, בייסנדיקע, אַזוי, אַז דאָס פּריצענט עסט אויף דאָס קערן; מוז מען אַלע צוויי וואָכן מאַכן דאָרט אַ „לעסיטאַציע“, דאָס הייסט, מע פאַרקויפט אויס די איבערגעבליבענע משכנות, און מענטשן האַנדלען מציאות, מאַכן דער־פון אַ שיין קערבל. ווען איך בין איצטער ביי געלט, וואָלט איך געקאָנט אַ האַנדל טאָן אויפן לאָמבאַרד און אומקערן מיין היזק אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק... נאָר גיי מאַך! אָן געלט זאָל מען נישט געבוירן ווערן אויף דער וועלט, און טאָמער איז מען געבוירן געוואָרן, זאָל מען בעסער שטאַרבן... איך קאָן מער נישט שרייבן. שרייב מיר פון דיין געזונט, און וואָס מאַכן די קינדערלעך זאָלן לעבן, און גרים שווער און שוויגער און אַלעמען באַזונדער גאָר פריינדלעך.

הנ"ל.

י״ב

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין אָדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מוהר״ר מנחם-מענדל נ״י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, נאַרישער לעקיש, זע וואָס דו האָסט געטאָן! וועלכער רוח האָט דיך גאָר געטראָגן קיין אָדעס? וואָס האָסטו דאָרטן אָנגעשמעקט אַזעלכעס? געבראָטענע פייגעלעך האָט זיך אים פאַרגלוסט! „לאָנדאָן"! מאַראָזשענעווע! קובעבע מיט לאַקריץ! האָסט דערהערט, אַז מע זעצט דיר אָן אינעם „לאָנדאָן" אַריין, פאַרוואָס־זשע האָסטו נישט געזען באַצייטנס אָפּצוקען אויף פּריצענטן, דו בהמה, ווו עס פירט זיך צווישן סוחרים? ווו איז מענטשן? ווו איז אַ רבֿ? אין גאָטעס ווילן, וואָס איז דאָס פאַר אַ תירוץ אולטימאַ־שמולטימאַ? האָסט געקויפט סחורה, ווו איז די סחורה? אוי, אַזאַ־נ־אומגליק! דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז פונעם אָדעס, ברענען זאָל דאָס, וועט קיין גוטס נישט אַרויס! איך שרייב אים: פאָר אַוועק, מענדל, טו אַ שפּיי אויף זיי מיט זייער „לאָנדאָן", עס זאָל אויף דעם קומען אַ כּלירע, רבונו של עולם! אַנטלויף, זאָג איך אים, אַנטלויף, מענדל, ווי זאָגט די מאַמע: „אַרעמער דאָך, וואָס קנאַקסטו?"... ניין, הערט ער מיך נישט, וואָרום איך בין דאָך שיינע-שיינדל, אַז אָך און וויי איז מיר, נישט בליומע-זלאַטע. אוי, די מאַמע מיינע איז טאַקע אַ חכמה! זי טענהט מיט מיר כּסדר, אַז אַ מאַן טאָר מען נישט נאָכגעבן די שמד, אַז מע באַדאַרף אַ מאַן האַלטן אין די הענט אַזוי, אַז ער זאָל פילן, אַז ער האָט אַ ווייב! נאָר גיי, אַז ס'איז ביי מיר אַזאַ טבע, איך קאָן נישט זיין אַזוי גראָב, ווי בליומע-זלאַטע; איך קאָן זיך נישט שעלטן, אַריינליגן אַ מאַן אין דער ערד אַריין, אַזוי ווי זי, איך קאָן נישט! זאָלסט האָבן בליומע-זלאַטען, נישט דערהאַרן זאָל זי, פאַר אַ ווייב, וואָלסטו שוין געוווסט וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן! און וואָס דו זאָגסט

מכוח ישטארבן, חכם איינער, ביסטו א גרויסער נאר: א מענטש נעמט זיך נישט אליין דאס לעבן, א מענטש נעמט זיך נישט אליין דעם טויט. און מע ווערט אן דעם נדן, באדארף מען זיך שוין א מעשה אנטאן? דו נאר איינער, ווו שטייט דאס דען אנגעצייכנט, אז מנחם־מענדל באדארף האבן געלט? און מיט געלט איז מנחם־מענדל דען נישט דער איינענער מנחם־מענדל, וואס אן געלט? שוטה! דו ווילסט גיין קעגן גאט? זעסט דאך, אז ער היסט נישט, הייגט וואס פילדערסט דו? א שיינע ריינע כפרה! לאז זיך דיר דאכטן, עלעהיי גזלנים האבן דיך באפאלן אין מיטן וואלד, אדער ביסט קראנק געלעגן און חלילה פארקרענקט דעם נדן צו אלדי שווארצע יאר! דער עיקר, זאלסט נישט זיין קיין יידענע, מענדל! פארלאז דיך אויף דעם וואס לעבט אייביק, ער איז א זן ומפרנס. קום צו פארן אהיים, וועסטו זיין, אם ירצה השם, א גאסט ביי די קינדער... איך שיק דיר אויף דער הוצאה עטלעכע קערבלעך, און זע, מענדל, זאלסט נישט גיין אויף קיין „לעסיטאציעס” און נישט האנדלען מיט קיין אלטע שמאטעס, — נאך דאס גייט דיר אפ! למען השם, באלד ווי דו וועסט באקומען מיין בריוו מיטן געלט, זאלסטו דיך אויפזעצן און אפגעזעגענען זיך מיט אדעס, און ווי באלד דו וועסט נאר ארויספארן פון שטאט, אזוי זאל עס זיך אנצינדן פון אלע פיר זייטן, און עס זאל ברענען און פלאקערן, שרפהנען און פארשרפהט ווערן, ס'זאל פון דעם נישט בלייבן קיין שריד ופליט, ווי עס ווינטשט דיר פון טיפן הארצן

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

סוף פונעם ערשטן בוך.

פּאַפּירלעך

יעהופּעצער בערזע.

געשריבן אין יאָר 1896.

פּאַפּירלעך

יעהופּעצער בערזע

א

מנחם-מענדל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי'.

ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית זיי וויסן, אז איך בין שוין נישט אין אָדעס, איך בין אין יעהופּעץ (אויך אַ שיינע שטאָט, לאָמיך האָבן אַזאַ יאָר!), און האַנדל שוין מער נישט מיט קיין ווינט, מיט קיין לופט, מיט קיין „לאָנדאָן" — איך האָב שוין היינט, ברוך השם, אַביסל אַ לייטישער געשעפט אין האַנט, אַ קאַראַנטנע געשעפט, אַ פּאַפּיר־געשעפט, דאָס הייסט, איך האַנדל מיט „פּאַפּירלעך" האַנדל איך. וועסטו דאָך מיך פרעגן, ווי קום איך קיין יעהו־פּעץ? דאַרף איך דיר דערציילן, זוגתי היקרה, אַ גאַנצע מעשה, און בעטן דיך, זאָלסט קיין פאַריבל נישט האָבן, וואָס איך האָב דיר אַזאַ צייט קיין בריוו נישט געשריבן. ס'איז פּשוט נישט געווען וואָס צו שרייבן. און חוץ לזה האָב איך גערעכנט, אָט־אָט פאָר איך אַהיים, און גאָט איז יודע דעם אמת, ווי ווייט עס האָט מיך געצויגן אַהיים, נאָר ס'איז, אַפּנים, מן השמים מיר אָנגעצייכנט געוואָרן, אַז איך זאָל מגולגל ווערן קיין יעהופּעץ און זאָל האַנדלען מיט „פּאַפּירלעך". איך שווער דיר, זוגתי היקרה, ביי מיין לעבן, אַז איך בין שוין געזעסן אין וואַגאָן צו פאָרן קיין כתרילעווקע, באַדאַרף איך מיך באַגעגענען מיט איינעם אַן אָדעסער שפּעגעלאַנט, וואָס פאָרט קיין יעהופּעץ. וואָס טוט ער, פרעג איך אים, אין יעהופּעץ? זאָגט ער מיר: ער האַנדלט מיט פּאַפּירלעך. וואָס הייסט דאָס פּאַפּירלעך? גיט ער מיר צו פאַרשטיין, אַז „פּאַפּירלעך" איז נישט קיין „לאָנדאָן", וואָס הענגט

אָפּ פון בערלין אין פון ביסמאַרקן און פון דער איינגלישער מלכה. פּאַפּיר־לעך דאָס איז אזא מין געשעפט, וואָס וועגדט זיך נאָר אין פּיטערבאַרג און אין וואַרשאַ. היינט האָט דאָס נאָך א מעלה: ס׳איז א זאַך, וואס מע קאָן דאָס זעען, אָנטאַפּן מיט די הענט, נישט אזוי ווי „לאָנדאָן״, וואָס ס׳איז נאָר א דמיון, א מין חלום. היינט האָט ער מיר גענומען אָפּלויבן די שטאָט יעהופּעץ מיט די יעהופּעצער שפּעגולאַנטן אין טאָג אַריין: ס׳איז גאָר לא זו הדרך, זאָגט ער, איידעלע מענטשן! ער וועט נישט אָוועקגעבן, זאָגט ער, קיין צען אויסגעפּאַשעטע אַדעסיטן פאַר איין יעהופּעצער שפּעגולאַנט! הקיצור, דער פּאַרשוין האָט מיך אזוי צענומען, אַז איך בין א בעלן געווען, איך פאַר דאָך ממילא אדורך פאַסטאָוו, וועל איך מיך אַראָפּכאַפּן שוין קיין יעהופּעץ אויף א טשיקאַווּעסט, אָנקוקן די היגע בירזע מיט די היגע שפּעגולאַנטן. און, ווי גאָט פירט, באַדאַרף איך אָנטרעפן אקוראַט אויף אזא צייט, וואָס עס גייט א מוראַדיקער בעס אויף פּאַפּירלעך, און „פּרעמיעס״ פאַרקויפן זיך בחצי חנם. קיין סך געלט אַריינ־לייגן דאַרף מען נישט, האָב איך מיך מיישב געווען, איך וועל מיך א שפּיל טאָן, אולי ירחם, א קשיא אויף א מעשה, טאָמער וועל איך כאַפּן פון אויבן, וועל איך האָבן צושטייער אויף הוצאות. און דער אויבערשטער האָט רחמנות געהאַט, „פּאַפּירלעך״ האָבן זיך א הייב געטאָן, און איך האָב מיין פּרעמיע פאַרקויפט מיט ריווחים און געקויפט א פּאָר פרישע פּרעמיעס, און האָב ווידער געכאַפּט פון אויבן און האָב מיך אַרויפגעשלאָגן אויף שיינע עטלעכע הונדערט קערבלעך, און דווקא מזומנע. האָב איך מיך מיישב געווען: דאַרף איך צאָלן יענעם „פּרעמיעס״, אַמער וועל איך מיר אַליין „איינגאַזשירן״ מזומנע „פּאַפּירלעך״! און בין אַוועק דורך א קאַנטאָר קיין פּיטערבאַרג און האָב מיר צונויפגעשטעלט א „פּאַרטפעל״ פון כל מאמינים שהוא: „פּוטיווויל״ מיט „טראַנספּאָרט״, מיט „וואָלגע״, מיט „מאַלצעווער״, וכדומה אזעלכע אַקציעס, וואָס הייבן זיך, און דאַנקען השם יתברך, איך וואַקס! און מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויס־שרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. לאָז גריסן די קינדערלעך אַלע און שווער און שוויגער גאָר פריינט־לעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. אַז דו וועסט מיר שרייבן, זאָלסטו מיר שרייבן אויף מיין נאָמען קיין ב ו י ב ע ר י ק, מחמת אין יעהופּעץ טאָר איך נישט

זיין... דריי איך מיך ארום דעם גאנצן טאג אויף „סרעשטשאטשעס" ביי דער בערזע, און קומט ביינאכט, כאפ איך מיך אראפ קיין בויבעריק. דארט זיצט די גאנצע חברה „שפעגעלאנטן" אויף די דאטשעס און מע שפילט א גאנצע נאכט אין קארטן (זכרים מיט נקבות אינייגעם — אזוי איז דא דער מנהג...) און גאנץ פרי לויפן אלע קיין יעהופעצ, און איך אויך בתוכם.

הנ"ל.

ב.

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, בעלי היקר, מיינע שונאים זאָלן אַזוי כוח האָבן צו לעבן, רבונו של עולם, ווי איך האָב כוח שוין צו שרייבן דיר אפילו אַ בריוול, אַז קוים־קוים וואָס איך פּלאָנטער מיט די פיס; ס'איז נאָר אַ סברא, אַז איך וועל דאַרפן אַ „רעפּעראַציע", אַזוי זאָגט דער נייער דאָקטער, געזאָגט זאָל אים ווערן צרות מיט פּרעהם שלעק! ער מיינט, ער וועט ביי מיר צאַפּן קערבלעך! און פון וואָס, מיינסטו, איז דאָס מיר געקומען? נאָר פון גריזאָטע, נאָר פון האַרצווייטיק. סטייטש, איך שיק דיר אַרום אויף הוצאות און זאָג דיר אָן, זאָלסט קומען אַהיים, נעמסטו און פאָרסט אַראָפּ קיין יעהופּעץ — ביסטו נישט ווערט, מע זאָל דיך באַגראָבן אַ לעבעדיקן? הייסט דער בזיון! די חרפּה פאַר דער וועלט! ווי זאָגט די מאַמע: „שנייץ די נאָז, שמיר דאָס פּנים"... מסחרים! געשעפטן! איך האָב אַלץ געמיינט, אַז דאָס שיינע „לאָנדאָן" האָט שוין יאָ איינגענומען אַ מיתה משונה, וועל איך שוין אויך אויפגערעכט ווערן, און ער וועט קומען אַהיים כּמעט מיטן לעבן, דער זיסער ברויט־געבער מיינער. וואָס לאָזט זיך אויס דער סוף? אַ נייער חלום, אַ וויסטער, אַ פינצטערער „יעהופּעץ"! „פּאַפּירלעך"! נאַ דיר אַזאַ משא־ומתן! יידן זאָלן נאָר האַנדלען דער שוואַרץ־יאָר ווייסט מיט וואָס, מיט שטיקלעך פּאַפּיר!... איך לייען דיין בריוול, בעלי היקר, און קלער מיר בשעת־מעשה: ליבער פאָטער, האַרציקער געטרייער! צי דו ביסט חלילה משוגע, צי איך בין נישט ביי אַלע געדאַנקען? עפּעס רעדסטו מיט מיר טאָטעריש: „פּאַפּירלעך"... „פּיטערבאַרג"... „קרעשטשאַטעק"... „פּאַרטעפעל"... עפּעס אַ קליפּה, אַ נישט־גוטער האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט! ביי טאָג איז ער אין יעהופּעץ, און ביי־

נאכט איז ער אין בויבעריק, מיט די מאנצבילן און מיט די ווייבער איי־ איינעם... וואס טוסטו ביינאכט אין בויבעריק? וואס טראכסטו זיך? ממה־נפשך, ווילסטו מיך נישט, קום צו פארן און גט מיך אפ; אלא נישט, פאר שוין בעסער אוועק צו אלדי שווארצע יאר קיין אמעריקע, ווי יאסל לייב־אהרנס, און לאם איך כאטש נישט ווסן ווו דיין געביין איז אהיינ־ געקומען, אויב ס׳איז מיר שוין יא באשערט צו בלייבן אן אייביקע עגונה מיט קליינע קינדער פיסקליאטעס! נאר אזוי לאנג קרענקען מיינע שונאים! דיין טריפהנע הצלחה, וואס איך קאן אצינד צו דיר נישט פארן! איך בין, משטיינס געזאגט, אזוי געשטראפט, אז איך מוז גאר ליגן צו בעט, ווי זאגט די מאמע מיינע זאל געזונט זיין: „אז מע האט נישט קיין פינגער, קאן מען קיין פייג נישט שטעלן”... אנישט, וואלט איך באלד נאך דיין שיינעם בריוו אראפגעפארן צו דיר קיין יעהופעץ און וואלט דיך שוין אראפגעבראכט אהיים! איך וואלט דיר געוויזן, אז א ווייב איז א ווייב! איי וואס, איך כאפ זיך ארוים אמאל מיט א הארב ווארט? איז דאס נאר מחמת גריזאטע, און נישט אויף לאנג. ווי זאגט די מאמע: „א שוועבעלע צינדט זיך גיך אן און ווערט באלד פארלאשן”... ווי עס ווינטשט דיר

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

ג.

מנחם-מענדל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פונעם אנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אז דער ענין פון פּאַפּירלעך איז נישט, ווי דו מיינסט, טאַקע פּאַפּיר ממש. עס רעדט זיך נאָר אזוי פּאַפּיר, מיינען מיינט מען נאָר אַקציעס, פּיטערבאַרגער אַקציעס, למשל: „פּוטיוויל״, „טראַנס־פּאָרט״, „וואָלגע״, „מאַלצעווער״ וכדומה. דאָס זיינען אזעלכע פאַבריקעס, וואָס עס אַרבעטן זיך דאָרטן אייזנבאַנען אויף אַקציעס, דאָס הייסט, מע לאָזט אַרויס אַקציעס אויף א הונדערטער און מע צאָלט פאַר זיי דריי, וואָרום מע גיט „דעווענדענט״; וואָס מער „דעווענדענט״, איז אַלץ בעסער. נאָר כּפי אזוי ווי עס ווייסט קיינער נישט פאַרן יאָר, וואָס פאַר א „דעווענ־דענט״ מע וועט אַרויסגעבן, לכן גייט מען בלינד און מע קויפט און מע קויפט; און דערפון ווערט א „האָס״, דאָס הייסט, פּאַפּיר שטייגט, און יידן פאַרדינען געלט, און איך אויך בתוכם. זאָלסט אָנקוקן, זוגתי היקרה, ווי אזוי קליינע מענטשעלעך, מעקלערס, אָרעמע־לייט זיינען פּלוצעם מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן, געוואָרן גבירים אדירים! מע זיצט שוין אויף דאַטשעס אין בויבעריק, מע פאָרט זיך באָדן קיין אויסלאַנד, זייערע דאַמעס גייען איינ־געטונקען אין גאָלד און אין סאַמעט, די קינדער פאָרן אַרום אויף לעסע־פעדן, אין שטוב האַלט מען גוּבערנאַנטקעס, מע רעדט אויף פראַנצויזיש און מע שפּילט פּיאַנע, מען עסט איינגעמאַכטס און מע טרינקט ווישניק, א קערבל איז א ממזר, ס׳איז חי געלעבט און אַן עק, און אַלץ פון די „פּאַ־פּירלעך״! אז עס קומט דער טאָג, זאָלסטו זעען וואָס עס טוט זיך אויף „קרעשטשאַטעק״: פול און פול מיט יידן! נאָר וואָס איז דאָס חידוש? אז פון די קאַנטאָרן טרייבט מען, און אויף דער גאַס לאָזט מען נישט שטיין, ווילט זיך איטלעכן וויסן וואָס פריער — איז חושך! אַט איז

היינט אָנגעקומען פון פּיטערבאָרג „פּוטיווויל" הונדערט אכט און זיבעציק, — נו, ווי אַזוי קויפט מען נישט קיין „פּוטיווויל"? צי, למשל, „מאַלצעווער", זאָגט מען, זיינען אָנגעקומען שוין דרייצן הונדערט פופציק, — זאָל מען נישט קויפן קיין „מאַלצעווער"? אַז אַלע טאָג, אַלע טאָג שפּרינגט עס אַרויף! אויף מיין „פּוטיווויל", ברוך השם, שטייט מיר איצט צו פאַרדינען שיינע עטלעכע הונדערטער! נאָר אַזוי לאַנג שמייסט מען זיי, ווי לאַנג איך וועל זיי פאַרקויפן! אדרבה, איך רעכן נאָך צוקויפן אַ ק"ן שטיקלעך „פּוטיווויל" מיט אַ פינף „מאַלצעווער" מיט נאָך אַביסל „וואָלגע", און אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן — צו קויפן אַביסל „טראַנספּאָרט", מחמת מע שרייבט פון פּיטערבאָרג, מע זאָל למען השם קויפן „טראַנספּאָרט"! אַלע האָבן דאָ טראַנספּאָרט: יידן, ווייבער, דאָקטוירים, מלמדים, משרתים, דינסטן, באַלמעלאָכעס — ווער האָט נישט קיין „טראַנספּרט"? דאָ, אַז אַ ייד באַגעגנט זיך מיט אַ יידן, איז דער ערשטער ברוך־הבא: „ווי אַזוי איז היינט „טראַנספּאָרט"? קומסט אַריין אין אַ רעסטאָראַציע, באַגעגנט דיך די באַלעבאָסטע: „ווי טייער איז היינט „טראַנספּרט"? גייסטו קויפן אַ פּעקל שוועבעלעך, פרעגט דיך דער קרעמער: „ווי טייער איז היינט „טראַנספּאָרט"? הכלל, יעהופּעץ איז טאַקע אַ מקום פּרנסה. אַלע שפּעגעלירן, אַלע וואַקסן, אַלע פאַרדינען געלט, און איך אויך בתוכם! נאָר מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, איבעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גרים אַלעמען באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו פרעגסט, וואָס טו איך ביינאַכט אין בויבעריק, האָב איך דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז יעהופּעץ איז אַ שטאָט, וואָס אַ ייד טאָר דאָרט נישט זיין, סיידן אַ „פּערוועגעלדיע". אַז איך וועל זיך אָפּוויקלען מיטן מיין „פּאָרטעפעל" און וועל זעען די אונטערשטע שורה, וועל איך אַריינטראָגן „געלדיע", וועל איך מעגן זיין אין יעהופּעץ גלייך מיט אַלע. לעת־עתה מוז מען זיך אויסבאַהאַלטן, און קיין בעסער באַהעלטעניש, ווי בויבעריק, איז נישטאָ. ס'איז אַן ערטל פון דאַטשעס. פאַראַן אַ סך דאַטשניקעס. די דאַטשניקעס לויפן, לויף איך אויך — היינט פאַרשטייסטו שוין?

ה"נל.

ד

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מוהר"ר מנחם-מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אַז ביי אונדז האָט זיך געטראָפֿן אַן אומגליק מיט אַ גליק אינאיינעם. אונדזער משה-הערשעלע האָט איינגעשלונגען אַ קאָפּיקע! איך בין געקומען פונעם מאַרק, פרייטיק איז דאָס געווען, געקויפט פיש, פרישע, צאַפלדיקע, זיך נאָך געוואָרפן, און דאָס קינד שרייט, ווערט צעריסן! איך שלאָג דאָס, איך הרגע דאָס — עס האַלט אין איין שרייען! „וואָס ווילסטו? שלימזל! באַשעפעניש! נאַ דיר צרות מיינע! נאַ דיר אַ קאָפּיקע! נאַ דיר בויבעוויטיק!" קוים מיט צרות אנטשוויגן געוואָרן. אין עטלעכע מינוט אַרום, איך טו מיך אַ באַפּ: „משה-הערשעלע! ווו איז די קאָפּיקע?" „נישטאָ טאַפּעטע!" — מאַכט ער צו מיר און ווייזט מיטן הענטל אין מויל אַריין. איינגעשלונגען? אַ צרה איז מיר! אַ שלאַק איז מיר! איך נעם דאָס קינד, איך קוק דעם אין מויל אַריין, וויי און ווינד איז מיר! „משה-הערשעניו! נשמה מיינע! מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינדעלעך! זאָג, ווו האָסטו אהינגעטאָן די קאָפּיקע?" איך טרייסל אים, איך שלאָג אים, קנייפּ אים, מאַך אים ברוין און בלוי — ער שרייט אין איין קול: „נישטאָ, האָם טאַפּעטע, האָם!" בקיצור, איך האָב אים געבראַכט צום דאָקטער, האָט ער געהייסן מע זאָל אים געבן קאַרטאָפּליעס. צוויי טעג האָט מען דאָס קינד נעבעך געמוטשעט, געשטאָפּט מיט געוואַלד, נישט קיין מילך, נישט קיין טרונק וואַסער, נאָר קאַרטאָפּליעס, נאָר קאַרטאָפּליעס, — איך האָב געמיינט, ס'איז אַן עק פון מיין קינד! ערשט אויפן דריטן טאָג, איך נעם אויפראַמען די שטוב, איך טו אַ קוק אין בעט אונטערן קישן — ליגט נישט די קאָפּיקע? דאָקטוירים זאָלן אַזוי וויסן פון זייער געזונט, ווי זיי וויסן, ווער עס האָט זיי געשליערט! נאַ דיר נאָך, טאָמער

איז קארג, ווי זאָגט די מאמע: „אַ רעשטל צו די צרות"... איך דאַרף האָבן צו טאָן מיט זיינע קינדער, מיט דאָקטוירים, מיט רוחות און מיט שדים און ער, דער גאָלדשפּינער, גאַרנישט, פליט אַרום פון אָדעם קיין יעהופּעץ, פון יעהופּעץ קיין בויבעריק! וואָס איז? אַ גדולה אויף אים, אַ היי, אַ פּאַר פּיילעך!" „טראַנספּאָרטן!" „פּאַרטפּעלן!" האָט זיך איינגערעדט, אַז מע קאָן ווערן אין איין שמע־ישראל אַ נגיד! „אַז איינרעדעניש, זאָגט די מאמע, איז ערגער פון אַ קרענק"... נארעלע, וואָס ווערסטו מיר דערציילן גליקן, פּזמונות: „אַקציעס, שמאַקציעס, דעוועגדענט, מעדעווענט" — ס'איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי! מיט פינף פינגער ווערט מען נישט רייך. „אַז מע ליגט אַריין, זאָגט די מאמע, קדחת, נעמט מען אַרויס אַ קרענק"... פאַרשרייב דיר, מענדל, וואָס איך זאָג דיר, אַז אַלע דיינע יעהופּעצער לייט, וואָס דו שרייבסט, אַז זיי זיינען מיט אַמאָל באַגליקט געוואָרן, וועלן אם ירצה השם אינגיכן ווערן צוריק די אייגענע קבצנים, וואָס פריער, נאָך מיט מער פרישקייט. וואָרום איך גלייב אַזוי אין דיינע „טראַנספּאָרטן" מיט דיינע „שמאַלצעווער", ווי אין דעם אָדעסער „לאָנדאָן"; אין כישוף און אין שרעטעלעך גלייב איך שוין אַ סך מער, ווי אין אַלע דיינע יעהופּעצער „פּאַרטעפּעלען". אוי, אַ הונט זאָל אויפעסן מיין האַרץ, וואָלט ער משוגע געוואָרן, אַז איך זע ביי לייטן ווייבער האָבן אויך אַ שטיקל דעה ביי זייערע מאַנען, מישן זיך אַריין אַמאָל מיט אַ וואָרט, מוען אַ געשריי, אַ הוק, אַז עס וואַרפט מיטן מאַן דאָס נייגעריקע, נישט אַזוי ווי איך דאַרף מיט אים גיין מיט ווייכע ריידעלעך, נישט דערוועגן זיך חלילה אַ קרום וואָרט, צי אויסשעלטן אַמאָל פאַר די בזיונות, וואָס איך טראָג דאָ איבער פאַר דיר, אַז איך דאַרף נאָך פאַר איטלעכן באַזונדער מאַכן אַ פריילעך פּנים, ווי זאָגט די מאמע: „אַ קניפּ אין באַק, די פאַרב זאָל שטיין"... נאָר געוואַלד, מה אנו מה חיינו? איך וועל אַזוי לאַנג צאַנקען און צאַנקען שטילערהייט, ביז איך וועל, שונאי ציון, אויסגיין, ווי אַ ליכט מיינע שונאים, אָדער אַזוי חלילה צעזעצט ווערן פון גריזאָטע, צעזעצט און צעשפּרונגען זאָלן ווערן אַלע דיינע יעהופּעצער קנאַקערס, ווי עס ווינטש דיר הייכט און אַלע מאָל פונעם טיפן האַרצן

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

שאַ, בערל דעם פּעטער מנשהס האָט שוין אויף זיך אַ נייעם אומגליק: ער איז יענע וואָך אָפּגעברענט געוואָרן, אַרוים ווי די מאמע האָט אים געהאַט. און איצט האָט ער נאָך דאָס לויפעניש — שונאים האָבן אים

געמסרט: אזוי ווי ס'איז ביי אים געווען „געסטרעכעוועט" אלצדינג דריי מאל אזוי פיל, האט ער דאך מסתמא אליין געמאכט „בורא מאורי האש". האט מען אים גערופן צום סליעדאוואטעל. בערל איז אבער אויך נישט פון די וואס צען א דרייער; שטעלט ער עדות, וואס גייען שווערן, אז ער איז יענע נאכט גאר נישט געווען הי. דערווייל האט מען אים איינגעזעצט, און זלאטקע איז פאר שרעק געלעגן געווארן און געהאט א זיבעלע. מזל־טוב!

ה

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי'.

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית זיי וויסן, אַז איך גיי שוין קיין וואַרשע. וועסט דאָך מיך וועלן פֿרעגן מסתמא, אַז ווי באַלד איך זיץ אין יעהופעץ און האַנדל מיט פּיטערבאָרג, היינט ווי קום איך קיין וואַרשע? זאָלסטו גאָר קיין סך יסורים נישט האָבן: וואַרשע איז אויך אַ שטאָט! וואַרשע האָט אויך פּאַפּירלעך, און נאָך וואָסערע פּאַפּירלעך! אויף וואַרשע זיינען שפּעגעלאַנטן גליקלעך געוואָרן! וואַרשע איז נישט פּיטערבאָרג; וואַרשע שמייסט מיט הונדערטער! וואַרשע איז זיך מיישב ערשט יענע וואָך און הייבט אויף „לילי־פּוטן" פֿון צוועלף הונדערט אויף צוויי טויזנט! נו, פֿרעג איך דיך, גיי זעץ זיך אַנידער און קויף נישט אַזאַ פּאַפּירל! צי, למשל, „וועגעלעך". געשטאַנען אָט ערשט, פֿריער מיט אַ וואָך דריי, פֿערצן הונדערט. וויפֿל, מיינסטו, שטייען זיי היינט? צוויי טויזנט. און דווקא אָן דעם קאַפּאָן!! מע דאַרף דאָך זיין, דאַכט מיר, אַ רוצח, מע זאָל נישט אָוועקגיין קויפֿן קיין „וועגע־לעך"! היינט האָט דיר וואַרשע גלאַט אַ מעלה: זי פֿאָדערט נישט קיין געלט; זי וויל נישט וויסן פֿון קיין „דעפּאָ". דו ווילסט האָבן „לילעפּוטן", „וועגעלעך"? צאָל איבער אַ פּאָר הונדערט רובל אויפֿן קורס און מאַך דיר אַ „פּרעמיע" אויף „אולטימאָ": אויף אונדזער לשון הייסט דאָס ביז ראש־חודש. עס וועט קומען ראש־חודש, וועסטו דעמאָלט האָבן די ברירה: צי נעמען די פּאַפּירלעך, צי ניין. נאָר ווער וועט דיך לאָזן וואַרטן אויף ראש־חודש? דערויף האָט דאָך גאָט באַשאַפֿן מעקלערס אויף דער וועלט, זיי זאָלן נישט לאָזן דורכגיין די גאַס: „אפשר האָט איר „לילעפּוטן"? אפשר האָט איר „וועגעלעך"? אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זיי געבן דיר עפּעס „פֿון אויבן" און נאַרן אויס ביי דיר דיינע פּאַפּירלעך. אָט האָבן זיך ערשט

געכמן צוגעמשעפעט צו מיר צוויי אָדעסער מעקלערס; איין מאָל פּאַר אַלעמאָל זיי האָבן זיך נאַסאַדיעט, איך זאָל זיי אָפּגעבן מיינע „ליליפּוטן" מיט מיינע „וועגעלעך". געפונען דאָס אָרט, ווו אויסצונאַרן סחורה! „בריידערלעך — טענה איך צו זיי — איך האָב נישט. איך זאָל אַזוי רײַן זײַן פון שלעכטס!" הקיצור, איך האָב מיך מיט זיי אַזוי לאַנג געראַנגלט, ביז זיי האָבן פּאָרט אויסגעגנאַרט ביי מיר מיינע פינף „ליליפּוטלעך" מיט די פינף „וועגעלעך". נאָר וואָס דען? איך האָב זיי אָבער אויך גוט אָפּגעטאָן. איך האָב מיך באַלד „אָפּגעדעקט", איך האָב „אַריבערגעשמיסן", און צו גאָט אַ האָפענונג, איך וועל, אם ירצה השם, כאַפּן אַ פון־אויבן, וואָרום עס גייט מיר, קיין עין־הרע, די לעצטע צייט אַזוי, אַז וואָס איך קויף הײַנט, ווערט מאָרגן טײַערער; אַלע זאָגן, אַז איך בין אַ מוצלח! לאָז גאָט געבן, דאָס „אולטימאַ" אין וואַרשע זאָל אָפּלויפן גלאַט, ווערט ביי מיר פריי דער גאַנצער „פּאָרטעפּעל", דעמלט טראָג איך מיך איבער אין אַן אַנדער קאָנטאָר, וואָרום אין דער קאָנטאָר, וואָס איך אַרבעט אַצינד, איז פּאַראַן, קיין עין־הרע, אַזוי פיל ייִדן, אַז מע ווייסט נישט ווו מען איז אין דער וועלט. יענע וואָך איז שיר אַרויס אַ גאַנצער סקאַנדאַל: עס האָט שוין געהאַלטן כמעט ביי פּעטש, דאָס הייסט, איינער פון אונדז האָט געכאַפּט אַ פּאַטש... נאָר מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס אַלעמען באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל.

עיקר שכחתי. וואָס דו שרייבסט מיר מכוח בערל דעם פעטער מנשהס, איז ביי מיר זייער צו גלייבן: ביי אייערע כתרילעווקער פּרנסות קאָן זיך קיין סוחר אַנדערש נישט אויסהאַנדלען. זעסטו, ביי אונדז אין יעהופּעץ קאָן זיך שוין אַזאַ מעשה נישט טרעפן. ראשית איז דאָ איטלעכן באַזונדער, קיין עין־הרע, זייער גוט; והשנית, אַז עס מאַכט זיך דאָ חלילה אַ שׂרפה, לעשט מען דאָ גאָר אַנדערש, הייגו: נאָך איידער עס הייבט אָן צו נעצן, לויפט שוין די קאָמאַנדע מיט די מעשענע קיווערס, שפּרינגען אין פייער אַרײַן און שפּריצן מיט דער קישקע. דו וואָלסט געמעגט זיך פאַרגינען אָנקוקן אין יעהופּעץ אַ שׂרפה!

הנ"ל.

ו

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם-מענדל נ״י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך האַלט, אַז דו ביסט שוין חלילה פאַרמאַלנע משוגע, מענסט שוין באַלד אָנהייבן לויפן אין די גאַסן. קאַרג פאַר אים וואָס מע קען אים אין אָדעס, אין יעהופּעץ, אין בוי־בעריק, באַדאַרף ער נאָך האָבן, אַז אין וואַרשע זאָל מען אויך וויסן, אַז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ מנחם-מענדל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט הענ־דעל; אַמאָל האָט ער געהאַנדלט מיט „לאָנדאָן״, און היינט האַנדלט ער מיט אַלטע פּידקאָוועס, אָפּגעשלאָגענע הושענות, עפּעס „פּאַפּירלעך״, „פּאָרטע־פּעלן״, „וועגעלעך״, „פּיפּערנאָטערס״, וואָס מע דאַרף נאָך גיין זוכן עס אַזש אין וואַרשע, און זיך נאָך שלאָגן איבער דעם. הלוואי, רבונו של עולם, זאָל זיך געפינען אַ חכם, וואָס זאָל דיר אַרויסשלאָגן דעם נאַר דיינעם, זאָלסט נישט אין זינען האָבן דאָרטן דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואָס, בעת דאָ אין דער היים האָסטו אַ ווייב ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס האָט צו טאָן מיט די קינדער זיינע טאָג ווי נאַכט, טאַ דאָס, טאַ דאָס! ערשט נעכטן שיר אָפּגעקאָכט אַ קינד מיט זודיק וואַסער פון אַ דורכשלאַג. אַ גליק, וואָס נישט אויפן גאַנצן קעפּל, ווי זאָגט די מאַמע: „צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל!״... און ער — גאָרנישט, שפּאַצירט דאָרט אַרום אויף שריפות, אַ גדולה אויף אים: יעהופּעץ ברענט, פאַרברענט און פאַרשרפהט זאָל דאָס דיר ווערן מיט וואַרשע און מיט פּיטערבאַרג אייניינעם, ליבער גאָט! ווער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצן, דער באָדט זיך אין מיין בלוט. איך קאָן דען דערכגיין די גאַס אַפילו? יעדער טייט אויף מיר מיט די פינגער: „אָט גייט זי, מנחם-מענדלס פּלוניתטע פון יעהופּעץ!״ אַ שיינער נאָמען,

אז אָך און וויי איז מיר! לעבן זאָל טאַקע די מאַמע מיינע. זי טענהט איינס: „אַ מאַן, זאָגט זי, טאָר מען נישט אַפּלאָזן אויף קיין מינוט, דען, זאָגט זי, אַז דער טעסער זיצט אויף די שפּיגנער, זייגען די שפּענער — שפּענער... איך האָב, זאָגט זי, פריער געוווסט, אַז קיין גוטער סוף וועט דערפון נישט אַרויס; אַ געלט־שידוך, זאָגט זי, האָט זיך מיר פאַרגלוסט, ווי זאָגט מען: חזיר, האָסט געלט? זיי מיין מחותן!... אַ שמאַלץ־גרוב, זאָגט זי, די שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלייבט איבער. ברייוולעך, זאָגט זי, וואָלט איך אים געשריבן? פון קחחת וואָלט איך אים געשריבן! ווער עס פאַרשטייט נישט אויפן ווונק, זאָגט זי, דעם גיט מען מיטן שטעקן... איך וואָלט אים, זאָגט זי, אויף אַ בעזעם אַראָפּגעבראַכט אַ היים! אויף אַ קאַטשערע!"... זאָג אפשר, אַז זי איז אומגערעכט? נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין, משטיינס געזאָגט, אַזאַ צינג, אַז וואָס מע זאָגט מיר איז רעכט, און וואָס מע וויל פּועלט מען ביי מיר! אַן אַנדערע אויף מיין אָרט, למשל ב ל י ו מ ע־ז ל אַ ט ע, וואָלט שוין לאַנג געווען אין יעהופּעץ ביי אַלע רבנים און דיינים, דיך אַנגעפּאַלן אין גאַס און געגעבן דיר אַ וויסטן, אַ פינצטערן סוף, אַז דו וואָלסט פאַרגעסן אפילו, צי דו הייסט מנחם־מענדל, און צי דו האָנדלסט מיט פּיפּערנאָטערס... מאָל דיר, דיינע גילדענע געשעפטן מיט די גליקן, וואָס דו כאַפּסט דאָרטן, זעט מען שוין אַרויס פון די מתנות, וואָס דו שיקסט מיר איבער פון יעהופּעץ; די דימענטן מיט די בריליאַנטן, מיט די געשטיקטע הינמדער, מיט די געשטעפּטע קאָלדרעס, אַ קלייניקייט? איך זאָג דיר מיט גוטן, בעלי היקר, איך קאָן דאָס שוין מער נישט אויסהאַלטן! איינס פון די ביידע: אָדער קום צו פאָרן וואָס גיכער אהיים און זיי אַ מענטש גלייך מיט אַלעמען, אָדער לאָז קומען אַ מיתה משונה אויף מיינע שונאים, און לאָז דאָס האָבן אַן עק, ווי עס ווינטשט דיר היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש יינ ע־ש יינ ד ל.

ז

מנחם-מענדל פון יעהופּעץ צו זײַן װײַב שײנע-שײנדל אין כּתרילעװקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שײנע־שײנדל שתחי'.

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תּמיד האָרכן אײנס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשׂורות טובֿות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זײַ װיסן, אַז איך קנאַק און פּלי, איך ברען, איך שפּרינג אין פֿײַער, איך װאַקס, איך װאַקס! אַ סך זײַנען מיך מקנא, װאָרום װאָס איך קױף הײַנט, װערט מאָרגן טײַער. „װעגעלעך" האָבן זיך אַ רוק געטאָן נאָך אױף צװײ הונדערט רובל, און מײַנע „לילעפּוטן" שטײען שױן, ברוך השם, אױף יענער זײַט דרײַטהאַלבן טױזנט; נאָר מיר לױנט נאָך נישט צופֿאַר־קױפֿן, װײַל אַלע זאָגן, אַז עס װעט נאָך גײן און גײן. ס'איז גאָר אַ סבֿרא, אַז „אױסלאַמד" האָט זיך אַ װאָרף געטאָן אױף אונדזערע פּאַפּירלעך. מע מאַכט אַ „סענדעקאַט", דאָס הײסט, יד אחת, מע װיל זײ אױסקױפֿן עד לפּ"ק, נישט איבערלאָזן אַפֿילו אױף אַ רפֿואה! װעסטו דאָך מסתּמא פֿרעגן: פֿאַרװאָס? גאַנץ פּשוט! געלט, פֿאַרשטײסטו מיך, איז הײַנט פֿאַראַן בײַ דער װעלט אָן אַ שיעור; עס װאַלגערט זיך אין די גאַסן; פּריצענט איז בזיל הזול — פֿיר־פֿינף לשנה איז פֿאַר אונדז איבערגענוג; הײַנט אַז עס טראָגט גאָר צען־פֿופֿצן, איז דאָך דאָס מאַקע אַ גליק! און װאָס דו זאָגסט „לילעפּוטן" (נישט, װי דו רופֿסט עס אָן, „פּיפּערנאָטערס"), האָב איך דיר שױן געשריבן, אַז דאָס איז אַזאַ מין פּאַפּירל פֿון אַ פֿאַבריקע, װאָס מען אַרבעט דאָרטן אײַזנבאַנען, און מע גיט דערױף „דעװענדענט". די אײַזנבאַנען זײַנען אין סיבֿיר, די פּאַפּירלעך זײַנען אין װאַרשע, און די קונים זײַנען אין יעהופּעץ, — הײַנט פֿאַרשטײסטו שױן? דאָס אײגענע איז מיט די „װעגעלעך", מיט „פּוטיװיל" און מיט „טראַנספּאָרט". נאָר דו קערסט מײנען, אַז מע קױפֿט פּאַפּירלעך, קוקט זײ עמעצער אָן אין די אױגן? האָסטו װידער אַ טעות. מע מוז דיר קלאָר מאַכן אַקוראַט, זאָלסט פֿאַרשטײן דאָס געשעפֿט. למשל, עס פֿאַרגלוסט זיך דיר קױפֿן „טראַנס־

פאַרט"; גייסטו אַריין אין אַ קאַנטאָר, טראָגסט אַריין אין קאַסע עטלעכע קערבלעך אַ „דעפאָ", און דו הייסט דיר פאַרשרייבן אַביסל סחורה, און מע גיט דיר אַרויס אַ בריוול, אַז מע האָט איינגעקויפט פאַר דיינעטוועגן אַזוי פיל און אַזוי פיל „טראַנספאָרט", אויף אַזאַ און אַזאַ מקח מיט אַזאַ און אַזאַ „דעפאָ", און באַם חלילה עס פאַלט אַראָפ, ביסטו מחויב צוטראָגן נאָך געלט; — נאָר ס'איז בלאָטע, נישט אַזוי גיך פאַלט דאָס אַראָפ, און מע באַדאַרף נישט צוטראָגן קיין געלט; אדרבה, עס הייבט זיך גאָר אויף! אָט אַזוי אַרבעט איך כסדר און מאַך, ברוך השם, הלוואי ווייטער נישט ערגער. גאָט זאָל העלפן, איך זאָל מיך קאָנען אָפּרייסן אויף אַ פּאָר טעג, וואָלט איך זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין וואַסילקאָוו און וואָלט אַריינגעטראָגן „געלדיע"; דעמלט וואָלט איך פאַרשפּאָרט זיין נע־ונד, ביי טאָג אַ יעהופּעצער און ביינאַכט אַ בויבעריקער. אַלע מעקלערס זיינען היינט געוואָרן „קופּצעס". זאָלסט זען ווי מע לעבט, ווי מען עסט! היינט די דאַמעס זייערע מיט די דימענטן און בארליאַנטן — איך האָב מיך צעפּרעגט, ווו קויפט מען דאָ באַרליאַנטן, איך האָב באַטראַכט פון דיר־נעטוועגן דאָרטן אַ פּאָר זאַכן, זאָג איך דיר, אַז נישט נאָר ביי אייך אין כתרילעווקע, אפילו ביי אונדז אין יעהופּעץ וועט דאָס אויך אָנמאַכן אַ רעש! און מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס איטלעכן באַזונדער נאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. דו מיינסט, אפנים, זוגתי היקרה, אַז איך בין איינער אויפן יאַריד, וואָס איך האַנדל מיט פּאַפּירלעך? בראָצקי האַנדלט אויך דערמיט. דער חילוק איז: איך, אַז איך גיי קויפן פּאַפּירלעך, באַדאַרף איך פריער אויסרעכענען וויפל מיין מאָגן קאָן פאַרדייען, און בראָצ־קי, אַז ער טוט אַ קויף פּאַפּירלעך, קויפט ער מיט אַמאָל טויזנט שטיק, פינף טויזנט שטיק, צען טויזנט שטיק. דו שפּילסט זיך מיט בראָצקין? יענער, אַז ער פאָרט דורך אין דער קאַרעטע, ציטערט דער „קרעשטשאַטיק", און אַלע יידן נעמען אַראָפּ די היטלען, און איך אויך בתוכם. שיין וואָלט זיין, ווען איך ווער אַמאָל אַ בראָצקי!... אַז גאָט וויל, נאַרעלע...

חנ"ל.

ח

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופעץ

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, בעלי היקר, „אַז פון אַ חזירשן עק, זאָגט די מאַמע, קאָן מען קיין שטריימל נישט מאַכן"... איך שמועס עס קעגן דיין שיינער שוועגערין, קעגן דיין יענטלען טאַקע, ברענען זאָל זי דיר אויפן פייער! זי איז זיך מיישב יענע וואָך און לאָזט אַרויס אַ קלאַנג איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז דו ביסט אַוועק קיין אַמעריקע און מיך האָסטו, נישט דערלעבן וועט זי דאָס, אַוועקגעוואָרפן אַן אַלמנה חיה. פון וואַנען, זאָגט זי, האָט זי דאָס גענומען? שׂרה־נחמה האָט געהערט פון לייזי־הערשקע־אַברהמס מויל, אַז ברוך בן־ציונס האָט אַליין געזען ביי משה־שמואלן אַ בריוול, וואָס מאיר־מאָטל שרייבט אים פון אַמעריקע. לויף איך דאָך אַוועק צו משה־שמואלן: ווו איז דאָס בריוול? פרעגט ער מיך: וואָסער בריוול? זאָג איך: וואָס מאיר־מאָטל שרייבט אייך פון אַמעריקע. זאָגט ער: ווער האָט אייך געזאָגט? זאָג איך: ברוך בן־ציונס. זאָגט ער: ווי האָט איר געקאָנט זאָגן אַט דער שקרן, אַט דער כזבן אַזאַ מעשה, אַז איך רעד נישט מיט אים שוין העכער אַ יאָר? לויף איך דאָך אַוועק פון דאָרטן צו ברוך בן־ציונס מיט אַ צעיושעטן קאָפּ. לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז ער איז גאָר נישטאָ אין כתרילעווקע שוין די דריטע וואָך. פלי איך דאָך פון דאָרט אַוועק מסתמא צו לייזי־הערשקע־אַברהמס און גיב אים אַוועק אַ פּאַרציע, ווי עס געהער צו זיין, למאַי האָט ער דערציילט שׂרה־נחמהן אַזאַ פּזמון מיט אַ בריוול, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן? קוקט ער מיך אָן ווי אַ משוגענע: וואָסערע פּלוימען? לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז דאָס האָט זי טאַקע אַליין, דיין יענטל הייסט

דאָס, די כּפּרה זאָל זי זיין פֿאַר אונדז ביידן, אויסגעטראַכט פֿונעם קאָפּ. אַ הולטייסקע קאָן! נאָר עס קריכט דיר שטאַרק אין קאָפּ אַריין אַוודאי וואָס איך שרייב דיר, אַז דיר ליגן גאָר אין זינען מסתמא דיינע יעהופּעצער דאַמעס. צעדמט און צעבלאָטיקט זאָלן זיי דיר ווערן מיט זייערע באַרליאַנטן! הערסטו, מענדל! איך קאָן נישט הערן זייער נאָמען אַפֿילו, אַזוי פֿיינט האָב איך זיי! עס איז מיר שוין נמאס אַפֿילו די מתנה דיינע, וואָס דו ווילסט מיר דאָרטן קויפֿן! איך זאָג דיר פֿריער, בעלי היקר, אויב דו ווילסט מיר עפּעס קויפֿן, זאָלסטו מיר קויפֿן אַזעלכעס, וואָס מע טראָגט דאָרט נישט; איך דאַרף נישט, דו זאָלסט מיך פֿאַרגלייכן צו עמעצן, לאָזן זיי דיר זיין מיין כּפּרה היינטיקן טאָג! נאָר לאָמיר שוין דערלעבן זעען טאַקע עפּעס פֿון דיר אויף דער רעכטער אמת, נישט אויף פּאַפּיר, ווי זאָגט די מאַמע: „ווינציקער מיט אַ וואָרט, מער מיט אַ ביסן"... וואָס טויג דיר אָפּליגן אויף מאָרגן, נאַרעלע? ביי אַזאַ געשעפֿט, אַז מע רייסט נישט אָפּ מיט געוואַלד, האָט מען נישט! נאָר מענגסט דיר זאָגן וואָס דו ווילסט, ביז איך וועל נישט זעען אַליין מיט מיינע אויגן, וועל איך דיר נישט גלייבן; נישט מחמת איך האַלט דיך חלילה פֿאַר אַ ליגנער, נאָר דערפֿאַר ווייל אַלצדינג, וואָס די יעהופּעצער שיינע מענטשעלעך דערציילן דיר, מיינסטו, אַז ס'איז תורת לאַקש. וואָס גלייכסטו זיך צו בראָצקין? האָסט מיט זיי אייניינעם חזרים געפּאַשעט? מע גיט דיר פֿאַר דיינע פּאַפּירלעך עפּעס געלט — נעם! וואָס מאַכסטו אָנשטעלן? די אָדעסער שאַרלאַטאַנעם האָבן געטראָפֿן צו דיר קיין בויבעריק אַזש, געוואָלט אויסנאַרן ביי דיר דעם מייערן אַנטיק? — מיט מזל ברכה! פֿאַר זיי די מציאה! ווי זאָגט די מאַמע מיינע: „כאַפּ אויס די יאַרמלקע מיט נים און אַנטלויף"... נאָר גיי רעד מיט אַ משוגענעם! אָט האָט זיך אים פֿלוצעם פֿאַרוואָלט ווערן אַ קופּיעץ, און נאָך אַ וואַסילקאָווער דערצו! ער ווייסט שוין גאָרנישט וואָס אויסצוטראַכטן פֿאַר גרויס ראַסקאָש! וואָס איז דיר עפּעס געפֿעלן געוואָרן וואַסילקאָוו? נאָר וואָס איז דאָס חידוש: אַז בייטאָג איז מען אַ יעהופּעצער, ביינאַכט אַ בויבעריקער, און גיין גייט מען קיין פּיטערבאָרג און קיין וואַרשע, מעג מען שוין זיין נישט נאָר אַ וואַסילקאָווער נכבד — אַפֿילו פֿון האָצעפּלאָץ. מענדל, זע נאָר, אַז פֿון אַלע גליקן זאָל איך דיר נישט דאַרפֿן חלילה צווישיקן פֿון דאַנען נאָך אַמאָל אויף דער הוצאה, ווי עס ווינטשט דיר היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פֿרוי שיינע־שיינדל.

איך דאַרף דיר, בעלי היקר, אָנזאָגן אַ בשורה, און נישט קיין פֿריילעכע: דיין ברודער בערל־בנימין איז געבליבן אַן אַלמן... שוין אַז דער

בריוו איז געווען פארחתמעט איז מען געקומען און מע האָט אונדז גע־זאָגט, אַז יענטל איז געשטאָרבן. פון אַ קימפּעט איז דאָס איר געקומען, זי האָט געהאַט אַ צווילינג. דאָס צווילינג לעבט, און זי איז געשטאָרבן. דאַכט מיר, עס וואָלט געמעגט זיין דאָס אייגענע קאַפּויר? ווי זאָגט די מאַמע: „גאָט איז אַ גרויסער צו־להכעיסניק“... לאָז זי זיין ווייט אָפּגע־שיידט פון מיר. דיין שוועגערין איז תמיד געווען מיט מיר קידער־ווידער, לאָז זי מיר מוחל זיין, נאָר אויף מיין ערד איז זי דאָך נישט געגאַנגען. וואָס וואָלט מיך אַרן, אַז זי זאָל לעבן נאָך הונדערט יאָר און נישט איי־בערלאָזן קיין זיבן יתומימלעך, איינס קלענער פונעם אַנדערן? ביי דער לויה בין איך דווקא געווען און האָב מיך דווקא אַזוי אָנגעוויינט, אַז איך בין קוים געקומען אַ לעבעדיקע אַהיים. ווי זאָגט די מאַמע: „אַז מע דערמאָנט זיך אינעם טויט, איז מען נישט זיכער מיטן לעבן“...

ט

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי'.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פונעם אנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית זיי וויסן, אז איך בין א גאַנצע וואָך געלעגן אין בוי־בעריק, דאָס הייסט, חלילה נישט מסוכן, נאָר אַ פּאַסקודנע שלאַפקייט: איך בין נעפאַלן אויפן רוקן, קאָן זיך נישט איבערקערן אויף דער אַנ־דערער זייט. איצט איז מיר שוין אביסל גרינגער. איך האָב געמיינט די גאַנצע וואָך, אז איך וועל אראָפּ פון זינען: אַ קלייניקייט, אכט טאָג כסדר זיין אָפּגעריסן פון דער בערזע, נישט וויסן פון קיין קורסן? עס האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן, אז דאָרט קערט זיך איבער די וועלט! אם ירצה השם, מאָרגן־איבערמאָרגן פּאָר איך שוין געווים אין שטאָט אריין. דער־וויילע שרייב איך דיר א בריוול, עס ווילט זיך מיר אביסל דורכשמועסן מיט דיר, און אגב דיר געבן אַ ריכטיקן חשבון, ווו איך האַלט, זאָלסט נישט מיינען, אז איך „פּלוטעווע", אז איך בין חלילה פּאַרדרייט אָדער איך בין געַנאַרט. מיין „פּאָרטעפּעל" באַשטייט אצינד סך־הכל פון הונדערט פופציק שטיקלעך „פּוטיוויל", הונדערט שטיקלעך „טראַנספּאָרט", פינף „מאַלצע־ווער", פינף „לילעפּוטלעך" און פינף „וועגעלעך", א חוץ „פּרעמיעס". מילא, „פּוטיוויל" און „טראַנספּאָרט" איז ביי מיר פאַרקויפט אויף שפּע־טער (מיט אַ דרייערל האַנט־געלט); ווי באַלד מע קויפט זיי ביי מיר אוים צום זמן, — און אויסקויפן וועט מען זיי דאָך געווים — בלייבט מיר איבער אויף זיי ריין פאַרדינסט נאָך אלע הוצאות אַ רובל פיר־פינף טויזנט. חוץ לזה, האָב איך אַ פּאָר צענדליק „האָסלעך" אויף „פּוטיוויל" און אויף „מאַלצעווער", פּרימא בריוועלעך, — רעכן איך כאַפּן אויף זיי אויך אַ רובל זיבעצן־אכצן הונדערט. האָסטו שוין כמעט גוטע זיבן טויזנט רובל. אויף די פינף „מאַלצעווער" מזומן רעכן איך אויף טרפות פיר טויזנט רובל,

וואָרום עס וועט דאָך זיין אַ חרפה, אַ בזיון, אויב זיי וועלן נישט שטיין אין ניכן, צום ווייניקסטן, צוויי טויזנט רובל אַ שטיק, כאָטש אַפילו זיי האָבן זיך די לעצטע טעג אַ קאַפּעלע אַראָפּגערוקט; נאָר דאָס איז נישט מער ווי אַ מאַניפּאַרגעלע פון די פּיטערבאַרגער „בלאַנקיסטן", בכדי זיי זאָלן זיך קאָנען „אָפּדעקן"! בלייבט איבער דער רעכטער שפּיל: איך מיין די „לילעפּוטלעך" מיט די „וועגעלעך"; דאָ איז אַ ריינער חשבון, ווי גאָלד: ביז „אולטימאָ" האָבן מיר נאָך אַזוי גרויס ווי אַכצן טעג, און אַזוי ווי די „לילעפּוטלעך" הייבן זיך אויף הונדערט רובל אַ טאָג, האָסטו אַ קיימאַ־לן פון אַכצן מאָל הונדערט געכפּלט אויף פינף, באַטרעפט דאָס פונקט ניין טויזנט רובל. און די „וועגעלעך"? זיי שפּרינגען דאָך אויף ק"ן רובל אַ טאָג, — האָסטו אַכצן מאָל ק"ן געכפּלט אויף פינף, — באַטרעפט דאָס נישט קיין דרייצן טויזנט פינף הונדערט רובל? היינט ווו איז עפּעס „וואָלגע"? „דניעפּר"? „דאָן"? און שאר ירקות? הכלל, גאָר קיין גרויסן ביטל ניי איך מיר נישט, נאָר איך רעכן אַלצדינג, שוין כאָך אַלע הוצאות: „קאַרטאַזש", „גנבהזש" אַרום און אַרום, — קרוב צו פערציק־פופציק טויזנט! השם יתברך זאָל העלפן, דאָס „אולטימאָ" זאָל נאָר אָפּלויפן גלאַט, וועל איך, אם ירצה השם, „ראַליזירן" אַלע מיינע פּאַפּירלעך און וועל מיך „איבערקערן אויף דער אַנדערער זייט", דאָס הייסט, איך וועל גיין „אַ־לאַ־בעס", ווערן אַ מוכר אויף אַלצדינג, און וועל פאַרדינען געלט אויף דער „לינקער זייט"; נאָכדעם וועל איך מיך אַ וואָרף טאָן צוריק „אַ־לאַ־האָס" און ווידער אַמאָל כאַפּן אַ גראָבס. אַזוי, אַז דער אויבערשטער זאָל נאָר וועלן, קאָן פון די פופציק טויזנט ווערן מאה אלף, פון די מאה אלף — רי"ש אלפים, פון די רי"ש אלפים — ת"ק, און אַזוי ווייטער, ביז אַ מיליאָן. ווי אַזוי זשע דען, נאַרעלע, ווערט מען אַ מיליאָנשטשיק, אַ בראָצקי? און וואָס, מיינסטו, איז בראָצקי? אַ בשר־ודם, וואָס עסט און טרינקט און שלאָפט. איך האָב אים אליין געזען, איך זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס!... הכלל, זאָלסט גאָר קיין יסורים נישט האָבן, זוגתי היקרה, איך האָב מיך גוט צוגעקוקט צו דער שפּעקולאַציע און בין געוואָרן אויף דער בערזע אַזאַ חריף, אַז מע קומט שוין אַמאָל צו מיר, נישקשה מיט אַן עצה; מיט נאָמס הילף, איך פאַרשטיי דאָס שפּיל! און וואָס דו גלייבסט נישט און הייסט מיר אָפּשניידן, איז ביי מיר קיין חידוש נישט. למאי בינקים? פאַראַן ביי אונדז אַזאַ שפּעקולאַנט, בינקים רופט מען אים, זייער אַ הייסער שפּעקולאַנט און אַ מוראַדיקער קאָרטנשפּילער; ביי טאָג שפּילט ער אויף דער בערזע, און ביינאַכט שפּילט ער אין קאָרטן. האָט זיך געטראָפן מיט אים אַ מעשה ערשט יענע וואָך. עס האָט זיך אים ביינאַכט געחלומט אַ שלעכטע קאָרט, — אַ סימן אויף אַ „בעס" —

איז ער אוועק קיין פּיטערבאַרג און קיין וואַרשע און האָט אָפּגעשניטן אין איין טאָג דעם גאַנצן „פּאַרטעפּעל"; אוודאי רייסט ער איצט נעבעך אויף זיך די האָר! אַ מצוה אויף אים! לאָז ער נישט גלייבן אין חלומות! איך קוק שוין אַרויס אויף מאָרגנדיקן טאָג, געוויר ווערן די קורסן. איך האָב מיך באַשלאָסן, תיכף ווי באַלד איך קום אין שטאָט אַריין, זיין ביים יובילעער נאָך דיין „בראָש" מיט די באַרליאַנטענע אויערינגלעך, און אַז איך וועל כאָר האָבן צייט, כאַפּ איך מיך אַראָפּ אויף „פּאַדאָל" איינקויפן דיר אַביסל וועש, טישטעכער, האַנטעכער, און די קינדער אויף העמדלעך, און נאָך עפּעס אין באַלעבאַטישקייט אַריין, נישט ווי דו זאָגסט, אַז איך האָב דיך חלילה פאַרגעסן. און מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. קוש די קינדער און גריס שווער און שוויגער און אַלעמען באַזונדער גאָר פריינדלעך. און בערל־בנימינען זאָלסטו זאָגן פון מיינעט־וועגן, אַז ער זאָל זיך אַזוי נישט נעמען צום „קע", אין „אָקע" אָדער גאָר אין „טערטל־מערטל".

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו שרייבסט מיר מכח וואַסילקאָוו, האָסטו, אַפּנים, גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין. אַזוי ווי מחמת איך מאָר דאָ נישט זיין, וויל איך ווערן אַ היגער קופּיעץ, קאָן מען אַנדערש נישט אויספירן, סיידן מען איז פריער כאָטש אַ האַלב יאָר אַ וואַסילקאָווער כּתב. און קוים ווער איך אַ היגער, דינג איך, אם ירצה השם, אַ דירה אויף פּאַדאָל און נעם דיך אַרויס אַהערצו מיט די קינדער אין אַ גוטער שעה. און וואָס דו ביסט אַזוי אויפגעטראָגן אויף יעהופּעץ, איז גאָר דערפאַר, ווייל דו קענסט נאָך נישט די שטאָט מיט די היגע מענטשן; מילא די שטאָט אַליין, שמועסט מען נישט — ס'איז אַ צאַצקעלע, און די מענטשן די היגע זייענען ממש גאָלד און זילבער; ווייס איך, ווי קומט דאָס צו אָדעם? די היגע מענטשן זיינען אַלע אַזוי מילד, אַזוי צוגעלאָזט, סיי די מאַנצבילן, סיי די נקבות... איין שטיקל חסרון האָבן זיי דאָ, וואָס זיי האָבן ליב אַ קערטל; קומט די נאַכט — נעמט מען זיך צו דער אַרבעט און מע זיצט אַוועק ביז טאָג און מע שרייט: „פּאַס"! די גרויסע שפּילן אין אַזאַ שפּיל, וואָס הייסט „פּרעפּעראַנץ", און די קליינע שפּילן אין „סטוקעלקע", אין „אָקע" אָדער גאָר אין „מערטל־מערטל".

הנ"ל.

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זייַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, זאָלסט גאָרנישט איבער־טראַכטן חלילה קיין שלעכטס, עס קומט דיר מזל־טוב: דער בראָטי־שעק דייַנער, דיין בערל־בנימין, האָט שוין חתונה געהאַט, און אַ גוטער שעה, אַ מזלדיקער! ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו וואַרטן אפילו גאַנ־צע צוויי חדשים: ער איז אוועקגעפאָרן קיין באַרדיטשעוו, פון וואַנען מע באַציט אויף דער גאַנצער וועלט שטיפּמאַמעס, און האָט אַראָפּגעבראַכט פאַר זייַנע קינדער אַ מאַמע, און דווקא אַ מיידל פון אַ יאָר נייַנצן! אַזאַ יאָר, אַזאַ מזל אויף אַלע מאַנצבילן, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס האָט! ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „בעסער זאָלן מיר בלייבן נאָך אייך אלמנות, איידער איר זאָלט מאַכן אונדזערע קינדער פאַר יתומים!"... איך שטעל מיר פאָר דייַנע טרערן, מענדל, ווען דו זאָלסט מיך, אַשטייגער, חלילה איבערלעבן, נישט דערלעבן זאָלן דאָס די יעהופּעצער דאַמעס! זיי וואָלטן דיך באַפאַלן, ווי די בינען, אַן אויסבאַפּעניש וואָלט אויף דיר געקומען נאָך פאַר שלו־שים! עס וואָלט געווען ביי דיר, ווי די מאַמע זאָגט: „אַ בשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל". וואָלסט שוין דעמלט געקאָנט בלייבן אַ יעהופּעצער אויף אייביק! דו קנאַקסט, זאָגסטו, מענדל? קנאַק! פּלי! שפּרינג אין פייער! איך וועל צו דיר נישט פאָרן, איך זאָל וויסן, אַז דו ליגסט דאָרט אויפן טויטן בעט! און דייַנע פופציק טויזנט שרעקן מיך אויך קאָרג וואָס. ערשטנס, ביסטו מייַנער מיט די פופציק טויזנט, אַזוי ווי אַן די פופציק טויזנט, און צווייטנס, האָבן ביי מיר דייַנע פופציק טויזנט אַ ממש, פּונקט ווי אַ שמעק טאַבעק, ווי זאָגט די מאַמע: „כל־זמן דאָס געלט איז אויפן

פּאַפּיר, איז דאָס פּאַפּיר"... איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, בעל־היקר, אַז דו האָסט איצט ביד איבערצוצייל̈ן עטלעכע קערבלעך און ווילסט וואַרטן ביז עס וועט ווערן דווקא פּופציק טויזנט, ביסטו אָדער אַ משוגענער, אָדער אַ גזלן, אַ רוצח, האָסט קיין רחמנות נישט אויף דיין ווייב ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר און אויף דיינע קינדער. עס געפעלט מיר, ווי ער האָט־דעוועט מיך מיט „זאַוטריקלעך": מאָרגן וועט ער זיין ביים גאָלד־וואַרגער, מאָרגן וועט ער מיר קויפן וועש — אַלץ אויף מאָרגן. נאַר איינער! פאַר מאָרגן לאָז זיך גאָט זאָרגן! דו קויף בעסער היינט, רייס אָפּ, כאַפּ אַריין, עס וועט זיין גליק ווי געפונען! די מאַמע מיינע, זאָל לעבן און געזונט זיין, זאָגט גאַנץ קלוג. זי זאָגט: „וואָס טויג דיר, טאָכטער, מתנות, טישטעכער, האַנטעכער? געלט, זאָגט זי, לאָז ער דיר שיקן! דער מלאך־המות, זאָגט זי, פרעגט נישט, צי דער מת האָט תכריכים"... איך וועל וואַרטן נאָך אַ פּאָר וואָכן, ביז איך וועל מיך פילן אין גאַנצן געזונט, דעמלט זעץ איך מיך אויף און פאָר, אם ירצה השם, אַראָפּ צו דיר אַהינצו, און דעמלט בין איך דיך נישט מקנא! איך וועל דיר דאָרטן נאָכגיין פּיס־טריט, איך וועל דאָרטן זיין אומעטום. איך בין דיר ערב, אַז דו וועסט אַנטלויפן פון דאָרטן אין מיטן האַלבע נאַכט, ווי עס ווינטשט דיר פון מיפן הארצן

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

י״א

מנחם-מענדל פֿון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳.

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תמיד הערן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית זיי וויסן, אַז עס טוט זיך חושך! היינו, עס איז אָנגעקומען פֿון פּיטערבאָרג אַזעלכע קורסן, אַז ס'איז אַלעמען פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן! ווי אַ דונער האָט דאָס אונדז דערשלאָגן, ווי אַ באָמבע! עס איז געוואָרן פֿינצטער אין אַלע קאַנטאָרן, ערד־ציטערניש אויף „קרעשטשאַטיק"! און תיכף נאָך פּיטערבאָרג האָט אויך וואַרשע געגעבן אַ זעץ אירע קורסן! ס'איז געוואָרן אַ ליפּעריי, אַ בהלה, אַ פּחד, אַ מהומה! די שפּעקולאַנטן זיינען זיך צעלאָפֿן, אויסגעטריקנט געוואָרן, און איך אויך בתוכם. אוים בערזע! די קאַנטאָרן זיינען געבליבן פּוסט, די באַנקירן פֿאַרזאָרגט, ס'איז חורבן בית־המקדש! שטעל דיר פֿאָר, זוגתי היקרה, אַז די „מאַלצעווער", וואָס איך האָב זיי גערעכנט אויף טרפֿות צוויי טויזנט קערבלעך, האָבן זיך מיישב געווען און האָבן זיך אַראָפּגערוקט ביז ניינהונדערט פֿופֿציק! צי, למשל, „פּוטיוויל": גיכער וואָלט איך זיך גערעכנט אויף זיי אַ מפּלה, איידער זיי זאָלן ווערן פֿון הונדערט אַכציק צוריק זיבן און זעכציק! פֿון „טראַנספּאָרט" שמועסט מען נישט; „טראַנספּאָרט" איז גאָר אין דער ערד, קיינער נעמט דאָס נישט אין די הענט אַריין! דאָס אייגענע איז מיט „וואָלגע", מיט „דאָן" און מיט אַלע אַנדערע פּאַפּירלעך. נאָר דאָס אַלצדינג איז נאָך גאָלד קעגן וואַרשע. אין וואַרשע איז גאָר אַן אומגליק! זינט די וועלט שטייט איז נאָך אַזאַ שחיטה נישט געשען, ווי אין וואַרשע. וואַרשע איז זיך מיישב און טוט אַ שמיץ די „ליעפּוטן" פֿון צוויי טויזנט פֿיר הונדערט פֿופֿציק גאָר אויף זעקס הונדערט צוואַנציק! היינט „וועגעלעך"! די זיינען שוין געשטאַנען אַזוי שיין, אַזוי פֿיין; מיר האָבן געמיינט, אָט־אָט זיינען זיי דריי טויזנט קאַרבן! וויפֿל,

מיינסטו, שטייען זיי היינט? וועסט גאָר נישט טרעפן: פיר הונדערט שמאַרדאָוועניצעס! ווי געפעלט דיר אַ קורס? ס'איז עק וועלט! אַז אַך און וויי איז וואַרשע, זיך שיין אויסגעפיינט: געטריבן, געטריבן, און פּלוצעם אין מיטן הרינען — נאַ דיר אַ חתונה! פון וואַנען נעמט זיך דאָס איבערקערעניש — ווייסט קיינער נישט. דער זאָגט דאָס, דער זאָגט דאָס. עס וואַקסט פון געלט, דאָס הייסט, פון דעם, וואָס עס איז נישטאָ קיין געלט. אויף דייטש רופן זיי דאָס אָן: „געלדמאַנגל", און אויף אונדזער לשון הייסט דאָס פּשוט: „נישטאָ אַ פּרוטה". וועסטו דאָך מסתמא פרעגן: סטייטש, עס האָט זיך דאָך ערשט נעכטן געוואַלגערט אין אַלע גאַסן? תיקו, בלייבט אַ קשיא! נאָך ווי אַזוי די מעשה איז, שפּעגעלאַנטן זיינען געוואָרן אָפּגעקאָכט, און איך אויך בתוכם. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אויף פּיטערבאָרג פאַרדריסט מיך נישט אַזוי, ווי אויף וואַרשע. מילא פּיטערבאָרג — גאָרנישט, גייט זיך פּאַוואָלינקע, אַלע טאָג פאַלט דאָרטן צוואַנציק־דרייסיק רובל און געענוג; ס'איז כאָטש, ווי זאָגט ער, מעשה סוחר. וואַרשע — קיין גוטער ייד זאָל דאָס נישט קענען! דאָס איז עפּעס אַ מין סדום, רחמנא לצלן! נישטאָ דער טאָג וואַרשע זאָל נישט געבן אַ דיפ מיט ק"ן, מיט ר"ש, מיט שי"ן קערבלעך נידעריקער, אַ פּאַטש נאָך אַ פּאַטש, אַזוי אַז מיר זיינען אַלע דאָ געבליבן פּרילישעט, נאָר קיין צייט נישט געהאַט אַפילו זיך אַרומצוקוקן! מיליאָנען קאָסט אונדז אָפּ אָט דאָס וואַרשע, מיליאָנען! געוואַלד, וווּ איז געווען אונדזער שכל? הלוואי וואָלט איך דיך געפאָלגט, זוגתי היקרה, וואָלט איך איצט אַרויסגעשטעלט דער וועלט דריי פייגן; בראַצקי וואָלט צו מיר נישט געווען גלייך! נאָר מסתמא הייסט גאָט אַזוי; ס'איז, אַפּנים, נאָך נישט געקומען די רעכטע צייט... אַ שטיקל גליק, וואָס מיין באַנקיר, לאַנג לעבן זאָל ער, מאָנט מיך כאָטש נישט די עטלעכע קערבלעך, וואָס איך בין אים געבליבן שטיין אין קאָנטאָר. אדרבה, ער האָט אויף מיר רחמנות. ער זאָגט מיר צו, אַז עס וועט זיך אַביסל פאַרבעסערן די צייט, וועט ער אפשר זען מיר „צושאַרן", איך זאָל אַרום אים קאָנען אַמאָל פאַרדינען אַ קערבל... נאָר דערווייל איז נישטאָ וואָס צו טאָן. עס גייען אַרום אויף דער בערזע מתים, נישט קיין שפּעגעלאַנטן. מעקלערס דרייען זיך אַרום פּוסט און פּאַס. ס'איז ביטער און פינצטער אַרום און אַרום. די שפּעגעלאַציע, זאָגט מען, איז אָפּגעשטאָרבן, קאָן שוין תחית־המתים נישט אויפשטיין. נישטאָ צו וואָס זיך צו נעמען. איך זאָל האָבן מיט וואָס, וואָלט איך מיך נאָך פּאָרט יאָקאָש דורכגעשלאָגן, איבערגעוואַרט די שלעכטע צייט. דער הימל, ווי זאָגט ער, איז נאָך צו דער ערד נישט געפאַלן. נאַרישקייטן! דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עס וועט נאָך זיין וואָס צו טאָן, גאָט לעבט און יעהופּעץ איז אַ שטאָט;

אז נישט דאָס, איז דאָס... נאָר וווּ נעמט מען קלינגערס? ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: „אז מע האָט נישט קיין פינגער, קאָן מען נישט שטעלן קיין פײַג"... איך האָב מיך געפּרוּווט אָנמוטן אַ פּאָר מענטשלעך מכוח אַ גמילות־חסד'ל אויף אַ קלײנער צײַט, האָבן זיי מיר געשוווירן, אַז אין שטאָט איז איצט ענג אין געלט, אַפילו גאָר בײַ די גרויסע איז ענג, ממש מע פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד, מע צי'ט זיך אויס פּאַר אַ גראָשן... השם יתברך זאָל עפּעס אַ נס טאָן מיט מיר: גזלנים זאָלן אויף מיר אָנפאַלן און מיך הרגענען, אָדער איך זאָל אַזוי שטאַרבן גייענדיק אין גאַס, וואָרום, זוגתי היקרה, איך קאָן דאָס שוין מער נישט איבערטראָגן! סטײַטש, סטײַטש! אַזוי פֿײַן, אַזוי שיין געשטאַנען אויפן פּלאַץ! געהאַט, ווי מע זאָגט, אַ פולע הימל — און פּלוצעם נאַ דיר! און מחמת איך בין זייער דערשלאָגן, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. שרײַב מיר וואָס מאַכן די קינדערלעך זאָלן לעבן, און ווי גייט דיר אין געזונט, און גרים שווער און שוויגער און איטלעכן באַזונדער גאָר פרײַנדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם־מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. די וועלט זאָגט אַ ווערטל, אַז נאָך אַ שׂרפה ווערט מען רײַך. איך מיין, אַז נאָך אַזאַ מפּלה, ווי מיר האָבן דאָ אַצינד, קאָן מען ערשט מאַכן גאָלדענע געשעפטן. וואָרום ס'איז אַלצדינג געוואָרן בחצי חנם. מע קאָן הײַנט מאַכן „האָסלעך" מיט „פּרעמיעס" אויף די בעסטע „פּאַפּירלעך" כמעט אָן געלט. איך זאָג נביאות, און קאָן דיר גיין שווערן, אַז ווער עס וועט איצט אַוועקגיין קיין פּיטערבאָרג אָדער קיין וואַרשע עפּעס קויפן, וועט ער גליקלעך ווערן! וואָרום נאָך אַלע מעשׂות קאָן איך מיך באַרימען, אַז איך פאַרשטיי דאָס שפּיל אין תּוך אַרײַן. צו דער שפּעקולאַציע באַדאַרף מען האָבן נאָר דרײַ זאַכן: ש כ ל, מ ז ל און ג ע ל ט. ש כ ל איז, ברוך השם, פאַראַן בײַ מיר אַזוי פיל, וויפל בײַ אַלע היגע שפּעקולאַנטן. מ ז ל איז בײַ גאָט. און ג ע ל ט? — געלט איז בײַ די בראָצקים.

חנ"ל.

י"ב

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדל נ"י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאט דאס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אז, אייגנטלעך, וואלט איך דיר באדארפט שרייבן גאר א סך, נאר איך האב דיר נישט וואס צו שרייבן, עס האט זיך שוין אויסגעלאזט ביי מיר שטאף. ווארום וואס וועט מיר ארויסקומען, אז איך וועל דיך שוין אריינלייגן אין דער ערד אריין, חלילה, לעבעדיקערהייט, עס וועט מיר דען עפעס העלפן? איך בין דאך נישט ב ל י ו מ ע - ז ל א ט ע, וואס האט ליב „עסן מאן"; איך וועל דיך נישט עסן, איך וועל דיר נישט זאגן קיין קרום ווארט, נישט איבערקערן די צונג אפילו. נאר איין זאך וועל איך ביי דיר פרעגן, א שלאק זאל אריין אין מיינע שונאימס ביינער אריין: זאג, צי האב איך דיר נישט געזאגט פריער, אז עס וועט אזוי זיין דער סוף? זאג, צי האב איך דיר נישט געשריבן די גאנצע צייט: אנטלויף, זאג איך, מענדל, ווי פאר פייער! וואס טויג דיר, זאג איך, שמאטעס, פאפירלעך? ווי די מאמע זאגט: „זיץ אין דער היים, וועסטו נישט רייסן קיין שטיוול"... פאלגט ער מיך נישט! עס האט אים צוגעקאוועט צו יעהופעץ! ער איז גאר די כפרה נאך די דארטיקע פיינע מענטשלעך, די כפרה מעגן זיי שוין זיין פאר דיר און פאר מיר און פאר אונדז אלע און פאר כל ישראל, נישט איך זאל מיך פאר זיי אויסציען א גמילות-חסד, געבן זאל זיי גאט גרינגע קרענק מיט מאיאווע קדחת אויף א גאנץ יאר! ווי זאגט די מאמע זאל לעבן: „בעסער אנקומען צו עלינו, איידער צום בעסטן מענטשן"... אויף דיר איז מיר א חידוש, מענדל, דו ווייסט דאך יא, וואס אין די הייליקע ספרים שטייט געשריבן: „מיט געוואלד טוט לעבן דער מענטש און מיט געוואלד טוט ער שטארבן", —

היינט וואָס רעדסטו נאַרישקייטן? סאיז 'אַלצדינג פון גאָט. דו זעסט דאָך, ווי דער רבונו של עולם פּירט מיט דיר, עס זאָל זיך דיר נישט גלוסטן קיין גרינגע פייגעלעך אין יעהופּעץ! אַ ייד באַדאַרף האָרעווען, פאַרשוואַרצט ווערן און געבן אַ ווייב ברויט! אָט איז נחמיה אויך אַ לייטישער יונגערמאַן, אַ יודע־ספר — לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר! פונדעסטוועגן טו אַ קוק, ווי אַזוי ער ווערט אויסגעריסן, פאָרט אויף אַלע יאַרידים, גייט צו־פוס, קריכט אין דער ערד אַריין, האָרעוועט ווי אַן אייזל. עס קאָן זיין, ער וואָלט אפשר אויך געוואָלט, אַזוי ווי דו, אַרומגיין מיטן שטעקעלע איבער יעהופּעץ, אויך נישט טאָן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, אויך האַנדלען מיט שמות, אויך שליטלען זיך קיין בויבעריק און אויך קוקן, ווי די יעהופּעצער דאַמעס שפּילן דאָרטן אין דער גוטער שפּיל „פּערדל־מערדל”. האָט ער אָבער זיין אייגנס אַ ווייב, וואָס זי הייסט ב ל י ו מ ע ־ ז ל א ט ע. ב ל י ו מ ע ־ ז ל אַ ט ע, אַז זי טוט נאָר איין קוק אויף נחמיהן, נעמט אים שוין אָפּ דאָס לשון: ער פאַרשטייט זי שוין אויפן ווונק. אַנו, לאָז אים גאָט געבן אַזאַ זין, ער זאָל קומען, למשל, פון יאַרמעלינעץ און נישט ברענגען איר קיין מענטעלע, קיין היטעלע, קיין זאַנטיקל, מיט צרות, מיט שלעק איר אין האַרצן! וואָס־זשע? אַזוי ווי איך קום אָפּ נאָר דערמיט, וואָס דו שרייבסט מיר אַלע מאָל: אָט קויפסטו מיר דאָס, אָט קויפסטו מיר דאָס און ביז עפּעס וואָס — לאָזט זיך אויס אַ בוידעם! נאָר דו מיינסט אַוודאי, אַז איך גיי אויס נאָך דיינע מתנות? איך דאַרף זיי אויף כפרות, דיינע בראָשן מיט דיינע בארליאַנטן! אַבי לאָם איך דערלעבן זען ד י ך געזונטערהייט! עס גלייבט זיך מיר גאָרנישט, אַז דו לעבסט! היינטיקע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט די באָבע צייטל, עליה השלום, פונקט אַזוי ווי זי איז געווען, נישט געמינערט. דעריבער וואָלט איך שוין געוואָלט דערלעבן זען דיך געזונטערהייט, און וואָס פריער, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש יי נ ע ־ ש יי נ ד ל.

מיליאָנען

סוחרים, מעקלערס און „שפּעקולאַנטן"

געשריבן אין די יאָרן 1899 — 1900

מיליאָנען

סוחרים, מעקלערס און „שפּעגעלאַנטן"

א

מנחם־מענדל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע־שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי' עכב"ב

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית זיי וויסן, אַז איך בין שוין אויס שפּעגעלאַנט. כ'האָב אַ שפּיי געטאָן אויף דער שפּעגעלאַציע, קיין ייִד זאָל זי נישט קענען! זי האָט מיך אויסגעמוטשעט ווי אַ קדחת, מיך געמאַכט גרוי און אַלט! אַ ווערטעלע אויסצורעדן, וואָס מיר האָבן דאָ איבערגעטראָגן! עס איז געוואָרן אַ תל פון יעהופּעץ, אַן איבערקערעניש אויף דער בערזע, חושך אין אַלע ווינקעלעך, ווי נאָך אַ מלחמה, נאָך ערגער ווי, נישט היינט געדאַכט, אין אַדעס! עס איז געקומען אויף אַלעמען אַ מפּלה, אַ בהלה. דער עולם האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו באַנקראָטירן, און איך אויך בתוכם. אַלע טאָג האָט זיך געלאָזט הערן אַ נייער אַנזעץ. אַנזעצן — איז גאָר אַריין אין דער מאָדע! וואָס דאַרפסטו מער? גרויסע באַנקירן, בערן, האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן פּליטה. דעם ערשטן פּעטשאַטעק האָט געמאַכט יענער באַנקיר, וואָס דורך אים פלעגן מיר אַלע גיין מיט אונדזערע „פּאַפּירלעך" קיין פּיטערבאָרג און קיין וואַרשע. אין אַ שיינעם פרימאָרגן קום איך אַריין אין קאַנטאָר, איך האָב געהאַט ביי אים צו שטעקן מיט אַ פּאָר „מאַלצעוווער" און מיט עטלעכע „פּוטיוווילעווער" אַקציעס, וואָס ס'איז אַ י ם אַרויסגעקומען פון מיר אַ קליינער דיפערענץ. איך הייב מיך אָן נאָכצופרעגן, ווו איז ער ערגעץ, דער פריץ? זאָגט מען מיר: הלך לעולמו — ער איז שוין לאַנג אין אַמעריקע! הקיצור, ס'איז געוואָרן אַ געוואַלד! מע האָט זיך באַלד אַ נעם געטאָן צו דער אייזערנער קאַסע און מע האָט געפונען

דאָרט אַ פּלעשל טינט מיט אַן אַלטן אָפּגעריבענעם גילדן, און נאָך מיט אַ לעבל דערצו. דער אַנדערער האָט איבערגעלאָזט אין דער אייזערנער שאַפע אַ גאַנצן פּאַק מיט אַלטע לוחות אויף עברי־טייטש פון שנת תרל״ג ביז הײַנטיקס יאָר, און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. דער דריטער, גאָר אַ גרויסער באַנקיר, האָט נישט באַנקראָטירט, נאָר גלאַט ניזוק ונהרג געוואָרן מיט עטלעכע מיליאָן אין איין וואָך און איז געבליבן ביים נאָמען. נאָר די בראָצקים זײַנען עפּעס מיט נסים אַרויסגעשפּרונגען גליקלעך. איין מאָל פאַר אַלע מאָל — איך האָב אַרויסגעזען, אַז ס׳איז נישט באַשערט, העלפט נישט קיין חכמות! אַ שטיקל גליק, וואָס איך האָב מיך באַצייטנס אַרומגעקוקט און האָב מיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַן אַנדער פּרנסה, אַ בכבודיקע פּרנסה, היינו: איך בין איצט געוואָרן אַ מעקלער, פּשוט אַ מעקלער, טאַקע דאָ אין יעהופּעץ אויף דער בערזע. פאַראַן אין יעהופּעץ מעקלערס, קיין עין־הרע, אַזוי פיל, ווי שטערן אין הימל, מיט וואָס בין איך ערגער פון זיי? דאַכט זיך, איך האָב אויך הענט און פיס און אַ נאָז מיט אויגן גלייך מיט אַלע יידן, און אַזעלכע מיוחסים ווי איך איז דאָ אַ סך, — פונדעסטוועגן שטייט זיי אָן נעמען דאָס שטעקל און גיין מעקלערן. די גרויסע תורה, וואָס מע באַדאַרף דאָ האָבן? אַבי מע קאָן זאָגן אַ ליגן, און דערצו אַז מען איז נאָך אַ שטיקל עזות־פּנים אויך, קאָן מען שוין זײַן אַ מעקלער; און אדרבה, וואָס מער ליגנער און וואָס מער עזות־פּנים, איז אַלץ מער מעקלער! מעגסט מיר גלייבן, פאַראַן דאָ אין יעהופּעץ מעקלערס, וואָס קאָטאָרי ביי אייך אין כתרילעווקע וואָלט זיי אָנגעשטאַנען זײַן באַהעלפערס אָדער באַלעגאַלעס, זיי קאָנען זיך קוים חתמענען, און פונדעסטוועגן — זעסט דאָך, ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: „אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזעם“... מע באַדאַרף נאָר אָנטאָן אַ ווייס העמד מיט אַ שיינעם קאַפּעליוש, קריכן, שמעקן, כאַפּן אַ וואָרט, אַ לויף אַהער, אַ שפּרונג אַהין — „פּאַזשאַלעטי קאַרטאַזש!“ „קאַרטאַזש“ הייסט מעקלעריי, „שחיטה־געלט“. איי איז דאָס אַ זיסער גראָשן, אַט דאָס „קאַרטאַזש“! אָן קאָפּ־דרייעניש, אָן בויך־ווייטיק! אַט האָב איך געכאַפּט ערשט נעכטן אַ פּופּציקער „קאַרטאַזש“ — זאָל מיך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע מיט דיר אייניקעם, ווי איך ווייס פאַרוואָס! איך האָב געמאַכט צען טויזנט פּוד צוקער גרינג, נאָך גרינגער ווי אויסרויכערן אַ פּאַפּיראָס. דאָס הייסט, געמאַכט האָבן אַנדערע, נאָר איך בין אַרײַנגעשפּרונגען אין מיטן. הקיצור, איך האָב מיט גאָטס הילף געכאַפּט אַ פּופּציקער! אַז גאָט העלפט, עס גייט אַוועק אַזוי אַ האַלב יאָר, שטעל איך מיך צוריק אויף די פיס און ווער דער אייגענער ווי פריער, וואָרום ביי אונדז אין יעהופּעץ שפּילט דאָס געלט די גרעסטע ראָלע! דער מענטש אַליין איז בלאָטע, יחוס וויל מען דאָ נישט

וויסן. מענסט זיך זיין ווער די ווילסט און וואָס אין דער קאָרט — אַבי געלט! און מחמת איך בין פאַרנומען און האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת-עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדער זאָלן לעבן, און שוועך און שוויגער, און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם-מענדל.

עיקר שכחתי. שרייב מיר, איך בעט דיך, וואָס האָרכט זיך עפּעס ביי אייך, צי גייען רעגנס, און וואָס מאַכן די בוראַקעס, און צי ס'איז פאַראַן עפּעס אַ סך זשוקלעך? איך באַדאַרף דאָס זייער נייטיק וויסן, און וואָס גיכער!

הנ"ל.

ב.

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאט דאס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, מיין זיס לעבן, א מיתה־משונה, א כאָלערע אויף מיינע שונאים! דו רוצח, דו טיטוס, דו גזלן איינער! דו ווייסט, אז דיין ווייב איז געלעגן טויט-קראנק, נאך דער רעפּאראציע, וואס דער שיינער דאָקטער האט מיר געמאכט, אויף דיינע יעהופּעצער באַלעבאַסטעס געזאָגט געוואָרן, אז קוים וואס איך פּלאָנטע מיט די פיס, און די קינדער דיינע האָב איך צו טאָן מיט זיי, צײנדלעך, העלדזלעך, בייכלעך, דיפטעריט, מיט שלעק, מיט צרות אויף מיינע שונאימס קעפּ! ווי אזוי שווייגט מען אָפּ אזא צייט און מע שרייבט נישט אריין קיין בריוול? ממה־נפשך: ביסטו געשטאָרבן — שרייב, אלא דו לעבסט נאך, באַדאַרפסטו דאך אוודאי שרייבן! נאר גיי טענה זיך אוים מיט א חושים, ווי זאָגט די מאמע מיינע זאָל טאַקע לעבן און געזונט זיין: „גיכער וועט זיך א שיכור אויסניכטערן, איידער א נאר וועט קלוגער ווערן"... מאָל דיר, אז אָך און ווי, אז שיינע־שיינדל־ברוך־הערש־לאה-דוואָכים באדאַרף האָבן א מאן א מעקלער! נאר ס'איז אָבער אלץ כדאי: זיין א מעקלער, א בייגל־טרעגער, א הונט־שלעגער — אבי אין יעהופּעץ, איינגעזונקען זאָל דאס ווערן! היינט שרייבסטו מיר, אז דו האָסט געכאפּט א פּופּציקער ביי דער איצטיקער שיינער פּרנסה דיינער, און דו האָפסט, אז דאס כאַפּסטו אלע טאָג א פּופּציקער. נישט אלע מאָנטיק איז פּורים. דו מיינסט, ס'איז דיר דאס אמאָליקע אָדעסער „לאָנדאָן", מיט די „פּאַפּירלעך", מיט די „פּיפּערנאָטערס", מיט די אלע איבעריקע גליקן דיינע, וואס ליגן מיר נאך עד-היום אין טעם? נאר איינער, עס וועט דיר פּופּציק מאָל ארוים די אויגן פונעם קאָפּ, איידער דו וועסט דער־

לעבן זיצן דעם אנדערן פופציקער! און אויסער דעם גלייב איך עפעס גלאט נישט אין די יעהופעצער פארדינסטן, וואס הייבן זיך אן תמיד מיט א גליק און לאזן זיך אויס מיט א בוידעם. און וואס דו שרייבסט מיר, אז דו ביסט גליקלעך, וואס דו ביסט נישט אראפ פונעם זינען, זאג איך דיר, אז פון דיינע דיבורים זע איך דאס נישט ארויס; עפעס רעדסטו מיר נישט צו דער זאך. דו פרעגסט זיך נאך אויף בורעקעס, און צי עס גייען ביי אונדז רעגנס? וואס דען האסטו געוואלט — עס זאל זומער־לעבן שיטן א שניי? און וואס געהער זיך אן מיט א מאנצביל בורעקעס? און ווו האסטו היינט בורעקעס? ביי אונדז קאכט מען א בארשטש פון ראסל, אדער פון שטשא־וועל; בורעקעס איז ערשט העט־העט ארום סוכות! היינט פרעגסטו זיך עפעס נאך אויף זשוקלעך? וואס פאר א זשוקלעך אויף דיר? נא דיר גאר זשוקלעך! קארג האט מען פון די וואנצן, דארפן מיר נאך זשוקלעך! נו, פרעג איך דיך אליין: אין יעהופעץ זיצסטו, צוקער מאכסטו, פופציקערס כאפסטו, — פעלט דיר נאר בורעקעס, רעגן און זשוקלעך! ביסט עפעס א מבין דערויף? נאר די מאמע, זאל טאקע לעבן און געזונט זיין, זאגט זייער גלייך: „א משוגענער שלאגט פרעמדע פענצטער, נישט קיין אייגע־נע"... לכן פאלג מיך, מענדל, ווארף אוועק די נארישע וועלט, און אויב דו האסט נאך עפעס פונעם פופציקער, נעם און קום צו פארן אהיים, און אויב נישט, וועל איך דיר ארויסשיקן אויף דער הוצאה. דערמאן דיך, אז דו האסט א ווייב ביז הונדערט צוואנציק יאר און קליינע קינדער, וואס קוקן ארויס אויף דיר אלע טאג, און לאז די וועלט אויפהערן צו טאן מיט מיר, און לאז מיר אויפהערן ברענען מיין פנים, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

יא, פארוואס פרעגסטו נישט, וואס הערט זיך עפעס אין דער היים? אפנים, עס ארט דיך ווינציק־וואס, וואס די מאמע מיינע האט אפגעלאזט דעם שידוך מיט מיין שוועסטערל? דו מיינסט, איבער געלט האט זיך דאס צעגאנגען? געלט איז א חוץ א מעשה. נאר געכומען האט זיך דאס דערפון, וואס דער מחותן איז דא געווען אויף שבת, האט זיך מיט אים די מאמע צעווערטלט, אים געגעבן אנצוהערעניש, אז ער שטאמט פון קצבים, גע־זאגט א ווערטל, אז פון אן אקס קאן מען מער ווי אקסנפלייש נישט פאר־לאנגען, וכדומה אזעלכע שטעכווערטלעך; איז ער געקומען אהיים, א מכה אים, און האט אפגעשיקט די תנאים און דערווייל איז געבעך נחמה־ברײנדל דאס דריטע מאל „אוים כלה און ווידער א מויד".

ג

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע-שיינדל שתחי׳ עכבה״ב

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד הערן איינס פונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן!

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אַז דו האָסט נישט רעכט צעקיים וואָס איך האָב דיר געשריבן. זאָלסט גאָר קיין יסורים נישט האָבן, וואָס איך בין געוואָרן פון אַ שפּעקולאַנט אַ מעקלער — ס׳איז גם זו. לטובה. איך בין נישט איינער אין יעהופּעץ. פאַראַן ביי אונדז, קיין עין-הרע, אַ סך מעקלערס, מעקלערס פון צוקער, מעקלערס פון אַקציעס, מעקלערס פון ברויט, מעקלערס פון געלט, פון הייזער, פון אימעניעס, פון וועלדער, פון מאַשינעס, פון בערלינעס, פון קלעצער, פון פאַבריקעס, פון זאַוואָדן, פון באַנען און וואָס אַ מויל קאָן אויסרעדן און וואָס דאָס האַרץ פאַרגלוסט — איז דערויף דאָ אַ מעקלער... עס ווערט דאָ נישט געמאַכט קיין שום געשעפט אָן אַ מעקלער. און יעדער מעקלער קומט אָן צום אַנדערן מעקלער, וואָרום דער מעקלער האָט אַ קונה, און יענער מעקלער האָט אַ מוכר, קומט דאָס אויס איינעם אַ זיווג; הייסט מאַכט זיך אָפּט, אַז צו איטלעכן מעקלער טשעפּען זיך צו נאָך צוויי-דריי מעקלערס, טיילן זיי זיך אַלע מיטן „קאַרטאַוש" חלק כחלק, און אַז מע קאָן זיך נישט איינטיילן מיט די חלקים, איז אָדער מע פאַרלאָזט זיך אויף מענטשן, אָדער מע טוט, ווי מע פלעגט טאָן אין אָדעס, דאָס הייסט, מע „קאָמפּענזירט" מיט פּעטש... הייסט פאַרשטייסטו שוין דעם ענין המעקלעריי? נאָר די גרעסטע מעקלערס פון אַלע זיינען די צוקער-מעקלערס, וואָרום אַלע צוקערן גייען דורך זייערע הענט, זיינען זיי מאסף ממון, פאָרן מיט איינענע קאַרעטעס, זיצן אין בויבעריק אויף דאַטשעס, שפּילן אין קאָרטן און האָבן „סאַרערזשאַנקעס מיט שאַנשענעטקעס"... הכלל, איך האָב אַרויסגעזען, אַז מעקלעריי איז דאָך בעסטע געשעפט, וואָרום וואָס האָט אַ מעקלער איינצושטעלן? ממה-נפשך: האָב איך געטראָפן, וועט יענער

פּאַרדינען געלט, אַלאַ נישט — וועלן מיר ביידע ליגן אין דער ערד! אמת, דו ביסט גערעכט, נישט אַלע טאָג כאַפּט מען פּופּציקערס. איך האָב פון דעם ערשטן געשעפט אָן לעת־עתה מער נישט געמאַכט גאָרנישט, און דער פּופּציקער איז צעקראָכן געוואָרן אין איין כהרף־עין, וואָרום אַ בעל חוב בין איך געווען, אַז די האָר זיינען נישט מיינע, און אַ פּאָר קערבלעך האָב איך צעטיילט גמילות־חסדים, און איך זיץ שוין ווידער אָן אַ גראָשן. נאָר וואָס דען? איך האָף, אַז איך וועל, אם ירצה השם, מיט אויבערשטנס הילף, מאַכן אַ געשעפט אין גיכן, און דעמלט וועל איך דיר צושיקן עטלעכע קערבלעך דורך אַן אַנווייזונג. און וואָס איך פרעג דיך מכּוח רעגנס, איז אַ פּשוטער שכל: ווייל צוקער, פאַרשטייסטו, מאַכט מען דאָך פון בורעקעס, און בורעקעס באַדאַרפן האָבן רעגן, אַנדערש קאָנען זיי נישט וואַקסן. לכן פרעג איך דיך, צי עס גייען ביי אייך אָפּטער רעגנס. נאָר הלוואי זאָל גאָט העלפן, אַז קיין רעגן זאָל בעסער נישט גיין, און די זשוקלעך זאָלן עסן די בורעקעס אויף וואָס די וועלט שטייט, וואָרום ווי באַלד אַז עס וועט נישט זיין קיין בורעקעס, וועט דאָך נישט זיין קיין צוקער, און אַז עס וועט נישט זיין קיין צוקער, וועט צוקער זיין מיט גאָלד גלייך, וועלן די שפּעקולאַנטן מאַכן געשעפטן, די מעקלערס וועלן פאַרדינען געלט, און איך אויך בתוכם. און מחמת איך בין פאַרנומען און איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. לעת־עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדערלעך און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו שרייבסט מכּוח דיין שוועסטערל, איז אויב זי איז נאָך נישט קיין כּלה, האָב איך פון אירטוועגן אַ חתן, אַן אַנטיקל, טאַקע פון הי, און דווקא אַ בחור, כאָטש אפילו נישט קיין יונגער, טאַקע רעכט אין די יאָרן, שוין מיט אַ גרויליך בערדל. קיין גביר איז ער נישט. נאָר אַ מלאכה אין דער האַנט האָט ער: היינו: ער איז אַ מעקלער און רייבט זיך ארום צוקער. אָט דער שידוך איז פאַר איך אַנגעמאָסטן, ווייל דער בחור איז זייער אַ שטילער בחור. אויב עס ליגט זיך דיר אויפן מוח, קלאַפּ מיר אַ דעפּעש, אָדער שרייב מיר אריין אַן גמטקריטקע, וועל איך מאַכן, מע זאָל זיך צונויפפאָרן.

חנ״ל.

ד

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאט דאס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, וואס עס האט זיך מיר געחלומט יענע נאכט אין היינטיקע נאכט און א גאנץ יאר — זאל אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפ! א גדולה אויף דער באבע — אז עס וועט נישט גיין קיין רעגן, וועט נישט זיין קיין בורעקעס, און אז עס וועט נישט זיין קיין בורעקעס, וועט נישט זיין קיין צוקער, און אז עס וועט נישט זיין קיין צוקער, וועט ער דעמלט פארדינען געלט! פונקט די מעשה מיטן ציגיינער און מיטן בער! און וואס וועט זיין, מענדל, אז איך וועל דיר אנזאגן א בשורה, אז ביי אונדז גיסן אלע טאג שלאקס־רעגנס, און די בורעקעס וואקסן מיט רוחות, און קיין זשוקלעך איז ביי אונדז נישטא, חוץ וואנצן מיט טאראקאנעס — וועט דיר שוין זיין גרינגער? גאט זאל מיר טאקע אזוי העלפן, ווי איך האב דאס געוווסט פריער, אז פונעם פופציקער האסטו שוין א גוט אויג, נישט קיין געלט. איך האב געוווסט פריער, אז דו וועסט גיכער צעטרענצלען די עטלעכע קערבלעך אויף גמילות-חסדים, איידער נעמען אויפן קאפ, אז דו האסט א ווייב ביז הונדערט צוואנציק יאר. גמילות-חסדים? קרענק וואלט איך זיי געגעבן מיט צרות מיינע, ווארום אז דו וועסט באדארפן צו זיי אנקומען מיט א גמילות־חסד, וועסטו זען, אז קיינער וועט נישט זיין אין דער היים, ווי זאגט די מאמע: „א נעמערא וועך איז נישט קיין געבערא וועך, און א גוטער ברודער איז נאר ביז צו דער קעשענע"... נאר ווער איז שולדיק, ווען נישט איך אליין? א קלייניקייט, מע גיט אזוי נאך א מאן! ער ווייסט דען וואס צו טאן פאר גרויס ראסקאש? ער דרייט זיך דארט ארום אין יעהופעץ, ווי א גראף, עס פעלט אים

נאַר רעגנס מיט זשוקלעך, און איך ליג דאָ ווי אַ הונט באַגראָבן, שלים־שלימזל אויף יעדן טריט! גייט אַ קינד, משה־הערשעלע, ברענען זאָל ער, פּאַלט דאָס און האַקט זיך איבער אַ ליפּ; האָב איך אַ פינגערל מיט שפּריצלעך, גנבעט עס אוועק ביי מיר די דינסט — עס גייט, קיין עין־הרע, פון אַלע זייטן, ווי זאָגט די מאַמע: „קומט אָן דאָס גליק, גיס אויס די פּאָמעניצע"... נו, בין איך נישט גערעכט געווען, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אַז נישט אַלע מאַנטיק איז פּורים, און אַז קיין פּופּציקערס וואַלגערן זיך נישט? און מכוח דעם שיינעם שידוך, וואָס דו ליינסט פּאַר פּאַר מיין נחמה־בריינדלען, מעג ער זיצן דאָרטן אין געהאַקטע וואונדן, דער אַלטער בחור דיינער מיט דער גרויער באָרד; נישט דערלעבן וועט יעהופּעץ, אַז מיר זאָלן פון דאָרטן אַ שידוך טאָן! מע רעדט איר, ווייסטו, וועמען? טאַקע דעם ערשטן חתן אירן; ער האָט זיך מיטן ערשטן ווייב געגט, און איצט שדכנט ער זיך ווידער אַמאָל צו מיין שוועסטערל. זי איז אים, אַפּנים, שטאַרק געפעלן, דעם שאַרלאַטאַן! נאָר ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „גלייבער מיט אַ היימישן גנב, איידער מיט אַ פרעמדן רב"... און ווי באַלד דער שידוך וועט ווערן, אַזוי שטעלט מען באַלד אַ חופּה, און לאָס איך זען, אַז דו וועסט נישט קומען צו נחמה־בריינדלען אויף דער חתונה, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק.

דיין באמת געטרייע פרוי ש ײ נ ע ־ ש ײ נ ד ל.

אונדזער קאָפּל האָט זיך ווידער אַמאָל געזאָגט דעם פּסוק, אַנגעזעצט אפשר דריי הונדערט קערבלעך און איז שוין ווידער אַ בטוח אין שטעטל. — און בערל דעם פעטער מנשהס האָט ווידער אַמאָל געטראָפן אַן אומגליק — ער איז אָפּגעברענט געוואָרן אפשר אויף אַ הונדערטער און נעמען נעמט ער דריטהאַלבן הונדערט קאַרבן. נאָר מיר דאַכט, אַז דאָס איז שוין ביי אונדז די לעצטע שרפה אין שטאָט, וואָרום ס'איז אַ סברה, אַז די חברה „יאַקער" האָט שוין אויפגעהערט סטריכירן יידישע הייזער מיט יידישע קלייטן אין כתרילעווקע. און מרים־ביילע האָט זיך מיישב געווען: וואָס טויג איר אַ פאַבריק? אַ מער וועט זי גיין פּאַרמאַלנע מיט די האָר! גלייכט זיך צו אונדזער גבירם שניר, אַ מכה זיי, וואָס שפּילן מיט יונגע לייט אין קאָרטן. נאָר איך האָב פיינט יענעם צו באַרעדן, ווי זאָגט די מאַמע: „האָב אין זינען זיך, וועסטו פאַרגעסן אין יענעם"... און שרייב מיר, למען־השם, וואָס הייסט דאָס „שאַרעזאַנקעס מיט „שענזעשעטקעס"? וואָס איז דאָס און אויף וואָס דאַרף מען דאָס?

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע-שיינדל שתחי' עכבב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אז דו האָסט געטראָפֿן. דאָס צוקער-געשעפֿט איז פֿאַר מיר טאַקע קיין געשעפֿט נישט: ערשטנס, איז פֿון די גרויסע צוקער-מעקלער נישט אויסצושטיין; איידער מע טוט זיך אַ ריר, פּליט אונטער דער גרעסטער פֿון אַלע צוקער-מעקלערס און כאַפּט אויס פֿון אונטער די הענט, כאָטש ער איז אַ גרויסער גביר, און גיי לאָד אים צו „ונתנה תוקף"! וועסט דאָך פֿרעגן: היתכן? וווּ איז יושר? זאָלסטו וויסן, אַז אַזעלכע קשיות אין יעהופּעץ פֿרעגט מען נישט; יושר איז דאָ נישטאָ קיין מטבע; קיין „צור-ליב" מיט קיין „רחמנות" איז דאָ נישטאָ. דאָס איז איין מאָל אַוועק. צווייטנס, פֿרעג איך דיך, וואָס איז דאָס פֿאַר אַן עסק, אַט דאָס צוקער-געשעפֿט, אַז טאָג ווי נאַכט דאַרפֿסטו קוקן אויפֿן הימל און בעטן גאָט, אַז אַ טאָג זאָל זיין אַ רעגן, און אַ טאָג זאָל נישט גיין קיין רעגן? הכלל, איך האָב אַרויסגעזען, אַז דער עסק איז נישט פֿאַר מיר; מע באַדאַרף צו זיין אַ גרויסער עזות-פּנים, דעם לוח מאַכן מיט דער בלאָטע און דעם שפּעגע-לאַנט איינרעדן, אַז ער פֿאַרשטייט נישט פֿון דאַנען אַהין, און אַזוי לאַנג רעדן, ביז עס זאָל אים נמאס ווערן הערנדיק, און עס זאָל אים באַשלאָגן אַ קאַלטער שווייס... איין גאָט איז אָבער יודע דעם אמת, אַז איך קאָן דאָס נישט; איך האָב ליב צו פֿאַרדינען אַ קערבל בכבוד. מיט גאָטס הילף, איך האָב איצט אַ געשעפֿט אין די הענט, ווייס איך, אַז ס'איז אַ געשעפֿט; היינו: איך גיי אַרום געלט, איך מאַך הלוואות, שקאָנטע, דאָס הייסט, איך לייַ און פֿאַרלייַ געלט אויף וועקסלען, דאָס הייסט, איך שקאָנטיר דער וועלטס וועקסלען, און דווקא אויף באַלעבאַטישע פּריצענטן, ווי זאָגט ער, ווינציקער פֿאַרדינט, אָבי געשלאָפֿן רויִק. דאָס איז אַזאַ מין עסק, וואָס מע גיט

דיר אָפּ כבוד פון אַלע זייטן, וואָרום אַז מע באַדאַרף האָבן די קלינגערס, ווערט מען ווייך ווי טייג, מע קריכט אין דער ערד אַריין און מע זאָגט צו דעם מעקלער גילדענע בערג... אָט האָט מיר גאָט צוגעשיקט איינעם אַ געוועזענעם שניטער פון באַרדיטשעוו, איך האָב מיך מיט אים באַקענט אויף דער אכסניא, ווו איך שטיי — אַ זעלטענער יונגערמאַן מיט אַ גילדענעם כאַראַקטער. ער זאָגט מיר צו, אַז אויב איך מאַך אים הי אַ קרעדיט פון אַ צען־פופצן טויזנט קערבלעך, וועט ער מיך אַזוי שיין באַפרידיקן, אַז איך וועל פאַרשפּאָרן זיין אַ מעקלער... און הגם איך האָב אים ביז אַהער קיין געלט נאָך נישט געקריגן, כאָר צו גאָט אַ האָפענונג, אַז איך וועל, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף געווים קריגן... אַלע מעקלערס, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום געלט, ווערן גליקלעך, פאָרן אַרום מיט אייגענע פערדלעך. אַן אייגן פערד־און וועגעלע, זאָלסטו וויסן, איז אַ סגולה צו פרנסה, וואָרום דאָ, אין יעהופּעץ, האָט מען פאַר אַ שיין פערד־און־וועגעלע אַ סך מער דרך־ארץ, ווי פאַר אַ ומענטשן... און מחמת איך בין פאַרנומען און האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן: מיט געזונט און מיט הצלחה. גרים די קינדערלעך, און שוועגער און שוויגער און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו שרייבסט מכוח קאָפּלס אַנזעץ, האָט דאָס ביי מיר אַ שיינעם פּנים קעגן די היגע אַנזעצן! אַ סוחר, וואָס האָט נאָך נישט אַנגעזעצט קיין דריי מאָל, הייסט דאָ גאָר קיין סוחר נישט. אַמאָל פלעגט דאָ זיין אַ מאָדע, אַז אַן אַנזעצער האָט געמוזט מאַכן אַן אַפּטריט; היינט איז שוין געוואָרן אויס מאָדע אַנטלויפן. דאָ הייסט דאָס גאָרנישט „אַנזעץ"; דאָ הייסט דאָס „ער צאָלט נישט", דאָס הייסט, ער וויל נישט צאָלן — און רוף מיך קנאַקניסל! — און וואָס דו פרעגסט זיך נאָך, וואָס באַדייט „סאָ־דערזשאַנקעס און שאַנשענעטקעס?" אויף לשון־קודש הייסט דאָס „פּילג־שים" און בלשון אשכנז רופט מען דאָס „קעפּסווייבער" נאָר מעגסט מיר גלייבן באמונות, אַז עס קריכט מיר אין דער לינקער פּאָה...

חנ"ל.

ז.

שיינע־שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, אַז פון דיינע זיסע בריוולעך האָב איך שוין, כ'לעבן, אַ געשוואָלן האַרץ, געשוואָלן זאָלן ווערן די שונאים, ווי אַ באַרג. אַט ערשט ביסטו, דאַכט זיך, געווען אַ צוקערמאַכער, פּלוצעם — גאָר אַ בעל־הלוואה! ווו האָסטו גענומען געלט? און אַז גאָט האָט דיר שוין יאָ אַמאָל געהאָלפן עטלעכע קערבלעך, באַדאַרפסטו זיי מאַקע צעפלעכטן אין דער גיך? האָסט דאָך מיר אַליין ערשט נישט לאַנג געשריבן, אַז ווי באַלד עס פאַלט דיר אַריין אַביסל געלט, אַזוי כאַפּסטו און שיקסט מיר אַרויס דורך אַן אַנווייזונג, ווו זיינען דיינע ווערטער? נאָר די מאַמע זאָל לעבן און געזונט זיין איז טאַקע גערעכט; זי זאָגט מיר: „טאָכטער מיינע, פון דאָרט קיין געלט זאָלסטו גאָר נישט וואַרטן, וואָרום פונעם בית־עולם צוריק טראָגט מען נישט, ובפרט, זאָגט זי, פון דער שיינער לייטישער שטאָט יעהופּעץ, ברענען זאָל זי! איך האָב דיר שוין, זאָגט זי, לאַנג געזאָגט דאָס ווערטל: „היט מיך, גאָט, פון באַרדיטשעווער נגידים, פון אומעניער חסידים, פון קאָנסטאַנטינער משרתים, פון מאָהילעווער אפּיקורסים, פון קאַמעניצער כאַדאַטאַיעס, פון יעהופּעצער הולטייעס"... זאָג אפשר, אַז זי איז אומגערעכט? נאָר וואָס גייט אים אָן אַ ווייב, וואָס גייט אים אָן קינדער? טאָג ווי נאַכט — טאָ דאָס, טאָ דאָס! קאַרג האָט מען געהאַט צו טאָן פאַר אַ יאָרן, נישט היינט געדאַכט, מיט דער קאָפּיקע, וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז משה־הערשעלע האָט איינגעשלונגען, איז ער זיך מיישב יענע וואָך (נאָר אַ רוח, נישט קיין קינד!) און טראָגט זיך שיר נישט אָפּ אויף יענער וועלט. געווען געזונט און שטאַרק. פּלוצעם — איך

זע, מיין קינד איז אוים קינד; האלט דאָס קעפּל אויף א זייט און שרייט נישט מיט זיין קול. „וואָס איז דיר, זונעניו, גאָלד מיינער, זאָג, וואָס טוט דיר וויי?" ווייזט ער מיטן הענטל אויפן לינקן אויער און שרייט. איך שטיק אים, איך קוש אים, איך קנייפּ אים, איך האלדז אים — ער האלט אין איין שרייען. ערשט אויפן דריטן טאָג האָב איך געבראַכט דעם דאָקטער. פרעגט ער מיך, דער חכם, צי האָב איך געקוקט דעם קינד אין אויער אריין? זאָג איך: נישט נאָר געקוקט, איך האָב שוין אפילו געדרילעוועט מיט א שפּיזל, און מע זעט נישט גאָרנישט! פרעגט ער מיך: וואָס האָבן מיר געגעסן היינטיקן שבת? זאָג איך: וואָס עסט מען ביי יידן שבת — רעטעך, ציבעלקעס, פּעטשאי, קוגל — וואָס ווילט איר נאָך? זאָגט ער צו מיר: אפשר האָט איר געקאָכט פאַסאָליעס, אָדער אַרבעס, אָדער אַן אַנדער מין אויבסט? זאָג איך: ס"א משל! אז מיר האָבן געגעסן אַרבעס, דערי-בער באַדאַרף דאָס קינד האַלטן דאָס קעפּל אויף א זייט און שרייען? מאַכט ער צו מיר: ווי באַלד איר האָט געהאַט אין שטוב אַרבעס, האָט זיך אייער קינד מסתמא געשפּילט מיטן אַרבעס רויערהייט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אויף קאַטאָוועס אַריינגעלייגט זיך אַן אַרבעסל אין אויער אַריין, האָט דאָס אַרבעסל אָנגעהויבן ביים קינד אין אויער צו שפּראָצן און צו וואַקסן... בקיצור, ער האָט געבראַכט צו טראָגן א גאַנצע מאַשין, אָפּגעמוטשעט דאָס קינד נעבעך א האַלבע שעה און האָט אַרויסגענומען פונעם אויער א גאַנצע זשמעניע מיט אַרבעס! נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג! די גאַנצע וועלט פרעסט אַרבעס צוזעצטערהייט — און גאָר נישט, און ביי מיר באַדאַרף זיין מיט נסים, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „א שלימזל פאַלט אויף גראָז און צעשלאָגט זיך די נאָז"... לכן, בעלי היקר, וואָס טויג דיר די הלוואות, האָבן צו טאָן מיט באַרדיטשעווער שווינדלערס, אָנזעצערס, — נעם צונויף בעסער די עטלעכע קערבלעך און קום צו פאָרן אַהיים, וועסט געפינען דאָ אויך א געשעפט, ווי זאָגט די מאַמע: „פאַר געלט קריגט מען אַלץ, חוץ קדחת"... ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

ווייסטו, וואָס איך וועל דיך בעטן, מענדל? שרייב מיר נישט פון דיינע יעהופּעצער שאַרלאַטאַנעס מיט זייערע קעפּסווייבער — איך וויל נישט האָרכן זייער טריפהנעם נאָמען אפילו. לאָזן זיי דיר דאַרטן ברענען אויפן פייער! הער בעסער, וואָס ביי אונדז האָט זיך פאַרלאָפן פאַר א מעשה: לוי משה־מענדים זונדעלע, „באַריש" רופט מען אים, נאָכן זיידן רב בער־רישל עליו השלום, א מייערער שייגעץ, ער מעג זיין די כפרה פאַר

אונדזער משה־הערשעלען אַלע מינוט, איז זיך מיישב יענע וואָך און קומט אַריין מיט צוויי שמשים צו ליבע משה-מרדכים אין קלייט אַריין און רופט זיך אָן צו ליבעס טעכטערל פּייגעלען („פּאַניטשקע” האָט זי זיך גאָר אַ נאָמען געגעבן!): „פּאַניטשקע, נשמה מיינע, ווייז נאָר אַהער אַ פינגער!” גייט פּאַניטשקע און ווייזט אַ פינגער. נעמט ער און טוט איר אָן אַ פינגערל און רופט זיך אָן צו די שמשים: „זייט עדות, רבותים, אַז איך האָב זי מקדש געווען כדת משה וישראל!” איז געוואָרן אַ גערוואַלד, אַ ליאַרם, אַ געפּילדער. ליבע איז געפאַלן חלשות, די גאַנצע שטאָט איז זיך צונויפגעלאָפן אויף זייער בייז וווּנדער. עס האָבן זיך אַריינגעמישט מענטשן, מען איז געלאָפן צום רב. זאָגט דער רב, ער מוז איר געבן אַ גט! זאָגט אָבער פּאַניטשקע, אַז זי וויל נישט קיין גט, זי איז אין אים פאַרקאָכעט שוין פון לאַנג. אַ בייז פאַרליאַפּעניש ביי זיי, אָן אָפּגערעדטע זאַך נאָך פון אַמאָל — וואָס זאָגסטו אויף איר טאָמער? זאָל נישט זיין מיינע צרות אויף זייער קאָפּ?

ז

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד הערכן איינס פונעם אנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אז דאָס געלט־געשעפט איז אַ קבצנישער עסק. הלוואה איז אפילו נישקשה, נאָר וואָס דען? אַז גאָט העלפט מיט אייגן געלט, נישט מיט פרעמדס; מע לויפט און מע לויפט — און ס'איז ארויס־געוואָרפן! אַז אָך און וויי איז שוין דעם, וואָס באַדאַרף אָנקומען צו דער לאַסקע פון די היגע בעלי־הלוואות, די אַלע באַרדיטשעווער, די וויניצער און די שפּאָלער פּריצענטניקעס, וואָס וואַקסן אָן רעגן, ווי קראָפּיווע... און אפילו די גרויסע שוין, כלומרשט די באַנקירן, — איידער אָנקומען צו זיי, איז אויך גלייכער שוין זיצן אין דער היים און שנײַדן „קאָמפּאָנעס"... הכלל, איך האָב אַ שפּיי געטאָן אויף דעם געלט־געשעפט און האָב מיך גענומען צו הייזער. וואָס עפּעס צו הייזער? ווייל דאָ, אין יעהופּעץ, איז היינט געוואָרן אַ נייע ספּעקולאַציע — הייזער. דו קערסט אוודאי מיינען, אַז אין יעהופּעץ קויפט מען אַ שטוב, אַזוי ווי ביי אייך אין כתרילעווקע? האָסטו אַ טעות. דאָ אין יעהופּעץ, אַז מע קויפט אַ שטוב, טראָגט מען זי באַלד אוועק אין באַנק און מע נעמט אויף איר געלט; נאָכדעם פאַרזעצט מען זי און מע נעמט נאָך אַמאָל געלט; נאָכדעם פאַרדינגט מען די דירות און מע נעמט ווידער אַמאָל געלט. הכלל, מע קויפט אַ שטוב אָן אַ גראָשן געלט און מע ווערט למזל אַ באַלעבאָס. וועסטו דאָך פרעגן: ווי באַלד אַזוי, קאָן דאָך איטלעכער האָבן אַ שטוב? איז דער תירוץ: ווו נעמט מען אַן אַדערויף?... אוודאי ווען גאָט העלפט מיר, איך פיר אויס דאָס געשעפט, וואָס איך דריי מיך אצינד (איך האַלט איצט ביי מאַכן אַ פּאָר הייזלעך), קויף איך מיר דעמלט אליין אַ הייזל (אויף דיין נאָמען) פאַר אַ קערבל צוואַנציק טויזנט, און וועל נישט אַריינלייגן קיין דריי

צעבראָכענע גראָשנס, וואָרום אָט האָסטו דעם חשבון אויבן־אויף: פופצן טויזנט גיט מיר אַרויס די באַנק, זעקס טויזנט נעם איך אַרויס פון דער צווייטער זאַקלאַדנע, בלייבט מיר נישט איבער קיין טויזנט קערבלעך אין קעשענע? האָב איך שוין צושטייער אויף הוצאות אויך! הייגט ווו איז דירה־געלט און שאר ירקות? פון וואַנען דען, מיינסטו, וואַקסט מען אויס אַ גביר אין יעהופּעץ? און מחמת איך בין פאַרנומען און איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדערלעך און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו באַשרייבסט מיר די מעשה מיט לווי משה־מענדים זונדל, וואָס ער האָט מקדש געווען ליבעס טאָכטער, איז דאָס ביי מיר פון די קליינע חידושים. דאָ אין יעהופּעץ איז מען זיך נוהג גאָר מיט פאַרליבעניש; חתן־כלה מוזן פירן פריער א פאַרליבעניש, אנדערש איז דער שידוך קיין שידוך נישט. דאָ טרעפט זיך אָפטמאָל, אז א מאַן וואַרפט אַוועק אַ ווייב און פאַרליבט זיך אין יענעמס ווייב, אָדער א ווייב וואַרפט אַוועק איר מאַן און פאַרליבט זיך אין יענעמס מאַן, און דאָס ווייב פון יענעם מאַן פאַרליבט זיך אין יענערס ווייבס מאַנס ווייב, איך מיין, אין יענעמס ווייבס מאַן — מע פאַרבייט זיך מיט די יוצרות, שלי שלך ושלך שלי... ס'איז נישט כתרילעווקע, ס'איז יעהופּעץ....

הנ"ל.

ח

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם-מענדל נ״י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאט דאס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף וויטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, ווו איז דאס געהערט געווארן אויף דער וועלט, אז א יונגערמאן זאל נעמען און אוועקווארפן ווייב און קינדער, שווער און שוויגער, און אוועקלאזן זיך אין א פרעמדער שטאט און פארנעמען זיך אלע מאל מיטן אן אנדער געשעפט: אט איז ער א צוקער-מאכער, אט איז ער א בעל-הלוואה, און אט ווערט ער גאר א באלעבאס פון אן אייגענעם מויער אין יעהופעץ און א גראשן געלט? ס׳איז טאקע כדאי, כ׳לעבן! איידער צו האבן א שטוב און זיין אויף איר שולדיק מער וויפל זי איז ווערט, איז גלייכער זי זאל פריער פארברענט און פארשריפהט ווערן אינאיינעם מיט אלע הייזער אין יעהופעץ. א גליק וועט מיך טרעפן, אז ער וועט מאכן א געשעפט און וועט פארדינען געלט, וועט ער מיר קויפן א הייזל אויף מיין נאמען. וואס טויג מיר הייזלעך? דו שיק מיר בעסער געלט, וועל איך מיר שוין געפינען וואס צו קויפן, ווי זאגט די מאמע זאל געזונט זיין: „גיב מיר נאר אהער דאס ברויט, א מעסער וועל איך מיר אליין געפינען”... עס איז נאר אן אנשיקעניש, א גוט אויג אויף מיר — און גענוג! דאכט זיך, איך ווייס, איך בין אויך אזא יידישע טאכטער, ווי בלומע-זלאטע און אזוי שיין אויך ווי זי, און אזוי קלוג און טשעקאווע ווי זי אוודאי, — פארוואס זשע געוואלד, פאר וואס קומט דאס מיר, אז איך זאל האבן אזא ווייסט פינצטער מזל, און בליומע-זלאטע זאל ווערן וואס א טאג גרעבער ווי לענגער, איינגעדארט און אויסגעדייוועט זאל זי ווערן, ליבער גאט! נאר צוריק שמועסנדיק, וואס האב איך, איינגעטלעך, צו בליומע-זלאטען? אויף מיין ערד גייט זי נישט ארום? לאז זי זיין געזונט און שטארק און

זיך עלטערן מיט איר נחמיהן, און מיר לאז גאָט העלפן אין מיין שטיי־ גער. ווי זאָגט די מאַמע: „בעסער זיך געווונטשן אײדער יענעם געשאָלטן"... נישמער, ס'איז מיר נאָר אַ ווייטיק צו זען ביי לייטן, ווי מע לעבט און ווי מען טוט זיך אָן, און איך באַדאַרף זיצן אַן אלמנה חיה און ארויסקוקן אויף מיין שיינעם ברויטגעבער, טאָמער וועט אים דאָרט טרעפן דאָס גליק: אַ גלח וועט פאַרלירן און ער וועט געפינען, וועט ער מיר מויערן אַ מויער אין יעהופּעץ! נישט דערהאַרן וועט דאָס נאָך יעהופּעץ, איך זאָל מיך צוליב דיינע שיינע לייט, וואָס בייטן זיך מיט די ווייבער, מפקיר זיין און אוועקלאָזן זיך צו דיר אַהינצוצו, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם פאַריק און ווערן ביי דיר אַ קעפּסווייב, — דעם קאָפּ זאָלן זיי ברעכן, רבונו של עולם, אויפן גלייכן וועג, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש יי נ ע־ש יי נ ד ל.

„מע באַדאַרף נישט זיין שיין, זאָגט די מאַמע, מע באַדאַרף נישט זיין קלוג, מע באַדאַרף נאָר האָבן מזל". נעם, אַשטייגער, מיין נחמה־ בריינדלען און נעם רחל דער מומע דבורהס. זי איז שיין, ווי די זון אום תמוז, און יענע איז זויער, ווי עסיק. זיצט נחמה־בריינדל נעבעך אַ מיידל, און רחל האָט חתונה און נעמט אַ חתן, עפּעס אַ שלימזל פון יאַמפּעלע, און דווקא אַ פיינעם, אַן ערלעכן, אַ שטילן, דאָס הייסט, נאַרעשעוואַטע, נאָר פון אַ גרויסן יחוס. ער האָט, זאָגט מען, אַ שוועסטער אַ משומדת. דער חסרון, וואָס ער איז אַביסל נישט קיין געזונטער, האָט ער אָבער קיין מורא נישט פאַרן פריזיוו. אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן אָט דאָס פּאָרל! זי מיינט, ס'איז נישטאָ קיין קלוגערס, און ער מיינט, אַז ס'איז נישטאָ קיין שענערס, ווי זאָגט די מאַמע: „נישט דאָס איז ליב וואָס ס'איז שיין, נאָר דאָס איז שיין וואָס ס'איז ליב"...

ט

מנחם-מענדל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי' עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית זיי וויסן, אַז דאָס געשעפט פון הייזער איז בלאָטע. איך האָב מיך באַצייטנס אַ נעם געטאָן צו אַנדערע מסחרים, צו „אימעניעס" (גיטער). אימעניעס — דאָס איז גאָר אַן אַנדער מין מסחר! ראשית, באַדאַרף מען דערצו נישט רייסן קיין שטיוול; מע שרייבט אַריין אַ בריוול, מע שיקט אַוועק אַן „אַפּיס", יענער פאָרט זיך דורך, קוקט אָן די ערד — און עס ווערט מיט גאָטס הילף אַ געשעפט. און והשנית האַנדלט מען נישט מיט קיין זלידנים, מיט קיין קבצנים; מע האָט צו טאָן מיט פּריצים, פּאַמעשטשיקעס, פירשטן, גראַפן. וועסטו דאָך מיך פרעגן: ווי קום איך צו גראַפן? איז דרינען אַ גאַנצע מעשה! אַזוי ווי דו ווייסט דאָך, אַז איך טאָר נישט זיין היי... און עס טרעפט זיך, אַז פּאָליציע קומט אַמאָל ביינאַכט אויף דער אכסניא בודק חמץ זיין, גיט אונדז די באַלעבאָסטע פריער אַ ידיעה, בכדי מיר זאָלן זיך באַצייטנס צעגיין, ווי זאַלץ אין וואַסער, דער קיין בויבעריק, דער אויף דער דעמיעווקע, און דער אויף דער סלאָבאָדקע... נאָר אַמאָל טרעפט זיך, אַז די באַלעבאָסטע אַליין ווייסט אויך נישט, ווען עס וועט זיין די בהלה, איז דעמלט זייער נישט גוט! יענע וואָך ליגן מיר אַזוי אַלע אורחים און שלאָפן, דערווייל האָרכן מיר, מע קלאַפּט. שפּרינגט אַראָפּ די באַלעבאָסטע אין איין ציטערניש און רופט זיך אָן צו אונדז: „יהודים בלא, קריכט אין שטרוי!" — איז געוואָרן אַ שפּרינגעריי מיט אַ באַהאַלטעריי: ווער אין קעלער, און איך — אויף מיין אַלט אָרט, אויפן בוידעם, און באַלד נאָך מיר נאָך איינער, אַ יידל פון קאַמעניץ. ליגנדיק אַזוי אין געהאַקטע ווונדן אויפן בוידעם, הער איך, ווי דאָס יידל נעבעך קרעכצט. — וואָס קרעכצט איר? — פרעג איך אים

שטילערהייט. „אַז אָך און ווי איז צו מיר. זאָגט ער, מײנע פּאַפּירן האָב איך געלאָזט צוסאָפּנס! איך האָב מורא פֿאַר מײנע פּאַפּירן!״ — וואָס פֿאַר אַ פּאַפּירן? — מאַך איך צו אים. „אוי, מאַכט ער, זייער נייטיקע פּאַפּירן! טרעפֿן אַן בלי גוזמא אפֿשר אַ האַלבן מיליאָן!״ איך האָב דער־הערט אַ האַלבן מיליאָן, האָב איך מיך שטילערהייט צוגערוקט צו מײן יידל און פֿרעג אים: ווי קומט צו אײך אַזוי פֿיל פּאַפּירן; און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין פּאַפּירן? „ס׳איז אימעניעס, מאַכט ער צו מיר, איך האָב אי־מעניעס אין וואָלינער גובערניע, גרויסע אימעניעס, מיט די בעסטע רע־מאַנענטן, פֿערד און אָקסן און שאָף אָן אַ שיעור, מיט וואַסערמילן, מיט גוראַלניעס, מיט הויפֿן שאַרפֿע, אויסגעצייכנטע גערטנער, מיט אַלדאָס גוטס!״ דערהערט אַזעלכע דיבורים, רוק איך מיך צו צו מײן יידל נאָך נעענ־טער: ווי קומט צו אײך אַזוי פֿיל אימעניעס מיט אַזאַ גוטס? „די אימע־ניעס, מאַכט ער צו מיר, זײנען נישט אויף מײן מיסט געוואַקסן געוואָרן; די אימעניעס זײנען פּריצישע אימעניעס, נאָר איך האָב זיי אויף דער האַנט, דאָס הייסט, איך בין פֿון זיי דער פֿאַרקויפֿער, דערויף טאַקע בין איך געקומען אַהער צו פֿאָרן, געבראַכט מיט זיך אַלע פּאַפּירן, די אָפּיסן פֿון זיי. ווי מײנט איר, איך וועל חלילה נישט האָבן קײן שאָדן?״ — חס ושלום, זאָג איך, ווער דאַרף דאָס פֿרעמדס? דער אויבערשטער זאָל העלפֿן, מע זאָל חלילה נישט פֿאַרקריכן, זאָג איך, אַהער צו אונדז אויפֿן בוידעם. און דערווײל טו איך אים אַ טאַפּ פֿון יענער זײט: — נו, האָט איר עפּעס געמאַכט הי מיט אײערע אימעניעס? „ניין, מאַכט ער, לעת־עתּה נאָך גאָרנישט. איך האָב מורא פֿאַר די היגע מעקלערס. זיי זײנען, זאָגט מען, גרויסע ליגנערס, האָבן נישט אין זיך קײן וואָר וואָרט! אפֿשר ווייסט איר אַ מעקלער פֿון אימעניעס, נאָר אַ רעכטער מעקלער זאָל זײן, דער עיקר אַן ערלעכער, נישט קײן ליגנער?״ — אָך, זאָג איך, מיטן גרעסטן כּבֿוד! איך אַליין, זאָג איך, בין אַ מעקלער פֿון אימעניעס, דאָס הייסט, זאָג איך, קײן אימעניעס האָב איך נאָך אויף מײן לעבן נישט אויסגע־מעקלט, נאָר גאָרנישט, זאָג איך, הלוואי זאָל גאָט צושיקן אַ קונה, איז קײן מלאָכה נישט צו מאַכן אַן אימעניע אויך. „איך זע, מאַכט ער צו מיר, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַן אמתן מענטשן און מיט אַן ערלעכן מאַן, גיט זשע מיר די האַנט־תּקיעת־כּף, אַז צווישן אונדז וועט דאָס בלײבן, וועל איך אײך איבערגעבן אַלצדינג, ווי די אימעניעס מײנע ליגן, און וואָס בײ מיר געפֿינט זיך״. הקיצור, מיר האָבן מיט גאָטס הילף געמאַכט אַ געשעפֿט, דאָס הייסט מיר האָבן געשלאָסן שותּפֿות אויף אַלע געשעפֿטן: ער לייגט אַרײן אין שותּפֿות אַלע זײנע אימעניעס, און איך לייג אַרײן מײנע קונים. נאָר מחמת איך בין פֿאַרנומען און האָב קײן צײט נישט, מאַך איך דאָס בקי־

צור. אם ירצה השם, אינעם אנדערן בריוו וועל איך דיר ארויסשרייבן אלצדינג באריכות. לעת־עתה לאז גאט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. פרים די קינדער זאלן לעבן און איטלעכן באזונדער גאר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל.

עיקר שכחתי. די בהלה, וואס ס'איז געווען אויף דער אכסניא, איז געווען אן אומזיסטע בהלה. דאס האט איינער עפעס א שכן על־פי־טעות געקלאפט צו אונדז אין פענצטער, און מיר זייען זיך אומזיסט צעלאפן. נאר דא זעט מען ארויס, ווי אזוי דער אויבערשטער פירט, אזוי איז גוט. למשל, ווען דער שכן זאל נישט געווען קלאפן אין פענצטער, וואלט נישט געווען קיין בהלה, און איך וואלט נישט געווען אויפן בוידעם, און וואלט מיך נישט באקענט מיטן קאמעניצער ייד, און וואלט נישט געוווסט פון קיין אימעניעס און פון קיין גראפן. עס פעלט איצט גאר א שטיקעלע הצלחה!

הנ"ל.

י

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, אַז איך האָב באַקומען אַ הוסט, אויף דיינע יעהופּעצער „מאַדאַמען" געזאָגט געוואָרן. איך טרינק שוין ציגן־מילך, איך בין שוין געוועזן ביים דאָקטער אויך. אין די פּאָר יאָר האָבן די דאָקטוירים אויסגעצאַפּט ביי מיר געלט, זיי מעגן דאָס אויסקרענקען מיט דער אַפּטייק אינאיינעם! אַ שטיקל גליק, וואָס עס האָט זיך געעפנט ביי אונדז נאָך איין אַפּטייק, און מע קאָן זיך דינגען! מזל־טוב דיר מיט דיין נייעם מסחר, מיט די אימעניעס און מיט די גראַפן! בראָש וואַרפט ער זיך מיט די געשעפטן, אַלע טאָג אַ נייעס. גענוג וואָס ער איז אַזאַ בריה און אַזאַ גרויסער מוצלח, פערעבענדעוועט ער נאָך און זוכט חסרונות, ווי זאָגט די מאַמע: „אַז דאָס מיידל קאָן נישט טאַנצן, זאָגט זי — די קלעזמער קאָנען נישט שפּילן"... איך האָב מורא, מענדל, דו וועסט אַזוי לאַנג פּרוּוון מיט געשעפטן, ביז דו וועסט אָנהייבן אַרומטראָגן שוועבעלעך צו פאַרקויפן, אַזוי ווי געצל דער מומע סאָסעס, וואָס האָט זיך אַוועקגע־לאָזט קיין אַמעריקע, געמיינט, אַז דאָרט כאַפּט מען דעם קאָטער, צום סוף שרייבט ער היינט אַזעלכע בריוולעך, אַז אַפילו אַ שטיין קאָן דאָס רירן. ער שרייבט, אַז דאָרט, אין אַמעריקע, מוז יעדער איינציקער אַרבעטן מיט דער נשמה, אלא נישט — מעג ער געשוואָלן ווערן פאַר הונגער, וועט אים קיינער נישט געבן קיין שטיקל ברויט. אַ שיין לאַנד, ברענען זאָל דאָס מיט דיין יעהופּעץ אויף איין פייער! אַ מצווה אויף אייך אַ גרויסע, ווי זאָגט די מאַמע: „אַז מע האָט ברויט, זאָל זיך נישט גלוסטן קיין צו־קערלעקעך"... הלוואי זאָל גאָט אַ נס טאָן, איך זאָל כאָטש נישט הערן פון

דיר אין ניכן, וואָס מע הערט פון געצל דער מומע סאָסים, און נאָך מיט מער פרישקייט, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק.

דײַן באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

„הימל און ערד, זאָגט די מאַמע, האָבן געשוווירן, אַז קיין פאַרפאַלענע זאַך זאָל נישט מער זיין אויף דער וועלט!" ס'איז אָראָפּגעקומען צו אונדז אַ טשינאָווניק פון דער גובערניע און זוכט און נישטערט, ער וויל זיך דערגרונטעווען, ווו איז אַהינגעקומען דאָס געלט, וואָס משה־מרדכי האָט אָפּגעזאָגט אויף עולמות? שקצים האָבן געמסרט, אַז דאָס געלט איז געבליבן ביים גביר, און דער גביר ווייזט אַ חשבון, אַז ס'איז אַוועק! וווהין איז דאָס אַוועק? מיטן ווינט און מיטן רויך... הלוואי ער זאָל כאָטש האָבן אויף זיך ריסטאַנסקי ראָטע, ליבער גאָט!...

י״א

מנחם-מענדל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה ברת שיינע-שיינדל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע. אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אַז איך האָב אימעניעס אויף אַריבער אַ מי-ליאָן. איך האָב אַזעלכע אימעניעס, וואָס זיינען אַ חריפות, מע זעט דאָס נאָרנישט! ווערסטו דאָך מיך פרעגן: ווי קומט צו מיר אַזאַ גוטס? ווערסטו הערן: אַז איך בין אַרויסגעקומען אויף דער בערזע מיט מיין שותף פון קאָמעניץ און האָב אויסגעפויקט, אַז איך האָב צו פאַרקויפן אימעניעס, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן מעקלערס, וואָס האָבן אויך אימעניעס צו פאַר-קויפן, און מיר האָבן געמאַכט אַ געשעפט, היינו: מיר האָבן געביטן אימעניעס אויף אימעניעס, דאָס הייסט, מיר האָבן זיי געגעבן „אָפּיסן" פון א ו נ ד ז ע ר ע אימעניעס, און זיי האָבן אונדז געגעבן „אָפּיסן" פון ד ז ע ר ע אימעניעס, וועלן מיר ו י ד ע ר פאַרדינען געלט, — סיי ווי סיי אימעניעס, וועלן מיר דאָך א ו ד א י פאַרדינען געלט; וועלן זיי מאַכן א ו נ-ד ז ע ר ע אימעניעס, וועלן מיר ווידער פאַרדינען געלט, — סיי ווי סיי דערלייגן וועלן מיר שוין נישט! הכלל, איך האָב מיך אַריינגעכאַפּט אין דער חברה מעקלערס און בין געוואָרן מיט גאָטס הילף אַ מעקלער צווישן די גרויסע, און איך זיץ שוין אינעווייניק ביי „סעמעדעני", ווי אַלע, אַרום די ווייסע מירמלשטיינערנע טישלעך. ווי אין אָדעס, און איך טרינק קאַווע מיט פּוטערגעבעקס, אַזוי איז דאָ דער מנהג, אלא נישט, גייט צו אַ מענטש און טרייבט אַרויס. דאָ ביי „סעמעדעני" איז די רעכטע בערזע. עס קומען זיך צונויף אַהער די גאַנצע וועלט מיט מעקלערס. עס איז דאָ שטענדיק אַ געשריי, אַ טומל, אַ הו-האַ, ווי להבדיל אין שול: אַלע רעדן, לאַכן, מאַכן מיט די הענט. אַמאָל קריגט מען זיך, מען אַמפּערט זיך און נאָכדעם לאַדט מען זיך, מחמת ביים טיילן זיך מיטן „קאַרטאַזש" איז

תמיד פאַראַן טענות מיט פּרעטענזיעס, מיט פאַרלאַזעניש, מיט קללות, מיט פייגן, מיט פעטש, און איך בין אויך בתוכם. און מחמת איך בין פאַרנומען און האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באַריכות, לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדער זאָלן געזונט זיין, און שווער און שוויגער, איטלעכן באַזונדער גאָר פרייַנדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. איין אימעניע האָב איך אין וואָלינער גובערניע מיט אַ פּאַלאַץ. איז דאָרטן פאַראַן זעקס און זעכציק חדרים, וואָס די ווענט מיט דער סטעלי מיט די בריקן זיינען בסך־הכל דורכויס פון שפּיגל־גלאָז, מיט אַ גאָרטן, וואָס ווערט אָנגערופן „האַנטאַזשיריי”, און וואָס זומער און ווינטער וואַקסן דאָרטן לימענעס מיט פּאָמעראַנצן, היינט די פערד מיט די קאַרעטעס, וואָס דאָרט געפינט זיך, נעמט אָפּ אַן אויג, — און דאָס אַלצדינג פאַרקויפט זיך בחצי חנם! ווען גאָט ברוך־הוא שיקט מיר צו דעם רעכטן קונה, ווער וואָלט צו מיר דעמלט געווען גלייך? ס׳איז נאָר איין שטיקל חסרון, וואָס די מעקלערס פון אימעניעס זיינען, צום מיינסטן, געכאַפּט אויף דער צונג, דאָס הייסט, זיי האָבן ליב אַמאָל מגזם זיין דאָס עסק. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? פון פּרנסה וועגן מוז מען אַמאָל זאָגן אַ ליגן אויך!

הנ״ל.

י"ב

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, אַז איך שפּיי שוין מיט בלוט פון דיינע שיינע בריוולעך! ס'איז מיר אַ חרפּה אַ בושה צו ווייזן אַפילו עמעצן וואָס דו שרייבסט מיר, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „דער גרעסטער ווייטיק איז דער, וואָס מע קאָן אים נישט אַרויסרעדן"... וואָס איז דאָס פאַר אַן עובדה, פרעג איך דיך, זיצן גאַנצע טעג ביי סימע-דינהן (ווער איז זי אַט די סימע-דינה, צו אַלדי שוואַרצע יאָר? ביי אונדז איז געווען אַמאָל סימע-דינה די רופאטע, איז זי שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט!) און טרינקען קאַווע מיט פּוטער-געבעקסלעך אין מיטן מיטוואָך שבת-צו-נאַכטס? אַ גדולה אויף אים, ער האָט „זשעמע-ניעס" אויף צו פאַרקויפן מיט זעקס און זעכציק חדרים, זעקס און זעכציק מכות זאָל זיך זעצן מיינע שונאים אויף דער צונג! וואָרום וואָס גייט אים אָן, אַשטייגער, דאָרטן אין יעהופּעץ, וואָס איך האָב דאָ צו טאָן טאָג ווי נאַכט מיט זיינע קינדער? אָט האָט זיך ערשט נעכטן לאהכעיס, מיר זאָל זיין פאַר איר, צעשלאָגן מיט משה-הערשעלען, לעבן זאָל ער, האָט זי אים דערלאַנגט מיט אַ גאָפּל אין פּנים אַריין, אַ גליק וואָס נישט אין אויג! נאָר וואָס העלפט מיר דאָס רעדן מיינס, אַז ס'איז אין איין אויער אַריין, פונעם אַנדערן אַרויס? אַזאַ רציחה! איך שרייב און שרייב, איך ווער צעזעצט שרייבנדיק, און ער זיצט זיך אין געהאַקטע ווונדן אין יעהופּעץ און טרינקט קאַווע, און קוקט ווי מעקלערס פּאַטשן זיך אויף דער בערזע! הלוואי זאָל טאַקע עמעצן גאָט

געבן א זינען, ער זאָל זיך מיט דיר אָפּרעכענען, ווי דו ביסט ווערט, וואָלסטו אפשר קלוגער געוואָרן, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

מעגסט זיך איבערנעמען, מענדל, מיט דיינע „סטעקראטן”, אזא יאָר אויף זיי! זאָלסט הערן, וואָס סע טוט זיך ביי אונדז אין שטאָט מיט אונדזערע צוויי יונגע דאָקטוירימלעך, דאָקטער קובעבע און דאָקטער לאַקריץ. זיי רייסן זיך ווי די קעץ. דער דאָקטער קובעבע האָט זיך מיישב געווען און האָט איינגעגעבן אויפן דאָקטער לאַקריץ, אַז דער דאָקטער לאַקריץ האָט געסמט אַ קינד... איז געגאַנגען דער דאָקטער לאַקריץ און האָט איינגעגעבן אויפן דאָקטער קובעבע, אַז דער דאָקטער קובעבע האָט אײַנ־איינעם מיט פייוול דעם אַגענט פאַרסטראַכירט אַ טויטן אין דער חברה „יאַקער”... איז געגאַנגען דער דאָקטער קובעבע און האָט איינגעגעבן אויפן דאָקטער לאַקריץ, אַז דער דאָקטער לאַקריץ — — — נאָר לאָזן זיי דיר זיין ביידע די כּפּרה פאַר מיר און פאַר מיין משפּחה און פאַר אַלע מיינע ליבע און פאַר כּל ישׂראל!

י״ג.

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע-שיינדל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אז איך האַנדל שוין אַצינד נאָר מיט וואַלד, וואָרום אַן אימעניע אַליין אָן אַ וואַלד איז ווי אַ שטוב אָן אַ קוימען. דער גאַנצער אַנטיק פון יעדער אימעניע איז דער וואַלד. פון וועלדער זיינען יידן גליקלעך געוואָרן, געמאַכט מיליאָנען! ווּעסטו דאָך מיך געוויס פרעגן: ווי קום איך צו וואַלד? הער ווי גאָט פירט: אז איך בין דאָ געוואָרן אַ מעקלער פון אימעניעס און האָב מיך אָנגעהויבן דרייבן אַרום מעקלערס, האָב איך אָנגעטראָפן גראָדע צו איינעם פון די גרויסע מעקלערס. פרעגט ער מיך: „וואָס האָט איר פאַר אַ סחורה, אַנו ווייזט?" גיי איך און נעם אַרויס מיין פעקל מיט „אָפיסן" פון אימעניעס אויף אַ מיליאָן מיט זיבנהונדערט טויזנט. רופט ער זיך אָן צו מיר: „האָט קיין פאַריבל נישט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, אַלע אייערע אימעניעס זיינען נישט ווערט קיין דריי שמעק-טאַבעק". פרעג איך אים מסתמא — פאַר וואָס? מאַכט ער צו מיר: „דער-פאַר, ווייל ביי אייך זיינען אַלע אימעניעס נאַקעטע אימעניעס, ערד און הימל, און ווידער אַמאָל ערד און הימל, און אָבער אַמאָל ערד און הימל! ווו איז עפּעס וואַלד? וואָס טויג מיר אַן אימעניע, אַז זי האָט נישט קיין וואַלד? וואָס שווייגט איר? וואַלד גיט מיר אַהער, וואַלד!!" בקיצור, איך האָב געמאַכט אַ שוויי, וואָרום ס׳איז מיר געווען אַ חרפּה אַ בושה פאַר זיך אַליין, וואָס איך טראָג מיך אַרום מיט אַזאַ מין סחורה, וואָס איז גאָר קיין סחורה נישט! — אַז ס׳איז יאָ אַזוי, רוף איך מיך אָן צו אים, גיט זשע מיר עפּעס אַ רעכטע אימעניע מיט אַ וואַלד, איך האָב קונים. „אָך, מאַכט ער צו מיר, מיטן גרעסטן כבוד! איך האָב, זאָגט ער, פון אייערטוועגן אַ וואַלד — קיין בן-אָדם, זאָגט ער, איז דאָרט נאָך נישט געווען; ס׳איז דאָרטן, זאָגט ער, פאַראַן ביימער מששת ימי בראשית, פון

זינט די וועלט שטייט, דעמבעס הויכע ביז דער כמארע, א ר ז י ל ב נ ו ן, פון איין זייט א באַן, פון דער אַנדערער זייט אַ טייך, נאָר ווי אַזוי מיינט איר, זאָגט ער, אַ טייך? אַט איז דער וואַלד און אַט איז דער טייך. אַ האַק אַ בוים, אַ פליוך אין וואַסער!״ — — — דערהערט אַזעלכע דבורים, בין איך באַלד אַוועק נאָכשמעקן אַ קונה אויף דעם דאָזיקן וואַלד, און גאָט האָט מיר געהאָלפן, איך האָב געפּאַקט אַ קונה. אָנגעשמעקט האָב איך אים, געוויינטלעך, דורך אַ מעקלער, און דער מעקלער — דורך נאָך אַ מעקלער; נאָר עס מאַכט נישט אויס, לאָז גאָט געבן, דאָס געשעפט זאָל זיין אַ געשעפט, וועט זיין גענוג פאַר אַלעמען. אַז איך בין געקומען צום קונה און האָב אים פאַרגעלייגט, אַז איך האָב אַזאַ און אַזאַ וואַלד מששת ימי בראשית, פון איין זייט אַ באַן, פון דער אַנדערער זייט אַ טייך, אַ האַק אַ בוים, אַ פליוך אין וואַסער. — איז אים דאָס געשעפט באַלד געפעלן געוואָרן; האָט ער מיך באַלד אַ נעם געטאָן אויפן ציבל און האָט מיך אָנגעהויבן צו פאַרהערן אין הלכות וואַלד: ווי אַזוי הייסט דער וואַלד, און ווו שטייט ער, און וואָסערעביימער וואַקסן דאָרט, וויפל אַרשין זיינען זיי פון דער ערד, וויפל האַלטן זיי די הויך און וויפל די ברייט, פון וואַנען הייבן זיך אָן די צווייגן, וואָס פאַר אַ קאָרע איז אויף זיי, און ווי אַזוי גייען די סלאָיעם אינעווייניק, און ווי אַזוי פאָרט מען אַהין, און ווי אַזוי איז דער וועג, און צי ס׳איז דאָרטן ווינטער שנייען?... הכלל, ער האָט מיך באַשאָטן מיט רייד און מיך נישט געלאָזט אויסרעדן אַ וואָרט. ערשט אויפן סוף רופט ער זיך אָן צו מיר: „וואָס טויג אונדז פּוסטע דיבורים? איר ברענגט מיר בעסער אַן אַפּיס פונעם וואַלד, וועלן מיר נאָכדעם רעדן". — צו וואָס טויג אייך, זאָג איך, אַפּיסן? אמער, אַט טו איך אַ שפּרונג אויף איין פוס און ברענג אייך אַהער צו פירן דעם מוכר אַליין, דעם באַלעבאָס פונעם וואַלד, איז דאָך בעסער פון טויזנט אַפּיסן! הכלל, איך לויף אַוועק צו מיין מוכר און כאַפּ אים און ברענג אים אַריין גלייך צום קונה אין נומער אַריין. מיין קונה מיטן מוכר האָבן זיך דערזען, איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ געלעכטער, איך האָב געמיינט, זיי וועלן ביידע דעם שלאַק באַקומען. „אַט דאָס איז אייער באַלעבאָס פונעם וואַלד?" מאַכט צו מיר דער קונה. „אַט דאָס איז אייער קונה אויפן וואַלד?" מאַכט צו מיר דער מוכר. אין דעם עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין נאָך צוויי יידן, ביידע פון ישדה־לבן, און מע מאַכט נישט קיין לאַנגע דיבורים, מע באַליינט דאָס טישל, מע נעמט אַרויס די קאָרטן און מע זעצט זיך אַוועק אַלע פיר מאַכן אַן „אָקע", און דאָס געשעפט האָט מען געלאָזט אויף אם ירצה השם מאָרגן, און מחמת איך בין פאַרנומען און האָב קיין צייט נישט,

מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס שווער און שוויגער, און די קינדער זאָלן לעבן, און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם - מ ע נ ד ל.

ר״ד

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם-מענדל נ״י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, אַז מיין לעבן איז קיין לעבן נישט, ווי זאָגט די מאַמע: „איידער אַזוי צו פאָרן, איז שוין גלייכער גיין צו פוס"... איך קאָן מיר פאָרשטעלן, אז אָך און אז וויי, ווער דיינע סוחרים זיינען, אַז מע קומט זיך צונויף רעדן פון אַ וואלד, וואָס טרעפט אָן „מילי מיליאָסן", ווארפט מען אוועק האַק און פאַק און מע זעצט זיך אנידער אויף אַ גאַנצער נאכט שפּילן אין „אָקע", עס זאָל אייך אַזוי אָקען אין קאָפּ, ווי עס אָקעט מיר אין הארצן, בשעת דער וויסטער פינצטערער הוסט קומט מיר אָן! וויי איז מיר, ווינד איז מיר, צו וואָס איך האָב מיך דערלעבט, אַז מיין מאַן, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוווסט קיין צורה פון קיין קאָרט, זאָל יעצט איצינד רעדן פון קאָרטן! עס גייט דיר מער נישט אָפּ, מענדל, צו דיינע זיידענע קליידער, אַז דו זאָלסט נאָך ווערן אַ קאַרטיאָזשניק אויף דער עלטער! נאַ דיר גאָר וועלדער! ווו קומסטו גאָר צו וועלדער? האָסט דען געזען אמאָל, ווי אַ בוים וואקסט? ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „ווי קומט אַ רב האנדלען מיט חזרים?"... איך האָב מורא, אַז פון דיינע וועלדער זאָל זיך נישט אויסלאָזן אַ בוידעם, גלייך ווי פון אלע דיינע גילדענע געשעפטן, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע-שיינדל.

די גאַנצע וועלט טראָגט דיך אויפן קאָפּ! יענע וואָך איז זיך מיישב דיין קרובה קריינדל, די כפרה זאָל זי דיר זיין פאַר מיר, און באַגעגנט

זיך מיט דער מאַמע מיינער אין מאַרק ביי די פּיש און הייבט אָן מיך צו באַוויינען און צו באַקלאָגן, אַ מכה איר אַ גרויסע! פּאַרוואָס, זאָגט זי, נעם איך נישט קיין גט ביי דיר, און אַן עס לאָז דאָס האָבן? מאָל דיר, זי האָט זיך פון דער מאַמע נישט געגאַרט. די מאַמע האָט זיך חלילה מיט איר נישט געקריגט, נישט געזידלט, נאָר גלאַט אַזוי דערלאַנגט מיט ווער־טער, ווי זי קאָן: „דאַרטן, וווּ צוויי זיינען אויף איין קישן, טאָר זיך דער דריטער נישט מישן, און איידער אַ נייער שאַרבן, איז גלייכער אַן אַלטער טאָפּ... גוטע פריינד זיינען ווי קראָפּיווע, וואַקסן אָן רעגן... פאַר וואָס קוקסטו בעסער נישט אויף אַ געענטערן?... איטלעכער דערהערט, ווי יענער האָט געגעסן קנאָבל... אָן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר נישט בלאָזן"... וכדומה אַזעלכע ווערטלעך האָט איר די מאַמע דערציילט אַזוי לאַנג, ביז קריינדל איז אַוועק, עס האָט איר אָפּגענומען דאָס לשון.

ט״ו

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי' עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסן, אַז פונעם וואַלד האָט זיך אויסגעלאָזט אַ סטעפּ; ס'איז לא דובים ולא יער, נישט קיין וואַלד, נישט קיין ביימער, נישט קיין טייך, אַ נעכטיקער טאָג! אומזיסט געדולט אַ קאָפּ אי יענעם, אי זיך; אומזיסט געבראָכן פּיס, געריסן שטיוול. איך האָב אַרויסגעזען, זוגתי היקרה, אַז וועלדער איז נישט פאַר מיר, און מיט אַזעלכע ליגנערס האַנדלען איז נישט פאַר מיין קאָפּ. זיי קאָנען דיר אויסטראַכטן אויפן הימל אַ יאַריד, און מע קאָן דורך זיי אין דער שאול תחתיה אַריין! וואָס זשע האָב איך געטאָן? האָב איך מיך באַצייטנס אַ נעם געטאָן צו אַן אַנדער געשעפט, צו זאַוואָדלעך (דאָס הייסט, פאַבריקן, וואָס מע מאַכט צוקער). דאָס איז היינט דאָס בעסטע פון אַלע געשעפטן; יידן קויפן זאַוואָרן, און די מעקלערס פאַרדינען געלט, זייגען מאסף ממון! פאַראַן דאָ אַ מעקלער פון שדה־לבן, ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו די ראַדאָמישלער און מאַכט זיי אַלע וואָך אַ צוויי־דריי זאַוואָדלעך, כאַפּט אַ צען־פופצן טויזנט און פאָרט אוועק אויף שבת אַהיים! וואָס דאַרפסטו מער — משרתים, פאַקטוירים זיינען היינט געוואָרן מאַכערס פון זאַוואָדן, טראָגן גילדענע זייגערס, רעדן דייטש, האָבן שוין גאָר „מאַגן־קאַטאַר", שיקן זייערע ווייבער אין די בעדער אַריין, געוואָרן מוראדיקע סטיקראַטן! הכלל, איין געשעפט איז היינט געבליבן אין יעהופּעץ אויף דער בערזע — זאַוואָדן! אַלע מעקלערס מאַכן זאַוואָדן, און איך אויך בתוכם. ווײסטו דאָך מסתמא וועלן וויסן, ווי קום איך מיך צושלאָגן צו אַזאַ פונדאַמענטאַלן געשעפט, וואָס איך ווייס גאָר נישט מיט וואָס מען עסט דאָס? ווײסטו האָרכן, ווי אַזוי גאָט פירט מיט אַ מענטשן: שוין פון אַ צייט, אַז איך האָב

אויפגעהערט גיין צו סעמעדעניין (נישט, אזוי ווי דו רופסט אים, סימע-דינה! ס'איז גאר א זכר, נישט קיין נקבה, און נאך א רשע דערצו!). און אויפגעהערט צו גיין האב איך, נישט ווייל איך האב מיך מיט אים געקריגט, נאר פשוט, ווייל ס'איז מיר נמאס געווארן די קאווע מיט די בולקעלעך, און אגב האב איך טאקע נישט ביי זיך קיין קליין-געלט, האב איך מיך אנגעהויבן ארומדרייען גלייך מיט אלע יידן אויף דער גאס. אזוי לאנג און אזוי ברייט, ביז איך האב מיך באקענט מיט איינעם א מעקלער פון זאוואדן, ווייזט אויס, א גאנץ ערלעכער און האט גרויס קאנטשאפט. ער קומט אריין, זאגט ער, צו אלע גרעסטע, אפילו צו די בראצקים. „פון וואנען, מאכט ער צו מיר, איז א ייד?" — פון כתרילעווקע, זאג איך, אליין בין איך, הייסט דאס, א יאמפעלער, זאג איך, א נכתב בין איך אין מאזעפעווקע, און איידעם בין איך פון כתרילעווקע, און האנדלען האנדל איך אין יעהופעץ. „וואס איז אזעלכעס, מאכט ער צו מיר, אט דאס כתרילעווקע, א דארף, צי א שטעטל?" — וואס איז שייך, זאג איך, א שטעטל? א גאנצע שטאט! „מעגן דארטן יידן וווינען?" — נאך א מין מעגן! „נו, און א טייך, מאכט ער, איז ביי אייך פאראן?" — נאך א מין טייך, זאג איך, שטינקיילא הייסט דער טייך. „נו, און פון א באן, מאכט ער, איז עפעס וויט?" — סך־הכל, זאג איך, א וויארסט עטלעכע און זיבעציק. וואס איז, זאג איך, אקעגן וואס פרעגט איר דאס? „גיט מיר, מאכט ער צו מיר, די האנט תקיעת־כף, אז צווישן אונדז וועט דאס בלייבן; איך קאן אייך אנזאגן א בשורה, רב מנחם־מענדל, אז מיר וועלן, אם ירצה השם, אין גיכן ביידע פארדינען געלט, און א סך, א פולע היטל! ס'איז מיר נאר וואס, זאגט ער, אריינגעפאלן א מחשבה, וואס טרעפט איין מאל אין הונדערט יאר, היינו: כפי אזוי ווי קונים אויף זאוואדן איז היינט פאראן לרוב, און קיין זאוואדן איז נישטא; וויפל ס'איז געווען זאוואדן האבן די ראדאמישלער אויסגעקויפט, און מער וויל מען נישט פארקויפן; לכן האט זיך דער עולם א נעם געטאן צו בויען פרישע צאפלדיקע זאוואדן, און מחמת אין די דערפער טארן דאך קיין יידן נישט אריין, לכן זוכט מען ערטער אויף זאוואדן נאר אין די קליינע שטעטלעך, דארטן, ווו יידן מעגן וווינען; היינט פארשטייט איר שוין, אז אייער כתרילעווקע איז באשאפן געווארן מששת ימי בראשית, אז ס'זאל דארט זיין א זאוואדל? און אזוי ווי איר זעט מיך, האב איך גראדע א קונה אויף צו בויען א זאוואדל אויף א האלבן מיליאן קערבלעך, נאר קיין ארט איז נישטא: מע האט פארכאפט אלע ערטער! ווייסט איר נישט, מאכט ער צו מיר, מיט וועמען רעדט מען, און צי קריגט מען דארט בורעקעס און א פלאץ אויף צו בויען א זאוואדל?" — אך, מאך איך, מיטן גרעסטן כבוד! איך

האָב דאָרטן זאָג איך, אַ ווייב ביז הונדערט צוואַנציק יאָר, מיט שוועד און שוויגער, מיט אַ גאַנצער משפחה. איך קאָן באַלד אָוועקשרייבן אַהינצו אַ בריוול, און איר מעגט, זאָג איך, זיין זיכער, אַז מע וועט מיר תיכף־ומיד אָפּענטפערן מכל־דבר־שורש! לכן, זוגתי היקרה, שרייב איך דיר וועגן דעם און בעט דיך טאַקע, זאָלסט זיך זען מיט עזריאל דעם סטאַרעסטע און מיט מאָשקע דעם רויטן, ער רייבט זיך צווישן פּריצים, לאָז ער אויס־טאַפּן ביי זיי, צי קאָן מען האָבן אַ פּלאַץ, און וויפל קאָן מען האָבן בורע־קעס, און ווי טייער, און טאַקע באַלד מיר אָפּענטפערן דורך אַ בריוול, כי מחוץ מאוד, מע קאָן דאָ, פאַרשטייסטו מיך, כאַפּן אַ גראָבס, טאַקע אַ צענד־פופצן טויזנט! און מחמת איך בין פאַרנומען און האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל.

עיקר שכחתי. איך האָב מיך צעפרעגט ביי מיין איצטיקן שותף, ווער איז דער קונה, און בין געוווּיר געוואָרן, אַז דער קונה איז טאַקע איינער פון די ראַדאָמישלער, זייער אַ הייסער קונה, מחמת די ראַדאָמיש־לער זיינען אַלע זייער הייסע קונים, ברענען צו זאַוואָדלעך, עס מעג זיין אַ ווינט־מיל, אַבי ס'איז מיט אַ קוימען און סע פייפט! לכן האָף איך צו גאָט, אַז דאָס געשעפט איז, אם ירצה השם, געווים אַ געשעפט, און מיר וועלן מיט גאָטס הילף געווים פאַרדינען געלט, כאָטש אפילו מיר זיינען דערביי היפּשע עטלעכע שותּפים. איך האָב מורא, אויב נישט אַ גאַנצער מנין. נאָר לאָז גאָט געבן, דאָס געשעפט זאָל נאָר זיין אַ געשעפט — דו ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין אָץ להעשיר!

הנ"ל.

ט״ז

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם-מענדל נ״י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י ט נ ס שרייב איך דיר, אַז איך האָב דיין מגילה געלייענט און געלייענט און האָב נישט פאַרשטאַנען איין וואָרט, וואָס דו ווילסט! דו פרעגסט זיך נאָך, צי ס׳איז דאָ פּלאַץ? שרייב איך דיר, אַז אויף דעם נייעם בית־עולם איז פאַראַן געננוג, עס וועט קלעקן פאַר האַלב יעהופּעץ! און וואָס דו פרעגסט זיך אַלץ נאָך אויף בורעקעס? פאַר וואָס פרעגסטו זיך שוין נישט אָן אין איין וועגס אויף קרויט, אויף כריין און אויף פאַסטערנאַק? און דער טייך? אַזאַ מזל אויף דיינע שותפים, וואָס פאַר אַ וואַסער ביי אונדז איז! קומט ערב-פּסח, טרינקט מען יאַשטשערקעס, און זומער ווערט דער טייך גרין ווי גראָז; איך וואָלט וועלן, אז דיינע יעהופּעצער פיינע בריות, וואָס האָבן צו טאָן מיט די מאַגנס, זאָלן פאַרזוכן אונדזער וואַסער אַרום תמוז... ניין, מענדל, לאָזן זיי דיר קרענקען דאָרטן אין יעהופּעץ, מיר וועלן זיך שוין באַגיין אַזוי, אָן זייערע זאַוואָדלעך, ווי זאָגט די מאַמע מיינע: „ראָש־חודש אלול נייט אַוועק, און באַלעבאָס בלייבט באַלעבאָס״... שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ די דאָזיקע אַלע נארישקייטן, דו וועסט אַזוי מאַכן זאַוואָדלעך, פּונקט אַזוי ווי דו האָסט געמאַכט וועלדער, אימעניעס, הייזער און צוקער! איך בין דיר ערב, אַז איידער דו וועסט זיך אַרומקוקן, וועלן דיך דיינע שותפים באַנעמען פון קאָפּ ביז פיס, וואָרום דו ביסט געווען אַ שלימזל און וועסט בלייבן אַ שלימזל, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ע - ש י י נ ד ל.

יאָ, זאָג נאָר, מענדל, וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס, וואָס מע דערציילט ביי אונדז? מע זאָגט, אַז דאָרט, אין יעהופּעץ, פאַרשרייבט מען זיך שוין קיין ארץ־ישראל? ווער עס פאַרשרייבט זיך פערציק קאָפּיקעס, דער פאָרט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין? ביי אונדז האָט מען שטאַרק אָנגעהויבן דערפון צו שמועסן; יונגע לייט קלויבן זיך צונויף אַלע נאַכט ביי יאָסל משה־יאָסים און מע רעדט פון ארץ־ישראל. — הכלל, עס טוט זיך תושך, ווי זאָגט די מאַמע: „שוין לאַנג שטיל געווען!"...

ז״ן

מנחם-מענדל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע-שיינדל שתחי׳ עכב״ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסן, אַז דער עסק פון זאַוואָדן איז שטאַרק אָפּגע-קילט געוואָרן. עס איז געקומען אויף זיי אַ קריזיס, ממש עס וואַלגערן זיך זאַוואָדלעך אין גאַס, נישטאָ קיין קונים! דער עולם, פאַרשטייסטו מיך, האָט זיך אָנגעגעסן מיט זאַוואָדן, אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, געלט איז טייער און צוקער איז בזיל הזול. וואָרום מע האָט אָנגעמאַכט אַזוי פיל צוקער, אַז ס׳איז נישטאָ ווו זיך אַהינצוטאָן מיט אים, כאָטש נעם און וואַרף אים אַרויס! ס׳איז אין דער ערד דאָס געשעפט, די זאַוואָדטשי-קעס שטאַרבן נאָך אַ גראָשן, די קאַפּיטאַליסטן האַלטן זיך איין און די מעקלערס גייען אַרום בטל, אָן אַ שטאָך אַרבעט, און איך אויך בתוכם. מיינסטו דאָך אוודאי, אַז ס׳איז עק וועלט? זאָלסטו זיך גאָר נישט זאָרגן, זוגתי היקרה, גאָט איז גאָט און יעהופּעץ איז אַ שטאָט. אַזעלכע מענטש-לעך, ווי איך, ווערן חלילה נישט פאַרפאַלן; אדרבה, איך האָב ערשט אַ האָפענונג, אַז היינט, אם ירצה השם, באַדאַרף איך ערשט אויפקומען, וואָרום איך פיר איצט אַזאַ געשעפט, וואָס איך באַדאַרף פאַרדינען אויף מיין חלק כמעט ביז אַ מאה אלף! דאָס געשעפט, וואָס איך פיר, טרעפט אָן אַ צען מיליאָן, און אפשר נאָך מער פון צען מיליאָן, עס האָט גאָר קיין שיעור און קיין ערך. ס׳איז אַ סברא, אַז גאָלד אַליין זאָל דאָרטן זיין אין די אלפים; היינט ווו איז זילבער, ווו איז אייזן, ווו איז קופּער, ווו איז בליי, ווו איז קוועק-זילבער? פון ערד-קוילן און פון שטיינער רעד איך שוין נישט! היינט געפינען זיך דאָרטן וועלדער מיט פעלדער מיט כל-טוב — ס׳איז, זאָגט מען, עפרות זהב, און ווילן וויל מען דערפאַר סך-הכל הדיטהאַלבן מיליאָן, עס איז אַ מציאה פון אַ גנב! איין חסרון איז

צאַר, וואָס ס׳איז אביסל צו וויטלעך, היינו, סע שטעקט אזש אין סימביר, און פאָרן באַדאַרף מען אהינצו אפשר דריי וואָכן כסדר, וואָרום אהין גייט נישט קיין באַן. ווּעמען לייגט מען פאָר אזא גרויס געשעפט? געוויינט־לעך, בראָצקין! איז אָבער די צרה, ווי אזוי דערשלאָגט מען זיך צו בראָצקין אין דער קאַנטאָר? ראשית חכמה, שטייט ביי דער טיר א שוויי־צאַר מיט קנעפ און קוקט אויף דער קאַפּאָטע; ווי באַלד אַן אַלטע קאַ־פּאָטע, אזוי גיט מען אים דעם וועג; און אז גאָט העלפט, מע קומט שוין איבער דעם שווייצאַר, שטייט מען אָפּ א שעה זעקס אויף די טרעפּ און מע וואַרט, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבן, מע וועט דערזען בראָצקין דורכ־גיין, און אז מע דערלעבט אים, שוין יאָ צו זען גיין, פליט ער פאַרביי פייל אויסן בויגן, און איידער מע קוקט זיך אַרום, זיצט ער שוין אין דער קאַרעטע — און א גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע! קאָן מען נישט זיין אזוי גראָב און מע מוז קומען מאָרגן נאָך אמאָל. אויף מאָרגן איז ווידער די איי־ענע געשיכטע; א קליינינקייט, א מענטש האָט אזוי פיל געשעפטן?! מע קאָן נישט אזוי גיך זיך דערשלאָגן צו בראָצקין! נאָר צו גאָט א האָ־פענונג, איך וועל מיך מסתמא אמאָל דע־שלאָגן, און דעמלט וועט שוין זיין נימל! און מחמת איך בין פאַרנומען און האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באַריכות. לעת־אתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדער און אַלעמען באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו ברענגסט זיך נאָך אויף „ארץ־ישראל״, קערסטו אוודאי מיינען „ציוניזם״? דאָס איז זייער א הויכער ענין, כאָטש אין יעהופּעץ אויף דער בערזע האַלט מען עפּעס נישט דערפון. איך בין געווען א פּאָר מאָל ביי די היגע „ציוניסטן״ אויף די זאַסעדאַניעס און האָב געוואָלט וויסן, וואָס דאָס איז, האָט מען אָבער אַלץ גערעדט אויף רוסיש, און דווקא א סך גערעדט. דאכט זיך, וואָס וואָלט זיי געאַרט, זיי זאָלן זיך דורכרעדן מיט יידן אויף יידיש?... איך האָב אפילו א פּאָר מאָל א רעד געטאָן מיט מיינע חברה־לייט אויף דער בערזע וועגן דעם, האָבן זיי מיך אויסגעלאַכט: „וויים איך וואָס? ציניזם! דאָקטער הערצל! אויך מיר א געשעפט!״...

הנ״ל.

י״ח

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם-מענדל נ״י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרייב איך דיר, אַז מיין גיטל איז געבליבן אַן אלמנה מיט זיבן קינדער יתומים, איינס קלענער פונעם אַנדערן! געשטאָרבן איז דער שוואָגער מיינער, מיר צו לענגערע יאָר, פון אַ צאָן, דאָס הייסט, אַז מע וויל, איז ער אַפילו תמיד געווען נישט קיין געזונטער; ער פלעגט, נישט פאַר מיר געדאַכט, גאַנץ אָפטלעך אונטערהוסטן מיט בלוט. פונדעסטוועגן האָבן מיר געמיינט, אַז ער וועט זיך נאָך מוטשען. צום סוף גייט ער און נעמט זיך אַרויס אַ צאָן ביי שמעלקע דעם רופא, ליגט זיך אַנידער און שטאַרבט אַוועק. ווי זאָגט די מאַמע, איר צו לענגערע יאָר: „קיינער ווייסט נישט, וועמענס מאָרגן עס איז"... און דערווייליע נעבעך גיטל ליגט איין די וועלט, ס'איז אירע טרערן גאָר נישט צו פאַרשרייבן! אוודאי ווען הלילה פאַרקערט, מיין שוועסטער, איר צו לענגערע יאָר, זאָל חס־ושלום שטאַרבן, און זלמן־מאיר זאָל בלייבן אַן אלמן, וואָלט ער געוויס אַזוי פיל טרערן נישט פאַרגאָסן און וואָלט מסתמא באַלד נאָך שלושים געבראַכט צו פירן פון באַרדיטשעוו אַ שטיף-מאַמע פאַר זיינע קינדער. איך זאָג דאָס אָקעגן אַלע מאַנצבילן, די כפרה מעגט איר זיין פאַר אייערע ווייבער. וואָרום ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ טאַטע פון קינדער זאָל זיך אַריינכעמען אַ משוגעת אין קאָפּ אַריין — מיליאָנען! אַ גליק האָט אים געטראָפן: ער שטייט ביי בראָצקין ביי דער טיר! איך האָב מורא, אַז ווייטער פון דער טיר וועסטו נישט גיין, אַן עבירה די שטיוול, כ'לעבן! אָט באַלד טאַקע כאַפּט בראָצקי אַרויס די מיליאָנען און פליט קיין סימביר — וואָס איז? מנחם-מענדל אַליין האָט געהערט, אַז דאָרטן ערגעץ

אין אַלדי שוואַרצע יאָר וואַלגערט זיך גאָלד מיט קוועק־זילבער! ווי זאָגט די מאַמע מײַנע: „אַ טויבער האָט געהערט, ווי אַ שטומער האָט דערציילט, אַז אַ בלינדער האָט געזען, ווי אַ קרומער איז געלאָפן"... נאָר איך ווייס פריער, אַז אינעם אַנדערן בריוו וועסטו מיר געוויס שרייבן, אַז פונעם גאָלדענעם געשעפט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. עס וועט זיך אָבער געפינען אַ שלאַק מיט אַ נײַעם חלום און וועט דיר דערציילן, אַז אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי, וועסטו צעלאָזן די פּאָלעס און וועסט ווידער לויפן, ווי אַ משוגענער. דו זאָלסט אָבער נעמען אויפן קאָפּ, אַז דו האָסט אין דער היים אַ ווײַב ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר מיט קליינע קינדער, וואָס קוקן אויף דיר אַרויס, ווי אויף משיחן, וואָלט זיך דיר נישט געלוסטן אַרומשלעפן זיך איבער פרעמדע הײַזער און אַרומטראָגן זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, וואָס עס שלאָגט צו דער גאָל הערנדיק! נאָך האָט דיך נישט אָנגעלערנט יעהופּעץ, ברענען זאָל דאָס אויפן פײַער, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דײַן באמת געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל.

א שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע: מאיר משולמס געדענקסטו? האָט ער אַ טאָכטער שפּרינצל, געווען אַ געזונטע מויד אַן אײַזערנע, שוין אַפילו אַביסל אַן איבערגעוואַקסענע, נאָר זייער אַ געראָטענע! האָט זיך צו איר פאַרנאַדעט אַ מוכר־ספרימניק, וואָס טראָגט אַרום איבער די הײַזער מעשה־ביכלעך מיט ראָמאַנסן אויף פּראָקאַט. האָט זיך נעבעך שפּרינצל צוגעכאַפּט צו די דאָזיקע מעשה־ביכלעך און ראָמאַנסן, ווי צו עפּעס רעכטס, און זי האָט זיי דורכגעלייענט, זאָגט מען, אַ שטיקלעך הונדערט, און זי איז געוואָרן, נישט פאַר מיר געדאַכט, עפּעס אַזוי ווי צעמישט; זי רעדט מיט אַ משונה־מאָדנע לשון, אַלץ אַזעלכע ווערטער, וואָס מע קאָן נישט פאַרשטיין; זי זאָגט, אַז מע רופט זי נישט שפּרינצל, נאָר „בערטע", און זי קוקט אַרויס אַלע מינוט, אַלע רגע, אַז אָט־אָט קומט עפּעס איינער, וואָס מע רופט אים „לאָרד", אויך „באַשיצער", און גנבהט זי אַרויס דורך אַ פענצטער, און פאַרפירט זי ערגעץ אין אַלדי שוואַרצע יאָר אַזש קיין לאָנדאָן, און פון לאָנדאָן קיין סטאַמבול... זאָל נישט קומען אַן אויסגעפּעניש אויף די פוסטע קעפּ, וואָס טראַכטן אויס אַזעלכע ווילדע זאַכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן?...

י״ט

מנחם־מענדל פון יעהופעץ צו זיין זוויב שיינע־שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳ עכב״ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הערן פון אייך איינס פונעם אנדערן נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית זיי וויסן, אז מיר האבן א גרויסן גאט. הער א מעשה: אז איך האב אנגעהויבן ווערן אן אריינגייער צו די בראַצקיס, בין איך געוואָרן א גרויסער חשוב אויף דער בערזע, און עס האבן זיך צו מיר אנגעהויבן צו שארן מעקלערס פון דער וועלט מיט טויזנטער געשעפטן: הייזער און אימעניעס און וועלדער און באנען און פאַראַכאַדן און פאַבריקעס אויף מיליאָנען, און אלץ פון בראַצקיס וועגן! צווישן די דאָזיקע מעקלערס זיינען פאַראַן א פאָר שותפים, נישט קיין היגע, איינער טראָגט א טענדעווערענדע מיט א הענג־קאָלנער, און דער אנדערער הייסט מיט א משוגה מאָדנע נאָמען, וואָס איך שעם זיך דיר אים אויסצושרייבן... אט די צוויי מעקלערס האבן מיך געפּאַקט איינמאָל בשעת איך בין געגאַנגען פון בראַצקין, און טענדעווערענדע האט זיך אָנגערופן צו מיר בזה הלשון: „הערט זשע אויס רב מנחם־מענדל, וואָס מיר ווילן אייך זאָגן. די מעשה דערפון איז אזוי: מיר האבן געהאָרכט, אז איר דרייט זיך דאָרט ארום די בראַצקיס, מהיכא־תיתי, לאָז אייך גאָט העלפן, וואָס האבן מיר צו אייך?״ — אם כן, זאָג איך, וואָס זשע ווילט איר? „וואָס, זאָגט ער, זאָלן מיר וועלן? מיר ווילן דאָס, וואָס יעדער מעקלער וויל, מיר ווילן פאַרדינען, מיר זיינען אויך מעקלערס, מיר האבן אויך געשעפטן, א קשיא אויף א מעשה, אביסל אין אייער זכות, אביסל אין אונדזער זכות, טאָמער וועלן מיר עפּעס מאַכן, וועלן מיר מאַכן אינאיינעם, עס וועט זיין „יחלוקו״, ווינציקער פאַרדינט, אבי פאַרדינען, ווי זאָגט מען: „פון א קריוודע קאָכט מען וועטשעריע״... — על כל פנים, זאָג איך, צו וואָס טויג אונדז לאַנגע דיבורים? זאָגט בעסער, וואָס האט איר? שעמט זיך נישט. „מיר האבן,

זאגט ער, געשעפטן זייער א סך מיט גאטס הילף. מיר האבן קוילן אין פאלטאווער גובערניע, מיר האבן אייזן אין קאניעווער אויעזד; מיר האבן א מיל אן אפגעברענטע אין פערעיאסלאוו, מיר האבן מאשינעס אזעלכע גאר נייע, א פינסקער ייד האט זיי אויסגעטראכט, היינט האבן מיר א פריץ, וואס וויל אויסבייטן א וואלד אויף א „גוראלנע", און א יידן האבן מיר, וואס וויל קויפן א גרויס הויז אין יעהופעץ אן געלט, היינט אימעניעס! וועלדער! טאמער האט איר קונים, וועלן מיר אייך געבן אימעניעס, אדער טאמער האט איר אימעניעס, וועלן מיר אייך געבן קונים". — ניין, זאג איך, מיט קיין אימעניעס און וועלדער האנדל איך שוין מער נישט — אן עק! איך האב מיך, זאג איך, מיט אימעניעס שוין אפגעבריט און האב געגעבן זיך דאס ווארט, אז איך זאל קיין אימעניעס מיט קיין וועלדער מער אין די הענט אריין נישט נעמען! „עט, מאכט צו מיר די טענדעווערענדע, אלע געשעפטן זיינען דען גלייך? אט האבן מיר איצט אן אימעניע אויף קאווקאז, אן אימעניע מיט נאפט, דאס הייסט, אזא מין ערד, וואס עס שפריצט פון דארט נאפט, סע שפריצט און עס הערט גאר נישט אויף צו שפריצן! ס'איז גאר א סברה, אז די ערד קאן דארט ארויסווארפן א מיליאן פוד נאפט אין איין טאג!"... — אויב אזוי, זאג איך, זענט איר פון מיינע מענטשן; אט דאס, זאג איך, איז א געשעפט! אט דאס ניט אהער! און מיר זיינען אוועק אלע דריי אין דער „יידישער מאלאטשנע" (איך גיי שוין מער נישט צו סעמעדעניז, ווייל דארט טרייבט מען ארויס, גיי איך שוין אין דער „יידישער מאלאטשנע", פארט היימלעכער, צווישן יידן, מע קאן זיצן און רעדן און טאן וואס מע וויל), און דארט האבן מיר ארומגערעדט דאס געשעפט און געשלאסן שותפות, און אז ס'איז געקומען צום צעשרייבן זיך, האבן זיי מיר מגלה געווען דעם סוד, אז ביי דעם געשעפט ארבעטן נאך עטלעכע שותפים: איינער מיט גראבע ליפן, דער אנדערער א געלער, ער האנדלט מיט זייגערלעך, א מוראדיקער בעל-מגזם, גאט זאל שומר ומציל זיין, און איינער מיט א רויטער נאז מיט ווייםפערלעך, אויך א ווילדער בעל-מגזם, און נאך איינער, אן אלמן. אז איך האב דערהערט אזוי פיל שותפים, איז דאס מיר אפילו נישט אזוי געפעלן. טענדעווערענדע האט אבער איבער מיר אזוי לאנג גערעדט און דערציילט משלים, אז איך האב געמוזט מוסכם ווערן, מיר זאלן זיך אלע צעשרייבן אויף פאפיר. געוויינטלעך, צווישן שותפים מוזן דאך זיין טענות; איטלעכער האט געדרונגען, אז אים קומט א גרעסער חלק. גאט זאל מיר נאר מצליח זיין, איך זאל שוין מיטן אנדערן צד זיין אזוי פארטיק, ווי איך בין פארטיק מיט די מעקלערס, וועט, אם ירצה השם, זיין גארנישט שלעכט, ווארום ביי אט אזא מין געשעפט ווי אזוי

פארדינט מען נישט כאָטש אַ מיליאָן קאָרבן? עס איז ביי מיר געבליבן, אם ירצה השם, בלי נדר, טאָמער ווערט דאָס געשעפט, דינג איך מיר באַלד אַ קאָנטאָרל אויף ניקאָלאיעווסקי און איך וועל מיט גאָטס הילף אַ גרויסער מעקלער. און מחמת איך בין פארנומען און האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן, עס זאָל זיין מזל געזונט און מיט הצלחה. לאָז גריסן די קינדערלעך זאָלן לעבן און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם - מ ע נ ד ל.

עיקר שכחתי. איך האָב אין זינען געהאַט דיר שרייבן עפּעס זייער אַ נייטיקס, האָב איך פארגעסן וואָס. לאָז איך שוין, אם ירצה השם, אויפן צווייטן מאָל.

הנ"ל.

כ

שיינע-שיינדל פון כתריליעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויך ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרייב איך דיר אין קורצן, וואָרום איך האָב שוין קיין כוח נישט מיט דיר צו רעדן. ס'איז ווי אַן ארבעס אין דער וואַנט. ווי זאָגט די מאַמע: „שפּיל דעם חתן וויינענדיקס, ער האָט זיך זיינס אין זי־נען"... ביסט טאַקע אוודאי א גרויסער חשוב אין יעהופּעץ, וואָרים דו שטייסט דאָך ביי בראָציקין ביי דער טיר, און סע קיישעט ביי דיר מיט מיליאָנען, נאָר נאָך אלעמען זאָלסטו נישט זיין ביי זיך אזוי גדולדיק. די מיליאָנען זיינען, נאָך לעת־עתה ביי בראָציקין, נישט ביי דיר, און עס קאָן זיך אויסלאָזן, אז די ערד, וואָס שפּריצט מיט שמן־זית, זאָל גאָר שפּריצן מיט „מים־אחרונים־וואַסער", און אז עס וועט קומען צו עפּעס, וועט זיך אויסלאָזן מיט פּעטש, און וועמען וועט מען פּאַטשן? — דיך! על־כן איז מיין עצה, אז דו זאָלסט זיך באַצייטנס אַרויסכאַפּן פון דאָרטן און קומען אהיים. זאָלסט פאַרגעסן, וואָס ס'איז געווען ביז אהער, טאָ־מער האָב איך דיך אמאָל אָנגערירט מיט א וואָרט. ווי זאָגט די מאַמע: „בעסער א פּאַטש פון א פריינד, איידער א קוש פון א פיינט"... און קלאַפּ א טעלעגראַם און קום צו פאָרן וואָס גיכער, און לאָם איך פּטור ווערן, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש ײ נ ע ־ ש ײ נ ד ל.

איך קאָן דיר דערציילן א נייעס, וואָס ביי אונדז האָט זיך פאַר־לאָפן, עס קלינגט מיט דעם די וועלט! דו קענסט דאָך מאיר־מאָטל משה־מאירס. האָט ער א טעכטערל ראָצל, איז דאָס א ראָצל פון גאָט,

א גאַנצע גערוענע, א געבילבעטע מאמזעל, שיט מיט פראַנצויזיש, קלאַפּט אויפן טאַפּטשאַן, גייט זיך נישט צונויף מיט קיינעם. א קליינ־קייט, זי קומט אַרויס אַזש פון קצבים! ווי זאָגט די מאַמע: „זכות אָבות איז קיין קאַטאָוועס"... הכלל, מע רעדט איר שידוכים פון דער וועלט, און זי פערעבענהעוועט נאָך; וואָס מע ווייזט איר, געפעלט איר נישט. זי וויל א חתן דווקא מיט אַלע מעלות; ער זאָל זיין אי שיין, אי קלוג, און אי רייך — דאָס טעלערל פון הימל! שדכנים האָבן געאַרבעט אויף אַלע כלים און מע האָט איר אַראָפּגעברכאַט א חתן, אַן אַנטיק, זאָגט מען, א קאָרעפּירער אתרוג, און דווקא פון א קליין שטעטל, פון אוו־ריטש! צונויפגעפאָרן זיך, האָט מען, געווייניטלעך, אַריינגעלאָזט חתן־כלה אין א באַזונדער חדר, זיי זאָלן זיך אָנקוקן. רופט זיך אָן די כלה צום חתן: „וואָס הערט מען ביי אייך מכוח הדרייפוסן?" מאַכט ער צו איר: „מכוח וואָסער דרייפוסן?" רופט זי זיך אָן צו אים: „איר ווייסט נישט וואָסער דרייפוס?" מאַכט ער: „ניין. מיט וואָס האַנדלט ער?"... איז זי באַלד אַרויסגעלאָפן פונעם חדר און איז געפאַלן חלשות, און דער חתן האָט געבעך בחרפּה געמוזט אַוועקפאָרן צוריק קיין אוווריטש — א מכה אים, א מכה איר, א מכה זיי ביידן! איך בעט דיך, מאַך מיר קלאָר, ביסט דאָך צווישן מענטשן: ווער איז אָט דער דרייפוס, וואָס עס קאָכט מיט אים אַזוי די וועלט?

כ״א

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע-שיינדל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסן, אז מיט בראָצקין האָב איך מיך צעגאַנגען. דאָס הייסט, מיר האָבן זיך חלילה נישט געקריגט, נאָר איך האָב אויפ־געהערט גיין אַהין — וואָס איז מיר בראָצקי, אז איך שפּאַר שוין גאָר אָן צו ראָטשילדן קיין פּאַריזש?! וועסטו דאָך מסתמא פרעגן, ווי קום איך, מנחם-מענדל, צו ראָטשילדן אַזש קיין פּאַריזש? איז דער תירוץ טאַקע: ווידער קאַווקאַז און ווידער נאַפט! אַלע נאַפטן, וואָס אויף קאַווקאַז, זיינען זיינע, און אַליין זיצט ער אין פּאַריזש. בלייבט דאָך די קשיא, ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? פאַלט מיר איין אַזאַ מין געדאַנק: פאַראַן ביי אונדז אויף דער בערזע אַ פויגל, וואָס ער הייסט טודרוס. אַט דער טודרוס איז געווען אַמאָל גאָר אַ גרויסער שפּעקולאַנט, אַ הייסער, אַ פייערדיקער שפּעקולאַנט. אַז דער עולם האָט זיך אָפּגעשאָקלט מיט די עטלעכע גילדן, זיינען אַלע גרויסע שפּעקולאַנטן (און איך אויך בתוכם) געוואָרן מעקלערס, און טודרוס האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּאַריזש און דרייט דאָרטן די גרעסטע געשעפטן אויף מיליאָנען! אויף מיין גליק באַדאַרף אַצינד טודרוס זיין דאָ אין יעהופּעץ. האָב איך מיך נישט געפוילט און בין אַוועקגעלאָפן צו אים אַהיים און האָב אים גאַנץ פיין איבערגעגעבן, אַז איך האָב אָנגעשמעקט אַן ערטל אויף קאַווקאַז, וואָס שפּריצט מיט נאַפט, און וועדליק מע הייסט זיך געבן דערפאַר אַ סך געלט, ווייזט אויס, אַז דאָס געשעפט פּאַסט נאָר קיין פּאַריזש. רופט זיך אָן צו מיר טודרוס: „איך האָב אַ קונה!" פרעג איך: ווער איז דער קונה? מאַכט ער: „ראָטשילד!" איר קענט זיך, זאָג איך, מיט ראָטשילדן? „צי איך קען זיך, מאַכט ער, מיט ראָטשילדן? לאָמיר דאָס, זאָגט ער, ביידע פאַרמאָגן, וויפל געשעפטן איך האָב שוין מיט אים געמאַכט און

וויפל געלט איך האָב ביי אים פאַרדינט!" — האָט קיין פאַריבל נישט, זאָג איך, אפשר וואָלט איר זיך מטריח געווען, זאָג איך, אַוועקשרייבן צו ראָטשילדן קיין פּאַריזש? „אַוועקשרייבן, מאַכט ער, איז קיין קונץ נישט! איך בין טאַקע מיט אים ווי אַנדערע צוויי, נאָר איינס צום אַנדערן גער־ הער זיך נישט אָן; מע באַדאַרף האָבן אַן אָפּיס מיט אַ פּלאַן, אַנדערש קאָן מען נישט". בקיצור, איך בין אַוועק צו מיינע שותּפים און האָב אים געבראַכט פון זיי אַן אָפּיס מיט אַלע זיבעצן זאַכן. נו, ווי געפעלט דיר, זוגתי היקרה, ווי אַזוי מנחם־מענדל שטעלט צונויף מיט גאָטס הילף אַ געשעפט? השם יתברך זאָל נאָר העלפן, עס זאָל אָנקומען די גוטע תשובה פון ראָטשילדן, פאַרשטייסטו שוין, וואָס פאַר אַ פּנים עס וועלן דעמאָלט האָבן ביי מיר אַלע יעהופּעצער גרויסע מעקלערס? ס'איז נאָר שלעכט דערוויל, וואָס סע פעלט דאָס מזומנע דרייערל. זאָלסט זען, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז, ווי אַזוי די וועלט איז געענגט אין געלט. ממש מע גייט אויס, מע שטאַרבט נאָך אַ קערבל! מע קוקט אַרויס אַלע טאָג אויף גרויסע אָנזעצן. נאָר זאָרג נישט, זוגתי היקרה, ס'איז אַלץ ביז אַ צייט; פאַר אונדזער עגמת־נפש וועלן מיר, אם ירצה השם, האָבן גרויס נחת. לאָז נאָר אָנקומען די גוטע בשורה פון פּאַריזש, וועל איך מיך שוין אַריינכאַפּן אין קליינט אַריין, וועל איך שוין אין זינען האָבן, אם ירצה השם, אי זיך, אי דיך, אי די קינדערלעך אַלע, זאָלן געזונט זיין. און מחמת איך בין פאַרנומען און האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתּה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גרים די קינדערלעך און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו פרעגסט זיך נאָך אויף דרייפוסן, איז דאָס זייער אַ שיינע מעשה. אַזוי איז געווען די געשיכטע: אין פּאַריזש איז געווען דרייפוס אַ קאַפּיטאַן, דאָס הייסט, ס'איז געווען אַ קאַפּיטאַן, וואָס האָט געהייסן דרייפוס. און עסטערהאַזי איז געווען אַ מאַיאָר (אַ מאַיאָר איז עלטער פון אַ קאַפּיטאַן, און אפשר, פאַרקערט, אַ קאַפּיטאַן איז עלטער). איז ער געווען, דאָס הייסט דרייפוס, אַ ייִד, און עסטער־ האַזי דער מאַיאָר איז אַ קריסט. האָט ער אָנגעשריבן די באָרדעראָ. דאָס הייסט, דער מאַיאָר עסטערהאַזי האָט אָנגעשריבן די באָרדעראָ און האָט אַרויפגעלייגט די גאַנצע באַד אויף אים, אויף דרייפוסן. איז געגאַנגען דרייפוס און האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן. האָט מען אים געמשפּט,

ער זאָל זיצן אייביק אויף אן אינזל אין מיטן ים אײנער אליין פארשפארט. איז געגאנגען זאָלא און האָט געמאכט א געוואלד, און האָט אויסגעוויזן מיט ראיות, אז ס'טײטש, ער ווייסט פאר קלאָר, אז ס'איז נישט דרייפוס האָט געשריבן די באָרדעראָ; וואָס האָט איר צו אים, ס'איז גאָר דעם מאיאָרס ארבעט, עסטערהאזיס! איז מען געגאנגען און מע האָט אים געמשפּט, ער זאָל אויך זיצן. האָט ער זיך מיישב געווען, טאקע זאָלא, און איז גאָר אנטלאָפן. איז געגאנגען נאָך אײנער, פּיקער, א פּאָלקאווניק, און האָט אויך אָנגעהויבן שרייען און ליארמען. איז ארויסגעשפּרונגען מערסי, דווקא א גענעראל, און נאָך אײנער ראָזשע, אויך א גענעראל, און נאָך א סך גענעראלן, און האָבן געזאָגט פאלשע עדות אויף דרייפוסן. איז געוואָרן א געפּילדער צווישן די פראנצויזלעך, מע זאָל אים אראָפּברענגען, טאקע דרייפוסן. האָט מען אים געבראכט צו פירן קיין רען אויפן משפט. איז געקומען צו פאָרן אן אדוואָקאט פון פּאריזש. האָט מען אים געוואָלט שיסן. האָט מען אים געשאָסן פון הינטן. האָט ער געמאכט פון אלע גענעראלן א פּלעדערוויש. און דרייפוסן האָט מען פונדעסטוועגן ווידער אמאָל פארמשפט. נאָר מע האָט אים אָבער באלד ארויסגעלאָזט. דאָס הייסט, יאָ שולדיק, און פאָרט נישט שולדיק — און רוף אונדז קנאקניסל!... הײנט פארשטייסטו שוין די מעשה מיט דרייפוסן?

הנ״ל.

כ"ב

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מהור"ר מנחם מענדל נ"י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאָט צו דאנקען אין בעסטן געזונד, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרייב איך דיר, אז דו ביסט נישט ווייט פון א משוגענעם, עס גייט דיר אָפּ נאָר איין זאך — נעמען א שטעקן און לויפן איבער די גאסן! האָסטו געהערט אביסל א גדולה: ער שפּריצט מיט גאָז, פליט קיין פּאריזש, וואַרפט מיט מיליאָנען! ער גלייכט זיך צו די יעהופּעצער נגידים. ז יי האָבן קיין געלט נישט, און ע ר האָט קיין געלט נישט. ווי זאָגט די מאמע: „בין איך מיר אויך א בהמה און פגר אין דער טשערעדע"... געדענק מיין וואָרט, מענדל, אז מע וועט דיך ברענגען אהיים אָדער אין קייטן, אָדער אין א ליילעך, אזוי ווי דו ביסט ווערט, בכדי דו זאָלסט געדענקען, אז דו האָסט א ווייב ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס פאַרשטייט מער פון דיר, און באַר דיינע מתנות, מענדל, וואָס דו ווילסט מיר אָננעמען, דאַנק איך דיר זייער. לאָז זיי גאָט העלפן אזעלכע קונים א סך ווי דו מיט דיינע שותפים די ליגנערס, וואָס פאַרדינען מילי־מיליאָסן און פגרן פאַר א גראָשן, הלוואי ווייטער נישט ערגער, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש יי נ ע־ש יי נ ד ל.

די מעשה מיט דרייפוסן, וואָס דו האָסט מיר באַשריבן, זאָל איך אזוי וויסן בייז, ווי איך פאַרשטיי אפילו איין וואָרט! ווי קומט א ייד זיין א קאַפּיטאַן, און וואָס פאַר א מין באַ נ ד ע ר אַ, וואָס איינער ליגנט ארויף אויף דעם אנדערן? צו וואָס האָט דער ז אָ ל ע באַדאַרפט אנטלויפן, און וואָס האָט מען אים געוואָלט שיסן, פאַר וואָס עפּעס פון הינטן, נישט פון פאָרנט?... ווי זאָגט די מאמע: „ציגן זאָלן אזוי וויסן פון פרעמדע גערטנער, ווי ער ווייסט וואָס סע טוט זיך מיט אים"...

כ״ג

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳ עכב״ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום, השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד הערכן איינס פונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסן, אז דאָס קאַווקאַז האָט געמעגט אַריין אין דער ערד אַריין איידער איך האָב דאָס דערקענט! איך טאָר מיך גאָר נישט באַווייזן אויף דער בערזע! וואָס איז די מעשה? די מעשה איז אַ פּשוטע מעשה: נעכטן קום איך אַרויס אויף דער בערזע, גייט מיר אַקעגן טודרוס און מאַכט צו מיר: „הערט נאָר, רב ייד, ווו איז ערגעץ אייער קאַווקאַז?״ — קאַווקאַז, זאָג איך, איז אויף קאַווקאַז, וואָס איז דען? „איך האָב, מאַכט ער, נאָכגעטראַכט אויף דער לאַנדקאַרט, ווו געפינט זיך ער־געץ אייער געשעפט, לאָזט זיך אויס, אז די שטאָט, וואָס איר האָט דאָרטן אָנגערופן, איז אַ נעכטיקער טאָג״. — וואָס הייסט, זאָג איך, אַ נעכטי־קער טאָג? „אָט דאָס הייסט, זאָגט ער, ס׳איז גאָר אַזאַ שטאָט נישטאָ אויף דער וועלט. עפּעס אַ נאָמען פון דער הגדה... ווי נעמט דאָס אַ ייד, זאָגט ער, און ליגט פאַר אַ געשעפט, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן? און נאָך וועמען? ראַטשילדן! איר ווייסט, זאָגט ער, ווער ראַטשילד איז?!״ — פאַרוואָס, זאָג איך, זאָל איך נישט וויסן? איך ווייס זייער גוט זאָג איך, ווער ראַטשילד איז, נאָר וואָס בין איך, זאָג איך, שולדיק? מע האָט מיר געזאָגט, האָב איך אייך געזאָגט. און איך האָב מיך באַלד געלאָזט לויפן זוכן די טענדעוועריענדע און האָב אים געפונען אין דער „ידישער מאַלאַטשנע״, דאָרט, ווו אַלע יידן זיצן, און האָב אים גענומען אויפן צימבל: — זאָגט מיר נאָר, טענ־דעווערענדע סערדצע, ווו געפינט זיך ערגעץ דאָס געשעפט און־דזערס? ס׳איז משל, מאַכט ער, דאָס געשעפט איז דאָך ביי אייך, איר האָט דאָך דעם קונה!״ — ניין, זאָג איך, נישט דאָס מיין איך; איך מיין

דאָס געשעפט גופא, ווו שטעקט דאָס ערגעץ, אין וואָסערע מקומות, ווי אַזוי פאָרט מען אַהינצו, דורך וואָס פאַר אַ שטאָט? „דאָס, מאַכט ער, ווייס איך גראָד נישט, דאָס באַדאַרף וויסן דער שותף מיינער". זיינען מיר געגאַנגען ביידע זוכן דעם שותף. זאָגט אָבער דער שותף, אַז אים האָט געזאָגט דער, וואָס מיט דער רויטער נאָז. און די רויטע נאָז זאָגט, אַז ער ווייסט נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום; ער האָט געהאָרכט, זאָגט ער, פון יענעם מעקלער, וואָס מיט די גראָבע ליפּן, אַז די טענדעווערענדע האָט אַ געשעפט אויף קאַווקאַז, נאָר ווו קאַווקאַז און וואָס קאַווקאַז — ווייסט ער נישט, ער זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס! הקיצור, מע האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען, פון וואַנען שטאַמט דאָס געשעפט און ווער האָט דאָס אויפגעגעבן, האָט איינער אָנגעוויזן אויפן אַנדערן, דער אויף יענעם און יענער אויף דעם, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ס'איז געבליבן מסתמא, אַז דער גאַנצער חייב בין איך; איך האָב שוין אַזאַ גליק, מ'שטיינס געזאָגט, אַז אומעטום בין איך דאָס כפרה־הינדל!... הערסטו, זוגתי היקרה, וואָס איך בין דערהאַנגען? אַז ס'איז נישטאָ קיין מזל, זאָל מען זיך בעסער באַגראָבן אַ לעבעדיקער! צו וואָס איך זאָל מיך נישט נעמען, איז לכתחילה, דאַכט זיך, אַלצדינג גוט און שיין און פיין, אָטאָט כאַפּ איך דאָס גליק, אָטאָט איז דאָס ביי מיר אין קעשענע — צום סוף טוט זיך דאָס רעדל אַ דריי איבער, און עס לאָזט זיך אויס אַ נעכטיקער טאָג! נישט באַשערט, אַפּנים, אַז איך זאָל אויפקומען פון מעקלעריי, כאַפּן אַ גראָבס און אַנטלויפן! נישט באַשערט, אַז מנחם־מענדל זאָל אויפקומען, ווי אַנדערע מעקלערס אין יעהופּעץ! אַלע טראַסקן, נאָר איך איינער שטיי און קוק, ווי די וועלט מאַכט געשעפטן און פאַרדינט געלט, און איך דריי מיך אַרום, ווי אַ פרעמדער. איך זע פאַר זיך מיליאָנען מיט מיליאָנען, און קאָן זיי נישט כאַפּן... איך בין שטענדיק עפּעס ווי אין דרויסן... אַפּנים, איך האָב מיך נאָך נישט אַרויפגעשלאָגן אויפן ריכטיקן וועג? קיין מענטש ווייסט נישט, ווו זיין מזל געפינט זיך... מע דאַרף עס לאַנג זוכן, און אַז מע זוכט, געפינט מען... און מחמת איך בין זייער דערשלאָגן, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, איינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באַריכות. לאָז גריסן שווער און שוויגער און שרייב מיר, וואָס מאַכסטו עפּעס אין געזונט, און קוש די קינדער זאָלן לעבן און געזונט זיין, און שרייב מיר, וואָס הערט זיך עפּעס ביי איך אין כתרילעווקע?

ממני בעלך מנחם־מענדל.

עיקר ישכחתי. צרות הבים חוצי נחומה. אז מע זעט זיך אָן יענעמס צרות, ווערט אביסל גרינגער אויף דער נשמה. אָט נעם, למשל, דעם אורח, וואָס שטייט מיט מיר אין איין חדר. געווען אַמאָל א פֿאַרראַטשיק, זאָגט ער, א גביר, א באַלעבאָס פֿון הייזער און קלייטן איינגענע, און היינט לאָדט ער זיך מיט „קאַזנא", ער האָט אויפֿמאַנען א סך געלט, נאָר א סך געלט. נאָר מחמת ער האָט נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה, האַלט ער זיך אויף לעת־עתה ביי מיר. אם ירצה השם, אז ער וועט אויסלאָדן זיין געלט, וועט ער מיך, זאָגט ער, נישט פֿאַרגעסן... און נאָך איינער שטייט מיט מיר צוזאַמען, נאָך א גרעסערער אָרעמאַן פֿון יענעם: ער איז א שרייבער. ער שרייבט אין די בלעטער און מאַכט א בוך! דערווייל, ביז זיין בוך וועט פֿאַרטיק ווערן, האַלט ער זיך אויף מיט אונדז אינאיינעם, און פֿאַר רחמנות גיט אים די באַלעבאָסטע אַמאָל א גלעזל טיי. און נאָך איינער האַלט זיך אויף ביי אונדז אויף דער אכסניה, א מין עני ואביון, דער שרייבער איז א הונט קעגן אים! ווער און וואָס ער איז — ווייס איך אַליין נישט: עפּעס א שטיקל אַגענט, א שטיקל שדכן, א שטיקל אַקטיאָר, זינגט לידלעך און טרייבט אַרויס מיין, — זייער א פֿריילעך יידל, האָט נישט קיין העמד אויפֿן לייב און גייט אויס ממש פֿאַר א שטיקל ברויט! הכלל, מע זעט זיך אָן אַזוי פֿיל צרות אויף דער וועלט, אַז מע פֿאַרגעסט אָן די אייגענע!... געדענק, זשע למען השם, שרייב מיר פֿון דיין געזונט און פֿון די קינדער זאָלן געזונט זיין און פֿון שווינגער און פֿון איטלעכן באַזונדער.

הנ"ל.

ב"ד

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדל נ"י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרייב איך דיר, וואס איך האב דיר געזאגט, דו אפגעדריסענער נאר? קושן באדארפסטו דאך די ווערטער מיינע, ווי זאגט די מאמע: „קוש דעם קאנטשיק, וואס שמייסט דיך!"... האסט זיך שוין אויסגעהאנדלט דארטן, וואס טויג מיר גרויס, און האסט זיך צונויפגעסקאמפאניעט מיט א פיינער חברה שלעק, פאדראטשיקעס, שלעפערס, מחברים, לידלמאכערס, מייזנטרייבערס — נישטא ווער ס'זאל לאכן און געווגל! אוודאי דארף מען זיצן צוליב דעם אין יעהופעץ אויף אן אכסניא און טרענצלען קערבלעך! מיר געפעלט נאר, וואס דו ביסט געקומען צום שכל: אפנים, זאגסטו, ס'איז דיר נישט באשערט אויפצוקומען דארטן, ווערן א מיליאנשטשיק? ביסט נאך מסופק, מענדל? איך שריי שוין פון לאנג, אז דו זאלסט זיך ארויסשלאגן פון קאפ די דאזיקע נארישע געדאנקען. לאם איך שוין אזוי זיין באווארנט פון אלדאס ביז און דו פונעם נאר דיינעם, ווי דו ביסט באווארנט פון מיליאנען! פארגעס, מענדל, אן די מיליאנען, פארגעס, אז ס'איז גאר פאראן ערגעץ א בראצקי אויף דער וועלט, וועט זיין אז ווויל צו דיר און צו דיין נשמה! „קוק נישט וואס העכער פון דיר, קוק וואס נידעריקער פון דיר", — אזוי, דאכט זיך, שטייט געשריבן אין די ספרים? און זיי נישט מקנא די יעהופעצער פיינע מענטשלעך, וואס טראסקן. לאזן זיי טראסקן, לאזן זיי טרייסטשען, לאזן זיי ברעכן רוק און לענד, ווי עס ווינטשט דיר היינט און אלע מאל

דיין באמת געטרייע פרוי ש יי נ ע - ש יי נ ד ל.

זאָג מיר נאָר, וואָס האָסטו זיך עפּעס אזוי פּלוצעם דערמאָנט, מיין טייערער מענדל, זיך נאָכפּרעגן אויף אונדזער כתרילעווקע? און וואָס בין איך דיר עפּעס געוואָרן אזוי טייער, וואָס דו זאָרגסט זיך אזוי פאר מיין געזונט? אפנים, דו האָסט זיך טאקע פאַרט פאַרבענקט נאָך אונדז?... ווי זאָגט די מאמע: „לאָז דאָס קאלב לויפן, עס וועט זיך אויסהונגערן, וועט דאָס אליין קומען אהיים"... איך וואַרט אויף א דעפּעש פון דיר, אז דו פאָרסט. שוין צייט, שוין לאנג צייט — הלוואי זאָל דאָס זיין מיין לעצטער בריוו...

סוף פונעם דריטן בוך.

א בכבודיקע פרנסה

מנחם-מענדל — א שרייבער.

געשריבן אין יאָרן 1909—1903

א בכבודיקע פרנסה

(מנחם-מענדל — א שרייבער)

א

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הערכן איינס פונעם אנדערן נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת והנה זיי וויסן, אז איך האב אוועקגעווארפן אלע געשעפטן, אן יעק, אויס בערזע, אויס סעמעדעני, אויס מעקלעריי — ס׳איז גאלע שווינדל מיט באפעריי, מיט בזיונות, מיט דער שווארציאר ווייסט וואס! איך האב שוין היינט א נייע פרנסה, א שפאגל נייע פרנסה, איך בין געווארן למזל א שרייבער. איך שרייב! וועסטו דאך מסתמא פרעגן, ווי קום איך צו שרייבעריי? — ס׳איז מן השמים.

אויב דו געדענקסט פון מיין לעצטן בריוו, האב איך מיך דא אויף דער אכסניא, ווו איך האלט סטאנציע, באקענט מיט איינעם א שרייבער, וואס שרייבט אויף די גאזעטן, און דערפון טאקע לעבט ער. דהיינו, ווי אזוי? ער זעצט זיך אוועק און שרייבט אן א זאך און שיקט עס אוועק, און מע דרוקט עס אפ, און אז מע דרוקט עס אפ, באקומט ער באצאלט פון דער שורה, א קאפיקע א שורה, וויפל שורות, אזוי פיל קאפיקעס. האב איך מיך מיישב געווען: געוואלד, רבונו של עולם, מיט וואס בין איך ערגער פון אים? די גרויסע תורה וואס דא איז? דאכט זיך, איך האב אויך געלערנט אין א חדר, און א האנט צום שרייבן האב איך א שענערע ווי ער, — אפשר וואלט איך מיך א פרווו טאן און געבן א שרייב אריין אין א יידיש בלאט? וואס קומט מיר דערפאר? קעפן

וועט מען דאָך מיך נישט! ממה־נפשך, יאָ — יאָ, ניין — ניין! — און גיי און שרייב אוועק אַ בריוו גלייך אין דער רעדאַקציע אַריין, אַזוי און אַזוי, און איך דערצייל זיי אויס מיין גאַנצע בעגריפיע. ווי אַזוי איך האָב אַמאָל געקנאַקט אויף דער בערזע, אין אַדעס און אין יעהופּעץ, איבערגעדינט כל העבודה־זרות, געהאַנדלט און געמעקלערט מיט „לאַנ־דאָן" און מיט „פּאַפּירלעך" און מיט „יקנה"ז" אין די מיליאָנען אַריין, געווען זיבן און זיבעציק מאָל אַט אַ נגיד און אַט אַ קבצן, אַט אַ גביר און אַט אַן אביון. הקיצור, איך האָב נישט געזשאַלעוועט מיין טרחה און האָב זיי אַרויסגעשריבן אַלצדינג באריכות, אפשר אויף צען זייטלעך. און געבעטן האָב איך זיי, זיי זאָלן מיר ענטפערן, אויב עס געפעלט זיי מיין שרייבעכץ, וועל איך זיי שרייבן און שרייבן. קומט מיר נישט אָן, מיינסטו, אין אַנדערהאַלבן חדשים אַרום פון דער רעדאַקציע אַן ענטפער? זיי שרייבן מיר, אַז מיין שרייבעכץ געפעלט זיי דווקא זייער גוט, און ליינען מיר פאָר, איך זאָל זיי אַרויסשרייבן די אַלע מיני באַשרייבעכצן באריכות; און אויב מיינע באַשרייבעכצן וועלן זיין גוט באַשריבן, וועלן זיי מיינע באַשרייבעכצן מיט פאַרגעניגן אָפּדרוקן אויפן בלאַט און וועלן מיר באַצאָלן פאַר דער שורה, אַ קאָפּיקע אַ שורה. דו פאַרשטייסט? וויפל שורות, אַזוי פיל קאָפּיקעס. האָב איך באַלד גענומען אַ כאַפּ אויף דער פען, וויפל, למשל, קאָן איך אָנשרייבן? צום אַלעם מינדסטן רעכן איך, אַז איך קאָן אין אַ לאַנגן זומערדיקן טאָג אָנשרייבן גוטע טויזנט שורות. מאַכט דאָס נישט אַ צענערל אַ טאָג? האָבן מיר אַ קיימא־לן, הייסט דאָס, פון כמעט דריי הונדערט רובל אַ חודש. נישקשה פון אַ זשאַ־לאָוואַניע, ווי מיינסטו? און נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך מיר גע־קויפט אַ פלעשל טינט מיט אַ ריז פּאַפּיר און האָב מיך אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט. און מחמת איך האַלט סאַמע אין רעכטן שרייבן, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אין די ווייטערדיקע בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדערלעך זאָלן לעבן, און שוועער און שוויגער, און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. אַז דער אויבערשטער וועט העלפן און איך וועל פאַרטיק מיט מיין באַשרייבעכץ, דאָס הייסט, מיטן נאָמען פונעם באַשרייבעכץ, ווייל מחמת איך האָב נאָך נישט קיין נאָמען, אַזוי שיק איך עס באַלד אַוועק אַהין אין דער רעדאַקציע, און בעט, מע זאָל דיר אַרויס־

שיקן אויף דיין נאָמען קיין כתריילעווקע עטלעכע קערבלעך עד לחשבון. איך וויל, זוגתי היקרה, אַז דו זאָלסט אויך הנאה האָבן פון מיין איצ־טיקער פרנסה. ס'איז אַביסל ליטווישער פון מעקלעריי. ביי מעקלעריי הייסט עס „קאַרטאַזש", און ביי שרייבעריי רופט מען עס „גאַנעראַר"... אַ זיס קערבל אַט דאָס גאַנעראַר, אַ גרינגס און אַ בכבודיקס...

הנ"ל.

ב

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם-מענדל נ״י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, מיין ליבער און באַשערטער, וואָס וועט זיין פון דיר? עס נעמט דאָך דיך קיין קויל נישט! נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן! שים אין דער וואַנט אריין! די מאַמע זאָל לעבן — אירע ווערטער מעג מען פאַרשרייבן: „א קראַנקער, זאָגט זי, וועט געזונט ווערן, א שיכור וועט זיך אויסניכטערן, א שוואַרצער וועט ווייס ווערן, און א נאַר בלייבט א נאַר"... און זאָג אפשר, אז זי איז אומגערעכט! באַרעכן זיך, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן, זינט איך קען דיך פאַר א מאַן, אז אָך און וויי איז מיר, — איז דיר נאָך קאַרג, גייסטו אויף דער עלטער און פאַרשטעלסט זיך פאַר א מאַרשעליק! א „רייבער" געוואָרן און „רייבט"! און סע געפינען זיך נאָך אזעלכע נאַראָנים, וואָס זיי צאָלן דערפאַר. ווער ווייסט, וואָס דו קאָנסט מיט דיינע באַשרייבעכצן אָנאַרבעטן חלילה. איך בין שוין א געלערנטע. ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „פאַר א געשלאָגענעם הונט טאָר מען קיין שטעקן נישט ווייזן"... בראש קלויבט ער זיך אויס אלע מאָל גרינגע פּרנסות, לופטיקע פייגעלעך. גאָר נישט. ער וועט זיך זיצן אין יעהופּעץ אויף דער סטאַנציע און וועט „רייבן", און איך וועל זיך וואַלגערן דאָ אין כתרילעווקע מיט זיינע קינדער און קרענקען אויף דער „פלענציע"! שוין א וואָך דריי, אז זי האָט זיך אריינגעכאַפּט צו אונדז, די „פלענציע", און וויל גאָר נישט אַרויס. אויסגעקויקלט פון קליין ביז גרויס... און וואָס דו ביסט מיר מנדר דאָס געלט פון דיינע שרייבעכצן, דאַנק איך דיר באַצייטנס. דיינע יעהופּעצער פיינע בריות מעגן עס פאַרמאָגן אויף איין וואַרעמס, וואָס דו

וועסט זיך שוין דאַרט אָננעמען „גאַלענאַר". דו ביסט אַליין אַ גאַלע־נאַר, דאָס הייסט, פון אויבן ביז אַראָפּ — נאַרר... און אויב דו ווילסט, איך זאָל נישט גיין יונגערהייט פון דער וועלט, און דיינע קינדער זאָלן חלילה נישט בלייבן קיין יתומים, זאָלסטו זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַלע דיינע לופּטיקע פּרנסות מיט דיינע זיסע שרייבעכצן, און קומען צו פאָרן אַמאָל אַהיים, צו דיין ווייב און קינדער, צו דיין שווער און שוויגער, וועסטו זיין, אם ירצה השם, אַ גאַסט, ווי די מאַמע זאָגט: „באַדיי דעם אויוון יצוואַלגערן"... ווי עס ווינטשט דיר פיל געזונט און אימער גליק היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

משה־דוד דעם קאָלעקטאָר געדענקסטו, צי ניין? האָט ער זיך מיישב געווען און האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן אומרחן אויף זיין ווייבל, געוואָלט פּטור ווערן פון איר, נישט געוווסט ווי אַזוי; נעמט ער און פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע. האָט זי אים געפּאַקט ביי דער גרעניץ און געמאַכט אַזאַ שקאַנדאַל, אַז ער וועט דאָס פאַרזאָגן אַ צענטן. אַ ליטוואַק קאָן! מיינע צרות אויף זיין קאָפּ!

ג

מנחם-מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת חנה זיי וויסן, אז עס וועט, אם ירצה השם, זיין רעכט. איך שטיי שוין, דאנקען גאָט, אָפּגעדרוקט אויפן בלאט גלייך מיט אלע שרייבערס און איך פיל מיך איצטער עפּעס גאָר אַן אנדער מענטש. די ערשטע מינוט, אז איך האָב דערזען מיין נאָמען אויפן בלאט אָפּגע־דרוקט: מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל — האָבן זיך מיר אזוש געשטעלט טרערן אין די אויגן. דו מיינסט, מחמת וואָס? נאָר מחמת גוטסקייט, וואָס ס'ע געפינען זיך אזעלכע גוטע, פיינע, לייטישע מענטשן אויף דער וועלט. איך מיין טאקע די רעדאקציע. על־פּי־שכל דארף מען פארשטיין, אז איך בין מסתמא ביי איר נישט קיין בן־יחיד, ס'איז דאָ גענוג שרייבערס אַן מיר אויך. פונדעסטוועגן, האָט זי זיך נישט געפוילט און האָט זיך אוועקגעזעצט און האָט איבערגעלייענט מיין באשרייבעכץ, ווי עס זעט אויס, פון טאָוול ביז טאָוול, און ענטפערן ענטפערט זי מיר אין בלאט, דאָס הייסט אין ב ר י וו ק א ס ט ן, אז מיין באשרייבעכץ איז איר געפעלן, נאָר ס'איז אביסל צו לאנג — איז נומער איינס. והשנית, פארלאנגט זי פון מיר, איך זאָל איר נישט אויסטראכטן מעשׂות פונעם קאָפּ; זי וויל נישט מער בלתי איך זאָל איר ש י ל ד ע ר ן (אזוי טאקע מיט דעם לשון) דאָס לעבן פון דער שטאָט יעהופעץ מיט אלע אירע טיפּן. די משמעות, אז זי וויל וויסן, וואָס ביי אונדז אין יעהופעץ טוט זיך, וואָרום וואָס דען איז דער פּשט „טיפּן"?... איאָ, אַן אידלקייט פון א רעדאקציע? קאָן מען דאָך שוין אזוי גראָב נישט זיין און נישט אָפּליגן אויף מאָרגן. האָב איך אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און איך האָב מיך אוועקגעזעצט און איך שרייב איר. — שוין דער דריטער טאָג, אז איך

שרייב און שרייב, און סע הערט זיך גאָר נישט אויף צו שרייבן! און מחמת איך בין זייער פאַרנומען מיט מיין שרייבן און האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם יחצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדער און שווער און שוויגער, און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל.

עיקר שכחתי. איך בעט דיך, שרייב מיר, צי האָסטו מקבל געווען עפּעס מעות פון דער רעדאַקציע? מחמת איך האָב זי געבעטן, אַז זי זאָל דיר שיקן דערווייל, על החשבון, עפּעס אַזעלכע עטלעכע קערבלעך. ממה־נפשך, א רענדל אַראָפּ, א רענדל אַרויף — מיר וועלן זיך מיט איר אויסרעכענען.

הנ״ל.

ד

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרייב איך דיר, אז איך שפּיי שוין מיט בלוט פון דיינע זיסע בריוועלעך. ווער איז דאָס דאַרטן אָט די יפהפיה דיינע, וואָס דו האָסט אויסגעטאָן צוליב איר די קאַפּאָטע און ביסט געוואָרן מיט איר קוציעניו־מוציעניו? לאָז זי דיר ברענען אויפן פייער איניינעם מיט איר געלט. איך דאַרף זי אויף סים־סאָט כפּרות, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „שענק מיר נישט דיין האָניק און גיב מיר נישט דיין ביס״... מאָל דיר, דיין רעדאַקציע מעג שוין דעמלט קרענקען, ווען זי וועט מיר שיקן מעות — מיאוס און מאוס זיינען מיר שוין געוואָרן דיינע שרייבעכצן, וואָס דו שרייבסט מיר. און אויב אפילו ס׳איז מיר שוין באַשערט, אז מיין מאַן זאָל זיין א שרייבער, פאַרשטיי איך נישט, וואָס דאַרף מען צוליב דעם זיצן אין יעהופּעץ? נישטאָ קיין טינט אין כתרילעווקע? נאָר מסתמא מוז דאָך דאָ זיין עפּעס א הינטערפּיסל, א שמד־שטיק, ווי זאָגט די מאַמע: „צעבייס דעם עפּל, וועסטו געפינען א וואָרעם״... לכן, בעלי היקר, נעם צונויף דיינע שרייבעכצן און קום צו פאָרן א היים גאָר אָן א שום תירוץ, ווארום איך קאָן נישט צוזען דעם צער פון די קינדער. זיי פרעגן זיך נאָך אלע מאָל: ווען קומט דער טאַטע? ליגן איך זיי אָפּ פון פּסח אויף סוכות און פון סוכות אויף פּסח. ווער שמועסט, משה־הערשעלע, מיר זאָל זיין וואָס פאַר א חכם דאָס איז,

קלינער פונעם מאַמן, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטריע פרוי ש יי נ ע ־ ש יי נ ד ל.

וואָס זאָגסטו אויף מיין ברײנדלען? זי גט זיך שוין מיטן צווייטן מאַן. קיינער ווייסט נישט, איבער וואָס. נאָר בסוד האָט ער מיר באַוויזן א האַנט פול מיט בלויע צייכנס. ער איז איר מוחל, זאָגט ער, דעם גדן מיט איר צירונג, אבי פטור ווערן פון א שלאַק. ווי זאָגט די מאַמע: „בעסער א לויט מזל איידער א פונט גאָלד"... אונדזער גאַנצע משפחה האָט נישט קיין גליק צו מאַנען...

ה

מנחם-מענדל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד הערכן איינס פונעם אנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסן, אז איך האָב שוין אויסגעשריבן צוויי פּלעשלעך טינט, איך האַלט שוין ביים דריטן. אַ קלייניקייט, — באַשרייבן אַזאַ שטאָט, ווי יעהופּעץ! אָנהייבן האָב איך אָנגעהויבן פון דער אכסניא, דאָרט וווּ איך האַלט סטאַנציע, און האָב זיך גענומען, ראשית חכמה, צו דער באַלעבאָסטע. וועסטו דאָך פרעגן: וואָס עפּעס צו דער באַלעבאָסטע? ווייל ס׳איז נישטאָ קיין באַלעבאָס; זי איז אַן אלמנה שוין פון דרייצן יאָר. דער מאַן אירער איז געווען אַ סאָלדאַט, און זי איז געווען ביי אים דאָס אַנדערע ווייב. גענומען האָט זי אים, זאָגט זי, צוליב דעם, זי זאָל מעגן נאָכדעם, אינעם זכות פון איר מאַן, וווינען דאָ אין יעהופּעץ, און האָט געהאַט מיט אים, זאָגט זי, אַ לעבן — אַז אָך און ווי אויף אַלע שונאים, וואָרום זי איז געווען סך־הכל יונגער פון אים מיט גוטע צוואַנציק יאָר, און זי איז געווען, זאָגט זי, אַ בילד־פאַרשווין מיידלוויז; אַלע מאַנצבילן, יידן און קריסטן, זיינען געווען נאָך איר די כפרה... און איצט דאַרף זי אַרויסקוקן, טאָמער וועט זיך מנחם־מענדלען פאַרגלוסטן אַמאָל עסן אַ באָרשטש, אָדער אַ שטיקל פלייש מיט כריין, און דערפון אויסהאַלטן אַ זון אַ גימנאַזיסט און אַ טאָכטער אַ גימנאַזיסטקע, וואָס טאָן טוען זיי גאָרנישט, העלפן איר נישט פון דאַנען אַהין, און מע קוקט אַרויס, אַז די מאַמע זאָל צוטראָגן דאָס גרייטע גלייך אין מויל, אינדערפרי דאָס גלעזל קאַווע אין בעט אַריין, און שפּעטער, געקומען פון דער גימנאַזיע, איז נישט געפרעגט, צי ס׳איז דאָ פאַר וואָס, צי ס׳איז נישטאָ פאַר וואָס — דער אָנבייסן מוז שטיין אויפן טיש, און טאָמער נישט אַזוי גיך — איז הימל עפן זיך. אָט אַזעלכע קינדער זיי־

נען דאָס. אנומלטן האָט זיך דאָס מיידל, די גימנאַזיסטקע, איינדערפרי צעשריגן, למאי ס'איז נישטאָ קיין זייף, און איז אריינגעלאָפן האַלב נאַ־קעט, מיטן גאַנצן האַלדז אין דרויסן, אין שטוב אריין צו די אורחים, וואָס זיינען געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי, און האָט זיך צעלאָזט אויף דער מוטער מיט אַ געוואַלד: „שטאָ זאַ סווינסטוואָ!" האָבן מיר זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָבן זי גענומען שטראָפן: ס'טייטש, אַט דערויף שטודירט מען אין די גימנאַזיעס? „לאַ־די, זאָג איך, וואָס די מאַמע דיינע האָרעוועט אַזוי, פּוצט דיר די שיכלעך בשעת דו שלאָפסט..." אַזוי רוף איך מיך אָן צו דער טאָכטער און וויל ערשט אָנהייבן זאָגן מוסר, אַז סע פּאַלט נישט אָן אויף מיר דאָס בחורל: „אַ וואָס קאַקאַיאַ דיעלאָ!"... און האָט מיך גענומען באָדן, ווי אַ רעכ־טער עזות־פּנים! האָט דאָס מיך שוין גוט פאַרדראָסן און איך האָב אַרומגעשריבן די האַזיקע אַלמנה נעבעך מיט אירע שיינע קינדער, און איך פאַרהאָף, אַז ס'וועט זיך אָפּדרוקן, וועט דאָס זיין דער בעסטער מוסר. די וועלט איז גענוג גרויס! ס'איז פאַראַן מסתמא נאָך אַזעלכע אָרעמע אַלמנות און נאָך אַזעלכע קינדער גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, וואָס טאָן זייערע מוטערס צום טויט... היינט פאַרשטייסטו שוין, זוגתי היקרה, פאַר וואָס מע צאָלט מיר געלט? און מחמת איך בין פאַרנומען און האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדערלעך זאָלן לעבן, און שווער און שוויגער, איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ו ש כ ח ת י. וואָס דו פרעגסט זיך נאָך, ווער איז די רעדאַק־ציע, האָסטו, אַפּנים, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז. אַ רעדאַקציע איז נישט איין מענטש, נאָר עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפ־געלייגט און גיבן אַרויס אַלע איינעם אַ גאַזעט. די גאַזעט צעשיקט מען אין אַלע שטעט און מע לייזט פאַר איר געלט. נאָר אַזוי ווי אַ גאַ־זעט דאַרף האָבן שטאָף, בעט אונדז די רעדאַקציע, אַז מיר זאָלן שרייבן, און צאָלט אונדז דערפאַר געלט. טוען מיר איר צוליב, דאָס הייסט, מיר שרייבן, און זי דרוקט. היינט פאַרשטייסטו שוין, וואָס דאָס איז פאַר אַ געשעפט?

הנ"ל.

ו

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרייב איך דיר, אַז איך האָב געליענט דיין בריוו און נישט געגלייבט מיינע אויגן. אַ בייזער חלום און גענוג. געפונען אַ נייטיקע זאַך צו באַשרייבן, אַן אלמנה האָט אים גאָט באַשערט מיט קינדער, דער רוח ווייסט וואָסערע— און ער ליינט אויף איר רחמנות און מאַכט פון איר אַ גאַנצן צימעס. ווען איך בין אויף דיין אָרט אין יעהופּעץ, וואָלט איך דאָס בחורל אַנדערש באַשריבן, און די מויד מיט די נאַקעטע פּלייצעס וואָלט איך אָוועקגעזעצט אין קיך, אויף דער פּליי־שיקער באַנק, לאָז זי שיילן קאַרטאָפּליעס, נישט איך זאָל זיי זאָגן מוסר. אַ מוסר־זאָגער געוואָרן מיין מאַן. אַ בעל דרשער. און מע צאָלט אים, זאָגט ער, דערפאַר געלט, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „פאַראַן אַלערליי משוגעים אויף דער וועלט"... מיר דאַכט, אַז איידער אַריינקוקן אין פרעמדע טעפּ און מישן זיך צו יענעמס קינדער, איז גלייכער, עס זאָל דאַרן דער קאָפּ פאַר אייגענע. דו קערסט, דאַכט זיך, אַן דיינע קינדער אַ מאַמע, צי ניין? זאָלסט הערן, ווי משה־הערשעלע לערנט שוין קמץ־אַלף — מעג דיין יעהופּעצער אַלמנה מיט דער רעדאַקציע אינאיינעם זיין פאַר אים די כפּרה. ס'זאָל מיר זיין גוט אויפן האַרצן, וואָלט איך אים אַראָפּגענומען אַ פאָטאָגראַפיע מיט די איבעריקע קינדער און וואָלט דיר אָוועקגעשיקט אַהין, זאָלסט כאָטש זען, וועמען דו האָסט פאַרביטן אויף אַלמנות מיט רעדאַקציעס, מיט צרות און מיט שלעק, ווי עס ווינטשט דיר פיל געזונט און אימער גליק היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ע ־ ש י י נ ד ל.

ז

מנחם-מענדל פֿון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כּתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסן, אַז איך בין שוין מיט דער באַלעבאַסטע פֿאַרטיק און האָב מיך גענומען צו די אורחים פֿון דער אכסניא, דאָס הייסט, איך באַשרייב אַלע שלימזלן, וואָס שטייען מיט מיר אויף איין סטאַנציע. איך קאָן מיך באַרימען, אַז ס'איז מיר, קיין עין הרע, געראָטן. איין שלימזל גרעסער פֿונעם אַנדערן. נאָר דער גרעסטער פֿון אַלע איז דער, וואָס מע רופֿט אים ביי אונדז „דער מוצלח". פֿון אים איז דאָ אַזוי־פֿיל צו שרייבן, אַז סע וועט נישט קלעקן נישט קיין פּאַפּיר, נישט קיין טינט. אַליין איז דער יונגערמאַן פֿון זשוואַנעץ, אַן אײדעם איז ער געווען פֿריער לאַדיזשינער און נאָכדעם אַ סאַראָקער, באַזעצט האָט ער זיך אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, און דאָרט איז ער אַרויסגעפֿאָרן מיטן ערשטן געשעפֿט, אָנגעהויבן האַנדלען מיט גאָלד, דאָס הייסט, חברה האָבן אים פֿאַרקויפֿט עטלעכע זעקלעך גאָלד, צוגענומען דאָס גאַנצע ביסל מזומנים, און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז געהאַנדלט האָט ער זאַמד. איז אים געוואָרן שלעכט, כאַטש וואַרף זיך אַ לעבעדיקער אין ניעפּער אַריין, האָט ער גענומען דאָס שטעקל, אַרויס אויף דער בערזע, צוגעפּירט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, געמאַכט עטלעכע קערבלעך און מודיע געווען אין די גאַזעטן, אַז ער זוכט אַ געשעפֿט מיט אַ שותּף. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, האָט זיך אָפּגעזוכט אַ שותּף מיט אַן אייזנגעשעפֿט, דאָס הייסט, ער האָט געקויפֿט מיטן שותּף אַ שטיקל ערד ביי קריוואָראָג, עפֿרות זהב. מע האָט זיי געוואָלט געבן דערפֿאַר כּמה אלפֿים אָפּטרעט־געלט. האָט ער געזאָגט: אָדער אַ האַלבן מיליאָן, אָדער גאָר נישט. איז געוואָרן גאָרנישט. האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו ערד־

קוילן, דערטאַפּט און אינזשיניער אַ דייטש, דאָס הייסט, אַ ייד וואָס רעדט דייטש, און האָט גערונגען מיט אים אַ שאַכטע, און דווקא אין גליכן געלד, און מע האָט זיך אָוועקגעשטעלט צו דער אַרבעט, גראָבן קוילן. האָט זיך געעפֿנט אַ קוואַל, מע ווייסט נישט פֿון וואַנען, אַ מבול. האָט מען אָוועקגעשטעלט צוויי מאַשינעס אויף אויספּאָמפּען דאָס וואַסער. אָט פּאָמפּעט מען, אָט קומט אָן נאָך — אַ מעשה אָן אַן עק. האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויפֿן דייטש און האָט זיך באַקענט מיט אַ יידן, וואָס קויפֿט צונויף אייער, אָנגעשלאָגענע, נישט קיין פֿרישע, און מאַכט פֿון די געלעכלעך עפּעס אַזאַ מין זאַך, איך האָב פֿאַרגעסן ווי אַזוי מע רופֿט דאָס. דאַרף זיך טרעפֿן, אויף זיין גליק פּלאַצט אַ מאַשינע, און דער ייד מאַכט פּליטה און לאָזט אים איבער איינעם אליין מיט די צעשפּאָלטענע אייער. האָבן זיי באַקומען אַזאַ ריח, אַז מע האָט אים געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. האָט ער געמוזט איינמאָל ביינאַכט אַרויסשפּרינגען דורכן פֿענצטער און מאַכן אַ ויברח — און לאָז זיך קאַטערינעסלאַוו האַלטן מיט די אייער. אַבי־סל געלט האָט ער געהאַט, איז ער אַוועק פֿון דאָרטן קיין קרעמענטשוק און האָט געעפֿנט מיט איינעם בשותפֿות אַ פֿאַבריקע פֿון גילזעס. באַדאַרף ער אָנטרעפֿן אויף אַ שותּף, וואָס איז אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון שאַך, און אַזוי ווי ער אליין איז אויך אַ ליבהאָבער פֿון שאַך, ער קאָן אַוועקזיצן, זאָגט ער, אַ טאָג מיט אַ נאַכט, נישט עסן, נישט טרינקען, נישט שלאָפֿן, אַבי שפּילן אין שאַך, האָבן זיי ביידע אַזוי לאַנג געשפּילט אין שאַך, ביז זיי זיינען געבליבן ביי די ליידיקע קעסטלעך אָן גילזעס. וווּ זיינען אַהינגעקומען די גילזעס — ווייסט מען נישט. דערווייל האָט ער דערהערט, אַז אַ איינער אָן אַפּטייקער אין אַ קליין שטעטל נישט ווייט פֿון קרעמענטשוק פֿאַרקויפֿט אויס אַ גאַנצע קראָם מיט פֿאַרשידענע סחורות בזיל הזול, טאַקע אַ כשרע מציאה. איז ער אַוועק און האָט אָפּגעהאַנדלט בחצי חנם דאָס גאַנצע ראַמשעל און האָט זיך גענומען פּאַקעווען די סחורה, און ס׳איז אים געשטאַנען דערביי פֿאַרדינען אַ מטמון מיט געלד. דאַרף זיך טרעפֿן אַן אומגליק, אַז צווישן דער סחורה זאָל זיך געפֿינען אַ קעסטל פּולווער. האָט זיך מיישב געווען דאָס קעסטל פּולווער, פֿאַרנדיק אין וואַגאָן, און טוט אַ שמאָס און צעשיסט דעם וואַגאָן און שיסט אָפּ אַ פֿוס דעם קאָנדוקטאָר — ער איז קוים אַרויס מיטן לעבן. וואָס זאָגסטו אויף דעם „מוצלח”? ער זאָגט אַליין אויף זיך, אַז ער טוט אַ קוק אַריין אין טייך אַריין — פֿגרן אויס אַלע פֿיש. ווי דו קוקסט אים אָן, איז ער צו די צרות נאָך אַ ווערטל־זאָגער אויך. אַליין איז דאָס אַ קליינטשיקס און אַ רירעוודיקס, מיט ברענענדיקע אייגעלעך, דאָס קאַפּעליושל איז ביי אים פֿאַררוקט אַהינטער, די הענט אין די קעשענעס, און דער

מוח ארבעט — קאָנבינאַציעס, אָן א שיעור קאָנבינאַציעס! ער זאָגט, אז ער מוז „נעפּרעמעננאָ” זיין א מיליאָנער, אנישט — הייבט ער זיך אויף און פאָרט אוועק קיין אמעריקע. דאָרט האָט ער שוין גאָר קיין דאגה נישט. מיך רעדט ער צו, איך זאָל מיט אים אויך פאָרן קיין אמעריקע. ער זאָגט, אז אזעלכע מענטשן ווי מיר ווערן אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן. נאָר משוגע וועל איך ווערן — אוועקוואַרפן אזאַ בכבודיקע פּרנסה, ווי דאָס שרייבעריי, און פאָרן זוכן גליקן! און מחמת איך בין זייער פאַרנומען און האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אנדערן בריוו וועל איך דיר ארויסשרייבן אלצדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדער־לעך, און שוועער און שוויגער, און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל.

עיקר שכחתי. איך פאַרשטיי נישט, פאַר וואָס איך האָב נישט קיין שום ענטפער פון דער רעדאַקציע אויף מיין ערשטע ארבעט, וואָס איך האָב איר אוועקגעשיקט. נישט קיין ענטפער, נישט קיין געלט. איך האָב איר שוין געשריבן דריי בריוו. איך רעכן, אם ירצה השם, היינט — מאָרגן האָבן פון איר תשובה.

הנ״ל.

ח

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס זעלבע פון דיר צו הערן אויך ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אז ווי דו וועסט נאָר באַקומען דאָס דאָזיקע בריוול, זאָלסטו, למען־השם, קומען צו פאָרן אהיים, וואָרום מיין טאַטע נעבעך איז מסוכן קראַנק. ס'איז שוין געווען א קאָנסיליום פון דאָקטוירים, האָבן זיי געפונען, אז ער האָט, אז אָך און ווי, וואַסער אין בויך. די ווייטיקן, וואָס ער טראָגט איבער, איז נישט צו צוזען. קאָנסט פאַרשטיין, אז די מאַמע זאָל לעבן איז גאָר נישט צו דערקענען! מע קאָן זאָגן, אז זי איז זיך מפקיר צוליב אים. זי זאָגט: „מיט א שכן אז מען איז אָפּ דרייסיק יאָר און איין שטוב איז אויך א רחמנות"... און דו זיצסט דאָרטן אין דעם שיינעם יעהופּעץ און באַשרייבסט שלימזלן, די כפּרה זאָלן זיי זיין פאַר מיין טאַטנס יאָר־מלקע, ווי עס ווינטשט דיר פיל געזונט און אימער גליק היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

געדענק־זשע, למען־השם, באַלד ארויספאָרן און קלאַפּן א דעפּעש.

ט

מנחם־מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינע־שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסן, אז דיין בריוו איז געווען פאר מיר ווי א פיסטויל אין הארצן. איך זאל האבן פליגלען, וואלט איך, ווי אן אדלער, געפלויגן צו אייך קיין כתרילעווקע, האב איך אבער נישט מיט וואס צו רירן זיך. דער באלעבאסטע פון דער אכסניא בין איך שולדיק, אז די האר זיינען נישט מיינע. אחוץ וואס איך האב איר אפגעגעסן דעם קאפ, האב איך ביי איר נאך אלע מאל איבערגעכאפט אויף פאפיר און אויף טינט. איך האב אלץ געמיינט — אט־אט. אזוי פיל פאפיר און טינט אויסגענוצט, אזוי פיל שיינע זאכן אויסגעטראכט, אפגעשריבן זיך אלע פינגער — און די רעדאקציע זאל עס אפילו מיר ענטפערן! זי האט אנגענומען א פול מויל מיט וואסער און שווייגט. זייער נישט שיין פון איר זייט! ממה־נפשך: געפעלט אייך נישט מיין שרייבן, דארפט איר מיר שרייבן, וועל איך אויפהערן שרייבן, יענעמס טרחה איז ביי זיי, אפנים, בלאטע. ס׳זאל זיין אן אנדערער אויף מיין ארט, וואלט ער זיי אויסגעזידלט אויף אלע זייטן. אדער איך זאל האבן געלט, וואלט איך זיי געקלאפט א דעפעש: טויט אדער רויט!... איך בין גאר נישט אימר־שטאנד דיר איבערגעבן דאס עגמת־נפש מיט דעם הארצווייטיק, מיט דעם ארצפאלן, וואס מען איז ביי זיך; עס ליגט זיך גאר נישט די פען אויף צו שרייבן מער. וואס דארפסטו א כך? איך האב געבעטן, מע זאל מיר כאטש שיקן די גאזעט אומזיסט, ענטפערט מען מיר אויך נישט. איך זאל אין דער צייט געווען האקן האלץ, וואלט איך, דאכט זיך, אויך מער פארדינט. איך וויים נישט, ווי אזוי מיט אנדערע שרייבערס — מיט מיר האבן זיי זיך באגאנגען ערגער, ווי מיטן לעצטן שבלעצטן. צו די בערג

טו איך מיינע אויגן: מאין יבוא עזרי — אפשר וועט דער אויבערשטער העלפן, ווארום ס'איז באו מים עד נפש, ערגער קאן שוין גאר נישט זיין!... און מחמת איך בין זייער דערשלאגן, מאך איך דאס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אנדערן בריוו וועל איך דיר ארויסשרייבן אלצדינג באריכות. לעת־עתה, זאל גאט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה און זאל צושיקן דעם שווער א רפואה שלימה. גאט זאל העלפן, מע זאל זיך זען געזונט אלע מיט די קינדערלעך, נאך וועלכע איך בענק זייער שטארק, ממש עס גייט מיר אוים דאס חיות.

ממני בעלך מנחם־מענדל.

עיקר שכחתי. דער בריוו ליגט שוין ביי מיר חעם אנדערן טאג, מחמת איך האב נישט אויף קיין מארקע. איך האב איבערגעטראכט די גאנצע צייט, צו וואס נעמט מען זיך, וואס טוט מען און וואס הייבט מען אן צו טאן? דאכט זיך מיר, ס'איז שוין גאר נישטא אזא פרנסה אויף דער וועלט, וואס איך זאל זיך אויף איר נישט ווארפן. איין זאך נאר האב איך דורכגעלאזט: שדכנות. עס שטייט ביי אונדז אויף דער אכסניא א ייד א שדכן, און ווערליק ער דערציילט, איז ער מאסף ממון. און א פרנסה איז דאס אפשר נישט אזא בכבודיקע, ווי שרייבעריי, אבער שענער פון מעקלעריי איז דאס געווים. דער עיקר, אבי דער אויבערשטער גיט א שטיקעלע הצלחה.

הנ"ל.

י

שיינע-שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם-מענדל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס געמלעבע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער.

צווייטנס שרייב איך דיר, אז איך האָב דיר נישט וואָס צו שרייבן. איך האָב געוויזן דיין בריוו דער מאַמען, זאָגט זי, אז איך בין אליין שולדיק. „ווי אזוי מע בעט זיך, זאָגט זי, אזוי ליגט מען... זאָלסט געוועזן, זאָגט זי, מיך לאָזן זיך מיט אים איבערשרייבן, מיטן שיינעם „גע־גיידעם", וואָלט איך אים שוין לאַנג, זאָגט זי, אראָפּגעבראַכט. איך וואָלט זיך נישט געפּוילט, זאָגט זי, און וואָלט אליין זיך דורכגעפאָרן נאָך אים. אויף דיין גליק, זאָגט זי, דאַרף דער טאַטע ליגן אויפן טויטן־בעט און מיר ביידע דאַרפן זיך קוים האַלטן אויף די פיס". דאָס געלט, וואָס איך שיק דיר דאָ, איז מיין מאַמעס — און ווייס איך גוטסקייט. איך בעט גאָט, אז מער זאָל איך פון דיר שוין קיין בריוולעך נישט האָבן, און ווי נאָר דו וועסט אַרויספאָרן פון יעהופעץ, אזוי זאָל זיך עפענען די ערד און איינגעזונקען זאָל ווערן די דאָזיקע שטאָט, אזוי ווי סדום, מיט אלע אירע גאָלדענע געשעפטן, גליקן, מעקלערס, שדכנים, אכסניות, באַלעבאָס־טעס, רעדאַקציעס, ווי עס ווינטשט דיר פיל געזונט און אימער גליק היינט און אלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל.

סוף פונעם פערטן בוך.

עס פידלט נישט

מנחם-מענדל — א שדכן.

געשריבן אין יאָרן 1900—1909.

עס פידלט נישט

(מנחם-מענדל — א שדכן)

מנחם-מענדל פון וועג צו זיין ווייב שיינע-שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע-שיינדל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסן, אז עס פידלט נישט, עס גייט נישט, כאטש צעריים זיך. תיכף ומיד ווי איך האב מקבל געווען פון דיר די צוגעשיקטע עטלעכע קערבלעך, האב איך זיך קודם צעצאלט אויף דער סטאנציע און האב מיך באלד אנגעהויבן פאקעווען אין וועג אריין. וואס דארפסטו מער? איך בין שוין אפילו געזעסן אין וואגאן, גענומען א א בילעט ביז כוואסטעוו, און פון כוואסטעוו האב איך גערעכנט פארן גלייך אהיים, קיין כתרילעווקע הייסט עס. האבן מיר דאך אבער א שטארקן גאט, ועסטו הערן, וואס ער טוט אפ. אנומלטן האב איך דיר געהאט געשריבן, אז אויף דער אכסניא, דארט ווו איך האב געהאלטן סטאנציע, האט זיך געפונען א ייד א שדכן, לייבע לעבעלסקי הייסט ער, וואס בארימט זיך, אז ער טראגט ארום ביי זיך אין בוזעם די גאנצע וועלט און פארדינט שטיקער גאלד. דערווייל האט ער באדארפט אפפארן אויף א פאר טעג מכוח א גרויסן שידוך; ער האט באקומען, זאגט ער, א „סטראטשנע דעפעש", ער זאל נישט מעדליעווען, האט ער איבערגעלאזט דאס גאנצע פעקל זיינס ביי דער באלעבאסטע, געבעטן, זי זאל עס באהאלטן ביז ער וועט קומען צוריק פונעם שידוך, וועט ער זיך שוין צערעכענען, און אזוי ווי דו זעסט אים, אזוי האבן מיר אים געזען. פארן אוועקפארן מאכט צו מיר די באלעבאסטע: „איך פארט דאך אויף יער-

נער ליניע, נאט אייך דעם שדכנס פעקל, טאמער וועט איר זיך באגעגענען ערגעץ מיטן שלימזל, מיט דעם לעבעלסקין, וועט איר אים אפגעבן זיינע שפאראגאלן". זאג איך: „וואס דארף איך פרעמדע פעקלעך?" זאגט זי: „האט קיין מורא נישט; ס'איז נישט קיין געלט, ס'איז פאפירן, שמות". כך הוה. שוין זיצנדיק אין וואגאן, בינד איך אויף דאס פעקל אויף א טשעקאוועסט און טו א קוק אריין — א גאנצער אוצר: בריוו פון שדכנים, רשימות פון מחותנים, און גלאט כתבים. צווישן די כתבים — א לאנג צעטל אויף לשון־קודש פון חתנים און כלות, אויסגערעכנט נאכן אלף־בית; איך גיב דיר איבער אות באות:

א ו ר י ץ — חוה בת הגביר רב לוי טאנקינאג... גרויסער מיוחס... אשתו מרים גיטל... גם כן מיוחסת... הויכע ווקס... קראסאוויצה... ד' אלפים... רוצה גיקאנציטין...

ב א ל ט י — פייטל בן הגביר יוסף היטילמאכיר... משכיל... ציגיסט... גיקאנציט בובהאלטירי... מפריזיוו אסלאבאהעט... האווינט אלע טאג... וויל מעות...

ג ל ו ב י ו — יעפים באלאסני... אפטייקיר גלוח...! האט ליב יודין... מלוה ברבית... רוצה ברענעטקה...

ד ו ב נ א — לאה בת הגביר רב מאיר קארזיק... משפחה... קורצי ווקס... רויטע האר... מדברת פראנצויז... יכול ליתן מעות...

ה י י ס י ן — ליפע בראש... שוואגיר של איצי קוימין... בעל יועץ בסאכירני זאוואד של רב זלמן ראדימיישליר... בן יחיד... והנער יפת תואר... ממזר אויגין... רוצה שמאלץ־גרוב...

ו י נ ע צ ע — חיים העכט... בחור מנגן על הבערזע... פארט בפיר טאנדיל... גרויסער פארדיניר... ישוה 10 אלפים...

ז י ט א מ ע ר — הנגיד שלמה זלמן טאראטייקי... ב' בתולות... קראסאוויצות פרימע... הקטנה מעט גישטופילט... פיאנע דרייט פראנצויז... רוצה גישטודירטע... דעפלאם לאו דווקא...

כ מ ע ל נ י ק — הנגידה בתי' פלעקיל... אלמנה וואכירניצה... חכמה נפלאה... רוצה למדן... מעג זיין בלא מעות...

ט א ל נ י — הרבני רב אברעמעלי פיינציק... אלמן... חסיד בעל תנ"ך... זוכט אלמנה עם גישעפט...

י א מ פ ע ל י — משה ניסיל קימבאק... נגיד חדש... אשתו מרת ביילה לאה... ווילן א שידוך כלות הנפש... וויפיל דער צד שכנגדו גיט מתחייב צו גיבין ב' פעמים... הה"ש לשדכנים תיכף ומיד בשעת טעליר ברעכין... מתנה להשדכן עקסטרי מצד המחותנתטי...

כ ת ר י ל ע וו ק ע — רב נתן קורח... גביר ממון קורח... הבר אחר גדול... בן משכיל יוסף יצחק... קעניר חריף... מארגעניוו וודאר־וועז... שטיליר וואָרים... מבקש אנאַרעמי יתומהלי... קראסאוויצה שבקראַ־סאוויצה... נישט חולה לשלוח על הוצאות... נ ו ת ן ב צ י מ ב י ל ה ו ל ך ב ט ע נ צ י ל...

ל י פ אָ וו י ץ — בן הגביר לייבוש קאַפּאַטי... פּארברענטיר חסיד... נותן אקזאמין על 8 ק ל א ס י ן... יושב באָדעס... שפילט על הפידל ויכול לשון קודש... קראסאוויץ...

מ ע ז ב י ש — רב שמשון שעפּסיל שימעליש... אלמן... האָט ב׳ בתולות עם ג׳ אלפים... רק מוז קודם אליין חתונה האָבין... וויל גם כן בתולה...

נ ע מ ע ר ע וו — סמיציק... בערנארט מאָסעיוויץ... פון די אמתי סמיציקעס... גרוש סאמעסטאָיאטעלני... שפּיליר מתמיד בפּריוויראנץ... תקיף אצל נאַצאלסטווי... מן היושר בתולה עם ה׳ אלפים אָדיר גרושה עם 10 אלפים...

ס מ י ל ע — פּערילי דאמה... גרושה עם 10 אלפים... דארף אַ משכיל קאָמעסניר...

ע נ א ט ע וו ק ע — הבעל הבית רב מענדי לאָפּיטע... זקן אריביר שבעים... רק האלטצעך קרעפּקי... מקבר געווען ג׳ נשים... וויל בתולה...

פּ ר י ל ו ק — הגומענאזיסט פּריטיג... בן הגביר מיכל פּריטיג... טראָגט היטל בבית... שרייבט נישט בשבת... וויל כ׳ אלפים לא פּחות פּרוטה... כנגד חצי...

צ א ר י צ ע ן — רשימה מן גביר אלמן פּישיר... יושב באסטרע־כאן... צוגעזאָגט ב׳ וויגרעזני בילעטן פּערווע זאיאָם... חוץ רח״ש... צריך לכתוב עוד א׳ בריוועל... בקשתי לשלוח כ״ה רו״כ אויף הוצאות... לכה״פּ מארקעס...

ק ר י מ ע נ צ ו ק — משכיל וציניסט סכנות נפשות... מאה קאָ־מיסים... חכם... חריף בשאָך... ש״ס בעל פּה... קעניר ובעל הברן... ווערטילזאָניר אש להבה... כתבא רבא... שמעתי אז ער האָט שוין חתונה געהאט...

ר א ד י מ י ש ל — איניקיל של רב נפתלי ראדימישליר... שייך לסאדיגערי... סאבידני זאוואָד... גילדיני פּאָן... חצי חסיד חצי דייץ... קורצי פּאה ולאנגליכי קאַפּאָטי... קעניר בשפּראך וקלאָר יורה דעה... יש לו פּעטיר מיליאָנציק וזאצאָטני קוויטאנצי... זובט קראסאוויצה משפּחה

יחוס ר' אלפים פארטיפיאן ארנטליך פראנצויז פאריק טאנצן לעבעט־בענצן בארעשני בלא קאוואלירן...

י ש פ א ל י — הגביר המפורסם אליה מצערנאביל... יושב ביהופיץ... מעקליר של צוקיר ואימעניות... בשותפות עם הגביר המפורסם באבישקע... בת יהודה... פארלאנגט מעליר׳ל מן השמים... קעניר יותר מדאקטער... באווארנט מפריזעוו... שיין כמו יוסף הצדיק... וקלוג כמו שלמה המלך... זינגין ושפילן על כל הכלים... משפחה בלא פלעק... מעות אן א שיעור... עם כל המעלות... כמעט בראצקע... דפקתי העפעש לראדימישל...

ת א מ א ש פ א — ה' בתולות... ג' קראסאוויצות וב' פאסקודניצות... און אלימען אדיר א דאקטער עם גאבינעט ומעביל אדיר אנאדוואקאט עם פראקטיקי ביהופיץ... כתבתי כמה בריוולאך...

זיץ איך מיר אזוי אין וואגאן, מיטן שדכנס פעקל הייסט עס, און לייען נאך אמאל און נאך אמאל דאס דאזיקע לשון־קודשדיקע צעטל פון חתנים און כלות, און טראכט מיר: רבונו של עולם! וויפל פרנסות דער אויבערשטער האט באשאפן אויף דער וועלט פון זיינע יידנס וועגן! אט, אשטייגער, דאס שדכנות. וואס קאן זיין, דאכט מיר, פיינער און לייטישער, בעסער און גרינגער דערפון? וואס איז דא פאראן וואס צו טאן? מע באדארף נאר האבן א קלעפיקע אין קאפ און קאנען אויסמארקירן מיטן שכל, ווער צו וועמען סע פאסט. למשל: אורישטש האט א מיידל א קראסאוויצע מיט פיר טויזנט, וואס וויל א געקאנטשעטן, האט באלטע א ציוניסט א משכיל, וואס האט געקאנטשעט בוכהאלטעריע און וויל געלט — איז דאך דאס אנגעמאסטן! אדער לאמיר נעמען טאלנע: זיצט א ייד אן אלמן, וואס זוכט אן אלמנה מיט א געשעפט — פארוואס זאל ער זיך נישט מטריח זיין קיין כמעלניק, צו דער אלמנה בתיה פלעקל, וואס זוכט אן אלמן און געלט, אבי א למדן? הערסטו, זוגתי היקרה, מע דארף נאר קאנען מאכן קאנבינאציעס. ווען איך זאל געווען געבוירן ווערן א שדכן, וואלט איך אוועקגעשטעלט דאס געשעפט גאר אנדערש. איך וואלט זיך אויפגעשריבן מיט אלע שדכנים פון דער גאנצער וועלט, צונויפגענומען אלע זייערע רשימות און וואלט זיך אוועקגעזעצט צונויפפארן, פריער אויף פאפיר, געוויינטלעך, דעם חתן מיט דער כלה, די כלה מיט דעם חתן, און אין יעדער שטאט וואלט איך מיר געהאט א שותף, וויפל שטעט, אזוי פיל שותפים. ממה־נפשך, וויפל ס'וועט זיין, וועט

מען זיך טיילן, חצי שלי וחצי שלך. עס וואָלט זיך אפשר געלוינט עפענען א קאנטאָר אין יעהופעץ, אָדער אין אָחעס, האלטן מענטשן, זיי זאָלן זיצן שטענדיק און שרייבן בריוולעך און קלאפן דעפעשן, — און איך אליין טו גאָרנישט, נאָר איך זיץ מיר און פאָר און מאך קאָנביניאציעס!

אָט אזעלכע מחשבות, פאנטאזיעס, קאָנביניאציעס פליען ביי מיר אין קאָפ. טראָגט זאָן דער גוטער יאָר צו מיר אין וואַגאָן אריין אַ נפש, אַ באוואקסענעם מיט האָר פון אויבן ביז אראָפ, שלעפט מיט זיך א זאק און סאפעט ווי א גאנדז און רופט זיך אָן צו מיר מיט א מאָדנע בגעימותדיק לשון, גאָר נישט ווי געוויינטלעך: „יונגערמאן, זאָגט ער, אפשר וואָלט געווען א סברא, איר זאָלט זיך מיט אייער עלטער מטריח זיין, זאָגט ער, א רוק טאָן זיך בשעת הדחק אביסעלע אראָפ, בכדי, זאָגט ער, אז אזא ייד, ווי איך, למשל, זאָל האָבן די זכיה באזעצן זיך אויף א רגע מיט אייך בהרחבה אין שכינות?" — „פאר וואָס נישט? אָך, מיטן גרעסטן כבוד!" — אזוי זאָג איך צו אים און נעם און מאך אים אָן אָרט און טו אים א פרעג גלאט אזוי, פון יוצא וועגן: „פון וואַר נעמט איז א ייד?" — „מאין באתי, הייסט עס? פון קאָרעץ. — ענטפערט ער מיר. — מיין נאָמען איז אָשר, און רופן רופט מען מיך רב אָשר שדכן. איך בין שוין פאוואָלינקע, זאָגט ער, ווי איר קוקט מיך אָן, מיטן אויבערשטנס הילף, במעט פערציק יאָר א שדכן". — „אזוי? — זאָג איך. — זענט איר, הייסט עס, אויך א שדכן?" — „עליכן, דארפן מיר, זאָגט ער, לערנען דעם פשט, אז איר זענט מסתמא אוודאי א שדכן, הייסט דאָס — אָחינו אתה, קומט דאָך אייך, זאָגט ער, על-פי-דין שלום-עליכם!" — אזוי מאכט צו מיר דער דאָזיקער שדכן און רוקט מיר אריין א מגושמ־דיקע ווייכע האָריקע האנט און טוט מיך א פרעג, אפנים, אויך פון יוצא וועגן: „מה שמכם? — זאָג איך: „מנחם־מענדל... „א קענטלעכער נאָמען, מאכט ער צו מיר, ערגעץ האָב איך געהערט, נאָר איך ווייס נישט ווו. הערט־זשע, זאָגט ער, אויס, רב מנחם־מענדל, וואָס איך וועל אייך זאָגן. ווייבאלד, זאָגט ער, אז דער צער פון טראָגן איז יאָ אזוי גרויס, דאָס הייסט, אז דער אויבערשטער, זאָגט ער, האָט אזוי געפירט מיט זיין השגחה עליונה, אז מיר, צוויי שדכנים, זאָגט ער, זאָלן זיך מזדמן זיין לפונדק אחד, וואָלט אפשר, זאָגט ער, געווען א סברא, אז מיר זאָלן מאכע אַטראַדאַחאָ, פאָרנדיק מיט אייך אין איין וואגאָן, ועפעס מתקן זיין?"... „ההיינו, זאָג איך, וואָס זאָלן מיר מתקן זיין?"... „אפשר האָט איר, זאָגט ער, א בעלן אויף גוטן ווין אין א שלעכטער כלי?"... „ההיינו, זאָג איך, וואָס ווערט ביי אייך אָנגערופן גוטער ווין אין א שלעכטער כלי?"... „לאָזט אייך דינען, זאָגט ער, תיכף ומיד וועל

איך אייך מסביר זיין, וועט אייך דער פסוק ווערן רעכט ארום און ארום. נאָר וואָס דען? איר דארפט צוליגן קאָפּ. איך האָב, זאָגט ער, אין יאר־מעליניעץ א שטיקל סחורה מן המובחר, אָבער טאַקע פון די אנטיקן, רב איציקל טאשראַץ הייסט ער. מילא יחוס — איז אָפּגערעדט. מע קאָן זאָגן, זאָגט ער, איינגעטונקען אין יחוס. וואָרום אחוץ וואָס ער איז אליין, זאָגט ער, א גרויסער מיוחס, איז זי נאָך א גרעסערע מיוחסת פון אים. דער חסרון, זאָגט ער, איז אָבער, וואָס ער הייסט זיך פאר זיין יחוס משלם זיין מיט מעות מזומנים. וויפל ער גיט, וויל ער, אז דער צד שכנגדו זאָל געבן צוויי מאָל אזוי פיל"... „שאט, זאָג איך, מיר דאכט, אז ס'איז פאראן פונקט דער ארטיקל, וואָס איר דארפט". און איך טו מיך א נעם צו מיין פעקל, שלעפּ ארויס דעם ספר הזכרונות פון מיין שדכן לייבע לעבעלסקי און מיש אויף יאמפּעלי און טו אים א ווייז: „אָט איז ער, זאָג איך, אָט דער, וואָס איר זוכט אים. לייענט וועט איר זען: משה ניסעל קימבאַק, נגיד חדש — אן אויפגעקומענער נגיד הייסט עס: וויל א שידוך כלות הנפש — דאָס הייסט, ער גייט אויס! און וויפל דער צד שכנגדו גיט, איז ער זיך מתחייב געבן ב' פעמים — צוויי מאָל אזוי פיל הייסט עס. פונקט דאָס, וואָס איר דארפט!"...

דערהערט אזעלכע דיבורים און דערזען ביי מיר, אז אָט דער משה־ניסל קומבאַק זאָגט נאָך רח"ש לשדכנים תיכף־ומיד בשעת טעלער־ברעכן, און א חוץ א מתנה עקסטרע פון דער מחותנתטע, — טוט זיך מיין רב אָשר א הייב־אויף פונעם אָרט, נעמט מיך אָן ביי דער האנט און מאכט צו מיר: „מזל־טוב, רב מנחם־מענדל, מיר האָבן געמאכט א געשעפט. איך האָב געזען, זאָגט ער, ביי אייך אין קוישל, אויב איך בין מיך נישט טועה, אייער־קיכלעך, טיי און צוקער ושאר ירקות, וואָלט אפשר נישט געשאדט, זאָגט ער, מיר זאָלן דערווייל מאכן מזונות, און אם ירצה השם, אז מיר וועלן קומען בשלום קיין כוואסטעוו, וועט איר זיך מטריח זיין מחילה נאָך היים וואסער. איך האָב געזען, זאָגט ער, ביי אייך א טשייניק, וועלן מיר טרינקען צו גלעזלעך ווארעמס. און מסתמא, זאָגט ער, וועלן מיר קריגן אויף דער סטאנציע אביסל יי"ש אויך, זיבן און פופציק גראַדאָווער, וועלן מיר שוין אין איינוועגס, זאָגט ער, טרינקען לחיים פאר מיין יארמעליניצער מיוחס מיט אייער יאמפּעלער אויפגעקומענעם נגיד, וואָס חלשט א שידוך, און לאָז זיין, זאָגט ער, אין א גוטער שעה, אין א מזלדיקער". „אָמן, זאָג איך, פון אייער מויל אין גאָטס אויערן. נישט אזוי גיך אָבער טוט זיך עס, זאָג

איך, ווי יסע רעדט זיך"... שלאָגט ער מיר איבער די רייד, חער ישדכן הייסט עס: „לאָזט אייך דינען, רב מנחם־מענדל, זאָגט ער, איר ווייסט נישט מיט וועמען איר האַנדלט. איר האָט צו טאָן נישט מיט קיין יינגע־לע. איר רעדט, זאָגט ער, מיט א וועלט־שדכן, וואָס מע רופט אים רב אָשר און וואָס האָט נישט אזוי פיל האָר אין קאָפּ, וויפל שידוכים ער האָט שוין בעזרת השם יתברך אויסגעפירט. לאָמיר ביידע, זאָגט ער, פאַרמאָגן די מאות, וויפל פאַרפאַלק עס האָבן זיך שוין ביי מיר אָפּגעגעט און נאָך אמאָל חתונה געהאַט און ווידער געגט זיך... איך, זאָגט ער, אז איך טו א קוק א רשימה, טאַפּ איך באַלד אָן, צי ס'וועט הולכן, צי ניין. אייער משה־ניסל זאָגט ער, געפעלט מיר, דאַרף זיין מיט א סירכא, וואָרום לאָמיר אָקאָרשט פאַרשטיין, זאָגט ער, וואָס ער איז אזוי להוט נאָך א שידוך און וואָס ברענט אזוי די מחותנתטע און זאָגט אזש צו מתנות לשדכן? די משמעות, זאָגט ער, אז דאַרט ליגט א וואָרעם, א ווערעמדיקער עפּל הייסט עס"... — „וואָס זשע, זאָג איך, איז די עצה?" — „די עצה, זאָגט ער, איז דאָ א פשוטע עצה: מיר ביידע דאַרפן טאַקע באַלד צעשיידן זיך, זאָגט ער, אין צוויי באַזונדערע דרכים, איך, זאָגט ער, קיין יארמעלינעץ, צו מיין מיוחס רב איציקל מאַשראַיץ, און איר קיין יאַמפּעלי, צו אייער משה־ניסל קימבאַק. נאָר וואָס דען? מיר ביידע, זאָגט ער, דאַרפן אַרבעטן אויף אַלע כלים. איר מצדכם וועט זיך דאַרפן משתדל זיין, אז אַט דער ווערעמדיקער עפּל זאָל נתנען וואָס מער, און איך מצדי, זאָגט ער, וועל מן־הסתם צוהאָרעווען, אז מיין מאַשראַיץ זאָל טאַקע געבן כנגד די גאַנצע העלפט, ווי ער האָט מיר מבטיח געווען, וואָרום א קשיא, זאָגט ער, אויף א יידן, וואָס האַנדלט מיט יחוס?".

ווי דו זעסט, זוגתי היקרה, האָט זיך עס אָנגעהויבן כלומרשט מיט א שפּאַס, אויף קאַטאַוועס הייסט עס, און אויסלאָזן האָט זיך עס אויס־געלאָזט טאַקע אויף דער רעכטער אמת, וואָרום ביז וואָס ווען — זיינען מיר געקומען קיין כוואַסטעוו. געקומען קיין כוואַסטעוו, האָבן מיר קודם געטרונקען טיי, פיינטשיק פאַרביסן און גענומען שמועסן עסקי גאַנץ ערנסט. איז מיר אפילו תחילת געווען פריקרע די גאַנצע מעשה: וואָס פאַר א שדכן בין איך? און וואָס פאַר א מחותן בין איך מיט פרעמדע רשימות? וואָרום אז מע וויל, הייסט דאָך דאָס גזילה! עלעהיי יענער האָט פאַרלוירן א טייסטער מיט געלט, און איך האָב אים אויפגעהויבן. נאָר אז מע וויל דאָס אייגענע צוריק — מה רעיש? ממה־נפשך, וועט זיך אויספּיקן, איז יחלוקו! איך בין דאָך נישט קיין פעלד־גזלן, וואָס

איך זאָל פאַרלאַנגען פּרעמדס. הקיצור, ס'איז ביי מיר געוואָרן רעכט פון אַלע זייטן, און ס'איז געבליבן, אַז מיר לאָזן זיך ביידע אין וועג אַריין, ער קיין יאַרמעלינעץ, איך קיין יאַמפּעלי. אָפּגעשמועסט האָבן מיר אַזוי: אַז איך וועל קומען אויפן אָרט, זאָל איך קודם חוקר ודורש זיין, וואָס איז די מעשה, וואָס האָט דער משה־ניסל קימבאַק יאָגט זיך אַזוי אַ שידוך טאָן, און אַז איך וועל באַטראַכטן די שטוב, און דאָס קרן וועט מיר געפעלן, זאָל איך אים קלאַפּן אַ דעפּעש קיין יאַרמעלינעץ כך וכך, וועט ער מיר צוריק קלאַפּן אַ העפּעש כך וכך, וועט מען זיך צונויפפאָרן מסתמא קיין זשמערינקע אָנקוקן זיך, און אויב ס'איז אַ זיווג, וועט זיין אַ שידוך. „דער עיקר, זאָגט ער מיר, דאַרפט איר זען, רב מנחם־מענדל, נישט זשאַלעווען קיין הוצאות, קלאַפּן דעפּעשן, וואָרום ביי אַ שידוך, זאָגט ער, איז דער עיקר דעפּעשן... אַ מחותן, זאָגט ער, אַז ער דערזעט אַ דעפּעש, כאַפּט אים אַוועק דער רוח”... ס'איז געקומען צום שפּיץ, ביים נעמען בילעטן — לאָזט זיך אויס, אַז מיין לאַנד־שדכן הב אָשרן פּעלט אויס אויף הוצאות. „ער האָט זיך, זאָגט ער, אויסגעטער בראַכט ביז דער לעצטער פּרוטה אויף דעפּעשן מיט טעלעגראַמעס. איך זאָלט עס פּאַרדינען, זאָגט ער, אַלע חודש, וואָס מיך קאָסט אָפּ אַ וואָך דעפּעשן מיט טעלעגראַמעס”. דו פאַרשטייסט? אָט אַזאַ פּרנסה איז דאָס שדכנות! בקיצור, דער פּאַיעזד הערווייל שטייט נישט, איך האָב געמוזט אויסליגן מיינע עטלעכע קערבלעך, וואָרום איבער הוצאות צעגייט זיך קיין געשעפט נישט. מיר האָבן זיך געביטן מיט די אדריי סים, גאַנץ פיין זיך אָפּגעזעגנט און צעפאָרן זיך, ער קיין יאַרמעלינעץ, און איך קיין יאַמפּעלי.

געקומען קיין יאַמפּעלי, האָב איך, ראשית חכמה, אָנגעהויבן חוקר ודורש זיין: „ווער איז אָט דער משה־ניסל קימבאַק?” זאָגט מען מיר: „חוץ זיין שאָדן אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן”... — „האָט ער עפּעס אַ סך קינדער?” זאָגט מען מיר: „אַ סך קינדער האָט אַן אָרעמאַן, און אַ נגיד האָט מער נישט ווי איין קינד”... — „וואָס פאַר אַ קינד?” זאָגט מען מיר: „אַ טאָכטער”. — „עפּעס אַ היבשע טאָכטער?” זאָגט מען מיר: „מע קאָן פון איר מאַכן צוויי”... — „גיט ער עפּעס אַ סך נדן?” זאָגט מען מיר: „וויפל ער גיט, איז ער נישט קראַנק צו געבן צוויי מאָל אַזוי פיל”... הייב איך אָן טאַפּן: „פאַר וואָס?” טאַפּ אַהין, טאַפּ אַהער —

סע טאפט זיך נישט. טו איך אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און לאָז מיך נייִן גלייך צו דעם האָזיקן מחותן.

מילא, איך זאָל דיר באַשרייבן אַ שטוב, איז נישט שייך. אַ גבֿיר־דישע שטוב פֿון כּל טוב, און מענטשן — דימענטן. געזאָגט ווער איך בין און וואָס איך בין געקומען, האָט מען מיך אויפֿגענומען כּיד המלך, מכבד געווען מיט זיסן טיי, מיט צוקער־לעקעך און מיט שמעקנדיקן אתרוגים־אײַנגעמאַכטס,און גוטן ווישניק אַ פֿלעשל אָנגעשטעלט. דער מחותן אַליין, משה־ניסל הייסט ער, איז מיר געפֿעלן אין־לשער: אַ צו־געלאָזטער מענטש, אַ מזג־טובֿ,מע קען זאָגן — אַ מענטש אָן אַ גאַל. אויך די מחותנתטע, ביילע־לאה הייסט זי, איז מיר געפֿעלן געוואָרן פֿונעם ערשטן קוק. אַ שיינע ייִדענע מיט אַ גוידער, אַ שטילע, אַ צדיקית. ביידע האָבן זיך גענומען אויסטאַפּן בײַ מיר, ווער איז דער צד שכנגדו, האָט ער עפּעס אַ ווילן זון, און וואָס קען ער? וואָס זאָל איך זיי זאָגן, אַז איך ווייס אַליין אויך נישט? נאָר אַ ייִד אַ למדן גיט זיך אַן עצה. רוף איך מיך אָן צו זיי: „לאָמיר נאָר פֿאַרטיק ווערן מיט איין צד, וועלן מיר נאָכדעם שמועסן פֿונעם אַנדערן צד; ראשית, זאָג איך, וויל איך וויסן אַקוראַט, וויפֿל גיט איר? והשנית, וואָלט איך וועלן אָנקוקן דאָס קרן". דערהערט אַזעלכע דיבורים, רופֿט זיך אָן דער מחותן, משה־ניסל הייסט ער, צו דער מחותנתטע, ביילע־לאה הייסט זי: „וווּ איז ערגעץ סאָניטשקע? רוף זי נאָר אַרײַן". — „סאָניטשקע טוט זיך נאָך אָן", — מאַכט צו אים די מחותנתטע, ביילע־לאה הייסט זי, הייבט זיך אויף און גייט אַוועק אין צווייטן חדר אַרײַן, און איך מיטן מחותן, מיט משה־ניסלען הייסט ער, בלײַבן איבער אין צווייען, גענומען צו קאַפּלען ווישניק, פֿאַרבײַסן מיט אתרוגים־אײַנגעמאַכטס און מע שמועסט. פֿון וואָס שמועסט מען? — לאָמיך אַזוי וויסן בייז, נעכטיקע טעג, אויפֿן הימל אַ יאַריד. „שוין לאַנג אַז איר זענט אַ שדכן?" — מאַכט ער צו מיר און גיסט מיר אָן נאָך אַ גלעזל ווישניק. „פֿון נאָך דער חתונה אָן, זאָג איך אים, מײַן שווער, זאָג איך, איז אַ ייִד אַ שדכן און מײַן טאַטע, זאָג איך, איז אויך געווען אַ שדכן, אַלע מײַנע ברידער זײַנען שדכנים, כּמעט די גאַנצע משפּחה אונדזערע, זאָג איך, באַשטייט פֿון שדכנים"... אָט אַזוי האָב איך אים איין ליגן נאָכן אַנדערן און פֿאַרקרים מיך אפֿילו נישט, נאָר איך פֿיל, אַז עס פֿלאַמט מיר דאָס פּנים. איך ווייס אַליין נישט, פֿון וואַנען עס האָבן זיך צו מיר גענומען אַזוי פֿיל שקרים! אַ ברירה האָב איך געהאַט? ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: „אַז מע קריכט אַרײַן אין אַ בלאָטע, קריכט מען ווײַטער"... געפֿעלט האָב איך בײַ זיך,

ווי איך האָב דיר שוין אויבן געזאָגט, אז דער אויבערשטער וועט מיך באַגליקן און איך וועל דורכבערעכן אַט דאָס דאָזיקע געשעפט, וועל איך מיין חלק פאַרדינסט, אם ירצה השם, גאָר אָן א שום תירוץ, טיילן אויף דער האַלב מיט יענעם שדכן, מיט דעם לייבל לעבעלסקין הייסט עס, וואָס האָט פאַרגעסן אויף דער אכסניא זיין פעקל מיט כתבים. וואָס האָב איך צו אים? איי, על־פי יושר קאָן מען אפשר צופסקענען, אז מיין חלק רח״ש געהער אינגאַנצן צו אים, צו לעבעלסקין הייסט עס? איז דער תירוץ: און ווו בין איך? איך בין דאָך דאָ, אייגנטלעך, דער גאַנצער גורם. און מיין אַרבעט איז שוין גאָרנישט ווערט? און האָקן שקרים פון יענעמס וועגן בין איך, דאַכט מיר, אויך נישט מחויב. און ווער ווייסט, אפשר האָט גאָט אַזוי געפירט, אז ער זאָל פאַרלירן און איך זאָל געפונען, און אין מיין זכות זאָלן דריי ייִדן פאַרדינען געלט?

אין די דאָזיקע מחשבות עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין די מחותנתטע ביילע־לאה הייסט עס, און תיכף נאָך איר — סאָניטשקע, די כלה הייסט עס. א שיינע, א הויכע, א געזונטע און אַן אַסאַבע, אַזוי ווי די מאַמע אירע. „נו, א וווקס, און ברייט, קיין עין־הרע! — טראַכט איך מיר. — נישט קיין סאָניטשקע, נאָר טאַקע א גאַנצער סאָניטשניק!“... אָנגעטאָן גייט זי, די כלה הייסט עס, עפּעס מאָדנע, אין א לאַנגן קאַפּאָט, א בונדע אַזעלכע, זעט אויס מער ווי א ווייבל, נישט מחמת אַלטקייט, נאָר מחמת ברייטקייט, סכנת נפשות! מע וואָלט באַדאַרפט מיט איר עפּעס א שמועס טאָן, זעען, וואָס ס'איז פאַר א חיה, — לאָזט ער נישט, דער פֿאָטער הייסט עס. ער האַלט אין איין רעדן, באַשיט מיך מיט רייד. פון וואָס, מיינסטו, רעדט ער? פון יאַמפּעלי. וואָס פאַר א שטאָט דאָס איז, א שטאָט פון באַרעדערס, נישט קיין פאַרגינערס, שונאים אין לעבן אַריין, איינער דעם אַנדערן וואָלט דערטרונקען אין א לעפל וואַסער! וכדומה אַזעלכע פּוסטע רייד. א דאַנק דער מחותנתטע, ביילע־לאהן הייסט עס, זי מישט זיך אַריין און טוט א זאָג צום מאַן: „משה־ניסל, אפשר וואָלט גענוג געווען רעדן? לאָז זיי בעסער סאָניטשקע שפּילן אויפן פּערטיפּיאַן“. „ביי מיר האָסטו געפּועלט“, — ענטפערט איר דער מחותן, משה־ניסל הייסט עס, און גיט א ווונק צו דער טאָכטער. גייט צו די טאָכטער צום פּערטיפּיאַן, זעצט זיך אַוועק, עפנט אויף א גרויס בוך און קלאַפּט מיט די פינגער אויף וואָס די וועלט שטייט. רופט זיך אָן צו איר די מאַמע, ביילה־לאה הייסט עס: „סאָניטשקע, וואָס טויג דיר טיודען? שפּיל זיי בעסער „יעכאל קאָזאַק זאַ דונאַיעם“, „הייסע באַבקעלעך“, אָדער גאָר „המבדיל“... „פּאָזשאַ־

לעסטע, מעשׂאיע נישט", — ענטפֿערט איר סאַניטשקע און מאַכט מיט די פֿינגער איבערן פּערטיפֿיאַן אַזוי גיך, אַז דאָס אויג איז גאָרנישט אימשטאַנד צו כאַפּן, און די מחותּנתטע, ביילע־לאה הייסט עס, בשעת־מעשׂה לאָזט נישט אַראָפּ פֿון איר קיין אויג, ווי איינער רעדט: „איר זעט פֿינגער?"... און ווי זי שפּילט אַזוי, גליטשן זיך אַרויס פֿון חדר מיין מחותּן מיט דער מחותּנתטע, און איך בלייב אַליין מיט דער כּלה, מיט סאַניטשקען הייסט עס, — אויף פֿיר אויגן. „איצט איז אַ צייט, טראַכט איך מיר, מאַכן מיט איר אַ שמועס; לאָמיר כאָטש הערן, צי זי קען רעדן". נאָר פֿון וואָס הייבט מען אָן? לאָז מיך אַזוי ווייסן אַ בייזע וועטשערע! הייב איך זיך אויף פֿון אָרט און גיי צו און שטעל זיך אַוועק הינטער אירע פּלייצעס און רוף מיך אָן צו איר: „האָט קיין פּאַריבל נישט סאַניטשקע, וואָס איך שלאָג אייך איבער אין מיטן דער שפּיל. איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פֿרעגן"... דרייט זי זיך אויס צו מיר מיטן פּנים און קוקט אויף מיר בייז און מאַכט צו מיר אויף רוסיש: „נאַפּרימער?"... „נאַפּרימער, זאָג איך, איך האָב אייך געוואָלט פֿרעגן, וואָס איז אייער באַנער? דאָס הייסט, וואָס פֿאַר אַ מין חתן, אַשטיינער, וואָלט איר געוואָלט, מע זאָל אייך געבן?" „ווידיטע, — מאַכט זי צו מיר שוין אַביסל וויכער און לאָזט אַראָפּ די אויגן, — סאַבסטווענאָ וואָלט איך געוואָלט אַ געקאָנטשעטן, נאָר איך ווייס, אַז סע איז פֿאַנאַפּראַסנאַ, וואָלט איך וועלן, פּאָ קראַינעי מערע, ער זאָל זיין אַן אָבראַזאָוועטער, וואָרום כאָטש אונדזער יאַמפּעלע סטשיטאַיעט זיך אַ פּאַנאַטיטשעסקי שטאָט, פֿונדעסטוועגן האָבן מיר ניעסמאָטריאַ אַלע פּאָלוטשעט רוסישע אָבראַזאָוואַניע, און כאָטיאַ מיר פּאָסיעשטשאַיען נישט קיין אוטשעבנע זאַוועדעניעס, פֿונדעסטוועגן וועט איר נישט געפֿינען ביי אונדז איין באַרישניע, וואָס זאָל נישט זיין זנאַקאָמע מיט עמיל זאָלאַ, מיט פּושקינען און אפֿילו דאַזשע מיט גאָרקין"... אַזוי מאַכט צו מיר די דאָזיקע יפֿהפֿיה, סאַניטשקע הייסט עס, און רעדט, און רעדט צו מיר האַלב אויף ייִדיש, האַלב אויף רוסיש, דאָס הייסט, מער אויף רוסיש, ווי אויף ייִדיש. און אין דעם קומט אָן די מחותּנתטע, ביילה־לאה הייסט עס, רופֿט אַוועק די כּלה, ווי איינער רעדט: „אַלצדינג דאַרף זיין מיט אַ מאָס"... און עס קומט אַריין דער מחותּן, משה־ניסל הייסט עס, און מיר זעצן זיך אַוועק מיט אים ווידער אין צווייען שמועסן מכּוח שידוך: וויפֿל גיט ער נדן, וווּהין זאָל מען זיך צונויפֿפֿאָרן מאַכן אַן אָנקוקעניש, אויף ווען זאָל מען אָפּשטעלן די חתונה, וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען שייך צום ענין.

און איך הייב מיך אויף און וויל גיין אויף דער סטאַנציע קלאַפּן א

טעלעגראַם, נעמט ער מיך, משה־ניסל הייסט עס, פאַר א האַנט און
מאַכט צו מיר: „איר וועט נישט גיין, רב מנחם־מענדל! איר וועט פריער
עסן מיט אונדז וואַרעמס, איר קערט אוודאי זיין הונגעריק". און מע
גייט זיך וואַשן און מע זעצט זיך אוועק עסן און מע נעמט צו גלעזלעך
וויישניק, און ער, דער מחותן הייסט עס, די גאַנצע צייט — דאָס מויל
מאַכט זיך אים נישט צו: יאַמפּעלי, יאַמפּעלי און יאַמפּעלי... „איר ווייסט
נישט, זאָגט ער, וואָס פאַר א שטאָט דאָס איז! א שטאָט פון לידיק־
גייערס און באַרעדערס. איר זאָלט מיך פאָלגן, זאָגט ער, וואָלט איר זיך
געהאַלטן פון דערווייטן, נישט גערעדט מיט קיינעם א וואָרט. איר זאָלט
זיי, זאָגט ער, נישט דערציילן קיין מעשות, ווער איר זענט און פון וואַ־
נען איר זענט און וואָס איר טוט דאָ, און מיין נאָמען זאָלט איר זיי
אפילו גאָר נישט מזכיר זיין, גלייך ווי איר קענט מיך גאָרנישט. איר פאַר־
שטייט, רב מנחם־מענדל? א י ר ק ע נ ט מ י ך ג אָ ר נ י ש ט!" אזוי
זאָגט ער מיר און אפשר אַ מאָל צען, און איך גיי אוועק, קלאַפּ א דעפּעש
צו מיין שותף קיין יאַרמעלינעץ, אזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, און
שרייבן שרייב איך אים גאַנץ דייטלעך, בזה הלשון: „ט אָ וו א ר
אָ ס מ אָ ט ר ע ל, פּ ע ר וו י ס אָ ר ט. ש ע ס ט ט י ס י אַר
ט ש י. ט ע ל ע ג ר א מ י ר ו י ט ע ס ק אָ ל ק אָ נ אַ פּ ר אָ־
ט י וו. ג ד י ע ס י ע ב אַ י ע מ ס י אַ". קומט מיר אָן פון מיין שותף
אויף מאָרגן א תשובה, מאָדנע פאַרשטעלט: „א ו פּ י ר א ל ס י א ד ע־
ס י א ט. נ א פּ ר אָ ט י וו פּ אָ ל אָ וו י נ ע ש ע ס ט. ר א ב אָ ט א י ט י ע
נ א ב א וו ק ע. ס אָ ג ל א ס ע ן ז ש מ ע ר י נ ק ע. ט אָ וו א ר
פּ ר י מ ע ט ע ל ע ג ר א מ י ר ו י ט ע". לויף איך אוועק צו מיין
מחותן, צו משה־ניסלען הייסט עס, און ווייז אים די דעפּעש און בעט אים,
ער זאָל מיר פאַרטייטשן דעם פּסוק, וואָרום איך פאַרשטיי נישט איין וואָרט.
לייענט ער דורך די דעפּעש און מאַכט צו מיר: „ייד! וואָס פאַרשטייט
איר דאָ נישט? ס'איז דאָך יאַוונע ויאַסנע. ער וויל, פאַרשטייט איר מיך,
אַז איך זאָל געבן צען, וועט ער מיר געבן אַקעגן די העלפט פון זעקס,
דאָס הייסט, דריי טויזנט. שרייב זשע אים אוועק, זאָגט ער, אַז ער איז
שוין צו קלוג. ס'איז, זאָגט ער, קורצע דיבורים: וויפל ער גיט, לייג איך
אַקעגן צוויי מאָל אזוי פיל. און שרייבט אים, זאָגט ער, ער זאָל נישט
מעדליוועץ, טאַקע מיט דעם לשון, זאָגט ער, שרייבט אים, וואָרום עס קאָן
זיך אונטערכאַפּן אַן אַנדערער". פאָלג איך אים און קלאַפּ אוועק מיין
שותף אַזאַ דעפּעש: ק אָ ר אָ ט ק י ס ל אָ וו א. ס ק אָ ל ק אָ ד א־
י אָ ט ק ל א ד ו נ א פּ ר אָ ט י וו ד וו א ר א ז א ב אָ ל ע י ע.

נע מיִדליוואַם. פּאָדכוואַטימסיאַ דרוגאָי". — באַ־
קום איך פון מיין אַשרן אַ תשובה, ווידער פאַרשטעלט: „סאָגלאַסען
דוואַ ראַזאַ מיענעיע וויגאָוואָראָם. טיסיאַטשאַ
נאַזאַד. טאָוואַר נאַכאָדקאַ". לויף איך ווידער אַוועק
מיט דער דעפּעש צו מיין מחותן. זאָגט ער מיר ווידער אַמאָל: „ס'איז
יאָוונע וויאַסנע. אייער שותף, זאָגט ער, שרייבט, אַז ער איז מסכים צו
ליגן פונקט אַ העלפט, נאָר מיט אַ תנאי — טויזנט צוריק, דאָס הייסט
אַזוי: ווען איך, למשל, וועל געבן, זאָגט ער, צען, דאַרף ער דאָך געבן
פינף; וויל ער אָפּציִען איינס צוריק, וועט אויסקומען, זאָגט ער, אַז איך
גיב טאַקע צען, און ער וועט מער נישט געבן ווי פיר. אַ ייִד אַ חכם, זאָגט
ער, אייער מחותן; ער וויל מיך אָפּשווינדלען פון קאָפּ ביז פיס. איך בין
אָבער, זאָגט ער, אַ סוחר און פאַרשטיי אַ געשעפט. איך וועל אים בעסער
געבן, זאָגט ער, צוויי מאָל אַזוי פיל און מיט טויזנט מער, איידער ער
זאָל מיר געבן די העלפט און מיט טויזנט ווייניקער. וועט דאָס אויסקומען,
זאָגט ער, אַזוי: וועט ער געבן דריי, גיב איך קעגן זיבן, וועט ער געבן
פיר, ליי איך ניין; וועט ער געבן פינף, לייג איך עלף. האָט איר עס,
זאָגט ער, געקייט? גיט זשע, זאָגט ער, טאַקע באַלד און שרייבט אים
אַוועק אַ סטראַשנע, ער זאָל נישט פאַרציִען אין דער לאַנגער באַנק, און
לאָז ער אייך, זאָגט ער, ענטפערן אויך מיט אַ סטראַשנע, אַז מע פאַרט
זיך צונויף — און אַן עק לאָז עס האָבן!"

לויף איך אַוועק און קלאַפּ מיין אַשרן אַ סטראַשנע דעפּעש:
„דאַסט טרי קלאַדיאַט סעם. דאַסט טשיטיערי
קלאַדיאַט דעוויאַט. דאַסט פּיאַט קלאַדיאַט
אַדינאַצאַט. נע טיאַנוט דלינעסקאַמייקע.
סטראַשיטע וועיעכאַיעם". — קומט מיר אָן צוריק
אַ סטראַשנע דעפּעש, נישט מער ווי צוויי ווערטער: „וועיעכאַיעם:
וועיעכאַיטע".

ווען קומט אָן אַזאַ וואַזשנע דעפּעש? — מסתמא ביינאַכט. און
דו דאַרפסט שוין אַליין פאַרשטיין, אַז שלאָפן האָב איך די נאַכט שוין
נישט געקאָנט. איך האָב גענומען רעכענען, וויפל, אשטייגער, וועט זיך
אָקאַרשט אָננעמען אויף מיין חלק, ווען, למשל, חער אויבערשטער העלפט
מיר, איך פיר אויס דאָס גאַנצע צעטל מיט שידוכים, וואָס דער ליבע
לעבעלסקי האָט פאַרלוירן? ביי קאָט איז דען נישט מעגלעך? אָפּגעעקט

איז בײַ מיר געוואָרן פֿעסט, אַז יהיה רצון השם, אַז איך פֿיר דורך דעם האָר־ דאָזיקן עסק, שליס איך מיט מײַן אשרן אַ שטענדיקע שותּפֿות. וואָרום ער געפֿעלט מיר פֿאַר זייער אַ בראַוון מענטשן, און טאַקע אַ מוצלח אויך. און פֿאַרשטייט זיך, אַז אַט דער ליבע לעבעלסקי וועט אויך נישט זײַן געד פֿרייוודעט. וואָס האָב איך צו אים? געבעך אויך אַ ייד אַן אָרעמאַן און אַ מטופּל מיט קינדער... קוים דערלעבט טאָג, האָב איך אָפּגעדאַוונט און בין אוועק צו מײַנע מחותּנים, זיי באַווייזן די דעפּעש. האָבן זיי באַלד געהייסן געבן קאַווע מיט פּוטער־געבעקס, און סע איז געבליבן, אַז טאַקע דעם איינע־ נעם טאָג פֿאָרן מיר אַרויס זאָלבעפֿערט קיין זשמערינקע. נאָר בכדי יאמר פּועלי זאָל נישט זײַן קשה, וואָס פֿאָרן מיר עפּעס אַלע פֿיר אינייִנעם, — האָבן מיר געמאַכט אַזוי, אַז איך זאָל אַרויספֿאָרן מיט אַ פּאָיעזד פֿריִער, און זיי — מיט אַ פּאָיעזד שפּעטער; און דערווײַל זאָל איך פֿון זײַערט־ וועגן דאָרטן צוגרייטן עפּעס אַ רעכטע סטאַנציע, הייסן מאַכן וועטשערע, ווי גאָט האָט געבאָטן. און כך הווה. איך בין געקומען קיין זשמערינקע פֿריִער פֿאַר אַלעמען, פֿאַרפֿאָרן אויף דער שענסטער אַכסניא, טאַקע די איינציקע אין זשמערינקע, מיטן נאָמען „אָהעסקי גאָסטינעץ", זיך באַקענט, תּאשית חכמה, מיט דער באַלעבאָסטע, זייער אַ ווילע ייִדענע, אַ מכניס־ אורחטע, און איך טו זי אַ פֿרעג: „וואָס איז בײַ אײַך דאָ וואָס צו עסן?" — זאָגט זי: „וואָס ווילט איר?" — זאָג איך: „פֿיש איז בײַ אײַך דאָ?" — זאָגט זי: „מע קאָן קויפֿן". — זאָג איך: „נו, און אַ יויך?" — זאָגט זי: „מע קאָן צושטעלן אַ יויך אויך". — זאָג איך: „מיט וואָס? מיט לאָקשן, צי מיט רייז?" — זאָגט זי: „אַפֿילו מיט מאַנדלען". — זאָג איך: „נו, און אַ שטייגער, כּדומה למשל, געבראָטענע קאַטשקעס?" — זאָגט זי: „פֿאַר געלט קריגט מען קאַטשקעס אויך". — זאָג איך: „און טרינקען?" — זאָגט זי: „וואָס טרינקט איר?" — זאָג איך: „ביר איז דאָ?" — זאָגט זי: „פֿאַרוואָס זאָל נישט זײַן?" — זאָג איך: „נו און ווײַן?" — זאָגט זי „אַבי געלט". — „אויב אַזוי, זאָג איך, טאָ זייט זיך מטריח, מײַן ליבע ייִדענע, און קאָכט וועטשערע אַזוי גרויס ווי אויף אַכט פּאַר־ שוין". — זאָגט זי: „פֿון וואַנען האָבן זיך בײַ אײַך גענומען אַכט, אַז איר זענט סך־הכּל איינער?" — זאָג איך: „אַ מאָדנע ייִדענע! וואָס גייט אײַך אָן? מע זאָגט אײַך אַכט, איז אַכט". און אַזוי ווי מיר רעדן, קומט אָן מײַן שותּף, רב אשר הייסט ער, און פֿאַלט אַרום קושן מיך און קאָלדזשן, ווי אַן אייגענער טאַטע: „האָס האָרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, זאָגט ער, אַז איך וועל אײַך טרעפֿן דאָ, אינעם „אָהעסקי גאָסטינעץ! גע־ פֿינט זיך דאָ עפּעס, זאָגט ער, וואָס צו נעמען אין מויל אַרײַן?" — „אַט־

נאָר־וואָס, זאָג איך, האָב איך באַשטעלט א וועטשערע ביי דער באַלע־באָסטע אויף אכט פּאַרשוין". — „וואָס איז שייך וועטשערע? — זאָגט ער. — וועטשערע איז זיך וועטשערע, נאָר ביז די מחותנים פון ביידע צדדים וועלן זיך אמאָל אויסקראַצן קומען, זיינען מיר, זאָגט ער, נישט מחויב דערווייליע צו פאַסטן. איך זע, זאָגט ער צו מיר, איר זענט דאָ א היימישער, הייסט זשע, זייט מוחל, מע זאָל אונדז גרייטן צום טיש און מע זאָל אונדז געבן בראָנפן מיט עפּעס פּליישיקס צו פאַרבייסן. עס חלשט מיר, זאָגט ער, דאָס האַרץ מסוכן נפש!" — אזוי זאָגט צו מיר רב אָשר און מאַכט נישט קיין שהיות און גייט אין קיך אריין זיך וואַשן, באַקענט זיך מיט דער באַלעבאָסטע, הייסט געבן צום טיש וואָס ס'איז דאָ, און מיר זעצן זיך אוועק ביידע צו דער סעודה גאַנץ ברייטלעך, און רב אָשר דערציילט מיר עסנדיק די נסים ונפלאות, ווי אזוי ס'איז אים געראָטן, ער האָט געשפּאָלטן דעם ים, קוים געפּועלט ביי דעם דאָזיקן מיוחס, ער זאָל געבן די ג' אלפים ר"ך. „וואָס הייסט, זאָג איך, ג' אלפים? מיר האָבן דאָך געשמועסט נישט ווייניקער פון פיר טויזנט?" — „לאָזט אייך דינען, זאָגט ער, רב מנחם־מענדל, איך ווייס, וואָס איך האָב צו טאָן. איך היים רב אָשר! איר דאַרפט וויסן, זאָגט ער, אז מיין מיוחס האָט בסך־הכל חשק געהאַט ליגן כנגדו גאָרנישט מיט גאָרנישט, וואָרום ער איז אליין א גרויסער מיוחס, זאָגט ער, און האָט א ווייב נאָך א גרעסערע. און אז ער זאָל וועלן, זאָגט ער, א שידוך טאָן מיט אבי־וועמען, וואָלט מען אים נאָך, זאָגט ער, צוצאָלן אין ביטל אריין... בקיצור, איך האָב, זאָגט ער, גענוג געהאָרעוועט, געהאַקט האָלץ, און קוים מיט צרות, מיט אַנגסטן געפּועלט, ער זאָל געבן לכל הפּחות ב' אלפים."

„וואָס הייסט, זאָג איך, ב' אלפים? איר האָט דאָך נאָר־וואָס, זאָג איך געזאָגט ג' אלפים?" זאָגט ער מיר ווידער: „לאָזט אייך דינען, רב מנחם־מענדל, איך בין אן עלטערער שדכן פון אייך און איך היים רב אָשר. לאָזן זיך נאָר די צדדים צונויפפאָרן, און חתן־כלה וועלן זיך אָנקוקן, וועט אם ירצה השם אלצדינג זיין אָגיל ואשמח. איבעריקע טויזנט קאַרבן צעגייט זיך, זאָגט ער, ביי מיר קיין שידוך נישט. איך היים, פאַרשטייט איר מיך, רב אָשר! איין פּרט, זאָגט ער, איז דאָ יאָ פאַראַן, וואָס סע קוועטשט מיך". — „דהיינו וואָס, זאָג איך, קוועטשט אייך? — מיך קוועטשט, זאָגט ער, דער פּריזיוו. איך האָב איינגערעדט, זאָגט ער, דעם מחותן מיינעם, אז ביי אייער משה־יאָסלען איז טאַקע נאָך א גאָר יונג קינד, בלוט און מילך, נאָר ער הערט דעם פּריזיוו פאַר דריי גראָשן, שוין געפּטרט דעם פּריזיוו"...

„וואָס בעבעט איר, רב אָשר? — רוף איך מיך אָן צו מיין שותף. — וואָסער פּריזיוו, וואָסערע לאָקשן?" — זאָגט ער צו מיר ווידער אמאָל:

„לאָזט אײַך דינען, רבֿ מנחם־מענדל, איך הייס רבֿ אָשר!"... „איר מעגט אײַך הייסן אַכצן מאָל רבֿ אָשר, זאָג איך, פֿאַרשטיי איך אַלץ ניִשט, וואָס איר רעדט! עפּעס בעלעבעטשעט איר מיר: „פּריזיוו", „שמיזיוו" — פֿון וואַנען האָט זיך גענומען צו מײַן משה־ניסלען אַ פּריזיוו? אַ נקבֿה האָט שוין דען אויך אויף זיך אַ פּריזיוו?"... מאַכט צו מיר אָשר: „וואָס הייסט — אַ נקבֿה? און ווו איז אײַער משה־ניסלס בחור?"... „פֿון וואַנען זאָג איך, האָט זיך גענומען צו משה־ניסלען אַ בחור, אַז ער פֿאַרמאָגט בסך־הכּל זײַן אייגנס אַ טאָכטער אַ בת יחידה, איין און איינציקע הייסט עס?" — „איז די משמעות, זאָגט ער, אַז בײַ אײַך איז אויך אַ בתולה? ס'טײַטש, זאָגט ער, מיר האָבן דאָך גאָר געשמועסט עפּעס וועגן אַ חתן!"... „אוודאי, זאָג איך, אַ חתן! איך האָב אָבער גאָר אַנדערש ניִשט געריכנט, זאָג איך, אַז חתנס צד — דאָס זענט איר!"... „פֿון וואַנעט איז געדרינגען, זאָגט ער, אַז חתנס צד, — דאָס בין איך?"... „פֿון וואַנעט איז געדרינגען, זאָג איך, אַז חתנס צד — דאָס בין איך?"... „פֿאַרוואָס־זשע, זאָגט ער, האָט איר מיר ניִשט מזכּיר געווען, אַז בײַ אײַך איז אַ בתו־לה?"... זאָג איך: „נו, און איר האָט מיר מזכּיר געווען, אַז בײַ אײַך איז אַ בתולה?"... ווערט ער אין כּעס און מאַכט צו מיר: „ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, מנחם־מענדל? איר זענט אַזוי אַ שדכן, ווי איך בין אַ רבֿ!" זאָג איך: „און איר זענט אַזוי אַ שדכן, ווי איך בין אַ רביצין!" אַ וואָרט פֿאַר וואָרט — ער מיר: „מלמד!" איך אים: „שקצן!" ער מיר: „שלימזל!" איך אים: „זולל־וסובאַניק!" ער מיר „מנחם־מענדל!" איך אים „שיכּורניק!"... פֿאַרדריסט דאָס אים, גייט ער און לאָזט מיר אַראָפּ אַ פּאַטש, גיי איך און פֿאָר אים אַרײַן אין באָרד — אַ שקאַנדאַל, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן!...

דו פֿאַרשטייסט? אַזוי פֿיל הוצאות און צײַט און טירחה. הײַנט די בזיונות! דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן אָנקוקן די האָזיקע שדכנים, וואָס האָבן באַוויזן אַ בריהשאַפֿט צונויפֿצופֿאָרן צוויי מיידלעך. איז אָבער אָט דער אָשר, פֿאַרכאַפּט זאָל ער ווערן, באַלד אַנטרונען געוואָרן, און מיך האָט ער איבערגעלאָזט איינעם אַליין זיך צערעכענען מיט דער באַלעבאָסטע פֿאַר דער וועטשערע, וואָס איך האָב באַשטעלט אויף אַכט פֿאַרשוין. אַ גליק, וואָס איך האָב מיך כאַטש באַצײַטנס אַרויסגעד־מאַכט, אײדער די מחותּנים מיט די צוויי כּלות זײַנען אָנגעקומען קיין זשמערינקע, וואָס מיט זיי האָט זיך דאָרט אָפּגעטאָן — ווייס איך ניִשט. נאָר איך שטעל מיר פֿאָר די בזיונות!... הײַנט גיי זײַ אַ נבֿיא, אַז אָט דער שדכן, ימח שמו זאָל ער ווערן, איז אַזאַ פּוסטע זאַך, אַ ווינטמיל, צו

אלדי שוואַרצע יאָר, וואָס רעדט און פּאַרט און פּליט און קלאַפּט דער־פּעשן — און וואָס לאָזט זיך אויס? צוויי בתולות!... איין מאָל פאַר אַלע מאָל, זוגתי היקרה, עס פּידלט נישט, כאָטש וואַרף זיך אַ לעבעדיקער אין וואַסער אַריין! און מחמת איך בין זייער דערשלאָגן פונעם דאַזיקן שי־דוך, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדערלעך זאָלן לעבן, וואָס איך בענק נאָך זיי שטאַרק, און שווער און שוויגער, און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ה ש כ ח ת י. גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. פאַרנדיק פון זשמערינקע, האָב איך געמיינט, אַז דער הימל איז שוין אויף מיר געפאַלן. נעכײַבי וואָלט איך געהאַט געניג אויף הוצאות, וואָלט איך שוין ווי־עס־איז הערשלעפּט זיך אַהיים, קיין כתריל־עווקע הייסט עס. האָב איך מיך אָבער אויסגערעכנט, אַז איך וועל מוזן בלייבן שטעקן ערגעץ אין וועג, כאָטש נעם, איל תפתח פה לשטן, און ציִ זיך אויס אויף די רעלצן! איז דאָך אָבער פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט. באַקען איך מיך אין וואַגאָן מיט עפּעס איינעם אַ שלאַק, אַן אַגענט אַן אינספּעק־טאָר, וואָס שטראַפירט מענטשן פונעם טויט, און ער הייבט מיך אָן צו־רעדן און זאָגט מיר צו הרים וגבעות, אַבי איך זאָל ווערן אַן אַגענט. וואָס איז דאָס אַזעלכעס אַן אַגענט און ווי אַזוי שטראַפירט מען מענטשן פונעם טויט — איז אַ סך צו שרייבן, און איך האָב שוין איצטיקס מאָל אַזוי אויך איבערגעכאַפּט די מאָס, לאָז איך עס איבער אויף אַן אַנ־דערש מאָל.

הנ"ל.

סוף פונעם פינפטן בוך.

שלום-עליכם

מנחם-מענדל — פֿון אַגענט

געשריבן אין יאָרן 1900-1909.

שלים־שלי־מזל

(מנחם־מענדל — אן אגענט)

מנחם־מענדל פון וועג צו זיין ווייב שיינע־שיינדל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה המשכלה מרת שיינע־שיינדל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסן, זוגתי היקרה, אז איך האב געמוזט עוקר זיין. אנטלויפן הייסט עס. איך האב מיך נאר וואס ארויסגעכאפט פון אן אומגליק, פון א גרויסן אומגליק! איך מעג בענטשן גומל, שיער־שיער בין איך אריין אין חד־גדיא אריין, און גאט ווייסט, מיט וואס איך וואלט אפגעשניטן. פון יעסטאנסקי ראטע איז גאר נישטא וואס צו רעדן, און אפשר נאך קאטארזשנע סיביר, כאטש איך בין אין דעם שולדיק גליך מיט דיר. ווי זאגט די מאמע דיינע: „שלים־שלימזל דורך טיר און דורך טויער"... איצט, אז דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן, איך האב מיך באצייטנס ארויסגעכאפט ווי פון א שרפה, האב איך מיך אוועקגעזעצט ארויסשרייבן דיר אין א בריוו אלצדינג באריכות, פונעם אנהייב ביזן סוף.

פון מיין פריערדיקן בריוו געדענקסטו דאך מן־הסתם, אין וואס פאר א פאלאזשעניע איך בין געווען נאך דעם שיינעם שידוך מיט די צוויי בתולות, נישט היינט געדאכט. איך האב דעמלט גערעכנט, ס'איז אן עק, אויס מנחם־מענדל. באדארף איך מיך באגעגענען מיט איינעם א פאר־שוין, אן אגענט אן אינספעקטאר פון „אקוויטעבל", וואס שטראפירט מענטשן פונעם טויט און האט דערפון פרנסה מיטן פולן מויל. ער האט מיר ארויסגענומען א ביכל און מיר באוויזן, וויפל מענטשן ער האט שוין פארשטראפירט פונעם טויט און וויפל מענטשן עס זיינען שוין ביי אים

געשטאָרבן. און דאָס איז אזא געשעפט, וואָס, אהדבה, וואָס מער מע שטאַרבט, איז אַלץ בעסער, סיי פאַר די טויטע, סיי פאַר די לעבעדיקע. וועסטו דאָך פרעגן: וואָס איז דער שכל? דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל. אשטייגער, נאַפּרימער, „אקוויטעבל" האָט גענומען און האָט מיך אָפּגע־שטראַפירט פונעם טויט אויף צענטויזנט קאַרבן. דאַרף איך צאָלן פאַר דעם סך־הכל אזעלכע צוויי־הונדערטער יאָר ביזן טויט. איז ממה־נפשך, שטאַרב איך אַוועק, חלילה, דאָס ערשטע יאָר — איז דיין גליק: צענטויזנט קאַרבן איז אַ מטבע. אלא וואָס דען, איך לעב? איז „אקוויטעבלס" גליק. דאַרטן דינען אַן אַ שיעור מענטשן, אגענטן, צום מינסטן — ייִדן, וואָס האָבן אויך ווייב און קינדער און דאַרפן אויך לעבן אויף דער וועלט. וואָס זשע אַרט דאָס מיך? דער חסרון איז, וואָס נישט איטלעכער קאָן זיין אַן אגענט. אַן אגענט דאַרף, ראשית חכמה, גיין אָנגעטאָן פיין, אָבער טאַקע וואָס פיין הייסט: אַ שיינעם גאַרניטער, אַ קאָלנער מיט מאַנקעטן, מעג זיין פּאַפּירענע, אבי ווייסע, אַ שניפּס אַ שיינעם, נו און אַ קאַפּעליש — שמועסט מען נישט. דער עיקר אָבער איז — שפּראַך. אַן אגענט מוז קענען שפּראַך. דאָס הייסט, ער דאַרף קענען רעדן, צורעדן, איינרעדן, איבעררעדן און פאַררעדן. אזוי לאַנג רעדן, ביז יענער זאָל זיך שוין מוזן שטראַפירן פונעם טויט — און מער דאַרף מען נישט. הקיצור, מיין פאַרשוין דער אגענט־אינספּעקטאָר האָט אַרויס־געזען אין מיר, אַז איך באַדאַרף זיין אַ גוטער אגענט, און אויסגעצייכנ־טער אינקוויזיטאָר.

איצט, זוגתי היקרה, דאַרף מע דיר קלאָר מאַכן, זאָלסט פאַרשטיין דעם חילוק צווישן אַן אגענט אַן אינספּעקטאָר און אַן אגענט אַן אינקווי־זיטאָר. אַן אגענט אַן אינקוויזיטאָר הייסט גלאַט אַן אגענט, וואָס שטראַ־פירט מענטשן פונעם טויט, און אַן אגענט אַן אינספּעקטאָר הייסט שוין אַן עלטערער אגענט, וואָס מאַכט אגענטן. היינט איז פאַראַן אַ „קרוזש־נאָי" אגענט־אינספּעקטאָר, וואָס מאַכט אגענטן־אינספּעקטאָרס. און אי־בער די אַלע אגענטן, אינקוויזיטאָרס, אינספּעקטאָרס און „קרוזשנאָי" אינספּעקטאָרס איז פאַראַן איינער, אַן אויבערהאַר איבער אַלע, וואָס מע רופט אים גענעראַל־אינספּעקטאָר. קיין עלטערער פון אים איז שוין נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז צו ווערן אַ גענעראַל מוז מען פריער זיין אַן אינקוויזיטאָר, נאָכדעם אַן אינספּעקטאָר, נאָכ־דעם אַ „קרוזשנאָי" אינספּעקטאָר, און אזוי ווייטער. און אַז גאָט העלפט, מע דערדינט זיך און מע ווערט אַ גענעראַל — איז מען שוין באַוואָרנט מיט פּרנסה אויפן גאַנצן לעבן. עס איז פאַראַן, זאָגט מיין פאַרשוין, גע־נעראַלן אזעלכע, וואָס פאַרלעבן אַ יאָר נישט ווייניקער פון דרייסיק־

טויזנט. הכלל, ער האָט מיך אָנגעהויבן צורעדן, איך זאָל ווערן אַן אַגענט. האָב איך מיך מיישב געווען: וואָס האָב איך דאָ איינצושטעלן. ממה־נפשך, וועט עס גיין, וועט עס גיין; אַלאַ נישט — איז אונה מקודשת. קיין פּוטער, זאָגט ער, ליג איך נישט אַריין. אַדרבה, איך באַקום נאָך, זאָגט ער, אַן אַוואַנס, דאָס הייסט, מע גיט מיר אַן אַדערויף פאַר מיין אַרבעט עטלעכע קערבלעך, איך זאָל האָבן דערווייל אויף הוצאות און אויף אויסקליידן זיך, און אויף צו קויפן זיך אַ פּאָרטפעל. אויב אַזוי, איז דאָך עס מאַכע נאָר נישקשה פון אַ קאָמבינאַציע! און איך האָב מיך געלאָזט איבערעדן און בין געוואָרן למזל אַן אַגענט.

נאָר נישט אַזוי גיך טוט עס זיך, ווי סע רעדט זיך, ווערן אַן אַגענט. דאַרף מען זיך זען קודם מיטן גענעראַל, וואָרום ביז דער גענעראַל שרייבט נישט אונטער — איז בלאָטע. און ער האָט מיך גענומען, דער אינספּעקטאָר הייסט עס, און האָט מיך מאַכע אויף זיינע אייגענע הוצאות געבראַכט צו פירן קיין אָדעס צו זייער גענעראַל און „אַקוויטעבל", וואָס האָט צו שאַפן אויף עטלעכע און צוואַנציק גובערניעס און האָט אונטער זיך, זאָגט מען, כמעט אַכצן הונדערט אַגענטן. מילא, איך זאָל דיר באַשרייבן די גרויסקייט פונעם דאָזיקן גענעראַל, איז נישט שייך. דאָס הייסט, ער אַליין איז דווקא נישט אַזאַ גרויסער, ווי דער טאַראַראַם איז גרויס, און אויגן האָט ער גרויסע, שאַרפע אויגן, און אַ פּנימל אַ ליכטיקס, און בעקלעך רויטע, און רופן רופט מען אים: י ע ו ו ז ע ר ע ל. דעם גענעראַלס קאַנטאָר פאַרנעמט אַ גאַנצע שטוב. חדרים, חדרים און חדרים. אַ כּך טישן מיט בענקלעך, מיט ביכער, מיט פּאַפּירן, און אַגענטן דרייען זיך אַרום, און סע גריבלט און סע שוויבלט, און דעפּעשן לויפן הין און צוריק — עס טוט זיך חושך! איידער מע דערשלאָגט זיך צום גענעראַל אַליין, דאַרף מען דורכגיין שבעה מדורי גיהנום. אַ טויטער בין איך געווען, אַז מע האָט מיך אַריינגעפירט צו דעם דאָזיקן יעווזערעל, כאָטש אַפילו ער האָט מיך דווקא געבעטן זיצן, מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס, אויסגעפרעגט ביי מיר, ווער איך בין און וואָס איך בין און וואָס איז מיין געשעפט? בין איך געגאַנגען און אים אויסדערציילט אַלצדינג, פונעם אָנהייב ביזן סוף, ווי אַזוי איך בין געפאָרן קיין סעשענעוו און פאַרבלאָנדזשעט קיין אָדעס, געהאַנדלט מיט „לאָנדאָן", און פון דאָרטן קיין יעהופּעץ, זיך געדרייט אַרום דער בערזע, געקויפט און פאַרקויפט „יקנה"ז" און „פּוטיוויל" און „ליליעפּוטן" און אַנדערע „פּאַפּירלעך" אין די מיליאָנען אַריין, און נאָכדעם, ווי איך בין, נישט היינט געדאַכט, געוואָרן אַ מעקלער פון צוקער און פון געלט, פון הייזער און פון אימעניעס, פון וועלדער און פון זאַוואָדלעך, און ווי אַזוי איך בין נאָכ־

דעם געוואָרן אַ שדכן, אפילו אַ שרייבער אויך, געדרייט, געברענט, גער פלאַקערט און! געטראַסקעט מיט דער גאַנצער וועלט, און דער סוף איז געווען, זאָג איך אים, נישט גוט — שלים־שלימזל דורך מיר און דורך טויער... אויסגעהערט מיך, שטייט אויף דער גענעראַל, יעוווזעהעל הייסט עס, לייגט אַרויף אויף מיר די האַנט און רופט זיך אָן צו מיר: „ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן, גאָספּאָדין מנחם־מענדל? איר געפעלט מיר; אַ נאָמען האָט איר אַ שיינעם, און רעדן, ברוך השם, קאָנט איר, איך זאָג אייך נביאות, אַז מיט דער צייט וועט איר זיין אַ גרויסער אַגענט, מאַקע גאָר אַ גרויסער! דערווייל באַקומט איר אַן אַוואַנס, פאָרט אַרום אויף דער וועלט, אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, דאָרט קאָן מען אייך אויסגעבונדן, און זייט מצליח"...

און כך הוה. איך האָב נאָר באַקומען פון זיי די עטלעכע קערבלעך, אַזוי האָב איך מיך באַלד אויסגעקליידט בגדי־מלכות. זאָלסט מיך זען, וואָלסטו מיך נישט דערקענט, און אַ פּאָרטפעל האָב איך מיר געקויפט אַ גרויסן, האָט מען מיר אָנגעפּאַקט אָהין ביכלעך מיט פּאַפּירן אַ גאַנצן טראַנספּאָרט, און איך האָב מיך געלאָזט אויף גאָטס וועלטל. קודם קיין בעסאַראַביע, אַ ווינקל פון פּרנסה! דאָרט, זאָגט מען, קאָן מען מאַכן געשעפטלעך, שטראָפירן און שטראָפירן. דאַרף זיך מאַכן אַזוי, אַז איך האָב יאָרצייט, כאַפּ איך מיך אַראָפּ מפּאָיעזד לפּאָיעזד אין אַ קליין שטעטל, עפּעס אַ העק צו אַלדי שוואַרץ יאָר. איך האָב גאָר נישט גער ווּסט, אַז דאָס שטעטל האָט אַ שם אויף דער וועלט מיט אירע שקצים, עזות פּנימער, מוסרים און יאַבעדניקעס. פאַרברענט וואָלט עס געמעגט ווערן איידער איך האָב עס דערקענט! נאָר אַז סע איז באַשערט אַן אומ־גליק — דאַרף איך אַקוראַט אָט דאָ, אין דעם שטעטל, האָבן יאָרצייט, און פאַל אַריין אין אַ בלאָטע, זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין! דאָס האָרץ האָט מיר אָבער טאַקע געזאָגט, אַז איך וועל דאָ גוט נישט אָפּשניידן. נאָר אַז מע דאַרף זאָגן קדיש, איז עפּעס אַ תירוץ? בין איך אַוועק גלייך אין בית־המדרש אַריין און קום אָן פּונקט צו מעריב. אָפּ־געדאַוונט מעריב, גייט צו מיר צו דער שמש און רופט זיך אָן צו מיר: „יאָרצייט?" — זאָג איך: „יאָרצייט". — מאַכט ער צו מיר: „פון וואַנעט איז אַ ייד?" — זאָג איך: „פון דער גאַרער וועלט". — „מה שמכם?" — זאָג איך: „מנחם־מענדל". — „קומט דאָך אייך שלום!". — און ער שטעקט מיר אָפּ אַ שלום־עליכם, און נאָך אים דער גאַנצער מנין. אַלע גיבן מיר אָפּ שלום, און עס ווערט אַרום מיר אַ רעדל, און מע הייבט אָן אויסטאַפּן ביי מיר, ווער איך בין און פון וואַנען איך בין און וואָס איז מיין טועכץ? זאָג איך זיי: „איך בין אַן אַגענט". — פרעגן זיי:

„פון וואָס אַן אַגענט? פון מאַשינעס?" — זאָג איך: „דווקא נישט. איך בין אַן אַגענט אַן אינקווידיטאָר פון „אַקווייטעבל". — זאָגן זיי: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק?" — זאָג איך: „איך באַוואָרן מענטשן נאָכן טויט". און איך גיב זיי צו פאַרשטיין דעם שכל, ווי אַזוי מע שטראָפירט מענטשן פונעם טויט. שטייען זיי אַרום מיר מיט אָפענע מײַלער, גלײַך ווי מע וואָלט זיי דערציילט — אויפן הימל אַ יאַריד. נאָר צוויי חברה־לײַט האָב איך באַמערקט צווישן זיי, איינער אַ הויכער, אַ דאַרער, אַן אויסגעבויגענער, מיט אַ נאָז אויך אַן אויסגעבויגענער און אַ גלאַנצנדיקער; אַ טבע האָט ער, אַז ער רעדט, צופּט ער די האָר פונעם בערדל איינציקווייז. דער אַנדערער — אַ נידעריקער, אַ ברייטער, אַ שוואַרצער, ווי אַ ציגײַנער, מיט איין אויג אַ שעלמיש, וואָס קוקט ביי אים קיין צפון־זײַט. ער מעג רעדן ווי ערנסט, ווײַזט זיך אויס, אַז ער שמייכלט. די דאָזיקע צוויי חברה־לײַט האָבן, אַפּנים, יאָ פאַרשטאַנען, וואָס הייסט שטראָפירן מענטשן פונעם טויט, מחמת זיי האָבן זיך עפּעס מאָדנע איבערגעקוקט מיט די אויגן און האָבן אַ זאָג געטאָן איינס צום אַנדערן אונטער דער נאָז: „סע וועט גיין אַ גאַנג"... איך האָב באַלד פאַרשטאַנען אין די צוויי פאַרשוינען, אַז זיי זײַנען נישט גלײַך צו אַנדערע; זיי פאַרשטייען אַן עסק, און מיט זיי קאָן מען שוין עפּעס מאַכן. און כך הווה, איך בין נאָר אַרויס פון בית־המדרש, גייען זיי מיר נאָך, די צוויי חברה־לײַט, פון הינטן, און מאַכן צו מיר: „וואָס לויפט איר אַזוי, רב מנחם־מענדל? שטייט אַ ווײַלע, מיר ווילן אײַך עפּעס פרעגן. אָט דאָ ביי אונדז, אין דער בלאָטע, ווילט איר מאַכן געשעפטן?"... — זאָג איך: „פאַר וואָס נישט?" — מאַכט צו מיר דער לאַנגער, דער, וואָס מיט דער אויסגעבויגענער נאָז: „צווישן אחינו בני ישראל?"... און דער, וואָס מיטן אויגל העלפט אים אונטער: „מיט יידן איז גוט קוגל עסן". — זאָג איך: „וואָס זשע איז דערצו די עצה?" — זאָגט דער לאַנגער: „האַנדלען זאָל מען מיט אַ פריץ". — „לעבן זאָלן די גויים"... — העלפט אים אונטער דער, וואָס מיטן אויגל. און אָט אַזוי גייען מיר און רעדן, און אַז מע רעדט, דערעדט מען זיך. עס לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז אָט די צוויי חברה־לײַט האָבן זייער אייגנס אַ פריץ אַ מאָלדאַוואַן, אַ רײַכן בעל־הגוף, וואָס זיי פאַרדינען ביי אים אָפט אַ קערבל. מיינען זיי, אַז אים וואָלט מען געקאָנט זייער שיין פאַרשטראָפירן... זאָג איך: „אַך, פאַר וואָס נישט? מיטן גרעסטן כבוד! אדרבה, זאָג איך, נעמט זיך צום עסק, און לאָמיר עס מאַכן יחדיו. איך בין, זאָג איך, נישט קיין אָזן להעשיר"... און עס איז געבליבן, אַז מאָרגן, אם ירצה השם, אין בית־המדרש צום ערשטן מנין דאַרפן זיי מיר ברענגען תשובה פון זייער פריץ

דעם מאָלדאַוואַן. נאָר וואָס דען? איין זאַך האָבן זיי מיך געבעטן! — ס'זאָל זיין בסוד־סודות, דאָס הייסט, איך זאָל זיך נישט אויסרעדן אויף דער אכסניא, אז איך האָב מיך מיט זיי געזען און אז מיר האָבן אָפּגע־שמועסט איינער מיטן אַנדערן אַ גאַנצע מכוח א געשעפט.

הבוקר אור — ס'איז נאָר טאָג געוואָרן, האָב איך מיך געפּערט אין בית־מדרש אריין דאַוונען מיטן ערשטן מנין. אָפּגעדאַוונט — נישטאָ מיינע חברה־לייט. איבערגעוואַרט דעם אַנדערן מנין — נישטאָ מיינע פאַרשוינען. פאַר וואָס האָב איך זיי, שוטה, נישט געפרעגט, ווי אזוי רופט מען זיי ביים נאָמען און ווו זיצן זיי? צוגיין צום שמש און א פרעג טאָן ביי אים — האָב איך מורא: איך האָב דאָך געגעבן זיי דאָס וואָרט, ס'זאָל זיין בסוד! ערשט העט נאָך אלע היומס האָבן זיי זיך באוויזן מיט די טלית־ותפילין. אז איך האָב זיי דערזען, האָט מיר א טיאָך געטאָן דאָס האַרץ פאַר שמחה. נאָר צוגיין צו זיי און פרעגן, וואָס הערט זיך — האָב איך מיך איינגעהאַלטן, ס'איז נישט מעשה מענטש. אָפּגע־דאַוונט פאַר זיך אויף איין פּוס, כאַפּן זיי די טלית־ותפילין און לאָזן זיך גיין געשווינד. איך נאָך זיי. — „נו?" — מאַך איך צו זיי. מאַכן זיי צו מיר: „יהודי בלאַ, דברט נישט אויף דער גאַס, איר קענט נישט אונדזער שטאָט, ברענגען זאָל זי אייך! איר גייט אונדז בעסער נאָך פון הינטן און קומט צו אונדז אַהיים. דאָרט מאַכן מיר דאָס געשעפט, און טאַקע אין איינוועגס עפּעס צוביסן"... אזוי מאַכט צו מיר דער וואָס מיט דער אויסגעצויגענער נאָז און טוט א ווונק צו דעם וואָס מיטן אויגל, און יענער וואָס מיטן אויגל ווערט נעלם. און מיר אין צווייען לאָזן זיך גיין איבער ענגע פינצטערע חושכדיקע געסלעך, ער אויף צו־פריער און איך נאָך אים, אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז גאָט האָט געהאָלפן, מיר זיינען בשלום געקומען.

אריינגעקומען אין א קליין פינצטער פאַרוויסטעט שטיבל מיט א סך פליגן אויף די ווענט און אויף דער סטעליע, מיט א געמאָלטן מזרח, א רויטן טישטעך אויפן טיש און מיט א לאָמפּ, פאַרהאַנגען מיט פּאַפּי־רענע אָפּגעבליאַקעוועטע קוויטן, האָבן מיר געטראָפן ביים אויוון א קליין, אויסגעשמירט ווייבעלע מיט א בלייך־דערשראָקן פּנים. דאָס קליינע ווייבעלע האָט א קוק געטאָן מיטן איבערגעשראָקענעם פנים אויפן מאַן, און דער מאַן האָט א זאָג געטאָן צו איר פאַרבייגייענדיק: „עסן!" — און ס'איז באַשאַפן געוואָרן אין איין כהרף־עין א טישטעך מיט א בולקע, מיט בראָנפן און מיט פאַרביסן. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און יענער וואָס מיטן אויגל איז אריינגעקומען, און נאָך אים האָט זיך אריינ־געקאַטשעט א גפּיש פון א פּוד צוועלף מיט א גרויסער בלויער נאָז, מיט

פּעטע האָריקע הענט און צוויי מאָרנע פֿיס, וואָס אָנהייבן הייבן זיי זיך אָן דווקא גראָב, נאָר וואָס ווייטער נייען זיי דינער און דינער. עס דאַרף זיי זיין שווערלעך צו טראָגן אויף זיך אַזאַ גרויסן, אַזאַ שווערן גוף.

אָט דער דאָזיקער נפש איז געווען דער פֿריץ דער מאָלדאַוואַן. דערזען דאָס פּלעשל בראָנפֿן אויפֿן טיש, האָט ער אַרויסגעלאָזט פֿון זיין פּעטן בויך אַ פּעטע שטימע אויף גוייש: „אַצע האָבּרע דילאָ"!... גענומען צו ביסלעך בראָנפֿן (דער פֿריץ דער מאָלדאַוואַן האָט גענומען צוויי ביסלעך), האָבן די צוויי חבֿרה־לייט פֿאַרבונדן מיט אים אַ שמועס מכּוח ווייץ און מכּוח קאָרן, און בשעת מעשה טוט מיר יענער וואָס מיטן אייגל אַ זאָג אויפֿן אויער: „דער אַדון איז אָנגעשטאָפּט!... האָט אפֿשר טויזנט טשעטווערט ברויט, אַ חוץ האָבער... קוקט נישט אויף אים, וואָס ער גייט אַזוי אָרעם געקליידט; ער איז נאָר אַ קאַרגער"... און יענער, דער לאַנגער, גיט אים אַלץ עצות, ער זאָל נישט פֿאַרקויפֿן דאָס ברויט, וואָרום עס וועט זיין טייער ווייץ; ער זאָל בעסער אָפּליגן דאָס גאַנצע ברויט אויפֿן ווינטער. „אַצע דאָברע דילאָ!" — זאָגט אים אַלע מאָל דער פֿריץ דער מאָלדאַוואַן, האַקט אַריין איין כּוסה נאָך דער אַנדערער און פֿאַרבייסט מיט אַפּעטיט, ווי נאָך אַ תּענית, און בלאָזט מיט ביידע ליפּן און מיט דער נאָז. נאָכן עסן רופֿט זיך אָן צו מיר דער לאַנגער: „אַציינד קאָנט איר הערן מיטן אַדון מכּוח אייער עסק"... האָב איך מיך אָוועקגעזעצט מיטן אַדון באַזונדער אין אַ ווינקעלע און האָב אים אָנגעלייגט אַ דרשה, איך ווייס נישט, פֿון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען! איך האָב אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, ווי נייטיק דאָס איז פֿאַר איטלעכן מענטשן דאָס שטראַפֿירן זיך, ער מעג זיין רייך, ווי קורח; אדרבה, וואָס דער מענטש איז רייכער, זאָג איך, איז אַלץ נייטיקער, ער זאָל זיך פֿאַרשטראַפֿירן, וואָרום אַ רייכער מענטש, זאָג איך, אַז ער ווערט אָן דאָס געלט אויף די עלטערע יאָרן, איז אים טויזנט מאָל ערגער ווי דעם קבצן, אַ קבצן זאָג איך, איז שוין געוווינט געוואָרן מיטן דלות, און אַ נגיד, זאָג איך, אַז ער בלייבט חלילה אָן געלט, איז ערגער ווי געשטאָרבן. „יאַק נאַפּיר־סאַנאַ אַז נאַס — זאָג איך צו אים — עני חשוב כּמת, זנאַטשיטסאַ, בייעדני כושע יאַק מערטווי. אַ פּאַטאָמו, זאָג איך, וואַשע בלאַהאָראָדיע, זאָג איך, זאַשטראַכיראָויטי סיבי, זאָג איך, אָט סמערטי טשערעז סטאַ דוואַצאַט ליעט, זאָג איך, נאַ דעסיאַט טיסיאַטשי"... „אַצע דאָברע דילאָ!" — מאַכט צו מיר דער אַדון און בלאָזט מיט ביידע ליפּן, ווי אַ בלאָזזאַק, איך פֿיל, אַז דער כּוח פֿון רעדן האָט זיך אין מיר צעבראָכן מיט סכּנות נפֿשות, וויל איך רעדן ווייטער, רופֿט זיך אָן צו מיר דער

לאנגער: „גענוג איך צו דברן; נעמט ארויס דעם נייר און כתבעט אָן וואָס מע באַדאַרף"... און יענער וואָס מיטן אויגל טראָגט מיר אונטער טינט און פּעדער, און איך טו אָפּ אַלצדינג, וואָס מע באַדאַרף, און אַז עס קומט צום חתמענען, שוויצט דער פריץ דער מאָלדאַוואַן נעבעך שטאַרק ביז ער „ליגט דעם טאַטן". נאָכדעם גיי איך מיט אים צום דאָקטער, ער זאָל אים באַטראַכטן, איך נעם אָן אַדערויף, גיב אַרויס אַ קוויטאַנציע — און דאָס געשעפט איז געמאַכט.

געקומען פאַרנאַכט אויף דער אכסניא פריילעך און געהייסן זיך קאָכן וועטשערע, רופט זיך אָן צו מיר דער באַלעבאָס פון דער אכסניא: „וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך?" — „וואָס זאָל זיך הערן?" — זאָג איך. — „מעג מע אייך, זאָגט ער, אָפּגעבן מזל־טוב?" — „וואָס פאַר אַ מזל־טוב?" — פרעג איך אים. — „דאָס געשעפטל, זאָגט ער, וואָס איר האָט אָפּגעאַרבעט"... — „וואָסער געשעפטל?" — זאָג איך און מאַך מיך תמעוואַטע. — „מיטן פּריץ", — מאַכט ער צו מיר. — „מיט וואָסער פריץ?"... — „מיטן גראָבן פריץ". — „פון וואַנען ווייסט איר, זאָג איך, אַז איך האָב געמאַכט אַ געשעפטל מיט אַ פריץ?"... „ס'איז אַזוי, זאָגט ער, אַ פּריץ ווי איך בין אַ רביצין"... — „וואָס זשע דען איז ער?" — „ער איז אַ פּיפּערנאָטער", — מאַכט צו מיר דער באַלעבאָס און צעלאַכט זיך מיר גלייך אין פּנים אַריין. זעץ איך מיך צו צום באַלעבאָס און הייב אים אָן בעטן, חלשן, ער זאָל מיר זאָגן, וואָס באַדייט דאָס „פּיפּערנאָטער" און פון וואַנען ווייסט ער, ווו איך בין געווען און וואָס איך האָב געטאָן? בקיצור, ער האָט, אפּנים, אַרויסגעזען פון מיינע רייד, אַז איך בין דאָ גאָט די נשמה שולדיק, האָט ער אויף מיר רחמנות געהאַט און האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט מיר באַזונדער אין אַ חדר און האָט מיר גענומען דערציילן אויף מיינע צוויי שותּפים אַזעלכע זאַכן, אַזש די האָר האָבן זיך מיר גע־שטעלט קאַפּויער. לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז די צוויי חברה־לייט זיינען בסך־הכּל פּראָסטע שווינדלערס, מזיקים, זאָגט ער, וואָס די וועלט האָט דאָס נישט. „זיי האָבן שוין, זאָגט ער, אָפּגעטאָן אויף זייער לעבן אַזעלכע קרימינאַל־זאַכן, וואָס ווען מע כאַפּט זיי, זאָגט ער, גייען זיי אַוועק ווייט... זייער טריפהנער גליק, זאָגט ער, איז, וואָס תּמיד שטעלן זיי אַרויס אַ דריטן, און אַליין, זאָגט ער, בלייבן זיי שטענדיק פון דרויסן... דער דאָ־זיקער פריץ, זאָגט ער, וואָס מע האָט אייך אים אַרויסגעשטעלט פאַר זייער אַ רייכן מאָלדאַוואַן, איז בסך־הכּל אַ פּראָסטער לאַפּאַציאַן, זאָגט ער, אַ שיכּור הגדול הגבור והנורא, און דער, זאָגט ער, וואָס איר האָט אים פאַרשטראָפירט, — איז אָדער ער האָלט ביי אָפּזאָגן די עטלעכע גילדן,

זאָגט ער, אָדער ער איז שוין אַ שוכן־עפר... איר פאַרשטייט, זאָגט ער, מיט וואָס דאָס שמעקט?"...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, איז מיר פּרחה נשמתי געוואָרן. עס גייט מיר מער נישט אָפּ וצו מיינע זיידענע קליידער, אַז איך זאָל מיך נאָך אַריינכאַפּן אויף אַ מינוט אין אַ טורמע אַריין! האָב איך נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און געלאָזט זיך גלייך צו דער באַן, לויפן וווהין די אויגן טראָגן, גאָר נישט געוואָלט אפילו זען זיך שוין מער מיט מיינע צוויי חברה־לייט, לאָזן זיי גיין כּף הקלע מיט זייער מאָלדאַוואַן און מיט דער שטאָט און מיט גאַנץ בעסאַראַביע און מיטן גאַנצן עסק פון שטראַפירן מענטשן פונעם טויט, וואָס מע קאָן דורך דעם אומגליקלעך ווערן... לאָז גאָט געבן בעסערע פּרנסות. הלוואַי איך זאָל שוין קומען אויפן אָרט בשלום. און מחמת איך האַלט ביי פאָרן אַ ווייטן וועג, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, פון האַמבורג וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס די קינדערלעך זאָלן לעבן. גאָט זאָל העלפן, זיי זאָלן זיין געזונט און שטאַרק, און מע זאָל זיך זען מיט פריילעכע הערצער. גריס שווער און שוויגער און איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן שרייבן, וווהין איך פאָר. זוגתי היקרה, איך פאָר קיין אַמעריקע. נישט אַליין — אַ גאַנצע קאָמפּאַניע פאָרן מיר. דאָס הייסט, פאָרן פאָרן מיר, אייגנטלעך, קיין האַמבורג, און פון דאָרטן שוין קיין אַמעריקע. וואָס עפּעס קיין אַמעריקע? ווייל אין אַמעריקע, זאָגט מען, ווערן יידן גליקלעך. גאָלד, זאָגט מען, וואַלגערט זיך דאָרט אין די גאַסן. געלד רעכנט זיך דאָרטן אויף טאָלערס, און מענטשן זיינען דאָרט בחשיבות גדול — אַ רענדל אַ מענטש! און ווער שמועסט, יידן — די זיינען גאָר דאָס אייבערשטע פון כריין! אַלע זיינען מיר מבטיח, אַז אין אַמעריקע וועל איך, אם ירצה השם, מאַכן גוט, טאַקע וואָס גוט הייסט. די גאַנצע וועלט פאָרט איצט קיין אַמעריקע, מחמת דאָ איז נישטאָ וואָס צו טאָן. לחלוטין נישט. סע האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלע געשעפטן. היינט ווייבאַלד אַז די וועלט פאָרט, פאַר וואָס זאָל איך אויך נישט פאָר? וואָס האָב איך אייַנצושטעלן?... רק זאָלסטו אַר קיין יסורים נישט האָבן, זוגתי היקרה, און נישט איבערטראַכטן אויף מיר חלילה קיין שלעכטס. גלייב מיר בנאמנות, אַז איך וועל דיך, חס ושלום, נישט פאַרגעסן, נישט דיך, נישט אונדזערע קינ־

הערלעך, זאָלן געזונט זיין. איך וועל ארבעטן טאָג ווי נאכט, קיין זאך וועט מיר נישט זיין שווער, און אז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן, איך וועל, אם ירצה השם, באגליקן, און באגליקן וועל איך געוויס, דאָס איז ביי מיר זיכער, ווי ס'איז טאָג אויף דער גאנצער וועלט, וועל איך דיר צושיקן שיפסקארטן, פאר דיר און פאר די קינדער, און איך וועל דיך ארויסנעמען אהין, און וועסט ביי מיר לעבן בכבוד, ווי די גרעסטע שררהטע, פונעם שענסטן און פונעם בעסטן, קיין שפּרענקעלע וועל איך אויף דיר נישט לאָזן פאלן. און עס איז שוין טאקע ציים, כ'לעבן, אז דו זאָלסט אויך ווייסן פון א וועלט צו זאָגן! רק נישט געזאָרגט און נישט גענומען זיך צום הארצן — מ י ר ה אָ ב ן א ש ט א ר ק ן ג אָ ט!...

הנ"ל.

סוף פונעם זעקסטן בוך.

דערקלערונגען צו „טביה דער מילכיקער״ *

קטנתי

לכבוד (ליכווויד) — געערטער... טראַדיציאָנעלע פאָרם, מיט וועלכע ס׳פלעגן זיך אָנהייבן אַלט־יידישע בריוו.

קטנתי (קאָטוינטי) — איך בין צו קליין, נישט ווערט.

לשון (לאָשן) — שפּראַך.

מחבר (מעכאַבער) — אויטאָר.

אמן סלה (אָמיין סעלאָ) — אַזוי זאָל עס זיין — דער שפּרוך, מיט וועלכן ס׳ענדיקן זיך אַ סך יידישע תפילות (טפילעס).

יעקב אבינו (יאַנקעוו אָווינו) — אונדזער פאָטער יעקב: ביבלישע הויפּט־געשטאַלט, פון וועלכער סע שטאַמט דאָס יידישע פאָלק.

סדרה (סעדרע) — טייל פון חומש (כומעש).

סדרה וישלח (סעדרע וואַישלאַך) — אַ קאַפּיטל פון ערשטן בוך פון חומש (כומעש), אין וועלכן ס׳ווערט דערציילט וועגן דער באַגעגעניש צווישן די צוויי צעקריגטע ברידער יעקב (יאַנקעוו) און עשו (אייסעוו).

חומש (כומעש) — די פינף ביכער, וואָס גייען אריין אין באַשטאַנד פון דער תורה (טוירע); אַזוי ווערט אויך אָנגערופן יעדעס בוך באַזונדער.

להבדיל (לעהאַוודל) — נישט פאַרגלייכנדיק. אַ צושפּרוך, וואָס פלעגט באַנוצט ווערן, ווען מ׳האָט גערעדט גלייכצייטיק וועגן אַ הייליקער און נישט־הייליקער זאַך.

אַ פראָסטער חי וקים (כיי וקאַיאָם) — אַ פּראָסטער מענטש, אַ מענטש אָן קונצן.

ספר (סייפער) — אַ יידיש רעליגיעז בוך.

* נישט אַלע העברעיזמען זיינען פאַרטייטשט געוואָרן דאָרטן. דער לייענער דאַרף זיי לייענען אין שייכות מיטן קאָנטעקסט — רעד.

פרשה (פּאַרשע) — אַ טייל פון אַ סדרה (סעדרע) אין חומש (כומעש).

רש״י (ראַשע) — קאָמענטאַר צום חומש. רש״י — די איניציאַלן פון זיין אויטאָר ר׳ שלמה יצחקי (רעב שלוימע ייצכאָקי 1040—1105).

נגידים (נעגידים) — רייכע מענטשן.

מי יודע (מי יוידייע) — ווער ווייסט.

נושא חן געווען (נויסע כיין געווען) — געפעלן געוואָרן.

לא־כל־שכן (לוי־קאָל־שקן) — אוודאי און אוודאי.

שלוש סעודות (שאַלעשודעס) — דאָ: מאַכן אַ גאַנצן שלוש־סעודות — מאַכן אַ גרויס וועזן.

למאי (לעמאַי) — פאַרוואָס?

אם ירצה השם (אים יירצע האַשעם, מירצעשעם) — מיט גאָטס הילף.

חדש ימינו כקדם (כאַדייש יאָמיינו קעקעדעם) — באַניי אונדזערע טעג ווי אַמאָל; קער אונדז אום די אַמאָליקע צייטן.

על צד היותר טוב (אַל צאַד האַיוסער טאָוו) — ווי צומבעסטן.

מטריח זיין זיך (מאַטריעך) — באַמיִען זיך.

תמיד (טאָמיד) — אייביק; האָט אַ גליקלעכן תמיד — אַ גוטן טאָג!

עיקר שכחתי (איקער שאָכאַכטי) — איך האָב פאַרגעסן דאָס וויכטיקסטע.

מוחל זיין (מויכל זיין) — אַנטשולדיקן.

בזה הלשון (בעזע האַלאָשן) — מיט פאָלגנדיקע ווערטער.

פערעדאָט גאָספּאָדינו טעוועליו מאָלאָטשנאָהאָ יעוורעי — איבער־געבן דעם הער טביה דעם מילכיקן.

דאָס גרויסע געווינס

מטופל (מעטופּל) — באַלאַסטעט.

משונה (מעשונע) — מאָדנע, מערקווירדיק.

מקימי מעפר דל (מעקימי מעאָפאָר דאָל) — ער שטעלט אויף פון דער ערד דעם אָרעמאַן.

מאשפות ירום אביון (מעאַשפּויס יאָרים עווין) — פון עם מיסט הייבט ער אויף דעם אָרעמאַן.

למנצח על הגיתית (לאַמנאַצייאַך אַל האַגיטעס) — דאָ: ווייל צו דעם, וועמען ס׳גייט.

אין חכמה ואין עצה נגד (איין כאָכמאָ וועאיין אייצע נעגעד) — ס'איז נישטאָ קיין חכמה (כאָכמע) און קיין עצה (אייצע) קעגן.

שונאי ציון (סוינע ציעו) — די פיינט פון ציען; געמיינט — יידישע שונאים (סאָנים).

פסוק (פּאָסעק) — דאָ: אין דער תורה.

רוח והצלה יעמוד ליהודים (רעוואַך וועהאַצאָלאָ יאַאַמויד לאַיהודים) — אַ פאַרלייכטערונג און הילף וועט קומען פאַר די יידן.

פשט (פשאַט) — דער טייטש, די באַדייטונג.

כל זמן שהנשמה בקרבי (קאָל זמאַן שעהאַנשאָמאָ בעקירבי) — ווי לאַנג די נשמה איז אין מיר; ווי לאַנג איך לעב.

בטחון (בעטאָכן) — האָפענונג.

בנאמנות (מענעמאָנעס) — אויפן ערן־וואָרט.

כדאי (קעדאַי) — ס'לוינט זיך, ס'איז ווערט.

נשמת כל חי (נישמאַס קאָל כאַי) — די נשמה פון יעדן לעבעדיקן, יעדער לעבעדיקער זאַך.

בקיצור (בעקיצער) — קורץ גערעדט.

דהיינו (דעהיינע) — צום ביישפּיל.

קיין עין־הרע (קיין איין־האָרע) — קיין „בייז־אויג" זאָל נישט שאַטן.

תרגום (טאַרגעם) — איבערזעצונג פון דער ביבל אויף דער אַראַמישער שפּראַך.

תהילים (טילעם) — פּסאַלמען, רעליגיעזע דיכטונגען, וואָס ווערן צוגעשריבן דוד המלך (דאָוויד האַמעלעך).

פרק (פּיירעק) — זאַמלונג פון שפּרוכן און געדאַנקען פון די אַמאָליקע יידישע חכמים (פילאָזאָפן). טיילן פון דעם פרק זאָגן רעליגיעזע יידן אין די שבתים (שאַבאָסים).

בשעת־מעשה (בעשאַס מייסע) — אין דער זעלבער צייט.

אָן שום תירוץ (טערעץ) — אָן אַ שום פאַרענטפערונג.

זן ומפרנס לכל (זאָן אומפּאַרנייס לאַקאָל) — שפּייזט אַלעמען.

אחרי ככלות הכל (אַכרײַ קיכלויס האַקויל) — נאָכדעם, ווי אַלץ האָט זיך שוין געענדיקט.

ונתנה תוקף (אונסאַנע טויקעף) — אַ תפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ראָש־השנה און יום־כיפור מיט גרויס געריכטקייט.

מי ירום ומי ישפל (מי יאָרום אומי יישאָפּייל) — ווער עס זאָל ווערן דער־הויבן און ווער — דערנידעריקט.

אתה בחרתנו (אַטאָ בעכאַרטאָנו) — „דו האָסט אונדז אויסדערוויילט" — ערשטע ווערטער פון אַ תּפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן יום־טוב. לויט דער יידישער רעליגיעזער אָנשוירנג ווערט דאָס יידישע פאָלק באַצייכנט אַלס אַ „אתּה־בחרתּנו־פאָלק", דאָס אויסדערוויילטע פון אַלע פעלקער.

נסים ונפלאות (ניסים ווענפלאָעס) — געוואַלדיקע וונדער.

ויהי היום (וואַהי האַיוים) — אין אַ געווסן טאָג.

מחשבותן (מאַכשאָוועסן) — געדאַנקען.

דיבורים (דיבורים) — רייד.

בשר ודגים (באָסער וועדאָגים) — פלייש און פיש; געוואָלט זאָגן: בשר ודם (באָסער וואָדאָם) — „פלייש און בלוט", דאָס הייסט אַ מענטש.

שמונה־עשרה (שעמענעסרע) — אַכצן. אַ תּפילה, וואָס אַנטהאַלט אַכצן ברכות (בראָכעס), וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן שטייענדיקערהייט.

מעשה שטן (מייסע סאָטן) — ווי אַ טייוול, געמיינט: אויף צו להכעיס (אויפצולאָכעס).

אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב (עלויהיי אוראָהאָם עלויהיי יצכאָק ועלויהיי יאַקויוו) — דער גאָט פון אברהמען, דער גאָט פון יצחקן און דער גאָט פון יעקבן. אַ פּסוק פון שמונה־עשרה.

עמוד (אָמעד) — שטענדער, פולפּיט פאַרן חזן (כאַזן).

מכלכל חיים בחסד (מעכאַלקייל כאַים בעכעסעד) — דער, וואָס דערנערט די לעבעדיקע מיט גענאָד.

ומקיים אמונתו לישני עפר (אומקאַיים עמונאָסוי לישייני אָפאָר) — און דערהאַלט זיין צוזאָג צו די פאַרשטאָרבענע.

רבונו של עולם (ריבוינע שעל אוילעם) — גאָט.

ראה נא בעניינו (רעאיי נאָ בעאָניינו — זע אונדזערע פּיין.

רפאנו ונרפא (רעפאָעיינו ווענייראָפע) — לאָמיר געהיילט ווערן.

ברך עלינו (באָרייך אָליינו) — בענטש אונדז.

גם זו לטובה (גאַם זו לעטויווע) — אויף דאָס זאָל זיין צום גוטן.

ולמלשינים (וועלאַמאַלשינים) — צו די רכילותניקעס (רעכילעסניקעס), שלעכטע מענטשן.

שובר אויבים (שויווער אויווים) — דער, וואָס צעברעכט די פיינט.

אב הרחמן (אַוו האָראַכמאָן) — דערבאַרעמדיקער פאָטער.

שמע קולנו (שמע קוילײנו) — הער זיך צו צו אונדזער שטים.

חוס ורחם עלינו (כוס וועראַכיים אָלײנו) — דערבאַרעם זיך איבער אונדז.

רצה (רעצײ) — באַווילִיק, וויל.

בית-המקדש (בייס האַמיקדעש) — דער הייליקער טעמפּל. באַצייכענונג פון דעם אַלט־ייִדישן טעמפּל אין ירושלים (יערושעלאַים).

כהנים-לויים (קויהאַנים לעוויאים) — די באַדינער פון טעמפּל.

נפשות (נעפאָשעס) — באַשעפעניש.

בהמה בצורת פערד (בעהיימע בעצוראַס פערד) — אַ בהמה אין געשטאַלט פון אַ פערד.

רוחות (רוכעס) — נישטגוטע.

לכתחילה (לעכאַטכילע) — פון אָנהייב.

ערב שבת (ערעוו שאַבעס) — פאַר שבת — פרייטיק פאַרנאַכט.

פזמונות (פיזמוינעס) — רעליגיעזע לידער; דאָ: אויסגעטראַכטע זאַכן.

יצר הרע (יעצער האָרע) — לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג: אַ בייזער גייסט, וואָס רעדט אָן דעם מענטש צו טאָן שלעכטס.

מחיה נפשות (מעכאַיע נעפאָשעס) — אַ דערקוויקונג פאַר דער נשמה, זייער גוט.

סברה (סוואָרע) — מיינונג. דאָ: אַ געדאַנק.

כחרס הנשבר (קעכערעס האַנישבאָר) — ווי אַ צעבראָכן שערבל, געמיינט: אַ שלעכטער פאַרגלייך.

תרגום-לשון (טאַרגעם־לאָשן) — דאָ: אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך.

לצים (לייצים) — קאָמעדיאַנטן, דאָ: נישטגוטע.

מאַך אַ ויברח (מאַך אַ וואַיווראַך) אַנטלויף.

דוקא (דאַווקע) — גראָד.

כח הדם (קויעך האַדאַם) — געוואָלט זאָגן: כח הדמיון (קויאַך האַדימיוין) — פאַנטאַזיע.

בעל-עגלה (באַלעגאָלע) — פורמאַן, שמייסער.

הלך לעולמו (האָלאַך לעהוילאָמוי) — געשטאָרבן. געמיינט: פאַרשוווּנדן.

דלות (דאַלעס) — אָרעמקייט.

קדחת (קאַדאָכעס) — פיבער.

ויסעו מרפידים (וואיסו מירפידים) — זיי זענען געפאָרן פון רפידים — אַ זאַץ פון חומש, דאָ: געלאָזט זיך ווייטער.

החילות לנפול (האַכילויסו ליניפויל) — האָבּט אָנגעהויבן צו פאַלן.

על פי יושר (אַל פּי יוישער) — לויט גערעכטיקייט, לויט מענטשלעכקייט.

על פי דין (אַל פּי דין) — לויטן געזעץ.

סאָוועסט (פון רוסיש) — געוויסן.

מה יקר (מאַ יאָקאָר) — וואָס קאָסט עס?

עוולה (אַוולע) — אומרעכט, קריוודע.

ברחל בתך הנאַקעטע (בעראָכל ביטכאָ האַנאַקעטע) — דאָ: קלאָר און דייטלעך.

גוי — נישט קיין ייד.

שטשע נע פּאָימאַוו אַ וושע סקובע (פון אוקראַיניש) — ער שינדט אָפּ די פעל — נאָך איידער די חיה איז געפאַנגען.

מן הצד (מין האַצאַד) — פון אַ זייט, זייטיק.

אוודאי (אַוואָדע) — זיכער, אָן צווייפל.

אלפים (אַלאָפים) — טויזנטער.

מאה אלף (מייע עלעף) — הונדערט טויזנט.

רי״ש אלפים (רייש אַלאָפים) — צווייהונדערט טויזנט.

צער (צאַר) — פאַרדרוס, ווייטיק.

ירגזון (יירגאָזון) — צאָרן.

ששון ושמחה (סאָסן וועסימכע) — אַ גרויסע פרייד.

שומר (שוימער) — היטער.

חס־ושלום (כאָס וועשאָלעם) — זאָל גאָט אָפּהיטן.

גומל בענטשן (גוימל בענטשן) — אַ תפילה, וואָס אַ רעליגיעזער ייד זאָגט, ווען ער ווערט געראַטעוועט פון אַ געפאַר.

מאכלים (מאַכאָלים) — שפּייזן, עסנוואַרג, געריכטן.

אל ארך אפים (אייל עריעך אַפּאַיִם) — געדולדיקער גאָט.

מכות בכורות (מאַקעס בכוירעס) — די צענטע מכה (מאַקע), מיט וועלכער גאָט האָט באַשטראָפט פרעהן (פאַרעו), ווען די יידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

עבדים היינו (אוואָדים האָינו) — מיר זענען געווען קנעכט; אַ זאַץ פון פון דער הגדה (האַגאָדע), ווו ס'ווערט דערציילט וועגן דער קנעכט־שאַפט פון די יידן אין לאַנד מצרים (מיצראַים). די פראַזע ווערט באַנוצט דורך טביהן, כדי לויטן מוסטער פון דער הגדה, צו קאָנען געבן אַן ענטפער.

חם־ושלום (כאַס וועשאָלעם) — גאָט זאָל אָפּהיטן; דאָ: נישט ריכטיק.

ברוכים היושבים (ברוכים האָיוישווים) — געבענטשט זאָלן זיין די אָנ־וועזנדיקע. באַדייט: עסט געזונטערהייט.

איזה לחיים ואיזה למות (אייזע לעכאַים וועאייזע לעמאָוועס) — ווער זאָל לעבן און ווער זאָל שטאַרבן. אַ זאַץ פון אַ תפילה, וואָס מע זאָגט יום־כיפור. ווערט געבראַכט צוליבן וואָרט „לחיים".

מה שמכם (מאַ שמעכעם)? — ווי הייסט איר?

המבדיל בין קודש לחול (האַמאַוודל בייַן קוידעש לעכויל) — דער, וואָס מאַכט אַן אונטערשיד צווישן הייליקייט און וואָכעדיקייט. געבראַכט צוליבן גראַם: לעכויל — וווּיל.

במקום שאין איש (בעמאָקעם שעאיין איש) — אין אַן אָרט, וווּ ס'איז נישטאָ קיין מענטש; געבראַכט צוליבן גראַם: איש — פיש.

שהכל נהיה בדברו (שעהאַקאָל ניע בדוואָרוי) — דאָ געמיינט: מע נעמט אַביסל בראָנפן.

כל מאמינים שהוא (קאָל מאַמינים שעהו) — פון אַלע סאָרטן.

מהיכא־תיתי (מייכע־טייסע) — זאָל זיין אַזוי, מיט פאַרגעניגן, ביטע זייער.

כפל כפלים (קייפל קייפלאָים) — פיל מאָל מער.

והילד איננו (וועהאַיעלעד אייינענו) — און דאָס קינד איז נישטאָ.

חסיד (כאָסיד) — אַ פרומער ייד.

חיה רעה (כאַיע־ראָע) — אַ בייזע חיה.

מלך עליון (מעלעך עליון) — דער אייבערשטער, גאָט, אָנהייב פון אַ תפילה.

בגילופין (בעגעלופין) — שיכור, לוסטיק, פריילעך.

געלאָפן ווי אַ מזמור (געלאָפן ווי אַ מיזמער) — געלאָפן לעבעדיק, שנעל.

חסר דעה (כאָסער דייע) — אַראָפּ פון זינען, משוגע.

תוכחה (טויכעכע) — אַ פרשה (קאַפּיטל) אין חומש, וואָס איז פול מיט שווערע קללות; לייענט די תוכחה — פאַרוואַרפט אים מיט קללות.

ויאכלו (וואַיויכיילו) — און זיי האָבן געגעסן, אַ פּראַזע פון דער ביבל.

פלוניתטע (פּלויניסטע) — ווייב.

כשר געלט (קאָשער געלט) — ערלעך געלט.

מציל געווען (מאַצל געווען) — געראַטעוועט.

נפשות (נעפאַשעס) — לעבנס.

סכנה (סאַקאָנע) — געפאַר.

פון אלף ביז תיו (פון אַלעף ביז טאָוו) — באַדייט: פון אָנהייב ביזן סוף (סאָף).

ה״י (כיי) אַכצן (לויטן באַטרעף פון די אותיות ח—8, י—10).

אַ קימאַ-לן (אַ קיימעלאָן) — אַ באַטרעף, באַטרעפט עס.

עליו השלום (אולאָוו האַשאָלעם) — פרידן אויף אים — אַ שפּרוך וואָס ייִדן זאָגן בעת זיי דערמאָנען אַ טויטן. דאָ — פאַרגרייזט, ס׳דאַרף זיין: עליה השלום, ווייל ס׳רעדט זיך וועגן אַ פרוי.

די טאַקסע — דער שטייער אויף כשר (קאָשער) פלייש. דער דאָזיקער שטייער פלעגט אָפּגעגעבן ווערן אין אַרענדע, און דער אַרענדאַטאָר, דער באַלטאַקסע, פלעגט דערנאָך אַרויספּרעסן דעם שטייער ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג, באַזונדערס ביי איר אָרעמען טייל.

נעמען דעם „פּראָיעקט״ — אָפּדינגען די טאַקסע.

ווערט בדיל-הדל (בעדיל האַדאַל) — ווערט אינגאַנצן אָרעם.

אבות אבותינו (אָוועס-אַוויסיינו) — אונדזערע אורעלטערן.

מאות (מייעס) — הונדערטער.

דעות (דייעס) — מיינונגען, געדאַנקען. אַז עס קומען די מאות, קומען די דעות — באַדייט: ווער ס׳ווערט רייך, ווערט אַ חכם.

מאורע בהמה (מאָרע בעהיימע) — אַן אויסגעצערטע בהמה.

אכילה (אַכילע) — פרעס.

האָבן די ברכות (בראָכעס) — האָבן דאָס גליק — ווערט באַנוצט ביים ווינטשן זיך.

בשתיקה (בישטיקע) — שטילערהייט, געהיים.

כל עורב למינהו (קאָל אוירייוו לעמינייהו) — יעדער ראָב צו זיין מין; געמיינט: איטלעכער צו זיינס גלייכן.

רבות מחשבות בלב איש (ראַבוים מאַכשאָוועס בעלייוו איש) — פיל געדאַנקען האָט דער מענטש. דער דאָזיקער פּסוק געפינט זיך אין תהילים (טילעם) און נישט ווי טביה מיינט אין דער תורה (טוירע).

החיים והמות ביד הלשון (האַכאַים ועהאַמאָוועס בעיאַד האַלאָשן) — דאָס לעבן און דער טויט זענען אָפּהענגיק פון דער צונג.

כולם אהובים כולם ברורים (קילאָם אהוּוים קילאָם בערורים) — אַלע זענען געליבטע, אַלע זענען לויטערע. טביה וויל דאָ אַנווענדן דאָס וואָרט: „כולם".

מה נשתנה (מאַ נישטאַנע) — געמיינט: וואָס עפּעס? ווי פּאַסט זיך עס? אַזוי הייבן זיך אָן די פיר קשיות (קאַשעס) אין דער הגדה, אויף וועלכע מע גיט דעם ענטפער:

עבדים היינו (אַוואָדים האָיִנו) — קנעכט זענען מיר געווען; דאָ געמיינט: הערט דאָס ווייטערדיקע.

יהלך זר (יעהאַלעלכאָ זאָר) — זאָל דיך לויבן אַ פרעמדער.

עד לפ"ק (אַד לעפאַק) — געמיינט: ביזן לעצטן, אינגאַנצן.

אדם יסודו מעפר (אָדאָם יעסוידוי מייאָפאָר) — דער מענטש שטאַמט פון דער ערד.

אַזאָם — נישט וואָג; אַ פּייג.

רבונו של עולם (ריבוינוי שעל אוילאָם) — האַר פון דער וועלט; גאָט.

פריאַלן — דאַרף זיין: אימפּעריאַלן — אַ גאָלדענע צאַרישע מטבע — 15 רובל.

ראשית חכמה (ריישיס כאָכמע) — געמיינט: פאַר אַלעמען.

ת"ק (טאַק) — פינף הונדערט.

הלבשה (האַלבאָשע) — אויסקליידונג. געמיינט: אַ חתונה־אויסשטייער.

חתונה־הוצאות (כאַסענע־הויצאָעס) — אויסגאַבן, וואָס זענען פאַרבינדן מיטן חתונה־מאַכן אַ קינד.

מזרח־וואַנט (מיזרעד־וואַנט) — אַ חשוב (כאָשעוו) אָרט אין שול.

בית המדרש (בעסעמעדרעש) — דאָס הויז, אין וועלכן יידן לערנען און דאַווענען, אַ קלויז.

תלמוד תורה (טאַלמעד טוירע) — אַ חדר (כיידער) פאַר אָרעמע קינדער.

ביקור חולים (ביקער כוילים) — אַ געזעלשאַפט, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט העלפן אָרעמע קראַנקע.

גבאי (גאַבע) — אַן עלטסטער אין שול, בית־מדרש אָדער אין וועלכע ס׳איז אַנדערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

חברה קדישא (כעוורע קאַדישע) — חברה (כעווורע), וועלכע פאַרנעמט זיך מיט באַגראָבן די פאַרשטאָרבענע לויטן רעליגיעזן ריטואַל.

כל דכפין ייתי ויצרך (קאָל דיכפּין ייסיי וועיצראָך) — ווער ס׳איז הונגעריק זאָל קומען און געברויכן, געמיינט: עסן.

מה טוב (מאַ טויוו) — איז זיכער גוט.

דוד המלך (דאָוויד האַמעלעך) — איינער פון די ערשטע יידישע מלכים.

הבל הבלים (העוועל האַוואָלים) — אַלץ איז נאַריש, פאַרגענגלעך.

זכר לברכה (זייכער לעווראָכע) — זיין אָנדענק זאָל זיין געבענטשט. אַ שפּרוך, וואָס יידן זאָגן ביים דערמאָנען אַ טויטן.

חכמה נפלאה (כאָכמע ניפלאָע) — אַ וווּנדערלעך־קלוגע.

קבצן (קאַפּצן) — אָרעמאַן.

אביון (עוויען) — אָרעמאַן.

משא־מתנם (מאַסעמאַטנס) — געשעפטן.

בריהשאפט (בעריעשאַפט) — אַ חריסטקייט, אַ טאַט, וואָס נישט אַלע ווערן דאָס קאָנען.

בחורטע (באָכערטע) — אירא֞ניש: ווייב.

עקודים, נקודים וברודים (אַקאָדים, נעקודים אוווּרודים) — געשטרייפטע, געפינטלטע און געשפּרענקלטע.

בחשיבות גדול (באַכשיוועס גאָדל) — האָט אַ גרויסן ווערט.

ביד (בעיאַד) — אין דער האַנט. געמיינט: אַ געלעגנהייט.

מחיה מתים זיין (מעכאַיע מייסים זיי) — פון טויט לעבעדיק מאַכן.

קרוב לשכר ורחוק מקעשענע (קאָרעוו ליסכאַר וועראָכויק מעקעשענע) — געמיינט: אַ פאַרדינסט ביז דער קעשענע.

בגפו יבוא בגפו יצא (בעגאַפּוי יאָווי בעגאַפּוי ייאיציי) — אַליין געקומען און אַליין אוועק.

אַ נייער מזמור (מיזמער) — געמיינט: אַ נייע געשיכטע, אַ ניי לידל.

נסים ונפלאות (ניסים וועניפלאָעס) — ווונדער איבער ווונדער.

קדחת (קאַדאָכעס) — פיבער.

אם ירצה השם (אים ירצע האַשיים) — אויב ס׳וועט זיין דער ווילן פון גאָט. אַ שפּרוך פון רעליגיעזע יידן.

פזמונות (פיזמוינעס) — דאָ: אויסגעטראַכטע, פאַנטאַסטישע מעשׂות.

לא יעלה ולא יבוא (לוי יאַלע וועלוי יאָווי) — ס׳וועט נישט אויפגיין און נישט אָנקומען. געמיינט: ס׳וועט דערצו נישט קומען.

יומם ולילה (יוימאָם וועליילע) — טאָג און נאַכט.

יצאה נשמתו בגלעזל (יאָצע נישמאָסוי בעגלעזל) — ער איז געשטאָרבן ביים גלעזל, געמיינט: געווען אַ טרינקער, אַ שיכור.

אמן, גם אתם (אָמיין, גאַם אַטעם) — אויך איר, אויך אויף אייך געזאָגט, אַן ענטפער פו רעליגיעזע יידן אויף אַ ווונטש.

אברהם אבינו (אַווראָם אָווינע) — דער ערשטער פאַטריאַרך, אורפאָטער פון די יידן.

הזורעים בדמעה ברינה יקצרו (הזויראים בעדימאָ בערינאָ ייקצוירו) — די, וואָס זייען מיט טרערן, שניידן מיט געזאַנג.

לאו עכברא גנבא (לאַוו אַכבערע גאַנווע) — נישט די מויז איז דער גנב... נאָר די נאָרע; תלמודיש ווערטל.

חלק כחלק (כיילעק קעכיילעק) — אויף גלייכע חלקים.

חצי שלי וחצי שלך (כאָצע שעלי וועכאָצע שעלאָך) — האַלב מיר און האַלב דיר, גלייך אויף גלייך.

לא יאוחר (לוי יעוכער) — נישט שפּעטער.

למען השם (לעמאַן האַשעם) — אומבאַדינגט.

באריכות (באַריכעס) — גענוי, אויספירלעך.

לסוף (לעסויף) — צו ענדע.

היתכן? (הייטאָכן) — איז רעכט אַזוי?

ריווח יאַק ריווח (רייוועד יאַק רייוועד) — פאַרדינסט ווי פאַרדינסט.

ריווח והצלה יעמוד ליהודים (רעוואַך וועהאַצאָלע יאַמויד לייהודים) — זאָלן שוין יידן געהאָלפן ווערן אויף אַן אַנדערן אופן (אויפן). דאָ גע־מיינט: כ׳וויל שוין נישט קיין פאַרדינסט.

בצורת פערד (בעצוראָס פערד) — אין געשטאַלט פון אַ פערד.

אבותינו (אַוויסיינו) — אונדזערע עלטערן.

למאי (לעמאַי) — צו וואָס.

אל תפתח פה (אַל טיפטאַך פע) — נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין; אַ צושפּרוך פון אַ רעליגיעזן ייד בעת מען רעדט וועגן אַ מעגלעכן אומגליקס־פאַל.

מליץ־יושר׳טע (מײליץ־יױשערטע) — פּאַרטײדיקערין, געמײנט: זי זאָל זיך מיען, בעטן פֿאַר אונדז.

ויסעו מסוכות (װאַיִסו מײסיקױס) — געמײנט: און געלאָזט זיך אין װעג אַרײַן.

מרה־שחורהניק (מאָרע־שכױרעניק) — אַ פֿאַרזאָרגטער, אַ פֿאַרמרױערטער.

עולים ויורדים (אױלים װעיױרדים) — גײען אַרױף און גײען אַראָפּ.

אין אומר ואין דברים (אײן אױמער װעאײן דעװאָרים) — געמײנט: ער דערקענט מיך נישט, מאַכט זיך געפּגרט (געפײגערט).

גם זו לטובה (גאַם זו לעטױװע) — דאָס איז אױך צום גוטן; אַ שפּרוך װעלכע פֿרומע ײדן זאָגן בעת עס פּאַסירט מיט זײ שלעכטס. געמײנט: ס׳האָט געקאָנט ערגער זײַן.

והילד איננו (װעהאַיעלעד אײנענו) — דאָס קינד איז נישטאָ. געמײנט: פֿאַרשװוּנדן.

יקנה״ז (יאַקנעהאָז) — באַצײכענונג פֿון אַ נישט־רעאַל געשעפֿט, אַ לופֿט־געשעפֿט.

בתוכם (בעטױכאָם) — אין זײ. אַרײַנגערעכנט, צוזאַמען.

משוגעים (מעשיגאָים) — מענטשן, װעלכע זענען אַראָפּ פֿון זינען.

עולם התוהו (אױלאָם האַטױו) — געמײנט: אַ מיש־מאַש, אַ הורהאַ, אַ צערודערונג.

קאַרטאַזש (קורטאַזש) — מעקלערײ.

ויברח יעקב (װאַיװראַך יאַנקעװ) — און יעקב איז אַנטלאָפֿן. געמײנט: צי אָפּ, אַנטלױף.

פּרחה נשמתו (פּאָרכע נישמאָסױ) — זײַן נשמה איז אים אַנטגאַנגען, אױסגעגאַנגען; שטאַרק דערשראָקן.

הולך (הױלעך) — לאַגע, מצב (מאַצעװ).

כאשר אבדתי אבדתי (קאַשער אָװאַדטי אָװאַדטי) — געמײנט: אַ פֿאַרשפּילטער, אײנער װאָס האָט אַלץ פֿאַרלױרן.

לא דובים ולא יער (לױ דובים װעלױ יאַר) — געמײנט: ס׳הײבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אױס, נישט געשטױגן, נישט געפֿלױגן.

מבולבל (מעװולװול) — צעמישט.

ברכוש גדול (בירכוש גאָדל) — מיט אַ גרױס פֿאַרמעגן. געמײנט מיט אַ ברײטער האַנט, נישט קאַרג.

מחצה־שכרניק (מאַכצע סכאָרניק) — געמײנט: אַ גלײַכער שותּף (שוטעף).

לחיים ולא למות (לעכאַים וועלוי לעמאָוועס) — צום לעבן און נישט צום טויט. געמיינט: דו האָסט דאָך געוואָלט גוט.

אל תתהלל ביום מחר (אַל טיסהאַלעל בעיוים מאָכאָר) — באַרים זיך נישט מיטן מאָרגנדיקן טאָג.

מקום קדושה (מאָקעם קדושע) — אַ הייליק ערטל; געמיינט: גוט אַריין...

צעקה הנערה (צאָאַקאָ האַנאַראָ) — דאָס מיידל האָט געשריגן. געמיינט: פאַרפאַלן, שרייַ צו גאָט.

ה׳ נתן ה׳ לקח (אַדוינאָי נאָסן וועאַדוינאָי לאָקעד) — גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען. געמיינט: פאַרפאַלן.

לי הכסף ולי הזהב (לי האַקעסעף וועלי האַזאָהאָוו) — מיר געהערט דאָס זילבער און מיר געהערט דאָס גאָלד.

בעל כרחך אתה חי (באַל קאָרכאָך אַטאָ כאַי) — מיט געוואַלד לעבסטו, געמיינט: קעגן אייגענעם ווילן.

והראיה (וועהאָראַיע) — און אַ באַווייז.

כל האדם כוזב (קאָל האָאָדאָם קויזעוו) — יעדער מענטש איז פאַלש — אַ פּראַזע פון תהילים.

הייַנטיקע קינדער

בנים גדלתי ורוממתי (באָנים גידאַלטי וועראָימאַמטי) — כ׳האָב דערצויגן און אויסגעהאָדעוועט קינדער.

מפקיר (מאַפקיר) זיין זיך — אָפּגעבן דאָס לעבן.

אל רחום וחנון (אייל ראַכעם וועכאַנען) — דערבאַרעמדיקער גאָט.

ימח שמו וזכרו (יימאַך שמוי וועזיכרוי) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זיין נאָמען און זיין אָנדענק; שפּרוך, וועלכן יידן זאָגן בעתן דערמאָנען אַ רשע (ראָשע).

מאריך (מאַרעך) זיין — אַ סך רעדן, לאַנג ברייען.

האַלבע פריאַלן — גאָלדענע צאַרישע מאָנעטעס 7,5 רובל.

עלעהיי — זאָל זיך דאַכטן.

צער בעלי חיים (צאַאַר באַלע כאַים) — אַ רחמנות אויף אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

ק״ן (קאַן) קערבלעך — הונדערט און פופציק רובל, פון די אותיות (אויסיעס) ק — 100, נ — 50.

כוסות)קויסעס) — בעבערס.

„פראָיעקט" — דאָ: דאָס „מאַקסע"-שטיבל, וווּ עס פלעגן זיצן די שוחטים (שאָכטים).

בר מזל (באַרמאַזל) — אַ מענטש, וועמען ס'גליקט.

מלא רציחה (מאָלע רעציכע) — שרעקלעך אויפגעבראַכט, בייז.

סירכא (סירכע) — אַ וווּקס אויף דער לונג ביי אַ בהמה (בעהיימע), צוליב וואָס די בהמה ווערט לויטן יידישן ריטואַל טריף (טרייף)

לא מעוקצך ולא מדובשך (לוי מעוקצאָך וועלוי מעדובשאָך) — נישט פון דיין בים און נישט פון דיין האָניק.

אסקורדא דמסקנתא דקרנוסא דפרסמכתא (אַסקורדאָ דעמאַסקאַנטאָ דעקאַרנוסאָ דעאַפּרסמאַכטאָ) — פּראַזע אויסגעטראַכט דורך טביהן — אָן שום זין.

לומדרייען (לוימדערייען) — אויסגעקליגלטע ווערטער, ווערטער פון דער תורה (טוירע) און תלמוד (טאַלמוד).

רוח (רועך) — טייוול.

בריהן (בעריען) זיך — מאַכן אַן אָנשטעל פון בראַוועקייט.

חכמהן (כאָכמען) זיך — פּראַווען וויצן.

אדם קרוב לעצמו (אָדאָם קאָרעוו לעאַצמוי) — אַ מענטש איז נאָענט צו זיך, יעדער מענטש איז ביי זיך בילכער.

יודע ספר (יוידייע סייפער) — אַ ייד, וואָס קען תורה (טוירע) און תלמוד (טאַלמוד).

אם אין קמח אין תורה (אים איין קעמאַך איין טוירע) — ווער עס עסט נישט, קאָן נישט זיצן און לערנען.

ווייסן נישט קיין צלם (ציילעם) פאַר קיין אלף (אַלעף) — זענען גראָבע יונגען, אומוויסנדיקע מענטשן.

אמן, גם אתם (אָמען, גאַם אַטעם) — אויך איר, אויך אויף אייך געזאָגט. אַן אַלטע פאָרמולע פון אַן ענטפער אויף אַ ווונטש.

זיווג (זיוועג) — באַשערט פּאָר, פּאַסיק פּאָר.

אדרבה ואדרבה (אַדראַבע וועאַדראַבע) — גאָר גערן.

אַז אייך איז ליב איז מיר ניחא (ניכע) — אַז איר ווילט אַזוי, קאָן איך אויך דערויף באַשטיין.

מהכא-תיתי (מייכעטייטע) — מיט פאַרגעניגן, זאָל זיין אַזוי.

אין מיר איז קיין מניעה (מעניע) — פון מיין זייט איז נישטאָ קיין שום שטערונג.

פלוניתטע (פלוניסטע) — ווייב.

רחל מבכה על בניה (ראָכל מעוואַקע אַל באָנעהאָ) — רחל וויינט איבער אירע קינדער. א ביבלישע פראַזע וועגן דער לעגענדארישער „מוטער" רחל. געמיינט: די מאַמע באַשליסט וועגן אירע קינדער.

א פּאַקרישקע — דעקל; צודעק.

מחלוקת (מאַכלויקעס) — קריגעריי.

שיר השירים (שיר האַשירים) — ליד איבער אַלע לידער; ליבע־פּאָעמע פון דער אַלט־העברעישער דיכטונג אין תנ"ך (טאַנאַך), וועלכע ווערט צוגעשריבן שלמה המלך (שלוימע האַמעלעך).

חד גדיא (כאַד־גאַדיע) — א מעשהלע (מייסעלע), וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן צום סוף פון סדר (סיידער).

בריהשאַפט (בעריעשאַפט) — געראַטנהייט, פעיקייט.

רי"ש אלפים (רייש אַלאַפים) — צוויי־הונדערט טויזנט.

מבוסמ'דיק (מעוועסעמדיק) — צעמישט, אָן זינען.

כלהוך השור (קילכויך האַשויר) — ווען דער אָקס לעקט אָפּ; געמיינט — פאַרטאָג.

צהלה ושמחה (צעהאָלאָ וועסאָמייכאָ) — א גרויסע פרייד.

מסחר (מיסכער) — האַנדל.

שטיקלעך פון ימים נוראים (יאָמים נוראים) — פראַגמענטן פון די תפילות (טפילעס), וועלכע ווערן געזאָגט ראשהשנה און יום־כיפור.

„ויאתיו", „וכל מאמינים שהוא" (וועכויל מאַמינים שעהו) — און אַלע, וואָס גלייבן אַז ער. ימים־נוראים־תפילות (יאָמים נוראָים טפילעס).

הלל (האַלעל) — תפילה, וואָס ווערט געזאָגט אין די יום־טובים (יאָנטויווים).

השמים שמים (האַשאָמאַים שאָמאַים) — די הימלען.

והארץ (וועהאָרעץ) — און די ערד.

לבני אדם (ליווניי אָדאָם) — צו די קינדער פון מענטש.

גבאות (גאַבאָעס) — ערן־אַמט אלס אָנפירער פון א רעליגיעזער אינסטיטוציע.

ששי (שישי) — זעקסטע עליה (אַליע) ביים פאַרלייענען די תורה אין שול.

עליה (אַליע) — דאָס אויפרופן צו דער תורה ביים דאַווענען.

מפטיר (מאַפטיר) — די לעצטע עליה ביים לייענען די תורה, וועלכע רעליגיעזע יידן האַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד (קאָוועד).

לא המתים יהללו יה (לוי האַמייסים יעהאַללויאָ) — נישט די טויטע לויבן גאָט. אַ פּראַזע פון תהילים (טילים), וועלכע מיינט צו זאָגן, אַז אַ טויטער קאָן שוין גאָרנישט. טביה טראָגט דאָ איבער די פראַזע אויף די נגידים (נעגידים).

ואנחנו (וועאַנאַכנו) — אָבער מיר.

אהבתי (אָהאַווטי) — איך האָב ליב.

בשעת אפפוני (באַשעס אַפּופוני) — ווען ס'האָט מיך אַרומגערינגלט

דלות (דאַלעס) — אָרעמקייט.

בחפזי (בעכאָפזי) — אין איילעניש; אויף דער גיך.

שלעק פורעניותן (פּוראָניעסן) — אומגליקן.

כל האדם כוזב (קאָל האָאָדאָם קויזייוו) — יעדער מענטש איז פאַלש. אַ פראַזע פון תהילים (טילים).

אודך (אוידכאָ) — איך דאַנק דיר. אַ פסוק אין תהילים, וועלכער ווערט געזאָגט צוויי מאָל. טביה מיינט דאָ אומטעריצושטרייכן, אַז ער איז דאָפּלט דאַנקבאַר פאַר דעם חסד (כעסעד), וואָס גאָט טוט מיט אים.

עופות (אויפעס) — געפליגל (באַזונדערס אַ האָן, אַ הון).

אשמדאי (אשמעדיי) — אַזוי הייסט דער עלטסטער פון די נישט־גוטע. באַצייכענונג פאַר אַלעם, וואָס איז שלעכט און שעדלעך.

הלך לעולמו (האָלאַך לעאוילאָמוי) — ער איז אַוועק אויף יענער וועלט, געשטאָרבן. דאָ געמיינט: ער איז אַוועק ווייטער.

כך הוה (קאַך האָווע) — אַזוי איז טאַקע געשען.

הכל הבל (האַקויל העוועל) — אַלץ איז פוסט; נישטיק.

נמאס (נימעס) ווערן — צוגעגעסן ווערן.

מי יודע (מי יוידייע) — ווער ווייסט.

לעת צרה (לעאייס צאָרע) — אויף אַ שלעכטער צייט.

גאָט איז יודע (יוידייע) **דעם אמת** (עמעס) — גאָט ווייסט דעם אמת.

דחקות (דאַכקעס) — נויט.

אב הרחמן (אָוו האָראַכמאָן) — באַרעמהאַרציקער פאָטער (גאָט).

גיי שריי חי וקים (כאַי וועקאַיעם) — האָב פּרעטענזיעס, ס'וועט שוין גאָרנישט העלפן.

תל־עולם (טעל־אוילעם) — אַ רואין, אַ חורבן (כורבן).

כהרף עין (קעהערעף אַין) — אין איין אויגנבליק.

בת פלוני לפלוני (באַס פלוני לעפלוני) — דיזמס טאָכטער איז באַשטימט פאַר יענעם. לויטן רעליגיעזן אָבערגלויבן ווערט דער זיווג (זיוועג) באַשטימט מיט פערציק טעג פריער איידער דער מענטש ווערט געבוירן.

כאַפּן אַ גוטן פּסק (פּסאַק) — קריגן גוט אויסגעזידלט.

מה נשתנה (מאַ נישטאַנע) — דאָ געמיינט: ווי שיקט זיך עס?

נישט אָנרירן זיי אין כבוד (קאָוועד) — נישט באַליידיקן, נישט זאָגן קיין שלעכט וואָרט.

חנפהנען (כאַנפענען) — זאָגן זיסע רייד, מאַכן קאָמפּלימענטן.

חס וחלילה (כאַס וועכאָלילע) — אַפּגעהיט זאָל מען ווערן, איבגאַנצן נישט ריכטיק.

אָגיל ואשמח (אָגל וועסמאַך) — דאָ: זייער אַ פּאַסיקע זאַך.

כלי זמר (קלעזמער) — מוזיקאַנטן.

מער ניחא (ניכע) — ליבער, דערטרעגלעכער.

ס'אַ משל (מאָשל) דאָ: אַ שיינע מעשה (מייסע).

הפקר ציבעלעס (העפקער ציבעלעס) — דאָ: ווילקיר, רעכטלאָזיקייט.

מיישב (מעיאַשעוו) — איבערגעקלערט; איבערגעלייגט.

מיוחס (מעיוכעס) **יחסן** (יאַכסן) — דער, וואָס שטאַמט פון אָנגעזעענע עלטערן.

גוזמאות נדן (גוזמעס נאַדן) — ריזיקן נדן.

מאַכן פוילע תנועות (טניעס) — קרימען זיך, נישט איינשטימען.

סלחתי כדבריך (סאָלאַכטי קידוואָרעכאָ) — דאָ: זאָל זיין ווי דו זאָגסט; כ'שטים איין.

בסוסים ובגמלים (בעסוסים אובעגמאַלים) — דאָ: צו זינגען און צו זאָגן, אַ סך פּאַרהדרוס.

והשתיה כדת (וועהאַשטיע קאַדאָס) — אַ פראַזע פון דער מגילה. דאָ געמיינט: צופרידן, אַז אַלץ זאָל זיין גוט, ווי עס באַדאַרף זיין.

כלומרשט (קלוימערשט) — קלאָמפּערשט, מאַכנדיק אַן אָנשטעל.

זאָל זיין אָפּגעשיידט — שפּרוך, ווען מען דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ פאַרשטאָרבענעם.

אויף דער אמתער (עמעסער) וועלט — געשטאָרבן.

מקוים (מעקוייעם ווערן — פאַרווירקלעכן זיך.

שקרים וכזבים (שקאָרים אוכזאָווים) — ליגנס און פאַלשקייטן, א ־־וי־ סער ליגן.

תכריכים (טאַכריכים) — ווייסע לייוונטע קליידער פאַר א געשטאָר־ בענעם.

קברות־יידן (קוואָרעס־יידן) — באַגרעבער.

שמשים (שאַמאָסים) — באַדינערס אין א שול, וו מע דאַוונט.

כהאי לישנא (קעהאַי לישנע) — מיט די ווערטער.

מטריח (מאַטריאַד) זיין זיך — באַמיען זיך, קומען.

ברוך שלא עשני אישה (באָרוך שעלוי אָסאַני אישאָ) — געלויבט ביסטו, וואָס האָסט מיך נישט באַשאַפן פאַר קיין פרוי; א ברכה (בראָכע), וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן יעדן אינדערפרי.

גמרא (געמאָרע) תלמוד (טאַלמוד) — אַזוי ווערט אויך אָנגערופן יעדעס בוך פון תלמוד (טאַלמוד) באַזונדער.

גמרא לשון (געמאָרע־לאָשן) — שפּראַך פון דער גמרא (געמאָרע).

הא גברא והא טרסקא (האָ גאַווורע וועהאָ טראַסקע) — אַן אויסגעטראַכטע בלומרשטן „תלמודישע" פראַזע; דאָ באַדייט: איינס גלייך נאָכן אַנדערן.

ברוך השם (באָרעך האַשעם) — דאַנקען גאָט.

והם פשעו בי (וועהיים פאָשו בי) — זיי האָבן געזינדיקט קעגן מיר. דאָ געמיינט: שפּעלן זיך קעגן מיין ווילן.

האָדל

החידושט זיך (כידעשט זיך) — וואונדערט זיך.

אדם יסודו מעפר וסופו לעפר (אָדאָם יעסוידוי מעאָפאָר ועסויפוי לע־ אָפאָר) — דער מענטש איז באַשאַפן פון דער ערד און קערט זיך צוריק צו דער ערד.

בטבע (בעטעווע) — פון דער נאַטור.

פתי יאמין (פעטי יאַמין) — א נאַיווער מענטש, וואָס גלייבט.

אויף נאמנות (אויף נעמאָנעס) — אויפן וואָרט.

חכמים (כאַכאָמים) — די יידישע רעליגיעזע געלערנטע.

כבדהו וחשדהו (כאַבדייהו ווּעכאַשדייהו) — זאָלסט אים אַכטן, נאָר נישט טרויען; געמיינט: באַצי זיך מיט פאָרזיכטיקייט צו יעדן מענטש.

בעל־בטחון (באַלביטאָכן) — אַ מענטש, וואָס לעבט מיט האָפענונג: האָפט צו גאָט.

סליחות (סליכעס) — זאַמלונג פון תפילות, וואָס די רעליגיעזע יידן זאָגן אין די לעצטע טעג פון חודש אלול און צווישן ראש־השנה (ראָשע־שאָנע) און יום־כיפור (יאָמקיפּער).

הנשמה לך והגוף שלך (האַנעשאָמאָ לאָך וועהאַגוף שעלאָך) — די נעשאָמע איז דיינע און דער קערפּער איז דיינער; געמיינט: איבערגעבן זיך אינגאַנצן צו גאָט.

מדרש (מעדרעש) — רעליגיעז ווערק מיט לעגענדאַרע דערקלערונגען צו דער ביבל, אַנטשטאַנען אין דער תלמודישער און נאָך־תלמוד־שער עפּאָכע.

ועל כולם (וואַל קולאָם) — און מער ווי אַלע; דאָ געמיינט: שענער פון אַלע.

חייט (כאַיעט) — שניידער.

מגילה (מעגילע) — נאָמען פון ביבלישן בוך, ווו עס ווערט דערציילט וועגן נס (נעס) פורים.

כי טובת מראה הוא (קי טויוואַס מאַרע הי) — ווייל זי איז אַ שיינע.

כלנו חכמים (קילאָנו כאַכאָמים) — מיר זענען אַלע געלערנטע.

כלנו נבונים (קילאָנו נעווונים) — מיר זענען אַלע פאַרשטענדיקע.

ושמחת בחגך (וועסאָמאַכטאָ בעכאַגעכאָ) — זאָלסט זיך פרייען מיט דיין האַנט, דאָ געמיינט: אַז מע טרייבט זיי, מע לאָזט זיי נישט צו.

בכל אשר אפנה (בעכאָל אַשער עפנע) — ווו כ׳וועל זיך נאָר ווענדן.

מע עסט מכות (מאַקעס) בכורות (בעכוירעס) — מע עסט אַ קרענק, גאָרנישט.

קדחת (קעדאָכעס) — פיבער; דאָ: מיט גאָרנישט.

ושמחת בחגך (וועסאָמאַכטאָ בעכאַגעכאָ) — זאָלסט זיך פרייען מיט דיין יום־טוב (יאָנטעוו); דאָ געמיינט: זאָלסט זיך באַגנוגענען מיט דעם, וואָס דו האָסט.

מילא (מיילע) — פאַרפאַלן; זאָל שוין זיין.

דער תנא ר׳ יוחנן הסנדלר (דער טאַנע רעב יויכענען האַסאַנדלער) —

דער טאַנע יוחנן דער שוסטער. דער דאָזיקער תנא האָט זיך גלייכ־צייטיק פאַרנומען מיט שוסטעריי.

תנא, תנאים (טאַנע טאַנאָים) — „לערער". באַצייכענונג פון די יידישע רעליגיעזע געלערנטע, וואָס האָבן געלעבט אין 1־טן און 2־טן יאָר־הונדערט און געשאַפן דאָס תלמודישע (טאַלמודישע) ווערק „משנה" (מישנע).

מלא וגדוש (מאָלע וועגאָדיש) — פול אָנגעשטאָפּט מיט וויסן.

אש להבה (אייש לעהאָווע) — פלאַם פייער.

ויהי היום (וואיהי היום) — אין אַ געוויסן טאָג.

שאר ירקות (שאָר יעראָקעס) — פאַרשידענע קרייטעכצער; דאָ: און אַנ־דערע קלייניקייטן.

וכדומה (אוכדוימע) — און דאָס גלייכן, און ענלעכע.

מחיה (מעכאַיע) — דערקוויקונג; פאַרגעניגן.

רגלים (ראַגלאַים) — פיס.

יעמוד החתן רב (יאַמויד האָכאָסן רעב) — זאָל זיך שטעלן דער יונגע־מאַן. שפּרוך, מיט וועלכן מע רופט אויף אַ בחור צו דער תורה. דאָ: אַן איינלאַדונג צו פאַרנעמען פּלאַץ אינעם וואָגן.

במילא (בעמיילע) — דאָ: אַלץ איינס.

עזוב תעזוב (עזויוו טעאַזויוו) — זאָלסט העלפן.

לא כל־שכן (לוי קאָלשקען) — אוודאי און אוודאי (אַוואַדע און אַוואַדע).

אם כן (אים קיין) — אויב אַזוי.

כל החיה וכל הבהמה (קאָל האַכאַיע וועקאָל האַבעהיימע) — יעדע חיה און יעדע בהמה.

אדם הראשון (אָדעם האָרישן) — דער ערשטער מענטש (לויט דער ביבל)

תכשיט (טאַכשיט) — צירונג־שטיק; ווילד קינד; דאָ: (איראָניש) „פּויגל" איינער.

בדרך הליכה (בעדערעך האַליכע) — פאַר איינוועגס, גלייכצייטיק.

חקירה (כקירע) — דאָס גריבלען זיך, פילאָזאָפירן.

„שמונדן" — פּריוואַטע לעקציעס.

ח"י (כאַי) — 18 פון ח — אַכט, י — 10.

בכל לבבך ובכל נפשך (בעכאָל לעוואָווכאָ אווכאָל נאַפשעכאָ) — מיט דיין גאַנץ האַרץ און מיט דיין גאַנצער נשמה (נעשאָמע); איבער־געגעבן.

עין תחת עין (אַין טאַכאַס אַין) — אַן אויג פאַר אַן אויג; דאָ געמיינט: ער האָט זיך אויסגעצאָלט; אָפּגעדינט.

בן־בית (בענבאַיס) — שטוב־מענטש, אַן איינענער.

במטבע (בעטײַווע) — פון דער נאַטור.

שלי שלך, שלך שלי (שעלי שעלאָך, שעלאָך שעלי) — מיינס איז דיינס, דיינס איז מיינס; דאָ געמיינט: נישט באַגרענעצט; נישט קליינלעך.

והילד איננו (וועהאַיעלעד איינענו) — און דאָס קינד איז נישטאָ; פאַרשוווּנדן.

וידבר (וויידאַבער) — ער האָט גערעדט.

ויאמר (וואַיוימער) — ער האָט געזאָגט.

מי באש ומי במים (מי באָייש אומי באַמאַיים) — ווער אין פייער און ווער אין וואַסער; דאָ געמיינט: רעדט אַ סך.

על ה׳ ועל משיחו (אַל אַדוינוי וועאַל משיכוי) — אויף גאָט און אויף זיין געזאַלבטן — באַדייט: ער רעדט אַלדאָס בייז.

נבתקה (נענאַטקאָ) — לאָמיר צערייסן.

חרוסת(כרויסעס) — צעריבענע עפּל, ניס און צימערינג, צעמיישט מיט וויין, וואָס רעליגיעזע יידן נוצן פּסח ביים סדר.

יגיע כפיך (יעגיאַ קאַפּעכאָ) — די אַרבעט פון דיינע הענט, דיין איי־גענע מי.

מלא כעס (מאָלע קאַס) — פול מיט צאָרן; בייז.

שחיטה (שכיטע) — דאָ: פאַרניכטונג.

על פי יושר (אַל פּי יוישער) — לויט דער גערעכטיקייט.

ראיות און משלים (ראַיעס און מעשאָלים) — באַווייזן און ביישפּילן.

קלאָץ־קשיות (קאַשעס) — נישט קיין קלוגע פראַגן; פראַגן נישט אַ־יפן אָרט.

על כל דברי שירות ותשבחות (אַל קאָל דיווריי שירויס וועטישבאָכעס) — דאָ: אויף יעדן וואָרט.

חקירה (כקירע) — פילאָזאָפירן.

בשורה (בעסורע) — אָנזאָג, ידיעה (יעדיע).

בר־דעת (אַ באַרדאַס) — אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד.

שומר ומציל זיין (שיומער ומאַציל זיין) — באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן.

ויהי ערב ויהי בוקר (וואַיהי ערעוו וואַיהי בויקער) — און ס׳איז געוואָרן אָוונט און ס׳איז געוואָרן פרימאָרגן.

חיית (כאַיט) — שניידער.

ריוח והצלה יעמוד ליהודים — זע קאַפּיטל „דאָס גרויסע געווינס".

ממקום אחר (מעמאָקעם אַכער) — פון אַ צווייט אָרט; געמיינט: אויף אַן אַנדערן אופן (אויפן).

קפריסין (קאַפּריסין) — אַ מין פּרוכט.

„האָץ דרגא" (דאַרגע) אַ מענטש פון נישט קיין געהויבענער משפּחה (מישפּאָכע).

יודע נגן (יוידע נאַגין) — אַ שפּילער, אַ מוזיק־קענער. דאָ: אַ געבילדע־טער מענטש.

עם־הארץ (אַמאָרעץ) — גראָבער יונג, נישט קיין געבילדעטער מענטש.

סוסים (סוסים) — פערד.

יאה עניותא לישראל (יאָע אַניוסע לעיסראָעל) — ס'איז שיין (ס'פּאַסט זיך) דאָס אָרעמקייט פאַר ייִדן. טביה ברענגט אין פיל פאַלן פּסוקים און ווערטלעך, וועלכע דערווייזן דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס ער וויל דערווייזן.

אַ גרוש (גראָשן) — אַ געגעמטער מאַן.

אם ירצה השם (אים יירצע האַשעם, מירצעשעם) — מיט גאָטס הילף.

אַ כף־האער (אַ כאָף־הייער) — אַ פינף־און־צוואַנציקער.

גמילות־חסד (געמילעס כעסעד) — אַן אומפּראָצענטיקע הלוואה (האַלוואָע).

למוסתי (לעסוסאָסי) — דאָ: מיין פערדל.

רגלים (ראַגלאַים) — פיס.

אין קמח אין תורה (איין קעמאַך איין טוירע) — אַז מען עסט נישט קאָן מען נישט זיצן און לערנען. דאָ: — אַז מען עסט נישט, קאָן מען נישט שלעפּן דעם וואָגן.

ניכר (ניקער) — ס'איז קענטיק, מע זעט.

מכות מלחמה (מיקויעד מילכאָמע) — וועגן מלחמה.

אַזאַ מין ברוך הבא (אַזאַ מין באָרכאַבע) — אַזאַ באַגריסונג.

לא בשמים ולא בארץ (לוי באַשאָמאַים וועלוי בעאָרעץ) — נישט אין הימל און נישט אויף דער ערד — באַדייט: צעטומלט.

ניצול געוואָרן (ניצל געוואָרן) — געראַטעוועט געוואָרן.

נישט געמינערט אַ האָר — איינגאַנצן זיך נישט געענדערט.

קנס־מאָל (קנאַס־מאָל) — פייערלעכער מאָלצייט פון ווערן חתן־כלה — דאָס הייסט תנאים (טנאָאים).

באו מים עד נפש (באָו מאַים אַד נאָפעש) — דאָ: זייער אַ שלעכטע לאַגע.

אהבתי (אָהאַווטי) — איך האָב ליב.

מטושטש (מעטושטעש) — ווערן צעמישט.

גאָלע סודות (גאָלע סוידעס) — בלויז סודות.

אַן עגונה (אַגונע) — אַ פרוי, וואָס איר מאַן איז פאַרשווונדן געוואָרן.

אפנים (אַפּאָנים) — ווייזט אויס, וואַרשיינלעך.

מלבושים (מאַלבושים) — חתונהדאויסשטייער.

מכוח תכלית (מיקויעך טאַכלעס) — דאָ: שטעלן אַ חופה.

מאריך (מאַריך) זיין — לאַנג רעדן; לאַנג ברייען.

בחיפזונדיק (בעכיפּאָזונדיק) — איילעק; שנעל.

פון דרך שלום (דערעך שאָלעם) וועגן — צוליב שלום.

אַ ליגן הגדול הגבור והנורא (האַגאָדל האַגיבור וועהאַנוירע) — אַ גרויסן, שטאַרקן, שרעקלעכן ליגן.

נעכטיקע טעג — אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע.

באותו היום (בעאויסוי האַיוים) — דעם זעלבן טאָג.

געניידעם — איראָניש: איידעם.

הלך משה-מרדכי (האָלעך מוישע מאָרדכע) — דאָ: געלאָזט זיך אין וועג.

מן הצד (מין האַצאַד) — פון דער זייט; זייטיק.

משונה נפשות (מעשונע נעפאָשעס) — מאָדנע, אויסטערלישע באַשעפעניש, ווילדע ברואים (ברואים) — ווילדע באַשעפענישן.

פון יוצא (יויצע) וועגן — אַבי ווי ס'איז צו דערפילן די פליכט.

האָבן דעם זיבעטן חן (כיין) — זייער שיין אויסזען.

אין אסתר מגדת (איין עסטער מאַגעדעס) — דאָ: זי רעדט קיין וואָרט נישט.

טובת הכלל (טויוואַס האַקלאַל) — פאַרן נוצן פון דער געזעלשאַפט.

אמן הלוואי (אָמען, הלוואַי) — שפּרוך פון רעליגיעזע יידן: אַזוי זאָל עס טאַקע געשען.

אין קול ואין כסף (איין קאָל וועאיין קעסעף) — דאָ: מע זעט נישט און מע הערט נישט.

חברה-מאַן (כעווערע־מאַן) — פאַרשוין.

מעשים טובים (מייסים טויווים) — איראָניש — גוטע טאַטן, געמיינט — פאַרברעכנס.

מיישב (מעיאַשעוו) געוועזן — באַשלאָסן.

כרחם אב על בנים (קעראַכעם אָוו אַל בנים) — ווי ס'דערבאַרעמט זיך א פּאָטער איבער קינדער.

הושענא־רבה (הוישאַנע ראַבע) — אַזוי הייסט דער זיבעטער טאָג סוכות; רעליגיעזע יידן זאָגן דעם טאָג די תפילה „הושענא".

מנהג (מינהעג) — געוווינהייט.

ושורך (וועשוירכאָ) — און דיין אָקס.

וחמורך (וועכאַמוירכאָ) — און דיין אייזל; טביה פאַרטייטשט: דאָס פערדל.

טוט מען א בלאָז מיטן שופר (שויפער) — געמיינט: קומט אָן דער חודש אלול; דער הארבסט.

מחיה נפשות (מעכאַיע נעפאָשעס) א דערקוויקונג.

סוכה (סוקע) — א ביידל.

געפאַלן עמיצענס מזל (מאַזל) — ס'איז ווער אָרעם געוואָרן, קראַנק גע־וואָרן אא"וו.

יידישע מזלות (מאַזאָלעס), יידישע גורלות (גויראָלעס), — שיקזאַלן, גליקן.

פתח שין (פּאַסעך שין) שאַ — דאָ: רעדט קיין וואָרט נישט ארויס.

האָט זיך פאַרקאָכט — פאַרליבט.

חתלירע (כאַסלירע) געהאַט — איראָניש: חתונה געהאַט.

לעת עתה (לעאייס אַטאָ) — דערווייל, פאַרלויפיק.

די זכיה (זכיע) — דאָס גליק.

סכנות נפשות (סקאָנעס נעפאָשעס) — א געפאַר, איינשטעלעניש, ריזיקע.

גדלות (גאַדלעס) — שמאַלץ.

עבודה זרה (אַווידע זאָרע) — געצנדינערײ — דאָ: א גרויסע זינד.

דו ביסט מקיים (מעקאַיעם) — דערפילסט.

על כן יעזוב (אַל קיין יאַאַזויוו) — דעריבער פאַרלאָזט א מאַן זיין פאָטער און מוטער און באַהעפט זיך מיט דער פרוי. א פּסוק אין דער תורה, לויט וועלכן יעדער מענטש דאַרף פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע און שאַפן זיך א פאַמיליע־לעבן.

מדבריות (מידבאָריעס) — וויסטענישן.

על ראשון ראשון (אַל רישן רישן) — דאָ: אויף יעדער זאַך באַזונדער.

ימח שמם (יימאַך שעמאָם) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זייער נאָמען און זייער אָנדענק — א קללה (קלאָלע).

איך פאַרשטייט דיבורים? (דיבורים) — רייד; געהערט א לשון? (לאָשן).

מאַכט צו מיר מיט א שיינעם יברכך (יעוואָרעכעכאָ) — באַדייט: זאָגט בייז.

למה רגשו (לאָמאָ ראָגשו) — וואָס שטויסן זיי זיך; געמיינט: וואָס בייזערסטו זיך.

לכן (לעכיין) — דעריבער.

צידה לדרך (צײדע לעדערעך) — שפּייז אויפן וועג; אויסשטאַטונג.

א יללה (יעלאָלע) — א געוויין.

מיט כל השבועות שבעולם (קאָל האַשוואועס שעבעאוילאָם) — מיט אַלע שבועות (שוועס) אין דער וועלט.

יגיע כפּימניקעס (יעגיאַ קאַפּאַימניקעס) — ארבעטס־מענטשן.

אלכסנדר מוקדון (אַלעקסאַנדער מויקדן) — אלעקסאַנדער דער קעניג פון מאַקעדאָניע.

חלירע (כאָלערע).

הוזה

הודו לה' כי טוב (הוידו לעאַדוינאָי קי טויוו) — דאַנקט גאָט, ווייל ער איז א גוטער.

צער גידול בנים (צאַר גידול באָנים) — דעם ווי פון קינדער־דערציונג.

פאַרשטייט נישט אַזוי שטאַרק די דרייבנעטשקע, די קליינע אותיות (אויסיעס) — איז נישט געבילדעט.

אין עושר (אוישער) און אין כבוד (קאָוועד) — דאָ: באַנוצט איראָניש — אין רייכקייט און כבוד (קאָוועד).

חסרון (כעסאָרן) — פעלער.

עד כאן הקפה א' (אַד קאַן האַקאָפּע אַלעף) — געמיינט: דאָס איז ערשטנס.

עד־היום (אַד־האַיוים) — ביז היינט, ביז איצט.

אל רחום וחנון (אייל ראַכעם וועכאַנון) — דערבאַרעמדיקער גאָט.

כך הוה (קאַך האַווע) — אַזוי איז טאַקע געשען.

בזיון (ביזאָיען) — שאַנדע.

המכסה אני מאברהם (האמכאַסע אַני מייאַווראָהאָם) — דאָ באַדייט: צי וועל איך פאַר אייך אויסבאַהאַלטן?

רצה הקדוש־ברוך־הוא לזכות (ראָצע האַקאָדעש באָרוך הי לעזאַקויס) — גאָט האָט געוואָלט גוטס טאָן.

ראש־הקהל (ראָש האַקאָהאָל) — פאָרזיצער פון דער יידישער געמיינדע; דאָ: דער וואַיט.

אריינלאָזן זיך אין הויכע דרכים (דראָכים) — דאָ: פירן מיט אים לאַנגע געשפרעכן.

בערעשיט באָרא אלאָקים (בעריישיס באָראָ עלעקים) — צום אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן. מיט די ווערטער הייבט זיך אָן דאָס ערשטע בוך פון חומש.

תלמוד (טאַלמוד) — דאָס גרויסע רעליגיעזע ווערק נאָך דער ביבל, פאַרענדיקט אין 5־טן יאָרהונדערט.

אויסצולאמרן (אויסצוליימערן) -- אריינצוזאָגן.

יחוס־בריוו (ייכעס־בריוו) דאָ: דאָקומענטן.

גדולים (געדוילים) — גרויסע, וויכטיקע מענטשן.

וואָס פאַר אַ דרשה (דראָשע) האָט ער געדרשנט (געדאַרשנט) — איראָניש: וואָס אַזעלכעס האָט ער געזאָגט.

יגיע כפיך כי תאכל (יעגיאַ קאַפּעיכאָ כי סויכייל) — וועסט לעבן פון דער אַרבעט פון אייגענע הענט.

מאין באת ולאן אתה הולך (מעאַין באָסאָ אולאָן אַטאָ הויליידך) — פון וואַנען דו ביסט געקומען און וווהין דו גייסט; געמיינט: פון וואַנען דו שטאַמסט און וואָס איז דיין סוף.

איש כמתנת ידו (איש קעמאַטנאַס יאָדוי) — יעדער מענטש לויט זיינע מעגלעכקייטן.

אין אלף השישי (עלעף האַשישי) אריין — דאָ: גאָר ווייט.

מששת ימי בראשית (מישיישעס יעמיי בעריישיס) — פון זינט די וועלט שטייט.

אין לדבר סוף (איין לעדאָוואָר סויף) — וועט זיך די זאַך קיינמאָל נישט ענדיקן.

הנותן לשכוי בינה (האַנויסיין לאַסעכווי בינאָ) — דער וואָס גיט פאַרשטאַנד דעם האָן. טביית ברענגט די ברכה (בראָכע) צוליבן „האָן".

שבעה דברים בגולם (שיוואָ דוואָרים בעגוילאָם) — אַ נאַר האָט זיבן אייגנשאַפטן.

בן מלך (בען מעלעך) — קעניגלעכער זון, פּרינץ.

בת מלכּה (באַס מאַלקע) — קעניגלעכע טאָכטער, פּרינצעסין.

וואָס פאַר אַ מחותּן (מעכוטן) איז ער מיט מיין טאָכטער — וואָס פאַר געמיינזאַמס האָט ער מיט מיין טאָכטער.

אין מיין רשות (רעשוס) — אין מיין מאַכט.

השגחה (האַשגאָכע) — אויפזיכט.

זקנה (זיקנע) — עלטקייט; דאָ: אַ באָרד.

סם־המות (סאַם־האַמאָוועס) — טויט־גיפט.

פּיסטויל — פּיסטאָלעט.

הלך משה מרדכי (האָלאַך מוישע מאָרדכע) — דאָ: היידא, געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

חיבוט הקבר (כיבעט האַקעווער) — דאָ: פּיין, געוואַלדיקער פּאַרדרוס.

צער בעלי חיים (צאַר באַלע כאַים) — רחמנות (ראַכמאָנעס) אויף אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

מה פּשעי מה חטאתי (מאַ פּישי מאַ כאַטאָסי) — מיט וואָס האָב איך פאַרזינדיקט.

מה אנו ומה חיינו (מאַ אָנו ומאַ כאַיינו) — ווער זענען מיר און וואָס איז אונדזער לעבן.

כּרחם אָב על בּנים (קעראַכעם אָוו אַל באָנים) — ווי אַ פאָטער דערבאַרעמט זיך איבער די קינדער.

כּרחם אָם על בּנים (קעראַכעם איים אַל באָנים) — ווי אַ מוטער דערבאַרעמט זיך איבער די קינדער.

כּומר (קוימער) — קריסטלעכער גייסטלעכער, גלח (גאַלעך).

חסר דעה (כאָסער דייע) — דול, אַראָפּ פון זינען.

אַל תּפתּח פּה לשׂטן (אַל טיפטאַך פּע לעסאָטן) — עפן נישט דאָס מויל ביי דעם שׂטן (סאָטן); גיב נישט קיין געלעגנהייט, רוף נישט אַרויס דעם טייוול.

לא יחרץ כּלב לשונו (לוי ייכראַץ קעלעוו לעשוינוי) — אַ הונט האָט נישט קיין ביל געגעבן.

לאו דווקא (לאָוו דאַווקע) — נישט נייטיק.

הקדמות (האַקדאָמעס) — פאָררעדעס.

דברים ברורים (דווָרים בערורים) — קלאָרע רייד.

שבעה (שיווע) — זיצן זיבן טעג אין טרויער נאָכן טויט פון אַ נאָענטן קרוב (קאָרעווו).

ד׳ נתן ד׳ לקח (אַדוינאָי נאָסאַן אַדוינאָי לאָקאַך) — גאָט האָט געגעבן גאָט האָט צוגענומען; שפּרוך נאָכן טויט פון אַ נאָענטן מענטש.

והשנית (וועהאַשייניס) — און צווייטנס.

כל הצרות שבעולם (קאָל האַצאָרעס שעבאָוילאָם) — אַלע צרות אויף דער וועלט.

אָפּגעהיטהשעט (אָפּגעכייטשעט) — צוריק לעבעדיק געמאַכט.

לא אָמות כי אחיה (לוי אָמוס קי עכיע) — איך וועל נישט שטאַרבן נאָר לעבן.

השגחה (האַשגאָכע) — דאָ: באַשערטקייט, גאָטס ווילן.

קליפה (קליפּע) — בייזע קראַפט, טייוול.

שטותעריין (שטוסעריין) — נאַרישקייטן.

בעל כרחך אתה חי (באַל קאָרכאָך אַטאָ כאַי) — דו לעבסט, ווייל דו מוזט לעבן.

אָדם כבהמה נדמה (אָדאָם כאַבעהיימע נידמע) — דער מענטש איז געגליכן צו אַ בהמה (בעהיימע).

עולם כמנהגו (אוילאָם קעמינהאָגוי) — די וועלט פירט זיך אויף איר שטייגער.

לא יזכר ולא יפקד (לוי ייזאָכער וועלוי ייפּאָקעד) — ס׳זאָל נישט דערמאָנט ווערן און נישט געדאַכט ווערן.

אַ שמחה, אַ גדולה (אַ סימכע, אַ גדולע) — אַ גרויסע פרייד.

חדש ימינו כקדם (כאַדייש יאָמיינו קעקעדעם) — דאָ: אַלץ ווי געווען.

פגירה׳לע (פּעגירעלע) — אַ קליין טויט פייגעלע אָדער עופהלע (אויפעלע) — דאָ: אַ פּיצעלע קינד.

עס גייט מיר איצט דער כח הדם (קויעך האַדאַם) — דאָ: ס׳באַהערשט מיך אַ געוואַלדיקער פּאַרדרוס.

מגדל (מעגאַדל) זיין — דערציען.

אל תסתכל בקנקן (אַל טיסטאַקל בעקאַנקן) — קוק נישט אויפן קרינגל...

אַ טייל פון אַ פראַזע אין פרק (פּיירעק) וואָס מיינט: קוק נישט אויף דער אויסערלעכקייט פון מענטש, נאָר דערויף וואָס ער איז אינערלעך.

ווי מען איז זיך נוהג מיטן שטן מקטרג (נויהעג מיטן סאַטן מעקאַטרעג) — דאָ געמיינט: ווי אַזוי מע דאַרף באַקעמפן אַ סענטימענט.

מאריך ימים זיין (מאַריך יאָמים זיין) — לענגער מאַכן דאָס לעבן — געמיינט: לאַנג פאַרציען, אויפהאַלטן.

אַן עבירה (אַווירע) אייער צייט — אַ שאָד אייער צייט.

חיבוט הקבר (כיבעט האַקייווער) — דאָס פייניקן זיך נאָכן טויט אין קבר (קייווער), לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג.

טעם פון גיהנום (טאַם פון געהענעם) — דאָ: פיין.

כף־הקלע (קאַפעקאַל) — לויטן רעליגיעזן אַבערגלויבן, אַ שטראָף פאַר די זינדיקע אויף יענער וועלט, באַשטייט אין דעם, וואָס מע וואַרפט דעם זינדיקן פון איין עק וועלט צום צווייטן.

איך בין אסור לרחם (אָסור לעראַכעם) — נישט ווערט מע זאָל אויף מיר רחמנות (ראַכמאָנעס) האָבן.

אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה (אַשריי יוישווי בייסעכאָ אויד יעהאַללוכאָ סעלאָ) — אָנהייב פון מנחה.

מנחה (מינכע) — דאָס פאַרנאַכטיקע דאַווענען.

איש לפעלו ואדם לעבודתו (איש לעפאָאָלוי וועאָדאָם לעאַווידאָסוי) — יעדער איינציקער מענטש צו זיין אַרבעט.

וישכחהו (וואַישקאָכייהו) — זיי האָבן ווען אים פאַרגעסן.

אַ חושים (כושים) — אַ צעטראָגענער.

עד כאן אומרים בשבת הגדול (אַד קאַן אוימרים בעשאַבעס האַגאָדל) — דאָ: מע רעדט נישט מער; אָפגעהאַקט.

שפּרינצע

שלום עליכם (שאָלעם אַלייכעם) — פרידן צו אייך! באַגריסונג.

עליכם ועל בניכם (אַלייכעם וועאַל בנייכעם) — צו אייך און צו אייערע קינדער.

הרי אני כבן שבעים (האַריי אַני קעבען שיווים) — כ'זע שוין אויס ווי כ'וואָלט אַלט געווען זיבעציק יאָר.

ברוך שאמר (באָרוך שעאָמאַר) — פסוק (פּאָסעק) אין דער פרימאָרגנדיקער תפילה (טפילע).

ברוך מרחם אל הארץ (באָרוך מעראַכעם אַל האָאָרעץ) — געלויבט איז דער וואָס דערבאַרעמט זיך איבער דער ערד.

אלפי אלפים (אלפיי אַלאָפים) — א סך טויזנטער.

גבירים אדירים (גווירים אַדירים) — זייער רייכע לייט.

ויסעו ויחנו, ויחנו יסעו (וואיסו וואיאַכנו, וואיאַכנו וואיסו) — זיי האָבן גערייזט און גערוט, גערוט און גערייזט; געמיינט: מ'האָט געהאַלטן אין איין לויפן.

לוח (לואַך) — קאַלענדאַר.

לאָסיפעדן — פאַרגרייזט, דאַרף זיין וועליסאָפעדן, רייטוועגעלעך אויף צוויי רעדלעך, ראָווערן.

זאָגן מוסר (מוסער) — שטראָפן, פרעדיקן מאָראַל.

בתוך כך (בעטויך קאַך) — אין דעם, אַקוראַט.

ויבוא הילד (וואיאָווי האַיעלעד) — דאָס קינד איז געקומען.

עובדה (אַווודע) — אַרבעט, באַשעפטיקונג.

ביד חזקה אחת (בעיאַד כאַזאָקאָ אַכאַס) — מיט א שטאַרקער האַנט — איז איינס.

באותות ובמופתים שתים (בעאויסויס אוומויפסים שטאַים) — דאָס און דערצו נאָך צוויי.

מכבד (מעכאַבעד) — אויפנעמען צוגאַסט, שענקען.

אשר לא בלינצו אבותינו במצרים (אַשער לוי בלינצו אַוויסיינו בעמיצראַיִם) — באַדייט: אַזעלכע בלינצעס, וועלכע קיינער האָט נאָך אַזעלכעס קיינמאָל נישט געגעסן.

מה דקאמרי רביצין (מאַ דעקאָמרי רעבעצין) — פאַרדרייט א פסוק (פאָסעק) וואָס קלינגט: „וואָס די חכמים האָבן געזאָגט".

אש להבה (אייש לעהאָווע) — פלאַם פייער.

מן השפה ולחוץ (מין האַסאָפע וועלאַכוץ) — בלויז מיטן מויל גערעדט.

אָנהאָדעווען — געבן צו עסן, אָנזעטיקן.

זוגתי היקרה, הצנועה והחסידה מרת גאָלדע שתחיה (זוגאָסי הייקאָרע, האַצנועאָ וועהאַכסידע מאָראַס גאָלדע שעטיכיע) — מיין טייערע פרוי, די באַשיידענע און פרומע פרוי גאָלדע זאָל לעבן; א טיטל פאַר א פרוי פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע.

הלל (האַלעל) — א לויב צו גאָט; א תפילה (טפילע).

כסף וזהב מעשי ידי אדם (קעסעף וועזאָהאָוו מאַסיי יעדיי אָדאָם) — זילבער און גאָלד, דאָס ווערק פון מענטשלעכע הענט.

השמים שמים לה׳ (האַשאָמאַיִם שאָמאַיִם לעאַדוינאָי) — די הימלען געהערן צו גאָט.

ברוך הבא (באָרעך האַבאָ) — זייט באַגריסט.

כצפיחית בדבש (קעצאַפיכעס בידוואש) — ווי געפרעגלט אין האָניק; דאָ: זייער זיס.

אורחים (אָרכעם) — געסט.

השלך על ה׳ (האַשלייך אַל אַדוינאָי) — פאַרלאָז זיך אויף גאָט.

ויהי ערב ויהי בוקר (וואיהי ערעוו וואיהי בויקער) — ס׳איז געוואָרן אָוונט און ס׳איז געוואָרן פרימאָרגן.

ידידי (יעדידי) — מיין פריינד.

אָנגעדרודלט — אָנגעבלאָזן, ברוגז (ברויגעז).

קאַרבוינעס — רובל.

מיט אַ סמיטשיק — מיט אַ צולאָג, מער.

זייט זיך מטריח (מאַטריאַך) — גיט זיך די מי, באַמיט זיך.

מחיה נפשות (מעכאַיע נעפאָשעס) — אַ דערקוויקונג.

הכם עינו בראשו (כאָכאָם איינאָוו בערוישוי) — דער כאָכאָם האָט די אויגן אין קאָפּ — געמיינט: אַ קלוגער מענטש, כאַפּט זיך גלייך.

בעל דרשן (באַל־דאַרשן) — פריידיקער, אַ מענטש וואָס האַלט פרומע רעדעס.

בהמה בצורת מענטש (בעהיימע בעצוראַס אָדאָם — בהמה (בעהיימע) אין אַ מענטשלעך געשטאַלט.

יבוא יומה (יאָווי יומאָ) — ס׳וועט קומען איר צייט.

מיטן חיות, מיט הער נשמה (מיטן כיעס, מיט דער נעשאָמע) — מיטן לעבן און מיט דער נעשאָמע — מיט לייב און לעבן.

מתקן (מעסאַקן) זיין — פאַרריכטן, אויפטאָן גוטס.

בעל צדקה (באַל־צדאָקע) — אַ מענטש, וואָס העלפט אָרעמעלייט אַ פילאַנטראָפּ.

בעל מכנים אורח (באַל־מאַכניס־אוירעך) — אַ גאַסטפריינדלעכער מענטש, באַזונדערס פאַר אָרעמע.

לומדים (לאָמדים) — לערנער, תלמוד־קענער.

יהי כבוד (יעהי כעוויד) — אַ קאַפּיטל תהילים, וואָס הייבט זיך אָן מיט די דאָזיקע ווערטער.

רבות מחשבות בלב איש (ראבויס מאַכשאָוועס בעלייוו איש) — אַ מענטש האָט פאַרשידענע געדאַנקען.

כשושנה בין החוחים (קעשוישאַנעביין האָכויכים) — ווי אַ רויז צווישן דערנער.

נצחון (ניצאָכן) — זיג.

בראָצקי — צוקער־פאַבריקאַנט, איינער פון די רייכסטע מענטשן אין צאַרישן רוסלאַנד.

אַן ערל (אָרל) — אַ נישט געמלטער (געמאַלטער).

קנס־מאָל (קנאַס־מאָל) — תנאים (טנאָים).

אבי הכלה (אַווי האַקאַלע) — דער כלהס (כאַלעס) טאַטע.

ווייסע חברהניקעס (ווייסע כעווריניקעס) — שטיפער.

יעמוד רב טביה ברב שניאור זלמן (יאַמויד ראַב טעוויע בעראַב שנייאור זאַלמען) — זאָל זיך שטעלן טביה דער זון פון שניאור זלמן; אַזוי רופט מען אויף צו דער תורה.

שלמה המלך (שלוימע האַמעלעך) — דער קעניג שלוימע; לויט דער ביבל דער קלוגסטער מענטש אויף דער וועלט, וועלכער איז לויט דער רעליגיעזער טראַדיציע אויך דער אויטאָר פון קהלת (קויהעלעס), אַ בוך מיט אַפאָריזמען.

לכל זמן (לאָקויל זמאַן) — יעדע זאַך האָט איר צייט.

עינים (אייגאַיִם) — אויגן.

אַ תם (טאָם) — דאָ: אַ נאַרישער מענטש.

עלעהיי — לאָז זיך דאַכטן.

תדבק לשוני (טידבאַק לעשויני) — זאָל צוגעקלעפּט ווערן מיין צונג.

איוב (איעוו) — אַ ביבל־געשטאַלט, וואָס גאָט האָט אויף אים אָנגעשיקט אַ סך אומגליקן.

אַ קשיא (קאַשיע) — פראַגע.

חוץ לדרך הטבע (כוץ לעדערעך האַטעווע) — אומנאַטירלעך.

אלהינו (עלויהיינו) נאָש — גאָט אונדזערער.

תוכחה (טויכעכע) — אַזוי הייסט דאָס קאַפּיטל אין דער תורה (טוירע), וווּ עס ווערן אויסגערעכנט די קללות פאַר נישט פאָלגן גאָט.

הקירות (כקירעס) — גריבלענישן, אַריינטראַכטונגען.

בן אדם (בן־אָדאָם) — מענטש.

חצי דיבור (כאָצי דיבור) — אַ האַלב וואָרט.

אז זיי האבן ביד (בעיאַד) — דאָ: אַז זיי וואָלטן געקאָנט.
שקצים (שקאָצים) — יונגלעך.
יללה (יעלאָלע) — געוויין.
נאָך אַלע היומס (האַיוימס) — נאָך אַלעמען.
כל זמן שהנשמה בקרבי (קאָל זמאַן שעהאַנשאָמע בעקירבי) — ווי לאַנג די נשמה איז אין מיר, ווי לאַנג איך לעב.

טוביה פאָרט קיין ארץ־ישראל

סקאָצל קומט! — אַן אַרט באַגריסונג.
השם־יתברך (האַשעם ייסבאָרעך) — גאָט.
טורא בטורא (טורע בעטורע) — אַ באַרג מיט אַ באַרג.
דאַסיקער — געמיינט: אַביסל ליטווישער.
מעשה נגיד (מייסע נאָגיד) — ווי אַ רייכער.
נסיעה (נעסיע) — רייזע.
כל ימיו (קאָל יאָמאָוו) — אַ לעבן לאַנג.
השגה (האַסאָגע) — דאָ: באַגער.
כולו מוקשה (קולו מוקשע) — פולשטענדיק אויסגעהאַמערט.
קודם כל הקודמס (קוידם קאָל האַקוידעמס) — פריער פאַר אַלע אָנהייבן, פריער פאַר אַלץ.
אלמן (אַלמען) — אַ מאַן, וואָס די פרוי איז אים געשטאָרבן.
צדיקית (צאַדייקעס) — אַ פרומע יידענע.
אם כבנים אם כעבדים (אים קעבאָנים אים קעאַוואָדים) — צי ווי קינדער, צי ווי קנעכט.
כי זה כל האדם (קי זע קאָל האָאָדאָם) — ווייל דאָס איז משמעות־נעזאָגט דער מענטש.
שריי חי וקים (כאַי וועקאַיאָם) — דאָ: שריי צו די ווענט.
אפיקורס (אַפּיקוירעס) — אַ נישט־גלייביקער.
מה אנו מה חיינו (מע אָנו מע כאַיינו) — ווער זענען מיר, וואָס איז אונדזער לעבן.
גלגלים (גאַלגאַלים) — פּלאַנעטן; די הימלישע קערפּערס.
הכל הבל (האַקויל העוול) — אַלץ איז גאָרנישט.

אַ קדיש (קאַדיש) — אַזאַ תפילה נאָך געשטאָרבענע. אויך — דער, וואָס זאָגט די תפילה.

עליו השלום (אָלאָוו האַשאָלעם) — פרידן צו אים. (דאַ דאַרף זיין: עליה השלום — צו איר). אַ שפּרוך, וואָס ווערט באַנוצט, ווען מע רעדט וועגן אַ פאַרשטאָרבענעם.

זכרים (זכאָרים) — מאַנסביל; נקבות (נעקייוועס) — פרויען; טעכטער.

שלשה דברים (שלוישע דוואָרים) — דריי זאַכן.

יפיפית (יעפייפיאַס) — פאַרגרייזט, דאַרף זיין יפהפיה (יעפייפיע) אַ שיינהייט.

איז דאָך נישט שייך — וועגן האָט איבעריק די רייד.

אשת חיל (איישעס כאַיל) — אַ שבתדיק רעליגיעז ליד.

שקר החן (שעקער האַכיין) — שיינקייט נאַרט אָפּ.

נפטר (ניפטער) **געוואָרן** — געשטאָרבן.

זכל מאמינים שהוא (וועכאָל מאמינים שעהו) — אַ תפילה, וועלכע מע זאָגט אין ראש־השנה.

ומקדים רחמים לרוגז (אומאַקדים ראַכמים לערויגעז) — איידער ער צאָרנט נאָך, דערבאַרעמט ער זיך.

די רפואה (רעפוע) — היילונג.

מכה (מאַקע) — געשוויר.

אַ בפירושע (בעפיירעשע) — אַ דייטלעכע, אַן אויסדריקלעכע.

גמרא (געמאָרע) — תלמוד (טאַלמוד). דאַ געמיינט: אַ מאמר (מאַמער), אַ זאַץ פון דער גמרא.

חייב אדם (כאַייעוו אָדאָם) — דער מענטש איז פאַרפליכטעט.

סדום (סדאָם) — נאָמען פון אַ שטאָט אין דער ביבל; צוליב אירע שלעכטע איינוווינער האָט זי גאָט אומגעבראַכט.

חצי אלול (כאָצע עלול) — אין מיטן אלול.

אלול — דער צוועלפטער מאָנאַט לויטן יידישן קאַלענדאַר. אַנטשפּרעכט מער אָדער ווייניקער די מאָנאַטן אויגוסט־סעפּטעמבער.

ויבאו המן (וואַיאָווי האָמאָן) — און המן איז געקומען.

מכח פרנסה (מיקויעך פּאַרנאָסע) — וועגן פאַרדינען צום לעבן.

דהיינו (דעהיינע) — צום ביישפּיל? וואָס אַ שטייגער

לחלוטין (לאַכלוטין) — אין גאַנצן נישט.

ק"ן (קאַן) **קערבלעך** — 150 רובל.

פוגע בכבוד (פויגייע בעקאָוועד) געווען — באַליידיקט.

מיזינקע — די יינגסטע טאָכטער.

מטמון (מאַטמױן) — א ריזיקע סומע, אַן אוצר (אויצער).

א יפת־תואר (יעפאַס־טויאַר) — א שיינהייט.

אָן א פּאָפּאָס — אָן אַן אָפּשטעל, גיך.

זכר צדיק לברכה (זייכער צאַדיק ליוראָכע) — דעם צדיקס (צאַדיקס) אָנדענק זאָל זיין געבענטשט; (שפּרוך נאָך א געשטאָרבענעם פרומען ייד. דאָ: אין איראָנישן זין.

קאָמשומענט — אַרעסט.

לנכרי תשיך (לענאָכרי טאַשיך) — ביי א פרעמדן מעגסטו נעמען פּראָצענט.

לא ארכו הימים (לוי אָרכו האַיאָמים) — ס'האָט נישט לאַנג געדויערט.

נמאס (ניִמעס) געוואָרן — איבערדרוסיק, דערעסן געוואָרן.

מתנות (מאַטאָנעס) — פּרעזענטער, געשענק.

בין איך מיך מיישב (מעיאַשעוו) — באַקלער איך זיך.

עשרה בטלנים (אַסאָראָ באַטלאָנים) — צען ליידיק־גייער; אין אמאָליקן יידישן לעבן מענטשן, וואָס פלעגן גאָרנישט טאָן אויסער זיצן אין שול און זאָגן תהילים (טילעם).

אביונטע (עוויענטע) — אָרעמע פרוי.

למען השם (לעמאַן האַשעם) — אומבאַדינגט.

תיכף ומיד (טייקעף אומיאַד) — באַלד; גלייך.

משגיח (מאַשגיאַך) — אויפזעער.

וילך חרנה (וואַיעילעך כאָראָנאָ) — ער איז אַוועק קיין חרן (כאָרן) — א שטאָט, לויט דער ביבל, וווהין יעקב אבינו (יאַנקעוו אָווינע) איז אַוועק.

הכל בכל (האַקל באַקל) — אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען.

כל־ולך (קאָל וועלאָך) — אַלץ מיט איינאַנדער; אויפטוער, מאַכער.

מה זה ועל מה זה (מאַ זע וועאַל מאַ זע) — וואָס איז עס און צוליב וואָס?

להושיבי עם נדיבים (לעהוישיוױ אים נדיווים) — צו זיצן מיט די הויכע לייט. געמיינט: צו זיין צווישן די גרויסע.

רוב גדלו ורוב עשרו (ראָוו גאָדלוי וועראָוו אָשרוי) — זיין גרויסקייט און רייכקייט.

בין מיר משער על־פי־השכל (מעשאַר אַל פּי האַסייכל) — כ'שטעל מיר פאַר לויטן שכל.

דירה מלוכה (דירע מעלוכע) — קעניגלעכע וווינונג.

שומר (שוימער) — היטער, שווייצאַר.

גיין לעזאזל (לאַזאַזל) — גיין צום טייוול.

זכות אבות (זכוס אָוועס) — געמיינט: פּראָטעקציע.

על ראשון ראשון (אַל רישוין רישוין) — דאָ: אויף יעדער זאַך באַזונדער.

כעני בפתח (קעאָני באַפּעסאַך) — ווי אַן אָרעמאַן אין דער טיר.

נישט זוכה (זויכע) **געווען** — נישט געהאַט דאָס גליק.

געפינען חן (כיין) **און לייטזעליקייט** — געפעלן צו ווערן.

עשו (אייסעוו) — דאָ געמיינט — פּראָסטער גוי.

ער זאָל זיין די כפרה (קאַפּאָרע) **פאַר דיין מינדסטן נאָגל!** — א שעלט־וואָרט.

משומדת (מעשומעדעס) — א יידישע פרוי, וואָס האָט אָנגענומען אַן אַנדער גלייבן.

אבות אבותינו (אָוועס אָוויסיינו) — אונדזערע עלטער־זיידעס.

רבונו יונה (ריבוינע יוינע) — א קאָמענטאַר צום תלמוד; ווערט באַנוצט דורך טביהן ווי א וואָרט־שפּיל.

כחרב פיפיות (קעכערעוו פּיפיויס) — ווי א צווייזייטיקע שווערד.

למה זה אנכי (לאָמאָ זע אָנויכי) — דאָ: פאַרוואָס זאָל איך אים עס טאָן?

געפועלט (געפויעלט) — דערגרייכט.

זאָגן דעות (דייעס) — אריינמישן זיך.

מה יום מיומים (מאַ יוים מיוימאָים) — פאַרגרייזט; דאַרף זיין: מה היום (האַיוים): וואָס איז היינט אַנדערש ווי שטענדיק.

בגדי מלכות (בגדיי מאַלכות) — קעניגלעכע קליידער; דאָ געמיינט: ווי ביי א קעניג.

מאכלים (מאַכאָלים) — געריכטן, עסנוואַרג.

פירות (פּיירעס) — פרוכטן.

א כוסה (קויסע) — א בעכער וויין, אָדער בראָנפן.

לחיים (לעכאַים) צום לעבן, צום געזונט! — ווונטש ביים טרינקען וויין, בראָנפן, אָדער אַנדערע געטראַנקען.

מקימי מעפר דל (מייקימי מייאָפאָר דאָל) — ער שטעלט אויף פון דער ערד דעם אָרעמאַן.

מאשפות ירום אביון (מייאַשפּויס יאָרום עווין) — ער הייבט אויף פון מיסט דעם אָרעמאַן.

אין איין כהרף־עין (קעהערעף איַן) — אין איין אויגנבליק.

אכלער — פרעסער.

שלשה שאכלו (שלוישע שעאָכלו) — הדריי, וואָס האָבן געגעסן.

קריכן מיר נישט אין דער לינקער פאה (פּייע) — אינטערעסירן מיך אינגאַנצן נישט.

אָנגעקערט א שטיקל מחותן (מעכוטן) — געהאַט עפּעס געמיינזאַמס.

בחשיבות גדול (בעכשיוועס גאָדל) — געהאַט א גרויסן ווערט.

יודע צדיק נפש בהמתו (יוידייאַ צאַדיק נעפעש בעהיימטוי) — א צדיק (צאַדיק) קען די נשמה (נעשאָמע) פון זיין בהמה (בעהיימע).

נחזור לענינינו (נאַכזער לעאיניאָניינו) — לאָמיר זיך אומקערן צו אונ־דזער זאַך.

עיקר המעשה (איקער האַמייסע) — צו דער הויפּט־זאַך, צום וויכטיקסטן)

כיד המלך (קעיאַד האַמעלעך) — קעניגלעך, זייער רייך.

השומר אָחי אָנכי (האַשוימער אָכי אָנויכי) — צי בין איך דער היטער פון מיין ברודער?

דרשה (דראָשע) — רעדע.

מרבה נכסים, מרבה דאגה (מאַרבע נעכאָסים, מאַרבע דאַגע) — דער, וואָס פאַרגרעסערט זיין פאַרמעגן, פאַרגרעסערט זיין זאָרג.

עם־הארץ (אַמאָרעץ) — א גראָבער יונג, אַן אומוויסנדיקער מענטש.

צו די זאַכן זענט איר נישט (שייך) — איר קענט זיך נישט אויף זיי.

בראָצקי — פּאָליאַקאָוו — גרויסע יידישע קאַפּיטאַליסטן אין צארישן רוסלאַנד.

ראָטשילד — איינער פון די רייכסטע באַנקיר־פאַמיליעס פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אייראָפּע (דער עיקר אין פאַריז).

כלב שבכלבים (קעלעוו שעבעקלאָווים) — דער ערגסטער הונט. דאָ: דער ערגסטער מענטש.

לא דובים ולא יער (לוי דובים וועלוי יאַאַר) — „נישט קיין בערן און נישט קיין וואַלד". — ס'הייבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס.

תחילת (טכילעס) — פון אָנהייב.

ליימענער גולם (גוילעם) — אַ מענטש אָן אַן אייגענעם ווילן, אַן אידיאָט.

אַ בעלן (באַלן) געווען — כ'וואָלט געוואָלט.

בכן (בעכיין) — דעריבער.

כותל מערבי (קויסל מאַראָווי) — מערב־וואַנט, וועלכע איז געבליבן נאָכן מויער, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם בית־המקדש (בייס־האַמיקדעש) אין ירושלים (יערושאָלאַיִם).

מערת המכפלה (מעאָראַס האַמאַכפּיילע) — הייל אין ארץ־ישראל (ערעץ־יסראָעל) ווו עס זענען באַגראָבן די ביבלישע פּאַטריאַרכן.

מוטער רחל (ראָכל) — ביבל־געשטאַלט, די פרוי פון יעקב אבינו (יאַנקעוו אָווינו), פון וועלכער ס'שטאַמט דאָס יידישע פאָלק.

ירדן (יאַרדן) — טייך אין ארץ־ישראל (ערעץ־יסראָעל).

באַרג סיני (סיניי) — נאָמען פון באַרג (אויפן האַלב־אינדזל סיני), אויף וועלכן די יידן האָבן, לויט דעם חומש, באַקומען די תורה (טוירע).

ים־סוף (יאַם־סוף) — רויטער ים, וועלכן די יידן זענען, ווי ס'ווערט דערציילט אין חומש, אַריבער מרוקענערהייט, נאָך דעם ווי משה רבינו (מוישע ראַביינו) האָט אים געשפּאָלטן מיט זיין שטעקן.

פּיתום מיט רעמסס (פּיסעם מיט ראַמסעס) — צוויי פעסטונגס־שטעט, וועלכע די יידן האָבן, לויט דעם חומש, געבויט אין מצרים (מיצראַיִם).

כנען (קנאַאַן) — ביבלישע באַצייכענונג פון ארץ־ישראל און פון זיין אומצאָליקער באַפעלקערונג.

ארץ זבת חלב ודבש (ערעץ זאָוואַס כאָלאָוו אודוואָש) — אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק.

רעיונות (ראַיוינעס) — געדאַנקען.

הא גברא והא טראסקא (האָ גאַוורע וועהאָ טראַסקע) — דאָ: קורץ גערעדט, אָפּגעהאַקט.

אַ האַרב שטיקל משניות (מישנאַיעס) — דאָ: אַ שווערע אַרבעט, אַ שווערע אויפגאַבע.

אחת ואחת (אַכאַס וועאַכאַס) — איינס און איינס; דאָ: אַ גרויסע סומע.

חלום חלמתי ואיני יודע (כאַלוים כאָלאַמטי וועאיינע יוידייאַ) — מיר האָט זיך געכאָלעמט אַ חלום (כאָלעם) און ב'ווייס נישט.

תדבק לשוני (טידבאַק לעשוינִי) — מיין צונג זאָל צוגעקלעפּט ווערן.

אפּנים (אָפּאָנעם) — וואַרשיינלעך.

מיט די בערעס (פאַרגרייזט) — שטורעמס.
אויסלאַמורן (אויסלײמערן) — אויסזאָגן; דאָ: אויסלאָזן דעם צאָרן.
טבע (טעווע) — נאַטור; דאָ: אײַנגעשאַפט.
בריהן (בעריען זיך) מאַכן דעם אָנשטעל פון א דרייסטן.
אפריכטן גלות (גאָלעס) אוועקגיין אין דער פרעמד.
על חטא שחטאתי לפניך בנישט (אל כייט שעכאָטאָסי לעפאָנעכאָ בע־נישט) פאָלגן — אויף דער זינד, וואָס כ'בין באַגאַנגען קעגן דיר מיט נישט פאָלגן. פראַזע פון דער תפילה (טפילע), וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ראש־השנה (ראשעשאָנע) און יום־כיפור (יאָמקיפער) אַלס צייכן פון חרטה (כאַראָטע) באַדויערונג.
מכבד (מעכאַבעד) זיין — דאָ: גוט אויסזידלען.
כל חמתי (קאָל כאַמאָסיי) — מיין גאַנצן צאָרן.
ויסעו ויחנו (וואַיסו וואַיאַכנו) — זיי האָבן געדרייזט און גערוט; דאָ: געפאָרן, געקומען.
דו לייגסט — דו זאָגסט א ליגן.
עליו השלום (אָלאָוו האַשאָלעס) — פרידן צו אים. שפרוך, וואָס מע באַנוצט, ווען מע רעדט וועגן א פאַרשטאָרבענעם.
מענה לשון (מיינע לאָשן) — דאָ: א דערציילונג.
א גאַנצע מגילה (מעגילע) — א גאַנצע געשיכטע.
פאָדריאַטשיק — א צושטעלער פאַרן מיליטער אין צאַרישן רוסלאַנד.
א כלי־זמר (קלעזמער) — מוזיקאַנט.
א נכפהניק (ניכפעניק) — א שלעכטער מענטש, אַן אויסוואורף.
מה־יעשהניק (מאַ־יאַסעניק) — א פאַרדאַרבענער.
נישט האָבן קיין שליטה (שליטע) — נישט האָבן קיין ווירקונג, מאַכט.
געפועלט (געפויעלט) — אויסגעווירקט, הערגרייכט.
מלכה שבא (מאַלקע שוואָ) — לויט דער ביבל, די קעניגין, וועלכע איז געקומען מיט א באַזוך צו שלמה המלך (שלוימע האַמעלעך), כדי צו באַקענען זיך מיטן דאָזיקן קלוגסטן מענטש.
אם אין אני לי מי לי (אים איין אַני לי מי לי) — אויב איך וועל נישט זאָרגן פאַר זיך, ווער וועט פאַר מיר זאָרגן? טביה פאַרטייטשט דעם פסוק אין טעקסט פאַרדרייט, כדי אָנצווווענדן אים צו זיין געדאַנק.
פירוש המילות (פיירעש האַמילעס) — ווערטער־פאַרטייטשונג, טייטש.
תרגום־לשון (טאַרגעם־לאָשן) — דאָ: אומפאַרשטענדלעכע שפראַך.

אָבל וחפוי ראש (אָוויל וואַכפוי ראָש) — טרויעריק און מיט אַ געבויר־ נעגעם קאָפּ (פּאַר שאַנדע) — פּראַזע פון דער מגילה (מעגילע).

ציגייער — ציגאַר.

גיין זאָלסטו כף הקלע (קאַפעקאַל) — לויטן רעליגיעזן אָבערגלויבן, אַ שטראָף פאַר זינדיקע אויף יענער וועלט; באַשטייט אין דעם, וואָס מע וואַרפט דעם זינדיקן פון איין עק וועלט צום צווייטן. דאָ — צו אַלדי שווארצע יאָר.

ברוך הבא (באָרעך האַבאָ) — זיי באַגריסט!

ממלא (מעמאַלע) — דערגאַנצן, דאָ: באַלוינען.

בכפל כפלים (בעקייפל קיפּלאַים) — אַ סך מאָל מער.

שדכנות — אַ באַלוינונג פון אויספירן אַ שידוך (שידעך).

רח"ש (רעכאַש) — איניציאַלן פון רב (ראָוו), חזן (כאַזן), שמש (שאַמעש). באַצייכענונג פון דער באַלוינונג, וואָס ייִדן פלעגן זיי צאָלן.

נחת (נאַכעס) — פאַרגעניגן פון קינדער.

אָנזאָלצן אויפן עק — צוהאַלטן, נישט לאָזן אַוועקגיין.

אָפּגעפּטרט (אָפּגעפּאַטערט) — באַפרייט זיך, לויז געוואָרן פון עמעצן.

חייב כאַיעוו) — שולדיק.

בעלי עגלות (באַלעגאָלעס) — פורמאַנעס.

מבוזה (מעוווזע) **ווערן** — שטאַרק באַליידיקט ווערן.

אַ למד־וואָר־ניק (לאַמעד־וואָווניק) — דאָ: אַ פערד פון זעקס און דרייסיק יאָר; פונעם באַטרעף פון די אותיות (אויסיעס) ל — 30, ו — 6.

זקן (זאָקן) — אַן אַלטער מאַן. דאָ: — אַן אַלט פערד.

ידע שור קונהו (יאָדאַ שויר קוינייהו) — דער אָקס קען זיין קויפער; געמיינט: זיין באַלעבאָס.

סקאָטינע (רוסיש) — בהמה (בעהיימע).

מיט מזל ברכה (מאַזל־בראָכע) — מיט גליק.

סוס — פערד.

חנעוודיק (כיינעוודיק) — שיין, סימפּאַטיש.

זה חלקי מכל עמלי (זע כעלקי מיקאָל אַמאָלי) — דאָס איז מיין לוין פאַר מיין גאַנצער מי.

ומותר אדם מן הבהמה (אומויסער האָאָדאָם מין האַבהיימע) — און מיט וואָס שטייט העכער דער מענטש פון דער בהמה (בעהיימע).

אַ מגפה (מאַגייפע) — עפּידעמיע, קרענק.

ראשית חכמה (ריישיס כאָכמאָ) — דאָ: פּאַר אַלעמען.

מן הסתם (מין האַסטאַם) — וואַרשיינלעך.

כל ישראל (קאָל יסראָעל) — דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק.

תקיעת־כף (טקיעס־קאַף) — פֿייערלעכער צוזאָג דורך דערלאַנגען די האַנט.

לך־לך

לך־לך (לעך־לעכאָ) — גיי דיר.

איכה (איעקאָ) — וווּ ביסטו?

שבע ועשרים ומאה מדינה (שעווע ווייעסרים אומייע מעדינע) — הונדערט און זיבן און צוואַנציק לענדער.

בכבודו ובעצמו (ביכוווידוי אובעאַצמוי) — ער אַליין; אין דער אייגענער פּערזאָן.

הרי אני כבן שבעים (האַריי אַני קעבען שיווים) — איך זע אויס ווי כ׳וואָלט אַלט געווען זיבעציק יאָר.

תענוג (טאַנוג) — פֿאַרגעניגן, וווילטאָג.

כלל ישראל (קלאַל ייסראָעל) — דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק.

על־כן (אַל־קיין) — דעריבער.

חידושים (כידושים) — נייעסן; וווּנדערלעכע נייעס.

שמעני (שעמאָיינו) — הערט איר מיך צו.

ויקרא (וואַיקראָ) — אַ סדרה (סעדרע) אין דריטן בוך פֿון חומש (כומעש).

מארצך (מייאַרצעכאָ) — פֿון דיין לאַנד.

וממולדתך (אומימוילאַדטעכאָ) — פֿון דיין געבורטס־אָרט.

אל הארץ אשר אראך (על האָרעץ אַשער אַרעקאָ) — אין דעם לאַנד, וווּ איך וועל דיר אָנווייזן.

תפילות (טפילעס) — געבעטן.

אל תשליכנו לעת זקנה (אַל טאַשליכיינו לעאייס זיקנאָ) — זאָלסט אונדז נישט פֿאַרלאָזן אויף דער עלטער!

פֿון פֿאָרנט — פֿון אָנהייב.

חוץ־לארץ (כוץ־לאָרעץ) — אין אויסלאַנד, נישט אין ארץ־ישראל (ערעץ־ייסראָעל).

מגילה (מעגילע) — א ביבליש בוך, אין וועלכן ס'ווערט דערציילט, ווי המן (האָמאָן) האָט געוואָלט אומברענגען אלע יידן; ווערט געלייענט אין פורים (פּורים).

כאשר אבדתי אבדתי (קאַאַשער אָוואַדטי אָוואַדטי) — איך בין שוין סיווי א פארלוירענער.

גבר (גוואַר) — א שטאַרקער מענטש.

געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה (יוימאָם וועליילע אַל האַטוירע וועאַל האַווידע) — געזעסן טאָג און נאַכט איבער דער תורה (טוירע) און איבער דער אַרבעט; דאָ געמיינט — געאַרבעט טאָג און נאַכט.

מחילה (מעכילע) — פאַרגעבן; אַנטשולדיקט.

תחתונים (טאַכטוינים) — הויזן.

א בן־תורה (בען־טוירע) — א ייד, וואָס קאָן לערנען, קען גוט די תורה (טוירע).

דאָס חיות (כיעס) — ס'לעבן.

מפקיר (מאַפקיר) געווען זיך — איינגעשטעלט דאָס לעבן.

געווען גאָר די כפּרה (קאַפּאָרע) — שטאַרק איבערגעגעבן, ליב געהאַט.

וימת משה (וואַיאָמאָס מוישע) — משה איז געשטאָרבן.

גע'עולם־הזהוועט (געאוילאָם־האַזעוועט) — דאָ: זיך אָפּגעגעבן מיט וואָכעדיקע זאַכן.

כאַדאָבע (כאַדאָבע) — פאַרמעגן.

עד לפ"ק (אַד לעפּאַק) — דאָ: ביזן לעצטן.

בקיצור המעשה (בעקיצער האַמייסע) — קורץ גערעדט.

דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל (שוימער אומאַצל) זיין — גאָט זאָל אָפּהיטן.

מקימי מעפר דל (מעקימי מעאָפּאָר דאָל) — דאָ: ארויפגעאַרבעט זיך.

המשפילי לראות בשמים ובארץ (האַמאַשפּילי לירויס באַשאָמאַיִם אוואָאָרעץ) — דער, וואָס נידערט אַראָפּ צו זען וואָס אין הימל און וואָס אויף דער ערד.

עולים ויורדים (אוילים וועיוירדים) — גייען ארויף און גייען אַראָפּ.

געשטעלט זיך — באַנקראָטירט.

פארשמירט זיך מיט סכנת נפשות (סאַקאָנעס נעפּאָשעס) — אריין אין א געפאר.

זוערן א בורח (בוירייעך — ווערן אן אנטלאָפענער.

שבת קודש (שאַבעס־קוידעש) דער הייליקער שבת (שאַבעס).

מזומנ׳ס (מעזומענס) — געלט.

כל עבודת פרך (קאָל אַווידאַס פערעך) — יעדע שווערע ארבעט.

ווי די יידן אין מצרים (מיצראַיִם) — לויט דער ביבל זענען די יידן געווען אַמאָל פארשקלאַפט אין מצרים און שווער געאַרבעט ביי אויפשטעלן שטעט.

פּאָסעליעניע — פארשיקונג אין די ווייטע קאַלטע געגנטן אין אַמאָליקן צארישן רוסלאַנד אלס שטראָף מערסטנס פאר פאָליטישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

הלך לעולמו (האָלאַך לעאוילאָמוי) — אוועק אויף יענער וועלט, געשטאָרבן.

בהזור לענינינו הראשון (באַכזער לאיניאָניינו האָרישוין) — לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער פריערדיקער זאַך.

בלק (באַלאָק) — א סדרה (סעדרע), קאפּיטל פון דער תורה.

מנהג העולם (מינעג האוילם) — דער שטייגער פון דער וועלט, ווי אויף דער וועלט פירט זיך.

פריער געלערנט לך־לך (לעך־לעכאָ) און דערנאָך בלק (באַלאָק) — אין דער תורה גייט פריער די סדרה לך־לך און דערנאָך די סדרה בלק.

לערנען מיט עמעצן בלק (באַלאָק) — עמעצן אָנלערנען, אָנטאָן צרות (צאָרעס).

פריער געלערנט בלק דערנאָך לך־לך — באַדייט: פריער פארשאַפט גרויסע צרות און דערנאָך געהייסן גיין.

ישועות ונחמות (יעשועס ווענעכאָמעס) — הילף און טרייסט, דאָ — בעסערע צייטן.

מיט סאַמע עשן (מיט סאַמע אײַסעוון) — בלויז מיט פייערים.

ידיד נפש אב הרחמן (יעדיד נעפעש אָוו האָראַכמאָן) דאָ: הייסע גוטע פריינד.

א רפואה צו א קדחת (א רעפוע צו א קאַדאָכעס) — א רעצעפּט צו פיבער.

א גמלות חסד (געמילעס כעסעד) — דאָס אָנפּראָצענטיקע באָרגן געלט, אַן אָנפּראָצענטיקע הלוואה (האַלוואָע).

כלל וכלל (קלאַל אוקלאַל) קיין מורא (מוירע) נישט האָבן — אינגאַנצן נישט קיין מורא האָבן.

כך הוה (קאַך האַווע) — אַזוי איז געשען.

בגדלותי (בעגאַדלוסי) — אין מיין גרויסקייט, דאָס ווען איך בין געווען פאַרמעגלעך.

טשערעדניק — פאַסטעך.

כל ימיו (קאָל יאָמאָוו) — דאָס די גאַנצע יאָרן.

בשלום ושלוה (בעשאָלעם ווּעשאַלווע) — אין פרידן און אין פריינדשאַפט.

הקדמות (האַקדאָמעס) — פאָרעדעס.

לשון סגי נהור (לאָשן סאַגי נאָהער) — פאַרשטעלטע שפראַך.

משער (מעשאַר) זיין — מערקן; דערטראַכטן.

געישובט (געישעווט) — איבערגעלייגט זיך, באַטראַכט זיך.

קאַלאַמוטנע — טרויעריק.

באו מים עד נפש (באָו מאַיִם אַד נאָפעש) — דאָס וואַסער איז געקומען ביזן האַלדז; איז דאָך אַ גרויס געפאַר.

אל תפתח פה לשטן (אַל טיפטאַך פּע לעסאָטן) — דאָס: נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין.

מלאך המות (מאַלעך האַמאָוועס) — דער מלאך פון טויט; דער טויט.

לאַנג מאריך בדרוש (מאַריך בעדרוש) — אַ סך ברייען, פיל רעדן.

שמעו נא רבותים (שימו נאָ ראַבויסים) — הערט־זשע אויס מענטשן.

געפסקנט (געפּאַסקנט) — אַזאַ אורטייל ארויסגעטראָגן, אַזוי באַשלאָסן.

איז דאָך נישט שייך (שייעך) — קאָן מען נישט העלפן.

בכל אשר אפנה (בעכאָל אַשער עפנע) — אומעטום וווּ איך וועל זיך ווענדן.

קיין שום דרשות (דראָשעס) מיט קיין שום מוסר (מוסער) זאָגן — קיין שום רעדעס און קיין שום שטראָף־רייד.

געפּטרט די סדרה בלק (געפּאַטערט די סעדרע באָלאָק) — פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל שלאָגן.

די סדרה לך־לך (סעדרע לעך־לעכאָ) — דאָס קאַפּיטל גירוש (גיירוש).

כאשר אָהבתי (קאַאשער אָהאַווטי) — אַזוי ווי איך האָב ליב. ביי טביה פאַרדרייט.

מענדל ביילים — דער דאָזיקער נאָמען באַציט זיך צום ביילים־פּראָצעס, וועלכן ס׳האָט אינסצעניזירט די צאַרישע רעאַקציע אין יאָר 1910 אין קיִעוו, ווו דער פאַבריק־אָנגעשטעלטער מענדל ביילים איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַ ריטועלן מאָרד. דער מאָרד האָט געזאָלט דינען אַלס מיטל אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די ברייטע מאַסן אין רוסלאַנד פון זייערע אונטערדריקער דורך פונאַנדערפלאַקערן דעם אַנטיסעמיטיזם.

כפרה־הינדל (קאַפּאָרע־הינדל) — דער, וואָס ליידט פאַר פרעמדע זינד.

חיבוט הקבר (כיבעט האַקייווער) — לויטן רעליגיעזן אַבערגלויבן, דאַס פייניקן זיך נאָכן טויט אין קבר (קייווער) אַלס שטראָף פאַר די זינד.

געגאַנגען כאַדאָראָם — געקאָכט זיך, געוואָרן אַ גרויסער טומל, אויפגערודערט געוואָרן.

היתכן (האַיטאָכן) — ס׳טײַטש, ווי איז דאָס געהערט געוואָרן!

מע פאַלט אַריין אין חקירה (כקירע) — מע הייבט אָן נאָכצודענקען, פאַרטראַכטן זיך.

אחינו בני ישראל (אַכיינו בניי ייסראָעל) — ברידער יידן.

משיח (מעשיעך) — געזאַלבטער, באַפרייער, אויסלייזער פון די יידן און פון דער וועלט, לויט דער רעליגיעזער וועלטאַנשויונג.

ויבוא המן (וואַיאָווי האָמאָן) — המן איז געקומען.

המן (האָמאָן) — געשטאַלט פון דער פּורים־דערציילונג, וואָס האָט געוואָלט אומברענגען די יידן אין פּערסיע; באַצייכענונג פון אַ פאַרביסענעם יידן־פיינט.

אדוני פריץ (אדויני פּאָריץ) — מיין האַר פּריץ.

סך־הכל (סאַך־האַקל) — דאָ: דאָס אינגאַנצן.

מעשים טובים (מייסים טויווים) — גוטע טאַטן; פאַרדינסטן: געמיינט איראָניש.

חתמענען (כאַסמענען) — אונטערשרייבן.

בשורה (בסורע) — נייעס, אָנזאָג.

ממה־נפשך (מימאָנעפשעך) — אָדער־אָדער.

אין שנים קדמוניות (שאָנים קאַדמוינויעס) — אין די אַמאָליקע יאָרן.

מה אנו מה חיינו (מאַ אָנו מאַ כאַיינו) — וואָס זענען מיר און וואָס איז אונדזער לעבן.

פלג־גוף (פּעלעג־גוף) — אַ קראַנקער מענטש.

א שברי־כלי (שיוורע־קיילע) — אַ צעבראָכענע כלי, אַ צעבראָכענער, קראַנקער מענטש.

פוסטע דיבורים (דיבורים) — פוסטע רייד.

לי השמים ולי הארץ (לי האַשאָמאַים וועלי האָאָרעץ) — צו מיר געהערט דער הימל און צו מיר געהערט די ערד.

משנה מקום, משנה מזל (מעשאַנע מאָקעם, מעשאַנע מאַזל) — ווער ס'ענדערט דאָס וווין־אָרט ענדערט דאָס מזל; אין אַן אַנדער אָרט, אַן אַנדער מזל (מאַזל).

תשעה באב (טישעבאָוו) — דאָ: אַ טרויער.

סליחות (סליכעס) — תפילות (טפילעס), וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן אין די לעצטע טעג פונעם חודש אלול (כוידעש עלול) און צווישן ראש־השנה און יום־כיפור; סליחות ווערן געזאָגט מיט גרויס געריכטקייט און מיט געוויין.

אנאַטעווקע ווערט אַ דאָרף — לויט די צאַרישע געזעצן האָבן יידן נישט געטאָרט אין צאַרישן רוסלאַנד וווינען אין די דערפער.

שטיא (שאַטיע) — נאַר.

וואָס סע וועט זיין מיט כל ישראל (קאָל ייסראָעל), דאָס וועט זיין מיט רב ישראל (ראַב ייסראָעל) — דאָ: דאָס וואָס וועט זיין מיט אַלעמען, דאָס וועט זיין מיט מיר.

מער מיוחסת (מעיוכעסעס) אַ גרעסערע יחסנטע (יאַכסנטע).

פאַרעקשענען (פאַראַקשענען) **זיך** — איינשפאַרן זיך.

בעל־גוף (באַלגוף) — רייכער פויער, אַ קולאַק.

פגרט (פייגערט) נאָך מיין דירה (דירע) — באַגערט מיין וווינונג.

דערצייל איר נישט פון קיין פותר (פויסייר) און פון קיין חלום (כאָלעם) — דערצייל גאָרנישט.

מקח (מעקאָך) — פרייז.

אויף דער יד (יאַד) — גלייך אין האַנט אַריין, אויפן אָרט.

אדערויף — אַן אַוואַנס, אַ קאַנטע.

בחצי חינם (בעכאָצי כינעם) — האַלב־אומזיסט.

דאָברע־מזל (מאַזל) — האָב־און־גוטס.

חורבה (כורווע) — אַ רואינע.

ממש (מאַמעש) — פאַקטיש, ווירקלעך.

צעיעלהט (צעיאַלעט) — צעווײנט.

ונתנה תוקף (אונסאַנע טויקעף) — אַ תפילה (טפילע), וואָס רעליגיעזע ייִדן זאָגן מיט גרויס גערירטקייט ראש־השנה און יום־כיפּור.

צער בעלי חיים (צאַר באַלע־כאַים) — א רחמנות (ראַכמאָנעס) אויף אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

בהן־שלי (בעהען שעלי) — אויף מיין וואָרט.

נוהג (נויהעג) געווען — געהאַנדלט.

בנים ובני בנים (באָנים אוווניי באָנים) — קינדער און קינדס־קינדער.

לא יזכר ולא יפקד (לוי ייזאָכער װעלוי ייפּאָקעד) — זאָל נישט דערמאָנט ווערן.

עד כן אומרים בשבת הגדול (אַד קאַן אוימרים בעשאַבעס האַגאָדל) — „ביז דאַנען זאָגט מען אין שבת הגדול״ — געמיינט — מער קיין וואָרט נישט וועגן דעם.

אונדזער גלות (גאָלעס) — דאָס פאַרטריבן ווערן, וואָגלעניש.

עשרת בני המן אין דער מגילה (אַסערעס בעניי האָמאָן אין דער מעגילע) — המנס (האָמאָנס) צען זין אין דער מגילה. ביים לייענען די מגילה אין פּורים, ווו ס׳זענען אויסגערעכנט די נעמען פון המנס צען זין, ווערט דאָס געלייענט מיט איין אָטעם, שנעל.

מיאכקע לבבות (לעוואָוועס) — א ווייך האַרץ.

אל ארך אפים (אייל ערעך אפאים) — א געדולדיקער גאָט.

כל־נדרי (קאָל־נידרע) — א תפילה (טפילע), מיט וועלכע עס הייבט זיך אָן דאָס פייערלעכע דאַוונען אין דער נאַכט פון יום־כיפּור.

סלחתי כדבריך (סאָלאַכטי כידוואָרעכאָ) — כ׳האָב פאַרגעבן ווי דו דאָסט געהייסן. דאָ: כ׳האָב געטאָן, ווי דו האָסט געוואָלט.

וחלקלקות (וואַכלאַקלאַקויס)

וחלקלקות (וואַכלאַקלאַקויס) — א גליטשיק אָרט; פאַלשע, צביעותדיקע רייד.

ל״ב (לאַמעד בייס) — 32 פון די אותיות (אויסיעס): ל—30, ב—2.

פירושים (פּיירושים) — קאָמענטאַרן.

די בכורה (בכוירע) — דאָס רעכט פון אַן ערשט־געבוירענעם.

ארויסגעמשלחט (אַרויסגעמעשאלעכט) — אַרויסגעשיקט.

געמאַכט אַ תל־עולם (טעל־אוילעם) — רואינירט.

עד־היום (אַד האַיוים) — ביז היינט.

תשעה באָב (טישעבאָוו) — ניינטער טאָג אין חודש אָב (כוידעש אָוו), טרויער־טאָג צום אָנדענק פון צעשטערן ירושלים (יערושאָלאַיִם) אין 586־טן יאָר פאַר דער היינטיקער ערע. ווערט אָפּגעמערקט דורך די רעליגיעזע יידן מיט זאָגן קינות (קינעס).

קינות (קינעס) — קלאָג־לידער.

על אלה אני בוכיה (אַל איילע אני בויכיאָ) — דערויף וויין איך.

יעלה ויבוא (יאַלע וועיאָווע) — אַ תפילה (טפילע), וועלכע רעליגיעזע יידן זאָגן אין ראש־ (ראָש) חודש (כוידעש) און אין די יאָמטויווים.

ויפקד ויזכר (וואַיִפּאָקייד וואַיִזאָכייר) — דאָ: ווו ס'ווערט נאָר דערמאָנט דער נאָמען ייד.

פּאָני — צונאָמען פון דער צאַרישער מאַכט.

מעביר סדרה (מאַאווער סעדרע) זיין — דאָס לייענען די סדרה מיט אַ ספּעציעלער אינטאָנאַציע.

ישא ה' עליך גוי (ייסאָ אַדוינאָי אָלעכאָ גוי) — גאָט זאָל קענען דיר אַרויס־שטעלן אַ גוי.

עם־הארץ (אַמאָרעץ) — אַ גראָבער יונג, אַ מענטש, וואָס קען נישט קיין תורה.

מילא בכן (מיילע בעכיין) — נו, דעריבער, אַלזאָ?

דרך־ארץ (דערעכערעץ) — אַכטונג.

אין די שוואַרצע פּינטעלעך — אין דער תורה (טוירע) און אין תלמוד (טאַלמוד).

באַהאַוונט — באַקאַנט.

ודע מה שתשוב (וועדיי מאַ שעטאָשוו) — און זאָלסט וויסן וואָס צו ענטפערן.

לומדות (לוימדעס) — קענטשאַפט פון דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַ־טור.

בעיני ראיתי (בעאייני ראָיסי) — כ'האָב געזען מיט מיינע אויגן.

עולמות העליונים (אוילאָמעס האָעליוינים) — אין די אייבערשטע וועלטן — געמיינט — אין די הויכע מאַטעריעס.

בימים ההם (באַיאָמים האָהיים) — אין יענע טעג.

ברוקעלע — פויערישער המון (האַמוין) — דאָס פּראָסטע פּויערישע פאָלק.

מאכן אַ תכלית (טאַכלעס) — פאַרניכטן.

בכתוב (קאַקאָסעוו) — ווי ס'איז געשריבן. דאָ: ווי ס'דאַרף צו זיין.

שובר אויבים ומכניע זדים (שויווייר אויווים אומאַכניא זיידים) — דער וואָס צעברעכט די פיינט און מאַכט אונטערטעניק די שלעכטע מענטשן. — ווערט אויסגעטייטשט דורך טביקן אויף זיין איינגאַרטיקן אופן (אויפן).

אַ ממה־נפשך (מימאַנעפשעך) — אָדער — אָדער; איינס פון די צוויי.

גזירה מן השמים (גזיירע מין האַשאָמאַים) — אַ גזר (געזאַר) פון הימל אַ באַשערטע זאַך.

כלל ישראל (קלאַל ייסראָעל) — אַלע יידן.

כל ישראל יש להם חלק (קאָל ייסראָעל ייש לאָהעם כיילעק) — אַלע יידן האָבן אַ חלק (אַן אַנטייל).

רחמנא לצלן (ראַכמאָנע ליצלאָן) — גאָט באַהיט.

מקיים זיין די מצוה (מעקאַיעם זיין די מיצווע) דערפילן דעם געבאָט.

יוצא (יויצע) זיין — ווי ס'איז דערפילן די פליכט.

על־כן (אַל־קיין) — דעריבער.

אלהינו (עלעהיינו) — אונדזער גאָט.

אלהיכם (עלעהייכעם) — אייער גאָט.

אלהינו ואלהי אבותנו (עלעהיינו װעלעהיי אַוויסיינו) — אונדזער גאָט און דער גאָט פון אונדזערע עלטערן.

בשום אופן ואופן (בעשום אויפן וועאויפן) — פאַר קיין שום פאַל.

דער שופט (שויפעט) — ריכטער.

פסקענען (פּאַסקענען) — אַרויסטראָגן אַן אורטייל.

הן שלי (הען שעלי) — אויף מיין ערד־וואָרט.

ציט אוים אַ יד (יאַד) — דערלאַנגט די האַנט.

ביי מיר האָט איר געפּועלט (געפּויעלט) — איך קאָן איינשטימען.

ממעמקים קראתיך (מימאַאַמאַקים קעראָסיכאָ אַדויאָני) — פון די טיפע־נישן רוף איך צו דיר גאָט.

אנשי שלומנו (אַנשיי שלוימיינו) — אייגענע מענטשן, אונדזעריקע.

אשרי יושבי (אשריי יוישווי) — וווּיל איז צו די וואָס זיצן... אָנהייב פון

דער תפילה, מיט וועלכער ס'הייבט זיך אָן מנחה (מינכע), דאָס פאַר־נאַכטיקע דאַווענען. טביה באַנוצט דעם פסוק אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן.

אויבער־הסברות (האַסוואָרעס) — טיפע געדאַנקען.

מי כעמך ישראל גוי אחד (מי קעאַמכאָ ייסראָעל גוי עכאָד) — ווער איז אזוי ווי דיין פאָלק יישראָעל אַן איינציק פאָלק?

אַשריך ישראל (אשרעכאָ ייסראָעל) — וווויל איז דיר, יידיש פאָלק.

גלות יון (גאָלעס יאָוון) — זיין פאַרוואָרפן צווישן גוים.

מקום מנוחה (מאָקעם מענוכע) — רו־אָרט, אַ זיכערע היים.

דערקלערונגען צו „מנחם־מענדל"

צו דער צווייטער אויפלאַגע

שבעה מדורי גיהנום (שיווע מעדוריי געגעם) — זיבן אָפּטיילונגען פון גיהנום (געגעם) באַדייט: שווערע צרות (צאָרעס).
סוף־כל־סוף (סאָף־קאָל־סאָף) — ענדלעך.
בריוונשטעלער — בוך מיט מוסטערן פון בריוו.
גאַניץ נישקשהדיק (נישקאָשעדיק) — נישט צום ערגסטן.
בטחון (ביטאָכן) — האָפענונג, פּערספּעקטיוו.
אם ירצה השם (מערצעשעם) — אז גאָט וועט וועלן. אַ צושפּרוך באַנוצט דורך רעליגיעזע יידן ווען זיי רעדן וועגן צוקונפטפּלענער.
תר"ע (טאָף רייש אַיִן) — 1910.

לאָנדאָן

א

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע שיינדל שתחיה (לעזוגאָסי האַיקאָראָ האַצנועה האַכאַכאָמע מאָראַס שיינע־שיינדל שעטיכיע) — צו מיין טייערער פרומער קלוגער פרוי שיינע שיינדל זאָל לעבן; פאָרם פון אַ ווענדונג צו אַ פרוי אין די אַלט־יידישע בריוו.
ראשית באָתי להודיעך (ריישיס באָסי לעהוידיאַכאָ) — ערשטנס קום איך דיר צו וויסן געבן.
איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום (באָרעך האַשעם בעקאַוו האַכאַים וועהאַשאָלעם) — איך בין דאַנקען גאָט געזונט.
השם־יתברך (האַשעם ייסבאָרעך) — גאָט

בשורות טובות (בסורעס טויוועס) ישועות ונחמות (יעשועס ווענעכאָמעס) גוטע גריסן, הילף און טרייסט.

והשנית (וועהאַשייניס) — און צווייטנס.

הכלל (האַקלאַל) — מיט איין וואָרט.

היינו (הייגע) — צום ביישפיל, נעמלעך.

גאָר נישקשהדיק (נישקאָשעדיק) — נישט שלעכט.

א כף האר (כאָף־הייער) א פינף־און־צוואַנציקער; פון די אותיות (אויסיעס) כ—20, ה—5.

מסחר (מיסכער) — האַנדל.

אין איין שמע ישראל (שמאַ ייסראָעל) — דאָ: אין איין ווײַלע.

ת"ק (טאַק) — 500 פון די אותיות (אויסיעס) ת—400, ק—100.

שי"ן (שין) — 300.

אויף דער הוצאה (הויצאָע) — אויף די אויסגאַבן.

ממני בעלך (מימעני באלאָך) — פון מיר דיין מאַן.

עיקר שכחתי (איקער שאָכאַכטי) דאָס וויכטיקסטע האָב איך פאַרגעסן. טראַדיציאָנעלער פּאָסטסקריפּטום (נאָכשריפט) אין די אַלט־יידישע בריוו.

א סוכה־שער (סוקע־שער) פונעם וואָרט: סוכה — א ביידל, אָן דאַך; דאָ: א פּאַפּירל אָן דעקונג.

אין איינע יסורים (יעסורים) — שטאַרק פאַרזאָרגט.

רי"ש (רייש) — 200.

קערבלעך — רובל.

לעזאָזל (לאַזאָזל) — פאַרפאַלן.

א „רעמל" (ראַמש) רעשטלעך פון פאַרשידענע סחורות (סכוירעס).

האָסלעך — אַקציעס, וואָס שטייגן.

בעסלעך — אַקציעס, וואָס פאַלן.

ריווח (רעוואַך) — פאַרדינסט.

הנ"ל (האַנאַל) — דער אויבנדערמאָנטער; פאַרקירצונג פון די ווערטער הנזכר לעיל (האַניזקער לעעל).

ב

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם מענדל נ"י (לעכוויד באַלי האַיאָקאָר האַנאָגיד האַמפאָרסעם האַכאָכאָם

מופלאָג) — צו מין טייערן מאַן, דעם באַרימטן נאָגיד, גרויסן כאָכעם, מנחם־מענדל, זיין ליכט זאָל שיינען.

אזא מחק (מכאַק) — דאָ: אַזאַ סוף.

שלח־מנות(שאַלאַכמאָנעס) — מתנות (מאַטאָנעס), וואָס רעליגיעזע יידן פלעגן פורים שיקן איינע צו די אַנדערע.

פרעג מיך בחרם (בעכיירעם) — דאָ: איך ווייס גאָר נישט, כ׳האָב קיין אַנונג נישט.

געשמעיהדיק (געשמיידיק) — געשמאַק.

פעטשעריצעס — אַ מין שוואָמען.

ריווח (רעווועד) — פאַרדינסט.

יקרות (יאָקרעס) — שטייגערונג; העכערונג.

פאָליובאָווניצע — געליבטע.

ג

עס איז מיר קיין חידוש (כידעש) נישט — איך וווּנדער זיך נישט.

לא כל־שכן (לוי קאָלשקן) — דאָ: בפרט (ביפראַט).

האָם — אַרויף.

בעס — אַראָפּ.

בתוכם (בעסויכאָם) — צווישן זיי.

אַ בהלה (בעהאָלע) — פּאַניק.

סטאַלאַזש — בערזע־טראַנזאַקציע, ווו דער קויפער פון די אַקציעס פאַר־פליכטעט זיך צו פאַרקויפן אַ געוויסע צאָל אַקציעס פאַר אַ פּרעמיע, אָדער צוריקגעבן זיי — אונטער אַ געלטשטראָף.

איז כפרה — פאַרפאַלן.

קיין יסורים (יעסורים) נישט האָבן — דאָ: נישט האָבן קיין זאָרג.

בטוח (בעטואַך) — קרעדיט־פעיק, פאַרדינט אויף צוטרוי.

לאָם איך — זאָל איך.

בזיל הזול (בעזיל־האַזויל) — שפּאָט ביליק.

עסן אויף שהחיינו (שעהעכיאָנו) — ווען רעליגיעזע יידן עסן דאָס ערשטע מאָל אַ פרישע פרוכט, מאַכן זיי די ברכה (בראָכע) — „שהחיינו".

ד

אפיקורסטע (אַפּיקויִרעסטע) — אַ פרוי, וואָס גלייבט נישט אין גאָט.
אַ זול (זויל) — ביליקייט.
דאלי אַטשע, דאלי סערדצע (אוקראַיניש) — ווייט פון די אויגן, ווייט פון הארץ.
אַזאַ מכה (מאַקע) זאָל זיך דיר זעצן — קללה (קלאָלע), אַ שעלט־פראַזע.

ה

מחיה (מעכאַיע) — פאַרדינסט. דאָ: מעקלעריי.
טאַקסירעכץ — קורס.
חתמעט (כאַסמעט) זיך אונטער — שרייבט זיך אונטער.
די ברירה (ברײרע) — דער אויסוואַל.

ו

אַלע גדולות (גדולעס) — דאָ: אַלע גוטע געשעפטן.
מאָראָזאָוו — באַרימטע מאַנופאַקטור־פירמע אין צאַרישן רוסלאַנד.
זאָנע — אַ באַנוול־שטאָף.

ז

דבר־אחר (דאָווער־אַכער) — אַ געמיינער מענטש, אַ חזיר (כאַזער).
אבן טוב (עוון טויוו) — אַ בריליאַנט.
אוטשאַסטאָק — פּאָליציי־באַצירק, פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.
גאָמבעטע — פראַנצויזישער בורזשואַזער פּאָליטיקער.
ראיות (ראיעס) — באַווייזן.
דרשענען (דאַרשענען) — איראָניש: רעדן.
שפע (שעפע) — רייכקייט, וווילשטאַנד.
עברי (איווריע) — דאָס לייענען העברעיש.
בריך שמיה דמרא עלמא (בריך שמיי דעמאָרע אַלמאָ) — אָנהייב־ווערטער פון אַ תפילה (טפילע).
נעמט ער איין אַ מיתה משונה (מיסע מעשונע) — דאָ: פאַלט ער אַריין אין עקסטאַז.

מזמור שיר ליום השבת (מיזמויר שיר לעיוים האַשאַבעס) — אַ קאַפּיטל פון שבתדיקן דאַווענען.

ח

בעלי היקר (באַלי האַיאָקאָר) — טייערער מאַן.

דער רוח (רואַך — דער טייוול.

פּאכור — פּענכער.

עיפּוש (איפּעש) — געשטאַנק.

לכן (לאַכיין) — דעריבער.

ט

מיט חסד (כעסעד) — מיט גנאָד.

בכפל כפלים (בעקייפל קיפלאַים) — דאָ: מער ווי דו ווילסט אַליין.

קאַפּאבל — פּעיק.

בורע (רוסיש) — שטורעם.

נתעשר (ניסאשער) ווערן — רייך ווערן.

י

וואָס איז זיין באָבעס דאגה (דייגע) — וואָס גייט עס אים אָן?

י״א

זאָל גאָט שומר ומציל (שוימער אומאַציל) זיין — זאָל גאָט אָפּהיטן.

געפאלן אין שאול תחתיה (אין שויל־טאַכטיע) — שטאַרק געפאַלן.

קרן (קערן) — דער אָריגינעלער קאַפּיטאַל.

אין לשער (איין לעשאַר) — נישט צו דערשאַצן.

עס גייט מיר אום דאָס חיות (כיעס) — איך שטאַרב.

בלייכרעדער — אַ ייד אַ באַנקיר אין דייטשלאַנד.

באשר (באַשער) — אַזוי ווי, ווייל.

ימח־שמו (יימאַך שמוי) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זיין נאָמען (אַ שעלט־וואָרט).

אתרוגים (עסרויגים) — ציטרוס־פּרוכטן. ווערן באַנוצט דורך פרומע יידן אין סוכות (סוקעס) צוזאַמען מיט אַ לולב (לולעוו) צום בענטשן.

נתנט נישט (נאַסנט נישט) — גיט נישט.

משכון (מאַשקן) — איינלאַג אלס גאַראַנטיע.

בחצי חינם (בעכאָצי כינעם) — האַלב־אומזיסט.

לעסיטאַציע — פאַרגרייזט. דאַרף זיין: ליציטאַציע — אויספאַרקויף.

היזק (העזעק — פאַרלוסט.

מיט א סמיטשיק — מיט א צולאַג, מיט פּראָצענט.

י"ב

נאָכגעבן די שמד (שמאַד) — צופרידנשטעלן אלע פאַרלאַנגען.

א מעשה (מייסע) **אָנטאָן** — גענומען זיך דאָס לעבן, באַגיין זעלבסטמאָרד.

א זן ומפרנס (זאָן אומפּאַרנעס) — א שפּייזער.

אויף דער הוצאה (הויצאָע) — אויף רייזע־קאָסטן.

למען השם (לעמאַן האשעם) — אומבאַדינגט.

שרפהנען און פארשרפהט (סאַרפענען און פאַרסאַרפעט) **ווערן** — פאַרברענט ווערן.

קיין שריד ופליט (קיין סאָריד־אופּאָליט) — קיין רעשט און קיין סימן (סימען).

פאַפירלעך

א

חוץ לזה (כוץ לאָזע) — אויסער דעם.

מן־השמים (מין האַשאָמאַים) — פון הימל; א באַשערטע זאַך.

א דמיון (דימיען) — פאַנטאַזיע, אויסדוכטעניש.

לא זו הדרך (לוי זו האַדערעך) — נישט דאָס איז דער וועג. געמיינט: ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש.

א בעלן (באַלן) — טשעקאַוויע.

אולי ירחם (אולאי יעראַכעם) — אפשר וועט ער זיך דערבאַרעמען: אפשר וועט געלונגען.

פון כל מאמינים שהוא (קאָל מאַמינים שעהו) — דאָ: פון אלע סאָרטן.

כדומה (קעדוימע) — און ענלעכע.

ב

פרעהם (פּאַרעס) שלעק; דאָ: אַ סך צרות. ווי ס'ווערט דערציילט אין חומש איז פּרעה דער קעניג פון מצרים (מיצראַים) געשטראָפט געוואָרן דורך גאָט מיט צען מכות (מאַקעס) פאַר נישט־אַרויסלאָזן פון זיין לאַנד די יידן, וועלכע זיינען געווען פאַרשקלאַפט צו אים.

טרפהנע הצלחה (טרייפענע האַצלאָכע) — נישט־יידישע הצלחה; נישט קיין געוויינלעך גליק.

ג

דעוועגדענט (דאַרף זיין: דיווידענט) — דער טייל ריוח (רעוואַך), וואָס דער אייגנטימער האָט פון די אַקציעס.

קרעשטשאַטעק — אַ פּלאַץ אין דער שטאָט קיעוו.

די אונטערשטע שורה (שורע) — דעם ענדגילטיקן רעזולטאַט.

ד

אין איין שמע ישראל (שמאַ־ייסראָעל) — דאָ: אין איין סעקונדע.

פּזמונות (פּיזמוינעס) — נישט געשטויגענע געשיכטעס.

שונאי ציון (סאָנע ציען) — יידן־פיינט; אַ שפּרוך ביי רעליגיעזע יידן, ווען זיי דערמאָנען עפּעס שלעכטס.

געמסרט (געמאַסערט) — דענונצירט.

„געסטרעכעוועט" (דאַרף זיין: סטראַכירט) — אַסעקורירט זיך.

„בורא מאורי האש" (בוירעי מעאוירעי האייש) — טייל פון אַ ברכה, וואָס יידן זאָגן שבת (שאַבעס) ביינאַכט, ווען זיי צינדן אָן ליכט; דאָ: אונטערגעצונדן.

ה

אַ מוצלח (מוצלעך) — אַ מענטש, וואָס דאָס גליק שפּילט אים צו.

ו

אָפּגעשלאָגענע הושענות (הוישיינעס) — זאַכן, אָן וועלכן ס'איז ווערט.

פאַרשרפהט (פּאַרסאַרפעט) — פאַרברענט.

ז

דיינים (דאַיאָנים) — יידישע רעליגיעזע ריכטער.

יד־אחת (יאַד אַכאַס) — איין האַנט, אַ סאָלידאַרער אָפּמאַך.

עד לפ"ק (אַד לעפּאַק) — געמיינט: ביזן לעצטן, אינגאַנצן.

באם חלילה (בעאים כאַלילע) — דאָ: און אויב נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין.

זיין נע'ונד (נאַ־ווענאַד) — ארומוואַלגערן זיך, וואָגלען.

ח

אלמנה חיה (אַלמאָנע כאַיע) — א „לעבעדיקע" אלמנה; א פרוי, וועלכע האָט נישט איר מאַן; ער איז אין דער פרעמד.

נכתב (ניכטעוו) — א צוגעשריבענער צום שטעטל וואַסילקאָוו.

דער בריוו איז געווען פארחתמעט (פאַרכאַסמעט) — פאַרקלעפּט.

ט

מסוכן (מעסיקן) דאָ: געפערלעך קראַנק.

„פליטעווע" — שווינדל.

געכפלט (געקייפלט) — געטאָפּלט.

קארטאַזש — קורטאַזש, מעקלעריי ביי בערזע־טראַנזאַקציעס.

גנבה'זש (גאַנוואַזש) — געמיינע גנבה (גיניווע) — נייטיק צום גראַם „קארטאַזש".

אַזאַ חריף (כאַריף) — זאַכקענער.

פאַדאַל — פאַרשטאַט אין קיעוו.

י

שלושים (שלוישים) — די ערשטע חדייסיק טעג נאָכן טויט פון א נאָענטן מענטש, וועלכע די רעליגיעזע יידן טרויערן.

מת (מעס) — טויטער.

ערב (אָרעוו) — גאַראַנטיר, פאַרזיכער.

י"א

חורבן בית־המקדש (כורבן ביים האַמיקדאָש) — דאָ: קאַטאַסטראָפע, קראַך.

אויף טרפות (טאַרפעס) — צו פארקויפן ביליק.

שמאַרדאָווענצעם — געמיינם קארבאָוואַנצעם, רובלס.

תיקו (טייקו) — אַן אויסדרוק פון דער גמרא (גמאָרע), וועלכער באַדייט, אַז ס'איז נישטאָ קיין ענטפער אויף דער געגעבענער פראַגע.

אַ פרוטה (פרוטע) — גראָשן.

מעשה סוחר (מייסע סויכער) — ווי ס'פּאַסט פאַר אַ סוחר (סויכער).
רחמנא לצלן (ראַכמאָנע ליצלאָן) — גאָט באַהיט.
בחצי חנם (בעכאָצע כינעם) — האַלב אומזיסט.
זאָג נביאות (נעוויעס) — זע פאָר.

י״ב

אָנקומען צו עלינו (אָליינו) — דאָ געמיינט: אָנקומען צום סוף.
שמות (שיימעס) — דאָ: ווערטלאָזע פאַפּירלעך.
עליה השלום (אָלעהאָ האַשאָלעם) — פרידן צו איר; אַ צושפּרוך, ווען רעליגיעזע יידן דערמאָנען אַ געשטאָרבענע פרוי.
נישט אויפשטיין תחית המתים (טכיעס-האַמייסים) — נישט לעבעדיק ווערן.

מיליאַנען

א

מאַכן פליטה (פּלייטע) — באַנקראָטירן.
פּעטשאַטעק — אָנהייב.
הלך לעולמו (האָלאַך לעוילאָמוי) — איז אוועק.
לוחות (לוכעס) — קאַלענדאַרן.
שנת תרל״ג (שנאַס תרל״ג) — יאָר 1873.
ניזוק ונהרג (ניזעק וועניהערעג) געוואָרן — צעשעדיקט געוואָרן.
עזות-פּנים (אַזעס-פּאָנעם) — פרעכער, אומפאַרשעמטער מענטש.
קוים חתמענען (כאַסמענען) — קוים אונטערשרייבן זיך.

ב

רוצח (רויצייאַך) — מערדער.
טיטוס —רוימישער קייסער, אַ טיראַן, וואָס האָט פאַרניכטעט ירושלים (יערושאָלאַים).
חושים — דאָ: אַן אידיאָט.

ג

גם זו לטובה (גאַם זו לעטויווע) — דאָס איז אויך צום גוטן.

קונה (קוינע) — אַ קויפער.

מוכר (מויכער) — אַ פאַרקויפער.

מאסף ממון (מעאַסעף מאָמעו) — קלייבט געלט; מאַכט די קאַפּיקעס.

„קאָמפּעזירט" — קאָמפּאָנירט, מע פּאַרגיטיקט.

„סאָדערזשאַנקע" (רוסיש) — אַ פרוי פון לייכטער אויפפירונג, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן דורך אַ ליבהאָבער.

„שאַנשענעטקעס" (דאַרף זיין: סאָנשאָנעטקעס) — קאַבאַרעט־זינגערינס, אָפט פרויען פון לייכטער אויפפירונג.

ה

לאד אים צום „ונתנה תוקף" („אונעסאַנע טויקעף") — דאָ: רעד צו די ווענט.

היתכן (האַיטאָכן) — ווו איז רעכט?

שקאָנטיר (דאַרף זיין: דיסקאָנטיר).

אכסניא (אַכסאַניע) — ביליקער האָטעל.

א סגולה צו פרנסה (אַ סגולע צו פּאַרנאָסע) — אַ מיטל צו פאַרדינען.

אָנזעצן — באַנקראָטן.

פּילגשים (פּילאַגשים) — „געליבטע", קעפּס־ווייבער.

בלשון אשכנז (בעלאָשן אַשקענאַז) — דאָ: אויף יידיש.

קריכט מיר אין דער לינקער פאה (פייע) — אינטערעסירט ניש.

ו

בעל־הלוואה (באַל־האַלוואָע) — אַ קרעדיטאָר, אַ מענטש, וואָס באָרגט אוועק געלט אויף פּראָצענט.

רבותים (ראַבויסים) — מייגע הערן.

מקדש געווען כדת משה וישראל (מעקאַדעש געווען קעדאָס מוישע וועיסראָעל) — חתונה געהאַט לויטן יידישן ריטואַל.

ז

אדערויף — אַן אַוואַנס, אַ קאַנטע.

שאר ירקות (שאַר־יערקעס) — דאָ: און אַנדערע הכנסות (האַכנאָסעס) — איינקונפטן.

מע פאַרבייט זיך מיט די יוצרות (יויצרעס) — דאָ: מע טוישט זיך מיט מאַן און ווייב.

שלי שלך ושלך שלי (שעלי שעלאַך וועשעלאַך שעלי) — מיינס איז דיינס און דיינס — איז מיינס.

ט

בלי גוזמא (בעלי גוזמע) — נישט איבערטרייבנדיק.

י

פערעבענדיוועט — קלייבט איבער.

אָפּגעזאָגט אויף עולמות (אוילאָמעס) — דאָ: פאַרשריבן אויף ווילטער־טיקע צוועקן, אויף פילאַנטראָפּיע.

ריסטאַנסקע ראָטע — (דאַרף זיין אַרעסטאַנטסקע ראָטע) — אין צאַרישן רוסלאַנד שווערע טורמע־שטראָף.

י״א

א חריפות (כריפעס) — דאָ: א זעלטנהיים.

אימעניעס (רוסיש) — גיטער, מאַיאָנטעק.

„אַפּיסן" — איגוועגטאַר־ליסטע.

„האַנדזשיריי" — פּאַרגרייזט, דאַרף זיין: אַראַנזשעריע.

י״ב

א חרפה, אַ בושה (אַ כאַרפּע, אַ בושע) — א שאַנד.

עובדא (איוודע) — דאָ: פאַקט.

י״ג

משׂשת ימי בראשית (מישיישעס יעמיי בערייִשעס) — דאָ: פון יאָר טויזנטער.

ארזי לבנון (אַרזיי לעוואָנוין) — צעדערביימער פון באַרג לבנון, זייער הויכע ביימער.

הלכות (הילכעס) וואַלד — וואַלד־פּראַגן.

סלאָיעס — שיכטן.

שדה־לבן (סדיי לאָוון) — געמיינט: די רוסישע שטאָט ביעלעצערקאָוו.

ט״ו

לא דובים ולא יער (לוי דובים וועלוי יאאר) — נישט קיין געשטויגן, נישט געפלויגן.

מכל דבר שורש (מעקאָל דאָוואָר שוירעש) — דאָ: וועגן אַלעם געניי.

כי נחוץ מאד (קי נאָכוץ מעויד) — ווייל ס׳איז זייער נייטיק.

אץ להעשיר (אָץ לעהאַאַשיר) — יאָגט זיך רייך צו ווערן.

ט״ז

תמוז (טאַמוז) — א זומערדיקער מאָנאַט (מער ווייניקער יוני־יולי).

עס טוט זיך חושך (כוישעך) — עס קערט זיך די וועלט, ס׳קאָכט.

י״ז

גייען ארום בטל (באָטל) — ליידיק.

מאה אלף (מייע עלעף) — הונדערט טויזנט.

עס האָט נישט קיין שיעור און קיין ערך (סיהאָט נישט קיין שיר און קיין ערך) — ס׳איז גאָרנישט צום דערשאַצן.

ס׳איז א סברא (סוואָרע) — וואַרשיינלעך.

אלפים (אַלאָפים) — טויזנטער.

כל טוב (קאָל טוייוו) — אַלדאָס גוטס.

עפרות זהב (אַפרויס זאָהאָוו) — גאָלד־גרובן.

י״ח

א מוכר־ספרימניק (מויכער־ספאָרימניק) — א בוך־הענדלער.

אויף פראַקאַט — אויף נוצנעלט.

י״ט

יהלוקו (יאַכלויקו) — מע וועט זיך טיילן.

על כל פנים (אַל קאָל פאָנים) — ווי ס׳זאָל נישט זיין.

גוראַלנע (רוסיש) — א בראָנפן־בראַוויז.

מאָלאָטשנע (רוסיש) — מילך־געשעפט, קאַוויאַרניע.

בעל מגזם (באַל מעגאַזעם) — אן איבערטרייבער.

כ

גדולדיק (גאַדלדיק) — גרויסהאַלטעריש, פּאַרדיסן.

שמן־זית (שעמען־זאַיס) — בוימל פון אייל־בירטן.

מים־אחרונים־וואַסער (מאַים־אַכרוינים־וואַסער) — דאָס וואַסער, מיט וועלכן רעליגיעזע יידן וואַשן די הענט נאָכן עסן, פאַרן „בענטשן".

געבילבעטע — איראָניש: געבילדעטע.

א קאַרעפּירער אתרוג (עסרעג) — אַן אתרוג פון אינדזל קאָרפו (גריכנ־לאַנד) וואָס ווערט ביי רעליגיעזע יידן טייער געשאַצט. דאָ: עפּעס אויסגעצייכנטס.

דרייפוס — אַ יידישער אָפיצער פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, אויף וועלכן די פראַנצויזישע אַנטיסעמיטן האָבן אויסגעטראַכט, אַז ער איז אַ שפּיאָן צום גינסטן פון אַ פרעמדער מלוכה (מעלאָכע), זיין פּראָצעס אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט האָט אויפגעטרייסלט גאַנץ אייראָפּע.

כ"א

באָרדערא — אַ צעטל פון אַקטן אין אַ קאַרטאָטעקע.

זאָלאַ — דער באַרימטער פראַנצויזישער פּראָגרעסיווער שרייבער עמיל זאָלאַ, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן אין שוץ פון דרייפוסן.

כ"ג

אַ נאָמען פון דער הגדה (האַגאָדע) — אַן אויסגעטראַכטער נאָמען.

ווייסט נישט פון קיין פותר (פּויסער) און פון קיין חלום (כאָלעם) — ווייסט פון גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

צרות רבים חצי נחמה (צאָרעס ראַבים כאַצע נעכאָמע) — אַן אַלגעמיינע צרה איז אַ האַלבע טרייסט.

לאָדט ער זיך — פּראָצעסירט ער זיך.

קאַזנאַ — רעגירונג.

עני ואביון (אָני־וועעוויוין) — אַ גרויסער אָרעמאַן.

כ"ד

בימט נאָך מסופק (מעסופּעק) — צווייפלסט נאָך.

אַ בכבודיקע פּרנסה

א

מן השמים (מין האַשאָמאַים) — פון הימל, אַזוי באַשערט.

אויסגעדינט כל העבודה זרות (קאָל אַווידע זאָרעס) — דאָ: געהאַט פאַרשידענע געשעפטן.

זשאַלאָוואַניע (רוסיש) — געהאַלט.

עד לחשבון (אַד לעכעשבן) — ביזן ענדגילטיקן אָפּרעכענען זיך.

בכבודיקס (בעקאָוועדיקס) — דאָ: אָנשטענדיקס.

ב

ביסט מנדר (מעוואַדער) — שענקסט.

ווארפן אַן אומחן (אומכיין) אויפן ווייב — דאָס ווייב האָט אים אויפגע־הערט צו געפעלן.

ג

בלתי (בילטי) — נאָר.

משמעות (מאַשמאָעס) — ווייזט אויס.

מקבל (מעקאַבל) געווען — באַקומען.

מעות (מאָעס) — געלט.

ד

אויף סים־סאַט (רוסיש) כפרות (קאַפּאָרעס) — אויף זיבן הונדערט כפרות.

ו

אַ בעל דרשער (באַל־דאַרשער) — אַ מאָראַל־פּריידיקער.

זאָגן קמץ אלף (קאָמעץ אַלעף) — קאָן שוין סילאַביזירן.

ז

עפרות זהב (אַפרויס זאָהאָוו) — גאָלד־גרובן.

מאַכן אַ ויברח (וואַיווראַד) — אַנטלויפן.

מטמון (מאַטמען) — אַ גרויסן פאַרמעגן, אַן אוצר (אויצער)

אין זכות (זכוס) — אין נאָמען פון די פּאַרדינסטן.
פּיסטויל — פּיסטאָלעט.
מרחת (טערכע) — מי.
עגמת־נפש (אגמעס־נעפעש) — פאַרדראָס.
מאין יבוא עזרי (מאין יאָווי עזרי) — פון וואַנען וועט קומען מיין הילף.
באו מים עד נפש (באָו מאים אַד נאָפעש) — דאָס וואַסער איז צוגעקו־מען צום האַלדז, אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג.

עס פידלט נישט

א

תיכף ומיד (טייקעף אומיאַד) — גלייך.
סטראַטשנע דעפּעש (דאַרף זיין: סראָטשנע דעפּעש, רוסיש) — אַ דרינגענדיקע דעפּעשע.
כך הוה (קאַך האָווע) — אַזוי איז טאַקע געשען.
כתבים (קסאָווים) — מאַנוסקריפּטן.
אות באות (אָס בעאָס) — וואָרט ביי וואָרט.
בת הגביר (באַס האַגוויר) — די טאָכטער פון גביר.
טיטל ביי אַ וועגדונג אין די אַלט־יידישע בריוו).
ד' אלפים (דאַלעד אַלאָפים) — פיר טויזנט.
רוצה (רויצע) — ער וויל.
בן הגביר (בען האַגוויר) — דער זון פון גביר.
גלוה (געלואַך) — אַ ראַזירמעסער; אָן אַ באָרד.
מלוה ברבית (מאַלווע בעריביס) — באָרגט אויף פּראָצענט.
מדברת (מעדאַבערעס) — זי רעדט.
יכול ליתן מעות (יכאָויל ליטיין מאָעס) — קאָן געבן געלט.
בעל יועץ בסאכערני זאַוואָד (באַל יויאייץ בעסאָכערני זאַוואָד) — אַ ראַט־געבער אין אַ צוקער־פאַבריק.
והנער (וועהאַנאַר) — דער יונג.
בחור מנגן על (באָכער מענאַגן אַל) — אַ בחור, וואָס שפּילט אויף...
שוה 10 אלפים (שאָווע 10 אלאָפים) — האָט די ווערט 10 טויזנט.
ב' בתולות (בייס בסולעס) — צוויי מיידלעך.

הקטנה מעט (האקטאַנע מעאַט) — די קלענערע איז עטוואָס.

דעפּלאָם לאו דווקא (לאַוו דאַווקע) — קאָן זיין אָן דיפּלאָם.

חכמה נפלאה (כאָכמע ניפּלאָע) — אַ וווּנדער־קלוגע.

רוצה למדן (רויצע לאַמדן) — וויל אַ לערנער.

נגיד חדש (נאָגיד כאָדעש) — אַן אויפגעקומענער גביר.

ווילן אַ שידוך כלות הנפש (שידעך קעלויס האַנעפעש) — גייען שיר נישט אוים פאַר אַ שידוך.

ב׳ פעמים (בייס פעאָמים) — צוויי מאָל אַזויפיל; טאָפּלט.

רח״ש להשדכנים (רכאַש לעהאַשאַדכאָנים) — שדכנות־געלט.

גביר ממון קורח (גוויר מאָמען קוירעך) — רייך, ווי קורח (קוירעך).

דבר אחר גדול (דאַוואַר אכער גאָדל) — אַ גרויסער חזיר (כאַזער); אַ קאַרגער.

קענער חריף (כאַרעף) — געמיינט: אַ גרויסער קענער.

מבקש (מעוואַקעש) — ער זוכט.

נישט חולה לשלוח על הוצאות (כוילע לישלויאַך אַל הויצאָעס) — נישט קראַנק צו שיקן אויף רייזע־קאָסטן.

נותן (נויסן) אקזאַמין על 8 קלאסין — באַלייגט עקזאַמען אויף אַכט קלאַסן.

יושב באדעס (יוישעוו בעאַדעס) — וווינט אין אדעס.

ויכול לשון קודש (וועיאָכויל לאָשן קוידעש) — קען העברעיש.

רק (ראַק) מוז קודם (קוידעם) — נאָר מוז פריער.

וויל גם כן בתולה (גאַם קען בסולע) — וויל אויך אַ מיידל.

שפּילער מתמיד (מאַסמיד) — פלייסיקער שפּילער.

תקיף אצל (טאַקיף אייצל) נאטשאלסטווע — שטאַרק ביי נאַטשאַלסטווע; געמיינט האָט אַ דעה (דייע).

מן היושר בתולה עם ה׳ אלפים (מין האַיוישער בסולע אים האַי אַלאָפים) — דאָ: געוווּנטשן אַ מיידל מיט פינף טויזנט אָדער גרושה עם 10 אלפים (גרושע אים 10 אלאָפים) — אַ גרושה מיט 10 טויזנט.

שבעים (שיווים) — זיבעציק.

מקבר געווען ג׳ נשים (מעקאַבער געווען גימל נאָשים) — באַגראָבן דריי ווייבער.

טראָגט היטל בבית (בעבאַיס) אין דער היים.

בשבת (בעשאַבעס) — אין שבת.

כ' אלפים לא פחות פרוטה (כאַף אלאַפים לוי פּאַכעס פרוטע) — 20 טויזנט נישט ווינציקער א גראָשן.

כנגד חצי (קענעגעד כאַצי) — דער צווייטער צד (צאַד) נים אנטקעגן א העלפט.

צריך לכתוב עוד א' (צאָרעך ליכסויוו אויד אַלעף) — דארף שרייבן נאָך איין...

בקשתי לשלוח כ"ח רו"כ אויף הוצאות לכה"פ מארקעס (ביקאַשטי לישלויאך כאף האי רוק אויף הויצאָעס לעכאַל האַפּאַכעס מאַרקעס) — כ'האָב געבעטן, ער זאָל מיר שיקן 25 רובל אויף הוצאות אמווי־ניקסטן — מארקעס.

סכנת נפשות (סאקאָנעס נעפאשעס) — דאָ: א הייסער.

חריף בשאך (כאריף בעשאך) — א גרויסער שאַכיסט.

ובעל דברן (אובאַל דאַברן) — און א רעדנער.

אש־להבה (אייש לעהאָווע) — פלאַם־פייער.

כתבא רבא (קאסווע ראבע) — א שיין־שרייבער.

שמעתי (שאַמאַטי) — כ'האָב געהערט.

של (שעל) — פון

שייך (שייך) — געהערט; שטאַמט.

יורה־דעה (יוירע דייע) — צווייטער טייל פון שולחן ערוך (שילכאָן אָרעך).

יש לו (יעש לוי) — ער האָט.

משפחה יחוס (מישפּאָכע ייכעס) — דאָ: פון א יחוסדיקער משפחה (מישפּאָכע).

ר' אלפים (רייש אַלאָפים) — צווייהונדערט טויזנט.

הגביר המפורסם (האַגוויר האַמפּורסים) — דער בארימטער גביר (גוויר).

יושב (יוישייוו) — דאָ: וווינט.

יותר (יויסער) — מער; **מדאקטער** — פון א דאָקטער.

כמו יוסף הצדיק (קעמוי יאָסיף האַצאַדיק) — אזוי ווי יוסף הצדיק (יאָסיף האַצאַדיק).

כמו שלמה המלך (קעמוי שלוימע האַמעלעך) — אזוי ווי שלמה המלך (שלוימע האַמעלעך).

על כל הכלים (אַל קאָל האַקיילים) — דאָ: אויף אלע אינסטרומענטן.

מעות און א שיעור (מאָעס אָן א שיער) — געלט אָן א מאָס.

עם כל המעלות (איס קאָל האַמײלעס) — מיט אַלע מעלות (מײלעס).
כמעט (קימאַט) בראָצקע — שיר נישט ווי בראָצקע.
דפקתי (דאַפאַקטי) — כ׳האָב געקלאַפּט.
ה׳ בתולות (האַי בסולעס) — פינף מײדלעך.
ג׳ (גימל) — דרײַ.
ב׳ (בײס) — צוויי.
עם (אים) — מיט.
כתבתי כמה (קאַסאַווטי קאַמע) — כ׳האָב געשריבן אײניקע...
בנעימותדיק (בענימוסדיק) — שטיל, אָנגענעם.
בשעת הדחק (בעשאַס האַדכאַק) — דאָ: ווען ס׳איז ענג.
בהרחבה (בעהאַרכאָווע) — דאָ: באַקוועם.
מאין באתי (מעאַין באָסי) — פון וואַנען איך קום.
אחינו אתה (אַכינו אַטאָ) — ביסט אונדזער ברודער, אַן אונדזעריקער.
מגושמדיקע (מעגושעמדיקע) — אַן אומגעלומפּערטע.
השגחה עליונה (האַשגאָכע עליוינע) — געטלעכער אויפזיכט.
מזדמן זײַן לפונדק אחד (מיזדאַמען זײַן לעפונדעק עכאָד) — צונויפטרעפן זיך אין אײן גאַסטהויז.
מתקן זײַן (מעסאַקן) זײַן — דאָ: אויפטאָן.
מסביר (מאַסביר) זײַן — געבן צו פאַרשטײן.
סחורה מן המובחר (סכוירע מין האַמיווכער) — די בעסטע סחורה.
משלם (מעשאַלעם) זײַן — באַצאָלן.
מעות מזומנים (מאָעס מעזומאָנים) — באַרעס געלט.
צד שכנגדו (צאַד שעקענעגדוי) — דער צווייטער צד (צאַד).
ספר הזכרונות (סײפער האַזיכרוינעס) — דאָ: דאָס גאָטיד־ביכל.
ער איז זיך מתחייב (מיסכײעוו) — ער פאַרפליכטעט זיך.
ב׳ פעמים (בי פּעאָמים) — צוויי מאָל.
מאכן מזונות (מעזױנעס) — דאָ: כאַפּן אַ קײַ.
יי״ש (יאָש) — בראָנפן.
בעזרת השם יתברך (בעעזראַס האַשעם ייסבאָרעך) — מיט גאָטס הילף.
מאות (מײעס) — הונדערטער.
ס׳וועט הולכן (הױלעכן) — ס׳וועט גײן, געלונגען.

אַ סרחה (סירכע) — דעפעקט.
מצדכם (מיצידכעם) — פון אייער זייט.
משתדל (מישטאַדל) זיין — באַמיען זיך.
מצדי (מיצידי) — פון מיין זייט.
כנגד (קענעגעד) — אַנטקעגן.
מבטיח (מאַווטיאַד) געווען — פאַרזיכערט, צוגעזאָגט.
מה רעש (מאַ ראַאַש?) — וואָס איז דאָס געשריי?
חוקר ודורש (כויקער וועדוירעש) זיין — אויספאָרשן.
כך וכך (קאַד וועקאַד) — אַזויפיל און אַזויפיל.
זיווג (זיוועג) — אַ פּאָר.
כיד המלך (קעיאַד האַמעלעך) — קעניגלעך.
עד אין לשער (אַד איין לעשאַער) — ס'איז גאָרנישט אָפּצושאַצן.
צדיקית(צעדייקעס) — אַ גוטע, פרומע פרוי.
דאָס קרן (קערן) — דאָ: די כלה (קאַלע).
אויפן הימל אַ יריד (יאַריד) — נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.
דער גאַנצער גורם (גוירעם) — דאָ: דער גאַנצער איניציאַטאָר).
טיודן (גרייזיק) — דאַרף זיין — עטיודן.
פּאָזשאַלעסטע, מעשאַיע נישט (רוסיש) — ביטע, שטער נישט.
נאַפּרימער (רוסיש) — צום ביישפּיל.
ווידיטע (רוסיש) — זעט איר.
סאָבסטווענאַ (רוסיש) — אייגנטלעך.
פּאָנאָפּראַסנאָ (רוסיש) — אומזיסט.
אָבראַזאָוועטער (רוסיש) — געבילדעטער.
סטשיטאַיעט זיך (רוסיש) — רעכנט זיך.
פאַנאַטיטשעסקי (רוסיש) — פאַנאַטישע.
ניעסמאָטריאַ (רוסיש) — נישט געקוקט דערויף.
פּאָלוטשעט(רוסיש) — באַקומען.
אָבראַזאָוואַניע (רוסיש) — בילדונג.
פּאָסיעשטשאַיען (רוסיש) — באַזוכן.
אוטשעבנע זאַוועדיעניעס (רוסיש) — לערן־אַנשטאַלטן.
יפהפיה (יעפייפיע) — שיינהייט.

דאָזשע (רוסיש) — אפילו.

מזכיר (מאַזקיר) זיין — דערמאָנען.

חוקר ודורש (כויקער וועדוירעש) זיין — אויספאָרשן.

טאָוואַר אַסמאָטרעל, פּערווי סאָרט. שעסט טיסיאַטשי, טלעגראַמי־ רויטע סקאָלקאַ נאַפּראַטיוו. גדיע סיעכאַיעמסאַ (רוסיש) — די סחורה(סכוירע) באַקוקט. ערשטער סאָרט. זעקס טויזנט. טעלעגראַפירט וויפל אָנטקעגן. וועהין פאָרן מיר זיך צונויף.

אופיראַלסיאַ דעסיאַט. נאַפּראַטיוו פּאַלאַווינע שעסט. ראַבאַטאַיטע נאַבאַוקע, סאַגלאַסן זשמערינקע. טאָוואַר פּרימע. טעלעגראַ־ מירויטע (רוסיש) — ער האָט זיך איינגעשפּאַרט צען. אַנטקעגן די העלפט פון זעקס. אַרבעט מען זאָל צוגעבן. איינשטימיק אין זשמע־ רינקע. פּרימאַ סחורה (סכוירע). טעלעגראַפירט.

פּאַרטייטשן דעם פּסוק (פּאָסעק) — געבן צו דערקלערן.

יאַוונע וויאַסנע — פולשטענדיק קלאָר.

מעדליוועך (רוסיש) — אָפּשלעפּן.

קאַראַטקי סלאָווא, סקאָלקאַ דאַיאָט קלאַדו נאַפּראַטיוו דוואַ ראַזאַ באַלעיע. ניע מעדליוואַט. פּאַדכוואַטיטסיאַ דרוגאַי (רוסיש) — קורץ גערעדט. וויפל ער גיט, לייג איך אַנטקעגן צוויי מאָל מער. נישט פאַרשלעפּן. עס וועט זיך אויסדרוקן אַ צווייטער.

סאַגלאַסען דוואַ ראַזאַ מענעיע וויגאָוואַראַם טיסיאַטשי נאַזאַד. טאָוואַר נאַכאַדקאַ (רוסיש) — איינשטימיק צוויי מאָל ווייניקער, אויסגערעדט זיך טויזנט צוריק. די סחורה (סכוירע) איז אַ מציאה (מעציע).

מיט אַ תנאי (טנאַי) — מיט אַ באַדינג.

דאַסט טרי קלאַדיאַט סעם, דאַסט טשיטערי קלאַדיאַט דעוויאַט. דאַסט פּיאַט קלאַדיאַט אַדינאַצאַט. ני טיאַנוט דלינע סקאַמייקע. סטראַטשימע וועיעכאַיעם (רוסיש) — גיט ער דריי, לייגט ער זיבן גיט ער פיר, לייגט ער ניין, גיט ער פינף, לייגט ער עלף. נישט פאַר־ ציען אין דער לאַנגער באַנק. גיט אַ דרינגענדיקע טעלעגראַמע. מיר פאָרן ארויס.

וועיעכאַיטע — וועיעכאַיעם (רוסיש) — מיר פאָרן ארויס, פאָרט ארויס.

אַ מטופל (מעטופל) מיט קינדער — אַ באַלאַסטיקטער מיט קינדער.

נישט זיין קשה (קאָשע) — נישט אויפפאַלנדיק, דאָ: נישט וווּנדערן זיך.

אַ מכניס אורחטע (מאַכניס אויר׳עכטע) — אַ גאַסטפריינדלעכע פרוי.

עם חלשט (כאַלעשט) מיר דאָס הארץ — ס'ציט ביים האַרצן.
מסוכן נפש (מעסוקן נעפעש) — געפערלעך.
מאַכט נישט קיין שהיות (שיעס) — באַלעמוטשעט נישט, פּאַרציט נישט.
סעודה (סודע) — מאָלצייט.
נסים ונפלאות (ניסים וועניפלאָעס) — די גרויסע וואונדער.
געשפּאָלטן דעם ים (יאָם) — דאָ: געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען.
לכל הפחות (לעכאָל־האַפּאָכעס) — וויניקסטנס.
ב' אלפים (בי אַלאָפים) — צוויי טויזנט רובל.
ג' אלפים (גי אַלאָפים) — דריי טויזנט.
אַביל ואשמח (אָגל וועסמאַך) — דאָ: אַלץ גוט.
קראַפּן — דאָ: פּאַרגרייזט רובל.
איין פרט (פּראַט) — איין איינצלהייט.
פּריזיוו — די פליכט פון די יונגעלייט אין 21־טן לעבנס־יאָר צו שטעלן זיך פאַר אַ מיליטערישער קאָמיסיע, וועלכע האָט קלאַסיפיצירט זייער פעיקייט אָדער אומפעיקייט צו מיליטער־דינסט.
געפּטרט דעם פריזיוו (געפּאַטערט דעם פריזיוו) — באַפרייט זיך שוין פון מיליטער.
מזכיר געווען (מאַזקער געווען) — דערמאָנט.
בתולה (בסולע) — מיידל.
זולל־וסובאניק (זוילעל־ווסוויוועניק) — פרעסער און זויפער.
בזיונות (ביזיוינעס) — שאַנדע.
נעבאַי־בי — דאָ: ווען כ'וואָלט.
אל תפתח פה לשטן (אַל טיפטאַך פע לעסאָטן) — נעמיינט: נישט אויס־בערעדט זאָל עס זיין: אַ צושפּרוך פון אַ רעליגיעזן ייד.
הרים וגבעות (האָרים אוגוואָעס) — דאָ: גאָלדענע בערג, גרויסע גליקן.
שטראָפירט (פאַרגרייזט) — געמיינט: סטראַכירט, אַסעקורירט.

שלים־שלים־מזל

שלים־שלים־מזל (מאַזל) — אומדערפאָלג, דאָס האָבן בסדר (קעסיידער) דורכפאַלן.
עוקר זיין (אויקער־זיין) — אַנטלויפן.

בענטשן גומל (בענטשן גוימעל) — דאַנקען גאָט — פאַרן ראַטעווען זיך.

חד־גדיא (כאַדגאַדיע) — דאָ: מורמע.

פאַלאַזשעניע (רוסיש) — לאַגע.

אינקוויזיטאָר — דאַרף זיין: אַקוויזיטאָר ד. ה. אַן אַגענט פון אַן אַסע־קוראַציע־געזעלשאַפט, וועלכער ווערבירט פאַר איר קליענטן.

„אָקרוזשנאָי" אַגענט־אינספּעקטאָר — אַ קרייז־אינספּעקטאָר.

אינה מקודשת (איינע מעקודעשעס) — דאָ: איז נישט דערפון.

זייט מצליח (מאַצליאַך) — האָט דערפאָלג.

בגדי מלכות (ביגדע מאַלכעס) — קעניגלעכע קליידער.

מפּאיעזד לפּאָיעזד (מיפּאָיעזד לעפּאָיעזד) — פון צוג צו צוג.

יאַבעדניקעס — מענטשן, וועלכע האָבן זיך ליב צו פּראָצעסירן.

פּצון־זייט (פּאָצן־זייט) — איראָניש — געמיינט: צפון־זייט (צאָפן־זייט).

אחינו בני ישראל (אַכיינו בניי ייסראָעל) — אונדזערע ברידער יידן.

חברה־לייט (כעוורע־לייט) — פאַרשוינען.

עס לאָזט זיך אוים די מעשה (מייסע) — ס'ווייזט זיך אַרוים.

בעל־הגוף (באַלעגוף) — רייכער פויער, קולאַק.

יחדיו (יאַכדאָוו) — צוזאַמען, בשותפות (בעשוטפעס).

אָץ להעשיר (אָץ לעהאַשער) — אַ מענטש, וועלכער יאָגט זיך נאָך רייכ־קייט.

ערשטער מנין (מיניען) — די גרופּע יידן אין שול, וואָס דאַווענען די ערשטע.

אַ טבע (טעווע) — דאָ: אַ געוווינהייט.

הבוקר אור (האַבויקער אויר) — ווי ס'איז נאָר געוואָרן טאָג.

פעדערן זיך — איילן זיך, כדי (קעדיי) צו זיין פון די ערשטע.

היומס (האַיוימס) — די לעצטע תפילות (טפילעס) פון יום־טובדיקן דאַווענען.

יהודי בלא (יעהודי בעלוי) — געמיינט: ייד, שווייג.

דברט (דאַבערט) — רעדט.

נעלם (נעלעם) — פאַרשווונדן.

אַ געמאָלטער מזרח (מיזראַך) — אַ געמעל אויף דער מזרח־וואַנט. צו דער מזרח־וואַנט ווענדן זיך רעליגיעזע יידן, ווען זיי שטעלן זיך דאַווענען. דער געמאָלטער „מזרח" ווייזט אָן ווו ס'איז די מזרח־וואַנט

אַ נפש (נעפעש) — פּאַרשוין.

אָצע דאָברע דילאָ! (אוקראַיניש) — אָט דאָס איז אַ גוטע זאַך.

תּענית (טאָנעס) — אַ טאָג, אין וועלכן רעליגיעזע יידן פאַסטן.

אָדון (אָדן) — דער הער.

אָנידערלייגן אַ דרשה (דראָשע) — האַלטן אַ רעדע.

רייך ווי קורח (קוירח) — זייער רייך.

יאַק נאַפּיסאַנו אונאַס (אוקראַיניש) — ווי ס'שטייט ביי אונדז געשריבן.

עני חשוב כמת (אָני כאָשעוו קעמעס) — אַן אָרעמאַן איז געגליכן צו אַ טויטן.

זנאַטשיטסאַ בעדני כּושע מערטווי (אוקראַיניש) — הייסט עס: אַז אַן אָרעמאַן איז ערגער פון אַ טויטן.

פאָטאָמו, וואשע בלאַהאָראָדיע, זאַשטראַפּירוּיטע סעבי אָט סמערטי טשערעז סטאָ דוואַדצאַט לעט, נאַ דעסיאַט טיסיאַטשי (רוסיש) — דעריבער אייער וווילגעבוירן, פאַרסטראַכירט זיך פון טויט, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אויף צען טויזנט.

נייר (נעיאָר) — פּאַפּיר.

כּתבעט (קאַסוועט אָן) — שרייבט אָן.

פּיפּערנאָטער — אַ לעגענדאַרע אויסטערלישע באַשעפעניש.

מזיקים (מאַזיקים) — אויסוואורפן.

טרפהנער גליק (טרייפענער גליק) — אַ גליק, וואָס מ'האָט דערויף נישט פאַרדינט.

שיכּור הגדול הגבור והנורא (שיקער האַגאָדל, האַגיבער וועהאַנוירע) — געמיינט: גאָר אַ גרויסער שיכּור (שיכּער).

האַלט ביים אָפּזאָגן די עטלעכע גילדן — דאָ: האַלט ביי שטאַרבן.

שוכן־עפר (שויכן־אָפאָר) — אַ געשטאָרבענער.

פּרחה נשמתי (פּאָרכי נישמאָסי) געוואָרן — געמיינט: ס'איז מיר שיר נישט אַרויס די נשמה (נעשאָמע).

בחשיבות גדול (ביכשיוועס גאָדל) — זייער אָנגעלייגט, שטאַרק געשעצט.

מבטיח זיין (מאַווטיאַך זיין) — פאַרזיכערן.

רק (ראַק) — נאָר.

שררהטע (סראָרעטע) — אַ האַרינטע, אַ פּריצע.

ווערטערביכל

א

אפשר (עפשער) — מעגלעך, טאָמער.

אכילה (אַכילע) — דאָס עסן, העך פרעס.

אשכנז (אַשקענאַז) — באַצייכענונג פון דייטשלאַנד, לשון אשכנז (לאָשן אַשכענאַז) — געמיינט: די יידישע שפּראַך.

אריכות (אַריכעס) — זע באריכות

אברים (אייווערים) — גלידער.

אלמן (אַלמען) — א מאַן, וואָס זיין פרוי איז געשטאָרבן.

אוודאי (אַוואַדע) — זיכער, ווארשיינלעך.

אוצר (אויצער) — פאַרמעגן, שאַץ, רייכטום.

ארץ־ישראל (ערעץ־ייסראָעל) — דאָס יידישע לאַנד.

אמת (עמעס) — וואָר,ווירקלעך; דער אמת — די וואָר, וואָרהייט.

ב

בחור (באָכער) — א יונגערמאַן, א דערוואַקסן יינגל.

בפרט (ביפּראָט) — באַזונדערס, ספּעציעל.

ברית (בריס) — די רעליגיעזע צערעמאָניע פון מל־זיין (מאָל־זיין) ביי יידן.

בסך־הכל (בעסאַך־האַקל) — אין גאַנצן, אַרום־און־אַרום.

בריה (בעריע) — א פעיקע פרוי אָדער מיידל, אַ גוטע באַלעבאָסטע.

ברירה (ברייררע) — אויסוואַל, אַנדערע מעגלעכקייטן.

בעל מלאכה (באַלמעלאָכע) — האַנטווערקער.

בשום אופן (בשום־אויפן) — פאַר קיין שום פאַל.

בבא־מעשות (באָבע־מייסעס) — אויסגעטראַכטע זאַכן, נישט געשעענישן, נישט געפּלוינגן.

בהמה (בעהיימע) — רינד (קו, אָדער אָקס).

בשעת מעשה (בעשאָס מייסע) — אין דער זעלבער צייט.

בטחון (בעטאָכן) — האָפענונג, אָפּטימיזם.

במילא (בעמיילע) — סיי־ווי־סיי, אַלץ איינס.

בכן (בעכיין) — דעריבער.

באריכות (באַריכעס) — אויספירלעך, ברייט.

בקיצור (בעקיצער) — קורץ, קורץ גערעדט.

בעל־פּרנסה (באַלפּאַרנאָסע) — אַ גוטער פאַרדינער.

בזיון (ביזאָיען) — שאַנד.

ברוך־השם (באָרעכהאַשעם) — דאַנקען גאָט.

בהלה (בעהאָלע) — פּאַניק.

ג

גדולה (געדולע) — פרייד.

געפּועלט (געפּויעלט) — זע פּועלן.

גט(געט) — דער פּאַפּיר, וואָס אַ מאַן גיט אַ פרוי ביים פונאַנדערגיין זיך.

געגזלט (געגאַזלט) — זע: גזלענען.

גזלנים (גאַזלאָנים) — רויבער.

גן־עדן (גאַניידן) — אַ גליקלעך אָרט, וווּ עס געפינען זיך די פרומע לייט אויף יענער וועלט, לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג.

גיהנום (גענעם) — פּייניקונגס־אָרט, וווּ מע פּייניקט די זינדיקע נאָכן טויט, לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג.

גוססן (גויסען) — אויסגיין, אָפּשטאַרבן.

ד

דאגה (דייגע) — זאָרג.

דווקא (דאַווקע) — גראָד, נאָר.

דיבורים (דיבורים) — רייד.

ה

הלוואה (האַלוואַע) — דאָס אויסגעבאָרגטע געלט, דאָס באָרגן געלט.

ו

ויהי היום (וואַיעהי האַיוים) — און ס׳איז געקומען דער טאָג, אין א שיי־נעם טאָג.

והילד איננו (וועהאַיעלעד אייגענו) — און דאָס קינד איז נישטאָ, פאַר־שוואונדן געוואָרן.

ז

זכר (זאָכאָר) — מאַנסביל, יינגל.

זכרונו לברכה (זיכרוינע ליוואָכע) — זיין אָנדענק זאָל זיין געבענטשט. צושפּרוך, וועלכע עס באַנוצן די רעליגיעזע יידן ווען זיי דערמאָנען א געשטאָרבענעם.

ח

חלק (כיילעק) — טייל, אַנטייל.

חשבון (כעשבן) — א רעכענונג.

חידוש (כידעש) — וואונדער, פאַרוואונדערונג.

חלילה (כאָלילע) — באַהיט זאָל מען ווערן.

חנוכה (כאַנוקע) — דער יום־טוב (יאָנטעוו), וועלכן יידן פייערן אַכט טעג אין חודש כסלו (קיסלעוו) צום אָנדענק פונעם אויפשטאַנד פון די מכבעער (מאַקאַבעער) קעגן די סיריער און צום אָנדענק פונעם גרויסן זיג, וואָס יהודה המכבי (יעהודע האַמאַקאַבי) האָט אָפּגעהאַלטן איבער זיי אין יאָר 165 פאַר דער היינטיקער ערע.

חרפה (כערפּע) — שאַנד.

חושך (כוישעך) — פינצטערניש.

חסרון (כעסאָרן) — פעלער, מינוס.

חופּה (כופּע).

חתן (כאָסן).

חרטה (כאַראָטע) — דאָס באַדויערן, דאָס צוריקציען זיך פון א צוזאָג.

חברה (כעווורע) — מענטשן, יאַטן, א גרופּע, א געזעלשאַפט.

חס־ושלום (כאַס־ווּעשאָלעם) — זאָל גאָט אָפּהיטן.

חלשות (כאַלאָשעס) — אָנמאַכט, דאָס גישט גוט־ווערן.

חלשן (כאַלעשן) — פאַלן אין אָנמאַכט.

חלום (כאָלעם) — טרוים, אַ זעונג אין שלאָף.

חנפהנען (כאַנפענען) — צולעקן זיך, עמעצן פאַלש לויבן.

ט

טענות (טײַנעס) — פּרעטענסיעס.

טעם (טאַאַם) — געשמאַק.

טובה־טובות (טויווע־טויוועס) — גוטס, גנעפעליקייט.

טיפש (טיפּעש) — נאַר.

טרפהס (טרייפעס) — אומריין, ריטועל נישט דערלויבט צו עסן.

י

יום־כיפור (יאָם־קיפּער) — טאָג פון פאַרגעבונג; גרויסער יידישער רעליגיעזער יום־טוב, פאַסט־טאָג, וואָס פאַלט אויס דעם 10־טן תשרי (טישרע).

ירושה (יערושע) — זאַכן, וואָס מע באַקומט אַלס אייגנטום נאָך פאַרשטאָרבענע עלטערן, קרובים אָדער פריינד.

ירשענען (יאַרשענען) — באַקומען אַ ירושה.

יקרות (יאָקרעס) — טייערקייט, שטייגונג פון פרייזן.

יתומים (יעסוימים) — קינדער, וועמענס פאָטער, מוטער אָדער עלטערן זיינען געשטאָרבן.

כ

כבוד (קאָוועד) — ערע.

כוהנים (קויהאַנים) — פּריסטער (אַמאָל אין בית־המקדש).

כלומרשט (קלוימערשט) — קלאָמפּערשט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל.

כישוף (קישעף) — צויבער, איבערנאַטירלעכע קראַפט.

אַ כוסה (קויסע) **מאַכן** — טרינקען בראַנפן אָדער וויין.

כמעט (קימאַט) — שיר.

כעס (קאַס) — צאָרן, אויפרעגונג, פאַרדרוס.

כלה (קאַלע) — אַ מיידל, וואָס האָט אַ חתן.

כלה־מתנות (קאַלע־מאַטאָנעס) — געשאַנק פאַר אַ כלה.

ל

לחיים (לעכאַים) — צום לעבן! ווונטש, וועלכן מען באַנוצט ביים טרינקען בראָנפן אָדער וויין.

למאי (לעמאַי) — פאַרוואָס.

לכתחילה (לעכאַטכילע) — פון אָנהייב.

מ

מבול (מאַבל) — גרויסע פאַרפלייצונג.

מחותן (מעכוטן) — פאָטער אָדער קרוב פון חתן־כלה.

מזל־טוב (מאַזל־טאָוו) — מיט גליק! (ווונטש־פאָרמול).

מעשות (מייסעס) — דערציילונגען, געשיכטעס.

מציאה (מעציע) — אַ געפונענע זאַך, ביליק געקויפטע זאַך.

מתנה (מאַטאָנע) — געשאַנק.

משיח (מעשיעך) — געזאַלבטער, דערלייזער.

מוח (מויעך) — געהירן, קאָפּ.

מלך (מײלעך) — קעניג.

מחמת (מאַכמעס) — ווייל.

מזל (מאַזל) — גליק, גורל (גוירל).

מחילה (מעכילע) — אַנטשולדיקונג.

מסתמא (מיסטאָמע) — וואַרשיינלעך.

מנהגים (מינהאָגים) — פירונג, געוווינהייטן, זיטן.

מלאכה (מעלאָכע) — אַרבעט, פאַך.

מסחרים (מיסכאָרים) — געשעפטן האַנדלס־טראַנזאַקציעס.

משונה (מעשונע) — מאָדנע, מערקווירדיק.

ממש (מאַמעש) — פאַקטיש, ווירקלעך.

משרתים (מעשאָרסים) — באַדינער, לאַקייען.

ממה־נפשך (מימאָנעפשעך) — אָדער־אָדער, איינס פון די ביידע.

מחשבות (מאַכשאָווע ס) — געדאַנקען.
מעת-לעת (מעסלעס) — א טאָג מיט א נאַכט.
משפחה (מישפּאָכע) — פאַמיליע.

נ

נקבה (נעקייווע) — פרוי, מיידל.
נס-ניסים (נעס־ניסים) — א וואונדער — וואונדער.
נביא (נאָווי) — פאָרויסזאָגער.
נחת (נאַכעס) — פאַרגעניגן, פרייד (באזונדערס — פון קינדער).
ניגון (ניגן) — מעלאָדיע.
נישקשה (נישקאָשע) — נישט שלעכט.
נגיד (נאָגיד) — א רייכער מענטש.
נגידית (נעגידיס) — א רייכע פרוי.
נפש (נעפעש) — פאַרשוין, פערזאָן, נשמה (נעשאָמע).
נאמנות (נעמאָנעס) — אויפן וואָרט.

ס

סחורה (סכוירע).
סוכות (סוקעס).
סעודה (סודע) — פייערלעכער מאָלצייט.
סוחר-סוחרים (סויכער־סויכרים) — א האנדלסמאַן — האנדלסלייט.
סכנת-נפשות (סעקאָנעס־נעפאָשעס) — א לעבנס־געפאַר.

ע

ענין-ענינים (איניען־איניאָנים) — אָנגעלעגנהייט — אָנגעלעגנהייטן.
עליו-השלום (אָלעוו־האַשאָלעם) — פרידן צו אים. צושפּרוך, וואָס מע באנוצט, ווען מע דערמאָנט א פאַרשטאָרבענעם.
עבירה (אַוויירע) — זינד.

עצה (אייצע) — ראַט, אויסוועג.

עסק (אייסעק) — געשעפט.

עיקר (איקער) — דאָס וויכטיקסטע.

עוף, עופות (אָף, אויפעס) — אַ האָן אָדער אַ הון (געפליגל).

עין־הרע (איין־האָרע) — אַ „בייז אויג".

פ

פרנסה (פּאַרנאָסע) — דאָס פאַרדינען צום לעבן.

פנים (פּאָנעם) — געזיכט.

פועלן (פּויעלן) — אויסווירקן, דערגרייכן.

פשוט (פּאָשעט) — איינפאַך.

פסח (פּייסעך) — יום־טוב, וועלכער ווערט געפייערט אין חודש ניסן צום אָנדענק דערפון, וואָס די יידן זיינען אַרויס פון מצרים (מיצראַיִם).

פסק (פּסאַק) — אורטייל, שטראָף, דורכפאַל.

צ

צדקה (צדאָקע) — הילף פאַר אָרעמע, פילאַנטראָפּיע.

צדיק (צאַדיק) — אַ חסידישער רבי (רעבע); אַ גערעכטער, פרומער ייד.

צרה־צרות (צאָרע־צאָרעס) — אומגליק — אומגליקן.

צו להכעיס (צו־לאָכעס) — קעגן, צום פאַרדרוס, צום צאָרן.

ק

קבצן (קאַבצן) — אַן אָרעמאַן.

קשיא־קשיות (קאַשע־קאַשעס) — פראַגע — פראַגן.

קללה־קללות (קלאָלע־קלאָלעס) — שעלט־וואָרט, שעלט־ווערטער.

קרוב (קאָרעוו) — אַ פריינט, אַ פאַמיליע־מיטגליד.

קונה־קונים (קוינע־קוינים) — קויפער.

קרן (קערן) — איינקויף־פּרייז, גרונט־קאַפּיטאַל.

קודם־כל (קוידעם־קאָל) — פאַר אַלעמען.

ר

ר׳ (רעב) — טיטל, וואָס מע פּלעגט ביי יידן צוגעבן צום נאָמען. צום ביישפּיל: ר׳ משה (רעב מוישע).

רגע (רעגע) — ווײַלע.

ראש־השנה (ראָשעשאָנע) — אָנהייב יאָר; דער יידישער רעליגיעזער יום־טוב, וואָס פּאַלט אויס אין חודש תשרי (טישרע).

רפואה (רעפוּע) — היילונג, א רעצעפּט.

רוצח (רוציאַך) — מערדער.

ש

שדכן (שאַדכן) — א פּאַרמיטלער, וואָס פירט אויס שידוכים.

שידוך (שידעך) — פּאַרבינדונג פון חתן־כלה (כאָסן־קאַלע).

אַן א שיעור (שיר) — זייער א סך.

שוחט (שויכעט) — דער, וואָס קוילעט בהמות (בעהיימעס) און עופות (אויפעס) לויטן יידישן ריטואַל.

שבועות (שעוועס) — יום־טוב (יאָנטעוו), וועלכער פּאַלט אויס דעם זעקסטן און זיבעטן טאָג פון חודש סיון (סיוון).

שייכות (שייכעס) — געמיינזאַמס, צוזאַמענהאַנג.

שלימזל (שלימאַזל) — טוינעניכטס.

שותפות (שוטפעס) — א געמיינזאַם געשעפט, אָדער אַרבעט.

שליח (שאָליעך) — מענטש, וואָס ווערט געשיקט, קוריער, פּאָרשטייער.

שוטה (שויטע) — נאַר.

שונאים (סאָנים) — פיינט.

שכל (סייכל) — פאַרשטאַנד.

שמחה (סימכע) — פרייד, אַ פייערונג.

ת

תפילה (טפילע) — געבעט.

תענית (טאָנעס) — דאָס פאַסטן, פאַסט־טאָג.

תבואה־תבואות (טוווע־טוּוועס) — געוויקסן, פון וועלכער מע מאַכט מעל. אויף ברויט, ווי קאָרן, ווייץ, גערשטן און דאָס גלייכן.

תירוץ (טערעץ) — אויסרייד, פאַרענטפערונג.

תחילת (טכילעס) — פון אָנהייב.

תמיד (טאָמיד) — שטענדיק.

תכלית (טאַכלעס) — ציל, לעבנס־ציל.

תענוג (טיינעג) — פאַרגעניגן.

תורה (טוירע) — דער חומש (כומעש), די הייליקע ספרים (ספאָרים).

אינהאלט:

זייט

א. גורשטיין — שלום-עליכם — זיין לעבן און שאפן . . . V

טביה דער מילכיקער

קטנתי 7
דאס גרויסע געווינס 11
א בוידעם 33
היינטיקע קינדער 51
האדל 73
חוה 93
שפרינצע 111
טביה פארט קיין ארץ-ישראל 129
לך-לך 153
וחלקלקות 173

מנחם-מענדל

צו דער צווייטער אויפלאגע 181
לאנדאן 185
פאפירלעך 213
מיליאנען 245
א בכבודע פרנסה 303
עס פידלט נישט 325
שלים-שלימזל 343
באמערקונגען צו טביה דער מילכיקער . . . 355
באמערקונגען צו מנחם-מענדל 405
ווערטער-ביכל 428

תיקון-טעות

אויף זייט 268 13-טע שורה פֿון אונטן דאַרף זיין:

ז י י ע ר ע אימעניעס. איז דאָך ממה־נפשך: וועלן מיר מאַכן ז י י ע ר ע